STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08619

MAYN LEBN UN MAYNE RAYZES

Noach Mishkowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח מישקאָווסקי

מיין לעבן און מיינע רייזעס

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון נח מישקאָווסקי בוך קאָמיטעט

1947

COPYRIGTH, BY N. MISHKOWSKY
New - York

Printed in Mexico

דרוקעריי „וויסן". באַכיאָ 319. מעקסיקע, ד. פ.

Imprenta "SABER" - Bajío No. 319 - México, D. F.

קאַפּיטל 1

איבער דעם שטילן אָקעאַן

ס׳איז מאָדנע: ווען איך בין אָנגעקומען מיט אַכט יאָר צוריק אין סאַן פראַנציסקאָ און געמאַכט מיין ערשטן שפּאַציר צו די ברעגן פון שטילן אָקעאַן, האָב איך נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן, אַז מיין קומענדיקע גרויסע רייזע וועט זיין איבער אָט דעם אָקעאַן. און ס׳איז טאַקע באַשערט געווען, אַז אָט דער מאָמענטאַלער געדאַנק זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

און אָט שניידט מיין יאַפּאַנישע שיף, די „שימאַ מאַרו״ די וואַסערן פון דעם פּאַציפיק, פון די ברעגן פון אַמעריקע צו די ברעגן פון אַזיע — צום וויטן אָריענט. און געפאָרן בין איך אין מיטן זומער פון נײַנצן זיבעצן און די וואַסערן זענען געווען אַזוי שטיל, אַזוי רויק, אַז פאַרגלייכנדיק מיט מיין רייזע איבערן אַטלאַנטיק, האָט זיך מיר די גאַנצע צייט נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך פאָר איבער אַן אָקעאַן. און דאָך האָט מען מיר אין סאַן פראַנציסקאָ אַזוי פיל דערציילט וועגן דעם „שטילינקן״, ווען ער הוליעט זיך פאַנאַנדער. ער איז דאַן דער גרויזאַמסטער און דער שרעקלעכסטער אָקעאַן. און דאָ פאָר איך שוין אַ טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, דעם פערטן טאָג און דער ים ליגט פאַר מיר אין דער לענג און אין דער ברייט אויסגעגאָסן ווי אַ שפּיגל. מען זעט אַפילו קיין כוואַליעס נישט. די שיף גייט גלייך, גראַציעז, מאַיעסטעטיש איבער דעם אויבערפלאַך פון אָקעאַן, גראָבט נישט מיטן נאָז די וואַסערן, קעמפט נישט מיט די כוואַליעס און די וואַסערן קלאַפּן נישט מיט אַ רעש איבער די זייטן פון שיף, וועלכע גליטשט זיך אַזוי גלייך אַז זי הוידעט זיך אַפילו נישט.

דער עולם פילט זיך גוט, אויפגעלייגט. קיינער איז נישט קראַנק און אַלע קומען אַריין אין רעסטאָראַן צום עסן. די פּאַסאַזשירן פון דער געלער ראַסע האָבן זייער רעסטאָראַן, ווו מען גיט זיי זייערע עסנס און מיר, די ווייסע, האָבן אונדזער רעסטאָראַן, ווו מען סערווירט אונדז אייראָפּעיש און מען גיט אונדז די אייראָפּעישע מאכלים. אין אונדזער רעסטאָראַן עסן בלויז אַ דריי כינעזער און צוויי יאַפּאַנער. זיי זענען געבאָרענע און דערצויגענע אין אַמעריקע און האָבן מער ליב אונדזערע עסנס.

איך בין העכסט צופרידן, וואָס מיין רבקה פילט זיך גוט און איז אין א

גוטער שטימונג. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך שטארק געשראָקן פאר איר רייזע איבערן אָקעאַן. זי האָט געשאפן נייע באקאנטע, מיט וועמען זי פאַרברענגט גאנצע טעג און זי האָט מיר א סך צו דערציילן פון אירע נייע באַקאַנטע כינעזער און יאפאנער.

אויך איך באקאן זיך מיט די פּאַסאַזשירן. מיט מיר צוזאמען, אין צווייטן קלאַס, פאָרן כמעט העלפט אויף העלפט „ווייסע" און „געלע", וועלכע באַלאַנגען מערסטנס צום האנדל קלאס — אימפּאָרטירער און עקספּאָרטירער, וועלכע פירן געשעפטן מיטן ווייטן מזרח און מיט אַמעריקע. עס פאָרן גלחים, מיסיאָנערן אין ווייטן מזרח און אינדיע. עס פאָרן אמעריקאנער בעאַמטע אין די האַוואַיער און פיליפינער אינדזלען. אייניקע פאָרן אַלס טוריסטן — אָנקוקן די וואונדער פון דער וועלט. אויך פאָרן א דרייסיק רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע קערן זיך אום אין זייער באפרייטער רוסלאנד, צווישן זיי געפינען זיך יידן, רוסן, ליטווינער, לאטישן, פּאָליאקן און אפילו איינער א קאווקאזער. א סך פון זיי האָבן זיך גוט ארויפגעארבעט אין אַמעריקע, ווו זיי האָבן חתונה געהאַט, קינדער דערצויגן, כמעט זיך שוין איינגעוואָרצלט און איצט צוליב דער רעוואָלוציע האָבן זיי זיך צוריק אויסגעוואָרצלט און גענומען דעם וואנדער שטעקן. אייניקע פון זיי האָב איך אין יאָרן שפּעטער געטראָפן צוריק אין אמעריקע אויפגערעגטע, פארצווייפלטע, כעסדיקע, צעבראָכענע. אָבער דעמאָלסט אויף „שימא מאַרו" זענען זיי געווען לעבעדיקע־גוטמוטיקע, באַגייסטערטע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען פון גיהנום בויען אַ גן עדן... געווען אַן אינטערעסאַנטער און ווילער פעקל. מיר האָבן פאַרבראַכט גאַנצע טעג צוזאַמען, געזונגען צוזאַמען, דערציילט מעשיות פון אונדזער טעטיקייט אין רוסלאַנד און שווערער אַרבעט אין אַמעריקע, מיר האָבן זיך געטיילט מיט די מיינונגען וועגן די געשעענישן אין רוסלאַנד און מיר האָבן געבויט פּלענער פאַר אונדזער טעטיקייט אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע. די גאַנצע צייט האָבן מיר געלעבט מיט רוסלאַנד. גאַנצע טעג דיסקוטירט וועגן דער רוסישער ווירקלעכקייט און אירע גרויסע מעגלעכקייטן. אָט פאָרט מיט אונדז אַ געוועזענער רוסישער אָפיצער. — מאַרקס מיט זיין שיינער אינטערעסאַנטער פרוי. ער האָט זייענדיק אַן אָפיצער אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד אין וולאַדיוואָסטאָק און געמוזט גלייך נאָך דעם אַנטלויפן. אַ קרישטאָל ריינע פערזענלעכקייט. ער טרוימט וועגן אָרגאַניזירן אַ רוסישע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי. אויך פאָרט מיט אונדז מייך גוט באַקאַנטער אפאנאסיעוו פון האָליווּד, ווו ער האָט אפשר אַ צען יאָר געאַרבעט פאַר די מווי סטודיאָס און טרוימט וועגן איינאָרדענען אַזעלכע סטודיאָס אין רוסלאַנד. די לאַטישן מאַכן אויף מיר אויך אַ גוטן איינדרוק, זיי טרוימען וועגן העלפן זייער אונ־

טערגעדריקט פאָלק, זיי וועלן אַרבעטן כדי אויסצוניצן די רעוואָלוציע פאַר זייער פולקומער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. און איך מיט רבקהן חלומען וועגן פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון אונדזער פיל ליידנדן יידישן פאָלק...

איך דער איינציקער פועלי ציוניסט חלומט וועגן אַריינוואַרפן זיך אין פאַרטיי־אַרבעט און אַרבעטן פאַר דער פולער באפרייאונג פון מיין פאָלק דורך אונדזער טעריטאָריאַלן צענטער אין ארץ ישראל און אויסקעמפן מאַקסימאַלע נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די יידן אין רוסלאַנד. און אַלע זענען באַגייסטערט, אַלעמענס אויגן שיינען און אַלע זענען אין דער בעסטער שטימונג און טראָגן מיט באַגייסטערונג זייערע לעבנס, זייערע דערפאַרונגען, קענטענישן און אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, פאַר זייער באַנייטער לאַנד. זיי זענען אַלע שטאָלץ: זיי האָבן מיט יאָרן צוריק בייגעשטייערט צו דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין זייער באַליבט לאַנד. און זיי דערציילן פון זייערע דערפאַרונגען אין די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין צאַרישן רוסלאַנד פון זייער קאַמף, פון טורמעס, סיביר...

איך באַקאַן זיך מיט אייניקע פון מיינע מיטרייזנדע פון דער געלער ראַסע. אַ יונגער פיליפינער, אַ סטודענט פון אַ קאַליפאָרניער קאַלעדזש. זיין טאַטע איז אויף די פיליפינער אינדזלען אַ גאַנצער קנאַקער. גאַנצע אָונטן דערציילט ער מיר פון לעבן אויף די אינדזלען. ס'איז פאַר מיר זייער אינטערעסאַנט, איך בעט אים זינגען זייערע פאָלקס לידער און ער איבערזעצט עס מיר אויף ענגליש. אָבער דער פיליפינער מאַכט אויף מיר אַ שלעכטן איינדרוק. אַמעריקע האָט אים קאַליע געמאַכט. ער איז דורך און דורך אַן אַמעריקאַנער און אויף זיינע ברידער־פיליפינער קוקט ער פון אויבן אַראָפּ, לאַכט אָפּ פון זיי, קרימט זיי איבער און דערציילט נאַרישע וויצן וועגן זיי.

מיט די יאַפּאַנער איז מיר גאָר שווער צוזאַמענריידן זיך. זיי באַרימען זיך צו פיל מיט זייער לאַנד. זייערע געשפּרעכן איז וועגן דער שטאַרקייט פון יאַפּאַן, וועגן זייער מאַכט, קראַפט, ספּאָרט, מיליטער, פאַרגעטערונג פון דעם מיקאַדאָ.

גאַנץ אַנדערש איז מיט די כינעזער. איך און רבקה ווערן באַפריינדעט מיט אַ כינעזיש פּאָרפאָלק. ער איז שיין, איידל, שלאַנק, מיט אַן אָפענעם פּנים און אַ גוטמוטיקן אויסזען. זי אַ נידעריקע, שיינע, צאַרטע שטריכן און אַ העכסט אינטעליגענטן אויסזען דאָס זענען מר. און מרס. יאָנג פון שאַנכאַי, כינע. זיי לערנען זיך אין בוירקלי אוניווערזיטעט אין קאַליפאָרניע. זיי פאָרן אַהיים אויף די זומער חדשים, ביידע וואונדערשיינע טיפן און זענען ריינע אידעאַליסטן, האָבן ליב זייער פאָלק, זענען גרייט פאַר זייערע פאָלקס אינטערעסן גיין אין פייער און וואַסער. טרוימען וועגן נוצלעך זייך

זייער אומגליקלעך פאָלק. און מאָדנע, זייערע טרוימען קומען זיך צענויף מיט מיינע. אויך זיי ווילן עפּעס אין כינע מאָדערנע אָנפאַנגס שולן, קורסן פאַר דערוואַקסענע, ווו זיי וועלן באַקענען זייערע ברידער און שוועסטער מיט דער מאָדערנער קולטור און מיט דעם, האָפן זיי, וועלן זיי אויפוועקן זייער פאָלק צו אַ מאָדערנעם לעבן, צו בויען זייער לעבן אויף די מאָדערנע אַמעריקאַניש־אייראָפּעאישע יסודות.

און זיי ביידע שטאַמען דאָך פון רייכע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס אין שאַנכאַי און לויט זייער אָפּשטאַם און געלערנטקייט זענען זיי דאָך באַ־רעכטיקט צו גרויסע רעגירונגס שטעלעס און דאָך... טרוימען זיי ווערן פאָלקס לערער. זיי באַקענען אונדז מיט זייערע חברים — אויך סטודענטן פון בוירקלי אוניווערזיטעט און אַלע מאַכן זיי אויף אונדז אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק און מיר ווערן פריינד און די פריינדשאַפט אונדזערע האַלט אָן, ביז זיי גייען אַראָפּ פון שיף.

רבקה בעט זיי פאַרלייענען פון זייערע כינעזישע ליטעראַרישע שאַ־פונגען, פון זייער פּאָעזיע, פאָלקלאָר און איבערזעצן פאַר איר אין ענגליש. זיי טוען עס מיט פאַרגעניגן, און דערנאָך פלעגן מיר שוין יעדן טאָג פאַר־ברענגען וועגן אַלץ, נאָר מערסטנס האָט אונדז אינטערעסירט דאָס לעבן אין כינע, וועגן וואָס זיי האָבן אונדז זייער גוט אינפאָרמירט.

איידער מיר זענען דערפאָרן צו די האַוואַיער אינדזלען איז מיט מיינע כינעזער פאַרגעקומען אַ גאַנצע מעטאַמאָרפאָזע: זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייערע אַמעריקאַנער זאַכן און זיך אָנגעטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע קליי־דער. אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די פרויען אין זייע־רע שיכלעך, שמאָלע הויזן און אין זייערע כינעזישע רעקלעך, פאַרשפּילעט ביז צום האַלדז. זיי האָבן פשוט אַרויסגעשיינט פון זייערע קליידער, איך האָבן דערזען אין זיי אַזוי פיל איידלקייט, צאַרטקייט, אַריסטאָקראַטישקייט, אַז איך האָב פשוט נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון זיי. די מענער האָבן אין די כינעזישע זאַכן נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק.

עס פאָרט מיט אונדז אַ ייד פון אָקלענד, קאַליפאָרניע. אַ ייד אַ סוחר, פון אונדזערע רוסישע יידן. קענטיק זייער אַ רייכער. ער איז אַן אימפּאָר־טער פון פוטערוואַרג פון כינע. איז שטאַרק אַסימילירט. אין זיין יידיש זענען דאָ מערער ענגלישע ווערטער און אויסדרוקן ווי יידישע. ער באַ־רימט זיך מיט זיין רייכער הויז אין אָקלענד, מיט זיין רייכן געשעפט, מיט מיט זיינע קינדער, מיט זיין ראַבאַי, נאָר מער פון אַלץ און אַלעמען באַ־רימט ער זיך מיט זיין פרוי. דאָס איז גאָר „איינע אויף דער וועלט”. און ער נעמט אַראָפּ דאָס רעקל, פאַרקאַטשעט די אַרבל פון זיין העמד און ווייזט אונדז זיין פרויס בילד, טאַטואירט אויף זיין האַנט.

איך האָב אים געוואָלט פרעגן, צי ער איז אַמאָל געווען אַ מאַטראָס...

מיט די גלחים באַגרעניצן מיר זיך מיט „גוד מאָרגינג, „איט איז איי בייס דעי" און פאַרטיק. מיט די טוריסטן איז אויך שווער פאַרנאַנדערריידן זיך. זיי קומען גאָר פון אַן אַנדער פלאַנעט... דאָך איז די באַציונג פון איינע צו די אַנדערע אויף דער שיף זייער קאָררעקט.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז אונטן, גאָר אונטן, ווו ס'ליגט דער באַגאַזש. דאָרטן זענען פאַראַן אפשר אַ זעקס הונדערט פּאַסאַזשירן כינעזער, קאָרייער און יאַפּאַנער. נאָם, פינצטער, אַ פאַרשטיקטע לופט. נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. די פינצטערניש ווערט „באַלויכטן" מיט קליינינקע לעמפלעך, וועלכע באַלייכטן גאָרנישט. דאָ פאָרן די אָרימסטע פון די אָרימע קלאַסן פון דער געלער ראַסע. די אָרימקייט האָט זיך צעשפּרייט אומעטום, ווו ס'איז נאָר פאַראַן אַ ברעקל פּלאַץ. צווישן די פּעק און אויף די פּעק. נישטאָ קיין בעטן, קיין בעטגעוואַנט. מען ליגט, מען זיצט, מען שלאָפט אויף די אייגענע פּעקלעך, קאַסטנס, געפּאַקטע זעק, אַ מענטש צו אַ מענטשן צוזאַמענגעקוועטשט. און דאָ זענען אַלע צוזאַמען מענער פרויען, אַלטע, יונגע, בחורים, מיידלעך און קליינע קינדער. אין דער שטיקעניש הערט זיך אַ רעש, געפּילדער, געשריי, זידלעריי, עס קאָכט ווי אין אַ קעסל...

איין איינציקן פאַרגעניגן האָבן זיי: שפּילן עפּעס אַן אַזאַרט שפּיל מיט פירקאַנטיקע ביינדלעך, אָדער אויף אַזאַ סאָרט רולעט... אייניקע שפּילן און אַ סך קוקן זיך צו, אָבער אַלע זענען פאַרטאָן, מען שרייט, מען לאַכט, מען גיט עצות, מען זידלט איינע די אַנדערע, מען נעמט געלט, מען פאַרשפּילט געלט. און אַזעלכע שפּיל־פלעצער זענען דאָ אַ סך. און אַלע זענען אַזוי פאַראינטערעסירט אין דער שפּיל, אַז מיר דוכט, אַז ווען עס קומט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע מיט דער שיף, וואָלטן זיי די שפּיל נישט איבערגעריסן.

איך גיי אַריין אין אַ זייטיק צימער. דאָ איז דאָס שטיבל פאַר אָפּיום רויכערער. אין מיטן צימער איז דאָ אַן אָפּיום לעמפּל, פון וועלכן עס גייען אַרויס אַ סך רערן. און יעדער כינעזער, וואָס וויל רויכערן, באַצאָלט אַ באַשטימטע מטבע, לייגט זיך אַוועק אויפן שמוציקן דיל, נעמט אַריין אַ רער אין מויל, ציט דעם גיפטיקן רויך ביז ער ווערט אַנטשלאָפן. און עס חלומען זיך אים חלומות... איך האָב שוין אַ סך אַזעלכע פלעצער געזען פריער אין סאַן פראַנציסקאָ (כאָטש זיי זענען אָפיציעל נישטאָ), אָבער יעדעס מאָל, ווען איך דערזע זיי, נעמט מיך דורך אַ שוידער. איך האָב שוין געזען אַ סך קרבנות פון דעם אָפּיום, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט דעם סם פאַר אַ לענגערער צייט. זיי זעען אויס שוידערלעך. די פּנימער בלייכע, רינצלדיקע, אַליין זענען זיי איינגעדאַרטע: הויט און ביינער, איינגעקאָרטשעטע, די הענט און די פיס טרייסלען זיך. קאַנדידאַטן פאַר יענער וועלט. און די

נאָבעלע ענגלאַנד האָט דאָס געפירט אַ מלחמה פאַר אַריינפירן אָפּיום אין כינע.

אונדזער „שימא מארו" איז שוין באַלד דורכגעשווומען אַ העלפט וועג. די טעג און די נעכט זענען וווּנדערבאַרע. מיר קענען זיך נישט אָפּ־רייסן פון דעם אויבערדעק. האָט איר אַמאָל געזען דעם זונען פאַרגאַנג און לבנה אויפגאַנג אין די טראָפּישע לענדער? דאָס איז איינע פון די הערלעכס־טע בילדער, וואָס רירן דיך ביז טרערן. און נישט אין פאַרגלייך שענער איז אַזאַ בילד אין די טראָפּישע וואַסערן פון פּאַציפישן אָקעאַן. מיר דוכט, אַז עפּעס שענערס איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. דאָס איז עפּעס וואָס פאַרכשופט דיך, פאַרכאַפּט דיך און דו קענסט זיך פאַר קיין פאַל נישט אָפּ־רייסן פון דער צויבער פּאַנאָראַמע. פאַר דיר איז די גאַנצע וועלט, וואָס איז באַפּאַרבט אין די פאַרשיידנסטע איידלסטע, צאַרטסטע קאָלירן, אָפּן. דער הימל איז אין גאַנצן אַ פלאַם פייער און ער שפּיגלט זיך אָפּ אין ים מיט אַלע קאָלירן פון אַ רעגנבויגן אין די פאַרשיידנסטע ניואַנסן, די פלי פיש ווערן אין דער צייט עפּעס לעבעדיקער, ענערגישער, מוטיקער, שפּילעוו־דיקער. סטאַדעסווייז שפּרינגען זיי פון די וואַסערן אין דער קאָלירפולער לופט, פליען אַ ווייטע שטרעקע און לאָזן זיך אַראָפּ צוריק אין ים. און אָט צעמישן זיך אין דער לופט אייניקע סטאַדעס פון פליפיש און אַלע צוזאַ־מען פליען זיי אין אָקעאַן אַריין.

די אָוונטן און די פרימאָרגנס אויפן פּאַציפיק וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן! יאָ, אַרום די האַוואַיער אינדזלען האָב איך געוווּנען אַ טאָג לעבן. אין יענער וואָך האָבן מיר געהאַט צוויי דינסטיקס איינער נאָכן אַנדערן און ווען מיר זענען אַראָפּ אויף דער יבשה האָט די צייט געשטימט. און וועגן דעם, אַז מירן האָבן צוויי דינסטיקס האָט אונדז אָנגעזאָגט דער קאַפּיטאַן. דער צוגעקומענער טאָג האָט צו טאָן מיט דעם דרייען זיך פון אונדזער ערד קוגל אַרום זיך און אַרום דער זון, וואָס אין פאַרשידענע צייטן און ערטער באַווייזט זיך די זון פריער אָדער שפּעטער.

און אָט דערנענטערן מיר זיך צו האָנאָלולו. שוין אפשר אַ הונדערט מייל פאַר האָנאָלולו טרעפן מיר שוין אָן האָנאָלולער פישער אויף זייערע שיפלעך. זיי כאַפּן פיש, און וואָס ווייטער מיר פאָרן, טרעפן מיר אַלץ מער און מער אַזעלכע שיפלעך. נישט ווייט פון האָנאָלולו האָבן אונדז באַגעגנט אויפן ים האָנאָלולער קליינוואַרג. ס'איז אַ פאַרגעניגן צו זען ווי די יאַטן שווימען — לייכט און גראַציעז ווי פיש. זיי שווימען צו נאָענט צום שיף. מיר וואַרפן זיי געלט אין ים אַריין. זיי גיבן זיך אַ לאָז נאָך די געלט אין די טיפענישן פון ים. שווימען אַרויף און ווייזן אונדז אַז די געלט איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען.

און אָט האָט זיך אונדזער שיף אָפּגעשטעלט ביים ברעג פון האָנאָלולו. מען לאָזט אונדז צוליב דער וועלט מלחמה נישט אַרונטער. אונדז פאַר־דריסט עס שטאַרק. נאָר מיר קענען זיך נישט העלפן. עס גייען אַראָפּ בלויז די, וואָס האָבן געהאַט וויזעס, אַז זיי פאָרן אַהער. דערפאַר קומען האַלב נאַ־קעטע טונקל־הויטיקע האַנאָלולער אַרויף צו אונדז. דאָס דערלויבט מען זיי. זיי קומען אַהער פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. ספּעציעל זענען מיר גע־פעלן געוואָרן זייערע פרוכט: אַזעלכע זיסע און זאַפטיקע. עס האָט זיך אויס־געדוכט, אַז זיי האָבן טויזנט טעמים. טשיקאַווע זענען פאַר אונדז געווען די האַלב נאַקעטע האוואיער מיט די גאַרטלען, פון וועלכע עס זענען אַראָפּ־געהאַנגען לאַנגע גראָזן, וואָס האָבן פאַרדעקט דעם אונטערשטן טייל פון הוילן קערפּער. אויך זייערע גראָזן גאַרטלען אַרום האַלדז. די מענער זענען מיר זייער געפעלן געוואָרן אָבער די פרויען נישט. זיי זענען נידעריקע, גרעבלעכע, נישט שטאַרקע מוסקול־קערפּערס. אָבער דערפאַר האָב איך גרויס פאַרגעניגן געהאַט פון זייער זינגען און שפּילן. איך האָב אין זייער געזאַנג דערפילט די ברייטקייט און ווייטקייט פונם פּאַציפישן אָקעאַן. דערצו זענען זיי אַזוי ליריש און מעלאָדיש, אַז ס'איז פּשוט אַ וואונדער, ווי אַזוי אַזאַ פּרימיטיוו פאָלק זאָל שאַפן אַזעלכע וואונדערבאַר־האַרציקע לידער...

אַן אַמעריקאַנער אַנגעשטעלטער אויפן אינדזל דערציילט מיר, אַז ער קען אין האָנאָלולו דריי יידן. צי ס'זענען דאָ נאָך, ווייס ער נישט. איינער פון זיי, געדענקט זיך מיר, האָט ער געזאָגט, איז אַ שוסטער. און איך וווּנ־דער זיך. ווי קומט אַ יידישער שוסטער אויף דעם אינדזל ?! פאַרשטייט זיך, אַז די יידן האָבן נישט קיין שול, קיין מנין, קיין בית עולם. און דאַרפן נאָך דערצו לעבן אין אַזאַ פּרימיטיווער אומגעבונג...

עס קומען אַריין אין שיף אייניקע נייע רייזנדע פון האָנאָלולו קיין שאַנ־כאַי. מיט איינעם פון זיי, אַן אַמעריקאַנער, פאַרפיר איך אַ געשפּרעך. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז ער געווען זייער אינטעליגענט, אַן אויפריכ־טיקער ליבעראַל און ער האָט גערעדט מיט גאַל קעגן דער אַמעריקאַנער פּאָ־ליטיק אויף די אינדזלען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַמעריקע אין די שטאַ־טען איז נישט אַמעריקע אויף די אינדזלען פון האַוואַי אָדער פיליפּינען. ווו זי איז אויסערגעוויינלעך ברוטאַל און אַפילו בלוטדורשטיק. די גאַנצע פּאָ־ליטיק פון די אַמעריקאַנער אויף די אינדזלען איז די זעלביקע ווי פון אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע אימפּעריאַליסטישע לענדער, וואָס מער צו עקספּלו־אַטירן די רייכטימער פון די אינדזלען און די אַרבעטסקראַפט פון די אַרבע־טער, וועלכע מען האָט פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן. די אַמעריקאַנער שטעלן מיט זיך פאָר די העכסטע געלט אַריסטאָקראַטיע און צו זיי באַלאַנגען כמעט די אַלע רייכקייטן פון לאַנד. זיי באָדן זיך אין לוקסוס, דערלויבן זיך אַלע

ווילטאָקן און די „נייטיווס" לעבן אין הונגער און נויט. די אַמעריקאַנער פּלאַנטאַטאָרס און באַנקירן זענען די הערשער פון לאַנד און די נייטיווס דאַרפן אויספירן אַלע זייערע קאַפּריזן, אויב נישט ווערן זיי אומרחמנותדיק באַשטראָפט. אַמעריקע האָט דאָ איינגעפירט דאָס שענדלעכסטע אין מאָראַלן זין: באַשטראָפן פאַר די זינד פון איניקע, גאַנצע דערפער און אַפילו איי־ניקע דערפער מיט אַמאָל. די נאַטור איז דאָ זייער אַ רייכע, דאָס לאַנד אַפילו אָן אַרבעט גיט אַרויס די בעסטע פּראָדוקטן, איבערגעגעבנונג פאַר באַשפּייזן אירע איינוווינער, און דעריבער זענען די האַוואַיער נישט צוגעוווינט צו שווע־רער אַרבעט. אָבער ווען די אַמעריקאַנער פּלאַנטאַטאָרס האָבן געצוווּנגען די האַוואַיער צו אַרבעטן און טאַקע שווער אַרבעטן איז טאַקע אַ גרויסער טייל פון די צוואַנגס אַרבעטער אויסגעשטאָרבן.

מיט אַ הונדערט יאָר צוריק איז אַהער געקומען אַן אַמעריקאַנער מי־סיאָנער „דער פאָטער קעסל". ער איז געווען קלוג און פּראַקטיש און ער האָט אָן זיך נישט פאַרגעסן און אָנשטאָט קליבן מצוות פאַר יענער וועלט, האָט ער געקליבן געלט פאַר דער וועלט, און ער האָט טאַקע אָנגעקליבן אוצ־רות מיט גאָלד. און אָט זיינע אוראייניקלעך זענען דאָס די גרעסטע מיליאָנע־רען אויף די אינדזלען און אויך די גרעסטע עקספּלואַטאַטאָרס. איינער פון דער משפּחה איז דער פּרעזידענט פון האַנאָלולער גאַז קאָמפּאַניע, זיין אָנקל איז דער אייגענטימער פון די טראַמוואַיען, אַן אַנדערער איז דער באַלעבאָס פון די צוקער פּלאַנטאַציעס, אַ פערטער איז אייגנטימער פון די באַנען, אַ פינפטער פון די וועלדער, אַ זעקסטער פון די טעלעפאָנען, צו אַ זיבעטן באַ־לאַנגען די האָטעלן, צו אַן אַכטן די באַנקן, צו אַ ניינטן די צייטונגען. דער־פאַר האָבן די אַמעריקאַנער דאָרט איינגעפירט צוויי גוטע זאַכן: פּראָסטיטוציע און „וויסקי"־שנאַפּס, וואָס עס ווירקט זייער שלעכט אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

מיר פאַרלאָזן די האַוואַיער אינדזלען און אונדז איז נאָך פאַרבליבן דורכ־צומאַכן מיטן אָקעאַן 3445 מייל. מיר האָבן אַ וווּנדערבאַרע רייזע. די שיף גליטשט זיך איבערן אָקעאַן אַזוי רויק שטאָלץ און זיכער. דער עולם איז געוואָרן נעענטער, אינטימער. מיר, וואָס פאָרן קיין רוסלאַנד זענען געוואָרן ווי איין משפּחה. האָבן אָפּטע מיטינגען. עס באַשאַפן זיך אינטימע גרופּעס, לויט די אידעאָלאָגיעס נישט מער — איך בין איינער אַליין — איין פּועלי ציוניסט.

פון אונדזערע אַלע רעוואָלוציאָנערן ווערט אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיי־נער קאָמיטעט אין וועלכן עס גייען אַריין צו איינעם פון יעדער גרופּע. דער קאָמיטעט דאַרף זיין דער פאָרשטייער פון אונדז אַלעמען. אָנפירן מיט אונדזער רייזע, מיט אונדזערע פאַרהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון דער רוסישער

צײַטווײַליקער רעגירונג אין יאָקאָהאַמאַ, אין כאַרבין און אומעטום, ווו מען וועט דאַרפן פירן פאַרהאַנדלונגען ,פון יאָקאָהאַמאַ ביז מאָסקווע. מיר באַשליסן אומעטום פאָרן מיט די זעלביקע באַנען, אײַנשטײַן אין די זעלביקע האָטעלן, צוזאַמען באַקוקן די שטעט אין וועלכע מיר וועלן זיך אָפּשטעלן.

אונדזער עולם פאַרברענגט מערסטנס אין דער הויך. אַלע זענען געוואָרן נאַטור באַוווּנדערער. מען קען זיך נישט אָפּרײַסן פון די פאַרשײדנסטע נאַטור פּאַנאָראַמעס. מען קען זיך אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און באַטראַכטן די פאַרכשופטע בילדער פון די נעכט אויפן שטילן אָקעאַן און אויף מאָרגן אויפשטײן זײער פרי, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם זונען אויפגאַנג, די דערפאַרענע רײזנדע דערצײלן פון די ווונדערן, וואָס זײ האָבן געזען אין די פאַרשײדענע וואַסערן פון דער וועלט. אײנער אַן ענגלענדער האָט מיר געזאָגט אײנמאָל, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן די ימים און אָקעאַנען:

— די וואַסער וועלט איז אַ וועלט פאַר זיך, אַ גאַנץ אַנדערע ווי די יבשה. נאָר מענטשן זענען ווײניק באַקאַנט מיט איר און האָבן איר נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. זי איז שענער און אינטערעסאַנטער פון אונדזער „טרוקענער וועלט".

און אָט זענען מיר צוגעקומען צו מאַנילאַ, די הויפּטשטאָט פון די פיליפּינער אינדזלען. מען גיט מיר איבער, אַז די פיליפּינער האָבן די זעלביקע צרות פון אַמעריקע, ווי די האַוואַיער. איך דענק, אַז די צרות מוזן זײַן אומעטום, ווען אַ מענטש הערשט איבער אַ מענטשן, ווען אַ קלאַס הערשט איבער אַ קלאַס און אַ פאָלק הערשט איבער אַ פאָלק... אַלע מענטשן, גרופּן און פעלקער מוזן זײַן פרײַ און אָנפירן זײער לעבן אַזוי, ווי זײ אַלײן ווילן.

און אָט זענען מיר שוין אָנגעקומען אין שאַנכאַי. עס גײען אראָפּ מײַנע פרײַנט די יאָנגס מיט זײער גרופּע כינעזער סטודענטן, מיט וועלכע איך און רבקה האָבן זיך אַזוי וואַרים באַפרײַנדעט. זײ גיבן אונדז זײערע אדרעסן, כדי מיר זאָלן זיך קענען איבערשרײַבן און אַז מירן אַמאָל זײַן אין שאַנכאַי, זאָלן מיר אומבאַדינגט פאַרפאָרן צו זײ...

און פון דאַנען ביז יאָקאָהאַמאַ, יאַפּאַן, ווו מירן זיך אָפּשטעלן אויף אַ לענגערער צײַט, איז שוין מיטן האַנט צו דערלאַנגען. מיר פאָרן ווײַטער. און אָט דערזעען מיר קאָנטורן פון בערג אין דער פאַרנעפּלטער לופט. און אָט דערזעען מיר שוין די קאָנטורן פון דער שטאָט יאָקאָהאַמאַ. און אָט שײלן זיך פאַר אונדזערע אויגן די הויכע געבײדעס, דערנאָך דערזעען מיר אפילו די

טיפּישע קליינע יאַפּאַנער הייזער, די שמאָלע, קרומע געסלעך און אָט פאָרן מיר שוין אַריין אין האַפן. די שיף שטעלט זיך שוין אָפּ. עס קומען ארויף די בעאַמטע. מען באַטראַכט דעם עולם, מען קוקט איבער די פּעסער, די וויזעס און מען דערלויבט אונדז אראָפּגיין. דורכגעפאָרן דעם גאנצן פּאַציפישן אָקעאַן פון אַמעריקע ביז יאַפּאַן, גאַנצע 5700 מייל.

קאַפּיטל 2

יאָקאָהאַמאַ

פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם, וואָס איז אַליין אַן אייראָפּעער און האָט יאָרן לאַנג פאַרבראַכט אין אַמעריקע, האָט יאָקאָהאַמאַ געמוזט מאַכן אַן אויסערגעוויינלעכן שטאַרקן איינדרוק מיט איר אַנדערשקייט. אַלץ איז אַנדערש ווי ביי אונדז: די מענטשן, די קליידונג, די הייזער, די גאַסן, די שטעט, דער גלויבן, די מאַנירן, דער עטיקעט. אויף יעדן טראָט שטויסט איר זיך אָן אויף דער אַנדערשקייט און אין יעדער קלייניקייט באַמערקט איר דאָס.

יאַפּאַן איז געווען די ערשטע אַזיאַטישע לאַנד, וואָס איך האָב באַטראַכטן און צו אַלץ האָב איך זיך גוט צוגעקוקט.

גלייך, ווי איך בין אַראָפּ פון שיף, האָט זיך מיר שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, ווי אַזוי די יאַפּאַנער באַגעגענען זייערע נאָענטע, וואָס זענען געקומען פון יענעם זייט פּאַציפיק. זיי רעדן נישט איינע מיט די אַנדערע, ווייזן נישט אַרויס זייער גרויסע פרייד, קושן זיך נישט, נאָר גייען צו איינע צו די אַנדערע זייער וואָזשנע, סטאַטעטשנע און בוקן זיך איינמאָל, נאָך אַמאָל און אַ דריטן מאָל, בוקן זיך איינע פאַר די אַנדערע אַזוי נידעריק, אַז כמעט זיי רירן אָן מיט זייערע שטערנס די ערד.

איך זע דאָ נישט אין פּאָרט קיין פערד, קאַרעטעס, אויטאָמאָבילן בלויז אייניקע, וואָס באַגעגענען די אויסלענדישע געסט, אָדער די גאָר רייכע יאַפּאַנער. דערפאַר ריקשעס אָן אַ צאָל, אין די טויזנטער. די ריקשע לייט זענען כמעט האַלב נאַקעטע — אין קורצע הויזן און אַ בלוזע מיט עפּעס גרויסע יאַפּאַנישע אויפשריפטן. די ריקשעלייט זענען ווי אויף אַ יאַריד שטאַרק באַשעפטיקט. שרייען איבער איינע די אַנדערע, האַלטן אין איין צולויפן מיט זייערע ריקשעס צו די ניי אָנגעקומענע, יאָגן זיך נאָך פּאַסאַזשירן. און יעדער פּאַסאַזשיר באַשטעלט פאַר זיך צוויי אָדער דריי ריקשעס, לויט זיין באַגאַזש. ווי מיר האָט זיך נישט געוואָלט נעמען קיין ריקשע, וועלכע ווערט געפירט פון אַ מענטשן, האָב איך פאָרט קיין אנדער אויסוואַל נישט געהאַט און איך האָב דאָס געמוזט טאָן. איך האָב דורך אַ פּאָרט בעאַמטן, וואָס האָט פאַרשטאַנען ענגליש, באַשטעלט פאַר זיך דריי ריק-

שעס פאַר מיר מיט רבקהן און פאָרן באַגאַזש, וועלכע זאָלן אונדז צופירן צו אַ האָטעל. דער פאָרט איז אַ גאַנץ גרויסער. הונדערטער יאַפּאַנער זענען באַשעפטיקט. נישטאָ דאָרט די הויב מאַשינען, נישטאָ דאָרט אין אַלגעמיין קיין מאַשינעריע און די גאַנצע פאָרט אַרבעט, אָנלאָדונג און אויסלאָדונג ווערט געטאָן מיט די אַרבעטער הענט. די אַרבעטער טוען זייער אַרבעט מיט געזאַנג, מיט אויסגעשרייען און דאָס גראַדע געפעלט מיר זייער.

די ריקשעלייט לויפן זייער גוט. אפשר א דרייפערטל שעה האָבן זיי אונדז געפירט דורך די שמאָלע פאַרדרייטע געסלעך, דורך מאָדנע סקווערן, דורך פאַרשידענע קוואַרטאַלן. די געסלעך זענען אַזוי ענג, אַז ווען צוויי ריקשעס באַגעגענען זיך, מוזן זיי זיך היטן נישט פאַרשטעלן איינע די אַנדערע.

אין אַזיע האָבן מענטשן נישט ליב צו גיין ביי די זייטן פון גאַס, זיי גייען מערסטנס אין מיטן גאַס. מיין ריקשע מאַן לויפט און מוז זיך יעדן רגע פאַרקערעווען אַן אַ זייט, כדי לאָזן אימיצן דורכגיין. שוין איבער אַ האַלבע שעה ווי מיינע ריקשע לייט לויפן איבער אַן אַ צאָל שמאָלע געדרייטע געסלעך. זיי זענען פאַרמאַטערט, ווישן אָפּ לויפנדיק דעם שווייס. מיר דוכט זיך, ווען איך וואָלט דאָ מיין גאַנצן לעבן געווען, וואָלט איך נישט געקענט האָבן אַ וועלכן ס'איז נישט פּלאַן פון אַזאַ לאַבירינט פון געסלעך, וועלכע זענען אַזוי קונציק איינגעפלאָכטן איינע אין די אַנדערע. אַלץ איז דאָ אין מיניאַטור: די מענטשן, די גאַסן, די הויפן, די גערטנדלעך. מען פירט אונדז פאַרביי קראָמען מיט מאָדנע פּראָדוקטן. אין גאַס זענען דאָ אַ סך מענטשן און אַלע באַטראַכטן אונדז אויפמערקזאַם, באַטראַכטן די מאָדנע ווייסע מענטשן. עס געפינען זיך שוין אייניקע יאַפּאַנישע יאָטלעך, וואָס לויפן נאָך אונדזערע ריקשעס און איבעריאָגנדיק אונדז קוקן זיי זיך שטאַרק אַריין אין אונדזערע פּנימער, אונדזער קליידונג, און אָט קומען מיר אַריין אין אַ ברייטער גאַס. די הייזער זענען שוין גרעסערע, עס לויפט שוין דאָרט אַ טראַמוואַי. דער אָנטרייבער פון טראַמוואַי און דער קאָנדוקטאָר זענען נאָך גאָר יונגע יינגלעך אפשר 15־16 יאָר, גראַדע אין היטלען, אויף וועלכער עס זענען דאָ בלעכלעך מיט יאַפּאַנישע אויפשריפטן. ווען איך גיב אַ קוק אין דער לענג פון דער גאַס דוכט זיך מיר אַז אַלץ איז געל. די מענטשן, די הייזער, די גאַסן און אַפילו דער הימל.

מען פירט אונדז אַריין אין האָטעל און מיר נעמען אַ צימער. שוין איינמאָל א צימער: אָן מעבל, אָן בעטן, אָן בעטגעוואַנט. דערצו קענען מיר קיין איין וואָרט נישט יאַפּאַניש. עס קומט צו צו אונדזער טיר די באַלעבאָסטע, גיט דריי מאָל אַ פּאַטש מיט די הענט, איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז

אין יאַפּאַן אָנשטאָט אַ גלעקל. איך בעט איר אַריינקומען. גאָט צו דאַנקען זי קען אַ פּאָר ווערטער ענגליש און אַ פּאָר ווערטער דייטש. אָבער וואָס איז די פּעולה — זי לאָדט אונדז איין צו מאַכן וואַנעס. איך פּיל זיך אַביסל באַ־לײדיקט: ערשט אין דער פרי האָבן מיר געהאַט אַ שפּריץ אויף דער שיף. נאָר עס העלפט נישט קיין טענות. איך גיי אין וואַנע צימער. דער צימער איז אָן אַ טיר, נאָר פאַרהאַנגען מיט אַ ראָגזשע. די וואַנע זעט אויס ווי אַ פעסל מיט וואַסער. דערצו שטייט אַ באַדינערין וועלכע דאַרף מיר אַרויס־העלפן אין אויסטאָן זיך, וואַשן, זייפן, רייבן און צוריק אָנטאָן מיך. אויסער דעם קומען אָפּט אַריין זייטיקע, טוען אָפּ, וואָס זיי דאַרפן און גייען אַרויס. איך אַנטזאָג זיך פון אַלץ מיט אַן אנדער און פאַרלאָז די וואַנע. די מיידל קוקט מיך אָן ווי אַ משוגענעם. איך גיין צוריק אַריין אין צימער. איך חלש אָפּרוען פון דער רייזע — איז כאָטש לייג זיך אויף דער אויס־געשפּרייטער ראָגזשע. איך באַטראַכט גוט דעם צימער. אויסער דער ראָג־זשע איז אין צימער דאָ אַ זאַמד קעסטל, אַ קליין אלמערל, אַ וואַזע מיט בלומען און אַ פּאָר בילדלעך הענגען אויף די ווענט. גאָט צו דאַנקען ס'זענען דאָ אַ פּאָר בענקלעך, מען קען זיך כאָטש צוזעצן.

מיר האָבן זיך געפילט אַזוי פאַרלאָרן, אַזוי אומבאַהילפיק.

דערצו ווילט זיך שוין שטאַרק עסן. מיר גייען ארויס אין גאַס זוכן אַ רעסטאָראַן, מיר דערזען אַ ביוראָ פאַר רייזנדע. מיר גייען אַריין אהין, און זענען גליקלעך: איינער רעדט ענגליש. מיר פרעגן זיך נאָך נאָך אַן אייראָ־פּעישן רעסטאָראַן. ער איז געווען פריינדלעך און גיט אונדז די אדרעסן פון האָטעל צענטראַל און זאָגט אונדז אָן, אַז דאָרט איז דאָ אויך אַן אייראָפּעי־שער רעסטאָראַן. איך רוף אָפּ דעם האָטעל, וווּנדערבאַר. זיי האָבן אַ צי־מער פאַר מיר און זיי וועלן צושיקן אַ מענטשן, וועלכער וועט איינאָרדנען אונדזער אַריבערקלייבן זיך. עס האָט גענומען אַ פּאָר שעה און מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן און טאַקע געגעסן אַן אייראָפּעישן מאָלצייט. נאָך וועל־כן מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. ווי עס ווייזט אויס, זענען מיר געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אז מיר האָבן אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט.

גלייך אין דער פרי האָבן מיר שוין געהאַט צוויי געסט. דער ערשטער איז געקומען אַ דעטעקטיוו, געגעבן דריי פּעטש מיט די הענט, אויסגעטאָן די שיך, אַריין אין צימער, באַוויזן זיין בלעכל און גלייך אָנגעהויבן שיטן פראַגן, ווער איך בין, פון וואַנען איך קום, וואָס איז מיין אַרבעט, פאַרוואָס פאָר איך מיט מיין פרוי, ווי לאַנג וועל איך פאַרבלייבן אין יאַפּאַן, וווהין איך פאָר, צוליב וואָס איך פאָר, צי וועל איך זיך אָפּשטעלן אין אַנדערע יאַפּאַנישע שטעט. פרעגט און פאַרשרייבט מיט זיינע הירעאָגליפן מיינע ענט־

פערס. די גאַנצע צייט וואָס ער רעדט שמייכלט ער, נאָר עס זעט זיך, אַז זיין שמייכל איז אַ מעכאַנישער. אַבי ער איז אַוועק, בין איך צופרידן. אין אַ האַלבע שעה שפּעטער קלאַפּט מען אָן אייראַפּעיש אין טיר. איך בעט אַריינ־קומען. דער מאַן קומט אַריין און עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. עס איז אריינגעקומען מיין פריינד פון סאַן פראַנציסקאָ, שוואַרצמאַן. ער האָט אין אַמעריקע באַזוכט דעם אוניווערזיטעט אין בוירקלי און איז אויף וויפל מיר איז באַקאַנט אַוועקגעפאָרן פון סאַן פראַנציסקאָ צו זיך אַהיים אין קישיניעוו. ער איז אַהיים נישט דערפאָרן און אויף זיין מיטן וועג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין טאָקיאָ, ווו ער איז אָנגעקומען אין אַ יאַפּאַנישן אוּ־ניווערזיטעט.

— ווי אַזוי האָט איר זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען דאָ? האָב איך אים געפרעגט.

— גאַנץ פּשוט, האָט ער מיר געענטפערט. אין דער פּרעסע איז גע־ווען דער צעטל פון אַלע ווייסע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געקומען פון סאַן פראַנציסקאָ אַהער. האָב איך דערזען אייער נאָמען און אַדרעס. נאָר דער אַדרעס איז געווען שוין אַ פאַרשפּעטיקטער, איר זייט דאָרט געשטאַנען בלויז אַ האַלבן טאָג. אָבער דאָרט האָט מען מיר איבערגעגעבן, וווּהין איר האָט זיך אַריבערגעצויגן און אָט האָב איך אייך געפונען. ער האָט זיך אַליין אַרויסגערופן מיר באַהילפיק זיין די גאַנצע צייט, וואָס איך וועל זיין אין יאָקאָהאַמאַ, וואָס איך האָב מיטן גרעסטן פאַרגעניגן אָנגענומען. ער איז שוין דאָרט געווען אַ לענגערע צייט, האָט א גרויסע באַקאַנטשאַפט מיט דער אָרטיקער אויסלענדישער קאָלאָניע פון די ווייסע, קען אויך אַ סך יאַפּאַ־נער פון דער אינטעליגענץ און סטודענטן און הויפּטזעכלעך ער קען אביסל די שפּראַך און קען גוט די שטאָט און מיר האָבן זיך אָן אים אפילו א ריר נישט געטאָן.. ערשט אין די לעצטע טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין יאָקאָהאַמאַ, האָב איך אָנגעהויבן אַביסל אָריענטירן זיך אין שטאָט און פלעג שוין אָפּט אַרויסגיין אַליין.

יידן האָב איך אין יאָקאָהאַמאָ געטראָפן זייער ווייניק. זיי זענען דאָרט פון פאַרשיידענע קאָנטינענטן ווי אַמעריקאַנער, בריטישע, באַגדאַדער, האָ־לענדער, אפילו פון אַפריקע און אויסטראַליע, דייטשע און א פּאָר רוסישע און פּוילישע, נאָר זיי זענען נישט פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע. א טייל פון זיי ווייסט מען אפילו נישט צי זיי זענען יידן. נישטאָ דאָ קיין איין יידי־שע אָרגאַניזאַציע, נישט קיין שול, נישט קיין וווילטעטיקייט, נישט קיין בית עולם. איך האָב בלויז געהערט פון איינעם מר׳ גינזבורג, וואָס העלפט אַרויס פּערזענלעך די פּליכטלינגע, אָדער עמיגראַנטן, וואָס זענען אין גרויס נויט. דער גינזבורג שטאַמט פון אונדזערע רוסישע יידן. אין אַ האַלב יאָר

שפעטער, אַדאַנק דער מיטווירקונג פון האיאַס, וואָס האָט אַראָפּגעשיקט אין ווייטן מזרח מר' מייסאַנען, איז דאָ געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער יידישער ווילטעטיקער צענטער, אונטערן נאָמען „הילף פאַר די מלחמה לײַדנדע”. די געשיכטע פון דער גרינדונג פון דעם צענטער איז זייער אַן אינ־טערעסאַנטע, און איך וועל איר טאָקע דאָ איבערגעבן.

איינמאָל בין איך אַרויס שפּאַצירן, בעסער געזאָגט באַטראַכטן די שטאָט. איך גיי פון איין שמאָל געסל אין אַן אַנדער געדרייטע שמאָל געסל. איך באַטראַכט די הייזער. די בריוו קעסטלעך, די קראָמען, דעם האנדל, די פּאָליציי, סאָלדאַטן, אַרבעטער. אַזוי בין איך אַפּגעגאַנגען אַ שיינע פאָר שעה. אַלץ איז פאַר מיר געווען אינטערעסאַנט, טשיקאַווע. איך בין אין אַן אַנדער וועלט, וווּ אַלץ איז אַזוי אַנדערש, אַזוי מאָדנע. און מיט אַמאָל הער איך אַן אויסגעשריי אין אַ ריינעם שיינעם פאָלקסטימלעכן יידיש.

— מאָטל, אַ קלאָג נאָך דיר, וווּהין לויפסטו אום? געדענק, וועסט האָבן אַ מיאוסן סוף פון די מאַקאַקעס. זאָלסט שוין אַריין צוריק אין שטאָל.

צום אָנהויב האָב איך געמיינט אין מיין גרויס פאַרוווּנדערונג, אַז ס'איז אַ חלום. אָט דאָ אין די קרומע שמאָלע געדרייטע געסלעך, מיט די קליינע קאַרדאָנענע הייזלעך מיט די טשיקאַווע געריטנדלעך און פאַנטאַסטישע פויג־לען און חיות — אַזאַ היימישער ווילנער יידיש! אָבער אָט הער איך דעם זעלביקן אויסגעשריי ווידער. איך גיב אַ קוק אין יענער ריכטונג פון וואַ־נען דער געשריי האָט זיך געטראָגן, ערשט איך דערזע אַ יידישע פרוי פון אַ יאָר פערציק און נישט ווייט פון איר אַ ייִנגל פון אַ יאָר 13־14. איך גיי צו צו דער פרוי.

— איר ווינט דאָ אין יאָקאָהאָמאַ? — פרעג איך איר.

— יע — ענטפערט זי מיר. אַ שיינער ווינען. מיר זענען אַריינגע־קראָכן אין אַ בלאָטע און מיר קענען נישט אַרויס, נישט אַהער און נישט אַהין.

— וואָס מיינט עס? — פרעג איך איר.

— פון מיין היים, אין אָנהויב פון דער מלחמה האָט מיך ניקאָלאַי ני־קאָלאַיעוויטש פאַרטריבן אין 24 שעה. איך האָב איבערגעלאָזן האק און פּאַק און אַוועק, וווּהין די אויגן האָבן מיך געטראָגן. גאָט צו דאַנקען, וואָס איך האָב נאָך פון גרויס פייער געראַטעוועט מיינע צוויי קינדער אָט דעם בחורל און אַ ייִנגערע מיידל. מיין מאַן איז שוין אַכט יאָר אין אַמעריקע. שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי איך וואַלגער זיך אַלס אַ בעזעמקע פון באַן אין באַן פון עשאַלאָן אין עשאַלאָן, פון קאָמיטעט אין קאָמיטעט. ביז מיר זענען אָנגעקומען אין כאַרבין. אין דאָרטיקן קאָמיטעט האָט מען אונדז געזאָגט, אַז פון יאַפּאַן איז גרינגער צו פאָרן אין אַמעריקע. אויפן וועג איז ביי מיר

פאַרפאַלן געוואָרן מיין מאנס אַדרעס און פון דאנען קען מען אים נישט אויסזוכן. און איך האָב שוין איבער דריי יאָר פון אים קיין איינגעטונקטע פען נישט געזען. זיץ איך דאָ, ביז וואנען מיין מאן וועט זיך אויסזוכן און שיקן פאר מיר און אונדזערע קינדער די שיפסקארטעס. אַזוי וואַלגער איך זיך דאָ אום אין אַ שטאַל צוזאַמען מיט די אַנדערע בעזשענצעס שוין באַלד אַ יאָר צייט און איך זע נישט קיין סוף צו די צרות. אומקערן זיך צוריק אין רוסלאַנד קען איך נישט. מיין שטאָט איז פאַרנומען פון שונא. פאַרן צו מיין מאן קען איך אויך נישט. מיר האָבן זיךביידע פארלאָרן. נישט איך ווייס ווו ער איז, נישט ער ווייסט ווו איך בין. איך ווייס אפילו נישט צי ער לעבט אַפילו. קורץ ס'איז ביטער, כאַטש נעם און וואַרף זיך אַריין אין וואַסער.

— א סך זענען דאָ אַזעלכע ווי איר? — פרעג איך איר.

— איבער צוויי הונדערט, — ענטפערט זי.

— ווער פּאַסט אויף אויף אייך? ווי איז מיטן עסן, שלאָפן?

— אייניקע פון אונדז ארבעטן. טוען הויז אַרבעט, וואשן, פרעסן. אייניקע זענען ארבעטאָרינס פון פאַך: שניידערינס, נייטאָרינס — קריגן זיי אויך אביסל אַרבעט. און אביסל העלפט אונדז ארויס מר׳ גינזבורג און צוויי דאמען, וואָס קומען אָפט צו אונדז. שלאָפן, שלאָפן מיר דאָ אין שטאַל. אַז אַך און ווי צו אונדזער עסן און שלאָפן און זיין דאָ צווישן די אַזיאָטן.

— קענט איר מיר ווייזן, ווו איר ווינט דאָ אַלע?

— אוודאי, — זאָגט זי — אָט אין דעם שטאַל.

ווי איך בין נאָר אַריינגעקומען האָבן מיך ארומגערינגלט אַלע איינוווינער מיט באַקלאָגן זיך, מיט ביטעס צו ראַטעווען זיי. זיי האָבן דערקענט אין מיר אן אַמעריקאַנעם און אַז איך בין אן אמעריקאנער קען איך דאָך טאָן פאַר זיי אַלץ אין דער וועלט. איך האָב זיי אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן פון וועלכע שטעט זיי זענען, ווי לאַנג זיי געפינען זיך אין יאָקאָהאָמאַ, וואָס פאַראַ שריט האָבן זיי גענומען צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע מענער, פריינט און באַקאַנטע אין אַמעריקע. און דאָ איז אַוועק אַ סדרה פון מעשיות איינע שרעקלעכער פון דער צווייטער, איינע שוידערלעכער פון דער צווייטער, מעשיות פון אַרויסטרייבן זיי פון זייערע שטעטלעך, פון זייערע היימען, פון לויפן צופוס פון שטאָט צו שטאָט, פון הונגער, נויט, קעלט, פון פאַרשידענע יידישע און קריסטלעכע קאָמיטעטן, פון פאָרן מיט עשאַלאָנען, פון טרייבן זיי פון שטאָט צו שטאָט, אומעטום אויסשטייענדיק די גרעסטע באַליידיקונגען, דערנידערונגען, פון ווערן געיאָגט, געפלאָגט, פון טרייבן פון איין אָרט און נישט ווערנדיק אריינגעלאָזט אין א צווייטן און דערוויל אין הונגער, שלאָפן חדשימווייז אין די וואַגאָנען ערגעץ ווייט הינטער די סטאנציעס, אויסשטייענדיק יסורים פון גיהנום. מעשיות פון

הונגער אין טיף רוסלאַנד, ביים אוראַל, פון סיביר, פון איבערפאָרן די רוסישע גרעניץ, פון פאַרלאָרענע, צוגענומענע פּאַסאַפּאָרטן, מעטריקעס, בריוו, אַדרעסן, גלות יאפּאַן, נישט האָבנדיק קיין שום פאַרבינדונגען מיט זייערע נאָענטסטע אין אַמעריקע.

וואָס האָב איך פאַר זיי געקענט טאָן. מיט וואָס האָב איך זיי געקענט אַרויסהעלפן? דערקלערן זיי, אַז איך קען גאָרנישט טאָן פאַר זיי, וואָלט געווען רויבן פון זיי יעדע האָפענונג אויף אויסלייזונג, יעדע איי־לוזיע, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל האָבן אַ היים מיט זייערע באַליבטסטע און נאָענטע.

איך האָב זיי דערציילט וועגן האַיאַס אין אַמעריקע, צו וועלכער איך וועל זיך ווענדן, כדי דערמעגלעכן זייער קומען אין אַמעריקע, וועגן דעם, אַז ס׳וועט זיין נישט שווער דורך די יידישע צייטונגען אויסזוכן זייערע מענער דאָרטן. איך וועל זיי אַלעמען פאַרשרייבן און דאָס אַוועקשיקן אין האַיאַס אין אַמעריקע און איך פאַרהאָף, אַז האַיאַס וועט טאָן פאַר זיי אַלץ, וואָס איז נאָר אין אירע מיגלעכקייטן. איך האָב געקראָגן פון זיי די פולסטע אינפאָרמאַציע און צוגעזאָגט זיי אין פאַרלויף פון אַ פאָר וואָכן אי־בערשיקן דאָס אין אַמעריקע און איך בין מער ווי זיכער אַז זייערע אַלע־מענס מענער וועלן זיין בכוח זיי אַרויסנעמען אין אַמעריקע און אויב נישט וועט האַיאַס זיי אַרויסנעמען.

אומגעקערט האָב איך זיך אין האָטעל מיט אַ צעבראָכן הארץ. און מיין געוויסן האָט מיך נישט געלאָזט רוען. איך מוז פאַר זיי עפּעס טאָן. און איך האָב טאַקע פאַר זיי אַ סך געטאָן. אין אייניקע חדשים שפּעטער איז שוין אין יאָקאָהאַמאַ געווען אַן אָפּטיילונג פון האַיאַס מיט מיין פריינד קאַזאַקעוויטש אַלס פאַרוואַלטער און עס האָט נישט לאַנג גענומען און מען האָט דעם גאַנצן פּעקל אַוועקגעשיקט אין אַמעריקע, ווו זיי האָבן אָנגע־הויבן אַ ניי לעבן צוזאַמען מיט זייערע מענער און קינדער, אַ סך אַ בע־סערן, ווי דאָרט אין יאָקאָהאַמער שטאָל.

יאַפּאַן האָט אַ באַפעלקערונג פון 90 מיליאָן, געדיכט באַזעצט, וויל נישט האָבן קיין פרעמדע. זי גיט זייער ווייניק וויזעס אויף דורכפאָרן דאָס לאַנד, אָבער זי וויל נישט, אַז אימיצער זאָל פאַרבלייבן אין לאַנד. אפשר זענען דאָ אַ פּאָר טויזנט אייראָפּעער אין גאַנץ יאַפּאַן, זענען דאָס אַלץ פאָרשטייער פון פאַרשידענע רעגירונגען, קאָנצעסיעס, אימפּאָרט און עקספּאָרט געשעפטן, באַנקן, אַגענטן־איינקויפער. קיין אַרבעטער־אייראָ־פּעער זענען דאָ נישטאָ, דער מיטלקלאַס אימיגראַנט קען דאָ קיין באַשעפ־טיקונג נישט געפינען, און אויב יאָ, וועט שוין די רעגירונג, אָדער די

באַפעלקערונג געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי די באַשעפטיקונגביים ניי געקומענעם ארויסרייסן פון די הענט. דאָס איז נישט קיין אַנטיסעמיטיזם, די פּאָליטיק ווערט אָנגעווענדט קעגן אַלע ווייסע. „יאַפּאַן איז בלויז פאַר די יאַפּאַנער". נישט זיי ווייסן וואָס איז אַזוינס אַ ייד און נישט זיי האָבן צו יענער צייט געוווסט פון אַנטיסעמיטיזם.

קאַפּיטל 3

די ערשטע טעג אין יאָקאָהאַמאַ

מיין צימער איז א פראַנט צימער מיטביידע פענצטער צום גאַס. איז דאָך גוט. האָט עס אָבער א גרויסן חסרון. אין גאַס קלאַפּט מען, אַזוי ווי הונדערטער רייטנדע סאָלדאטן וואָלטן מארשירט ארום מיינע פענצטער. דאָס שטענדיקע קלאַפּן מאַכט מיך נערוועז. איך גיי צום פענצטער זען, ווער קען דאָס קלאַפּן? ערשט גאָר נישט. עס גייען אַ סך יאַפּאַנער היך און צוריק. אָנשטאט שיך פון לעדער ווי ביי אונדז, טראָגן זיי גאָר הילצערנע שיך. אָנשטאט זוילן טראָגן זיי צוויי הילצערנע קלעצלעך. און אָט די הילצערנע שיך קלאפּן דאָס אַזוי אומרחמנותדיק איבערן ברוק. און אַזוי אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט. יעדן טאָג קומט צו מיר אַריין אן אַנדער באאמטער פון דער געהיים פּאָליציי. עפּעס איז זיי נישט קלאָר. אַז איך קום פון אַמעריקע פארוואָס האָב איך אַ פּאַס פון רוסישן קאָנסול? פארוואָס זאָל איך פאָרן אויף כאַרבין, אַז מיר איז בעסער און באקוועמער פאָרן אויף וולאדיוואָסטאָק? אן אנדערער קומט מיט אנדערע פראַגן. זיי קריכן מיר אין די ביינער אַריין. צו דער זעלביקער צייט זענען זיי זייער איידל, רעדן מיט עפּעס א פארגליווערטן שמייכל און היטן אָפּ אויפן העכסטן גראד דעם אָרטיקן עטיקעט. אָנגעטאָן זענען זיי ווי אַלע יאפּאַנער אין א ווייסע שטרויענע הוט און אַ ברייטער קימאָנע. קומען אַריין אין די זאָקן, וועלכע זענען אויך טשיקאווע. פיר פינגער אין איין טייל פון זאָק און דער פינפטער, דער גראָבער אין אַ באַזונדער טייל.

אין די הייזער גייען זיי אַלע האַלב הוילע. נאָר אַז זיי דאַרפן ארויס אין גאַס טוען זיי אָן די קימאָנעס, די היט, נעמען מיט אַ שירעם, טוען אָן די שיך און דאן קענען זיי זיך באווייזן אין גאַס. אַ שירעם טראָגן זיי אַלע. ס׳מעג די זון שיינען, ס׳מעג זיין טרוקן, וואַרים, איינגענעם — זיי צעשיידן זיך נישט מיטן שירעם. אז דו קוקסט ארויס פון האָטעל, זעסטו נישט קיין מענטשן, נאָר שירעמס און שירעמס. דער שירעם איז אַזאַ וויכטיקער טייל צו דער יאַפּאַנישער קליידונג, ווי די קימאָנע.

עס קומט צו מיר אַריין מיין סאן פראנציסקער פריינד שווארצמאַן מיט נאָך אַ סטודענט — אַ יאַפּאַנער. זיי לאדן מיך איין צו גיין זיך באָדן

אין ים. מיט פאַרגעניגן נעם איך אָן די איינלאַדונג. מיר גייען זיך באָדן אין טאָקיער אויסגוס. איך קום צו צום ברעג און דערזע פאַר זיך אַן אויסערגעוויינלעך בילד. דער גאַנצער ברעג איז אָנגעפּילט מיט מענער, פרויען און קינדער און אַלע זענען מוטער נאַקעט. מיר איז עפּעס אומבאַקוועם אויסצוטאָן זיך: נישט געוווינט. מיינע פריינד זענען שוין אין וואַסער און איך בלייב אין די זאַכן אויפן זאַמד. זיי גייען ארויס, לויבן דאָס וואַסער: ס׳איז ריין, ווארים, איינגענעם, ס׳איז א פאַרגעניגן צו באָדן זיך. דער יאַפּאַנער סטודענט שטייט צו צו מיר איך זאָל זאָגן פאַרוואָס איך באָד זיך נישט. איך זאָג אים, אַז מיר איז נישט איינגענעם אויסצוטאָן זיך פאַר אַזויפיל מענער און פרויען. ער פאַרשטייט מיר נישט און זאָגט: באָדן זיך איז דאָך זייער געזונט פאַרן קערפּער. ביים ברעג פון ים, צווישן די באָדנדיקע דרייען זיך אַרום אַרימע הענדלער. זיי פאַרקויפן פאַרשיידענע שפּייז און געטראַנקען. זיי קלאַפּן, קלינגען און שרייען אויס זייער סחורה. אָט פאַרקויפט איינער סאַקי, אַזאַ שנאַפּס געמאַכט פון רייז, וועלכן די יאַפּאַנער טרינקען אָנגעוואַרימטערהייט. אויך די שפּייז קעסטלעך פאַראינטערעסירן מיך. אין איין קעסטעלע געפינט זיך אָפּגעקאָכטע רייז און אין דער צווייטער קעסטעלע, וואָס האָט פון צוועלף ביז זעכצן אָפּטיילונגען געפינט זיך א ברעקעלע פלייש, א ברעקעלע פיש, א פאָר בעבלעך, א שטיקל מאַרמעלאַד, עפּעס מאָדנע ים פישלעך און נאָך אייניקע שפּייזן. און ביידע קעסטלעך קאָסטן אין גאַנצן אַ צען סען (אַ האַלבן ניקל). אויך פאַרקויפן זיי דאָרט הייסע טיי. פאַר וויניקער ווי צוויי סענט קריג איך אַ גרויסן טשאַיניק מיט אַ ברעקל טשאַיניק. אין ערשטן הייסע געקאָכטע וואַסער אין צווייטן קערנדלעך פון גרינעם פרישן טיי. איך פאַרקאָך אַליין די טיי, גיס מיר אריין אין א טעפּל. קיין צוקער גיבן זיי נישט. איך טרינק. ס׳איז נישט שלעכט, כאָטש די וואַסער האָט א ביטערלעכן טעם.

אַן עולם קומט צו, אַנדערע גייען אַוועק. די באָדנדיקע וויייזן אין וואַסער פאַרשידענע קונצן. ס׳איז אומעטום לעבן, שטיפעריי, געלעכטער. ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן, ווי די יאַפּאַנער באָדן זיך. — אַזוי ווי פיש אין וואַסער. מען קען גלייך באַמערקן, אַז דער ים איז זייער סביבה, זייער באַליבטסטער פּלאַץ און באָדן זיך איז זייער בעסטער פאַרגעניגן.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די פרויען טונקען נישט אָפּ זייער קאָפּ. זיי ווילן נישט אַז די האָר זאָלן זיך אייננעצן. גאָר א קלייניקייט — גאַנצע טעג דאַרפן זיי אַרבעטן, אום די פריזור זייערע זאָל אויסזען ווי אַן אמתע קרוין און דאָ מיט איין שווענק אוועקפטרן די גאַנצע ארבעט... אויך ביים אויסרוען זיך אויפן ברעג פון ים היטן זיי אָפּ זייער פריזור. ווען זי ציט זיך אויס, לייגט זי אונטערן אויבערשטן טייל פון האלדז אַזאַ סאָרט היל־

צערן בענקעלע מיט אַ װײכן אײַנגעבױגענעם זיץ און דער קאָפּ בלײַבט אין לופטן. װי אַזױ די האלדז הױבט איר נישט אָן צו ברעכן, האָב איך קײן באַגריף נישט. שפּעטער אין די יאַפּאַנישע באַנען האָב איך געזען, װי די פרױען שלאָפן אַזױ אָפּ מיטן האלדז אױפן בענקעלע, האלטנדיק די גאַנצע צײַט דעם קאָפּ אױפגעהױבן, האָט עס מיר נאָך מער געװוּנדערט... קענטיק אַ געװױנהײט איז די צװײטע נאַטור...

צופעליקערװײז װער איך באַקאַנט מיט אַ חברה רוסן. עפּעס זאַלבעזעקס װױנען זײ אין א דירה פון אײניקע צימערן. די הױז איז אַ טיפּיש יאַפּאַנישע. מען גײט נישט אַרײַן דורך אַ טיר, נאָר אַז מען דאַרף אַרײַן רוקט מען אָפּ אָן אַ זײט א װענטל און אַז מען גײט אַרױס רוקט מען צו צוריק די װענטל אױף איר געװײנלעכן פּלאַץ. אין שטוב איז לײדיק. אױפן דיל א ברײטע ראָגאָזשע. ס'איז דערפאַר דאָ אַ טיש, א פּאָר שטולן, אן עטאַזשערקע מיט ביכער. דער עולם זיצט אױף דער ראָגאָזשע. מען דערלאַנגט אונדז דעם יאַפּאַנישן טײ מיט די זיסע רײַז קיכלעך און מען דערצײלט מעשיות װעגן דערפאַרונגען אין יאַפּאַן. אײנער דערצײלט װעגן זײַנעם א לענדלאָרד אין קאָבע. ער האָט בײַ אים געװױנט אײניקע חדשים און ער האָט אַלײן צוגעקליבן דעם צימער, געקאָכט פאַר זיך עסן, פלעגט פאַררײכטן זײַנע קלײדער. און אײנמאָל קומט צו אים אַרײַן דער באַלעבאָס, װעלכער איז אין די יונגע יאָרן געװען א מאַטראָס, גריסט זיך און שלאָגט אים פאָר זײַן יונגע טאָכטער צום פאַרקױף.

— אױף װאָס דאַרף איך איר קױפן, פרעגט ער אים.

— װאָס הײסט — זאָגט דער באַלעבאָס, דו ביזט א יונגערמאַן, דיך קאָסט אַלץ טײַער, מיט איר װעט דיך קאָסטן אַלץ ביליקער. זי װעט פאַר דיר ראָמען, קאָכן, װאַשן, באַדינען, דערלאַנגען און זי װעט אױך זײַן דײַן װײַב.

דער באַלעבאָס האָט באַמערקט, אַז זײַן שכן קוקט אױף אים פאַרװוּנדערט, האָט ער זיך אביסל צוריקגעכאַפּט.

— דו קענסט איר קױפן אפילו אױף א קורצער צײַט — אױף דרײַ חדשים, אױף א האלב יאָר. דער פּרײַז װעט אױך זײַן פאַר דיר א ביליקער: אין גאַנצן אַכט יען א חודש. און דאָס אָפּשרײַבן זיך קאָסט אין גאַנצן אַ צען סען.

אָט דערצײלט אַן אַנדערער, װאָס האָט געװױנט א לענגערע צײַט אין נאַגאַסאַקי: אים איז דערעסן געװאָרן גײן אין זײַן אײראָפּעישן קאָסטיום, און ציען אױף זיך מיט דעם אַלעמענס אױפמערקזאַמקײט. האָט ער געקױפט אַ קימאָנע און איז מיט איר אַרױס אין גאַס. ער האָט באַמערקט,

אַז אַלע באַטראַכטן אים ערנסט און אַ סך שמייכלען נאָך צו. ער פאַר־שטייט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, נאָר ער ווייסט נישט וואָס. ער גייט ווייטער און מאַכט זיך נישט וויסנדיק. אָבער אַלעמענס אויגן שטעכן אים דורך און ער פילט זיך ווי אַ קאָמעדיאַנטשיק פון וועלכן אַלע לאַכן. ערשט עס קומט צו אים צו אַ יונגע יאַפּאַנערין, בוקט זיך פאַר אים לויט אַלע כּללים פון זייער עטיקעט. זי רעדט עפּעס, נאָר ער פאַרשטייט נישט, וואָס זי מיינט. זי זעט אָן אים, אַז ער פאַרשטייט נישט יאַפּאַניש, האָט זי אַראָפּגענומען דעם גאַרטל און איבערגעביטן די פּאָלעס פון דער קימאָנע. ער האָט פאַרלייגט פון רעכטן זייט אויפן לינקן, האָט זי איבערגעלייגט פאַרקערט. פאַרענדיקט די אַרבעט האָט זי זיך ווידער פאַרנייגט פאַר אים דריי מאָל, און איז אַוועק.

אַ דריטער דערציילט וועגן דעם „אַלמנות יום טוב". אַ גאַנצן יאָר טרויען די אַלמנות נאָך זייערע פאַרשטאָרבענע מענער, האַלטן זיך ווי נאָנעס אין מאָנאַסטיר. נאָר איין אָוונט מעגן זיי זיך באַנוצן מיט אַלע פרייהייטן פון די יאַפּאַנישע מיידלעך. מיט גרויס שיק ווערט דער יום־טוב אַראַנזשירט — מיט מוזיק, טענץ, גוטע מאכלים און געטראַנקען. צו דעם יום־טוב קומען אַלע אַלמנות און אַ סך מענער. יעדע אַלמנה קלייבט זיך אויס אַ קאַוואַליער מיט וועלכן זי פייערט דעם יום־טוב און נאָך דער אונטערנעמונג פאַרלאָזן די אַלמנות מיט זייערע קאַוואַלערן דעם פּלאַץ און פאָרן ערגעץ אַוועק.

עפּעס אַ פאַרקערטע וועלט איז יאַפּאַן. עפּעס אַלץ טוען זיי פאַר־קערט. אפילו הייזער בויען זיי פאַרקערט. נישט פון אונטן אַרויף, נאָר פון אויבן אַראָפּ. ווען זיי קומען אין אַ הויז, נעמען זיי דאָס ערשט אַראָפּ די שיך. ווען זיי קומען צו פריינד, קרובים און באַקאַנטע, מוזן זיי זיך זעצן צום לינקן זייט פון באַלעבאָס. ווען זיי זענען אין טרויער, טראָגן זיי נישט קיין שוואַרצע זאַכן, נאָר זענען אָנגעטאָן אין ווייסן. פּראָסטי־טוציע איז אַן אַרבעט און אַ בכבודיקע אַרבעט, ווי אַלע אַנדערע. נאָך מער די עלטערן, אָדער די עלטסטע אין דער משפּחה פאַרקויפן זיי פאַר אַזעלכע און דאָס איז אַזאַ געוויינלעכע דערשיינונג, ווי ביי אונדז קריגן אַן אַרבעט, אָדער אַ שטעלע. אָפט פאַרקויפן זיך מיידלעך פאַר דעם, כּדי דערמעגלעכן זייערע ברידער אָדער שוועסטער צו לערנען זיך אַ קאַריערע. די אָנגעזעענסטע יאַפּאַנער קויפן אויס אַזעלכע מיידלעך פון די פּראָסטיטוציע הייזער, כּדי חתונה האָבן מיט זיי, און אַזעלכע פרויען שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און קיינעם פאַלט נישט איין צו דיסקרימינירן קעגן זיי. די גיישעס, וואָס זייער אויפגאַ־בע איז צו פאַרווײַלן די מענער אין די קאַפעטעריעס, רעסטאָראַנען, אונ־

טערנעמונגען, אָדער פּריוואַטע הייזער ווערן זייער געאַכטעט אין דער יאַפּאַנישער געזעלשאַפט.

זייענדיק מיידלעך, איז זיי דערלויבט האָבן א סך מענער, אָדער פאַרקויפט ווערן צו א סך מענער. אָבער ווען מען קויפט זיי צוליב היי־ראַט, מוזן זיי זיין טריי אויפן העכסטן גראַד און פאַרן קלענסטן חטא האָט דער מאַן דאָס רעכט צו טויטן איר.

קאַפּיטל 4

אין יאַפּאַן

יאַפּאַן איז אַ ווונדערלעך שיין לאַנד. זי באַשטייט פון אַ פיר טויזנט אינדזלען און אינדזעלעך. אויף אַ פינף הונדערט אינדזלען זענען גאָר קיין מענטשן נישטאָ. פון די איבעריקע זענען בלויז פינף גרויסע אינדזלען געדיכט באַזעצט. און ווען מען רעדט וועגן יאַפּאַן, רעדט מען בלויז וועגן אָט די פינף אינדזלען, ווייל די אַלע איבעריקע זענען קליינע, אומבאַדייטנדע און זייער ווינציק באַפעלקערטע.

וווהין דער שיקזאל אין יאַפּאַן זאָל אייך נישט פאַרוואַרפן, געפינט איר אַזעלכע נאַטור שיינקייטן, וואָס פאַרכאַפּט אייך און איר קענט די אויגן נישט אָפּרייסן פון זיי. אומעטום זעט איר שיינע הויכע בערג, אומעטום זעט איר גערטנער, פעלדער, פּאַרקן, אַלייען, וואַסערפאַלן, די שענסטע בוימער. כמעט אויף יעדן טראָט שטויסט איר זיך אָן אויף אַ שיינער לאַנדשאַפט. אויסער דעם האָט איר דאָ הייסע קאָכיקע קוואַלן, פייער שפּייענדיקע בערג, מיט א ווונדערבאַרן קרוין פון רויך, וועלכער איז באַלויכטן מיט אינעווייניקסטן פייער. עס איז גענוג א קוק צו טאָן אויפן באַרג פודזשי יאמא, נישט ווייט פון יאָקאָהאמא, כדי צו באַשטעטיקן, אַז אַזאַ שיינקייט איז שווער צו טרעפן ערגעץ אנדערש אויף אונדזער ערד קוגל. עס איז גענוג ארויפצוקלעטערן אין דער הויך פון דעם באַרג און פון דאָרט אַ וואָרף טאָן אַ בליק אויף ארום און ארום און עס אנטפּלעקט זיך פאַר דיר די שענסטע נאַטור פּאַנאָראַמע. ווונדערבאַרע אַלייען, פאַרחלומטע טייכלעך און אָזערעס, גערטנער מיט זעלטענע בלומען, רייז פעלדער האלב פאַרטרונקן אין וואסער, ווייטע געדרייטע וועגן מיט הויכע רויטעביימער ביי די זייטן. אַפילו דער באַרג איז א בלומען באַרג. דאָרט ווו עס זענען נישטאָ קיין פעלזן און קיין לאַווע (די צעגליטע מאסע, וואָס דער בארג האָט אויסגעשפּיגן) און די בלומען אליין זענען אויסערגעוויינלעכע פון פאַרשידנסטע קאָלירן: ווייסע, פּורפּור, רויטע, בלויע, אָבער מערסטנס זענען זיי רויט, פּורפּור, גאָלד קאָליר. עס איז שווער איבערצוגעבן דעם איינדרוק, וואָס די גערטנער אין יאַפּאַן מאַכן אויף דעם ערשט געקומענעם. די אַלייען פון די ריזיקע ביימער,

וועלכע טראָגן אויף זיך די וווּנדערבאַרסטע קרוינען, די פאַרשידענע גראָזן, פאַנטאַנען, די קאָלירטע לאַמטערנעס אויף דיביימער, די קינסט־לעכע טייכעלעך מיט וואַסער פויגלען ביי די ברעגן און אין מיטן. כמעט יעדער טייל פון גאָרטן ציט דיך צו אָפּצושטעלן זיך און באַוווּנדערן. די יאַפּאַנער אַליין באַוווּנדערן עס, פאַרגעטערן עס.

די בלומען זענען ביי זיי הייליק, זיי דינען זיי. אָן בלומען איז ניש־טאָ קיין הייליקע פּראָצעסיע. מיט בלומען באַפּוצן זיי די טעמפּלען, די אַלטאַרן, די קברים, זיי האָבן ספּעציעלע בלומען־יום־טובים. (באַנאַמי), זיי האָבן אַפילו ספּעציעלע תפילות פאַר זיי. די הייליקסטע בלומען זענען ביי זיי די לאַטוס און קאַרשן בליעכץ. און אַ דאַנק די אַלע נאַטור שיינ־קייטן, איז דאָס פאָלק פּאָעטיש. אז איר פרעגט אַ יאַפּאַנער, ווי אַלט ער איז, וועט ער אייך ענטפערן, אַז ער האָט שוין געזען 42 מאָל ווי די קאַרשן בוימער בליען. יעדער יאַפּאַנער וועט אייך דערציילן אין וואָס פאַראַ מאָ־נאַט יעדעס בלום בליט. ביי אַ באַגעגעניש וועט אָפט איינער פרעגן אַ צווייטן: — דו האָסט שוין געזען, ווי די מאַגנאָליע בליט? אָדער: — ביזט שוין געווען אין גאָרטן צום בלומען יום־טוב. עס זענען איינגעפירט אין לאַנד עקסקורסיעס, „פּיקניקס“, ווען טויזנטער יאַפּאַנער פאָרן זען די פאַרשיידענע בלומען.

אינטערעסאַנט איז צו זען, ווי עס וואַקסט רייז. ווו דו גיסט אַ פאָר הינטערן שטאָט, קענסטו גלייך אומעטום זען די רייז פעלדער, וועלכע זענען צעהאַקט אין קליינע טיילן און יעדער טייל באַלאַנגט צו אן אנדער באַלעבאָס, צו אן אנדער פאַרמער. רייז זענען ביי די יאַפּאַנער דאָס, וואָס ביי אונדז ברויט און אָפט נאָך וויכטיקער פון ברויט, ווייל גאָר אַ גרוי־סער טייל פון די יאַפּאַנער, די אָרימע, שפּייזן זיך אויסשליסלעך מיט רייז. מיט די רייז פלאַנטאַציעס איז פאַרנומען מער ווי א העלפט פון יאַפּאַנישן באָדן און עס זענען דאָ 217 סאָרטן רייז. רייז־לאַנד איז מער ווי דריי מאָל אַזוי טייער ווי אן אנדער לאַנד און דער גרעסטער טייל פון די יאַפּאַנער פאַרמערס קולטיווירן רייז. יאַפּאַנער רייז קען נישט באַ־שפּייזן די גאַנצע באַפעלקערונג און א סך רייז ווערט אריינגעפירט פון אנדערע לענדער. פון דעם קען מען שוין פאַרשטיין ווי טייער דאָס שטיקל לאַנד איז ביים פאַרמער און וויפל האָרעוואַניע ער און זיין הויז־געזינד לייגן אריין כדי צו קריגן וואָס מער רייז. דאָס לאַנד דאַרף העכסט אויפמערקזאַם באַארבעט ווערן, עס טאָר זיך נישט געפינען דאָס מינדסטע גרעזל, וואָס זאָל צונעמען שפּייז פון די רייז. איבערן באָדן גע־פינט זיך א הויך שיכט וואַסער, נישט מער ווי די קעפּלעך זענען אי־בערן וואַסער. דער וואַסער איז ריין אַזוי אַז דו קענסט זען די צווייגלעך

אין אים. אַזוי ציען זיך די רייז פעלדער אין דער ברייט און אין דער לענג פון יאַפּאַן. און ווו זייען זיי נישט קיין רייז? אומעטום. קיין ברעקל לאַנד גייט נישט אין ניוועץ. אַפילו דער באַרג פודזשי יאַמאַ, וועלכער איז איבער צוועלף טויזנט פוס די הויך ווערט אונטן פאַרזייט מיט רייז אויף גאַנצן 1500 פוס די הויך. די האַרעפּאַשנע יאַפּאַנער האָבן דאָ גע־מאַכט הויכע טרעפּ מיט גרייטע פּלאַטפאָרמעס, איינגעטיילט אין קליינע שטיקלעך, באַדעקט די אַלע פּלאַטפאָרמעס מיט וואַסער און דורכן וואַ־סער זעט איר דעם וואַקסנדיקן רייז און שטענדיק קענט איר זען, ווי דער רוקן פון באַרג איז אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן, וועלכע שטייען ביז די קני אין וואַסער און אַרבעטן אַרום דעם רייז. אַ מאָדנער שיינער און פאַרשידנאַרטיקער באַרג איז פודזשי יאַמאַ. אונטן זענען די רייז פעל־דער. דערנאָך גייט אַ ברייטער פּאַס פאַרוואַקסן מיט די פאַרשידנסטע גראָזן און בלומען, העכער קומט אַ געדיכטער סאָסנאָווער וואַלד און גאָר אין דער הויך איז דער קאָפּ פון באַרג באַפּוצט מיט אַ קלאָרן ווייסן שניי, וואָס בלענדט די אויגן.

א מאָדנער מענטש איז דער יאַפּאַנער. שטענדיק שמייכלט ער. כמעט אַלץ מאַכט אים לאַכן. ער איז אויפגעלייגט, פריינדלעך, און באַ־הערשט זיך אויפן העכסטן גראַד. איר וועט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס ער לעבט דורך, וואָס ער האָט ערשט דורכגעמאַכט, וואָס עס פאַרשאַפט אים זאָרג. וואָס ער זאָל נישט דורכלעבן, דורכמאַכן, האָט זיין פּנים דעם געוויינ־לעכן רויקן שמייכל און ער, דער יאַפּאַנער, וועט מיט אייך רעדן אַזוי ווי עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען. פון קינדוויַיז אָן לערנט מען אים זיך צו באַהערשן, קאָנטראָלירן אין די פאַרשידנסטע לאַגעס אין וועלכע ער וועט זיך געפינען. איר קענט רעדן מיט אַ יאַפּאַנער און פאַר קיין פאַל נישט באַמערקן, אַז ער האָט ערשט דורכגעלעבט די גרעסטע טראַגעדיע. דאָס יאַפּאַנישע פאָלק פאַרמאָגט אַ סך מעשיות, וואָס באַזינגען דעם כאַראַק־טער־שטריך זייערן.

אויב יאַפּאַן איז אַ לאַנד פון שיינקייט, בלומען, פּאָעזיע איז זי אויך אַ לאַנד פון העפלעכקייט. יעדע באַגעגעניש איז אַ גאַנצער פּראָצעס פון איידלקייט, עטיקעט, מאַניערן. יעדער געשפּרעך צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס דער יאַפּאַנער וועט זיך אַליין מאַכן צו גאָרנישט, צו קליין געלט און דעם גאַסט אַלס דעם גרעסטן מענטשן אויף דער וועלט. אויב דו זאָגסט אָן אַ באַקאַנטן יאַפּאַנער, אַז דו וועסט קומען צו אים צו גאַסט ווערט ער העכסט באַגייסטערט און וווּנדערט זיך, וואָס דו, איינער פון די אָנגעזעענסטע קליגסטע און איינגענעמסטע מענטשן, אינטערעסירסט זיך מיט אים — אַזאַ קליינעם אומווירדיקן מענטשעלע און ער וועט אַ

גליקלעכער, טויזנט מאָל דאַנקען דיר פאַר דער גרויסע ערע, וואָס דו פאַרשאַפסט אים מיט דיין וויזיט. ער וועט זיך פילן ווי דער גליקלעכס־טער מענטש אויף דער וועלט, ווען דיין הייליקייט וועט איבערטרעטן דעם שוועל פון זיין אָרימער און נישט וויכטיקער הויז. שוין אָפּגערעדט, ווען דו קויפסט מתנות פארן באַלעבאָס, זיין פרוי און קינדער (אָן דעם איז נישט פּאַסיק אריינצוגיין אין אַ יאַפּאַניש הויז), און דו קומסט אַרויף אויפן באַלויכטענעם, צוליב דעם גאַסט, גאַנעק, טוסט אויס די שיך און דו פּאַטשסט דריי מאָל מיט די הענט. קומט אַרויס די דינסט, וועלכע בוקט זיך ביזן דיל דריי מאָל. דו פרעגסט ביי איר: איז די ליכטיקייט אין דער היים?

— יאָ — ענטפערט זי, ווידער בוקנדיק זיך, — ער איז העכסט אומ־געדולדיק צו האָבן דעם גרויסן כבוד, וואָס איר באַזוכט אים. און זי לאָזט אים אַריין אינעווייניק. דער באַלעבאָס פון הויז קומט אַרויס צום גאסט אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער, א שיינענדער, ביידע בוקן זיך איינע קעגן די אנדערע אייניקע מאָל און דער באַלעבאָס דריקט אויס זיין גרעסטן גליק, וואָס אַזאַ גרויסער, אָנגעזעענער מענטש איז זיין גאַסט. מען גייט אַריין אין דעם אויפנאַם צימער. דאָ ווידער הויבט זיך אָן א צערעמאָניע. דער באַלעבאָס לאדט איין דעם גאַסט זיך זעצן אויבן אָן (ביי זיי זיצן הייסט זיך אַוועקזעצן אויף די ציפּאַטשקעס אויף די קני), דער גאַסט כלומרשט זאָגט זיך אָפּ, וואָס ער, אַזאַ נידעריקער קליין מענטשעלע, זאָל פאַרנעמען אַזאַ בכבודיקן אָרט און זיצן לעבן דעם, וואָס שיינט ווי די זון, וואָס איז איינער פון די גרעסטע מענער אין לאַנד. דאָך מאַכט ער א פּאָר טריט. דער באַ־לעבאָס לאדט אים ווייטער ביז ער זעצט זיך צום לינקן זייט פון באלעבאָס. ער דערלאַנגט די מתנות און דער באַלעבאָס איז אויפן זיבעטן הימל, וואָס אַזאַ גרויסער מענטש האָט זיך דערמאָנט אָן אים, אַזאַ קליין מענטשעלע און אים באַערט מיט מתנות און דאָ גייט ווייטער אַוועק א סדרה פון קאָמפּלי־מענטן, דאנקען, בוקן זיך.

די דינסט גרייט אַ טישל, דערלאַנגט אין מיניאַטור געשיר פון דינעם פּאָרצעליי, טיי מיט פּאַרשידענע זיסע זאַכן. און דער געשפּרעך ביים טיש, זאָל מיר גאָט שומר ומציל זיין. אַזאַ דיפּלאָמאַטישע שפּראַך וועט איר אין דער גאַנצער וועלט נישט הערן. דער געשפּרעך אַזאַ געהויבענער, זיסער, אייִדע־לער און פאַרדרייטער. אַזעלכע מאָדנע קאָמפּלימענטן פון ביידע זייטן און די שפּראַך אַזאַ געהויבענע, אַזאַ „אינטעליגענטע". אַז מען קאָן דאָס אַלץ אויסהאַלטן איז מען שטאַרקער פון אייזן.

געענדיקט טרינקען טיי, געענדיקט דעם געשפּרעך. דער גאַסט קלייבט

זיך גיין. דער באַלעבאָס האַלט אים אָפּ. דאָך גייט דער גאַסט אויף הינטער־וועגנס מיטן פּנים צום באַלעבאָס צום ארויסגאַנג. דער באַלעבאָס איז אומ־גליקלעך, וואָס דער גאַסט פאַרלאָזט אים און באַדויערט פון טיפן האַרצן וואָס, דער בכבודיקער אַרויסגאַנג פון גרויסן גאַסט ווערט פאַרגעזעצט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ס'גייט נישט אָן בוקן זיך פון ביידן, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, זייער נידעריק מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מיט קאָמפּלימענטן און דאנקען. די באַלעבאָסטע טראָגט צו צום גאַסט מתנות, טיף בוקנדיק זיך, פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַסט מוז איר ענטפערן מיט בוקן זיך און עס הויבט זיך אָן נישט פאַר קיין יידן געדאכט, אַ נייע פּראָצעדורע פון בוקן, קאָמפּלימענטן, דאנקען און אַלץ אין א געפליגלטער שפּראַך. דער גאַסט דריקט אויס זיין גרעסטע פרייד און גליק און בוקנדיק זיך צו אַלעמען פאַרלאָזט ער די הויז. טוט אָן אויפן גאנעק די שיך, נעמט דעם שירעם און לאָזט זיך א צופרידענער, אַ גליקלעכער אַהיים.

אומעטום איז עטיקעט: אין גאַס, אין הויז, אין טעמפּל, אין טעאַטער, ביי אַ פאַרזאַמלונג אויף אַ באַנקעט, דער באַן־טאָן איז אַ טעאַטראַלישער.

קושן זיך, דריקן די הענט, ארומנעמען איינע די אנדערע איז ביי זיי נישט נאָר קעגן דער עטיקעט, נאָר העכסט אומאנשטענדיק, כמעט פאַר־ברעכעריש און ווייל איראָפּעער און אַמעריקאַנער טוען עס, האלטן זיי אונדז פאַר אויסגעלאַסן אויפן נידעריקסטן אופן.

זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געבוג צרות מיט די אַמעריקאַנער און איי־ראָפּעישע קינאָ בילדער. ווייל, האָט איר דען געזען א סך אונדזערע ביל־דער, וווּ מען קושט זיך נישט, אָדער ווו מען באַגריסט נישט איינע די אנ־דערע מיט די הענט? אָדער מען זאָל נישט דריקן איינע די אנדערע צום האַרצן? און דאָס איז טאָבו. וואָס טוט מען מיט דער גאנצער אויסגעלאסנ־קייט? און דאָס פאָלק וויל גראדע זען אמעריקאנער בילדער, און קינאָס עפענען זיך איינע נאָך די אנדערע. טוען זיי גאָר א קלייניקייט. זיי שניידן פון דער מוווי אויס אלע אומאנשטענדיקע פלעצער. און שטעלט אייך פאָר, וואָס עס קאָן שוין בלייבן פון אַ האָליוודער בילד נאָך אַזאַ ערנסטע אָפּע־ראַציע. גאָרנישט מיט גאָרנישט. און אויף כשר מאכן די בילדער פארן יאַפּאַנישן עולם האָבן זיי ספּעציעלע פּאָליציי אַנגעשטעלטע, וואָס צענזו־רירן אַלע נייע אָנגעקומענע בילדער און נאָכן דיאַגנאָז קומט די אָפּעראַ־ציע.

דער יאַפּאַנישער טעאַטער שטייט זייער נידעריק. די פּיעסן זענען נאַריש און נאַיוו. לאַנגע מאָנאָלאָגן און פון די מאָנאָלאָגן איז צענויפגע־שטשאָבעט די פּיעסע מיט ווייסע פעדים. און עפּעס מאָדנע דעקלאַמירן זיי די מאָנאָלאָגן. זיי זידלען, שרייען אויס, און ווידער קומט א מאָנאָלאָג מיט

געשרייען. ווען איינער פון די אקטיאָרן נעמט אפילו נישט אנטייל אין דעם אקט, איז ער אויך אויף דער בינע, זיצט מיט די אקטיאָרן, וואָס דארפן באַלד ארויסטרעטן. זיי רויכערן זייערע קליינינקע ליולקעס און ווארטן ביז עס וועט דערגיין צו זיי.

די יאַפּאַנער קומען אין טעאַטער מיט זייערע קינדער, אַפילו מיט זייערע זויג קינדער, וועלכע זיי האַלטן איינגעוויקלט הינטער זיך אויפן פלייצע. אַזוי הענגען די קינדער פון הינטן.

און דער אָרקעסטער שפּילט די גאנצע צייט הויך, שרייענדיק, ביז ער לאָזט זיך אַרונטער אויף די נידעריקסטע טענער און גיט זיך מיט אמאָל א הויב אויף די העכסטע טענער. אויך איז אינטערעסאנט, אַז דער אקטיאָר, וואָס דאַרף אַרויסגיין און באַלד אריינקומען, גייט נישט אַרויס, נאָר שטעלט זיך אָן אַ זייט, פאַרדעקט זיין פּנים מיט א טיכעלע: ער איז נישטאָ. און אָט דאַרף מען פאָרשטעלן א ים מיט גרויסע כוואַליעס. נעמט מען א בלויע ליי־ונט און מען שפּרייט דאָס אויס אויף דער בינע און דאָס געערטע פּובלי־קום ווייסט, אַז דאָס איז דער ים.

דער טעאַטער איז אָן בענק און אָן שטולן. די באַזוכער זיצן אויף די קארטאטשקעס אויף די קני. אַנדערע ברענגען קישעלעך, עס זאָל זיין ווייכער פאַר די קני. פאַרשטייט זיך, אַז מען קומט אַריין אין טעאַטער אָן די שיך, וועלכע מען לאָזט איבער אין לאבי אין ספּעציעלע קעסטלעך. אין טעאַטער זענען אַלע אין די זאָקן.

קאַפּיטל 5

די אַרבעטער באַוועגונג אין יאַפּאַן

שיין איז געווען דאָס בילד, ווען אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַ־פּאַנישער קריג האָבן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס די פאָרשטייער פון רוסישן (פּלעכאַנאָוו) און יאַפּאַנישן (קאַטאַיאַמאַ) סאָ־ציאַליזם זיך העכסט פריינדלעך און חבריש געדריקט די הענט. נאָר ווי פאַרשיידן זענען דאַן געווען די וועגן פון רוסישן און יאַפּאַנישן סאָציאַליזם. אין רוסלאַנד איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף, ביז די אַרבעטער האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין זייערע אייגע־נע הענט און אין יאַפּאַן איז די באַוועגונג אויסערלעך אָפּגעטויט געוואָרן. דער יאַפּאַנישער פּאָגראָם אויף די סאָציאַליסטן איז געווען אַ סך ווירקזאַ־מער ווי ביסמאַרקס אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ.

אַ לאַנגע צייט האָט מען פון סאָציאַליזם אין יאַפּאַן נישט געהערט. ער איז געווען אָפּגעטויט. מיר געדענקט זיך, אַז זייענדיק אין 1917 אין יאָקאָהאַמאַ, בין איך אַריין אין אַ יאַפּאַנישן בוך געשעפט, וווּ עס פאַרקויפן זיך אויך ענגלישע ביכער. איך האָב זיך פאַרנאַנדערגערעדט מיטן אייגנטי־מער פון געשעפט און דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט, האָט ער זיך זייער דערפרייט. ער האָט מיר אָבער אָנגעזאָגט, ווי דער בעסטער פריינד, איך זאָל קיינעם וועגן דעם נישט זאָגן, נישט דערציילן, ווייל אימי־צער קען נאָך דערהערן און פון דעם וועל איך נישט גוט אָפּשניידן. דער־נאָך האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער, וווּ ער האָט פּשוט אויסגעגראָבן אַ פּאָר בראָשורקעס, קליינע ביכלעך אין יאַפּאַניש וועגן סאָ־ציאַליזם. זיין האַלטן זיך, זיין רעדן, די קאָנספּיראַציע האָט מיך דערמאָנט אָן די צייטן פון די צאַרן אין רוסלאַנד.

ער איז געווען אַ יאַפּאַנישער סאָציאַליסט און ווי אַלע פּיאָנערן פון דער באַוועגונג — אַ גרויסער טרוימער, אַ פאַנטאַזיאָר. ער וואָלט פאַרן סאָ־ציאַליזם אַוועקגעגעבן זיין לעבן.

— מיר מוזן אין יאַפּאַן אָנהויבן אויף דאָס ניי און איצט וועלן זיי נישט קענען די באַוועגונג טויטן. שוין אַנדערע צייטן און די אַרבעטער זענען שוין צייטיק אונדזערע געדאַנקען איבערצונעמען און אָנפירן זייער

קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן. און וואָס לענגער איך האָב פאַר־בראַכט אין יאַפּאַן און שפּעטער אויפן ווייטן מזרח האָב איך זיך מער אי־בערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זיינע ווערטער.

יאַפּאַן איז ווי כינע, געווען אין גאַנצן אַ פאַרשלאָסן לאַנד, אָפּגעגרע־נעצט פון דער גאַנצער וועלט מיט ימים און אָקעאַנען און זי האָט קיין פרעמדע נישט אַריינגעלאָזן צו איר, ביזן יאָר 1864, ווען זי האָט געמוזט איינגיין אויף דער פאָדערונג פון אַמעריקאַנעם פּירי, וועלכער האָט די פראַגע פון עפענען יאַפּאַן פאַרן האַנדל מיט די אַמעריקאַנער ארויסגע־שטעלט קאַרדינאַל: „אָדער האַנדל מיט אונדז, אָדער מירן אייך באַשיסן". און ער האָט פשוט געצוווּנגען די יאַפּאַנער עפענען זייערע פאָרטן פאַרן אויסלענדישן האַנדל. אָבער דאָס אַריינדרינגען פון די „באַרבאַרן" האָט פאַר־אורזאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין יאַפּאַן. ערשטנס האָט דאָס פאַרניכטעט דעם פעאָדאַליזם און די הערשאַפט פון די פעאָדאַלן (שאָגונען). יאַפּאַן איז פאַראייניקט געוואָרן אונטער דער שטאַרקער הערשאַפט פון מיקאַדאָ, און צווייטנס האָט זיך דאַן יאַפּאַן אָנגעהויבן אינדוסטריאַליזירן און מיליטאַרי־זירן אויפן אייראָפּעישן שטייגער. יאַפּאַן איז געוואָרן א מאָדערן עקספּאָרט און אימפּאָרט לאַנד. ביי דער נייער לאַגע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויק־לען א מאָדערן אינדוסטריעלער אַרבעטער קלאַס, און דאָס לאַנד טרעט אריין אין איר נייער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. נאָך דער רעוואָלוציע פון מענ־דזי ווערט יאַפּאַן אויך אַ פאַרלאַמענטאַריש לאַנד. נאָך איר זיגרייכער מל־חמה מיט כינע אין 1896־7 רוקט זיך אַרויס דער נייער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אַלס דער פירנדער, הערשנדער. יאַפּאַן קריגט דאַן גרויסע מערק אין כינע, אויפן ווייטן מזרח און אפילו אין סיביר. אָבער די מלחמה האָט אויך אַרויסגערוקט דעם מיליטערישן קלאַס וואָס קאָנקורירט שטאַרק אין מאַכט און איינפלוס מיטן קאַפּיטאַליסטישן און עס דערגייט אָפּט, ווען אָט דער מיליטערישער קלאַס באַהערשט אין גאַנצן דאָס לאַנד. ספּעציעל האָט זיך געשטאַרקט דער מיליטאַריזם נאָך דער זיגרייכער מלחמה מיט דער גרעס־טער לאַנד אויף דער וועלט — מיט רוסלאַנד אין 1904־1905, ווען יאַפּאַן האָט געוווּנען גרויסע שטיקער טעריטאָריעס און האָט געקראָגן דעם טיטל אַלס אַן ערשט ראַנגיקע מאַכט. פון דעמאָלט אָן איז דער מיליטאַריסטישער קלאַס דער שטאַרקסטער און מעכטיקסטער און ער פירט אָן מיט דער גאַנ־צער פאָליטיק אין לאַנד. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט יאַפּאַן, נישט נעמענדיק דירעקט קיין אַנטייל אין דער מלחמה, האָט זי די מלחמה אויפן בעסטן אויפן אויסגענוצט פאַר זיך. אויב אימ־צער פון די אַלע מלחמה פירנדע לענדער האָט יאָ עפּעס געוווּנען, האָט די נייטראַלע יאַפּאַן געוווּנען מער פון אַלעמען. יאַפּאַן איז פון דער מלחמה רייך

געוואָרן, זיך גוט אנטוויקלט אינדוסטריעל, האָט געוווּנען נייע מערק און
דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז שטאַרק רייך געוואָרן. עס האָבן זיך באַ־
וויזן מיליאָנערן, ווי שווימען נאָך אַ רעגן. יאַפּאַן האָט דאַן דערגרייכט די
העכסטע שטופע פון רייכקייט, שטאַרקייט און זי האָט אָנגעהויבן צו שפּילן
איינע פון די גרעסטע ראָלן אין דער וועלט פּאָליטיק. אַפילו דער קריזיס,
וואָס איז אנטשטאנען אין לאַנד נאָך דער מלחמה, ווען מאסן אַרבעטער זע־
נען ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער מלחמה אינדוסטריע האָט שוין נישט
געקאָנט פאַרניכטן דאָס, וואָס עס איז געוווּנען געוואָרן א דאנק דער מלחמה.
די אַרבעטסלאָזע האָבן זיך אָנגעהויבן בונטעווען און עס זענען דאַן צום
ערשטן מאָל פאָרגעקומען די ערשטע ארבעטסלאָזע אומאָרדענונגען. יאַפּאַן
איז ביי זיך נישט גפאַלן. פאַרקערט די אַפּעטיטן צו נייע דעראָבערונגען האָבן
זיך פאַרשטאַרקט. רוסלאַנד איז אַרויס פון דער מלחמה אַן אָפּגעשוואַכטע,
אַן אויסגעצערטע, די רעוואָלוציע און דער בירגער קריג האָבן אריינגעטראָגן
דעם גרעסטן כאַאָס אין לאַנד און דאָ האָט יאַפּאַן דערזען פאַר זיך די מעג־
לעכקייט צו פארווירקלעכן איר אַלטן טרוים צוצונעמען די ווייט מזרחדי־
קע סיביר פאַר זיך. זי האָט אַריינגעשיקט איר אַרמיי אין מזרח סיביר די
אַוואַנטורע האָט זיך נישט איינגעגעבן. די אָקופּאַציע אָבער פון מזרח סי־
ביר האָט געהאט גרויסע פאָלגן פאַרן יאַפּאַנישן געזעלשאפטלעכן לעבן. די
יאַפּאַנישע סאָלדאטן אין סיביר, קומענדיק אין בארירונג מיט די רוסן און
זייער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די אָקופּאַציע פאַר אַן
אַוואַנטורע און זענען אַפילו אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די געפערלעכסטע
געדאַנקען. עס איז דאַן פאַר די אַרמייען אריסגעפירט געוואָרן א סך רייז
אַזוי, אַז פאַרן לאַנד איז פאַרבליבן צו ווייניק. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן
ליידן הונגער און אַלס רעזולטאַט פון דעם קומען פאָר אין די פאַרשידנסטע
שטעט הונגער בונטן, באַקאַנט אין לאַנד אלס רייז אומאָרדענונגען. אין די
בונטן האָבן זיך באַטייליקט די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק. די רעגירונג,
כדי איינצושטילן דאָס לאַנד, האָט געמוזט באנוצן גאנצע דיוויזיעס סאָל־
דאטן. הונדערטער פון די בונטאַרן האָבן געקראָגן טויט שטראָף און טויזנ־
טער זענען אַרעסטירט געוואָרן.

די רייז אומאָרדענונגען האָבן זיך אָנגעהויבן סטיכיש, אָבער דערנאָך
ווען צו די בונטן זענען צוגעשטאנען א סך סאָציאַליסטן, האָבן זיי אָנגענו־
מען אַ באַוווסטזיניקן כאַראַקטער. די אויפטרייסלונג אין לאַנד האָט פאַר
די סאָציאַליסטן געשאַפן אַ גוטן באָדן פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. דער
סאָציאַליזם ווערט אין יאַפּאַן אַ היילִיקע לערע פון דער שטודירנדער יוגנט
און פון די אַרבעטער. די רעגירונג באַגייט זיך גרויזאַם מיט די סאָציאַליס־
טן, וואָס פאַלן אַריין אין אירע הענט. הגם די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז

דאָרט אַן אונטערערדישע, פאַרשפּרייט זי זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. די שטודירנדיקע יוגנט שאַפט גרופּן, שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאַלע פראַגן, סאָציאַליזם און די אַרבעטער אונטער דער פירערשאַפט פון זייערע סאָציאַליסטישע לידערס ווערן דורכגעדרונגען מיט די געדאַנקען פון זייער פאָלקומענער באַפרייאונג. מיט דער צייט ווערט די באַוועגונג האַלב לעגאַליזירט. די באַוועגונג גייט אַרויס פון איר אונטערערדישן צושטאַנד. עס אָרגאַניזירן זיך גרופּן, קרייזן, און אפילו פאַראיינען. ביז עס שאַפט זיך די יאַפּאַנישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע און אין 1919 קומט פאָר איר ערשטער צוזאַמענפאָר. אמת איז — די רעזאָלוציעס זענען צו בלייך, צו נאַיוו, פאַרשטייען נאָך נישט ווי געהעריק דעם גייסט פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, דאָך קען מען שוין זען די ערשטע שפּראָצונגען פון פון א גרויסער, מעכטיקער יאַפּאַנישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. יעדנפאַלס איז שוין די צייט, ווען די רעגירונג האָט געהאַנגען פיר פון די בעסטע סאָציאַליסטן אין לאַנד, — לאַנג אַריבער. די אַרבעטער באַוועגונג איז צו שטאַרק, אום די רעגירונג זאָל אַזאַ אַקט איצט דורכפירן.

די אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך אין טרייד יוניאָנס. די ערשטע צו אָרגאַניזירן זייער פאַך זענען געווען די שריפטזעצער. זייער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין 1890. אין גיכן האָבן זיך אָרגאַניזירט די באַן ארבעטער. דערנאָך זענען געשאַפן געוואָרן אנדערע אָרגאַניזאַציעס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייקס פאַר העכערן דעם לוין און פאַר בעסערע באַדינגונגען און באַהאַנדלונג. פריער איז אין יאַפּאַן געווען רעכט, אַז א מענטש זאָל אָפּאַרבעטן 16 שעה און דערפאַר קריגן צען סען און דערצו איז זיך דער באַלעבאָס באַגאַנגען מיט אים אויפן שענדלעכסטן אופן. האָט אים געשלאָגן און באַליידיקט.

היינט (דאָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1922. די אַלע ציפערן גיב איך אָן ביז יענער צייט, ד"ה ביז איך האָב צום לעצטן מאָל פאַרלאָזן יאַפּאַן אין 1921) געפינען זיך אין יאַפּאַן 199 פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די ענערגישסטע און באַוווסטזיניקסטע פון זיי זענען די 102 פאַראיינען פון בערג אַרבעטער, וועלכע האָבן א מיטגלידערשאַפט פון 46,766. די אלגעמיינע צאָל פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט דערגרייכט 230,000. איינע פון די שטאַרקסטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז פון די מעטאַל אַרבעטער, וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרן פון די סאָציאַליסטן סאָקאַי און זיין תלמיד יאַמאַקאַווא. די באַוועגונג איז געווען באמת א ראַדיקאַלע. די רעגירונג האָט קעגן די פאַראיינען אָנגעווענדט אינקוויזיטאָרישע מיטלען און וואָס מער גרויזאַם די רעגירונג איז צו זיי געווען אַלץ מער האָט זי זיי געשטופּט צו זיין אָפּאָזיציאָנעל און לינק.

די רעגירונג האָט דעם קאַמף פאַרשפּילט. זי האָט זיך דערשראָקן און זיך אָנגעהויבן באַגיין מילדער מיט די אַרבעטער. זי האָט אַפילו באַשלאָסן צו לעגאַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דאַן האָט די סמעטענע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, די שריפטזעצער, ארויסגעלאָזן א פּראָ־קלאַמאַציע מיט אַ וואָרנונג צו די אַרבעטער:

— חברים, זייט אויף דער וואַך. גלויבט נישט זייערע רעדעס וועגן לעגאַליזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער נייער געזעץ וועט זיין אַ פּראָפעסיאָנעלע פארקנעכטונג פון אונדזערע קערפּערס און נשמות. מיר קענען זיך באַפרייען נאָר מיט אונדזערע כוחות.

די רעגירונג האָט דאָך לעגאַליזירט די פאַראיינען. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זי אַרומגערינגלט די אַרבעטער מיט אַזוי פיל שפּיאָ־נען, פּראָוואָקאַטאָרס, ווי אין קיין לאַנד. עס איז פאַרווערט געוואָרן צו באַנוצן די ווערטער „עקספּלואַטאַציע", „דירעקטע אַקציע" און ענלעכע. ביז היינטיקן טאָג עקזיסטירט נאָך דער געזעץ, וואָס פאַרווערט שטרייקן. פאַר אָנטייל נעמען אין אַ שטרייק ווערט מען באַשטראָפט פון איין חודש ביז אַ האַלב יאָר קאַרצער, אָדער מיט אַ געלט שטראָף ביז 300 יען. פאַרשטייט זיך אַז דער געזעץ איז נישט מער ווי אַ טויטער בוכשטאַב. די צאָל שטרייקן האַלט זיך אין איין פאַרמערן. מען שטרייקט און די פאָדערונגען זענען מערסטנס מינימאַלן לוין אויף אַ יען און 80 סען (אונדזערע 45 סענט) פאַר אַן 8־שעהנדיקן ארבעטסטאָג. און גלייך ווי מען הויבט אָן שטרייקן הויבן זיך אָן מאסן אַרעסטן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די מעטאַל ארבעטער, אָרגאַניזירט אין דער „יו א קאַי" האָבן באַשלאָסן צו פאָדערן, אַז זייער לאַנד זאָל נישט הייסן „די גרויסע יאַפּאַן", נאָר זאָל הייסן בלויז „יאַפּאַן". מיט דעם האָבן זיי זיך געוואָלט אָפּגרענעצן פון די מיליטאַריסטן און אימ־פּעריאַליסטן.

דאָך איז די רעגירונג געצוווּנגען געווען איינפירן אַרבעטער געזעצן. קינדער אונטער 16 יאָר טאָרן נישט אַרבעטן מער פון 11 שעה א טאָג. יע־דער אַרבעטער מוז קריגן צוויי פרייע טעג אין מאָנאַט. פרויען, ווען זיי דאַרפן האָבן א קינד, ווערן באַפרייט פון דער אַרבעט אויף צען וואָכן. פאַרוווּנדע־טע ביי דער אַרבעט קריגן א פארגיטיקונג. ווען אימיצער ווערט דערהרגעט ביי דער אַרבעט קריגט די אלמנה פאַר א יאָר צייט זיין געהאַלט, און אַנד.

זייער אַ שווערן קאַמף האָבן די יאַפּאַנער אָנגעפירט אין פאַרלויף פון יאָרן פאַר דאָס רעכט צו שיקן אין אויסלאַנד זייערע פאַרשטייער צו די אינ־טערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע און טרייד יוניאָניסטישע קאָנגרעסן. אין דעם קאַמף האָבן זיי אַ סך ארויסגעהאָלפן די ליבעראַלן פון יאַפּאַן. און די אַרבעטער האָבן אויסגעפירט.

א מאָדנעם פאַל האָב איך געהאַט אין 1920. איך בין דאַן געווען אין יאַפּאַן אין די אינטערעסן פון די אידישע פּליטים און מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין אייניקע גרויסע פּאָרט שטעט. איינמאָל בין איך געפאָרן אַ גאַנ־צע נאַכט און איך האָב באַמערקט, אַז א יונגער יאַפּאַנער קומט אָפּט אַריין אין מיין וואַגאָן, קוקט אויף מיר זייער אויפמערקזאַם און פארלאָזט דעם וואַגאָן. דאָס האָב איך באַמערקט א דריי פיר מאָל. און איך קען נישט פאַר־שטיין מיט וואָס האָב איך געצויגן זיין אויפמערקזאמקייט.

— ווידער א דעטעקטיוו, טראַכט איך און באַלד וועלן זיך שוין ווידער אָנהויבן די פראַגן. נאָר איך בין רואיק. איך בין כשר אויף אַלע אופנים.

ער קומט אַריין נאָך אַמאָל, פאַרנויגט זיך זייער איידל, שטעלט זיך פאָר — ער איז דער און דער, אַ סטודענט פון טאָקיער אוניווערזיטעט, וועל־כער פאָרט מיט אַ גאַנצער גרופּע סטודענטן און מיט זייער פּראָפעסאָר פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג און ער פרעגט מיך צי איך בין אַ שטאַרק פאַראינטערעסירט און איך האָב מיט זיי אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט. רוסישער.

— יאָ, — ענטפער איך אים. .

ער בעט מיך אין נאָמען פון זיין גרופּע, איך זאָל אַריין אין זייער וואַגאָן און פאַרברענגען מיט זיי. איך וויליג איין און ער האָט מיך צוגעפירט צו דער גרופּע סטודענטן — יונגע יאַפּאַנער פון אַרום 20־22 יאָר, באַקאַנט מיך מיט זיי און אויך מיטן אַלטן פּראָפעסאָר. אַלע שטעלן זיך אויף, בייגן זיך פאַר מיר אייניקע מאָל, ווייזן מיר אַ פּלאַץ צום זיצן און דער פּראָפעסאָר אַנטשולדיקט זיך פאַר מיר, וואָס ער האָט מיך איינגעלאַדן אין אַזאַ שפּע־טער צייט, ווען אַלע שלאָפן שוין און נאָך אַ קליינער פאָררעדע דערקלערט ער מיר, אַז די גאַנצע גרופּע אינטערעסירט זיך מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן און ער בעט די דערלויבעניש צו שטעלן מיר אייניקע פראַגן וועגן דער רוסי־שער רעוואָלוציע, צי וויל איך האָבן מיט זיי אַ געשפּרעך וועגן דעם ענין.

— מיט פאַרגעניגן, — ענטפער איך אים — אויב איך וועל נאָר וויסן וועל איך אייך ענטפערן. און ער טרעט צו צו דער אַרבעט.

— וואָס פאַראַ פּאַרטייען האָבן דורכגעפירט די פעברואַר־רעוואָלוציע?

— די ס"ר פּאַרטיי, די קאַדעטן, די ס"ד.

מיט וואָס אונטערשיידן זיי זיך איינע פון די אַנדערע?

איך דערקלער זיי דאָס.

— ווער זענען געשטאַנען הינטער די פּאַרטייען?

— די פּויערים, די אַרבעטער און די ליבעראַלן.

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פראַגן וועגן דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע. דאָ בין איך שוין געוואָרן העכסט פּאַרזיכטיק. איך

האָב זיי דערקלערט, אַז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע בין איך גאָר געוועזן נישט אין רוסלאַנד און דערפאַר זענען מיר די איינצלהייטן נישט באַקאַנט און אויף צען פראַגן פלעג איך ענטפערן זייער פאָרזיכטיק אויף איין פראַגע. זיי האָבן פאַרשטאַנען מיין פאָרזיכטיקייט און מיר פאַרזיכערט, אַז איך האָב זיך נישט וואָס צו שרעקן, זיי וועלן מיר קיין בייז נישט טאָן, נאָר איך האָב זיי נישט געטרויט און אָנגעהאַלטן מיין טאַקטיק.

שפּעטער איז געווען אַן אַלגעמיינער געשפּרעך אין וועלכן די פראַגן־שטעלער זענען געווען די סטודענטן.

איינער פרעגט מיך צי האָב איך געקענט לענינען?

— ניין, — ענטפער איך.

צי האָב איך אים אַמאָל געזען?

— ניין.

— צי האָט איר געקענט טראָצקין?

— ניין, איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען.

— איר זייט דאָך אַ רוסישער, ווי אַזוי האָט איר זיי נישט געזען?

— רוסלאַנד איז אַ זייער גרויס לאַנד, און ס׳איז אוממעגלעך צו קע־נען אַלעמען.

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט רחמנות.

מיר האָבן פאַרבראַכט נאָך אַ קורצע צייט. געטרונקען מיט זיי טיי מיט רייז־קיכלעך. מיר האָבן באַדאַנקט איינע די אַנדערע און איך בין אַוועק אין מיין וואַגאָן. און ביז וואַנען איך בין אַראָפּ פון באַן, האָב איך דערוואַרט וויזיטן פון דעטעקטיוון, אָבער דאָס מאָל האָב איך גוט אָפּגעשניטן. קיינער האָט מיך נישט באַלעסטיקט. זיי האָבן מיר געבעטן צו זיך טאַקע צוליב זייער אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

קאַפיטל 6

איך פאַרלאָז יאַפאַן און פאָר דורך קאָרייע

דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט אין יאָקאָהאַמאַ האָט מיך באַזאָרגט מיט די הוצאות אויף מיין ווייטערדיקער רייזע, אויך מיט די נויטיקע פאַפירן און דאָקומענטן און איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ווידער אַ גאַנצן טאָג מיט דער באַן. און ווידער באַוואונדער איך די ריינקייט פון די רייזנדע, די שטילקייט פון די פאַסאַזשירן. איך הער אפילו נישט קיין געוויין פון די פיצלעך קינדער, וועלכע האַלטן זיך ווי גרויסע דערוואַקסענע: שטיל, רויק, שמייכלענדיק, ערנסט. עפעס מאָדנע שפיי־קעסטלעך זענען דאָ אין די וואַגאָנען — גרויסע, טיפע, ברייטע, ווי ריזיקע שיסלען. און די טואַלעט צימערן זענען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זיי זענען באַקוועם פאַר די איראָפייער מיט אַ זיץ־פלאַץ און פאַר די יאַפאַנער אָן דעם. איך זיץ די גאַנצע צייט ביי אַ פענצטער און ווי ווייט די אויגן קענען זען זענען אויסגעשפרייט פאַר דיר די רייז־פעלדער מיט אַ הויכן פלאַסט פון וואַסער. עס אַרבעטן די פויערים מיט זייערע ווייבער און קינדער, וועלכע זענען האַלב אין וואַסער. זיי רייניקן די פעלדער. אַ שווידערלעך שווערע אַרבעט — אַ גאַנצן טאָג איינגעבויגן און רייניקן די רייז פון אַנדערע שעדלעכע גראָזן.

און דער גאַנצער האָריזאָנט איז פאַרשטעלט פון אַלע זייטן מיט הויכע בערג. און זייער אָפט שניידט אונדזער באַן איבער די בערג דורך זייער לאַנגע טונעלן. אַ סך פון די בערג זענען פייער־שפייענדיקע. און דו קענסט זען די רעזולטאַטן פון די פייערן: שטיקער בערג באַדעקט מיט דער שוואַרצער לאַווע. אָבער יעדעס שטיקל באַרג, וואָס איז ריין פון דער לאַווע איז באַאַרבעט. אפילו די טעראַסן פון די בערג זענען געדיכט באַדעקט מיט די רייז־פלאַנצונגען. דו זעסט נישט קיין איין ברעקל לאַנד, וואָס איז נישט פאַרזייט. איך האָב אין קיין לאַנד נישט געזען אַזאַ אינטענסיווע באַלעבאַטישקייט ווי דאָ אין יאַפאַן. אפילו דער מענטשלעכער און חיהשער אָפפאַל גייט דאָרט נישט פאַרלאָרן. מען דאַרף אים נויטיק האָבן פאַר די פעלדער. עס איז נישטאָ קיין איין הויז, אינסטיטוציע, האָטעל, רעסטאָראַן, וואָס גיט נישט אַוועק דעם אָפפאַל פאַר די פעלדער.

מיר פאָרן דורך דערפער, שטעטלעך און שטעט, און די גאַנצע צייט

קיין אין ווייסן נישט געזען. אַלע זענען פון דער געלער ראַסע. און אַלץ איז אַזוי אַנדערש ווי אויף אונדזערע באַנען... די דערפער מאַכן אויף דיר אַ שטאַרקן איינדרוק מיט אָרעמקייט. דאָך איז די אָרעמקייט אַ באַפּוצטע. יעדעס כאַלופּקע האָט אויף זיך עפּעס אַ צירונג, אַ באַפּוצונג; לעבן יעדעס כאַלופּקע עפּעס אַ גערטנדל, אָדער אַ טייכעלע,ביימער מיט לאַמטערנעס, פּאַפּירענע פויגלען, שלאַנגען, אויסגעטראַכטע חיות... אויף רייד באַוואָק־סענע בערגלעך קענסטו זען זייערע קליינע טעמפּלען. אויב אין יאָקאָהאַמאַ, טאָקיאָ האָסטו געקענט זען אַ פּאָר איראָפּעישע גאַסן, קען מען דאָס נישט זען אין די קלענערע שטעט, וועלכע דו פּאָרסט דורך. זיי זענען ריין יאַ־פּאַניש. אויף יעדער גרעסערע סטאַנציע באַגעגענען אונדז די שפּייז־פּאַר־קויפער. אויסערגעוויינלעך ביליק רעכענען זיי פּאַרן עסן. און טאַקע אַלע דריי מאַלצייטן האָב איך געגעסן אויף דער באַן. און אַלע דריי מאַלצייטן האָבן מיר געקאָסט נישט טייערער ווי פּערציק אַמעריקאַנער סענט.

די שטילקייט אין באַן הויבט מיך אָן מאַכן נערוועז. האָסטו געזען אַ־זוינס? אַז איינער רעדט נישט מיטן צווייטן, זיצן ווי סטאַטועס. עס קומען נישט פּאָר קיין באַקאַנטשאַפטן. אַלע זענען פרעמדע. דער עולם איז פּאַר־אינטערעסירט מיט די צוויי ווייסע — מיר און רבקהן. קוקן אויף אונדז, באַטראַכטן אונדז. נאָר גלייך ווי איך גיב אַ קוק אויף זיי דרייען זיי אָפּ די אויגן. און קיינער האָט נישט געמאַכט קיין פּרווון מיט אונדז אַ וואָרט אויס־ריידן. מיר פילן זיך דאָ אַזוי אומהיימלעך! און ווען איך רייד אויס מיט רבקהן אַ פּאָר ווערטער, שטעלן זיי אַלע אָן די אויגן און די אויערן אויף אונדז, אַזוי ווי מיר וואָלטן באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן קעגן דער אַנגע־נומענער מאָראַל. איך האָב זיך געפילט אַנגעשטרענגט אויפן העכסטן גראַד.

און אָט, גאָט צו דאַנקען — מיר זענען אָנגעקומען אין טסורוגאַ, אונ־דזער לעצטער פּונקט אין יאַפּאַן, פון וואַנען מיר דאַרפן נעמען די שיף קיין קאָרייע.

מיר גייען אַראָפּ פון באַן — ערשט גאָר אַ פרישע אַנשיקעניש אויף אונדזער קאָפּ: ווידער אַ דעטעקטיוו. ער שטעלט אונדז אָפּ און עס הויבן זיך ווידער אָן גאָר אויף דאָס ניי פראַגן, פאַרשונגען און אויספאָרשונגען. ער האָט אונדז אָפּגעהאַלטן אפשר אַ שעה צייט. איך גיי אַרויס פון געדולד. דערקלער אים אַפילו נישט זייער איידל, אַז מיר פאָרן קיין רוסלאַנד, אַז מיר האָבן מיט יאַפּאַן מער גאָרנישט צו טאָן, אַז די יאַפּאַנישע דעטעקטיווס קריכן מיר שוין פון האַלדז. ער, נישט געקוקט אויף דעם, שטעלט מיר פראַגן און פראַגן ביז איך ווער ערנסט אין כעס. הער אים אויף צו ענטפערן אויף זיינע פראַגן און פאַל אָן אויף אים, וואָס ער האָט מיר צעריבן אַ שעה צייט. איך קען נאָך פאַרשפּעטיקן די שיף, דערצו איז די סטאַנציע אין גאַנצן אָפּ־

געליידיקט, אַלע זענען זיך צעגאַנגען, צעפאָרן, און איך האָב אפילו נישט קיין ריקשעס צו נעמען אונדז מיטן באַגאַזש צו דער שיף. און דאָס האָט געווירקט. ער אַנטשולדיקט זיך און ראָט אונדז צו פאַרבלייבן אין טסורוגע איבער נאַכט. היינט איז אַ געפערלעכער שטורעם, ס'איז אפילו אַ לעבנס־געפאַר צו פאָרן. נעכטן איז אויך געווען אַזאַ שטורעם און די ביינאַכטיקע שיף איז אונטערגעגאַנגען. איך דערקלער אים קאַטעגאָריש, אַז איך וועל נישט פאַרבלייבן אין זיין יאַפּאַן נאָך אַ נאַכט, זאָל זיין וואָס זאָל זיין, איך פאָר די נאַכט אין פוזאַן, קאָרייע און אַזוי ווי איך האָב דאָ אַ סך באַגאַזש, פאָדער איך פון אים אָדער ער זאָל אונדז העלפן טראָגן די זאַכן ביז מירן קריגן ריקשעס, אָדער ער זאָל ברענגען ריקשעס אַהער. ער דערקלערט, אַז ער טאָר דאָס נישט טאָן. דאָך נאָך אַ לאַנגער אינטערווענץ נעמט ער דעם גרעסערן טייל פון די זאַכן און מיר מאַרשירן אַרויס פון באַן־הויף. מיר זעגען דורכגעגאַנגען אייניקע קוואַרטאַלן, ביז ער האָט פאַר אונדז געקראָגן ריקשעס און אונדז איינגעאָרדנט מען זאָל אונדז צופירן צו דער שיף. ער איז אויך מיטגעפאָרן און דאָ האָט ער אונדז באַוויזן זיין יאַפּאַנישע דזשענטלמענישקייט: באַזאָרגט דעם באַגאַזש, געקראָגן פאַר אונדז אַ גוטע קאַיוטע. רבקה האָט שטאַרק פּראָטעסטירט, וואָס מען האָט אין אונדזער קאַיוטע אַריינגעזעצט צוויי יאַפּאַנער. זי האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט פאָרן מיט זיי אין איין קאַיוטע און איך בין געצוווּנגען געווען צו גיין צום קאַפּיטאַן מיט דער פאָדערונג, אַז אָדער ער זאָל צונעמען די צוויי יאַפּאַנער פּאַסאַזשירן, אָדער ער זאָל אונדז געבן אַן אַנדער קאַיוטע. דער סוף פון די אונטערהאַנדלונגען מיטן קאַפּיטאַן איז געווען, אַז ער האָט אונדז אויף איבער נאַכט אָפּגעגעבן זיין אייגענע קאַיוטע. און מיר האָבן טאַקע געקראָגן אַ וווּנדערבאַרן צימער. נאָר מיר איז נישט באַשערט געווען צו האָבן פאַרגעניגן פון דער קאַיוטע. גלייך ווי די שיף איז אַריין אין די וואַסערן פון דעם יאַפּאַנישן ים, האָב איך אָנגעהויבן פילן שלעכט. איך האָב געקראָגן די ים־קראַנקהייט צום ערשטן מאָל אין מיינע רייזעס און איך מעג זאָגן אויך צום לעצטן מאָל. און אַ גאַנצע נאַכט בין איך געווען באַוווּסטלאָז, און ערשט ווען אונדזער שיף האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די ברעגן פון קאָרייע, בין איך צו זיך געקומען און ווען איך בין אַראָפּ פון שיף אין פוזאַן האָב איך זיך דערפילט אין פולקאָם נאָרמאַלן געזונטס־צושטאַנד. אָבער רבקה איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, זי האָט מיך באַוואַכט.

מיר זענען אַראָפּ פון שיף. באַזאָרגט דעם באַגאַזש און געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, אַ טיפּיש אַזיאַטישע שטאָט פון דער געלער ראַסע. איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז די קאָרייער זענען אַ געמישטע ראַסע פון קאַווקאַזער און מאָנגאָלער ראַסן. אויב אַזוי, טראַכט איך, איז די מאָנגאָ־

לישע ראַסע אין זיי מער פּאַרטראַטן ווי די קאַווקאַזער. ווייל כמעט דער גאַנצער פיזישער בוי זייערער איז אַ מאָנגאָלישער. די געלע פאַרב, די קרומע אויגן, די שטאַרק אַרויסגערוקטע באַקן־ביינער, דער אויסדרוק פון פּנים. נאָר וואָס דען? נישט אַזוי געל, איידעלערע געזיכט־שטריכן.

דאָס גאַנצע שטעטל איז אָנגעטאָן אין ווייסן, ווי זיי וואָלטן טראָגן תכריכים. די מענער טראָגן אַ ווייסע גראָבע סוויטקע מיט ברייטע ווייסע הויזן, די פרויען טראָגן אַ ווייסן ברייטן כאַלאַט. אויף די פיס טראָגן זיי גראָבע, וויכע שטעקשיך, און אויפן קאָפּ פאַרשיידענע איין־עטאַזשיקע, צוויי־עטאַזשיקע צילינדערס אָדער קוטשמעס. פרויען טראָגן אויפן קאָפּ צונויפ־געדרייטע טיכלעך. אויף די גאַסן איז לעבעדיקער ווי אין יאַפּאַנישע שטעט. מען גייט צופוס, מען פאָרט אויף ריקשעס, די רייכע טראָגט מען אויף אַזעל־כע טראָג־שטולן. אַלע זענען באַשיצט מיט שירעמס, אויף וועלכע עס זענען עפּעס מאָדנע אויפשריפטן אין זייער הירעגליפן־שפּראַך. אַ סך יונגע פרויען, אפשר נישט עלטער פון 14־15 יאָר, טראָגן אויפן רוקן זייערע קינדער. אַ סך שרייען, קלינגען, קלאַפּן. מיט דעם ציען זיי צו די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייגייער אויף די סחורות, וואָס זיי פאַרקויפן אין די גאַסן. איך קויף זייערע רייז־קיכלעך, גיב דעם פאַרקויפער אַן אַמעריקאַנער דיים. ער באַטראַכט עס זייער אויפמערקזאַם פון אַלע זייטן און גיט מיר אויסגאַב עפּעס אַ מאַסע קאָרייאישע קליין־געלט. מיר דוכט זיך אַז ער האָט מיר געגעבן אַ סך מער פון צען סענט. אָבער איך קען דאָך סיי ווי מיט אים נישט ריידן. איך טרעף נישט קיין איין ווייסן מענטשן.

איך גיי אַריין אין אַ פּאָר געשעפטן, באַטראַכט די סחורה, אָבער איך קויף גאָרנישט. די סחורה איז נישט פאַר מיר. איך בין אַריין אין באַנק. די געשעפטן ווערן געפירט אויף אַ רעכענונגס־מאַשינקע, ווי אין רוסלאַנד „ששטשאָט". נאָר ביי זיי זענען דאָ צוויי אָפּטיילונגען. צום סוף בין איך אַריין אין אַ האָטעל, און פון דאָרטן אין רעסטאָראַן, וואָס ביים האָטעל. אָפּ־געגעסן מיטאָג, געטראָפן איינעם, וואָס קען אַ ביסל ענגליש און יענער האָט מיך צוגעפירט צו דער באַן. באַזאָרגט מיין באַגאַזש, מיר באַוויזן ווו צו זיצן און אין אַ האַלבע שטונדע שפּעטער האָט מיך די באַן געגומען פירן איבער קאָריע, צום גרענעץ פון מאַנדזשוריע. קאָרייע איז אַ לאַנד פון בערג, טאָלן, פעלדער און טייכן. דוכט זיך קאָרייע איז אויף דער מאַפּע אַ קליין לאַנד פון דריי זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַסער. אָבער, אַז דו הויבסט אָן צו פאָרן איבער דער לענג פון קאָרייע, נעמט גאָר קיין סוף נישט צו דער רייזע. און די באַן גייט שנעל, שטעלט זיך בלויז אָפּ אויף די סטאַנציעס פון די גרעסערע שטעט. ס'איז אַן עקספּרעס. באַלאַנגט צו דער יאַפּאַנישער רע־גירונג. די וואַגאָנען זענען זייער באַקוועמע, די איינריכטונגען ווי אין די

יאַפּאַנישע באַנען. די וואַגאָנען זענען אויסערגעווײנלעך רײן — קאַשע צו וואַרפֿן. די באַן האַלט אין אײן דורכשנײדן ריזיקע בערג און צו אָפֿט פֿאָרן מיר ווידער דורך ריזיקע טונעלן. די בערג זענען אַזעלכע הויכע, אַז ס'איז שווער אויפֿצוכאַפּן זײערע שפּיצן. דער גאַנצער וועג איז אַ שפּיל פֿון פֿינצ־טערניש און ליכט. אויך ווי אין יאַפּאַן איז דאָ דער באָדן באַאַרבעט פֿאַר רײַז. כמעט אומעטום זענען אַלע פֿעלדער מיט רײַז באַזעצט און ווי אין יאַפּאַן אַרבעטן זײ אויף די פֿעלדער משפּחותווײַז. אַלע פֿון דער הויז־געזינד אַרבעטן. און וועלדער! די קאָרײער וועלדער האָבן אַ נאָמען אויף דער וועלט. צוליב די וועלדער איז פֿאָרגעקומען די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. צוליב די וועלדער האָט יאַפּאַן פֿאַרכאַפּט קאָרײע. די וועלדער זענען צעשפּרײט איבער דער לענג און דער ברײט פֿון קאָרײע. אין די וועלדער זענען דאָ אַ סך צעדער־בײמער, אָבער עס וואַקסן אַלע בײמער. אין די וועלדער זענען דאָ אַ סך חיות און אַ סך קאָרײער פֿאַרנעמען זיך מיט יאַגד. די וואָס גײען אויף יאַגד פֿון טיגערס רעכענען זיך פֿאַר די העלדישסטע אין קאָרײע און מען רעספּעקטירט זײ איבערן גאַנצן לאַנד. די מענער און די פֿרויען דאָ זענען העכער און שלאַנקער פֿון די יאַפּאַנישע. די קאָרײער האָבן פּרי חתונה. מײד־לעך צו 12־13 יאָר. אָבער דאָ קויפֿט מען נישט קײן פֿרויען, נאָר פֿאַרקערט די פֿרוי גיט נדן פֿאַרן מאַן. און די פֿרויען זענען דאָ מער אונטערדריקט, ווי אין יאַפּאַן, און דערצו טראָגן זײ אויף זיך די גאַנצע לאַסט פֿון פֿאַמיליען־לעבן. די פֿרוי אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין קיך, בײַם וואַשן, אין פֿעלד און דער מאַן איז איר אויבערהאַר. און דערפֿאַר ווערן זײ גאָר יונג פֿאַרוועלקט. צו דרײַסיק יאָר איז זי שוין אַן אַלטע פֿרוי, אין דער צײַט, ווען איר מאַן זעט אויס יוגנטלעך.

איך רײד זיך פֿונאַנדער אין באַן מיט אַ קאָרײער, אַ גרויסער קנאַ־קער, ער איז דער סעקרעטאַר פֿון קאָרײעשן העכסטן געריכט. ער האָט פֿאַר־בראַכט לאַנגע יאָרן אין בערלין, וווּ ער האָט געענדיקט אַ דײַטשן אוני־ווערזיטעט. מיט אים רײדן מיר זיך צונויף אויף דײַטש (אַז אַך און ווײ צו מײַן דײַטש, נאָר מיר פֿאַרשטײען זיך). מיט שטאָלץ און אַז אַלע זאָלן הערן, דעקלאַמירט ער מיר פֿון הײַנע, געטהע און אַנד. נאָר מיך אינטערעסירט דאָס נישט. איך פֿרעג זיך בײַ אים פֿונאַנדער וועגן דאָס לעבן, גלויבן, מינ־הגים פֿון די קאָרײער, וועגן די יאַפּאַניש קאָרײעשע באַציונגען. ער דער־קלערט מיר אָבער מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט געווען אַ יאַפּאַנער און נישט קײן קאָרײער. אויף מיר מאַכט עס אַ שלעכטן אײַנדרוק. אומעטום, האָב איך געטראַכט, זענען דאָ פֿאָלקס־פֿאַררעטער. צווישן אַנדערש ווײַזט זיך אַרויס, אַז מיר זענען מיט אים געפֿאָרן מיט דער זעלביקער שיף פֿון יאַפּאַן קײן קאָרײע און ער דערצײלט מיר, אַז די שיף איז אַמאָל געווען אַ רוסישע.

איר נאָמען איז געווען „אַלעג”, און איז אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה געווען אַ טייל פון ראַזשדענסטווענקעס פלאָט, וועלכן די יאַפּאַנער האָבן געזונקען. נאָך דער מלחמה האָבן די יאַפּאַנער איר אַרויס־געשלעפּט פון וואַסער, רעמאָנטירט און די שיף קורסירט פון דעמאָלסט אָן פון טסורוגע קיין פוזאַן און צוריק. אָבער זיי האָבן איר קונציק רעמאָנטירט, מוז איך צוגעבן. עס זענען נישט פאַרבליבן קיין סימנים, אַז זי איז געווען אַ רוסישע. אַלץ האָבן די יאַפּאַנער אויסגעמעקט און פון איר געמאַכט אַ טיפּיש־יאַפּאַנישע שיף.

דער אינטעליגענטער קאָרייער האָט זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג צו זיין אייגענער שפּראַך. „ס'איז אַ זשאַרגאָן, נישט קיין שפּראַך. אַ צונויפמיש פון טאָטערישע, כינעזישע, אינדישע און יאַפּאַנישע ווערטער. די רעליגיע איז אַ שאַמאַניסטישע, דאָס הייסט, זיי פאַרגעטערן דעם הימל, וועלכער איז אַלמעכטיק און שיקט דעם מענטשן אַלדאָס גוטס און שלעכטס, ווי הונגער, עפּידעמיעס, ערד־ציטערנישן און פאַרקערט — זונענשיין, אַ סך שפּייז, גע־רעטענישן. זיי גלויבן אין דער נאַטור און אין דעם, אַז אַלץ, וואָס רינגלט זיי אַרום האָט לעבן, האָט אַ גייסט, וועלכן מען טאָר נישט דערצאָרענען. מען דאַרף זיי אָפט ברענגען קרבנות. אויך איז אין קאָרייע אַריינגעדרונגען דער בודהיזם און דער קאָנפוציזם, נאָר זיי האָבן נישט געשאַפן קיין באַזונדערע רעליגיעס; זיי האָבן זיך אַסימילירט מיט דער קאָרייעשער הויפּט־רעליגיע פון גלויבן אין דער נאַטור־שאַמאַניזם. די קאָרייער האָבן אַן אייגן ליטע־ראַטור פון ראָמאַנען, געאָגראַפיע און געשיכטע און די מערסטע האָבן צו טאָן מיט דער קאָרייעשער רעליגיע.

עס פאַרדעקן דעם פּנים בלויז די פרויען פון דעם העכערן קלאַס. ביי די אַלע איבעריקע איז דער פּנים אָפן.

איך באַקאָן זיך מיט אַ גרופּע מיידלעך און יונגע לייט. זיי פאָרן אין וולאַדיוואָסטאָק שטודירן. דורך איינעם, וואָס קען אַ ביסל רוסיש, ריידן מיר זיך צונויף. דאָס איז שוין גאַנץ אַנדער עלעמענט. אויף זיי האָט געווירקט די קאָרייעשע „השכלה” און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זיי זענען נישט צופרידן מיטן פאַרשימלטן לעבן אין קאָרייע, מיט דער הערשאַפט פון יאַפּאַן. זיי זענען רעוואָלוציאָנער געזאָנען, זיי זענען שוין נאַציאָנאַליסטן, ליבן זייער שפּראַך, זייער קולטור, חלומען פון פרייהייט, ברידערלעכקייט, גערעכטיקייט...

אין וולאַדיוואָסטאָק האָבן זיי גרויסע קאָרייעשע רעוואָלוציאָנערע אָר־גאַניזאַציעס. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זענען אין זייער לאַנד פאַרווערט. דאָך האָבן זיי אַ סך חברים אין לאַנד, וועלכע שטעלן איין זייער פרייהייט און אפילו זייערע לעבנס און זיי אַרבעטן אין קאָרייע גופא, אָבער זייערע הויפּט־אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך אין רוסישן ווייטן מזרח. די גרופּע האָט מיך

די מיידלעך, כאָטש פון העכערן קלאַס, און אפשר זענען זיי שוין פאַרהײ־ראַט, גייען מיט אָפענע פּנימער, געפינען זיך אין העלן טאָג אין מענערשער געזעלשאַפט, שטרעבן צו בילדונג, צו וויסן, אידעאַליזירן די קערענסקי איבער־קערעניש, טרוימען פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ שענערער וועלט און ווילן אַוועקגעבן זייערע כּוחות, זייער ענערגיע, זייערע לעבנס פאַר דער אויסגע־טרוימטער וועלט... און ווער? קאָרייער יונגע יינגלעך און מיידלעך, די קאָ־רייער בעסערע יוגנט.

אין אַלגעמיין מאַכן די קאָרעאַנער אויף מיר אַ סך בעסערן איינדרוק פון די יאַפּאַנער. זיי זענען מענטשלעכער, אָפנהאַרציקער. קאָרייע האָט איר קולטור און ציוויליזאַציע איבערגענומען פון די כינעזער. מיט 16 הונדערט יאָר צוריק איז דער בודיזם אַריינגעדרונגען אַהער. אויך האָט קאָרייע איבער־גענומען די כינעזישע שפּראַך און ליטעראַטור, כאָטש די קאָרעאַנער האָבן אַן אייגענע שפּראַך.

שוין דורכגעפאָרן גאַנץ קאָרייע, פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה אין דער הויפּטשטאָט פון קאָרייע — סעאול, אַ טיפּיש קאָרעיש שטאָט, אויף וועלכער אייראָפּע האָט קיין ווירקונג נישט געמאַכט, אַלץ איז דאָ טיפּיש־קאָרעאַניש. דורכגעפאָרן אַ סך שטעטלעך און נאָך מער דערפער און אָט פאָר איך צו צום היסטאָרישן בריק איבער דער טייך יאַלו, ווו די רוסן האָבן געכאַפּט אַזאַ ביטערע מפּלה פון יאַפּאַן, אַז זי האָט שוין באַשטימט דעם ווייטערן גאַנג און אויסגאַנג פון דער מלחמה. יאַלו איז דער גרעניץ פון קאָרייע און מאַנ־דזשוריע. דאָ איז שוין די באַפעלקערונג דורכויס אַ כינעזישע. שוין ווידער פון דער געלער מאַנגאָלישער ראַסע. די באַן איז אַ צווייג פון דער גרויסער כינעזישער אייזנבאַן־ליניע, וואָס רוסלאַנד האָט געבויט אויף דער מאַנ־דזשוריער טעריטאָריע און אַ ברייטער פּאַס לאַנד, אויף וועלכער די באַן גייט, איז אָפּגעפרעמדט פון כינע און געפינט זיך אין רוסישע הענט און אונטער דעם רוסישן קאָנטראָל. דער צווייג איז באַוווסט אונטערן נאָמען די דרום־כינעזישע אייזנבאַן ליניע. דאָך זענען דאָ די באַן־אָנגעשטעלטע דורכויס כינעזער און נישט קיין רוסן. די, וואָס פאָרן ווייטער, מוזן שוין פאָרן מיט אַן אַנדער באַן, אַ רוסישן, און מוזן דורכגיין דעם גרעניץ מיט אַ לאַנגן טונעל, אויפן צווייטן זייט פון וועלכן עס וואַרט די רוסישע באַן.

ווען מיר זענען אַריבערגעפאָרן יאַלו האָב איך באַמערקט אַז ס'זענען פאַרבליבן אין די וואַגאָנען זייער ווייניק קאָרייער און יאַפּאַנער. איצט איז די באַן געווען איבערגעפּאַקט מיט כינעזער.

איך בין אייניקע מאָל אַריין אין דריטן און פערטן קלאַס, כאָטש דאָס איז קעגן דער אָנגענומענער מאָראַל. נו, האָב איך דאָרט דערזען אַן אָרעמ־קייט! מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ ספּעציפיש כינעזישע אָרעמקייט, ווייל

אַזוינס קען אין ערגעץ נישט זיין. די מערסטע פון 4־טן קלאַס זענען אַנגע־טאָן אין שמאַטעס אין פולן זין פון וואָרט. נאָך ערגער, איך האָב דערזען כינעזער אין זעק, און צעריסענע דערצו, פון וועלכע מען קען זען זייער שמוציק לייב, באַדעקט מיט ווונדן. זייער אויסזען איז שווידערלעך: אויסגע־דאַרטע, אויסגעקוואַרטע און עס איז אַזאַ ביטערער רחמנות אויף זיי!.. דאָס פּאָרן קוליס אין מאַנדזשוריע זוכן וועלכע נישט איז אַרבעט. פאַרקויפן זיך פאַר צען סענט אַ טאָג — כאָטש האָבן אויף רייז אויף זייער אויסקום. איך בין פאַר זיי געווען אַ גרויסער ווונדער. זיי האָבן מיך באַטראַכט די גאַנצע צייט, וואָס איך בין דאָרט געשטאַנען. זיי האָט אַלץ אין מיך אינטערעסירט. אפשר האָבן זיי צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אַ ווייסן מענטשן דערזען. אויך זענען אין דעם וואַגאָן געווען אַריינגעקוועטשט אַלטע מענער און פרויען, יונגע מיידלעך, קליינע קינדער. די לופט איז געווען אַ פאַרפּעס־טעטע, די דילן פאַרשפּיגן, פאַרכראַקעט. און אַט זענען מיר אין טשאַנטשון. מיר זענען דורכן טונעל אַריבער אויף דער רוסישער זייט, וווּ מען האָט איבערגעקוקט אונדזערע פּעסער, די וויזעס און אונדז דערלויבט פאַרנעמען פּלעצער אין רוסישן באַן. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אַ סך רוסישע באַ־אַמטע, רוסישע באַן־אַנגעשטעלטע און רוסישע סאָלדאַטן. איך רעד זיך פונאַנדער מיט די רוסן. זיי דערציילן מיר פון די לעצטע נייס אין רוסלאַנד. זיי גיבן אויך זייער מיינונג וועגן די געשעענישן.

מיט אַמאָל דערזע איך אַ באַקאַנטן, קיעווסקען. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין שיקאַגאָ. ער האָט דאָרט באַזוכט דעם אוניווערזיטעט און איז געווען אַן אַנגעזעענער ביי די דאָרטיקע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם. מיר האָבן זיך באַ־גריסט. ער דערציילט מיר, אַז זיי האָבן אַרעסטירט אַ פּאָר יידיש־רומענישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דעזערטירט פון דער רומענישער אַרמיי אין רוס־לאַנד און איצט האָבן זיי געוואָלט שוואַרצן דעם גרעניץ, קענטיק אום צו פאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב אים געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג, האָט ער זיי נישט געדאַרפט אַרעסטירן, געדאַרפט זיי לאָזן אַריבערגיין דעם גרעניץ. זיי האָבן זיך דאָך אַזוי פיל אָנגעליטן אין דער אַרמיי, נישט געווען לעגאַל אין רוסלאַנד און וויפל מי און אָנשטרענגונגען האָט זיי געקאָסט דורכגיין גאַנץ רוסלאַנד און סיביר און מאַנדזשוריע! עס איז פון זיין זייט נישט שיין, וואָס ער האָט זיי אַרעסטירט. רוסלאַנד פאַרלירט פון דעם גאָרנישט. אָבער זייער לעבן און עקזיסטענץ שטייט אין קאָן. מיר האָבן אַ לענגערע צייט דע־באַטירט און צום סוף האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיי באַפרייען. און מיר דוכט זיך, אַז ער האָט דאָס אויפן שטעל דורכגעפירט.

לאַנג נעמט די רייזע פון קאַרייע ביז כאַרבין. עס מוז זיין געוויס אַ

טויזנט מייל. זי איז מיר שרעקלעך דערעסן געוואָרן. און איך האָב זיך באמת דערפרייט אויפן העכסטן גראַד, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן, אַז מיר זענען שוין אין כאַרבין. נאָר ס'איז מיר נישט באַשערט געווען צו שלאָפן די ערשטע נאַכט אין אַ בעט, אין אַ צימער. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געזוכט אַ צימער, אַ מעבלירטן צימער, אַ נומער אין אַ האָטעל. געוואָלט געבן דעם העכסטן פּרייז און מיר האָבן פאַר קיין פאַל קיין צימער נישט געפונען, און האָבן די ערשטע נאַכט געשלאָפן אויפן הויף פון דער יידישער גימנאַזיע. ערשט אויף מאָרגן האָב איך געפונען אַ צימער אין דעם „נאָבל האָטעל", פאַר פינף אַמעריקאַנער דאָלער אַ נאַכט. אַי, איז דאָס געווען אַ נאָבל האָטעל. דאָס איז געווען אַ האָטעל פאַר שיכורים, ווייס־גוואַרדייאישע אָפיצירן, קאָרטן־שפּילער, שפּעקולאַנטן און ענלעכע צו זיי.

קאַפּיטל 7

די ערשטע וואָכן אין כאַרבין

אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט כאַרבין. אַ טיפּיש כינעזישע שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער און רוסישער באַפעל־קערונג. און דער געמיש פון די דריי פעלקער פילט זיך אויף יעדן טראָט. און די דריי פעלקער האָבן זיך אויסגעלייגט ווי ביים טאָטן אין וויינגאָרטן. אָפיציעל באַלאַנגט כאַרבין צו דער רוסישער טעריטאָריע, דורך וועלכער עס גייט דורך די גרויסע מזרח־כינעזישע אייזנבאַן. דאָ איז דער זיץ־פּלאַץ פונם פאַרשטייער פון דער רוסישער מאַכט — גענעראַל כאָרוואַט, דאָ איז די הויפּט־פאַרוואַלטונג איבער דער באַן, אָבער קיינער הערט זיי נישט, קיינער פאָלגט זיי נישט. די רוסישע געזעצן אַרבעטן דאָ נישט. אויסער דעם, וואָס ווען איך בין געקומען אין קערענסקעס צייט, שוין אַ האַלב יאָר נאָך דער שטירצונג פון דער צאַרישער רעגירונג, זענען נאָך פאַרבליבן אין מאַכט די אַלטע פאַרשטייער פון דער זעלבסטהערשונג — כאָרוואַט און סמירנאָוו, מיט וועלכע די רוסישע און יידישע באַפעלקערונג האָבן זיך וויניק וואָס גע־רעכנט. אין אַלגעמיין האָט די רוסישע מאַכט קיינמאָל נישט דורכגעפירט אין מאַנדזשוריע די אַלע דראַקאָנישע געזעצן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין רוסלאַנד. און יידן האָבן זיך דאָ געפילט אפילו אין די צאַרישע צייטן פריי. אין אַלגעמיין זענען זייער וויניק יידן דאַן געווען אין מאַנדזשוריע. ערשט נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה זענען דאָ פאַרבליבן יידן סאָלדאַטן און געשעפטסטלייט, וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט גאַנץ גוט אַרויפגעאַרבעט. איך האָב שוין געפונען אַ צען טויזנט יידן, אָבער די מערסטע פון זיי זענען אָנגעקומען אַהער אין די לעצטע דריי יאָר — פשוט אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד און פוילן, נישט וועלנדיק דורכמאַכן די גרוילן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ סך פון זיי האָבן נישט געוואָלט זיין קיין סאָלדאַטן און אָוועקגעבן זייערע לעבנס פאַרן רוסישן צאַר, וועלכער איז געווען אַזוי גרויזאַם צו זיי. עס איז פשוט צו באַוווּנדערן, ווי די יידן האָבן זיך אין דער נייער סביבה גוט איינגעאָרדנט. די מערסטע פון זיי פלעגן אויסקויפן אין כינע פּראָוויאַנט און אַנדערע נויטיקע פּראָדוקטן און אַרטיקלען, און זיי פלעגן דאָס עקספּאָרטירן קיין רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק אין דעם גענוי־

טיקט. עס איז נישט אָפּצושאַצן וויפל מיליאָנען מענטשן זיי האָבן מיט דעם געראַטעוועט פון אַ הונגער־טויט. די יידן האָבן פאַר דער קורצער צייט באַוויזן איינצואָרדענען זייער געזעלשאַפטלעכן לעבן אויפן שענסטן אופן. זיי האָבן איינגעאָרדנט די קהילה, כאָטש די ערשטע צייט אַ רעליגיעזע, דאָך אַ קהילה, וועלכע האָט געבראַכט גרויסע נוצן דער יידישער באַפעלקערונג אין אירע אַלע נויטן. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישער ווילטעטיקער פּרויען־קרייז, וואָס איז געקומען מיט זיין הילף אומעטום, ווו מען האָט זיך אין אים גענויטיקט. איך האָב געטראָפן אַ יידישן טעאַטער, דעם פּישזאָן־טעאַטער, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען: לעבעדיעוו, די בודקינס, די שומסקעס, פּאַגלנעסטס, אַרקאַס און אַנד. עס איז געווען אַ הויז פאַר אַלטע, אומזיסטע מעדיצינישע הילף פאַר אָרעמע. אין מיין צייט האָט מען אויפגעשטעלט דריי באַראַקן פאַר די פּליטים, אויסגעבויט אַ רעסטאָראַן פאַר זיי. איך האָב געטראָפן אַ גרויסאַרטיקע שול, אַ פּראַכטפולע העברעישע גימנאַזיע. אַ יידישן מוזיקאַלישן, ליטעראַרישן און דראַמאַטישן קלוב אין אַן אייגענער געביידע. דאָרטן איז אויך געווען אַן אייגענער טעאַטער אין וועלכן די פּישזאָן טרופּע האָט פון צייט צו צייט געגעבן אירע פאָרשטעלונגען פון דער בעסערער דראַמע. אויך איז דאָרטן געווען אַ יידישער קינדער גאָרטן. אָבער מער ווי אַלץ בין איך דאָרטן געווען פאַרליבט אין דער יידישער ביבליאָטעק. די רייכסטע יידישע ביבליאָטעק אויפן וויטן מזרח. דאָרטן זענען דערשינען צייטשריפטן פון די ציוניסטן, פון „בונד" און פון די פּועלי ציון און אַ קורצע צייט פון די צעירי ציון. און נאָך מיין אוועקפאָר איז דאָרט דערשינען אַפילו אַ יידישע צייטונג „דער וויטער מזרח". אויך האָט כאַרבין געהאַט אַ יידישע פאָלקס־באַנק. פאַר די אינטערעסן פון די יידן, וואָס נויטיקן זיך אין ביליקן קרעדיט, און אין גאַנצן האָט כאַרבין פאַרמאָגט אַ 10,000 יידן.

אין דער יידישער ביבליאָטעק פלעג איך אַריינקומען כמעט יעדן טאָג. דאָ האָב איך געקענט קריגן צו לייענען כמעט אַלע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זענען דערשינען אין יענער צייט אין רוסלאַנד און אַמעריקע. פאַרשטייט זיך אַז איך האָב דאָרט געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט אַ סך פון די לייענער, צווישן זיי אויך מיטגלידער פון דער „דעמאָקראַטישער פאַראייניקונג". צו יענער צייט פון קערענסקיס צייטווייליקער רעגירונג האָבן זיך כמעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך, ווו עס האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדע יידישע באַפעלקערונג, געגרינדעט אַזעלכע דעמאָקראַטישע פאַראיינען. אין כאַרבין איז אויך געווען אַזאַ גרופּע פון אַ צען־צוועלף יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן פריער פאַר דער מלחמה באַלאַנגט צו די פּועלי ציון, „בונד", ס. ס. און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. צו יענער גרופּע האָבן באַלאַנגט הערש מיסקי, אַלטע מה יפות מיט איר מאַן אברהם, וואָלף ביינער, בנימין פּינס־

קי, דער אַפּטייקער צירקל ליפּשיץ, שמושקאָוויטש און אנד. און אַט די גרופּע האָט פּשוט וואונדער אויפגעטאָן אין אויפבויען יידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס. עס איז געגוג צו דערמאָנען איניקע פון זיי, ווי די ביבליאָטעק און דער קינדער גאָרטן ביים אימאלדאג (יידישע מוזיקאַלישע, ליטעראַרישע און דראַמאַטישע געזעלשאַפט), זי האָט אראנזשירט אַ גראַנדיעזן באַל און קאָנצערט אין דעם „קאַמערטשעסקי קלוב", וועלכער האָט אריינגעבראַכט אַ ריזיקן פּראָפיט, וואָס איז געגאַנגען פאַר קויפן גענוג זאַץ פאַר אַ יידישער צייטונג. ערשט אין איניקע יאָר שפּעטער איז דער זאַץ אָנגעקומען אין כארבין און עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען די ערשטע יידישע צייטונג אויפן וייטן מזרח, וועלכע האָט טאַקע געהייסן „דער וויטער מזרח". נאָר שוין נישט די גרופּע האָט ארויסגעגעבן די צייטונג, נאָר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוער. די גרופּע האָט לאַנג נישט עקזיסטירט. צום ערשטן זענען פון איר אַרויסגעטראָטן די בונדיסטן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט אַנדערע „נישט פּראָלעטאַרישע עלעמענטן". דערנאָך זענען פון איר אַוועק די פּועלי ציוניסטן, פּינסקי און שמושקאָוויטש, און אַזוי אַרום איז זי פאַרנאַנדערגעפאַלן.

מיר געדענקט זיך מיט וואָס פאַראַ באַוואונדערונג איך בין געגאַנגען אין די ערשטע טעג פון מיין קומען אין כאַרבין איבער די צימערן און אינסטיטוציעס פון דעם יידישן ליטעראַרישן קלוב און איבער דער העברעישער גימנאזיע, וועלכע קען נישט פאַרשעמט ווערן אַפילו קעגן דעם „עדיוקיישאָנאַל אליינס" אין ניו יאָרק.

אויפן דריטן טאָג פון מיין זיין אין כאַרבין בין איך אַריין אין א בוך געשעפט קויפן צייטונגען און זשורנאַל. איך גיב אַ קוק אויפן אייגנטימער פון געשעפט און איך גלויב נישט מיינע אויגן — ער איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער און פריינט פון וואַרשע — טריינין. ער האָט מיך אויך גלייך דערקענט. ער האָט גלייך איבערגעלאָזן דעם געשעפט אויף דעם באַדינער און מיך אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים. ער האָט מיך באקאנט מיט זיין פרוי און צוויי דערוואקסענע קינדער, מען האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש גוטע זאַכן און מיר האָבן געהאט אַן אימפּראָוויזירטע שמחה און דער סוף איז געווען, אַז איך האָב זיך מיט רבקהן אַריבערגעקליבן אין זייער הויז. דאָס איז פאַר מיר געווען די גרעסטע שמחה.

מען איז צו יענער צייט אין כאַרבין געשלאָפן צו צען־צוועלף מענטשן אין אַ צימער. מען איז גשלאָפן נישט נאָר אין צימערן, נאָר אומעטום, וו נאָר מען האָט זיך געקענט אַוועקלייגן. דערפאַר איז דער פרייז פון צימערן געווען א געהויבענער — גאַנצע הונדערט דאָלער א חודש. איך בין געווען אויך גליקלעך, וואָס איך האָב זיך אַרויסגעצויגן פון דעם האָטעל.

דער זעלביקער טריינין האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז אויך אונדזערע גוטע פריינט פון וואַרשע די סעלצאָווסקעס וווינען אין כאַרבין און זי, די מאַדאַם סעלצאָווסקי אַרבעט אַלס עקאָנאָמקע אין דעם פרייען רעסטאָראַן פאַר די פליטים. איך בין אַוועק צו איר. אויך ביי איר האָב איך געקראָגן אַ העכסט פריינדלעכע אויפנאמע. מיר זענען איינע מיט די אנדערע שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן און זי איז געווען אונדזער בעסטער פריינט און שטוב מענטש פאַר דער גאנצער צייט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין כאַרבין.

איך האָב זיך געטראָפן מיט די הוירשעס פון לאָס אנדזשעלעס, מיט די ציפינס פון ניו יאָרק און מיט אייניקע אַמעריקאנער יידישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך געמוזט פאַר אַ צייט אָפשטעלן אין כאַרבין אויפן וועג קיין מאָסקווע.

פאָרן אין מאָסקווע, כאָטש מיר האָבן שוין געהאט צוויי באַן בילעטן אַהין, האָב איך איצט נישט געוואָלט, ווייל רבקה האָט זיך געפילט נישט אמבעסטן און דערצו איז זי געווען שרעקלעך אויסגעמאטערט, דורכמאכנדיק דעם וועג פון סאן פראנציסקאָ אין יאָקאָהאַמאַ און דערנאָך אין כאַרבין, און איך האָב זיך זייער געשראָקן, אַז דער וועג קען זיין פאַר איר זייער געפערלעך. דערצו האָב איך געקראָגן פון מאָסקווע שוידערלעכע בריוו וועגן דעם הונגער, וואָס הערשט דאָרט. אויסער דעם איז ביי מיר געווען אַ באַשלוס צו זיין פריער אין ניעסוויזש ביי מיינע עלטערן. איך האָב דאָך זיי נישט געזען גאנצע זיבעצן יאָר. איך האָב דאָרט א שוועסטער, וועלכע איך קאָן אַפילו נישט. דאָס וואָלט נאָך מער שלעכט געווירקט אויף רבקהן. קורץ, איך האָב באַשלאָסן, צו פאַרברענגען אין כאַרבין אַ פאָר חדשים, אפשר וועט פאר דער צייט די לאגע דאָרט ווערן בעסער. דערווייל דאַרף מען קריגן וואָס צו טאָן, צו פאַרדינען אויף דער חיונה. דאָ, אין כאַרבין איז אַלץ לרוב. קיין מאַנגל איז אין גאָרנישט נישטאָ. קענסט עסן פון דאָס בעסטע און שענסטע.

מיט אמאָל א נייער אומגליק. מען רופט מיך צו מיליטער דינסט און דאָס האָט מיינע פלענער אין גאַנצן פאַרדרייט. און די רופערס זענען גאָר די ווייסע גווארדייער. איך באשליס זיך מעלדן צום פריזיוו און אויב זיי וועלן מיר אָפגעבן פאַר אַ סאָלדאט, זאָל איך פאַרלאָזן אין גאַנצן די רוסישע טעריטאָריע. איך קום צוגיין. מען באטראכט מיך. דער דאָקטאָר פרעגט מיך צי האָב איך זיך אויף וואָס צו באַקלאָגן, ענטפער איך אים, אַז איך בין קורצזיכטיק און איך זע פון דער ווייטנס גאָרנישט. שיקט ער מיך אין לאַזאַרעט. צו מיין גליק בין איך געווען שטאַרק פאַרקילט, געהאלטן אין איין הוסטן און שפייען. מיינע אָטעם רערן זענען געווען פארלייגט און דאָס האַרץ האָט נישט נאָרמאל געאַרבעט. דער דאָקטאָר האָט מיך דריי מאָל באַ־

טראַכט און באַפרייט אַלס הארץ קראַנקן. איך האָב געהאַט אַ צווייענדיקן געפיל: צופרידן פון דער באַפרייאונג און אָנגעשראָקן וועגן מיין האַרץ.

איך לויף אַהיים אָנזאָגן רבקהן די גוטע בשורה — ערשט איך געפין איר נישט. אין דער גאַנצער הויז איז קיינער נישטאָ. איך לויף צו טריי־נינען אין בוך געשעפט און ער זאָגט מיר אָן די בשורה, אַז רבקה איז אויפן דריטן טאָג, וואָס איך בין נישט געווען אין דער היים ערנסט קראַנק געוואָרן און מען האָט איר גלייך צוגענומען אין שפיטאָל. איך פאָר אין שפיטאָל, געפין איר אויס, אָבער זי איז באַוווסטלאָז. איך זיץ לעבן איר און זי דערקענט מיך נישט. איך לויף צום שפיטאָל דאָקטאָר קאופמאַן, ער זאָגט מיר אַז זי איז קראַנק אויף טיפוס און איצט דאַרף זי דורכגיין דעם קריזיס. ער זאָגט מיר צו צו טאָן אַלץ מעגלעכעס צו ראַטעווען איר. עס זענען פאַראַן האָפענונגען, אָבער גאַראַנטירן קען ער נישט.

דאָס זעלביקע זאָגן מיר די קראַנקן שוועסטערס.

און פון דעם טאָג אָן קום איך אין שפיטאָל דריי מאָל אַ וואָך, זיץ ביי איר בעט אַ שעה. זי איז אַלץ באַוווסטלאָז און דערקענט מיך נישט. איך רעד אַפילו נישט צו איר. זעץ זיך אַוועק, זיץ אָפּ די שעה אין שווייגעניש, הויב זיך אויף און גיי אַוועק.

עס קומען איר געוואָר ווערן אירע אַמעריקאַנער פריינד, די כאַר־בינער פריינד. זי ליגט אומבאַוועגלעך. און איינמאָל זענען געקומען אירע צוויי גוטע אמעריקאנער פריינד העלען פיינבערג און פריילין פרומקין. זיי האָבן זיך גוט אויסגעוויינט, העלען האָט געקראַגן היסטעריקע און זי איז אַלץ געלעגן רואיק, נישט מער — שווער געאָטעמט...

אַכט וואָכן איז זי אַזוי געלעגן באַוווסטלאָז.

איינמאָל קום איך צוגיין — ערשט זי האָט אָנגעהויבן רעדן צו מיר. דער דאָקטאָר האָט מיר נאָך פריער אָנגעזאָגט, אַז דער קריזיס איז אַריבער, נאָר זי איז נאָך אַלץ גוט קראַנק און איך זאָל וואָס ווינציקער מיט איר רעדן. מיין פרייד איז דאַן געווען אומבאַשרייבלעך. איך האָב זיך געפילט שולדיק קעגן איר, שולדיק אין איר קרענק, האָב געהאַט קנאַפּע האָפענונ־גען, אַז זי וועט בלייבן לעבן. איך האָב פאַר דער צייט פון איר קרענק, זיך באַקאַנט מיט אַ סך קראַנקע פון איר טיפוס־פּאַוויליאָן, אַלע רוסישע געזונטע פרויען און מיט קליינע אויסנאַמען זענען זיי אַלע געשטאָרבן אין קער דאַנק פאַר איר אַרויסדרייען זיך פון טיפוס. (דער דאַנק איז אַ פאַר־האָב דאָס נישט געקענט גלויבן. און אַ נס איז געשען. נאָך יעדן נייעם וויזיט האָב איך איר געפונען אין אַ בעסערן צושטאַנד. אין שפיטאָל איז דער דר' קאופמאַן פערזענלעך געווען פאַרינטערעסירט אין איר און ער האָט געטאָן אַלץ מעגלעכעס איר צו ראַטעווען. ער האָט נישט געקאַרגט

קיין צייט און קיין מיטלן און אין א געוויסער מאָס קומט אים אַ האַרצי־קער דאנק פאר איר ארויסדרייען זיך פון טיף. (דער דאַנק איז א פאַר־שפּעטיקטער: ווען דער ראַטן פאַרבאַנד האָט איינגענומען כאַרבין, האָט מען דר' קאופמאנען אַרעסטירט און פון דאן אָן האָט מען פון אים נישט געהערט).

א פאָר וואָכן איז זי נאָך געלעגן אין שפּיטאָל ביז וואנען דר' קאופ־מאן האָט מיר דערלויבט איר ארויסנעמען. און גאָט, מיין גאָט, ווי די קרענק האָט אויף איר געווירקט, ווען איך האָב איר געטראָגן פון שפּיטאָל צו דער קאַרעטע האָב איך נישט געפילט איר וואָג. זי איז געווען גרינג ווי אַ פעדער.

איצט האָב איך שוין געמוזט בלייבן פאַר אַ לענגערער צייט אין כאַר־בין.

קאַפּיטל 8

די נישט יידישע כאַרבין

אין גרונט גענומען זענען דאָ דריי כאַרבינס. כאַרבין אַליין מיט איר כינעזישער, רוסישער באַפעלקערונג. אַרום אַ מייל פון איר געפינט זיך די רוסישע כאַרבין און אַן אַ זייט די כינעזישע כאַרבין — פון־דזי־דזאַן.

די רוסישע כאַרבין הייסט „נאָווי גאָראָד" און איז דער שענסטער טייל פון כאַרבין און זעט אויס אין גאַנצן אייראָפּעיש. דאָרטן געפינען זיך די אַלע אדמיניסטראַטיווע אינסטיטוציעס, דאָרטן וווינען אַלע קאָנסולן און עס געפינען זיך אַלע קאָנסולאַטן, דאָרטן זענען די הויפּט פאַרוואַלטונגען פאַר דער באַן, פּאָסט, טעלעגראַף, דאָרטן וווינט די סמעטענע פון די רוסישע הערשער און דאָרטן געפינען זיך די רוסישע קאַזאַרמעס, די רוסישע גימנאַזיעס און אנדערע אנשטאַלטן, די געריכטס הייזער, די נאָטאַריוסעס, די קלויסטערס. די גאַסן ברייטע, די הייזער שיינע. דאָרטן זענען די אַלע גאַסן מיט אלייען, דאָרטן זענען דאָ אייניקע שיינע פּאַרקן. עס שוויבלט און גריבלט מיט די פאַרשיידנסטע רוסישע אַנגעשטעלטע, כמעט אַלע אין אוניפאָרמס, טשינאָווניקעס פון דער צאַרישער רוסלאַנד און זיי לעבן ברייט, האַלטן זיך שטאָלץ, אָנגעצויגן.

די באַדינער זענען דאָ די כינעזער. פאַר אַ שפּאָט ביליקן פּרייז זענען זיי דאָ די דינסטן, קוכער, טרעגער, דער אַרבעטער, דער בעל מלאכה, דער בויער, דער שמירער, פאַרבער, דער צושטעלער פון פאַרשידענע פּראָדוקטן. יעדער רוסישער אַנגעשטעלטער האָט א צוויי דריי כינעזישע באַדינער, וועלכע וווינען אין ברעקלעך הייזלעך לעבן זייער באַלעבאַטים, וועלכע זיי רופן „קאַפּיטאַן". אין אַלגעמיין רופן זיי יעדן ווייסן מיט דעם טיטל.

כאַרבין אַליין פאַרמאָגט אויך אַ סך רוסן, אָבער ניט פון די רעגירער, נאָר פון אַלע אַנדערע קלאַסן, ווי קרעמער, הענדלער, סוחרים, באַן ארבעטער. דער גרעסטער געשעפט אין כאַרבין, די דעפּאַרטמענט קראָם, באַלאַנגט צו אַ רוס מיטן נאָמען טשורין. אין כאַרבין קענסטו טרעפן די פאַרשידנסטע רוסישע טיפּן פון די פאַרשידנסטע געגענטן פון רוסלאַנד, ווי קרימער, קאַווקאַזער, אוראַלער, סיבירער. דאָרטן קענסטו טרעפן די פאַרשידנסטע טיפּן פון אַלע נאַציעס אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטומען. און אַלע האַנדלען,

וואַנדלען, קויפן איין, דינגען זיך, באַטראַכטן די סחורות. אויסער דעם מאַכן אויף דיר אַ שטאַרקן איינדרוק די פּאַרשטייער פון די פּרימיטיווע פעלקער, וואָס וווינען אויפן ווייטן מזרח. ספּעציעל קענסטו דאָרטן טרעפן אַ סך בוריאַטן און יאַקוטן, וועלכע פאַרנעמען דאָרט דעם פּלאַץ פון רוסישע איזוואָזשטשיקעס און פון באַדינער. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ סך פון די פאַרשיקטע אין סיביר, קאַטאָרזשניקעס, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן, אָדער וועלכע ס'האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. צווישן זיי האָב איך זיך באַקאַנט מיט אייניקע יידישע קאַטאָרזשניקעס. זיי זענען מערסטנס די הויז וועכטער. נאָר ס'זענען געווען אייניקע, וואָס זענען דאָ געוואָרן זייער רייך און האָבן זיך אין שטאָט זייער אָנגעזען. איך האָב פערזענלעך געקענט אייניקע פון זיי און זיי האָבן זיך גערעכנט אין כאַרבין פאַר שיינע באַלעבאַטים. אונטער די אויגן באַרעדט מען זיי, אָבער אַז מען איז מיט זיי צוזאַמען גיט מען זיי אָפּ כבוד. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג זענען סיבירער יידן און קריסטן. דער סיבירער ייד איז שטאַרק רוסיפיצירט. די מערסטע קענען אין גאַנצן נישט רעדן קיין יידיש, אָבער זיי גייען אין שול, אין בית המדרש, כאָטש זיי זענען ווייניק באַקאַנט מיט דער יידישער רעליגיע, מיט אונדזערע דינים און מנהגים, מיט דער יידישער געשיכטע און יידישן לעבן איבער דער וועלט. און ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען — זיי זענען צו דער זעלביקער צייט די וואַרימסטע יידן. זיי זענען גוטע ציוניסטן, רופן זיך אָפּ מיט אַ ברייטער האַנט אויף אַלע יידישע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, וועלן פאַר ראַטעווען אַ יידן פון אַ צרה גיין אין פייער און אין וואַסער. אַ סך פון זיי פאַרלאָזן זייערע פרויען און קינדער, גיבן אויף זייער רייכן לעבן און גוטע געשעפטן און לאָזן זיך אַוועק קיין ארץ ישראל. און דאָס איז ביי זיי די העכסטע דערגרייכונג. אין ארץ ישראל פאַרנעמען זיי דעם נידעריקסטן פּלאַץ, פּשוט זיי קענען זיך נישט אַקלימאַטיזירן, צופּאַסן צום נייעם לעבן, ליידן אויסערגעוויינלעך און זיי טראָגן דאָס איבער זייער גרינג. זיי מאַכן שלום מיט זייער לאַגע און גייען נישט ארויס פון געדולד.

איך האָב אין כאַרבין געטראָפן יידן פון אינדיע, פערסיע, כינע, בוכאַרע, קאַווקאַז. אָבער זיי זענען אַלע אין קליינע גרופּן. די מערסטע יידן זענען פון רוסלאַנד און פוילן און זיי שפּילן אין שטאָט די גרעסטע ראָל.

די רוסן האַלטן זיך שטאָלץ: מאַנדזשוריע איז זייער דעראָבערט לאַנד און זיי זענען די באַלעבאַטים. די פּאָליציי איז אַ רוסישע. פּאָסט, טעלעגראַף — רוסישע, סאָלדאַטן רוסישע, די אונטערגעורדיקסטע זענען די אמתע באַלעבאַטים פון לאַנד — די כינעזער. זיכער זענען דאָ אַ סך זייער אָנגעזעענע כינעזער אין פינאַנץ, האַנדל, רייכקייט, אייגנטימער פון גרויסע גע־

שעפּטן, אונטערגענומען, אָבער געוויס א ניינציק פּראָצענטליידן נויט, הונ־גער און מוזן פאַר אַ לעכערלעך מינימאַלן לוין באַדינען די ווייסע קאַפּיטאַ־נען. די ווייסע רופן די כינעזער כמעט מיט אַ זידל נאָמען „כאַדיא" און מיט כאַדיען קען מען זיך באַגיין אויפן שענדלעכסטן אופן. אים פּאַטשן, שלאָגן, נישט דערצאָלן, אויפן מיאוסטן אופן עקספּלואַטירן, פאַר דאָס קלענסטע אים אַרעסטירן, דער „כאַדיע" איז שטילער פון גראָז און נידעריקער פון וואַ־סער. ער פאָדערט נישט, נאָר ער בעט מיט געוויין, האָט מורא א וואָרט זאָגן קעגן, מאַכט אַזאַ רחמנות פּנים, זעט אויס אַזאַ נעבאַכקע. דאָס האָבן הונ־גער, נויט און די צאַרישע הערשער פון אים געמאַכט...

דעם גרעסטן רחמנות האָב איך געהאַט צו די כינעזישע אַרבעטסלאָזע, וואָס שטייען אין די מאסן אויפן גאס און וואַרטן אויף אַ וועלכן נישט איז פאַרדינסט אָדער אויף אַ נדבה. אַ טרויעריקערן בילד קען מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן. דאָס זענען מערסטנס ניי אימיגרירטע פון די פאַרשידנ־סטע כינעזישע פּראָווינצן, געטריבן פון שטענדיקן הונגער. פון זייערע היי־מען זענען זיי געקומען אַהער אין זייער לעגענדאַרן לאנד, ווו מען קען אַרבעטן און עסן צו זאַט. נישט גאָסט פריינטלעך האָט זיי כאַרבין באַגעגנט און אַט זענען שוין אַריבער טעג, וואָס זיי האָבן אַ שטיקל קוכן נישט פאַר־זוכט און אַ ביסל רייז נישט געגעסן און זיי בעטן זיך: א גאנצן טאָג נישט געגעסן, גיט אונדז עפּעס צו פאַרדינען. זיי גייען אין שמאַטעס, אנדערע פאַרדעקן זייער לייב מיט וואָס עס איז, טרייסלען זיך פון קעלט און קוקן אויף דיר מיט אַזוי פיל געבעט, אַז דו פילסט זיך שולדיק, וואָס דו האָסט פאַר זיי נישט קיין אַרבעט.

און זיי זענען זייער פעיק, קלוג, פאַרשטענדלעך, טויגן זיך אויס צו אַלץ אין דער וועלט און זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז דערקענענדיק זיי האָב איך זיי א סך מער רעספּעקטירט, ווי זייערע אונטערדריקער, די רוסן, די ענגלענדער, די פראַנצויזן, וועלכע האָבן צווישן זיך איינגעטיילט די גרעסטע פּראָווינצן פון כינע און זויגן אויס ווי פּאַראַזיטן די זאַפטן פון דעם פיר הונדערט מיליאָניקן כינעזישן פאָלק.

גאַנץ אַנדערש איז די דריטע טייל פון כאַרבין פודזידזאַן. דאָ מוזן זיין אַ זעכציק טויזנט כינעזער. קיין ווייסע זענען דאָרט כמעט נישטאָ. דאָרטן פירן זיי אַ ריין כינעזיש לעבן. פו דזי דזאַן איז אַ טיפּיש כינעזישע שטאָט דורכויס מיט זייערע געשעפטן, זייערע הייזער, זייער פּאָליציי, זייערע שטאָט באַאַמטע, זייערע רעסטאָראַנען, טעאַטערן, זייערע אויפשריפטן אויף די געשעפטן, זייערע ביכלעך און צייטונגען, טעמפּלען (פּאַגאַדאס), הונ־דערט פּראָצענט כינעזיש. אין די גאַסן איז אַ געשריי, אַ טומל, אַלע כאָרכ־לען, אין מיטן גאַס לויפן אַ סך ריקשע לייט, שרייען מען זאָל זיי פריילאָזן

דעם וועג, אין גאַס קאָכן זיך די פאַרשידענע כינעזישע פּאַטראָולעס, פאַרשידענע מעדיציניש גראָזן, אין די קראָמען איז א דינגעריי, צווישן אַנדערע קראָמען קען מען זען זיצן זייערע דאָקטוירים, זייערע ציינער ציער און אַלץ איז דאָ אַזוי פרעמד, אַזוי אנדערש און אַלץ איז פאַר דיר אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי טשעקאַווע. גאָר אַן אַנדער וועלט, די וועלט פון דער געלער ראַסע...

פאַר דער צייט האָבן די יאַפּאַנער, באַנוצנדיק זיך מיט דער אָפּשוואַכונג פון רוסלאַנד, אַ דאַנק דער ערשטער וועלט מלחמה און דעם אָנהויב פון בירגער קריג, פאַרכאַפּט דעם גאַנצן געגנט פון דער גרויסער מזרח כינעזישער אייזנבאַן, וואָס איז געווען אונטער דער ספערע פון דער רוסישער ווירקונג, נישט די רוסן און נישט די כינעזער האָבן דאַן געקענט ארויסשטעלן אַ ווידערשטאַנד און די גרויזאַמע און בלוטדורשטיקע דעראָבערער זענען געוואָרן די באַלעבאַטים פון דעם טייל פון מאַנדזשוריע. צו זייער הילף זענען געקומען די רוסישע ווייס גוואַרדייער און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער כאַאָס. דער הויפּט צענטער פון דער יאַפּאַנישער מיליטערישער פאַרוואַלטונג פון דעם געגנט איז געוואָרן כארבין, פון וואַנען עס האָבן גענומען פליִען מיט דראַקאָנישע יאַפּאַנישע געזעצן פאַר דער געגנט. אונטערדריקן די רוסן האָבן זיי דערווייל מורא געהאַט, האָבן זיי זיך א נעם געטאָן צו די כינעזער און יידן. מיט די כינעזער זענען זיי זיך באַגאַנגען אויפן גרויזאַמסטן אופן. פאַר יעדעס קלייניקייט האָט מען זיי צעשאָסן אין מאַסן. ס'איז נישט געווען קיין רחמנות, קיין איינזען. דערנאָך האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו די יידן. זיי האָבן באַקעמפט די יידישע שפּראַך אין דער עפנטלעכקייט, אויף די מיטינגען, זיצונגען, זיי האָבן באַקעמפט דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, מיטן אויסרייד, אַז זיי פאַרשטייען נישט די שפּראַך, האָבן נישט קיין איבערזעצער און קענען דערפאַר נישט קאָנטראָלירן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. מיר געדענקט זיך א שטורמישע זיצונג פון דער כאַרבינער דעמאָקראַטישער קהלה, דער גרויסער זאַל פון דער יידישער גימנאַזיע, ווו די זיצונג איז פאָרגעקומען איז געווען איבערגעפּאַקט. אַלעמען האָט שטאַרק אינטערעסירט דער קאַמף אין דער קהלה ארום דער פּאַלעסטינער פראַגע. די דיסקוסיע איז געווען אַ הייסע. די געמיטער זענען געווען אָנגעצונדענע. מיט אַמאָל זענען אַריין אייניקע יאַפּאַנישע אָפיצירן מיט אַ גרופּע יאַפּאַנישע סאָלדאַטן. איין אָפיציר האָט גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט, אַז די יאַפּאַנישע מאַכט קען נישט דערלויבן, אַז אויף אַזאַ מאַסן פאַרזאַמלונג זאָל גערעדט ווערן אין יידיש, אויף וועלכער שפּראַך זיי פאַרשטייען גאָרנישט. זיין דערקלערונג האָט אַלעמען איבערראַשט. איך

האָב דאַן גענומען דאָס וואָרט און ענערגיש פּראָטעסטירט, וואָס אונדזערע גייע באַלעבאַטים דערלאָזן נישט רעדן קיין יידיש און מישן זיך אין אונ־דזערע ריין יידישע אָנגעלעגנהייטן. פאַר דער חוצפּה האָבן די יאַפּאַנער געוואָלט מיך אַרעסטירן. אָבער דער עולם האָט מיך פאַרשטעלט, ארומ־גערינגלט און מיך צוגעשטופּט צום אַרויסגאַנג. דער מיטינג איז דורך די יאַפּאַנער אויפגעריסן געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער צייט האָבן די יאַפּאַנער אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אויסגעפירט.

דער צוזאַמענלעבן פון די יידן מיט די רוסן איז געווען נישט קיין שלעכטער. מען פלעגט זיך חברן, קויפן אייגנע ביי די אַנדערע, אפילו צו־זאַמען דורכפירן גרויסע געשעפטס אונטערנעמונגען. מען האָט איינע די אַנדערע געטאָן אַ סך טובות. דאָ, אין מאַנדזשוריע האָבן זיי זיך געפילט נענטער, אינטימער, פריינטלעכער ווי אין רוסלאַנד גופא. די באַציונגען פון די יידן מיט די העכערע ספערן פון די כינעזער זענען געווען פריינט־לעכע, מיט דער כינעזישער אָרעמקייט נישט אַזעלכע גוטע, אָבער אַ סך אַ בעסערע, ווי די באַציונג צו זיי פון די רוסן און יאַפּאַנער... וואָס לענגער איך בין געווען אין כאַרבין, אַלץ מער האָב איך זיך פאַרליבט אין די כינעזער און פיינט געהאַט די יאַפּאַנער.

דער כינעזער איז אין נאַטור גוטמוטיק, ערלעך, אַ געטרייער איבער־געגעבענער פריינט. גאַנץ אַנדערש זענען די יאַפּאַנער — די דייטשן פון מזרח. פאַלש, ליגנעריש, אַ פוסט פאָלק, וואָס שטאָלצירט מיט איר כלו־מרשטער קולטור. דער יאַפּאַנער איז שלעגעריש, דורשטיק נאָך בלוט, כיט־רע, ווילד, מיליטאַריסטיש און פאַרכאַפּעריש. יאַפּאַן האָט איבערגענומען די אַלע שלעכטע זייטן פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, איבערלאָזנדיק דאָס אוראַלטע פון יאַפּאַנישן כאַראַקטער און שטייגער. און דאָס פירט איר צו איר אונטערגאַנג. זיי שטאָלצירן שטאַרק קעגן די כינעזער אין דער צייט ווען די כינעזער זענען טרעגער פון א גרויסער דערהאַבענער קולטור, פון אַ הויכער מאָראַל און אַלס מענטשן זענען זיי פון די סימפּאַטישסטע אויף אונדזער ערד קיילעך. די כינעזער באַזיצן מער בילדונג, ווי מיר שטעלן זיך געוויינלעך פאָר. די מערסטע אפילו פון די אַרבעטער קענען לייענען און שרייבן כינעזיש, לייענען זייערע קליינע ביכלעך מיט די מאָדנע כינע־זישע אילוסטראַציעס. דער העכערער קלאַס קען נאָך א שפּראַך מערסטנס ענגליש אָדער רוסיש. זיי אינטערעסירן זיך מיט דער וועלט פּאָליטיק און פאַרשידענע וויסנשאַפטן. אין כאַרבין איז כמעט נישט געווען קיין כינע־זישע דינסט מיידלעך. מיט דעם באַשעפטיקן זיך יונגע יינגלעך. איך האָב זייער אַ סך פון זיי געקענט. און איך האָב נישט געטראָפן איינעם אַזאַ, וואָס

קען נישט לײענען און שרײַבן כינעזיש. איך האָב אָפט ליב געהאַט מיט זײ רעדן, פֿאַרברענגען, הערן זײערע פֿאָלקס מעשׂיות און פֿאָלקסלידער און װאָס מער איך האָב מיט זײ פֿאַרבראַכט, אַלץ מער האָב איך זײ ליב געקראָגן און רעספּעקטירט. מאָדנע, װי די װעלט האָט א פֿאַרקערטן מײנונג װעגן זײ.

קאַפּיטל 9

די כינעזער

גאַנצע פיר יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין כינע. אומגעפאָרן איבער אירע פאַרשידענע פּראָווינצן, געקומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער באַפעלקערונג, און מיר דוכט זיך אַז איך האָב א ביסל רעכט צו זאָגן עפּעס וועגן די כינעזער.

אין כינע מאַכט מען אַ גאָר גרויסן אונטערשייד צווישן מענער און פרויען. א פרוי אין כינע רעכנט זיך נישט פאַר אַזאַ יחסנטע, ווי דער מאַן. און ביים פאָלק, אַז עס ווערט געבאָרן אַ מיידעלע, איז דאָס א קללה פון די געטער. אויף אַ מיידעלע שענקט מען כמעט נישט קיין אויפמערקזאמקייט. זי לעבט, זאָל זי לעבן. זי געניסט ווייניק ליבע און אויפפּאַסונג און דער פאָטער איז צופרידן, ווען ער ווערט פּטור פון איר. מיידלוויז איז זי אונטער דער שטרענגער אויפּפּאַסונג פון פאָטער און אַז דער פאָטער פאַרקויפט זי פאַר אַ ווייב צו אַ מאַן, איז דאַן דער מאַן דער אויפּפּאַסער איבער איר. און אויב דער מאַן שטאַרבט, ווערט דער עלטסטער זון איר אַפּעקון.

דאָך נישט קוקנדיק אויף דעם, ווערט די פרוי, די אומאָפיציעלע פירערין פון דער הויז. ס׳זענען געווען פאַלן, ווען פרויען האָבן געירשנט אַפילו דעם טראָן. איך האָב אַליין געטראָפן זייער אינטערעסאַנטע און אינטעליגענטע פרויען אין כינע, וועלכע האָבן געקראָגן זייער בילדונג אין די אַמעריקאַנער אָדער ענגלישע אוניווערזיטעטן. די מערסטע פון זיי דערציילן מיר אַז די אַמאָליקע רוסישע פּריוויליגירטע קעמפערינס. זיי ליידן פון דעם פאָלקס צרות. זיי טוט וויי, וואָס די איינפּפעער און יאפּאַנער איזדזיעקוועון זיך אַזוי איבער זייער פאָלק און וואָס זיי פאַרכאַפּן גאַנצע שטיקער פון זייער לאַנד. זיי גייען אין פאָלק, ווערן זיינע לערערינס, דאָקטוירים, דערציער, אַגיטאַטאָרינס. זיי דענקען, אַז אַלע צרות קומען פון דעם, וואָס דעם פאָלק און דער אינטעליגענץ פעלט די מאָדערנע בילדונג, די מאָדערנע טעכניק, די מאָדערנע ציוויליזאַציע. זיי ראַטן דער יוגנט צו קריגן די העכערע בילדונג אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד און ווערן דערנאָך די טרעגער פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע אין כינע. דאַן וועלן די כינעזער קענען געווינען צוריק וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן, זייערע

טעריטאָריעס, נאַציאָנאַלן שטאָלץ און נאַציאָנאַלע ווירדע. די כינעזישע בע־סערע יוגנט איז אויך העכסט אידעאַליסטיש און טרוימט פון א יונגער באַנייטער גאַנצער כינע. אָבער „די אויפגעקלערטע” שפּילן אַן אומבאַדייטנדע ראָל אין כינעזישן לעבן.

פּאָליטיש זענען אַלע מיטגלידער פון אַ משפּחה אייניק. אויב עס קומט צו שטימען, גיבן אַלע מיטגלידער אָפּ זייערע שטימען פאַר דעם זעלביקן קאַנדידאַט און אַזוי וועט שוין די משפּחה אַלע מאָל שטימען. און דערפאַר טאַקע איז שווער דורכצופירן וועלכע נישט איז נייע רעפאָרמען אין כינעזישן לעבן. דאָס פאָלק איז אין נאַטור קאָנסערוואַטיוו, האַלט זיך ביים אַלטן און האָט פיינט ענדערונגען. אויסער דעם זענען דאָס די עלטסטע אין דער משפּחה די באַלעבאַטים איבער די שטימען פון אירע אונטערטאַנען, און דער אַלטער דור האָט פיינט נייע איינפירונגען. אין אַלגעמיין איז דער פּאָליטישער לעבן אין כינע אַזוי פאַרפלאָנטערט, אַז אַ פרעמדן איז שווער צו דערגיין א טאָלק. כמעט אַלע רעגירונגס שטעלעס ווערן פאַרקויפט. די עקזאַמענס זענען פּשוט לעכערלעכע: מען דאַרף וויסן וואָס מער כינעזישע ווערטער ווי זיי לייענען זיך און ווי זיי שרייבן זיך און לויט דער צאָל פון אָט די ווערטער קריגן זיי די מעגלעכקייט צו קויפן די שטעלעס. יעדער רע־גירונגס באַאַמטער איז אויף זיין אָרט אַ גאַנצער קייסער און אַן כּאַבאַרירט זיך דאָרט גאַרנישט פון אָרט.

דער עלטסטער אין דער משפּחה ווערט פאַרהייליקט. זיין וואָרט איז א געזעץ. מען גיט אים אָפּ דעם גרעסטן כּבוד. ער איז דער דעספּאָטישער הערשער איבער די אַלע הויז געזינדן, וואָס באַלאַנגען צו דער משפּחה. ווען ער שטאַרבט מאַכט מען אים אַ ריזיקע לויה מיט א פּראָצעסיע מיט מוזיק און מיט מתּנות, וואָס ער האָט ליב געהאַט ביי זיין לעבן. פּאַפּיר געלט, עסנוואַרג, לאַמטערנעס, קליידונג און וואָס נישט? נאָר די מתּנות זע־נען אויסגעמאַכט פון פּאַפּיר און קאַרדאָן. צוערשט האַלטן זיי דעם טויטן אין אַ באַזונדער פּלאַץ פאַר אַ פּאָר וואָכן כּדי ער זאָל זיך צוגרייטן צום צווייטן לעבן און דערנאָך באַהאַלטן זיי אים אויף אַ בית־עולם, אָדער נישט ווייט פון הויז, אָדער גאָר אויף אַ פעלד. אין זיין פריערדיקער היים אויף אַן אָנ־געזעענעם אָרט שטעלט מען אַריין א טאָוול, אויף וועלכן עס איז אויסגע־קריצט זיין נאָמען. די פאַמיליע ווענדעט זיך מיט יעדער וויכטיקער פּראַ־גע אָדער בקשה צום טאָוול. דריי יאָר נאָך זיין טויט מוז זיין פאַמיליע נאָך אים טרויערן. די משפּחה מיטגלידער גייען אָנגעטאָן אין ווייסן, האַלטן זיך אָפּ פון פאַרוויילונגען, פון עסן פלייש און טרינקען ווייִן.

זיי זענען אויסערגעווינלעך איידל איינע צו די אנדערע און זייער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער לעבן איז פאַרבונדן מיטן עטיקעט, וואָס איז שוין

אלט טויזנטער יאָרן און האָבן זייער ליב אויסדריקן זיך אין פּאָעטישע פֿאָרמען, ספּעציעל ווען עס קומען געסט אָדער מען גייט צו גאַסט. זיי באַנוצן דאַן א מאָדנע שפּראַך אין א געהויבענעם טאָן, רעדן מיט משלים, מאַכן זיך קליין און דעם צווייטן הויבן זיי ביזן הימל אַריין. ווערליק אָנשטאָט צו פרעגן: „וואָס מאַכט איר, אייער פרוי און די קינדער", וועט אַ געבילדעטער זאָגן: וואָס מאַכט די בלענדענע זון, די שיינענדע לבנה, די פינקלדיקע שטערן?", וועט דער צווייטער זיך בוקן, באַדאַנקען און ענטפערן אין דעם זעלביקן טאָן: „מיר באָדן זיך אין אייער ליכטיקייט, לעבן מיט אייער גנאָד און דערפאַר פילן מיר זיך אַלע גוט און זענען גליקלעך.

נישט קוקנדיק, וואָס די באַפעלקערונג איז איינגעטיילט אין אַזוי פיל קלאַסן, פאַמיליעס, שטאַמען, גראַדן, זענען דאָך די באַציונגען פון איינעם צום צווייטן העכסט דעמאָקראַטיש, האַרציק, שיין, אַז מען קען דאָס ערגעץ אַנדערש נישט טרעפן. איך בין איינמאָל געפאָרן אַ גאַנצן מעת לעת אין א וואַגאָן מיט אַ כינעזישן גענעראַל מיט זיין באַדינער א פשוטן סאָלדאַט און זיי זענען די גאַנצע צייט געזעסן פונקט אנטקעגן מיר, און די גאַנצע צייט האָב איך זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון דער שיינער חברישער באַציונג פון גענעראַל צום סאָלדאַט. דער גענעראַל מיטן סאָלדאַט האָבן געטרונקען פון איין גלאָז, געגעסן דעם זעלביקן מיטאָק פון דיזעלביקע געפעס. אָפטמאָל פאַרבייטנדיק זיך מיט די עסן־שטעקלעך. פאַרבראַכט האָבן זיי ווי צוויי ברידער. דער סאָלדאַט איז נישט געווען אויסגעצויגן ווי א סטרונע און פון דיסציפּלין איז קיין זכר נישט געווען.

ווי געזאָגט, האָב איך אויף דער גאַנצער וועלט נישט געזען אַזאַ אָרעמקייט ווי אין כינע. אַפילו אָפט האָב איך געטראַכט, ווי אַזוי קענען זיי דאָס אויסהאַלטן און לעבן. איך האָב זיי געזען אין די שווידערלעך קאַלטע נעכט אויף ביימער, אין שיפלעך ביים ברעג פון טייך, אָדער ים. איך האָב געזען די גליקלעכע, וואָס שלאָפן שוין אין א פאַנזע (הייזל) צו צוועלף פופצן אין אַ צימער. מען האָט מיר דערציילט ווען די רוסן האָבן געבויט די גרויסע מזרח כינעזישע אייזנבאַן, מיט יאָרן צוריק, האָבן זיי געצאָלט די כינעזישע אַרבעטער דריי קאָפּיקעס א טאָג מיט אַ שטיקל שוואַרצן ברויט דערצו. אין די טויזנטער וועסטו טרעפן כינעזער אויסגעהונגערטע, אויסגעצערטע — הויט און ביינער, וואָס וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף מיט דער האָפענונג צו קריגן אביסל ארבעט אום צו פאַרדינען אויף א ביסל רייז. אמאָל האָב איך געמיינט, אַז די יידישע אָרימע לייט אין ווייס רוסלאַנד לעבן ערגער ווי אַלע אויף דער וועלט. זייענדיק אין כינע האָב איך די מיינונג געביטן. א הונגעריקער כינעזער קען עסן אַלץ אין דער וועלט. איך האָב אַליין אַ סך מאָל געזען, ווי פאַרלייזיקטע כינעזער טוען אויס די וועש

פון זיך און עסן די אייגענע פּאַראַזיטן פון זיך, איך האָב געזען ווי זיי עסן גראָז און וואָרצלען. און ווי זיי טראָגן דאָס אַלץ איבער! ווי אמתע הייליקע מאַרטירער.

אַ צייט איז מיר אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט אַ מאַסע כינעזישע אַרבעטער. די כינעזישע אַרבעטער האָבן אַלעמאָל אַן עלטערן, וועלכן זיי מוזן אין אַלץ פאָלגן. אַז דער עלטערער רופט א שטרייק מוזן זיי אַלע דעם פּלאַץ פאַרלאָזן און שטרייקן ביז דער עלטערער הייסט זיי גיין צוריק צו דער אַרבעט. און אין דער צייט פון שטרייק וועט קיינמאָל קיין הונגעריקער כינעזער נישט פארנעמען קיין פּלאַץ פון א שטרייקער. און אויב אמאָל, נישט וויסנדיק וואָס עס קומט פאָר, פאַרנעמט ער יאָ דעם פּלאַץ, איז גלייך ווי אימיצער זאָגט אים, אַז דאָ שטרייקט מען, וועט ער מאָמענטאל דעם פּלאַץ פארלאָזן, כאָטש ער האָט שוין יאָ עפּעס פארדינט און איז שוין הונגעריק פון עטלעכע טעג נישט עסן. און וואָס וואָלט ער איצט נישט געטאָן פאר א שטיקל ברויט! שטילערהייט טוט ער זיך אָן, זאָגט נישט קיין וואָרט און פאַרלאָזט דעם פּלאַץ. און אַזאַ געפיל פון סאָלידאריטעט איז אפילו איינגעוואָרצלט ביי די קוליס (שוואַרץ אַרבעטער). פון דער גרויסער אָרעמקייט נעמט זיך די כונכוזן־באַוועגונג. די פאַרצווייפלטע אָרעמע, די מער געוואגטע פון זיי, וואָס קענען מער נישט איבערטראָגן דעם שטענדיקן הונגער, קעלט און נויט, אָרגאַניזירן זיך אין באַנדעס, קריגן וועלכע נישט איז וואָפן, פאַרנעמען ערגעץ גוטע פּאָזיציעס אין די וועלדער, אויף די בערג, אין די סטעפּעס, צי אויף די וועגן און פאַלן אָן אויף די רייכע דורכפאָרער און צווינגען געבן אויסלייז געלט. אויב אייניקע האָבן ביי זיך נישט קיין געלט, קידנעפּן זיי די רייכע, פירן זיי אַוועק אין זייערע „העד קוואָדערס" און באַפרייען זיי נאָר דאַן, ווען זיי קריגן פאַר זיי אויסלייז געלט. די כונכוזן קען מען אָנטרעפן אויף אַלע וועגן. זיי ווערן אמאָל צו דרייסט און קענען אָפּשטעלן א באַן און קידנעפּן כמעט אַלע רייכע פון דער באַן. דאַן מאכט אַזאַ אָנפאַל אַ רעש אין לאַנד. עס טרעפט אויך, אַז זיי זאָלן אָנפאַלן אויף רייכע אויסלענדער. דאַן ווערט אַן אינטערנאַציאָנאַלער סקאַנדאַל. ביז היינט זעגען נאָך דאָ אין די כינעזישע וואַסערן פּיראַטן (ים רויבער), וועלכע פאלן אָן אויף רייכע שיפלעך, נעמען אויסלייז געלט, רויבן אַלץ אויס און פאַרשווינדן.

עס טרעפט אויך, אַז די כונכוזן ווערן געפערלעך פאַרן גאַנצן לאַנד. דאַן מאַכט די רעגירונג מיט זיי אַ פשרה. גיט די פירער גרויסע שטעלעס מיט הויכע טיטולן און נעמט צו די אַלע איבעריקע פאַר סאָלדאַטן. און גראַד זענען די געוועזענע כונכוזן פון די בעסטע סאָלדאַטן. אין מיין צייט האָט דער געוויינלעכער סאָלדאט פיינט געהאט בלוט פאַרגיסונגען, האָט

אַפילו פיינט געהאַט זיין געווער. עס האָט אים געפעלט אונדזער באַגריף פון פּאַטריאָטיזם, פון באַגייסטערט ווערן פאַר אַ מלחמה פון ריין נאַציאָנאַלע מאָטיוון. דער סאָלדאַט איז געווען אַ געדונגענער. ער איז געוואָרן אַ סאָל־דאַט, ווייל מען האָט אים געגעבן עסן, קליידונג, אַ דאַך, אַ בעט און פאַר כינעזישע דאָלער דערצו. נאָר באַלד, ווי מען האָט אים אויפגעהערט צו צאָלן, אָדער געבן דאָס צוגעזאָגטע איז ער געוואָרן אויס סאָלדאַט, און איז אַריבער צו אַן אנדער גענעראַל, וועלכער האָט יאָ געקענט צאָלן.

די כונכוזן פלעגן אָנפאַלן בלויז אויף די רייכע. מיט די אָרעמע האָבן זיי זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן.

דאָס פאָלק האָט וועגן די כונכוזן אַ גוטן מיינונג. איך האָב געזען אין פו ־ דזי ־ דזאָנער כינעזישן טעאַטער צוויי פּיעסן פון כונכוזן לעבן. מען אידעאַליזירט זיי דאָרטן זייער שטאַרק. און אין דער זעלביקער צייט באַ־ציט זיך דאָס פאָלק צו די סאָלדאַטן מיט אומצוטרוי, מיט עפּעס אַ קעגן געפיל; זיי האַלטן נישט פון זיי. אַפילו אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און בירגער קריג אין רוסלאַנד, ווען די רוסישע מיליטער האָט פאַרלאָזן מאַנדזשוריע און אָנשטאָט זיי זענען אָנגעקומען די כינעזישע סאָלדאַטן, האָב איך ביי דער כינעזישער באַפעלקערונג קיין פרייד נישט געזען.

אַן אינטעליגענטער כינעזער האָט מיר דאָן דערקלערט:

— אַ גליק אַ גרויסער. ס'איז נישט קיין אמתע סאָלדאַטן. דאָס איז אַ באַנדע מיט אַ גענעראַל אין שפּיץ. זיי זענען נישט קיין גוטע מענטשן. זיי זענען בלוטדורשטיק און מערדער, ווי די ווייסע טייוואַלים (די אייראָפּעער).

און אַריין זענען די סאָלדאַטן נישט ווי באַזיגער, נאָר כמעט ווי באַ־זיגטע: עפּעס פאַרשעמט, שולדיק, צוריקגעהאַלטן. עס איז מיר פּשוט געווען אַ רחמנות אויף זיי צו קוקן. זיי זענען געווען טיפּישע דאָרפס כינעזער, שטו־מע, רואיקע, שולדיק שמייכלענדע און האָבן זיך געפילט ווי נישט געבעטע־נע געסט. איך האָב ביי־געווינט זייערע מאַרשן, זייער גימנאַסטיק און דער איינדרוק איז ביי מיר פאַרבליבן, ווי דאָס וואָלטן געווען נישט סאָלדאַטן, נאָר רעקרוטן, וואָס לערנען זיך, ווי צו זיין סאָלדאַטן.

אין אַ צייט שפּעטער, ווען די יאַפּאַנער האָבן פאַרנומען כאַרבין האָב איך געזען אַ בילד אויף דער הויפּט גאַס פון כאַרבין, אויף דער כינעזער גאַס. עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַ צוזאַמענשטויס צווישן די כינעזישע און יאַפּאַנישע סאָלדאַטן. די כינעזער זענען געווען אין צאָל פון אַ הונדערט און די יאַפּאַנער זענען געווען אַרום פינף און צוואַנציק. עפּעס זיי האָבן זיך אַלע געקאָכט, געשריען, געסטראַשעט איינע די אנדערע. און אַלע סאָל־דאַטן זענען געווען באַוואָפנט. אָבער ווי נאָר די יאַפּאַנער סאָלדאַטן האָבן

זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני, צוגרייטנדיק זייערע ביקסן צו שיסן, זענען אַלע כינעזער סאַלדאטן אנטלאָפן.

און איצט, פינף און צוואַנציק יאָר נאָך יענעם אינצידענט, אַז איך לייען וועגן דער העלדישקייט פון די כינעזער סאַלדאטן אין זייער מלחמה קעגן די יאַפּאַנישע אַריינדרינגער פאַר גאַנצע 8 יאָר און זיי האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע העלדישקייט, און געקעמפט פאַר יעדער שטיקל טעריטאָריע, באַוואונדער איך זיי פאַרקערט, נישט אַלס פייגלינגע, נאָר ווי די גרעסטע העלדן. און אָפט טראַכט איך, ווי וואונדערלעך עס קען זיך בייטן אין פאַרלויף פון א פערטל יאָרהונדערט די פּסיכאָלאָגיע פון א פאָלק.

פון אַזאַ כאַאָס אין כינע, ווען יעדער גענעראַל האָט געהאַט זיין ארמיי, וואָס האָט געפירט מלחמות קעגן די אנדערע כינעזישע גענעראַלן מיט זייערע ארמייען, און אַפילו אמאָל מיט די אַרמייען פון דער צענטראַלער רעגירונג אין פּעקין, ווען יעדער גענעראַל איז אויף זיין טעריטאָריע געווען אַ גאַנצער קייסער, אבסאָלוט נישט רעכענענדיק זיך מיט דער צענטראַלער רעגירונג, מיט די אינטערעסן פון זיין לאַנד, ווען די סאָלדאטן זענען געווען געדונגען פון דעם אָפּפאַל פון כינעזיש פאָלק, און די סאָלדאַטן אַליין האָבן אָפט פאַרראַטן זייערע גענעראַלן און אַריבער צום קעגנערישן צד, ווייל יענער האָט אים צוגעזאָגט א בעסערן עסן און א גרעסערן געהאַלט, ד"ה ווען די אַרמיי איז געווען אין גאַנצן דעזאָרגאַניזירט, צעפוילט, צעברעקלט, ווען דעם כינעזער האָט געפעלט אין גאַנצן דער געפיל פון פּאַטראַטיזם, פון ליבע צום לאַנד; זאָל אין פאַרלויף פון פינף און צוואַנציק יאָר געשאַפן ווערן אַ כמעט פּאַראייניקטע פאָלקס־אַרמיי, אַ (קאָמוניסטישע), אַ באַגייסטערטע, אַ דיסציפּלינירטע, אַ העלדישע. גאָר אַ קליינקייט: פירן אַכט יאָר בירגער־קריג אין אַ מלחמה מיט דער שטאַרקסטער מלוכה אין אַזיע, קעגן די בלוטדורשטיקע, אכזריותדיקע יאַפּאַנער, זיך נישט אונטערגעבן, נאָר העלדיש קעמפן פאַר יעדן שפּאַן לאַנד און פאַר דער צייט פאַרצייכענען אַזעלכע גוואַלטיקע זיגן. און זיי האָבן דאָך ביז דער לעצטער צייט געקעמפט כמעט מיט הוילע הענט, אָן טאַנקען, אָן עראָפּלאַנען און אָן דער גאַנצער מאָדערנער מאַשינעריע, ווי עס קעמפן די יאַפּאַנער. איז דאָס נישט איינער פון די גרעסטע וואונדער אויף דער וועלט?!

קאַפּיטל 10

וואָס איך האָב געזען אין כינע

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, ווען איך האָב באַטראַכטן די כינעזישע טעריטאָריע איז ווי כינעזער קליידן זיך. זיי קליידן זיך פונקט פאַרקערט פון אונדז. די פרויען אין שיינע שמאָלע הויזן. מערסטנס פון זיידנס, אַטלאַס אָדער סאַמעט, מיט אַ רעקל, וואָס פאַר־שפיליעט זיך ביז אויבן, ביז איבערן האַלדז. איך האָב קיינמאָל נישט גע־טראָפן אַ פרוי, וואָס זאָל זיין אַ ביסל דעקאָלטירט. דער גאַנצער קערפּער, אויסער דעם פּנים, איז פאַרדעקט. אַזוי קליידן זיך אפילו די מאָדערנע מיידלעך און פרויען, אויך די זינגערינס און שפּילערינס פון די ביליקע טעאַטערס. ווען נישט די וווּנדערבאַר שיין פאַרקאַמטע האָר און די איי־דעלע געזיכטס־צוגן און די קליינע פיסלעך, וואָלטן מיר אָנגענומען די פרויען פאַר מענער.

די מענער, פאַרקערט, זענען אָנגעטאָן אין קליידער, אָדער אין עט־לעכע קליידלעך מיט אַ קאָפּטע פון אויבן און אַ גרויסער טייל פון זיי טראָגט נאָך היינט צו טאָג אַ צאָפּ, אַ לאַנגן צאָפּ, וואָס הענגט אַראָפּ.

מיט מיר אין אַ גרויסן עקספּאָרט־געשעפט האָט געאַרבעט אַ כינעזער מיטן נאָמען לו. ער איז געווען אַ פאַרהייראַטער. ער איז געווען אין דעם געשעפט דער איבערזעצער, און עס פלעגן קומען סוחרים פון רוסלאַנד און פון ענגלאַנד. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן אייראָפּייער און זיין אַרבעט האָט זיך גוט באַצאָלט. זיין אידעאַל איז געווען חתונה האָבן מיט אַ ווייסער, אָבער עס האָט זיך נישט געמאַכט אַזוינס און ער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מאַנדזשורערין.

איינמאָל האָט ער מיר מיט גרויס פרייד דערציילט, אַז זיין פרוי איז אויף דער צייט און וועט אין גיכן האָבן אַ יינגל. ער פלעגט אָפט לויפן אַהיים זען צי זיין פרוי האָט שוין געהאַט דאָס יינגל. אָפט פלעגט ער מיט מיר ריידן וועגן יינגל, וואָס דאַרף געבאָרן ווערן.

— אפשר, — זאָג איך אים איינמאָל, — וועט עס זיין נישט קיין יינגל?

— ניין, עס קען נישט זיין. ער האָט קעגן די געטער נישט געזינדיקט

און זיי האָבן נישט פאַרוואָס צו זיין אין כעס אויף אים. אויסער דעם זע־נען דאָ אַלע סימנים פאַר אַ ייִנגל. אין אייניקע טעג אַרום איז ער געקומען אַ פאַרצווייפלטער — גאָט האָט אים באַשטראָפט פאַר זיינע זינד און זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ מיידעלע.

— נו, אַז אַ טאָכטער איז וואָס? עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. וועט זי איבער אַ יאָר האָבן אַ ייִנגעלע. אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע ווילן אַ סך עלטערן האָבן נאָר אַ מיידעלע, האָב איך אים געטרייסט.

אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן, ער איז געוועזן פאַר־צווייפלט.

דאָס ניי־געבאָרן קינד האָט לאַנג נישט געלעבט. אפשר אַ צוויי וואָכן. נאָכן טויט איז ער געקומען אַ צופרידענער מיט דער נייס, אַז זיין טאָכ־טער איז געשטאָרבן.

— ווען וועט זיין די לויה? — פרעג איך אים.

— וואָס? — פרעגט ער מיר פאַרוואונדערט, — אַ לויה? נישטאָ קיין לויה. גלייך ווי זי איז געשטאָרבן האָב איך איר אַרויסגעלייגט אין גאָס, און היינט אין דער פרי האָב איך געזען, ווי די גאַס־סאַניטאַרער האָבן זי צוגענומען.

ביי מיר האָט געאַרבעט אַ יונגער כינעזער. ער פלעגט צוקלייבן די צימערן און קאָכן פאַר אונדז. ער איז געוועזן אַ העכסט סימפּאַטישער און אַרבעטסזאַמער. פאַר אַ קלייניקייט וואָלט ער געלאָפן אין פייער און אין וואַסער און איז געוועזן העכסט צופרידן צו פאַרדינען אַ זייטיקע פאַר סענט. נאָר אויף זיך פלעגט ער כמעט גאָרנישט אויסגעבן, סיידן אויף אָפּיום צום רויכערן. ער פלעגט זאַמלען סענט צו סענט.

— אויף וואָס זאַמלסטו די געלט אַזוי איינגעשפּאָרט? האָב איך אים איינמאָל געפרעגט.

— איך מוז האָבן, — ענטפערט ער מיר, — דריי הונדערט טאַיאַן (הונדערט און פופציק דאָלאַר) אויף צו קויפן זיך אַ פרוי. און איך האָב נאָך נישט קיין גאַנצע צוויי הונדערט. עס פעלט נאָך מיר איבער הונדערט טאַיאַן. מיינע עלטערן האָבן איר אויסגעקליבן פאַר מיר און אירע עלטערן פאָדערן פאַר איר גאַנצע דריי הונדערט טאַיאַן און דאַן וועלן זיי איר פאַרקויפן. ווען איך וועל אָנזאַמלען די גאַנצע סומע, וועל איך חתונה האָבן און זיין צו לייטן גלייך.

איינמאָל בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צוזאַמען מיט מיינע באַלעבאַ־טים און אַנדערע ווייסע אָנגעשטעלטע צו אַ מיטאָג ביי אַ כינעזישן מי־ליאָנער, וואָס איז געווען דער גרעסטער תבואה־עקספּאָרטירער אין כאַר־בין. צווישן די געלאַדענע געסט זענען געווען אַ סך הויכגעשטעלטע איי־

ראַפּייער. דער מיטאָג איז נישט געווען אין זיין הויז, נאָר אין אַ רייכן רעס־טאָראַן, וווּ מען האָט סערווירט אַ אייראָפּייער עסנס און אַ כינעזישע. עס זענען געווען פאַרשיידענע שנאַפּסן, ווייבען, קאָניאַקן און אפילו שאַמ־פּאַניער. יעדערער האָט געקענט פאַר זיך באַשטעלן, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. ווען דער עולם איז פריילך געוואָרן האָט מען געבעטן דעם באַ־לעבאָס צו ברענגען זינגערינס. ער האָט אָפּגערופן אַ כינעזישן פאַרוויי־לונגס־טעאַטער און געבעטן שיקן אין רעסטאָראַן זעקס שיינע יונגע כאָ־ריסטקעס. זיי זענען טאַקע גלייך געקומען און זיי אַלע זענען געווען אָנגע־טאָן אַ סך מער צנועותדיקער פון אונדזערע מאַמעס, באָבעס. זיי האָבן מיט־געבראַכט זייערע שפּיל־אינסטרומענטן, ענדלעך צו אונדזערע פידלען, נאָר קלענערע, פרימיטיווערע און מיט מער סטרונעס.

מיר האָבן די כינעזישע „שאַנסאָנעטינס” איינגעלאַדן זעצן זיך ביי די טישן. זיי האָבן אונדז אָנטזאָגט און זיך געזעצט לעבן טיר אויף לאַנגע בענק. מיר האָבן זיי געוואָלט מכבד זיין מיט ווייַן, סיגאַרן, סיגאַרעטן, זיסע זאַכן, גוטע פרוכט, טייערע געבעקס. זיי האָבן האַרציק באַדאַנקט און נישט געוואָלט פאַרזוכן. זייערע לידלעך באַגלייט מיט זייער מוזיק זענען געווען פאָלקס־לידער וועגן דעם שיקזאַל פון יונגע ווייבלעך, וועגן שווער און שוויגער, וועגן מלחמות און וועגן כונכוזן. אַנדערע לידער זענען געווען כינעזישע היסטאָרישע געשעענישן. די לידער זענען געווען ריין פון וועלכע ס'איז נישט אָנשטענדיקע אָנדייטונגען, פון ווערן לײדנשאַפטן. אַזעלכע לי־דער וואָלטן די אַמאָליקע שטרענגע ביזעגלענדער, די פּוריטאַנער, דער־לויבט זייערע טעכטער צו זינגען אין זייערע הייזער. און ווען פאַר זייער אָוועקגיין האָבן מיר זיי געוואָלט באַפרידיקן מיט געלט, האָבן זיי זיך אָנט־שיידן אָנטזאָגט צו נעמען מיטן תירוץ, אַז דער באַלעבאָס צאָלט זיי פאַר זייער אַרבעט. און עס איז נישט שיין צו נעמען געלט פון פרעמדע מענטשן.

זיי האָבן זיך אַ נויג געטאָן צו אונדז און פאַרלאָזן אונדזער שמחהלע.

אין אָוונט זענען מיר אַלע אַוועק אין כינעזישן טעאַטער. ער איז גע־ווען אַ קיילעכדיקער און די בינע איז געווען אין מיטן. נישטאָ קיין דע־קאָראַציע, ניישטאָ קייןביידל פאַרן סופלאָר, אין שפּיל זענען נישטאָ קיין אַנטראַקטן. דאָס, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר דער בינע טראָגן די באַדינער אַריין אין מיטן שפּילן און זעצן זיך אַוועק אויף דער בינע ביז זיי וועלן דאַרפן נאָך עפּעס אַריינטראָגן, אָדער איבערשטעלן די מעבל, צי אַרויס־נעמען דאָס איבעריקע. און אַלץ ווערט געטאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

קיין פרויען שוישפּילערינס זענען נישטאָ. די מענער אַקטיאָרן טוען אויף זיך אָן ווייבערשע קליידער, גרימירן זיך אַלס פרויען און שפּילן די ראָל פון דער יונגער פרוי, דער מוטער, צי דער באָבע.

יעדער איינער פון אונדז האָט געהאַט אַ באַזונדער לאָזשע, אין וועל־כער ס'איז געשטאַנען אַ טישל און אויפן טישל האָט שוין יעדערער פון אונדז געפונען קיכלעך, זיסע זאַכן, פרוכט, יאַדערן, אַרבעס, וואַסער. דער עולם עסט און טרינקט און באַוואונדערט די שפיל.

מען האָט דאַן געגעבן צוויי פּיעסן פון כינעזישן לעבן. איין פּיעסע איז געווען פון גענגסטער לעבן און טאַקע דער גענגסטער איז געווען אוי־סערגעוויינלעך קלוג, געראַטן, פלינק, און מען קען אים נישט באַשטראָפן, ווי עס דאַרף צו זיין. ער ווייסט אַלע מאָל ווי פון דער שטראָף פּטור צו ווערן. מען פאַרטרייבט אים אין ים אַריין — שווימט ער אַרויס. מען שמידט אים אין קייטן, ווערט ער אויף אַ ווונדערלעכן אופן פון זיי באַפרייט, מען זעצט אים אַריין אין געפענגעניש, זעגט ער דורך די פענצטער און אַנט־לויפט. סאָלדאַטן שיסן אויף אים און קיין קויל נעמט אים נישט. אויך מאָדנע איז דעם אַקטיאָרס שפּילן. די גאַנצע צייט זינגט ער, שפּרינגט ווילד פון איין זייט ביז צו דער צווייטער זייט, דרייט זיך ווי אַ ווירער, טאַנצט אויס ווילדע טענץ, וואַרפט זיך משוגענערווייז. דער עולם האָט פון אים שטאַרק הנאה. דאָס איז קענטיק פון די לאַכעדיקע פּנימער און פון די ווילדע אויס־געשרייען „כאַ" פון דעם געערטן פּובליקום. אין כינע אַפּלאָדירט מען נישט, נאָר מען שרייט „כאַ" — גוט. און אַז עס געפעלט נישט שעמט מען זיך נישט אויסשרייען „פּוכאַ" — שלעכט.

דער טעאַטער איז איבערגעפּאַקט. קיין פרישע לופט איז נישטאָ. דעם עולם ווערט הייס, מען שוויצט. שטייען אונטן יינגלעך, וועמעס אַרבעט איז אַרויפוואַרפן צו יעדן איינעם אין טעאַטער אַ נאַסן קאַלטן האַנטוך. יע־דערער כאַפּט אַ האַנדטוך, ווישט זיך אַרום און וואַרפט אַראָפּ זיין האַנדטוך צוריק צו די יינגלעך. די גענוצטע האַנדטיכער גייען צוריק אין דער וועש־שעריי ביים טעאַטער און מען וואַרפט זיי ווידער. ס'איז אַ ווונדערבאַרער בילד, ווי אין פאַרשיידענע ריכטונגען פליען הין און צוריק האַנדטיכער איבערן גאַנצן טעאַטער. און די מוזיק קוויטשעט, שרייט און וויינט די גאַנצע צייט און מיר דוכט זיך, אַז זי שפּילט נישט, נאָר זי האַקט, קלאַפּט, גרילצט, נישטאָ קיין ריטם, קיין האַרמאָניע.

די צווייטע פּיעסע האָט פאַרגעשטעלט ווי אַ יונגער כינעזער האָט פאַרלאָזן זיין היים און זיך פאַרקויפט פאַר אַ סאָלדאַט און אין פאַרלויף פון אַ דרייסיק יאָר האָט ער זיך דערדינט צו אַ גענעראַל. פאַר דער גאַנ־צער צייט האָט ער זיין מוטער, די אלמנה, נישט געזען, און ער קומט אַראָפּ מיט שטאָלץ צו זיין מוטער אַלס אַ גענעראַל. די מוטער וויל אים נישט קענען, זי טרייסלט זיך פון אים אָפּ. זי איז אויף אים אין כעס, פאַר־וואָס ער האָט איר פאַרלאָזן מיט דרייסיק יאָר צוריק, זי האָט די גאַנצע

צייט געהונגערט און אים האָט עס נישט געאַרט. אפילו אַ בריוול קיין מאָל נישט אַריינגעשיקט. אפילו נישט געלאָזט וויסן, ווו ער איז. — ניין, — זאָגט זי, ער איז נישט איר זון. זי האָט די גאַנצע צייט קיין זון נישט געהאַט. ער איז איר אין גאַנצן אַ פרעמדער. ער איז „פוכאָ" — פאַרדאָרבן. דער זון בעט זיך ביי איר, ער וויינט, קלאָגט, פאַלט איר צו די פיס, זאָגט איר צו גאַנצע גליקן און ער וועט שוין זיין גוט און פרום, אַ געטרייער זון. נאָך אַ שעה בעטן זיך, קליאַנטשען זיך פאַר דער מאַמען, ענדיקט זיך דאָס שפּילן, צו דער צופרידנקייט פון אַלעמען, מיט אַ שלום־בית. דער טויזנט־קעפּיקער עולם שרייט „כאַ"!

עס איז שווער פאַר אַ אייראָפּייאישן עולם אויסצוזיצן די גאַנצע צייט אין אַ כינעזישן טעאַטער און איך בין צופרידן געווען, ווען די שפּיל האָט זיך געענדיקט און איך בין אַוועק אַהיים. אָבער עס זענען אויך פאַראַן פּיעסן, וואָס שפּיל זיך אין פאָרזעצונגען אַ וואָך און מער און די כינעזער קומען מיט זייערע הויז־געזינדן יעדן טאָג פאַר דער גאַנצער צייט און זיצן יעדן טאָג פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט און זיי ברענגען פאַר זיך און פאַר דער הויז־געזינד שפּייז פאַר אַ גאַנצן טאָג.

איך האָב קאַרגע צוויי יאָר געוווינט אין פו־דזי־דזאַן, ווו די איינציקע אייראָפּייער זענען געווען איך, מיין פרוי און מיין קינד. געווען אַרומגערינגלט מיט בלויז כינעזער. און וואָס מער איך האָב געלעבט צווישן זיי, האָב איך וואָס ווייטער אַלץ מער גוטע מידות געזען ביי זיי. זיי זענען זייער רויק, ווען קיינמאָל נישט באַליידיקן, נישט אָנפאַלן אויף אַ פרעמדן, אפילו אויף אַ ווייסן, וועלכע זיי האָבן נישט אַזוי ליב, ווען אַפילו קיינמאָל נישט אָפּלאַכן פון פרעמדע, ווי ווילד עס זאָל פאַר זיי נישט אויסזען זיין אָרט לעבן, אָדער זיינע טאַטן. האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט פון מלחמות מיט אימפּעריאַליסטישע צוועקן. זענען אַלע מאָל איבער גליקלעך, ווען מען לאָזט זיי צורו. זענען אויפן העכסטן גראַד גאַסטפריינדלעך, אָרנטלעך און האָבן ליב צו אַרבעטן און אַרבעטן טאָקע אַ סך און שווער. זיי זענען זייער איבערגעגעבענע פריינד און זענען אויסערגעוויינלעך געדולדיק. מען מוז שוין צו שטאַרק אָנציען די סטרונעס, כדי אַרויסצוברענגען אַ כינעזער פון געדולד, אז ער זאָל אָנפאַלן אויף אַ צווייטן. דער כינעזער איז אַלע מאָל גוט אויפגעלייגט, פריילעך און גוטמוטיק. ער טוט די שווערסטע אַרבעט און זינגט דערביי און אויב אַ סך טוען איינצייטיק די אַרבעט זינגען זיי אַלע אין כאָר. די יוגנט האָט ליב נאָך דער אַרבעט צונויפקלייבן זיך אין גרעסערע גרופּן און צוזאַמען שפּילן אויף זייערע אַלטמאָדישע אינסטרומענטן און זינגען. אמת, אונדז אייראָפּייער איז שווער די מוזיק איבערצוטראָגן, נאָר זיי זינגען און שפּילן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג און דער זיי־

טיקער עולם הערט זיך אויפמערקזאַם צו. דאָך צו פֿאַרברעכער װײַזן זײ אַרויס אַ מערקווירדיקע גרויזאַמקייט. דאָס שרעקלעכסטע איז, ווען זיי כאַפּן אַ הויז־גנב. אַלע אײַנוווינער לויפֿן זיך צונויף צו פֿאַרדינען די מצוה פֿון שלאָגן אים און יעדערער שלאָגט אים פֿאַרשיידן: דער מיט אַ שטיק האָלץ, אַ צווייטער מיטן פּויסט, אַ דריטער מיט אַן עמער, אַן אַנדערער מיט אַ לאָפּעטע און מען שלאָגט אומעטום און אָן רחמנות. דער גנב בעט זיך, וויינט, זאָגט צו ביי די געטער, אַז ער וועט דאָס מער נישט טאָן, אָבער עס העלפֿט נישט. דער עולם שלאָגט אים מיט מער באַגייסטערונג. דער גנב דאַנקט זײַנע גייסטער, ווען ער דערזעט, אַז ס'קומט אַ פּאָליציי, וואָס טרײַבט אַוועק דעם צעיושעטן עולם. אויך פֿון דער פּאָליציי לעקט ער נישט קיין האָניק, נאָך ערגער איז אים, ווען מען ברענגט אים אַרײַן אין פּאָליציי־הויז; דאָרט שלאָגט מען אים גרויזאַם מיט באַמבוק־שטעקענער, אָבער ער איז דאָך צופֿרידן, ווײַל דער עולם וואָלט אים געוויס געלינטשט. דער כינעזישער משפּט איז אַ פּאַרצייטיקער און איז אַן אמתע אינקוויזיציע פֿאַר דעם באַשולדיקטן און אין טורמע איז נאָך ערגער. דאָרט לעבן די באַשולדיקטע ווי אין אַן אמתער אינקוויזיציע און פֿאַר יעדעס קלייניקייט שלאָגט מען מיט די באַמבוק־שטעקנס.

מיר איז אייניקע מאָל אויסגעקומען זײַן אין דער גירינער טורמע און נאָך יעדן באַזוך האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געקענט עסן און אויך נישט שלאָפֿן. די שווידערלעכע בילדער פֿון דער גירינער טורמע זענען לאַנג נאָך דעם, לעבעדיק געשטאַנען פֿאַר מײַנע אויגן.

איינמאָל האָב איך אין כאַרבין בייגעוווינט אַ הינריכטונג פֿון זעקס כינעזער און איך וועל עס געדענקען מײַן גאַנצן לעבן. איך בין דאַן גע־גאַנגען נאָך מיטאָג צו מײַן אַרבעט און פּלוצלונג האָב איך באַמערקט, ווי מאַסן כינעזער לויפֿן אין דער ריכטונג פֿון דער הויפּט־גאַס. נאָכן לויפֿן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס מוז זײַן אַ וויכטיקע געשעעניש. די אַלגע־מיינע שטימונג האָט זיך מיר איבערגעגעבן און איך בין מיטגעלאָפֿן. איך בין אָנגעקומען אין דער ריכטיקער צייט. דערווייל האָבן מיר די כינעזער איבערגעגעבן, אַז דאָס וועט מען דורכפֿירן דעם טויט־אורטייל איבער זעקס פֿאַרמשפּטע. פֿריער האָבן געריטן אַ סך סאָלדאַטן אויף זייערע נידעריקע מאָנגאָלישע פֿערדלעך, נאָך זיי איז געגאַנגען דער מיליטערישער אָרקעס־טער, נאָך זיי האָבן מאַרשירט די טרעגער פֿון די פֿאָנען, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעצייכנט די נעמען פֿון די, וואָס זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און פֿאַר וועלכע פֿאַרברעכנס. דערנאָך האָט מען אויף זעקס „אַרבעס״ (כינעזישע צוויי־רעדערדיקע וועגענער) געפֿירט די פֿאַראורטייל־טע און יעדע אַרבע איז געווען געשפּאַנט מיט צוויי פֿערד. אויף יעדער אַר־

בע איז געשטאַנען אַ פאַראורטיילטער צום טויט. אַנגעטאָן איז ער געווען אין אַ ווייסן כאַלאַט אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. די הענט זענען געווען גע־בונדן מיט שטריק אויף הינטן, אויפן האַלדז איז געווען אָנגעטאָן אַ שווע־רע ראָד פון האָלץ, וועלכע איז געווען פאַרשלאָסן מיט שלעסער. אַרום־געריגנלט איז ער געווען פון סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. אויסער דעם האָבן סאָלדאַטן מיט ביקסן אַרומגערינגלט די גאַנצע פּראָצעסיע. די מוזיק האָט געקלאַפּט און געבורטשעט מיט אַ מאָדנער קראַפט און אין די באַראַבאַנען האָט מען געקלאַפּט מיטן גאַנצן כוח. אָבער די זעקס פאַר־אורטיילטע האָבן די מוזיק איבערגעשריען. זיי האָבן האַרצרייסנד געשריען, אַז מען האָט זיי פאַראורטיילט אומזיסט, אַז זיי זענען אומשולדיק. די גאַנצע הויפּט־גאַס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט כינעזער. עס איז געווען אַזוי גע־דיכט, אַז ס׳איז נישט געווען ווו אַ שפּילקע אַריינצוואַרפן. און די קאָמאַנ־דירן שרייען, די מוזיק האַקט און די פאַראורטיילטע שרייען שוין היי־זעריק מיט די לעצטע כוחות און יעדער אויסגעשריי זייערער איז אַזוי האַרצרייסנד, אַז אַ סך ווערן היסטעריש. די פּראָצעסיע האָט שוין דורכ־געמאַכט אַ מאַרש פון אַ פּאָר מייל. זי האָט זיך אָנגעהויבן אין פו־דזו־דזאַן און דאַרף נאָך דורכגיין די גאַנץ כינעזישע גאַס. צווישן עולם איז אַ טומל אַ געשריי, אַלע ווילן זען די פאַראורטיילטע און מען שטופּט זיך, מען לויפט, מען יאָגט איבער. די פאַראורטיילטע קוים, וואָס זיי שרייען, אַ סך פון עולם זאָגן זיי עפּעס. מיר איז אויסגעקומען מיטמאַרשירן אפשר אַ שעה צייט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו עפּעס אַ געבײַדע אויף אַ גרויסן ליידיקן פּלאַץ. דאָ האָט זיך די פּראָצעסיע אָפּגעשטעלט. מען האָט אָנגעהויבן דורכ־צופירן די הינריכטונג. מען האָט אָפּגעבונדן די אַרעסטאַנטן, אַראָפּגענומען פון זיי די גרויסע הילצערנע רעדער. די קרבנות זענען שוין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון גרייטן זיך צום טויט, פון שרייען, פון דער גאַנצער פּראָצעסיע, אַז זיי האָבן שוין ווייניק געהאַט כוח צו פּראָטעסטירן.

מען האָט זיי אַראָפּגענומען פון די וועגענער, צוגעפירט צום וואַנט פון דער געבײַדע, ווו עס האָבן שוין אויף זיי געוואַרט זעקס קברים און זיי אַלעמען אַוועקגעזעצט אין איין ריי אויף די קני, יעדן איינעם לעבן זיין קבר. מען האָט זיי די קעפּ איינגעבויגן צו דער ערד אַזוי, אַז דער הינטערש־טער טייל פון האַלדז זאָל אויסקומען פון אויבן. דאַן איז צוגעקומען דער תליון מיט אַ גרויסן איינגעבויגענעם שאַרפן מעסער, וואָס זעט אויס ווי אַ סערפּ. די מוזיק האָט שוין געבראַזגעט, די באַראַבאַנען האָבן ווילד גע־קלאַפּט און דער תליון איז צוגעגאַנגען מיטן מעסער צו יעדן איינעם און האָט אים מיטן מעסער אַ האַק געטאָן אַזוי איבערן האַלדז, אַז דער קאָפּ איז באַלד אַראָפּגעפאַלן. א שטראָם בלוט האָט אַ גאָס געטאָן און דער טויטער איז

אַנידערגעפאַלן פון זײַנע קני. אויף גיך האָט מען זיי אַרײַנגעוואָרפן אין זייערע גריבער און פאַרשאָטן מיט ערד. די רײַטנדע סאָלדאַטן האָבן געמאַרשירט איבער די פרישע בערגלעך מיט זייערע פערד, ביז עס איז פון די קברים קיין סימן נישט געבליבן.

מיך האָט שטענדיק באַוווּנדערט די באַציונג פון די כינעזער צו זייערע פאַרשידענע געטער, גײַסטער, און רעליגיעזער תורה. עפּעס אַ באַציונג ווי צו לעבעדיקע מענטשן. אַז די געטער זענען צו זיי גוט, זענען זיי גוט צו די געטער, לויבן זיי, בעטן זיי, דאַנקען זיי, גיבן זיי פאַרשידענע מתנות. אָבער ווען זיי ווערן אין כעס אויף זיי ווײַל עס גייט נישט קיין רעגן, ס'איז נישט געווען קיין גערעטעניש אויף רײַז, אָדער עס איז א מגפה, נעמען זיי זיך צו באַשטראָפן די געטער. אָבער זיי טוען עס נישט אײנציקווײַז. טויזנטער כינעזער נעמען אָנטייל אין דער אַרבעט. עס ווערט אַ ריזיקע פּראָצעסיע, וועלכע ציענדיק זיך איבער די גאַסן, מאַכט אַזאַ טומל, אַז כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג לויפט אַרויס פון די פאַנזעס און גייט אַרײַן אין דער פּראָצעסיע. דער עולם שרײַט, טומלט, מען שלאָגט דעם פאַרשולדיקטן גאָט מיט באַמבוק שטעקנס.

אין מײַן צײַט האָט אין מאַנדזשוריע אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון צוויי קראַנקייטן מיט אַמאָל — פון טשומאַ און כאָלערע. די געטער האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט און פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט צונעמען די צוויי בייזע קרענק, וועלכע פלעגן יעדן טאָג אַוועקלייגן די כינעזער אין די הונדערטער. איך פלעג אָפט אַליין זען טויטע כינעזער אין די גאַסן. וואָס פאַר אַ סגולות זיי האָבן נישט אָנגעווענדט, האָט נישט געהאָלפן. אַז די געטער האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט איז דאָך נישט שייך. זענען די מאַנדזשורער אויך נישט קיין נאַראָנים און ווייסן אין אַזאַ פאַל ווי צו האַנדלען.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן די כינעזער אָנגעהויבן אַרויסיאָגן פון זייערע פאַנזעס די בייזע גײַסטער מיט אַ געשריי, געפילדער, מיט קלאַפּן אין גרויסע טאַצן. זיי האָבן זיי געיאָגט, געהוקעט, געשפּילט פאַסיקע ווילדע מוזיק. די פענצטער און טירן האָבן זיי פאַרנאַנדערגעעפנט. די שטוביקע האָבן דערווײַל געקערט, גערייניקט, געוואַשן אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין זייערע הײַזלעך און אַז זיי האָבן אויסגערייניקט די הײַזער פון די בייזע גײַסטער, האָבן זיי אויף גיך פאַרמאַכט די פענצטער, פאַרשלאָסן די טירן און אַ גרויסע פּראָצעסיע האָט זיך פאַרמירט, אַזאַ פּראָצעסיע אין וועלכער כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג האָט אָנטייל גענומען. אינמיטן דער פּראָצעסיע האָט מען אויף אייניקע וועגעלעך (אַרבעס) געפירט דעם גאָט דראַגון (אַזאַ משונהדיק ריזיקן שלאַנג, וואָס עקזיסטירט נישט אין דער ווירקלעכקייט). דער שלאַנג איז געווען אַזוי לאַנג, ווי אַן אַמעריקאַנער בלאָק און אַזוי גראָב ווי

דער וווקס פון אַ מענטשן. ער איז געווען אינעווייניק אַנגעבלאָזן, אָדער אָנ־געפילט מיט עפּעס. יעדער רגע פלעגט אימיצער פון דער אומגעהויער גרוי־סער מאַסע מענטשן צולויפן צו אים און מיט אַ שטעקן דערלאַנגען מיט אַלע כוחות אַ זעץ אין זייט. פאַרויס פון דער פּראָצעסיע זענען געגאַנגען אַ פּאָר צענדליק יונגע מיידלעך אָנגעטאָן אין ווייסן און געגאַנגען זענען זיי אויף שטאָלצן. אַ סך כינעזער האָבן יום טובדיק געטראָגן אויף שטעקענער פון פּאַפּיר אויסגעמאַכטע עפּעס מאָדנע שלאַנגען, ווילדע פינפערנאָטערס, פּאַנען מיט אויפשריפטן, לאַמטערנעס. די מוזיקער האָבן די גאַנצע צייט פון דער פּראָצעסיע געהאלטן אין איין קלאַפּן, ווילד בראַזגען ביז אַלע זענען צוגעקומען צום סוף שטאָט צו דער טייך סונגאַרי און דאָרטן האָט מען אים ווי געהעריק אָנגעקלאַפּט די ביינער, אים אַריינגעוואָרפן אין טייך און דער־טרונקען. און דער עולם איז זיך אַ צופרידענער פאַנאַנדערגעגאַנגען, זייענדיק איבערצייגט, אַז מער וועלן שוין מענטשן נישט פאַלן אין די גאַסן פון די בייזע קראַנקהייטן.

און אַמאָל האָבן זיי גאָר ליב אַ שטיף צו טאָן מיט גאָט, אים מיט אמאָל מיט אַ געפּילדער און רעש איבערשרעקן אָדער איבערראַשן. נאָר מאָדנע: די אַלע באַציונגען צו די געטער, גייסטער, שדים טראָגן נישט קיין רעליגיעזן כאַראַקטער. כ'האָב אין דער גאַנצער וועלט נישט געטראָפן אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אַזוי גלייכגילטיק צו רעליגיעזע פראַגן, ווי די כינעזער. זיי האָבן נישט קיין רו טאָג. אין אַלגעמיין האָבן זיי זייער ווייניק יום טובים. דער גרעסטער יום טוב איז ביי זיי דער ניי יאָר, וועלכער ציט זיך אייניקע וואָכן. דערנאָך קומען קלענערע יום טובים: דער יום טוב פון די לאַמטערנעס, פון דראקאָן און פון דער ערשטער לבנה. זיי האָבן נישט קיין רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע יום טובים. ווען עס איז יום טוב אַראַנזשירן זיי געוויינלעך גרוי־סע מאַסן פּראָצעסיעס, נאָר די פּראָצעסיעס ציען זיך אָן תפילות און אָן פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל. דער עולם מאַכט זיך פריילעך, שטיפט, ווייזט ספּאָרט קונצן, מען טראָגט פון פּאַפּיר פאַרשידענע אויסגעשניצטע צאַצקעס. די מוזיק האַקט, קלאַפּט און טראַסקעט. און מאָדנע: די פּראָצעסיעס ציען זיך נישט צו די פּאַגאָדעס (זייערע שולן, טעמפּלען) נאָר צו אַ טייך, צום ים, צו א באַרג. אין אַלגעמיין איז ביי זיי גיין אין די פּאַגאָדעס נישט קיין סימן פון פרומקייט נאָר פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט. און ווייל זיי זענען אַזוי נישט רעליגיעז, זענען זיי זייער טאָלעראַנט צו אַנדערע רע־ליגיעס, גלויבונגען. זיי פאַרדריסט נישט אַז מען פאַרבייט די רעליגיע פון קאָנפוציעס אויף בודיזם, אָדער איינער ווערט גאָר אַ קריסט צי אַ מאַכמע־דאַנער. זיי האָבן געקעמפט קעגן די מאַכמעדאַנער נישט ווייל יענע גלויבן אַנדערש, נאָר ווייל די מאַכמעדאַנער האָבן געוואָלט אויסנוצן זייער רעלי־

גיע פאַר פּאָליטישע צוועקן. זיי האָבן איצט פיינט די קריסטלעכע מיסיאָ־נערן בלויז דערפאַר, ווייל זיי ווייסן, אַז הינטער זיי שטייען די איראָפּעישע און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן און דעראָבערער. אין כינע ווייסט מען נישט פון רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען. אין כינע ווייסט מען נישט פון הער־שענדע און אונטערדריקטע רעליגיעס. אַלע רעליגיעס האָבן די זעלביקע רעכט. וועגן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און שאָוויניזם איז גאָר קיין רייד נישטאָ. בודיזם און קאָנפוציאַניזם זענען ביי זיי נישט קיין רעליגיעס, נאָר הויכע פילאָזאָפישע לערעס ווי צו לעבן, וואָס איז לעבן, ווי צו באַגיין זיך מיט זייערע מיטמענטשן, און וואָס פאר אַ פּלאַץ דער מענטש פאַרנעמט אין דער נאַטור.

פאַר אונדז יידן איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, וואָס כינע איז דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט, וואָס האָט אונדז קיינמאָל נישט פאַרפאָלגט, כאָטש יידן האָבן דאָרט זייער אַ לאַנגע געשיכטע. גראַד פאַרקערט, מען האָט די ערשטע יידן זייער פיין אויפגענומען, געגעבן זיי פאַרשידענע פּריווילעגיעס, איינגעטיילט זיי לאַנד, געגעבן אַלע רעכט, דערלויבט זיי בויען זייערע שולן און טעמפּלען. אין צענטראַל כינע, אין דער שטאָט קי־יאַנג־פו איז דער יידישער טעמפּל אַלאַ דעם בית המקדש געבויט געוואָרן מיט טויזנט יאָר צוריק. נאָר לעצטנס איז דער טעמפּל פון אַלטקייט איינגעפאַלן, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אים באַנייען. די כינעזישע רעגירונג פלעגט אָפט פאַרהאַנדלען מיט די פאַרשטייער פון די יידישע קהלות וועגן פאַר־שידענע פראַגן פון רעגולירן דעם יידישן לעבן אין די גרעניצן פון כינע.*)

---

*) מער איינצלהייטן וועגן די אַמאָליקע יידן אין כינע זע מיין אָפּהאַנדלונג „יידן אין כינע" אין מיין בוך „עטיאָפּיע און די יידן אין אָריענט".

קאַפּיטל 11

די שנאה פון די כינעזער צו פרעמדע

מען קען נישט זאָגן, אַז די כינעזער זענען פאַרליבט אין די ווייסע און אַז זיי האָבן אַ גוטע מיינונג וועגן די אייראָפּעער. אייראָפּעער און מערדער זענען ביי זיי כמעט סינאָנימען.

— פריער קומען צו אונדז אין לאַנד די מיסיאָנערן, וועלכע רויבן אונדזערע נשמות, דערנאָך קומען די קאַפּיטאַנען מיט די סאָלדאטן, וועלכע רויבן פון אונדז אונדזער לאנד און הרגענען אויס אונדזער באפעלקערונג און צולעצט קומען די סוחרים און פאַבריקאנטן, וועלכע זויגן אויס אונדזער בלוט — האָט מיר אַמאָל געזאָגט א כינעזישער סטודענט, מיט וועלכן איך בין געפאָרן צוזאַמען אין איין באַן.

און ער איז געווען הונדערט פּראָצענט גערעכט. ס'איז שווער איבערצוגעבן די אַלע געמיינהייטן, וואָס די פאַרשידענע פעלקער: רוסן, ענגלענדער, פראַנצויזן, דייטשן, אַמעריקאַנער, יאַפּאַנער און אַנדערע זענען באגאנגען קעגן די כינעזער, בלויז דערפאר, וואָס די כינעזער האָבן נישט געהאט קיין מאָדערנע ארמיי, וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטן מיט די אייראָפּעישע און יאַפּאַנישע אַרמייען; וואָס כינע האָט אַ באַפעלקערונג פון איבער פיר הונדערט מיליאָן, וועלכע מען קען כמעט אָן ווידערשטאנד עקספּלואַטירן, און אפשר אויך דערפאר, וואָס די כינעזער שטייען מאָראַליש און מענטשלעך העכער פון די אייראָפּעער און די „ציוויליזירטע" יאפּאַנער. די פרעמדע האָבן טויזנטער כינעזער דערטרונקען, גאנצע שטעט און געגנטן חרוב געמאכט, דעם גאנצן פאָלק פאַרשקלאַפט, דערנידעריקט, באַליידיקט. ווי פּיאַווקעס, פּאַראַזיטן האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף כינע און זויגן אויס איר בלוט. די כינעזער לעבן ווי הערינג געפּאקט, האָבן נישט וואָס צו עסן, וווינען אין קליינע אָרימע הייזלעך אין פינצטערע קרומע געסלעך, גייען אָפּגעריסן, אין דער צייט, ווען די אייראָפּעער וווינען אין די שענסטע פּאַלאַצן, ארומגערינגלט מיט ווױלטאָק, דערלויבן זיך די גרעסטע פאַרגעניגנס, האָבן אַלע באקוועמלעכקייטן, באָדן זיך אין ווױלטאָג. זיי זענען די באַלעבאַטים, די הערשער, די אונטערדריקער, די אויסזייגער. איבערהויפּט זעט מען דאָס אין שאַנכאַי, אין האָנקאָנג און אין אַלע האַפן שטעט

פון כינע, ווו די אײראָפּעער זענען די באַלעבאַטים איבער די פּאָרטן און יעדער ניי אָנגעקומענער מוז זיי צאָלן טעקסעס. שאַנכאַי פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון אומגעפער אַ מיליאָן, צווישן וועלכע עס מוז זיין אַרום פערציק־פופציק טויזנט אײראָפּעער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך גאַנצע טײלן פון שטאָט, דאָס זענען די אײראָפּעישע „קאָנצעסיעס": די ענגלישע, פראַנצויזישע, אויך די אַזיאַטיש־יאַפּאַנישע און יעדע פון זיי האָט איר אײגענע ארמײ, איר אײגענע רעגירונג, אײגענע זעלבסטפאַרוואַלטונג אײגענע פּאָסט, טעלעגראַף, פּאָליציי, אבסאָלוט נײשט רעכנענדיק זיך מיטן לעבן, טראַדיציעס, אינטערעסן, געזעצן פון דאָס לאַנד. און אויב די רעגירונג און די באַפעלקערונג איז אומצופרידן, האָבן די אונטערדריקער א סך מיטלען די אומצופרידנקײט צו אונטערדריקן. און די כינעזער שווײגן. נאָך מער, אין לאנד גופא האָבן די פרעמדע מער רעכט, מער פריווילעגיעס, ווי די כינעזער אַלײן און זיי באַלעבאַטעווען ווי אמתע גענגסטער... ווען דו גײסט איבער די קאָנצעסיעס דוכט זיך דיר, אַז דו שפּאַצירסט איבער די רײכע גאַסן פון לאָנדאָן, פּאַריז, וואַשינגטאָן.

ווען מען זעט, ווי אַזוי די ענגלענדער באַהאַנדלען די „נײטיווס", דוכט זיך דיר אַז מען געפינט זיך אין די צײטן פון מיטלאַלטער, אין די צײטן פון פּאַנשטשיזנע, פון שקלאַפעריי. די אויסלענדער זענען די פּריצים און די כינעזער זענען די שקלאַפן. די אויסלענדער זענען דאָ די פּאָליטיקער, די דיפּלאָמאַטן, די אַדמיניסטראַטאָרן און די פּעקינער רעגירונג מוז טאַנצן אונטער זײער פידל.

דער כינעזער פּאָליסמאַן טאָר נישט אַרעסטירן קײן אויסלענדער, אפילו ווען יענער איז באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן דער אָרטיקער באַפעלקערונג פאר די אויגן פון דעם פּאָליסמאַן אין מיטן העלן טאָג. עס זענען דאָ דרײערלײ פּאָליציי: די כינעזישע, די אינדישיע און די אײראָפּעישע. די כינעזישע פּאָליציי איז די נידעריקסטע, זי קריגט א קלענערן געהאַלט און האָט ווײניקער פּאָליצײאישע רעכט. זי היט די גאַסן און דאַרף אַרויסהעלפן דער העכערער אויסלענדישער פּאָליציי. ווען עס קומט פאַר א משפּט קעגן אַ ווײסן, וואָס איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן אַ כינעזער, טאָר אים דער כינעזישער געריכט נישט משפּטן, נאָר אים דאַרף משפּטן דער געמישטער געריכט, וואָס באַשטײט פון אַן ענגלענדער, א פראַנצויז און אַ כינעזער. און עס דוכט זיך מיר אַז עס איז נישטאָ קײן מער לעכערלעכע זאַך, ווי צו לײענען די באַריכטן פון דעם געמישטן געריכט. און אָט איז אַ בײשפּיל פון דער גערעכטיקײט, וואָס האָט אויסגעטײלט דער געמישטער געריכט אין יאָר 1921, ווען איך בין געווען אין שאַנכאַי.

אן ענגלישער אָפיציר האָט באַשטעלט ביי אַ כינעזישן שוסטער אַ

פאַר שיך. ווען דער כינעזער האָט אויפגעגייט די שיך און אָפגעטראָגן צום ענגלענדער אין זיין האָטעל, האָט ער שוין דאָרטן דעם ענגלישן אָפיציר נישט געטראָפן. די מענטשן פון האָטעל האָבן דעם שוסטער געזאָגט, אַז דער ענגלענדער איז ערשט אַווק צום שיף צו פאָרן אין ענגלאַנד. דער שוסטער איז אַוועקגעלאָפן צום שיף און געטראָפן טאַקע דאָרטן דעם ענגלענדער אין זיין קאַיוטע, נאָר דער לעצטער האָט זיך אָנטזאָגט צו נעמען די שיך און באַצאָלן דעם כינעזער די פינף דאָלער, וואָס עס קומט אים פאַר דער אַר־בעט. דער כינעזער האָט פּראָטעסטירט, געוויינט, געבעטן זיך, ער זאָל אים נישט בדלות שטעלן און באַצאָלן פאַר די שיך. זיי האָבן אַ לענגערע צייט אַרגומענטירט, ביז דער אָפיציר איז אַרויס פון געדולד און דער סוף איז געווען, אַז דער ענגלענדער האָט געכאַפּט דעם כינעזער און אַריינגעוואָרפן אים אין ים. דער אָרימער שוסטער איז דערטרונקען געוואָרן. דער אָפיציר איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן ביי זיינס אַ פריינט אַ כינעזער. אין גיכן איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס אין געמישטן געריכט, וועלכער האָט „פאַר־משפּט" דעם ענגלענדער צו באַצאָלן דער אלמנה פון דערטרונקענעם כי־נעזער די פינף דאָלער פאַר די שיך און דעם כינעזער, וואָס האָט באהאלטן דעם ענגלענדער — צו אַ לאַנגן טערמין אין געפענגעניש און פּאַרטיק... דער ענגלענדער איז גלייך אוועקגעפאָרן אין ענגלאנד אינגאנצן פריי פון וועלכן ס'איז נישט שטראָף פאַר זיין דערמאָרדן א כינעזישן אָרימען שוסטער. און דאָס הייסט די גערעכטיקייט פון ענגלענדער און פראַנצויזן דאָרט, ווו זיי באַ־לעבאַטעווען איבער די „נייטיווס".

די ענגלענדער, וואָס קומען אין „דעראָבערטע פּאָזיציעס" אויפן וויטן מזרח באַטראַכטן זיך פאַר דאָס אויבערשטע פון שטויסל און די איינוווינער באַטראַכטן זיי פאַר באַרבאַרן. דער זעלבער ענגלענדער, וואָס איז געווען אין דערהיים א דזשענטלמען, האָט באַטראַכט יעדן איינעם פון זיין לאנד פאַר אַ פול באַרעכטיקטן בירגער, וועלכן מען טאָר נישט באַליידיקן, ווערט אין די וויטע לענדער גרויזאם, אויפן העכסטן גראַד סנאָביש און באַגייט זיך מיט די אָרעמע געבאָרענע ווי מיט מענטשן אָן רעכט און פון א נידעריקן גראַד. דאָרטן וואַרפט ער אראָפּ פון זיך דעם מאַנטל פון מאָראַל, יושר, ביל דונג, ציוויליזאַציע, מענטשלעכקייט און ווערט אַליין אַ בעסטיע.

מיר איז איינמאָל אויסגעקומען צו זען אַ גרופּע סאָלדאַטן, וואָס איז געגאַנגען איבער אַ מאַרק צעוואָרפנדיק און פאַרניכטנדיק אַלץ, וואָס זי האָט געטראָפן אויפן וועג, איבערגעקערט די טישלעך מיט סחורה, צע־וואָרפן און צעשאָטן די פּרוכט פון די קערבלעך, מיט די פיס פאַרשטופּט די וועגלעך, אויף וועלכע מען פירט די פאַרשידענע פּראָדוקטן און אויב זיי איז עפּעס געפעלן געוואָרן, פלעגן זיי עס צונעמען פאַר זיך, גאָר נישט

באַצאָלנדיק. און די כינעזער האָבן מורא געהאַט צו פּראָטעסטירן. אין שאַנ־כאַי אויפן בריק האָב איך איינמאָל געזען אַ גרופּע שיכורע מאַטראָסן. אנטקעגן זיי איז געגאַנגען פאַרטיפט אין זיינע געדאנקען אַ כינעזער און נישט ווילנדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם פון דער גרופּע. די מאַטראָסן האָבן קיין סך נישט געטראַכט, גענומען דעם כינעזער און אים אַריינגעוואָרפן אין טייך און האָבן רויק פאַרגעזעצט זייער שפּאַציר...

און די כינעזער קענען זיי נישט אַרעסטירן, קענען זיך נישט באַ־קלאָגן. ביי וועמען וועלן זיי זוכן די גערעכטיקייט? ביי די ענגלענדער? זיי ווייסן שוין וואָס פאַר אַ גערעכטיקייט זיי וועלן ביי זיי געפינען. עס איז נאָר אַ שאָד די געלט און צייט.

און אָט איז אַ בילד, וואָס דו קענסט זען יעדע רגע. אַ גרויסער אויס־געפּאַשעטער ענגלענדער נעמט אַ ריקשע. דער „איבערמענטש" איילט זיך און ער שלאָגט פון הינטן דעם ריקשעמאַן — ער זאָל לויפן וואָס גיכער. דער מענטשלעכער פערד לויפט מיט זיינע לעצטע כוחות. ער האָט אַפילו קיין צייט נישט אָפּצווישן פון זיך דעם שוויס. פאַר אים איז דאָס אַלץ וויי־ניק, ער האלט אים אין איין שלאָגן, זידלט אים מיט די גרעבסטע ווערטער. גאָט צו דאנקען דער ריקשעמאַן האָט אים געבראַכט צום אָנגעגעבענעם פּלאַץ. דער ענגלענדער גייט וואַזשנע אַראָפּ פון דער ריקשע, נעמט אַרויס אַ מטבע און וואַרפט איר אויף דער ערד. עס איז אונטער זיין ווירדע צו געבן די מטבע אין האַנט אַריין. און אויב דער כינעזער זאָגט, אַז ער גיט אים צו ווייניק קריגט ער דערפאַר אַ נייע פּאָרציע זידלערייען און אמאָל געשלאָגן.

איז דען אַ ווונדער, וואָס די כינעזער האָבן אַזוי פיינט די אייראָפּעער, וואָס זיי האָבן אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן די ווייסע, וועגן זייער „מענטש־לעכקייט" „ציוויליזאַציע!"?

אָרימע כינעזער! פון אַלע זייערע באַרירונגען מיט די ווייסע, וועלכע האָבן זיך אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען, האָבן זיי שרעקלעכע צרות געהאַט. די צאַרישע רוסן האָבן זיי פון בלאַגאָוועשטשענסק אַרויסגעטריבן: פאַר די צעפּ אין ים געשלעפּט און דערטרונקען. גאַנצע פּראָווינצן צוגערויבט, שטיקער לאַנד פון איר „אָפּגעפרעמדט", און געהערשט אין די פּראָווינצן מיט ביקסן, נאַהאַיקעס און פויסט. די ענגלענדער האָבן נאָכגעטאָן די רוסן, די פראַנ־צויזן האָבן נאָכגעטאָן די ענגלענדער. און אויב די כינעזער האָבן פּראָטעס־טירט און אָנגעהויבן הויך שרייען, האָבן די אייראָפּעער אַראָפּגעשיקט אהין זייערע אַרמייען, וועלכע האָבן שוין די כינעזער איינגעשטילט. און נאָך אַזאַ „ציוויליזירן" גיי און האָב ליב די „ציוויליזאַטאָרס"!

קאַפּיטל 12

איך שאַף די ערשטע פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע אויפן ווייטן מזרח

אין טריינינס בוך־געשעפט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יידיש־רוסישן זשורנאַל „סיאָן", רעדאַקטירט פון יהודה פּערזאַנאָווסקי און אַרויס־געגעבן פון אַ גרופּע יונגע סטודענטן פון מאָסקווער אוניווערזיטעט. איך האָב געקויפט אייניקע נומערן און זיי אויפמערקזאַם דורכגעלייענט. און מיר האָט זיך פאַרוואָלט זיך באַקענען מיטן רעדאַקטאָר. דער אַדרעס איז געווען אָנגעגעבן אויף דער פאָדערשטער בלעטל פון זשורנאַל און אין איין שיי־נעם טאָג בין איך אַוועק אים אויפזוכן. און צו מיין דערשטוינונג איז דער רעדאַקטאָר געווען א ייִנגל פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. ער האָט געוווינט אין אַ הויז, ווו ס'איז געווען אַ בעקעריי און האָט פאַרנומען דאָרט א קליין צימער. ער איז אויך געווען א מאָסקווער סטודענט און איז געווען אַנגע־טאָן אין דער פּולער סטודענטישער פאָרמע. מיר האָבן זיך באַקאַנט און גלייך באַפריינדעט. ער האָט זיך זייער פאַרינטערעסירט מיט דער באַוועגונג אין אַמעריקע פאַר אַ יידישן קאָנגרעס. איך האָב אים דערציילט וועגן דר' סירקינען, רוטענבערגן, דר' זשיטלאָווסקי, וועגן אַנטייל פון די פּועלי ציון אין דער באַוועגונג. פאַרן רעדאַקטאָר איז דאָס געווען אַן אַנטפּלעקונג. ער האָט געהערט וועגן די פּועלי ציון, אָבער ער איז נישט געווען באַקאַנט מיט זייער פּראָגראַם. דער רעזולטאַט פון מיין ערשטן וויזיט איז געווען, וואָס איך האָב אים אין אייניקע טעג שפּעטער געבראַכט אַן אַרטיקל אין רוסיש וועגן דער קאָנגרעס באַוועגונג אין אַמעריקע. דער קומענדיקער נו־מער פון זיין זשורנאַל האָט שוין אַנטהאַלטן אייניקע אַרטיקלען וועגן פּועלי ציוניזם און דער סוף איז געווען אַז דער רעדאַקטאָר האָט זיך פאַר מיר דערקלערט פאַר אַ פּועלי ציוניסט.

איינמאָל בין איך געזעסן אין דער ביבליאָטעק פון יידישן קולטור קלוב און געלייענט די נייע צייטונגען און זשורנאַלן. ערשט איך האָב באַמערקט, אַז אַ יונגער מאַן נעמט די אויגן פון מיר נישט אַראָפּ. און אין אַ האַלבע שעה שפּעטער איז ער צוגעקומען מיט דער פראַגע:

— איר קומט איצט פון אַמעריקע?

— יאָ, — ענטפער איך.

— קענט איר מיר נישט זאָגן צי איז באָראָכאָוו אויך געקומען?

— באָראָכאָוו איז געפאָרן אין רוסלאַנד דורך אן אַנדער וועג — ער איז געפאָרן דורך שטאָקהאָלם. צי ער איז שוין אין רוסלאַנד, ווייס איך נישט.

— זייט איר אַ פּועלי ציוניסט? — פרעגט ער מיך.

— יאָ, — ענטפער איך.

און דער יונגערמאַן האָט אַזש געגומען טאַנצן פון גרויס פרייד.

איך האָב אים איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. אים באַקאַנט מיט רבקהן און מיר האָבן צוזאַמען געגעסן מיטאָג. דאָ האָט ער מיר אינפאָרמירט וועגן זיך. זיין פאַמיליע נאָמען איז פּינסק. אַליין פון ווילנע. צו זעכצן יאָר איז ער אַריין אין אונדזער פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע אין ווילנע. צו ניינצן יאָר האָט מען אים אַרעסטירט פאַר דער געהעריקייט צו דער פּאַרטיי און איז פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. נאָך דער ערשטער פּאָליטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד האָט אים די קערענסקי רעגירונג באַפרייט און ער איז געקומען אין וולאַדיוואָסטאָק, ווו ער האָט געקראָגן אַרבעט אין אַן אַפּטייק און איצט אַרבעט ער אין אַן אַפּטייק דאָ, אין כאַרבין. דער יונגערמאַן האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק. מיר האָבן זיך גלייך באַפריינדעט. און די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין כאַרבין איז ער געווען מיין נאָענטסטער פריינט און מיטאַרבעטער. גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען איך האָב אים איינמאָל געזאָגט, אַז איך דענק דאָ צו גרינדן אַ פּועלי ציון גרופּע. אויסער איך און ער איז דאָ נאָך א חבר — דער רעדאַקטאָר פון „סיאָן" — פּערעזאָווסקי און מיין טייערער פריינד הירש ניעטשאַיעווסקי פון אַמעריקע (לאָס אַנדזשעלעס). און מיר די גרופּע פון דריי, פּינסק, פּערעזאָווסקי און מיין ווייניקייט האָבן דעם ענין גאַנץ ברייט אַרומגערעדט און באַשלאָסן אין דער נאָענטער צוקונפט צונויפרופן אַ גרינדונגס זיצונג. פּערעזאָווסקי האָט געזאָגט, אַז ער קען אייניקע, וועלכע שטייען נאָענט צו אונדז און ער האָפט, אַז זיי וועלן צושטיין

דערווייל איז דער „ציון" נומער אַרויס, ווי אַ פּועלי ציון אָרגאַן, און פּערעזאָווסקי מיט זיין גרופּע סטודענטן האָבן אראַנזשירט פאַר מיר אַ לעקציע אין געוועקשאַפטן האַל. די טעמע איז געווען „פּועלי ציוניזם". מען האָט מיר געשטעלט א סך פראַגן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ גלענצנדער. די מערהייט פון די סטודענטן זענען צוגעשטאַנען צו אונדז און א צאָל אַרבעטער האָבן זיך פאַרשריבן. און ווען מיר זענען געקומען צו דער ערשטער זיצונג האָבן מיר שוין געגרינדעט נישט קיין גרופּע, נאָר אן אָרגאַניזאַציע — די ערשטע פּועלי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויפן ווייטן מזרח,

און נאָך בעסער איז, וואָס מיר האָבן שוין פאַרמאָגט אויך אַ פּאַסיקע אײנ־טעליגענץ און אַן אײגענעם זשורנאַל, נישט מער ווי מיר האָבן געביטן דעם נאָמען: אַנשטאָט „ציון" האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן „פּאַלעסטינע און דיאַספּאָראַ" קײן ייִדישן זאַץ האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר אים גע־מוזט דרוקן אין רוסיש. און איך בין געווען גליקלעך, וואָס די ערשטע טױ־זנט יען אויף דעם זשורנאַל האָב איך געקראָגן פון מײן באַלעבאָס הער סאָסקין (אַ ברודער פון דעם באַוווסטן סאָסקין אין ארץ ישראל" דעם זשור־נאַל האָבן מיר געדרוקט אין אַ כינעזישער דרוקערײ, וואָס האָט פאַרמאָגט רוסישן שריפט. און די דרוקער האָבן קײן רוסיש נישט געקענט. נו האָבן מיר געהאַט אַן ארבעט אויסצוזעצן אַ זשורנאַל פון 36 גרויסע זײטן! מיר האָבן מער געאַרבעט ווי די כינעזישע זעצער. אַ גליק וואָס אײנער פון די חברים איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער זעצער און ער מיטן רעדאַקטאָר שאַפּ־סין און מיט אונדזער הױפּט מיטאַרבעטער פּערעזאָווסקי האָבן אַוועקגע־געבן אַ סך צײט אַרויסצוהעלפן די כינעזער זעצער.

אין גיכן, ווען דער קאַמף קעגן אונדז פון „בונד" און די קאָמוניסטן האָט זיך פאַרשאַרפט האָבן מיר אַרויסגעגעבן נאָך אַ זשורנאַל אין רוסיש: „דער בולעטין פון דער כאַרבינער ייִדישער קהלה".

אויך האָבן מיר אַרויסגעגעבן די פּראָגראַם פון די פּועלי ציון און באָראָכאָווס „די קלאַסן אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע" אַלץ אין רוסיש.

עס איז געוואָרן אויפן ווײטן מזרח אַ נאָכפראַגע אויף אונדזער ליטע־ראַטור און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן גרופּן אין די פאַרשידנסטע שטעט פון מאַנדזשוריע, אויך אין וולאַדיוואָסטאָק. און מיט דער צײט האָט אונ־דזער קאָמיטעט אָנגעהויבן שפּילן די ראָל פון אַ ווײט מזרחדיקן צענטראַל קאָמיטעט פון ייִדישע סאָצ. דעמ. פּועלי ציון. אונדזער כאַרבינער אָרגאַני־זאַציע איז געוואָרן א גרויסע. צו איר זענען צוגעשטאַנען די בעסטע עלע־מענטן פון די בעזשענצעס.

מיר זענען געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. אונדזער גרע־ניץ מיט רוסלאַנד איז געווען פאַרמאַכט, מיט אַמעריקע זענען מיר נישט געווען פאַרבונדן. מיר האָבן געלעבט אין גאַנצן אין אנדערע אומשטענדן, ווי אונדזערע חברים אין אמעריקע און רוסלאַנד און מיר האָבן דערפאַר געמוזט אָנפירן אונדזער פּאַרטײ טעטיקײט אין גאַנצן אנדערש. מיר האָבן געמוזט אונדזער קאַמף פירן אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק.

אַט צום בײשפּיל אין אָנהויב פון אונדזער אָרגאַניזירונג איז רעאָרגא־ניזירט געוואָרן די ייִדישע קהלה אין כאַרבין פון אַ רעליגיעזער אין אַ מער וועלטלעכער און דעמאָקראַטישער. מיר האָבן באַשלאָסן אָנטײל צו נע־

מען אין דער קהלה, נעמען אנטייל אין אלע אירע קאמיסיעס, אויסער דער רעליגיעזער. מיר האבן אנגעפירט א טיכטיקע ארבעט, א גוטע פראפאגאנדע און א שטארקע אגיטאציע. און מיר האבן דורכגעפירט אין דער קהלה זיבן מיטגלידער. מיר אליין האבן נישט דערוואַרט אזא פאליטישן זיג. די ציוניסטן האבן דורכגעפירט ניינצן, די בונדיסטן אכט, די צעירי ציון דריי און די פרומע דריי, און די פאלקס פארטיי צוויי. מיר האבן גלייך פארנומען אן אנגעזעענעם פלאץ אין דער קהלה. דאס האט אונדז געגעבן א גרויסן פרעסטיזש אין שטאט. דערצו האבן פאר אונדז געשטימט די גאנצע ארעמקייט, די פליכטלינגע, די ביסל יידישע ארבעטער און אייניקע יידישע קאמוניסטן.

פון דער קהלה בין איך דערוויילט געווארן אין דער קאמיסיע פון סאציאלער הילף און שפעטער אין דער פאלעסטינער קאמיסיע. אין דער קאמיסיע פון סאציאלער הילף בין איך דערוויילט געווארן אלס איר סעקרעטאר, און דער אויסערגעוויינלעך סימפאטישער פריזער אלס פארזיצער. פריזער איז געווען איינער פון די רייכסטע יידן אין סיביר, ווו ער איז געבארן געווארן. צו אים און נאוואמייסקען (וואס וווינט איצט אין ארץ ישראל און האט די קאנצעסיע אויף די רייכקייטן און מינעראלן פון דעם ים המלח) האבן ביז דער רעוואלוציע באלאנגט די בארגוזינער מינען פון סיביר. אויסער דעם איז ער געווען א באדן און נאטור פארשער און האט אנגעשריבן ווערטפולע אפהאנדלונגען וועגן דעם, וועלכע ווערן זייער הויך געשאצט פון דער רוסישער געאגראפישער געזעלשאפט. ער איז געווען א ייד מיט א פארנעם, מיט א פארמעסט. געארבעט געזעלשאפטלעך האט ער אלע מאל מיט א פלאן, מיט א סמעטע מיט א ביודזשעט. ער האט געשפילט זייער א גרויסע ראל אין כארבינער געזעלשאפטלעכן לעבן. מען האט דערציילט, אז ער האט פון סיביר אראפגעבראכט א סך ציגל פון גאלד. און איך קען צוגעבן, אז פאר מיר איז געווען א גרויס פארגעניגן מיט אים צו ארבעטן און טאקע אונטער אים האט די קאמיסיע דורכגעפירט וואונדערבארע ארבעט פאר דער יידישער ארעמקייט, פאר די פליכטלינגע און פאר אלע די, וואס האבן זיך גענויטיקט.

אין כארבין האבן זיך געפונען א סך קרבנות פון דעם צארישן אנטיסעמיטיזם וועלכע ניקאלאי ניקאלאיעוויטש האט אויסגעווארצלט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה לעבן פראנט געגנטן. ער האט גאנצע שטעט און גובערניעס אויסגעליידיקט פון יידן, וועלכע ער האט פארפאקט אין וואגאנען און געהייסן זיי אוועקשיקן ווייט אין רוסלאנד. האט מען די פארטריבענע, וואס זענען אנגעקומען אין כארבין געהאלטן אין א פאר הייזער אויסער שטאט אין דעם כינעזישן געגנט מאדיאגאו. הונדערטער אומגליקלעכע יידן האבן זיך דארט געוואלגערט אין אומבאשרייבלעכער נויט.

ד׳ערנאָך אונטערן דרוק פון דער יידישער דעמאָקראַטיע האָט מען זיי אַרי־
בערגעפירט אין שטאָט אַריין אין דער שיינער און רייכער געביידע פון
דער גימנאַזיע, און גלייכצייטיק האָט די קהלה אָנגעהויבן בויען פאַר זיי
באַראַקן (קאַזאַרמעס), וווהין מען האָט זיי אַריבערגעפירט גלייך ווי זיי זע־
נען פאַרטיק געוואָרן. די נייע דעמאָקראַטישע קהלה האָט אויסגעאַרבעט א
גוטן פּלאַן פאַר הילף דער יידישער אָרעמקייט. מען האָט גלייך אָנגעהויבן
בויען אַ גרויסע געביידע פאַר אַ קיך, רעסטאָראַן, פאַר אַ מושב זקנים, פאַר
מעדיצינישער הילף, פאַר מילך אויסטיילן. און אין גיכן איז דאָס אויך
דורכגעפירט געוואָרן. אויסער דעם האָט זיך אין דער קהלה געביידע גע־
פונען אַ גאַנצער סקלאַד פון קליידונג, שוכוואַרג און מעדיצינען, וואָס מיר
פלעגן קריגן פון אַמעריקע. און יעדן טאָג פלעגן אָנקומען נייע טראנספּאָרטן
פון מלחמה געליטענע, אַלטע לייט, פרויען, מענער, יונגע לייט און מיידלעך
און קינדער, און מען האָט זיי אַלעמען געדאַרפט באַזאָרגן. מיר פלעגן זיי
געבן פלעצער צום שלאָפן, אומזיסטן עסן דריי מאָל אַ טאָג (און טאַקע גאַנץ
גוטע מאָלצייטן), וועש, קליידונג, אַ קליינע סומע געלט אויף פּערזענלעכע
הוצאות און אַפילו באַדינונג. אויף דעם האָבן מיר געהאַלטן זעקס כינעזער.
מיין פּלאַן איז געווען, אָנשטאָט געבן זיי דאָס אַלץ, וואָלט געווען ראַטזאַמער,
ווען מיר קענען אָנפירן אַ קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט, אויסזוכן פאַר זיי אַלע־
מען אַרבעט. נאָר שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מען קען דאָס
דורכפירן בלויז טיילווייז. דער מערהייט איז געווען צוליב אַ סך סיבות
אוממעגלעך צו קריגן אַרבעט און מיר האָבן איר אַלעמאָל געמוזט אויפ־
האַלטן אויף קהלשע הוצאות.

און איצט וועגן דער פּאַלעסטינער קאָמיסיע ביי דער קהלה. אַלע
פראַקציעס פון דער קהלה זענען געווען פאַר אַזאַ קאָמיסיע אויסער די
צוויי פון פאָלקס פּאַרטיי און די אַכט בונדיסטן. זענען פאַר אַזאַ קאָמיסיע
געווען דרייסיק מיטגלידער און קעגן — צען. אָבער די קעגנער האָבן געטאָן
אַלץ מעגלעכעס און אַפילו אוממעגלעכעס, אַז אַזאַ קאָמיסיע זאָל נישט גע־
גרינדעט ווערן. ספּעציעל האָבן געמאַכט סקאַנדאַלן די בונדאָווצעס. און אַ
לאַנגע צייט האָבן מיר אַזאַ קאָמיסיע נישט אויסדערוויילט. די אַלגעמיינע
ציוניסטן האָבן אָנגעווענדט פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע, פאַרשידענע דריידלעך,
כדי אַזאַ קאָמיסיע זאָל יאָ געגרינדעט ווערן ביי דער קהלה. בלויז מיר —
די פּועלי ציון און די צערי ציון האָבן אַוועקגעשטעלט די פראַגע ראַדיקאַל,
אַזאַ קאָמיסיע מוז גלייך אויסגעטיילט ווערן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א
סדרה פון סקאַנדאַלן מצד דעם „בונד". און טאַקע סקאַנדאַלן אין פּשוטן
זין פון וואָרט. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איינעם פון די סקאַנדאַלן. דער
זאַל פון דער זיצונג איז געפּאַקט. אויסער אונדז, די פערציק מיטגלידער

פון דער קהלה, זענען דאָ אפשר א זעקס הונדערט געסט, נישטאָ קיין איין ליידיקער פּלאַץ, ווייל אויפן טאָג אָרדענונג איז די גרינדונג פון דער פּאַ־לעסטינער קאָמיסיע. אַלע זענען העכסט פאַראינטערעסירט אין די פאַר־האַנדלונגען. אַלע זענען אויפגערעגט. אַלע זענען קאמפס לוסטיק. אַלע זע־נען אויפן העכסטן גראַד אָנגעשטרענגט. מען ריכט זיך צו אן אמתער שלאַכט. אונדזער פאָרזיצער דער ציוניסט, דר׳ ראַוויקאָוויטש, וועלכער האָט שוין דורכגעפירט א סך שלאכטן אין זיין ציוניסטישער „קאַריערע״, עפנט די זיצונג מיט אַ פּאַסיקער רעדע. דאָס וואָרט קריגט אַ בונדיסט, וועל־כער גיט אָן אַלע זיינע מאָטיוון פאַר נישט האָבן ביי דער קהלה אַזאַ קאָמי־סיע, דערנאָך נעם איך דאָס וואָרט פאַר אַזאַ קאָמיסיע. אין מיין וואָרט דער־קלער איך, אַז איך קען זיך נישט פאָרשטעלן א יידישע קהלה, וווּ אַזאַ קאָ־מיסיע זאָל נישט אויסגעטיילט ווערן און שלאָג אָפּ די אַרגומענטן פון דעם בונדיסט. עס נעמט אַ וואָרט קאָץ פון די צעירי ציון און איינער פון אגודת ישראל און דערנאָך ביינער — פון דער פאָלקס־פּאַרטיי. נאָך די אַלע רעדעס הויבט זיך אָן דער קאַמף צווישן די פועלי ציון און די בונדיסטן. אין קאַמף טרעט מען אָן פּערזענלעך איינע די אַנדערע. און ווען אַ בונדיסט האָט מיך פּערזענלעך שטאַרק באַליידיקט, האָב איך גענומען דאָס וואָרט און דער־קלערט, אַז איך בין אויף מיין לעבן נישט געווען קיין סוחר, קיין שפּעקו־לאַנט און קיין עקספּלואַטאַטאָר. דער ענטפער האָט אם שטאַרקסטן געטראָפן די בונדיסטן, וועלכע האָבן אַ סך אונטערגעזינדיקט אין דעם פּרט. האָט אַ פרוי אַ בונדיסטקע אויף מיר א וואָרף געטאָן איר הייסע גלאָז טיי, געטראָפן נישט אין מיר, נאָר אין מיין שכן, דעם פּועלי ציוניסט שאפּסין, דעם רע־דאַקטאָר פון אונזער „פאַלעסטינע און דיאַספּאָרא״. אין דער זעלביקער צייט האָב איך באַמערקט, אַז אַ בונדיסט לויפט צו מיר מיט אַ שטול אין האַנט, האָב איך געכאַפּט אַ פלאַש און געוואָרפן אויף אים. מיר, די פּועלי ציון, האָבן דאַן געהאַט א זעלבסטשוץ, פון וועלכער דער אָנפירער איז גע־ווען אונדזער חבר נעוולער. ער האָט ארויסגענומען זיין רעוואָלווער פון קעשענע, ארויף אויפן טיש און געמאכט א פייערלעכע דערקלערונג, אַז ווער עס וועט מישיקאָווסקען באַליידיקן מיט ווערטער אָדער טאַט, וועט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס פון זאַל און כדי צו באַווייזן, אַז ער מיינט דאָס ערנסט, האָט ער אַ רוף געטאָן: זעלבסטשוץ אַהער. און מיינע חברים האָבן פאַרנומען די „סטראַטעגישע פּאָזיציעס״. און איצט, האָט ער פאַרענדיקט, זאָלן אַלע אַרויס פון זאַל. ער האָט פאַרלאָשן א טייל לאָמפּן פון זאַל און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין. און מיך אונטער אן „ערן וואַך״ האָט מען באַגלייט אַהיים.

עס זענען געווען אייניקע אַזעלכע זיצונגען און דער „בונד״ האָט גע־

סטראַשעט מיטן ארויסגיין פון דער קהלה. און דער סוף איז טאַקע געווען, וואָס די קאָמיסיע איז דערווײלט געוואָרן און דער „בונד" האָט פאַרלאָזן די קהלה.

די פּאַלעסטינער קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטשריפט „סיביר און פּאַלעסטינע" אין רוסיש און איך בין דערווײלט געוואָרן אַלס מיטרעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל.

צענטראל קאמיטעט פון די לינקע פועלי ציון אויפן ווייטן מזרח

קאַפּיטל 13

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע

אמת איז, אַז איך האָב פאַרלאָזן אמעריקע צוליב דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. איך האָב מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה געוואָלט אָנטיילנעמען אין איר, געוואָלט איר פאַרברייטערן און פאַרטיפן, אָבער דאָס זאָל פון מיין זייט געטאָן ווערן מיטן ציל צו אַרבעטן אין דער רעוואָלוציע צוליב די אינטערעסן פון מיין פאָלק, וואָס איז אויך אין די אינטערעסן פון אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען די גרעסטע לאַנד אויף דער וועלט — רוסלאַנד. איך האָב געהאַלטן, אַז איך, אַלס יידישער אינטעליגענט, אַלס איבערגעגעבענער זון פון מיין פאָלק דאַרף אין דער רעוואָלוציע אויסקעמפן פאַר די יידן אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע זיי זאָלן קענען זיך אויף פיל מעגלעך סאָציאַל און נאַציאָנאַל פריי אַנטוויקלען. איך האָב געהאַלטן, אַז די רעוואָלוציע וועט אונדז געבן די אַלע מעגלעכקייטן, אַז מיר זאָלן זיך פּראָלעטאַריזירן. ד"ה, אַז מיר זאָלן האָבן מעגלעכקייט אַריבערגיין צו לאַנדס־אַרבעט, גרינדנדיק גרויסע יידישע קאָלאָניעס אויף אַ באַשטימטן שטח פון רוסלאַנד. מיר זאָלן אַריין אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע ווי אין דער קליינער, אַזוי אין דער גרויסער. אויף די שטחים באַזעצט געדיכט פון יידן זאָלן יידן האָבן נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די יידישע אינטעליגענץ איז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אַריבער אין איר גרויסער מערהייט אויף דער זייט פון די גרויס רוסן, אריינגעגאָסן זיך אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע גרויס רוסן אין גאַנצן פאַרנאַכלעסנדיק די אינטערעסן פון אונדזערע אָרימע יידישע מאַסן. איך בין אַריין אין דער רוסישער רעוואָלוציע אַלס פּועלי ציוניסט און געקעמפט די גאַנצע צייט פאַר דער פּראָגראַם פון די פּועלי ציון. און אַלס פּועלי ציוניסט איז מיין פּראָגראַם געוועזן אַ לינקע, כמעט אַ באָלשעוויסטישע. מיט גרויס פרייד האָב איך איבערגעלעבט די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש. מיט גרויס פרייד האָב איך דאַן מאַרשירט מיט די אַלע רעוואָלוציאָנערן איבער די גאַסן פון כאַרבין, מיט גרויס פרייד האָב איך געפייערט דעם זיג פון די באָלשעוויקעס און שפּעטער גערעדט אויפן מאַסן מיטינג פון די באַן ארבעטער פאַר דער רעוואָלוציע און קעגן דער אינטערוועניץ פון פרעמדע. איך האָב

גערעדט אין דער צייט, ווען מען האָט אונדז געסטראַשעט, אַז כאַרוואַטס סאָלדאטן, די סאָלדאטן פון דער אלטער צאַרישער ארמיי, וועלן אונדז צע־שיסן, און מיר האָבן דאָס דערוואַרטעט, נאָר די פּראָלעטאַרישע יום טוב־דיקע מאַסן־פאַרזאַמלונג איז אדורך גלאַט, אָן שיסעריי. מיר האָבן אָנטייל גענומען שפּעטער אין אנטוואָפענען די אַלטע רוסישע פּאָליציי אין פאַר־כאַפּן די פּאָסט און טעלעגראַף. מיר, די פּועלי ציון אונטער דער פּאָגראָם שטימונג האָבן דאַן אָרגאַניזירט א זעלבסטשוץ אין וועלכער עס איז אַריין אונדזער פּאַרטיי, איינזעלנע ניט פּאַרטייאישע אַרבעטער און איניקע קריסט־לעכע באַן אַרבעטער. וועלכער אונדזער חבר ספּירטוס, א באַן אַרבעטער, האָט צוגעצויגן. די זעלבסטשוץ איז געווען גוט באַוואָפנט און פאַר אַ לאַנ־גער צייט איז אירע העדקוואַרטירס געווען אין אַ באַהאַלטענעם אָרט פון דער יידישער גימנאַזיע און פאַרן זייטיקן עולם איז דאָס געווען אַ סוד.

און אָט די זעלבסטשוץ האָט אונדז אין א סך אונטערנעמונגען א סך ארויסגעהאָלפן אין יענע שטורמישע טעג...

מיר פערזענלעך געדענקט זיך אַן אינצידענט. איך בין נאָך דאַן געווען אין כארבין גאָר אַ גרינער. איך גיי איבער דער הויפּט גאַס פון כאַרבין — די כינעזער גאַס. מיט אמאָל האָב איך באַמערקט, אַז די יידן לויפן ערגעץ, לויפן אַריין אין די קאָפּעטעריעס, אין די מאַגאַזינען, אין די הויפן, אָדער הייזער. אָפּגייענדיק אַ קורצע שטרעקע, האָב איך דערזען א שכורן מאַ־טראָס מיט אַ רוסישן אָפיציר גייענדיק איבערן גאַס און דער מאַטראָס האָט געהאַלטן אין איין שרייען: „הרגע אויס די יידן און ראַטעווע רוסלאַנד". איך בין מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כעס צוגעלאָפן צום מאַטראָס און אים אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין פּנים אַריין, אַז ער האָט זיך אַ פאַר־בלוטיקטער אַ וואָרף געטאָן אין דעם אָפיצירס הענט. און ער האָט אויפ־געהערט שרייען און די יידן זענען ארויס פון זייערע באַהעלטענישן.

אין יענער צייט זענען מיר, די פּועלי־ציוניסטן, געווען די איינציקע צווישן די יידשע פּאַרטייען, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו די קאָמו־ניסטן. אין רוסלאַנד האָבן מיר זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער אָרדענונג. מיר האָבן געגרינדעט די באַראָכאָוו־באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן סיי מילי־טעריש און סיי מאָראַליש אַ סך אַרויסגעהאָלפן דער רעוואָלוציע.

דער בונד צו יענער צייט איז געווען אַנטירעוואָלוציאָנער. אפילו אין כאַרבין זענען זיי געווען פאַר אַן אינטערווענציע. ביי דער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב האָבן זיי געשטימט פאַר דער אינ־טערווענציע און איך האָב געגעבן די איינציקע שטים קעגן. נאָר ווען די באָלשעוויקעס האָבן געזיגט אויף אַלע פראָנטן, האָבן זיך די פאַרביסענע קעגנער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, אויף גיך זיך איבער־

געקוליעט און זענען געוואָרן ניי־געבאַקענע באָלשעוויקעס. נישט מער ווי אַ קליינער טייל איז פאַרבליבן מיט די בונדיסטן. און פון די ניי־געבאַקענע קאָמוניסטן האָבן מיר אַ סך צרות געהאַט.

אין איין שיינעם פרימאָרגן קריגט אונדזער פאַרטיי אַן איינלאַדונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט צו קומען צו אַ זיצונג, אויף וועלכער ס'וועט פאַרהאַנדלט ווערן די פראַגע, צי מען זאָל איינלאַדן אונדזער פאַרטיי אַלס אַ מיטגליד פון דעם קאָמיטעט. קיין גרויס חשק צו גיין האָב איך פּערזענלעך נישט געהאַט. אָבער אונדזער ווייט־מזרחדיקער קאָמיטעט פון די פועלי־ציון האָט באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן גיין און דאָרטן אַרויסטרעטן מיט אונדזער גאַנצער פּראָגראַם. ס'זענען דערוויילט פון אונדז דריי מיט־גלידער אַלס אונדזערע פאָרשטייער: די חברים שאַפּסין, פּערעזאָווסקי און מיין ווייניקייט. מיר קומען צוגיין און מיר טרעפן שוין אייניקע בונדיסטן, ניי־געבאַקענע קאָמוניסטן און איינעם פון דער פאָלקס־פאַרטיי, וואָס האָט זיך אויך גיך איבערגעקוליעט אויף אַ ברענענדן רעוואָלוציאָנער. דער פּאָרזיצער איז געווען אַ געוועזענער גאָראָדאָוואָליעץ, פּאָוולאָוו, אַן אַלט־אַלטער קעמפער נאָך פון די צייטן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אויף וועלכן מען האָט אונטערגעמורמלט, אַז ער שטאַמט פון יידן. איך פּערזענלעך האָב געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר אים.

עס טרעט אַרויס אַ געוועזענער בונדאָוועץ מיט אַ באַשולדיקונגס־רע־דע קעגן אונדז, אַז מיר זענען אַ בירגערלעכע פאַרטיי, זענען נישט אינטער־נאַציאָנאַליסטיש, פירן אין גאַנצן אַן אָפּזונדערונגס פּאָליטיק און פּראָפּאַ־גאַנדע און דערפאַר דאַרפן מיר נישט זיין פאַרטראָטן אין דעם רעוואָלו־ציאָנערן קאָמיטעט. דערנאָך האָט גערעדט חבר שאַפּסין, וועלכער האָט צעקלאַפּט דעם „בונדיסט", און עס איז אַוועק אַ סדרה פון רעדעס פאַר און קעגן. פון אונדזער זייט איז אויסגעקומען יעדן חבר צו ריידן אייניקע מאָל. איך האָב גערעדט וועגן דער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין די לענ־דער פון זייער צעשפּרייטונג און אין די לענדער, ווו יידן ווינען אין ברייט־טע מאַסן און אין גרויסע צאָלן. וועגן דער עמיגראַציע, וואָס נעמט זיך פון אונדזער אָבנאָרמאַלער אַנטוויקלונג און פון ארץ־ישראל, אַלס פּונקט פון אַ קאָנצענטראַציע פון די יידישע ברייטע מאַסן, ווו זיי וועלן קענען אָנ־הויבן אַ ניי, נאָרמאַל געזונטן נאַציאָנאַלן לעבן. אַ גאַנצן טאָג האָט גע־דויערט די זיצונג אָנגעגליט מיט היציקע רעדעס פון ביידע זייטן. די קריסט־לעכע מיטגלידער האָבן זיך העכסט אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אונדזערע רעדעס. פשוט געשלונגען יעדעס וואָרט. אונדז געשטעלט אָפּן פראַגן אין אַ פריינטלכן טאָן. אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע כוואַליע פון די משו־

נהדיקע באַשולדיקונגען פון די יידישע קאָמוניסטן קעגן אונדז. און דער פאָרזיצער פּאַוולאָוו איז אַזש אַרויס פון געדולד:

— וואָס ווילט איר פון זיי האָבן. זיי זענען טרייע איבערגעגעבענע יידישע קאָמוניסטן און זיי אַרבעטן צווישן די יידישע אַרבעטער.

אויף מאָרגן איז די דיסקוסיע פאַרגעזעצט געוואָרן, אָבער שוין אָן ברען. מיר פערזענלעך האָט די פראַגע זייער ווייניק אינטערעסירט. נישט כאַרבין איז אויף דער רוסישער טעריטאָריע, נישט מען קען דאָ עפּעס אויפטאָן און נישט די באַשלוסן קענען האָבן עפּעס אַ ווירקונג. פאַר מיר איז געווען בלויז וויכטיק דאָס, וואָס די קריסטלעכע קאָמוניסטן האָבן אונדז בעסער פאַרשטאַנען און זיך באַצויגן צו אונדזערע אידייען מיט גרויס סימפּאַטיע.

אין אַ צייט שפּעטער איז געפאָרן אַ כינעזישע דעפּוטאַציע אין מאָס־קווע און זי האָט געדאַרפט האָבן אַ פּאָר איבערזעצער, וואָס קענען גוט כי־נעזיש און רוסיש. און די דעפּוטאַציע האָט איינגעלאַדן אונדזערע צוויי חברים פּערעזאָווסקי און פּלאָטניק זיי זאָלן מיט זיי פאָרן. מיר האָבן שוין לאַנג געוואָרט אויף אַזאַ געלעגנהייט צו פאַרבינדן זיך מיט מאָסקווע און מיט צופרידנקייט האָבן מיר דערלויבט די צוויי חברים צו פאָרן מיט דער דעלעגאַציע. פּלאָטניק איז אויפן וועג קראַנק געוואָרן. אין טשעלאַבינסק האָט ער געקראָגן אַ בלוט־פאַרגיפטונג. מען האָט אים ווי עס איז דערפירט קיין מאָסקווע. דאַמאָלסט זענען פאָרגעקומען אין מאָסקווע די זיצונגען פון קאָמינטערן. ווען די מיטגלידער פון קאָמינטערן האָבן זיך דערוווּסט פון דער אָנגעקומענער כינעזישער דעלעגאַציע און פון חבר פּלאָטניקס צו־שטאַנד, האָבן זיי איבערגעריסן די זיצונג, אים אַריינגעגעבן אין דעם בעסטן שפּיטאָל, איינגעלאַדן די בעסטע פּראָפעסאָרן, געטאָן אַלס מעגלעכעס אים צו ראַטעווען. אָבער די אַלע באַמיונגען האָבן נישט געהאָלפן און אויפן דריטן טאָג איז ער געשטאָרבן און דער קאָמינטערן האָט אַראַנזשירט פאַר אים אַ גראַנדיעזע לויה.

די חברים פּלאָטניק און פּערעזאָווסקי זענען פון אונדז, די פּועלי־ציון אויך געפאָרן מיט אַ מיסיע. ערשטנס צונויפבינדן אונדז מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון די רוסישע פּועלי־ציון, צווייטנס שיקן אונדז אַלע זייערע פּעריאָדישע אויסגאַבן און ביכער, וואָס זיי לאָזן אַרויס און דריטנס אַרבעטן דאָרטן פאַר דער גרינדונג פון יידישן אַרבעטער־באַנק אין ארץ־ישראל. ווי קומט דאָ דער אַרבעטער־באַנק? איז די מעשה אַזאַ.

מיט אַ צייט פריער קומט צו מיר אַריין דער חבר פּערעזאָווסקי און דערציילט, אַז צו אים האָט זיך געווענדט אַ רייכער סיבירער ייד פון איר־קוטסק מיטן נאָמען דוואָרקין, אַז ער וויל אַוועקשענקען זיין גאַנצן רייכ־

טום, וואָס געפינט זיך אין ראַטן־רוסלאַנד און כינע אונדזער פּאַרטיי פּועלי ציון.

מיר לאַדן איין דעם הער דוואָרקין צו זיך און ער דערציילט אונדז: מיט אַ צוועלף יאָר צוריק איז ער, אַלס באַגייסטערטער יונגער ציוניסט, אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער איז דאָרט געווען באַשעפטיקט אין די פאַרשיידנסטע שווערע אַרבעטן. ברונעמער געגראָבן, שטיינער געהאַקט, גע־לעבט אין דער שווערסטער נויט אין די קאָלאָניעס ביז ער איז געוואָרן אַ שומר (דערביי וויזט ער מיר אַ בילד פון שומרים אין ארץ־ישראל, אַלע אויף ווייסע אַראַבישע פערדלעך, אָנגעטאָן אַראַביש און צווישן דער חברה דערקען איך אים אַליין — דעם בעל־דבר אונדזערן). זיי, די שומרים, האָבן געלעבט ווי די הייליקע, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פאַרגעניגנס, געלעבט אין אומבאַשרייבלעכער נויט, איינגעשטעלט יעדע נאַכט זייערע לעבנס מיטן איינציקן צוועק צו פאַרהיטן די האָב און גוטס פון די יידישע קאָלאָניסטן. אַכט יאָר איז ער אָפּגעווען אין ארץ־ישראל און די גאַנצע צייט האָט זיך אים געלעבט אפילו ערגער פון די כינעזישע קוליס. אַזוי האָבן אויך געלעבט אַלע זיינע חברים שומרים. און קיין הילף איז פון ערגעץ נישט געקומען. האָט ער צום סוף באַשלאָסן פאָרן צוריק אין סיביר, דאָרט שאַפן אַ גרויסע סומע געלט און מיט דער סומע קומען צוריק קיין ארץ־ישראל און אַוועק־שענקען דאָס דער יידישער אַרבעטערשאַפט און ספּעציעל די שומרים. אין 1913 איז ער געקומען צוריק אין סיביר און פאַר דער ערשטער צייט האָט ער געאַרבעט ביי זיין פאָטער, אַ רייכן סיבירער סוחר, און דערנאָך, ווען רוסלאַנד איז אַריין אין קריג, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר זיך אַליין, גאַנץ זעלבסטשטענדיק. און אים האָט אָפּגעגליקט. ער האָט געמאַכט אַ סך געלט, אָבער פאַרווירקלעכן זיין געדאַנק האָט ער נישט געקענט פּשוט דערפאַר, ווייל צוליב דער מלחמה האָט ער נישט געקענט פאָרן אין ארץ־ישראל און צו דער זעלביקער צייט האָט אים אַ שטימע גערופן — טאָרסט איצט נישט פאָרן. דאַרפסט איצט, ווען דו האָסט די מעגלעכקייט, מאַכן נאָך געלט. וועסטו קענען דאַן קויפן לאַנד פאַר די שומרים, בויען פאַר זיי הייזער, באַזאָרגן זיי מיט גערטנער, פעלדער. זיין קאַפּיטאַל איז געוואַקסן און געוואַקסן ביז ער איז געוואָרן אַ מלחמה־מיליאָנער. און ער האָט אַלץ געוואַרט ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און ער וועט מיט די קאַפּיטאַלן קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער אָנשטאָט דעם איז געקומען די רעוואָ־לוציע מיטן בירגער־קריג און די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען זיין גאַנצע רייכקייט, וואָס איז באַשטאַנען אין פאַרשיידענע סחורות „נאַ אור־טשאָט", ד"ה, זיי האָבן די סחורות פאַרהאַלטן. דערווייל איז דאָס אַלץ אויף זיין נאָמען און ער וויל דאָס איבערגעבן אונדזער פּאַרטיי, ווייל ערשטנס

איז די פּאַרטיי אַ לעגאַלע, מיט וועלכער די נייע מאַכט רעכנט זיך און צוויי־טנס, שטייט ער נאָענט צו אונדז — ער איז אויך באַראַכאָווס אַ תלמיד און אויב עפענען אין ארץ־ישראל אַ יידישן אַרבעטער־באַנק, וואָלט ער געוואָלט, אַז די סומע זאָל דינען פאַר אַן אָנהויב פון באַנק, וועלכער וועט געוויס טראָגן דעם נאָמען באַראַכאָוו־באַנק.

— וואָס פאַראַ סחורה האָט איר און ווו געפינט זי זיך? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך האָב דאָ נישט ווייט, אין וולאַדיוואָסטאָקער פּאָרט אַ מיליאָן פּעקלעך ציילאָן טיי. יעדעס פּעקל וועגט אַ פערטל פונט, דאָס הייסט סך־הכל 250 טויזנט פונט טיי. איך האָב אין אורגאַ, ביי דער כינעזישער גרעניץ, אַ גאַנצן מאַגאַזין מיט פוטערוואַרג: פעלכלעך פון סיבירער חיות, וואָס איז אַ סך מער ווערט פונם טיי און ביי אירקוטסק האָב איך צען וואַגאָנען מיט עסנוואַרג: פאַרשיידענע פוטערס, אויל, קאַווע, קאַקאַ, בעבלעך, גרויפּן, פּישן, איקראַ און אַנדערע.

— וויפל קען דאָס אַלץ ווערט זיין?

קיין פעסטע פרייזן, צוליב דער מלחמה, רעוואָלוציע און בירגער־קריג, זענען דאָך איצט נישטאָ. נאָר רעכענענדיק לויט די פאַר־מלחמה־פרייזן, איז די סחורה איצט ווערט מער ווי אַ האַלבן מיליאָן אַמעריקאַנער דאָלער.

איך האָב אים געבעטן קומען צו אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט און געקומען איז ער שוין מיט אַלעם פאַרטיקן: געבראַכט אַ דעטאַלן רע־כענונג פון אַלע סחורות, מיט די דאָקומענטן פון דער מאַכט, וועלכע באַ־שטעטיקן, אַז די סחורה איז איבערגענומען פון אים „אויף אוטשאָט" און מיט נאָטאַריעלע פּאַפּירן, וועלכע באַשטעטיקן, אַז ער גיט איבער די גאַנצע סחורה דער פּאַרטיי פּועלי־ציון.

אין אַלגעמיין האָט דער הער דוואָרקין געמאַכט אויף אונדז אַ גוטן איינדרוק, צום אָנהויב האָבן מיר געשיקט אַ דעלעגאַציע אין וולאַדיוואָס־טאָק דערקונדיקן זיך צי עס געפינט זיך דאָרט אין פּאָרט די טיי און אויך פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער פאַרוואַלטונג פון פּאָרט. אין גיכן האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון דער דעלעגאַציע, אַז די סחורה אין צאָל, וואָס דוואָרקין האָט אָנגעגעבן איז טאַקע דאָ אין פּאָרט, אַז די דאָרטיקע ראַטן־מאַכט איז צופרידן אונדז איבערגעבן די סחורה מיטן באַדינג, אַז מיר זאָלן איינצאָלן אַרום טויזנט זילבערנע דאָלער דעם פּאָרט פאַר האַלטן עס אַ לאַנגע צייט. נישט האָבנדיק קיין טויזנט דאָלער אויף אָנגיין מיט דער אַרבעט, האָבן מיר זיך געווענדעט צום אַמעריקאַנער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון. מיר האָבן זיי געשריבן, אַז מיר זענען צופרידן זיי אי־

בערגעבן די גאַנצע אָנגעלעגנהייט, און זיי זאָלן שיקן צו אונדז אַ חבר, ווינטשנסווערט חבר דוד פּינסקי, וועלכער זאָל גלייך ברענגען די געלט פאַר איינצאָלן דעם וולאַדיוואָסטאָקער פּאָרט און זאָל אויך ווי אַן אַמע־ריקאַנער בירגער פאָדערן די אַלע אַנדערע סחורות. אין אַ צייט שפּעטער קריגן מיר פון ניו־יאָרק אַן ענטפער, אַז זיי זענען צופרידן אונדז שיקן דעם חבר ב. צוקערמאַן מיטן באַדינג, אַז מיר זאָלן אים שיקן אויף דער רייזע טויזנט דאָלער. דער בריוו האָט אונדז אַזוי אָפּגעקילט, אַז מיר האָבן אפילו נישט געפונען פאַר נויטיק זיי ענטפערן.

און גראַדע אין יענער צייט האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די כינעזישע דעלעגאַציע זוכט צוויי איבערזעצער, און מיר האָבן איינגעוויליקט צו שיקן מיט זיי די אויבנדערמאָנטע חברים, ווויסנדיק, אַז די כינעזישע פּאָליטישע דעלעגאַציע וועט נישט האָבן קיין שטערונגען דורכצופאָרן די פאַרשיידנס־טע פראָנטן פון די ווייסע און רויטע אַרמייען. פון וועג און פון מאָסקווע האָבן מיר געקראָגן פון אונדזער דעלעגאַציע צוויי בריוו. מער האָבן מיר פון זיי קיין בריוו נישט דערהאַלטן, און מער האָבן מיר פון זיי נישט געהערט.

עס איז אַדורך אַ זעקס חדשים און איינמאָל זיץ איך אין ביוראָ פאַר הילף די מלחמה־לײדנדע. ערשט עס קומט אַריין אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 28, ער שטעלט זיך פאָר פאַר מיר. זיין פאַמיליע־נאָמען איז מיר געווען גוט באַקאַנט. דאָך פרעג איך אים צי ער איז דער און דער, וואָס פאַרנעמט זייער אַ גרויסן אַדמיניסטראַטיוון אַמט אין דער רויטער רעגירונג פון סיביר.

יאָ, — ענטפערט ער מיר. — דאָס איז דער זעלביקער; נאָר אונדזער געשפרעך מוז זיין בלויז צווישן מיר מיט אייך און קיינער טאָר פון דעם נישט וויסן.

און ער דערציילט מיר, אַז ער איז ספּעציעל געקומען פון טשיטאַ מיר איבערגעבן אַ ביסל אינפאָרמאַציע, וועגן פערעזאָווסקעס מיסיע אין מאָסקווע. און זיין אינפאָרמאַציע איז באַשטאַנען פון דעם, וואָס די מאָסקווער מאַכט באַציט זיך זייער גוט צו דעם פּלאַן פון עפענען אין ארץ־ישראל אַ יידישן אַרבעטער־באַנק, נאָר די יידישע קאָמוניסטן קעמפן פאַרביטערט קעגן דעם, און ווי די זאַך האַלט איצט קען מען שוין אורטיילן, אַז פון פּלאַן וועט גאָר־נישט ווערן. ער האָט זיך באַמיט, צוליב זיינע סימפּאַטיעס צו דער יידי־שער אַרבעטערשאַפט און אונדזערע ארץ־ישראלדיקע שטרעבונגען, אַרויס־העלפן פערעזאָווסקען און זיין פּאַרטיי אין זייערע באַמיונגען, נאָר די געווע־זענע בונדיסטן און איצטיקע קאָמוניסטן שטערן אים אויף יעדן טראָט. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז די טשעקאַ פאַרהאַלט די גאַנצע קאָרעספּאָנ־דענץ פון אונדז אין מאָסקווע און פון מאָסקווע צו אונדז, אַז געהיים־פּאָליציי

ווייס פון יעדן טראָט וואָס פּערעזאָווסקי מאַכט, פון יעדער שטאָט, וואָס ער באַזוכט. אויך איז אין טשיטאַ פאַרהאַלטן געוואָרן, לויט אַן אינסטרוקציע פון מאָסקווע, אַ גרויס קאַסטן מיט פּועלי־ציוניסטישע ליטעראַטור און ער ראָט אונדז אָננעמען אַנדערע מיטלען פאַר דער דורכפירונג פון אונדזער פּלאַן. ספּעציעל האָט ער מיר געראָטן איבערלאָזן די גאַנצע אָנגעלעגנהייט פאַר די מאָסקווער חברים. זיי אויפן פּלאַץ ווייסן בעסער ווי צו ווירקן.

דער יונגערמאַן האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק און איך האָב נישט געהאַט קיינע אורזאַכן אים נישט צו גלויבן. מיר האָבן זיך זייער פריינדלעך געזעגנט און מער האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען. און ביזן היינטיקן טאָג בין איך זיכער, אַז ער איז געווען אַ גוטער קאָמוניסט און אַ גוטער ציוניסט.

מיט איניקע יאָר שפּעטער, שוין זייענדיק אין אַמעריקע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פּערעזאָווסקי האָט אונדז פאַרראַטן. ער איז געוואָרן אַ הונדערט פּראָצענטיקער קאָמוניסט און די מאַכט האָט אים גוט באַצאָלט — אים באַשטימט פאַרן סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, קאָמסאָמאָל, איינע פון די אָנגעזעענסטע שטעלעס אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און איצט, 25 יאָר נאָך דעם עפּיזאָד, קען איך שוין אויך דערציילן, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט די אַלע סחורות. די ווּלאַדיוואָסטאָקער טיי, האָט מען מיר איבערגעגעבן, האָבן די טשעכאָסלאָוואַקן צוגענומען, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ וויזיט אין ווּלאַדיוואָסטאָק. די פּוטערוואַרג אין אורגאַ האָט צעראַבירט אַ ווייס־גוואַרדייאישער גענעראַל, ווען ער האָט דאָרטן געמאַכט אַ פּאָגראָם און וועגן די אירקוטסקער סחורה ווייס איך נישט צי ס׳האָבן זיך מיט איר באַנוצט די רויטע צי די ווייסע. גיכער פון אַלץ די ווייסע.

ערשט זייענדיק אין ארץ־ישראל און טרעפנדיק זיך דאָרטן מיט אַ מאָסקווער חבר, וואָס איז ערשט אָנגעקומען אין לאַנד, האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס פאַראַ שריט די מאָסקווער חברים האָבן גענומען, כדי דעם פּלאַן צו פאַרווירקלעכן. אָבער ס׳איז געווען אומזיסט. די וואַנט פון די יעווסעקן האָבן מיר נישט געקענט צעברעכן.

איך האָב זיך די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין כאַרבין, געריסן פאָרן אין רוסלאַנד אָנטייל צו נעמען אין דער אַרבעט פון מיין פּאַרטיי, נאָר איך האָב דאָס פאַר קיין פאַל נישט געקענט דורכפירן. און דאָ איז געבאָרן געוואָרן מיין טאַטער טייבעלע און עס איז נאָך מער פאַרשווערט געוואָרן מיין פּלאַן צו פאָרן אין מאָסקווע. און איינמאָל דערוויס איך זיך, אַז נישט ווייט פון כאַרבין שטייט אַ סאָוועטישער באַן. אויך אַז דאָרטן

געפינט זיך אַ סאָוועטישער דיפּלאָמאַט, וועלכן איך האָב געקענט נאָך אין אַמעריקע, ווו ער איז געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר די „אַי דאַבליו דאַבליו". און גראָדע האָב איך מיט אים געדאַרפט ריידן וועגן אייניקע אָנגעלעגנ־הייטן. ערשטנס האָט מיך נישט לאַנג צוריק פאַרלאָזן מיין ברודער בעני — ער איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד אויפזוכן זיין פרוי, וועלכע איז מיט אַ יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן פון מאָסקווע אין קאַמעניעץ פּאָדאָלסק צו אירע עלטערן, כדי צו געבוירן אַ קינד. אין מאָסקווע איז געווען אַ גרויסער הונ־גער און שוידערלעכער כאַאָס און אין איר היים־שטאָט האָט זי געהאָפט, וועט זי כאָטש האָבן וואָס צו עסן. און עס זענען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר חד־שים און איך האָב פון אים נישט געהערט. זאָגן, אַז די רייזע איז געווען אַ געפערלעכע, איז נאָך גאָרנישט. יעדער רגע האָט ער געזען דעם טויט פאַר די אויגן, אין דעם געראַנגל צווישן די רויטע און די ווייסע, צווישן די פאַרשיידענע רעגירונגען, וואָס זענען אַנטשטאַנען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און וועלכע האָבן געפירט מלחמות איינע מיט די אַנדערע. מען פלעגט פשוט די רייזנדע אַראָפּנעמען פון די באַנען, זיי צופירן צו אַ ווענטל, אויס־טאָן זיי מוטער נאַקעט און דערשיסן. איך האָב זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל נישט פאָרן, נאָר ער האָט זיך אויסערגעוויינלעך איינגעעקשנט און איז יאָ געפאָרן. און איך בין דאָן געווען זיכער, אַז מען האָט אים דערהרגעט. דאָך האָט זיך נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפענונג — אפשר? דער דיפּלאָ־מאַט און זיין פרוי זענען געווען נאָענטע פריינד מיט מיין ברודער. אפשר, האָב איך געטראַכט, ווייסן זיי עפּעס פון אים. צווייטנס האָב איך נישט לאַנג צוריק געקראָגן פון האיאַס אַ צעטל פון פערזאָנען אין רוסלאַנד, וועלכע די אַמעריקאַנער קרובים זוכן און קענען פאַר קיין פאַל נישט אויסגעפינען, צי לעבן זיי און אויב יאָ, ווו געפינען זיי זיך. אונדז, אין כאַרבין, אויס־צוגעפינען די קרובים אין רוסלאַנד איז געווען אוממעגלעך, האָב איך דאָן געטראַכט, אַז אין דעם וועט ער מיר שטאַרק אַרויסהעלפן, ער וועט דאָס קענען טאָן דורך זיין דיפּלאָמאַטישער פּאָסט. האָב איך באַשלאָסן גיין זען אים וועגן דעם.

זיין באַן איז געשטאַנען אַ פּאָר מייל פון כאַרבין און איך בין אַוועק אַהין. איך קום צו. איך דערזע די באַן אין רויטע לענטעס אויף וועלכע מיט גילדערנע אותיות איז אָפּגעדרוקט: „ווייט מזרחדיקע סאָציאַליסטישע רע־פּובליק". די באַן איז אַרומגערינגלט מיט רויטע סאָלדאַטן מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. איך גיי צו צום ערשטן און זאָג אים, אַז איך וויל זען ד'עם און דעם. ער פירט מיך צו צו אַ צווייטן סאָלדאַט. יענער פרעגט מיך אויס אַלע איינצלהייטן און אָט פירט ער מיך אַליין צו צום וואַגאָן און הייסט דעם סאָלדאַט מיך אַריינלאָזן.

איך קום אַריין — ערשט עס איז א סאַלאָן וואַגאָן. אַרום אַ קיילעכ־דיקן טיש זיצט אַ גרויסע קאָמפּאַניע פון יונגע מענער און פרויען, טרינ־קען טיי און בייסן צו. איך שטעל זיך פאָר און פרעג זיך אויפן דיפּלאָמאַט. ערשט איינע א יונגע פרוי באַגריסט מיך האַרציק און, איידער איך פרעג איר, זאָגט זי מיר אָן, אַז זי האָט געטראָפן מיין ברודער אין אירקוטסק און אַז זי האָט אים מיט דער קאָמפּאַניע געהאָלפן קריגן א דורכפאָר דערלוי־בעניש ביז קאָמעניעץ פּאָדאָלסק. און דערנאָך שטעלט זי מיך פאָר פאר די אַלע איבעריקע: דאָס איז נח מישקאָווסקי — בעניעס עלטערער ברו־דער. ער איז אַ פאָרשטייער פון די פועלי ציון פון וויטן מזרח. אַלע דער־לאַנגען מיר די הענט, באַגריסן מיר ווי אַ „טאָוואַרישטש". עס צייגט זיך אַרויס, אַז אַלע אויסער איינעם זענען יידן און איך האָב פון זיי געהערט און זיי וויסן פון מיר. און גראַדע די, וואָס האָט מיך פאַרגעשטעלט, איז אַ געוועזענע פועלי ציוניסטין, באַוווּסט אין סיביר מיט איר ערשטן נאָ־מען — מאַרוסיע און איר ברודער האָט מיט א פּאָר חדשים צוריק פאַר־לאָזן סיביר אויפן וועג קיין ארץ ישראל. צוויי פון די אַנוועזנדע פרויען זענען געוועזן פאַר אַ לאַנגער צייט אין אמעריקע און קענען מיינע שוועס־טער און אַ סך פון מיינע פריינד און חברים. קורץ איך בין ביי דעם עולם געוואָרן אַן אָנגעלייגטער גאַסט. מען איז מיך מכבד מיט שנאַפּס, ווייַן, טיי און קיכלעך און מיר פאַרברענגען האַרציק. ווי מיר פאַרברענגען אַזוי האַר־ציק אינטים, קומט אַריין דער דיפּלאָמאַט. מיר באַגריסן זיך און איך דער־קלער אים, אַז איך דאַרף אים האָבן וועגן א וויכטיקער אָנגעלעגנהייט. ער פירט מיך אַרויס אין אַן אנדער וואַגאָן. דאָרט דערצייל איך אים וועגן די יידישע פליטים, וועגן די פליטים אין סיביר, וועלכע די אַמעריקאנער קרו־בים זוכן, כדי צו באַזאָרגן זייער רייזע ביז אַמעריקע. מען דאַרף אין סי־ביר פּובליקירן וועגן דעם אין די צייטונגען, קריגן פאַר זיי דערלויבנישן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און שיקן זיי אָדער אין וולאַדיוואָסטאָק אָדער אין כאַרבין אין די קאָמיטעטן פאַר הילף די פליכטלינגע. די אַלע הוצאות וועלן מיר מיט דאנק דעקן: איך קען דאָס נישט טאָן, ווייל איך קען נישט שיקן אין סיביר נישט קיין בריוו און נישט קיין טעלעגראַמעס און ער קען אונדז מיט דעם אַ סך אַרויסהעלפן דורך זיין דיפּלאָמאַטישער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ווערט דורכגעלאָזן דורכן גרעניץ.

ער זאָגט מיר צו אַלץ צו טאָן, נאָר דאָ קען ער גאָרנישט טאָן. זאָל איך אין אַ צוויי וואָכן שפּעטער זיין ביי אים אין האָטעל אין וולאַדיוואָסטאָק, קומען מיט פאָרטיקע רשימות מיט פולער אינפאָרמאַציע וועגן די אַלע

פערזאָנען, וועלכע מיר ווילן האָבן אויפן ווייטן מזרח און ער וועט דאָס אַלץ באַזאָרגן.

צו דער באַשטימטער צייט בין איך טאַקע געקומען אין וולאַדיוואָס־טאָק, אים אַלץ איבערגעגעבן און ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. פאַר די קומענדע צוויי חדשים זענען צו אונדז אין כאַרבין אָנגעקומען ביז דריי הונדערט פליכטלינגע, אַלטע לייט, פרויען מיט קינדער, וועמעס מענער און עלטערן געפינען זיך אין אַמעריקע, און וועלכע האָבן זיי אומגזוכט פאַר די לעצטע דריי יאָר. און עס זענען דורכגעגאַנגען נאָך אייניקע וואָכן און מיר האָבן זיי אַלעמען אַוועקגעשיקט אין אַמעריקע. איך וועל אויף מיין לעבן נישט פאַרגעסן די פרייד פון די פליכטלינגע, וועלכע האָבן באַקומען זייערע וויזעס מיט די פאַספאָרטן און זיי האָבן געוווּסט, אַז נאָך אין איי־ניקע טעג פאָרן זיי איבערן פאַסיפיק צו זייערע נאָענסטע און אייגענע און זיי וועלן האָבן א דאך איבערן קאָפּ און זיי וועלן וווינען אַליין אין זייערע אייגענע דירות און נישט אין די וווינונגען פון די קאָמיטעטן...

איך וועל נאָך פאַרענדיקן וועגן מיין ברודערס רייזע.. אין סיביר האָבן אים די ווייסע אראָפּגענומען פון באַן און אַרעסטירט. ער האָט שוין גע־ווּסט, אַז ער איז אַ פאַרטיקער, אַז ער וועט שוין פון דאָרטן קיין לעבעדי־קער נישט אַרויס. און ס'איז אים געשען אַ גרויסער נס: אין דעם טאָג, ווען מען האָט אים געדאַרפט צושטעלן צום וועגטל זענען די רויטע אָנגעפאַלן און פאַרכאַפּט דאָס שטעטל און די ווייסע זענען אַנטלאָפן. אים האָט מען באַ־פרייט און געגעבן אים אַ מעגלעכקייט פאָרזעצן זיין רייזע. כדי ער זאָל נישט האָבן קיין שוועריקייטן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רויטער ארמיי. ער איז נאָך אוממענטשלעכע ליידן אָנגעקומען אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק און דאָרטן האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיין יונגע ווייב האָט געבוירן א מיידעלע — אַ טויב־שטומע. דאָס האָט אים אויף אַזוי פיל אויפגעטרייסלט, אַז ער האָט געכאַפּט דאָס קינד און מיט איר אַוועקגעפאָרן אין מאָסקווע צו דאָק־טוירים ספּעציאַליסטן — אפשר וועט ער נאָך קענען ראַטעווען זיין טאָכ־טער. זי איז אָבער באַלד געשטאָרבן. אויפן וועג האָט מען אים ווידער אַרעסטירט אַלס דעזערטירער, וואָס האָט פאַרלאָזן זיין פראָנט. און ווידער איז ער געשטאַנען מיטן פּנים צום טויט. נאָר דאָ איז אים אייגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק. ער האָט געבעטן די דערלויבניש אָפּצורופן מאָסקווע, די הויפּט פאַרוואַלטונג פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און צורופן צום טעלעפאָן פראָפ' ל. וואַקס (ער איז שוין געשטאָרבן, און דערפאַר מעג איך דערמאָנען זיין נאָמען). ער האָט איבערגעגעבן וואַקסן אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך און עס איז גלייך פאַראָרדנט געוואָרן פון פּראָפסאָיוז,

מען זאָל מיין ברודער גאָר נישט טאָן, ביז וואַנען וואַקס וועט קומען. ער איז טאַקע אין גיכן געקומען און איז מיט מיין ברודער, שוין אַ באַפרייטן אַוועקגעפאָרן אין מאָסקווע, ווו מיין ברודער איז אין גיכן געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון אינטוריסט. די שטעלע האָט ער אָנגעהאַלטן אַ צוואַנציק יאָר, ביז מען האָט אים אין אַ קורצער צייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרעסטירט און ערשט נאָך דער מלחמה האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז אין די טורמעס געשטאָרבן. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז ער געווען דער אַרויסגעבער פון אַן ענגלישע טעגלעכע צייטונג „מאָס־קווער נייס", אָדער „ראָשען דיילי" — איך געדענק שוין נישט וועלכע. מיין ברודער איז געווען אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, האָט געטרוימט פון ארץ־ישראל, אָבער צו דער זעלבער צייט איז ער געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער רויטער מאַכט, האָט ענטוזיאַסטיש פאַר איר געאַרבעט און געדינט, איז געווען אַ העכסט אָרענטלעכער מענטש און איך האָב קיין באַגריף נישט מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט.

מיטן דיפּלאָמאַט האָב איך אַ סך גערעדט וועגן מיין רייזע אין רוס־לאַנד. אין יענער צייט האָבן מיר די יידישע אַרבעטער פון טאָמסק איינגע־לאַדן אַהין, כדי צו פאַרנעמען אַ הויכן פּאָסטן. איך האָב זיך מיט אים וועגן דעם באַראַטן. ער האָט מיר פון דער רייזע אָפּגערעדט. און איינמאָל, ווען מיר האָבן לאַנג גערעדט וועגן דעם, האָט ער מיר געזאָגט:

— דו קענסט איינשטעלן דיין אייגענעם לעבן, אָבער דו האָסט קיין רעכט נישט איינשטעלן די לעבנס פון דיין פרוי און קינד...

דאָן האָב איך שוין אין גאַנצן פאַרוואָרפן דעם געדאַנק פון פאָרן קיין רוסלאַנד.

קאַפּיטל 14

אין דער יידישער ליטעראַרישער, מוזיקאַלישער און דראַמאַטישער געזעלשאַפט

קומענדיק אין כאַרבין האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָרטן געפינט זיך איינע פון די רייכסטע, אין גאַנץ אזיע, יידישע ביבליאָטעק אין וועלכער עס קומען אַריין יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון גאָר דער וועלט. און דאָס איז פאַר מיר געווען די אָנגענעמסטע איבערראַשונג. און איך פלעג כמעט יעדן טאָג באַזוכן דעם לייען צימער. די ערשטע צייט האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַמעריקע און רוסלאַנד, מיט וועלכע איך האָב זיך שטאַרק אינטערעסירט. אויך האָט מיך איבערראַשט, וואָס אין דעם קלוב פון דער געזעלשאַפט האָט זיך שוין צו יענער צייט געפונען א יידישער קינדער גאָרטן, מיט א פּאָר צענדליק יידישע קינדער אין עלטער פון פינף־זעקס יאָר. ביי דעם קינדער גאָרטן זענען געווען באַשעפטיקט אַ פּאָר לערערינס, אַן עקאָנאָמקע, א קעכין, און איניקע כינעזישע יונגע לייט — אַרויסהעלפער. מען האָט די קינדער געלערנט אויסשניצן, פלעכטן, מאָלן, טאַנצן, יידישע לידער, רעציטירן און זומער צייט האָבן זיי געהאַט אַ גאָרטן, ווו מען האָט זיי געלערנט גערטנעריי. אויסער דער רייכער ביבליאָטעק האָט דער קלוב אויך פאַרמאָגט אַן אייגענעם גרויסן זאַל, וואָס האָט געדינט פאַר מאסן־פאַרזאַמלונגען און לעקציעס. אויך איז ער געווען אַזוי איינגעאָרדנט אַז ער האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ טעאַטער און מען פלעגט ווינטערצייט אַלע פרייטיק אָוונט איינאָרדנען דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען. אין מיין צייט האָט דאָרט גאַסטראָלירט די פישזאָן טרופּע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די שומסקעס, לעבעדעוו, די ארקאַס, בודקינס, קושינסקעס, פאָגלנעסטס און אנד. ביים קלוב האָט זיך אויך געפונען אַן אייגענער רעסטאָראַן און אַ גרויסע אָפּטיילונג, ווו מען פלעגט שפּילן אין לאָטאָ, קאָרטן. און אָט דער איינקונפט פון די שפּילערייען האָט געגעבן דער פאַרוואַלטונג די ברייטע מעגלעכקייטן אָנפירן די פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט. די ערשטע צייט האָב איך דעם קלוב פּשוט פאַרגעטערט. ערשטנס איז ער געווען אין פולן זין פון

וואָרט יידישיסטיש, האָט אויף דעם אויסגעגעבן מאסן געלט און האָט צו זיך צוגעצויגן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון דער יידישער באַפעל־קערונג, וואָס מיר האָבן דאן פארמאָגט אין כאַרבין. און עס איז נישט דורכגעגאנגען קיין האלבע יאָר, וואָס איך האָב פלייסיק באזוכט די ביבליאָ־טעק, ווו מען האָט מיך איינגעלאַדן אנטייל צו נעמען אין דער קולטור קאָ־מיסיע פון דעם קלוב, וואָס איך האָב מיטן גרעסטן פאַרגעניגן אָנגענומען. און אין גיכן האָט מען מיך דערוויילט פאר א פול באַרעכטיקטן מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג. די קולטור קאָמיסיע איז געפירט געוואָרן פון באַ־קאַנטע אין שטאָט בונדיסטן, פאָלקיסטן און איך בין געווען דער איינציקער פועלי ציוניסט. די בונדיסטן זענען געווען אין דער מערהייט און זיי האָבן אויסגענוצט זייער הערשאפט אין די אינטערעסן פון בונד, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פרינציפן, דערקלערונגען, אראָפּברענגען רעדנער, פאַרשפרייטן ליטעראַטור. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט מיך אויפן העכסטן גראַד געקרענקט. דאָך איז מיר געלונגען אריינציען אין דער פאַרוואַלטונג מיינע אייניקע חברים פועלי ציוניסטן, ווי סמושקאָוויטשן, פערעזאָווס־קען, פלאָטקינען און דאן האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער קאַמף פאַר אומפּאַר־טייאישקייט אין קלוב. אין פאַרלויף פון אונדזער קאַמף זענען אייניקע פון דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג אַריבער צו אונדז און האָבן אונדז שטאַרק ארויסגעהאָלפן אין דעם קאַמף. נאָך מער האָט אונדז אַרויסגעהאָלפן אין אונדזער קאַמף דער פאַקט, וואָס אין יענער צייט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די באַלפור דעקלאַראַציע, וואָס האָט ארויסגערופן דעם גרעסטן ענטוזיאַזם פון די ברייטע יידישע מאַסן און מיט דעם ענטוזיאַזם זענען אָנגעשטעקט געוואָרן אַ סך פון אונדזערע פאַרוואַלטער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שטאַרק סימפּאַטיזירן מיט אונדז און שטימען פאַר אַלע אונדזערע פאָרשלאָגן.

צו אונדזער הספד אויף באָראָכאָוון, וועלכער איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון דער יידישער גימנאַזיע, זענען געקומען די ברייטע יידישע מאַסן און דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט און דער הספד האָט אויף די פאַרזאַמלטע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. און אויך איז אונדזער פּרעסטיזש אויסגעוואַקסן א דאנק דעם וואָס מיר האָבן צו דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהלה, נאָך אַלגעמיינע וואַלן, דורכגעפירט זיבן מיטגלידער.

די בונדיסטן האָבן אין קאַמף קעגן אונדז סיי אין קלוב און סיי אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהלה זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע דעמאַגאָגישע מיטלען און זייער אָפט מיט זידלערייען קעגן מיינע חברים, ספּעציעל קעגן מיר פּערזענלעך. זיי האָבן זיך אַזוי פאַרמיאוסט מיט זייערע פּערזענלעכע זידלערייען אין יענער צייט אין דער קהלה, אַז די פאַרוואַלטונג

פון דער קהלה האָט אויסגעשלאָסן פון אַ צאָל זיצונגען צוויי פון די אָנגע־זעענסטע בונדיסטן.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער קלוב דאַרף זיין די „נייטראַלע זאָנע״ פון דער יידישער דעמאָקראַטיע אויף אָנצופירן די קולטור אַרבעט. אָבער דער בונד האָט פאַרשטאַנען אַנדערש: ער איז דער איינציקער פאַרשטייער פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און קיינער טאָר אים נישט אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער שטערן אין זיין פאַרטייאיש פאָליטישער טעטי־קייט. און מיטן פולן באַוווסטזיין איצט, 28 יאָר נאָך דעם, וויל איך קאָנסטאַנ־טירן דעם פאַקט, אַז אין דעם קריזיס פון דעם קלוב אין יענער צייט איז שולדיק געווען בלויז דער בונד, וועלכער האָט געקעמפט פאַר זיין העגעמאָ־ניע. אויסער דעם האָט דער בונד נאָך פון פריער זיך אָנגעהויבן צו מאָ־ביליזירן, האָט ארייגעצויגן אין דער קולטור קאָמיסיע א צאָל חברים, מיט וועלכע ער האָט געשאַפן א סאָלידע מערהייט אין דער קאָמיסיע, האָט אַפי־לו אַריינגעשיקט אין „קאָמיטעט פון די עלטערע״ — די וואָס פאַרוואלטן מיטן קאָרטן שפיל און לאָטאָ איינעם פון זיינע מיטגלידער, וואָס האָט זיך גערעכנט ביי אונדז קולטור טרעגער פאַר נישט פאַסיק. און האָפנדיק אויף אַ מערהייט האָבן די בונדיסטן אַרויסגערוקט א נייעם לאָזונג — דעם קאַמף קעגן ציוניזם מיט וואָס זיי האָבן אויפגערייצט קעגן זיך אַלע ציוי־ניסטיש דענקענדע מיטגלידער און אויך די אַלע נייטראַלע עלעמענטן, וועלכע זענען אין אַלגעמיין געווען קעגן יעדער פאָליטישער טעטיקייט. מיר, די פועלי ציון, האָבן נישט ארויסגעשטעלט קיין פאָליטישע פאָדערונ־גען, נאָר מיר האָבן געוואָלט, אַז די קולטור קאָמיסיע זאָל זיך פירן אומ־פּאַרטייאיש און האלואי וואָלטן די בונדיסטן איינגעגאַנגען אויף דעם, נאָר זיי האָבן געוואָלט אין גאַנצן פּטור ווערן פון אונדז, און פאַר אונדזער פאָזי־ציע אין דער פעסטונג פון דער יידישער קולטורעלער טעטיקייט אין כאַר־בין האָבן מיר געקעמפט.

און עס איז געקומען צו דער אַלגעמיינער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. די בונדיסטן האָבן געפאָדערט, אַז אין נייעם צעטל פון דער קומענדער פאַרוואַלטונג זאָלן נישט אריינגיין קיין פרעמדע עלעמענטן און אין אַלגעמיין, אַז די אַלע מיטגלידער פון דער נייער פאַר פאַרוואַלטונג מוזן דורכגיין נאָך זייער גוט־הייסונג און אויב דאָס וועט מען זיי נישט נאָכגעבן טרעטן זיי אַרויס פון דער געזעלשאַפט. זיי זענען עפּעס געווען זיכער, אַז די מיטגלידערשאַפט וועט זיך דערשרעקן און וועט זיי זייער פאַרלאַנג נאָכגעבן. שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט די מערהייט, אויפגערייצטע מיט דער

טאַקטיק פון די בונדיסטן, זיך געשטעלט פיינדלעך צו זייערע פאָדערונגען און מיט אַ מערהייט איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט די טאַקטיק פון בונד פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר און דריקט זיך אויס קעגן יעדער פּאָליטישער טעטיקייט אין די ראַמען פון דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט. אַז די בונדיסטן האָבן פאַרשפּילט אויף דער ערשטער זיצונג, זענען זיי שוין געוואָרן אויף דער צווייטער זיצונג אַביסל ליבעראַלער. יאָ, זיי זענען נישט קעגן דעם אָנטייל פון די פּועלי ציון. אין דער פאַרוואַלטונג, נאָר זיי פאָדערן, אַז די פּועלי ציון זאָלן ארויסשטעלן אַזעלכע קאַנדידאַטן, וועלכע זענען פאַר די בונדיסטן אָננעמבאַר. (מיט דעם האָבן זיי געוואָלט, אַז איך זאָל נישט אַריין אין דער פאַרוואַלטונג.) אויף דעם איז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אויך נישט איינגעגאַנגען. און דער סוף איז געווען, אַז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט דערוויילט אַ קולטור קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אַריין אַלע די, וואָס האָבן זיך אין די פאַרגאַנגענע יאָרן ארויסגעוויזן פאַר גוטע איבערגעגעבענע טוער, נישט רעכענענדיק זיך מיט זייער פּאַרטייאישער טעטיקייט. אין דעם נייעם צעטל זענען אַריין אייניקע בונדיסטן, נאָר נאָך זייער צאָל האָבן זיי פאַר קיין פאַל נישט געקענט שאַפן קיין מערהייט. ביי אַזאַ לאַגע האָט דער בונד נישט געקענט אויסנוצן דעם „אימאַלדאַג״ פאַר זיינע פּאָליטישע צוועקן און דער פונקט וועגן באַקעמפן דעם ציוניזם איז ערגעץ פאַרלאָרן געוואָרן. האָבן זיך די בונדיסטן אָנטזאַגט פון אָנטייל נעמען אין דער טעטיקייט פון „אימאַלדאַג״ און זענען נישט אַריין אין קיין שום קאָמיסיע, און מיר, די פּועלי ציון האָבן איבערגענומען די אַרבעט פון דער קולטור קאָמיסיע.

ביי דער ניי געשאַפענער לאַגע האָבן מיר, די פּועלי ציון, קאָאָפּטירט אַ גרעסערע צאָל פון אונדזערע חברים, וועלכע זענען געווען פאַסיק פאַר אַזאַ קולטורעלער טעטיקייט און האָבן געמוזט אַליין אָנפירן די גאַנצע אַרבעט. איך ווייס נישט ווי פאַר אַנדערע, נאָר פאַר מיר פּערזענלעך איז די אַרבעט געווען זייער אָן אָנגענעמע און מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט, וועלכע האָט מיר כמעט אין גאַנצן פאַרשלונגען.

רבקה האָט זיך דאָן שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם קינדערגאָרטן און זי האָט אָנגעהויבן שרייבן קינדער לידער, וועלכע האָבן דאַן באַשטימט איר וועג אין דער יידישער פּאָעזיע. זי איז געוואָרן אַ יידישע קינדער־לידער דיכטערין און אָט דער שאַפונג האָט זי געווידמעט איר גאַנץ לעבן. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז דאַן ביי איר געווען אַריינגיין אין קינדער־גאָרטן, פאַרברענגען מיט די קינדער, אָנטייל נעמען אין זייע־

רע שפּילייערייען, הערן ווי זיי דעקלאַמירן אירע לידער און מיט באַגייס־טערונג פלעגט זי מיט מיר דערנאָך רעדן וועגן „די קינדערלעך".

אַז די לערערינס האָבן זיך געניטיקט אין אַ פּיעסע פאַר די קינדער כדי זיי זאָלן איר דורכפירן, און נישט געפינענדיק קיין פּאַסיקע פּיעסקע פאַר קינדער פון זייער עלטער, האָבן זיי זיך געווענדט צו רבקהן וועגן דעם. האָט רבקה דאַן אָנגעשריבן די פּיעסקע „פרילינג", ווו קינדערלעך וואָס שטעלן פאָר דעם ווינטער, שנייען, זאַווערוכעס, ווערן באַקעמפט פון די קינדער וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם פרילינג, זון, וואַרעמקייט, ליכ־טיקייט, גראָזן, בלומען און דער פרילינג באַזיגט דעם ווינטער. די פּיעס־קע איז געווען באַגלייט מיט געזאַנג, טענץ און קינדער כאָר. די קינדער האָבן אויף דעם לאַנג געאַרבעט און אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער מיטן גרעסטן דערפּאָלג דורכגעפירט. דער עולם איז געווען אויפן העכסטן גראַד באַגייסטערט און די קינדער האָבן צום ערשטן מאָל פאַרדינט שיינע מת־נות.

עס פאַרדריסט מיך שטאַרק, וואָס די קאָפּיע פון דער קינדער־פּיעסע איז ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען, וויפל איך האָב דאָס נישט געזוכט נאָך רב־קהס טויט, האָב איך עס נישט געפונען. איך האָב דאָס געוואָלט אַריינגע־מען אין איר בוך קינדער לידער, „טייבעלע", וואָס איז אַרויס צום צווייטן מאָל, שוין נאָך איר טויט.

מיר, די פּועלי ציוניסטן, האָבן אָנגעהאַלטן די אַלע פריערדיקע קול־טורעלע אינסטיטוציעס און געטאָן גוטע אַרבעט. נאָר פון ליקווידירן די קאָרטן און לאָטאָ שפּיל, אַז פון די געלטער זאָלן מיר אָנפירן אונזער קול־טורעלע אַרבעט, האָבן מיר זיך געמוזט אָפּזאָגן, ווייל מיר האָבן פּשוט נישט געזען קיין אנדערע קוואַלן דורך וועלכע מיר זאָלן קענען אָנפירן אונ־דזער אַרבעט. שוין אין ארץ ישראל האָט מען מיר דערציילט, אַז די קאָרטן און לאָטאָ שפּיל זענען ליקווידירט געוואָרן. און שפּעטער, זייענדיק אין אַמעריקע, האָב איך פון אַ שאַנכאַיער צייטשריפט זיך דערוווסט, אַז די יאַפּאַנער, פאַרכאַפּנדיק כאַרבין האָבן צוגענומען פאַר זיך די געביידע פון „אימאַלדאַג", אויפלייזנדיק פריער דעם קלוב.

קאַפּיטל 15

די ווייט מזרחדיקע אינפאָרמאַציע ביוראָ פאַר הילף די יידישע מלחמה-ליידנדע

נאָך דעם, ווי איך האָב באַזוכט אין יאָקאָהאַמאַ דעם שטאַל, ווו איך האָב געטראָפן די ביז דריי הונדערט יידישע פּליטים, האָב איך רוען נישט געקענט, ביז וואנען איך וויל נישט טאָן עפּעס, וואָס זאָל פאַרלייכטערן דאָס לעבן נישט נאָר פון יענע פּליטים, נאָר אויך די פּליטים פון כאַרבין, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די ספּעציעל פאַר ויי אויסגעבויטע דריי קאַזאַר־מעס אין מאַדיאַגאָו, נישט ווייט פון כאַרבין. אויף מיין ווענדונג איינינקע מאָל צום האַיאַס, איז אין גיכן געקומען דער פאָרשטייער מר' מייסאָן אין יאָקאָהאַ־מאַ און האָט אריבערגענומען די אומגליקלעכע פרויען מיט די קינדער פון שטאַל און זיי באַזעצט אין אַ האָטעל, ווו ער האָט זיי באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן. אויך צוגעטראָטן צו דעם, אַז זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט זייערע מענער און עלטערן, ברידער און שוועסטער אין אַמעריקע און איינגעאָר־דנט אַלץ, כדי זיי זאָלן קריגן פּעסער און וויזעס צו פאָרן אין אַמעריקע. האָט אָנגעשטעלט מיין פריינד קאָזאָקעוויטש אין דער ביוראָ, וואָס ער האָט געגרינדעט אין יאָקאָהאַמאַ, ער זאָל די פּליכטלינגע באַזאָרגן מיט אַלץ אין וואָס זיי נויטיקן זיך אויפן חשבון פון האַיאַס און פון די רייכערע יידן, וואָס געפינען זיך אין יאַפּאַן. נאָך דעם איז ער געקומען אין כאַרבין, האָט זיך פאַרבונדן מיט דער יידישער דעמאָקראַטיע. ער האָט צונויפגערופן די פאָרשטייער פון די יידישע פּאַרטייען צו פאַרהאַנדלען מיט זיי די פראַגע פון באַזאָרגן די אַלע פּליטים מיט די נויטיקע דאָקומענטן און די, וואָס ווילן פאָרן אין אַמעריקע, מיט די נויטיקע וויזעס. די אויסהאַלטונג פון די פּליטים איז שוין פון פריער באַזאָרגט געוואָרן דורך דער כאַרבינער יידי־שער קהלה.

אויף דער זיצונג מיט מר' מייסאָנען איז באַשלאָסן געוואָרן גרינדן אין כאַרבין אויך אַ ביוראָ פאַר הילף די מלחמה ליידנדע יידן און איך האָב אָנ־גענומען די שטעלע אַלס סעקרעטאַר פון דער ביוראָ. די ביוראָ איז געעפנט געוואָרן אין דער געביידע פון „אימאַלדאַג". מר. מייסאָן, וועלכער איז

געקומען אַלס אַן אָפיציעלע פּערזאָן פון אַמעריקע, מיט די נויטיקע פּאַפּירן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אויסגעווירקט ביי דעם הויפּט פון דעם רוסישן פאַרשטייער אין כאַרבין, אַז ער זאָל אַרויסגעבן פּאַספּאָרטן פאַר אַלע די, פאַר וועמען אונדזער ביוראָ ווענדעט זיך צו אים. אויך האָט ער געפּועלט ביים יאַפּאַנישן קאָנסול צו געבן פאַר אַלע די, וואָס ווענדן זיך צו אונדז און מיט אונדזערן א בריוו — טראַנזיט וויזעס. און דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט אונדז צוגעזאָגט נישט מאכן קיין שוועריקייטן אין אַרויסגעבן וויזעס פאַר אַלע די וואָס קומען פון אונדזער ביוראָ.

און איך בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. פאַרשריבן די אַלע פּליטים, וואָס האָבן זיך געריסן פאָרן אין אַמעריקע צו זייערע נאָענטע און טייערע און דאָרטן אָנהויבן א ניי לעבן. און איך בין געקומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט זיי. גאָט, מיין גאָט! וויפל צרות, וויפל אומגליקן, וויפל פּיין איך האָב דאָרט געזען און דורכגעלעבט. צעריסענע משפּחות, מוטערס, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע קינדער ביים לויפן פון דער מלחמה, אָדער אויף די וועגן, וואָס האָבן געדויערט יאָרן לאַנג. עלטערן ביי וועלכע די קינדער זענען געשטאָרבן פון טיפוס, טשומא, כאָלעריע, דיזענטעריע אין די פאַרשידענע ווילטעטיקע קאָמיטעטן, קינדער וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע מאַמעס אין וועג, אָדער אין איילעניש האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין אַנדערע באַנען און אין פאַרשידענע ריכטונגען. אַלע טראָגן טיפע וווּנדן אין האַרצן. און אין אַלעמענס פּנימער שפּיגלט זיך אָפּ דער שרעק, די דערנידערונגען, די שווידערלעכע מאָמענטן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין דער מלחמה, אין די וועגן פון קאָוונע אַזש ביז מאַנדזשוריע. און וואָס פאַר אַ גליק איך האָב געפילט, אַז איך קום צו זיי מיט אַ טרייסט וואָרט, אַז איך גיב אין זיי אַריין א נייע האָפענונג אויף אַ ניי לעבן מיט זייערע נאָענטע אין אַמעריקע, ווו זיי וועלן שוין מער פון די צרות נישט וויסן, ווו זיי וועלן אָנהויבן א מענטשלעכן לעבן. איך האָב זיי רעקאָמענדירט אָנהויבן גוט עסן, צוזען זיך און די קינדער, אָנשטענדיק קליידן זיך. און אין גיכן האָבן זיך פון אַמעריקע אָפּגערופן אויף אונדזערע אַנאָנסן אין די אַמעריקאַנער צייטונגען זייערע נאָענטע פריינד מיט וואַרימע, האַרציקע בריוו און מיט גרויסע סומען געלט. זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זייער קומען אין אַמעריקע, ווו זיי האָבן שוין צוגעגרייט פאַר זיי דירות, איינגעקויפט פאַר זיי מעבל און אַלץ אין וואָס א הויזגעזינט נויטיקט זיך.

קענט איר זיך פאָרשטעלן די פרייד פון די אומגליקלעכע פּליכטלינגע!?

און ווי גליקלעך זענען זיי געווען, ווען איך האָב זיי איבערגעגעבן

דאָס געלט, די פּאַספּאָרטן מיט די וויזעס און זיי אָנגעזאָגט, אַז דעם און דעם טאָג וועלן זיי אַרויספאָרן אין יאַפּאַן, ווו זיי וועלן שטיין אַ פּאָר טעג און פון דאָרטן וועלן זיי אַרויספאָרן קיין אַמעריקע.

איך וועל אויף מיין לעבן נישט פאַרגעסן זייער אומבאשרייבלעכע פרייד, ווען איך פלעג זיי נעמען צו דער באַן, באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן צו זייער לעצטער רייזע אויפן וועג פון מאנדזשוריע קיין אמעריקע. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זייער דאנקען מיר מיט הייסע טרערן אין די אויגן.

מיר געדענקט זיך אַ פאַל, וואָס וועט אייביק בלייבן איינגעקריצט אין מיין מוח. עס קומט צו מיר אַ פרוי אַן אויסגעמוטשעטע, אַן אויסגעזויגענע, אַ פאַרמאַטערטע און אַן אומגליקלעכע מיט פיר קינדער, אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַרטע. זי איז פון באַראַנאָוויטש. מיט טרערן אין די אויגן דער־ציילט זי מיר, אַז זי איז שוין דריי יאָר אין וועג, אין די עשאַלאָנען, גע־שפּייזט אין די קאָמיטעטן. פאַר די דריי יאָר האָט זי קיין מאָל זיך נישט אויסגערוט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, נישט געגעסן ווי געהעריק, קיין בעט נישט געהאַט, קיין וועש נישט געהאַט. נישט געהאַט וואָס אויף זיך אָנטאָן. זי האָט אַ מאַן אין אַמעריקע, זיין אדרעס האָט זי נישט, איר פּאַס האָבן די באָלשעוויקעס ביים גרעניץ צוגענומען, זי איז אין גאַנצן אָן געלט. זי איז פּשוט צוגעפאַלן צו מיר מיט הייסע טרערן אין די אויגן איך זאָל איר און אירע קינדער ראַטעווען. פון מאַן האָט זי שוין באַלד 4 יאָר נישט געהערט. איך באַרויק זי, זאָג איר צו, אַז דעם מאַן וועלן מיר אויסזוכן, אַ פּאַס פאַר איר מיט די קינדער וועלן מיר דאָ אויסמאַכן און מעגלעך מירן איר אין גיכן אַוועקשיקן צו איר מאַן אין אַמעריקע. זי גלויבט מיר נישט, זי קוקט מך אָן אַזוי ווי זי פאַרשטייט מיך נישט. איך פאַרזיכער איר.

דערווייל גיב איך איר אַ צעטעלע פון קאָמיטעט, זי זאָל דאָרט שלאָפן מיט די קינדער און אַ צעטעלע פאַר פרייער באשפייזונג. אין אַ פּאָר טעג האָב איך איר מיט אירע קינדער באַקליידט מיט די אַמעריקאַנער זאַכן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער קהלה. איך האָב טעלעגראַפיש געלאָזט וויסן וועגן דער פרוי מיט די קינדער דעם ניו יאָרקער האַיאַס, וועלכער האָט וועגן דעם אַריינגעגעבן אין די אַמעריקאַנער יידישע ציימונגען. איר מאַן האָט זיך גלייך אָפּגעזוכט און דורכן האַיאַס אונדז אַריינגעשיקט אַ גרויסע סומע פאַר זיין פרוי און קינדער אויף זייערע הוצאות אין כאַרבין און געגוג אויף דער רייזע קיין אַמעריקע. ווען איך בין געקומען צו איר מיט דער גוטער בשורה, איז די פרוי פון גרויס גליק געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט פּשוט נישט געקענט רעדן און האָט זיך היסטעריש פאַרנאַנדערגעוויינט. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָב איך איר געראָטן, זי זאָל נעמען אַ צימער

אין אַ האָטעל, זאָל קויפן גוטע זאַכן פאַר איר און אירע קינדער. ספּעציעל זי זאָל זיך און די קינדער גוט שפּייזן, זיי זאָלן נישט קומען אין אמעריקע צום מאַן און פאָטער אויסגעהונגערטע, אויסגעטריקנטע. און זי האָט טאַקע אַזוי געטאָן. אין פאַרלויף פון אַ דריי פיר וואָכן איז שוין אַלץ געווען פאַרטיק און איך האָב איר געבעטן צופאָרן צום אמעריקאַנעם קאָנסול און אָפּנעמען דעם פּאַס מיט דער וויזע. זי איז אַוועקגעפאָרן און אין אַ פּאָר שעה שפּעטער איז זי מיט די דאָקומענטן ווידער געקומען צו מיר אַ פריילעכע אַ שיינענדע. איך נעם דעם פּאַס צו זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. ווי איך בלעטער דעם פּאַס, דערזע איך אַז דאָרט ליגט אַ גרויסע אַמעריקאַנער אַסיגנאַציע. איך דערקלער איר, אַז דאָס איז נישט קיין פּלאַץ פאַר געלט, אַז מאָרגן דאַרף זי אַרויספאָרן און זי דאַרף דורכפאָרן גאַנץ מאַנדזשוריע, אויך קאָרייע און שטיין אַ קורצע צייט אין יאַפּאַן און אומעטום לויערן אויף די פּאַסאַזשירן גנבים און ס'איז גרינג אַרויסצוגנבענען אַ דעם פּאַס אַ געלט. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען זי קען דאָס געלט איינניייען אין אירע אונטערשטע זאַכן.

און שטיל און פאַרשעמט זאָגט זי מיר: דאָס איז פאַר אייך אַ מתנה פאַר וואָס איר האָט אויפגעזוכט מיין מאַן, פאַר דעם פּאַס מיט די וויזעס, פאַר וואָס איר האָט מיך מיט מיינע קינדער געראַטעוועט און דורכגעפירט מיין רייזע אין אַמעריקע. איך דערקלער איר, אַז איך נעם פאַר מיין אַרבעט אַ געהאַלט, דאָס איז מיין אויפגאַבע און איך אַליין בין העכסט צופרידן, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן אין אַזאַ קורצער צייט איר אַוועקשיקן אין אמעריקע און אַז איך וועל פון הימלאָזע קיינמאָל קיין מתנות נישט נעמען. און איר פאָרשלאָג איז פאַר מיר אַ באַליידיקונג. אפשר אַ שעה צייט האָט זי זיך ביי מיר געבעטן, אַז איך זאָל נעמען דאָס געלט. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט אויסגעפירט. אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען צו דער באַן צו באַגלייטן די פאַרטיע עמיגראַנטן האָב איך מיין גאַנצע חברה נישט דערקענט. פון מיינע „בעזשענקעס" זענען גאָר געוואָרן דאַמען, אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק און די קינדער האָבן אויסגעזען נגידים. און איך האָב אַ סך נחת פון זיי געהאַט. און מיין באַראַנאָוויטשער פרוי איז ביים געזעגענען זיך מיט מיר צו מיר צוגעגאַנגען און שטיל, זייער שטיל געזאָגט: איר האָט מיך נעכטן שרעקלעך באַליידיקט און איך פאָר אין אַמעריקע מיט נישט קיין ריינעם געוויסן. איך וועל אייך מיין גאַנצן לעבן שולדיק זיין אַ חוב, וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט קענען אָפּצאָלן.

זיי זענען אַלע אַוועקגעפאָרן און איך האָב זיי מער קיינמאָל נישט געטראָפן...

אַ צווייטן פאַל האָב איך געהאַט מיט אַ פרוי פון בעסאַראַביע.

זי איז געקומען צו מיר מיט צוויי אָדער דריי קינדער. איר טאָכטער האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ חתן פון בעסאַראַביע. זי איז אויך געקומען מיט איר חברה אַן פאַספּאָרטן און אַן וועלכע נישט איז מיטלען. פון איר מאַן אין ניו יאָרק האָט זי שוין פיר יאָר נישט געהערט. זיין אַדרעס האָט זי נישט מיטגעבראַכט — פאַרלאָרן געגאַנגען אין וועג. איך האָב איר, פאַרשטייט זיך, באַזעצט מיט דער חברה אין די באַראַקן און באַזאָרגט זיי מיט אַלעם נויטיקן און צוגעזאָגט איר אויסזוכן דעם מאַן, וועלכער האָט אַמאָל געהאַט א שוך געשעפט אויף דער ערשטער עוועניו אין ניו יאָרק. עס איז דורכגעגאַנגען א חודש אָדער מער און איך קריג א בריוו פון האַיאַס, אַז לײדער איז איר מאַן מיט אַ צייט צוריק געשטאָרבן און דער האַיאַס רעקאָמענדירט מיר איר אַרויסהעלפן מיט עפּעס אַ קליין געשעפט פון פּאַפּיראָסן, צי א קאָפּעטעריע צי עפּעס אנדערש, כדי פאר א צייט צו פאַרבלייבן אין כאַרבין. איר נישט אויסזאָגן, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן און מיט דער צייט וועלן זיך אפשר שאַפן מעגלעכקייטן זיי אַלעמען אַריבערברענגען אין אמעריקע. און אזוי האָב איך געטאָן. איך האָב געגעבן דערווייל אַ ביסל געלט, געזאָגט איר, אַז איר מאַן איז שווער אויסצוזוכן, אפשר האָט ער פאַרלאָזן ניו יאָרק און געפינט זיך ערגעץ אין דער פּראָווינץ און איר געראָטן מיט דער הילף פון האַיאַס דערווייל איינאָרדענען זיך אין כאַרבין. און דערווייל זאָל זי זוכן עפּעס א קרעמל פאר זיך, פון וועלכער זי זאָל קענען ציען די חיונה. דער חתן האָט געפונען א ביסל אַרבעט אין א דרוקעריי — ער איז געווען א זעצער. פאר דעם זון אירן האָב איך געפונען אַרבעט ביי אַ קירזשנער. דערווייל בין איך אַנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט — דערמעגלעכן זייער רייזע אין אַמעריקע. איך האָב צו ערשט געוואָלט אַוועקשיקן די מוטער, נאָר ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען איר אַנטזאָגט די אַמעריקאַנער וויזע, ווייל זי קען נישט לייענען און שרייבן אין קיין שפּראַך און זי איז נעבעך דורכגעפאלן. פאר דער צייט איז ביי מיר געבאָרן געוואָרן א נייער פּלאַן — אַוועקשיקן פריער איר זון און דערנאָך זאָל ער זיי אַלעמען אַרויספאָדערן.

אָבער די אַלטע האָט מיך אָנגעהויבן חושד זיין פּשוט אין גנבה: וואָס הייסט אַלע פּרויען אין קאָמיטעט האָבן דערהאַלטן גרעסערע סומען געלט, זיי זענען אַלע שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן און איר פאַרהאַלט איך און לאָז איר נישט פאָרן. און פאַרוואָס האָב איך איר געגעבן געלט, זאָגנדיק, אַז דאָס איז נישט דעם מאַנס געלט, נאָר פון האַיאַס? נישט אנדערש, אַז איך האָב געקראָגן פון איר מאַן אַ גרויסע סומע וועלכע איך האָב פאַרהאַלטן פאַר

זיך, און איר האָב איך געגעבן נאָר אַ קליינע סומע. זי האָט אָנגעהויבן מאכן סקאַנדאַלן, אָבער דעם אמת האָב איך איר נישט געוואָלט זאָגן. בעמען אַזאַ צעבראָכענעם שאַרבן דערציילן, אַז איר מאַן איז שוין לאנג טויט, האָב איך נישט געוואָגט. און איינמאָל איז זי געקומען צו א קהלה זיצונג מיט איר באַשולדיקונג אויף מיר. איך האָב געבעטן אָנגיין מיט די פארהאנד־לונגען, ביז איך וועל ברענגען דעם בריוו פון האַיאַס וועגן איר מאַן. איך האָב געבראַכט דעם בריוו און אים איבערגעגעבן דעם פאָרזיצער פון דער זיצונג. דאַן איז שוין אַלץ געוואָרן קלאָר פאַר איר.

דאָך האָט זיך איינגעגעבן איר זון אַוועקשיקן אין אַמעריקע. די אַלטע האָט זיך געלערנט לייענען און שרייבן יידיש. און מיט דער צייט איז די גאַנצע פאַמיליע פאַרייניקט געוואָרן אין ניו־יאָרק.

און יאָרן זענען אַוועק.

איינמאָל גיי איך איבער דער דרייצנטער עוועניו אין באָראָ פּאַרק. עס שטעלן מיך אָפּ מיט גרויס פרייד צוויי יונגע לייט, און דריקן מיר שטאַרק די האַנט. זיי זענען געווען פראנטיש אָנגעטאָן און אויף מיר גע־מאַכט אַן איינדרוק פון אַמעריקאַנער ספּאָרטס. איך האָב זיי נישט דער־קענט. ערשט דאָס זענען געווען דער זון, וועלכן איך האָב רעקאָמענדירט צו לערנען זיך פאַר אַ קירזשנער אין כאַרבין און זיין שוואָגער, וועלכער האָט שוין לאנג חתונה געהאט מיט זיין שוועסטער. דער זון איז שוין אין אַמעריקע אַ פּראָפעסיאָנאַל און דער שוואָגער האָט זיין אייגענע דרוקעריי. זיי האָבן מיר שטארק געבעטן אריינקומען, זיי וווינען אלע צוזאמען אין באָראָ פּאַרק. די אלטע לעבט נאָך, זי איז ביי זיי די הויז ווירטן און איר לעבט זיך גאנץ גוט.

קאַפּיטל 16

וולאַדיוואָסטאָק

ווען מיר זענען פּאַרטיק געוואָרן מיט רעאָרגאניזירן די כאַרבינער יידישע קהלה און זי איז מיט דער צייט געוואָרן די אָנגעזעענסטע אויפן גאַנצן ווייטן מזרח, האָב איך געקראָגן אן איינלאדונג פון דער וולאדיוואָסטאָקער קהלה צו קומען דאָרטן און רעאָרגאַניזירן זייער קהלה אויף דעמאָקראַטישע יסודות. איך האָב מיט פאַרגעניגן די איינלאַדונג אָנגענומען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די רייזע פון כאַרבין אין וולאדיוואָסטאָק איז געווען זייער אַ געפערלעכע. אויף מיין וועג האָבן זיך געפונען די ווייס גוואַרדייאישע באַנדעס פון דעם קאזאקן אַטאַמאַן קאַלמיקאָוו, וועלכער איז געוועזן אַזוי גרויזאם און בלוט־דורשטיק ווי דער אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו מיט זיינע באַנדעס. ספּעציעל איז געווען געפערלעך פאַר אַ יידן און נאָך דערצו אַ ראַדיקאַל און דער געפערלעכסטער פלאץ איז געווען די סטאנציע פּאָגראַניטשנאַיאַ, ווו זיינע מענטשן האָבן רעווידירט די אַלע פּאַסאַזשירן, און אויב אימיצער איז זיי נישט געפעלן געוואָרן, האָבן זיי אים אראָפּגענומען פון באַן און אָן צערעמאָניעס צוגעשטעלט צום ווענטל און דערשאָסן. מיין רייזע דורך מאנדזשוריע איז דורכגעגאנגען גלאַט. מען האָט קיינעם נישט געטשעפּעט און קיינעם נישט אַרעסטירט. און אָט דערנענטערן מיר זיך צו פּאָגראַניטשנאַיאַ. און דאָ בין איך דעם אמת זאָגנדיק, אויס העלד געוואָרן: איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן. איך בין געווען זיכער, אַז מען וועט מיך דאָ פאַרהאַלטן און צושטעלן צום ווענטל. און אין טויט שרעק האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאנציע. עס זענען אין אונדזער וואגאָן אריין איניקע קאָזאקן, האָבן אַלעמען אויסגעפרעגט, האָבן א פּאָר פּאַסאַזשירן אַראָפּגענומען און איך בין ארויס טרוקן, און געקענט פאָרזעצן מיין רייזע ווייטער. איך בין שוין איצט אין סיביר און דארף מיטן סיבירער אייזנבאַן פאָרן ביז וולאדיוואָסטאָק. אַפילו דער עולם איז שוין דאָ אַן אנדערער. עס פאָרן א סך רוסן און ווייניקער כינעזער. די הערשנדע שפראך איז דאָ שוין די רוסישע. אַפילו גאָר א סך כינעזער רעדן רוסיש, אמת אַזאַ רוסיש, וואָס מיר איז שווער צו פאַרשטיין. אין דער גאנצער רייזע האלט איך זיך

אָפּגעזונדערט, רעד מיט קיינעם נישט און אויב עס קומט מיר יאָ אויס צו ר'עדן, היט איך זיך מיט יעדעס וואָרט.

און אונדזער באַן לויפט ווי אַ ווינטער. עס לויפן פאַרביי אונדז טייכן, בערג, סאָפּקעס. ס'איז געווען אין יולי חודש, די זון האָט געשיינט און האָט אָנגעוואַרעמט דעם קאַלטן סיביר. אַלץ איז געווען באַדעקט מיט גרינס, אָבער ווייט נישט אַזוי רייך און פּילפאַרביק, ווי אין כינע צי יאַפּאַן. און אָט דערנענטערן מיר זיך צו וולאַדיוואָסטאָק

אַ דרייסיק מייל פאַר וולאַדיוואָסטאָק, האָב איך דערהערט אַ געשריי. דערנאָך האָב איך דערהערט, אַז מען שרייט אויס מיין נאָמען, מישקאָווסקי. צו ערשט האָב איך זיך דערשראָקן. געוואָרן בלייך, דערפּילט, אַז דאָס בלוט האָט זיך אין מיר אָפּגעשטעלט און מיינע האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט דיבאָם. דערפאַר איז אויסערגעוויינלעך געווען מיין פרייד, ווען די שרייער זענען אַריין אין מיין וואַגאָן און איך האָב אין זיי דערזען מיין טייערן חבר חיים גאַלאַי, דעם אָנגעזעענעם לינקן פּועלי ציוניסט אין וולאַדיוואָסטאָק און מיין גוטן פריינד דר' באָריס זילבערט, אַ מיטאַרבעטער אין דער סאָוועטי־שער פּרעסע. גאַלאַי, אַליין אַ באַראַנאָוויטשער, איז אין דער צייט פון רעוואָ־לוציע געווען אין מאָסקווע. אַלס אַקטיווער פּועלי ציוניסט האָט ער מיט־געאַרבעט אין דער רעוואָלוציע אויף דער זייט פון די רויטע. אין גיכן האָט אים די נייע מאַכט געשיקט מיט עפּעס אַ מיסיע אין וולאַדיוואָסטאָק. אָבער ער האָט שוין צוריק אין דער אייראָפּעישער רוסלאַנד נישט געקענט פאָרן און ער איז געבליבן שטעקן אין וולאַדיוואָסטאָק. און ווען די ווייסע האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, אַדאַנק דער אריינמישונג פון די טשעכן, יאַפּאַ־נער, אַמעריקאַנער, איז ער געוואָרן אַ פּאַרטיזאַן און אַ לאַנגע צייט גע־קעמפט קעגן די שונאים פון דער רויטער רוסלאַנד, ביז זיין אָפּטיילונג כמעט אין גאַנצן אַן אויסגעשאָכטענע, האָט דעם קאַמף אויפגעגעבן. דאַן איז ער אַנטלאָפן אין כאַרבין און איך האָב אים חבריש אויפגענומען. און ווען די געפאַר איז פאַרביי איז ער צוריק געקומען אין וולאַדיוואָסטאָק און האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין וולאַדיוואָסטאָקער פּועלי ציוניסטי־שער גרופּע און אין יידישן אַלגעמיינעם לעבן. איצט געפינט ער זיך אין ארץ ישראל.

באָריס זילבערט איז אַנטלאָפן פון דער צאַרישער ארמיי אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה אין סאַן פראַנציסקאָ, וווּ ער האָט פאַר־בראַכט אַלס אַ פּליטלינג אַרום אַ יאָר צייט. איך האָב זיך מיט אים דאַן שטאַרק באַפריינדעט. גלייך, ווי ס'איז פאַרגעקומען די קערענסקי איבער־

קערעניש האָט ער פאַרלאָזן אַמעריקע און איז צוריק אַוועקגעפאָרן אין רוסלאַנד, כדי אָנטייל צו נעמען אין דער רעוואָלוציע.

זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז ס'איז אוממעגלעך איצט צו קריגן אַ צימער פאַר מיר אין וולאַדיוואָסטאָק, האָבן זיי מיך באַזאָרגט מיט אַ דאַטשע, 26 וויאָרסט ווייט פון שטאָט. און די סטאַנציע הייסט טאַקע „זעקס און צוואַנציקסטע וויאָרסט". דערוויַיל דערציילן זיי מיר, אַז די דאַטשע האָט באַלאַנגט צום גרעסטן קאַפּיטאַליסט פון וויַיטן מזרח — צום ייד סקידעלסקען, וועלכער האָט געמאַכט זייַנע מיליאָנען פון אויסהאַקן און פאַרקויפן די סיבירער וועלדער. דער נאָמען סקידעלסקי איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פון דער רוסיש יאַפּאַנישער קריג, טאַקע אַ דאַנק זיין אויסהאַקן די קאָרייער וועלדער האָט זיך די קריג אָנגעהויבן...

און אָט זענען מיר אַראָפּ פון באַן ביי דער 26־טער וויאָרסט" און זיי האָבן מיך צוגעפירט צו מיין נייער וווינונג. די דאַטשע איז אין אַ וווּנדערשיינעם סאַד און גאָרטן, אויף אַ באַרג. פון דאָנען זעט זיך אַרויס דאָס הערלעכע בילד פון דעם יאַפּאַנישן ים, וואָס גיסט זיך אַריין אין דעם פּאַסיפיק.

דאָס האָבן די באָלשעוויקעס רעקווויזירט די דאַטשע און מיר האָט מען איינגעטיילט דעם גאַנצן אונטערשטן עטאַזש, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ סך צימערן, איך וויס אַפילו נישט וויפל. איך האָב בלויז פאַרנומען צוויי צימערן — אַ קיך מיט אַ שלאָף צימער, און די איבעריקע צימערן האָט קיינער נישט גענוצט, כאָטש זיי זענען געווען רייך אויסגעמעבלירט. אין קיך האָב איך געפונען אַלץ וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן: טעפּ, טעלער, לעפל גאָפּל, מעסער. אָפט פלעג איך אַריינגיין אין דער ביבליאָטעק לייענען. ס'איז געווען דאָרט אַ ווערטפולע זאַמלונג פון רוסישע ביכער. ווי איך פאַרשטיי, זענען די סקידעלסקעס אַנטלאָפן גלייך ווי די באָלשעוויקעס זענען אַריינגעקומען אין וולאַדיוואָסטאָק און זיי האָבן אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אַלץ איינצופּאַקן און האָבן איבערגעלאָזן אַלץ אויף הפקר.

איך פלעג דערנאָך אַלע אין דער פרי מיט דער באַן אַוועקפאָרן אין שטאָט (וולאַדיוואָסטאָק) וווּ איך בין געווען אַ גאַנצן טאָג און אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט און אויף שלאָפן פלעג איך פאָרן „צו זיך" אויף דער דאַטשע.

ס'איז מיר געווען אַ פאַרגעניגן צו אַרבעטן מיט די וולאַדיוואָסטאָקער קהלה לייט און מיט די פאָרשטייער פון די פאַרשידענע יידישע פאַרטייען פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער נייער דעמאָקראַטישער קהלה. די וולאַדיוואָסטאָקער יידן זענען מערסטנס געווען סיביריאַקעס. זיי האָבן ווייניק אָדער

אין גאַנצן נישט געקענט קיין יידיש. זייער רוסיש איז אויך געווען אן אייגנאַרטיקער וולאַדיוואָסטאָקער רוסיש, וועלכע עס האָבן באַנוצט די קאַטאָרזשניקעס אין סיביר און דערצו איז ער נאָך געווען געמישט מיט כינעזישע ווערטער. בלויז די אינטעליגענץ האָט גערעדט אַ גוטן רוסיש. אין נאַטור און אָפט אַפילו אין אויסזען זענען די יידן געווען ענלעך צו די פּאָניעס. און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זענען געווען אַזוי שטאַרק אַסימילירט, בין איך פּשוט פאַרוואונדערט געוואָרן, סאַראַ טייערע שטאָלצע יידן די סיביריאַקעס זענען. אמת איז, אַז זיי האָבן שטאַרק צוגעהונקען אין די שוואַרצע פּינטעלעך, דערפאַר האָבן זיי אויסגעהאַלטן און מיט אַ ברייטער

האַנט געצאָלט זייערע רבנים, מלמדים און די פאַרשידענע כלי קודש. אַזאַ גאַסטפרייַנטשאַפט ווי ביי זיי איז זעלטן צו געפינען. זיך שטאַרק געזאָרגט און מיט אַ ברייטער האַנט געהאָלפן די אַלע יידן, וואָס האָבן זיך אין זייער הילף געגויטיקט. אין דער צאַרישער צײַט, ווען יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען אין וולאַדיוואָסטאָק, האָבן זיי אַלע מיטלען אָנגענומען, אַז די יידן, וואָס זענען דאָרט אָן רעכט, זאָלן נישט אַרויסגעשיקט ווערן. אויסבאַהאַלטן יידן איז ביי זיי געווען א נישט געשריבענער געזעץ. דער אייגנגעוואָרצלטער ייד אין וולאַדיוואָסטאָק איז געווען רייך און געלט האָט ביי אים קיין ראָל נישט געשפּילט און אַרויסהעלפן זיינע אָרעמע ברידער איז ביי אים געווען מער ווי א חוב. וולאַדיוואָסטאָק האָט פאַרמאָגט אַ סך וווילטעטיקע אינסטיטוציעס. אָבער די יידן האָבן נישט געוווּסט פון פּושקעס, פון קלייבן נדבות, פון רויטע פאַטשיילעס. מען האָט די אָרעמע באַזאָרגט אָן דעם.

די וולאַדיוואָסטאָקער יידן זענען געווען ציוניסטיש. אָבער גלייך נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 זענען אַהין אָנגעקומען יידן פון ליטע, פּוילן, אין גאַנצן אַנדערע יידן. עס זענען אָנגעלאָפן יונגע לייט, וואָס זענען פריער געווען פּועלי ציוניסטן, צעירי ציון, בונדיסטן אויך קאָמוניסטן. אויך די וולאַדיוואָסטאָקער יידישע יוגנט האָט דערפילט די נייע צייט און האָט זיך אָנגעהויבן דיפערענצירן און צושטיין צו די פאַרטייען. אַזוי אַרום האָבן זיך געגרינדעט גרופּן פון פּועלי ציון פון צעירי ציון, בונדיסטן און קאָמוניסטן. אין די אינטערעסן פון דער נייער דעמאָקראַטישער קהילה האָב איך געוואָלט, אַז זיי זאָלן אַלע צולייגן אַ האַנט צו איר גרינדונג און זיי זאָלן אַלע זיין אין איר פאַרטראָטן. די יידישע קאָמוניסטן האָבן נישט געוואָלט אָנטייל נעמען אין דער אַרבעט פון גרינדן „אַ בורזשואַזע יידישע קהלה", ווייל די רעוואָלוציע וועט שוין לייזן די אַלע יידישע פראַגן און מיר מעגן זיך שוין אויף איר פאַרלאָזן... מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַן אוסטאַוו (די

קאָנסטיטוציע), לויט דעם אוסטאַוו פֿון דער כאַרבינער קהלה און מיר זע־נען צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט. צוערשט אָנגעפֿירט אַ ברייטע אַגיטאַציע פֿאַר דער יידישער דעמאָקראַטישער קהלה, אריינגענומען אין דער אַרבעט אַלע שיכטן, ריכטונגען, פּאַרטייען, איינגעטיילט זיי נומערן, אַזוי אַז יעדע ריכטונג, יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ באַזונדער נומער פֿאַר וועלכן צו אַגיטירן. די שטאַרקסטע ריכטונגען זענען געווען די פֿרומע יידן און די אַלגעמיינע ציוניסטן. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז אַפֿילו די רייכסטע און די פֿרומסטע זענען אויך געווען שטאַרק אָנגעשטעקט מיט דער דעמאָקראַטי־שער אידעע, און זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז געזינטער, ווען אַלע ריכטונגען פֿון דער יידישער דעמאָקראַטיע זאָלן זיין פֿאַרטראָטן אין דעם ראַט פֿון דער קהלה. מיר האָבן אויך דורכגעפֿירט אַ צענזוס פֿון דער יידי־שער באַפֿעלקערונג פֿון וולאַדיוואָסטאָק און מיך פֿאַרדריסט שטאַרק, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן, וויפֿל יידן האָבן אָנטייל גענומען אין דעם.

מיר, די פּועלי ציוניסטן, האָבן פֿאַרמאָגט אַ קליינע גרופּע, נישט אַ סך גרעסער איז געווען די צעירי ציון גרופּע. אויך די בונדיסטן האָבן פֿאַרמאָגט אייניקע נישט אָרגאַניזירטע חברים. דאָך האָבן אַלע אַנטוויקלט אַזאַ ברייטע אַגיטאַציע און טעטיקייט, אַז יעדע ריכטונג האָט אויסדער־וויילט אירע פֿאַרשטייער צום ראַט פֿון דער וולאַדיוואָסטאָקער קהלה. איך געדענק נישט אַקוראַט, וויפֿל מיטגלידער יעדע גרופּירונג האָט ד'ערוויילט, נאָר אויף וויפֿל מיר געדענקט זיך יאָ, האָבן מיר אויסדערוויילט צוויי פֿאַרשטייער, די צעירי ציון דריי און די איבעריקע צען זענען געווען פֿון ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן. אַ שווערע אַרבעט האָט די ניי דערוויילטע קה־לה אויף זיך גענומען: זי האָט געדאַרפֿט אויסהאַלטן הונדערטער פּליטים, האָט געדאַרפֿט באַזאָרגן הונדערטער עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געקליבן פֿאָרן אין אַמעריקע, שוין נישט רעדנדיק וועגן אירע געוויינלעכע הוצאות. און צו דעם לויב פֿון דער קהלה מוז איך זאָגן, אַז זי האָט אירע אַלע פֿליכטן גלענצנד אויסגעפֿילט, שאַפֿנדיק אַליין די ריזיקע סומען פֿון אירע אייגענע קהלה מיטגלידער. פֿון דעם קען מען פֿאַרשטיין, ווי פֿרייגיביק אַ סך יידן זענען געווען.

אין וולאַדיוואָסטאָק האָב איך זיך געטראָפֿן מיט יידן פֿון די פֿאַר־שידנסטע געגנטן פֿון סיביר, מיט אַ סך אַפֿילו פֿון דעם אינדזל סאַכאַלין, וואָס זענען דאָרט אָפּגעווען אַ לאַנגע צייט, אַלס שטראָף פֿאַר זייערע גרוי־סע פֿאַרברעכנס. גאָר שטאַרק האָבן מיך פֿאַראינטערעסירט די סאַכאַלינער יידן־פֿישער. פֿון דעם עלעמענט האָב איך פֿריער גאָרנישט געוווּסט. ווי אַזוי די יידן קענען אויסהאַלטן דעם שווידערלעכן קלימאַט פֿון סאַכאַלין און

וולאַדיוואָסטאָק ווייזט מיר אָן איבעריקן מאָל די ווונדערלעכע צופּאַסונגז־פעיקייט פון די יידן צו די פאַרשידנסטע קלימאַטן.

זייענדיק אין וולאַדיוואָסטאָק, האָב איך זיך אייניקע מאָל געטראָפן מיט אונדזערן א חבר, אַ סיביריאַק — דעם געשוואָרענעם אַדוואָקאַט גאַרפינקל, ביי וועלכן דער רוסישער קאָמוניזם האָט אַ סך איבערגעוואָגן דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. דאָך האָט ער מיט וואַרעמקייט גערעדט וועגן אונדזער פּאַרטיי. ווען איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט, האָט ער מיר דערציילט, אַז נישט לאַנג צוריק, איז דאָרט געווען אונדזער חבר ר. קענדזשערסקי, וועגן וועלכן ער האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג. אויך האָט ער מיר געוויזן אייניקע עקזעמפּלאַרן פון בוך „יזכור", וועלכע חבר קענדזשערסקי האָט אים איבערגעלאָזן. דער בוך „יזכור" רעדאַגירט פון זרבבל, בן צבי און כאַשין האָט אים אויף אַזוי פיל פאַראינטערעסירט, אַז ער האָט אים איבערגעלייענט דריי מאָל. איך האָב נאָך דעם בוך פריער קיינמאָל נישט געזען און איך האָב ביי אים געבעטן איין עקזעמפּלאַר פאַר זיך. איך האָב אים גראַדע אומצייטיקע מאָל געלייענט, געהאַלטן דעם בוך גאַנצע דרייסיק יאָר און קיינמאָל נישט געשיידט זיך פון אים. ערשט נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה ווען איך האָב מיין גאַנצע ביבליאָטעק אַוועקגעשיקט אין איירעפּע האָב איך אים אויך אַוועקגעשיקט...

און וואָס מיינט איר פאַר אַן אמת האָט דער זייער סימפּאַטישער גאַרפינקל פאַרנומען? איר וועט נישט טרעפן. ער איז געווען דער הויפּט פון טשעקא אין וולאַדיוואָסטאָקער ראַיאָן. איינמאָל האָט ער מיר באַוויזן אַ בוך — דעם אַרכיוו בוך פון דער צאַרישער אָכראַנע (געהיים פּאָליציי) אין וועלכן עס זענען געווען פאָטאָגראַפיעס און לעבנס באַשרייבונגען פון אַלע רעוואָלוציאָנערן פון די פאַרשידנסטע נאַציעס אין רוסלאַנד אין די צאַרישע צייטן. צווישן אַנדערע האָב איך געפונען אַ סך בילדער פון מיינע באַקאַנטע און אפילו נאָענטע פריינד. אַ סך פון זיי האָבן שוין לאַנג געוווינט אין אַמעריקע, ווו איך האָב זיך מיט זיי געטראָפן. נאָר אינטערעסאַנט איז וואָס, ווען איך האָב געלייענט וועגן דר' זשיטלאָווסקי, זיינע טעאָריעס, פּראָגראַמען, האָב איך שוין דאַן איינגעזען, אַז דער מחבר פון דער ביאָגראַפיע האָט געקענט זשיטלאָווסקין אַ סך בעסער, גרינטלעכער, ווי מיר, זיינע נאָענטע מענטשן...

איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ סך פון דער רוסישער אינטעליגענץ — שרייבער, פּאָעטן, קינסטלער, און ווי עס זאָל נישט אויסקומען אויפן ערשטן קוק מאָדנע, האָבן זיי, אָט די רוסן, אַרויסגעוויזן די וואַרעמסטע סימפּאַטיע צו אונדזערע פּועלי ציוניסטישע אידעען. אַפילו דער ראַיאָנער פאַרשטייער

פון די קאָמוניסטן — פּעטראָקעוויטש, דוכט זיך איז געווען זיין נאָמען, ווען מיר האָבן אים דערציילט פון אונדזער יידישער לאַגע, פון דעם קאַמף און אידעען פון די לינקע פּועלי ציון, איז ער אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון אונדזערע שטרעבונגען און קאַמף, אַז ער האָט אויסגעשריען: „איר ווייסט, חברים, אַז דאָס איז אַ וואונדערבאַרע אידעע!" און ער האָט אונדז פאַרגע־שלאָגן זיין הילף, אויב מיר וועלן זיך אין איר נויטיקן. ער האָט פּשוט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די יעווסעקן באַקעמפן אונדז. אַזאַ באַ־ציונג צו אונדז האָב איך געזען ביי אַ סך אַנדערע רוסישע קאָמוניסטן, אָבער קיינמאָל נישט ביי יידישע.

זייער אָפט פלעגט קעגן אונדז אַרויסטרעטן אַ יידישער קאָמוניסט גאָ־לאָמבעק, ער איז דוכט זיך געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ פּאַרטיי, אָדער טרייד יוניאָן צייטונג. ער איז געווען אַ העכסט באַגייסטערטער קאָ־מוניסט און ער האָט פאַר דער פּאַרטיי אוועקגעגעבן זיין גאַנצע צייט און דאָס בעסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך. זיין פאָטער איז געווען אַ געשמדטער ייד, וואָס האָט אים נישט געשטערט אָנטייל נעמען מיט אַ וואַרימער יידישער הארץ אין יידישע אַנגעלעגנהייטן און ער האָט אַלעמאָל מיט אַ ברייטער האַנט זיך באַטייליקט אין אַלע יידישע קאַמפּיינס. זיינע אַ שוועסטער איז געווען אַן אַקטיווע טוערין אין די רייען פון די לינקע פּועלי ציון אין סיביר און אין מיין צייט האָט זי חתונה געהאַט מיטן אַנגעזעענסטן קאָמוניסטישן פירער פון וולאַדיוואָסטאָק. יאַשע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ייד, און האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישע פראַגן. ער פלעגט באַזוכן די אַלע מיטינגען וואָס איך האָב אַראַנזשירט, און פלעגט אָפט אַרויסטרעטן אַלס דעבאַטאַנט. ער האָט געגלויבט אַז די רוסישע רעוואָלו־ציע, וועט הונדערט פּראָצענט פאַרענטפערן די יידישע פראַגע און גרינדן קהילות איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

אין גיכן האָבן די טשעכן, יאַפּאַנער, אַמעריקאַנער און אַנד. דורכגע־פירט די אינטערווענציע אויפן וויטן מזרח און פאַרכאַפּנדיק יענעם געגנט, האָבן זיי אָנגעהויבן באַשטראָפן אַלע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך געפונען דאָרט. ספּעציעל האָבן זיך אין גרויזאַמקייטן אויסגעצייכנט די יאַפּאַנער. מען האָט מיר דאַן איבערגעגעבן, אַז די יאַפּאַנער האָבן דעם אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון וולאַדיוואָסטאָק פּשוט אָפּגעקאָכט אין זודיקן וואַסער. און די קאָמוניסטישע טוער האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון שטאָט. אַ סך זענען געוואָרן פּאַרטיזאַנען און אַ טייל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער און אַנדערע זענען אַנטלאָפן אין אויסלאַנד. און מיין יאַשע גאַלאָמבעק איז אַנטלאָפן אין כינע און זיך באַזעצט אין שאַנכאַי.

קאַפּיטל 17

אויפן צוזאַמענפאָר פון די פּאַלעסטינער קאָמיסיעס אויפן ווייטן מזרח

פּטור געוואָרן פון די בונדיסטן, איז אונדזער אַרבעט אין דער כאַרבינער קהלה אַוועק מער נאָרמאַל. די אויסדערוויילטע פּאַלעסטינער קאָמיסיע האָט זיך מיט אימפּעט א נעם געטאָן צו דער אַרבעט און אין גיכן איז געבאָרן געוואָרן דער געדאַנק פון א צוזאמענפאָר פון אַלע פּאַלעסטינער קאָמיסיעס פון די קהלות אויפן ווייטן מזרח, כדי אָרגאַניזירן אַ האַרמאָנישע געמיינשאַפטלעכע אַרבעט פאַר ארץ ישראל און מיר זענען ענערגיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, כדי פאַרווירקלעכן דעם געדאנק אין לעבן. מיר האָבן אַרויסגעשיקט צירקולאַרן וועגן דעם צו די אַלע קהלות פון ווייטן מזרח. די קהלות פון סיביר האָבן מיר נישט געקענט איינלאַדן, ווייל זיי זענען שוין געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פון אונדז, און מיר האָבן זיי פאַר קיין פאַל נישט געקענט דערגרייכן. מיר האָבן זיך געמוזט באַגרענעצן מיט די קהלות פון ווייטן מזרח פון כינע און יאַפּאַן. מיר האָבן אויסגעאַרבעט דעם מאָדוס פון דערוויילן דעלעגאַטן. אויך האָבן מיר איינגעלאַדן פאָרשטייער פון קהלות, וועלכע האָבן נאָך נישט קיין פּאַלעסטינער קאָמיטעט, אָבער וואָס שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון פּאַלעסטינער טעטיקייט. אויף אונדזער ווענדונג האָבן זיך אַלע קהלות און פּאַלעסטינישע אָרגאַניזאַציעס וואָרעם אָפּגערופן און צו דער באַשטימטער צייט זענען געקומען פאָרשטייער פון וולאַדיוואָסטאָק, מאַנדזשוריע, שאַנכאַי, טיאַן־דזין כאַילאַר, ציציקאַר און פון נאָך אַ ריי שטעט. לויט דער פּאַרטיי געהעריקייט איז דער צוזאמענפאָר באַשטאַנען פון 10 אַלגעמיינע ציוניסטן, 6 צעירי ציון, 5 לינקע פּועלי ציון און איינציקע אומפּאַרטייאישע.

די דערעפענונג פונם צוזאַמענפאָר איז געווען א העכסט באַגייסטערטע. די באַגריסונגען און דער אָפּרוף פון עולם (ס׳זענען געווען אַרום 700 געסט) זענען געווען ענטוזיאַסטישע און אַלע זענען מיטגעריסן געוואָרן און האָבן זיך מיט דער גרעסטער ערנסט און אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צו די רעפעראטן, רעדעס, פאַרהאַנדלונגען.

שוין גלייך פון אָנהויב פון צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר, די פועלי ציון, וועלן דאָ שפּילן א דאָמינירנדע ראָל, ווייל אין די מערס־טע ארץ ישראל פראַגן זענען די צעירי ציון געגאַנגען מיט אונדז און מיר האָבן אַ דאַנק דעם געקענט איבערוועגן דעם באַלאַנס. די פּונקטן פון דעם טאָג אָרדענונג זענען געווען זייער וויכטיקע, ווי די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע קיין ארץ ישראל, אונדזער אָנטייל אינם אויפבוי פון לאַנד, אויף וועלכע יסודות זאָל דאָס לאַנד געבויט ווערן — קאָאָפּעראַטיווע צו קאַפּיטאַליסטישע, וועגן אָנטייל פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין לעבן פון דאָס לאַנד, די קהלה און די ארץ ישראל טעטיקייט, אונדזער פּרעסע, די טע־טיקייט פון די פּאַלעסטינער קאָמיסיעס, געמיינשאַפטלעכע אַרבעט פאַר ארץ ישראל.

עס זענען אויפן צוזאַמענפאָר געהאַלטן געוואָרן פינף רעפעראַטן: דריי פון די ציוניסטן און צוויי פון די פועלי ציון, זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ערנסט און פּראַקטישע פאָרשלאַגן, וועלכע זענען כמעט איינ־שטימיק אָנגענומען געוואָרן.

עס איז שוין אויפן צוזאַמענפאָר געלייגט געוואָרן דער גרונדשטיין פאַר שיקן פּיאָנערן קיין ארץ ישראל. עס זענען פאַראייניקט געוואָרן אַלע פּאַלעסטינער קאָמיסיעס אויפן ווייטן מזרח אין א געמיינשאַפטלעכער פּראָ־גראַם פון טעטיקייט, עס איז פון זיי דערוויילט געוואָרן אַ צענטראַלער קאָ־מיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט דורכפירן די אַלע באַשלוסן פון צוזאַמענ־פאָר. עס איז פאַרזיכערט געוואָרן די עקזיסטענץ פון דעם זשורנאַל „סי־ביר אי פּאַלעסטינע". עס איז דערוויילט געוואָרן א רעדאַקציע קאָלעגיע, באַשטייענד פון אַ ציוניסט, פועלי ציוניסט און אַ צעירי ציוניסט. עס זענען געגרינדעט געוואָרן צוויי הויפּט ביוראָס פאַר עמיגראַציע אין ארץ־ישראל — איינע אין שאַנכאַי און איינע אין יפו מיט אַ באַשטימטן און גאַראַנטירטן פון אונדז ביודזשעט.

דער צוזאַמענפאָר האָט געוויזן אין אַלגעמיינעם וועג פאַר די פאַרשי־דענע פּראָ־פּאַלעסטינישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, נישט האַנדלענדיק אין ווידערשפּרוך מיט די אייגענע פּאַלעסטינישע פּרינציפּן. די דערוויי־לטע קאָמיסיעס זענען באַשטאַנען פון מיטגלידער פון די פאַרשידענע פּאַר־טייען און ריכטונגען לויט די פּרינציפּן פון פּאַריטעט און זענען דערווײלט געוואָרן אויף א צייט פון אַ האַלב יאָר. יעדן האַלבן יאָר האָבן געדאַרפט פאָרקומען אַזעלכע צוזאַמענפאָרן, אויף וועלכע מען וועט דערוויילן די קאָמיסיעס אויף די זעלביקע יסודות פאַרן קומענדיקן האַלב יאָר.

מיין רעפעראַט איז געווען וועגן דעם קאָאָפּעראַטיוון וועג פון בויאונג פון ארץ ישראל, אז דאָס לעבן אַליין, די לאַגע אין ארץ ישראל דיקטירן

אונדז, אַז ארץ ישראל דאַרף געבויט ווערן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. העברעישער גימנאַזיע איז געווען איבערגעפּאַקט. ס'איז געווען זייער שטיל. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט הערט זיך דער עולם צו צו דעם, וואָס איך זאָג. איך האָב געפילט אַז איך בין מיט טויזנטער איידעלע פּעדים צע־נויפגעבונדן מיט דעם אוידיטאָריום, אַז אַלע זענען באַפליגלט מיט די זעל־ביקע אידעאַלן און אַז אַלע זענען גרייט דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע אַוועק־צוגעבן פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזער אומגליקלעך פאָלק.

איך געדענק שוין נישט, ווער פון מיינע חברים האָט געהאַלטן דעם צווייטן רעפעראַט און אויף וועלכער טעמע. נאָר איין זאַך געדענקט זיך מיר גוט — אַז אַלע חברים זענען געווען באַגייסטערט פאַרן צוזאַמענפאַר. אַלע חברים האָבן געפילט, אַז זיי האָבן עפּעס אויפגעטאָן פאַר ארץ ישראל, אַז דער צוזאַמענפאַר האָט פאַר זיי געעפנט דעם וועג אַהין, און אויב ער זאָל נאָר וועלן, קען ער גרינג פאַרווירקלעכן זיין לעבנס טרוים. די נייע פּאַרטיי־ניקטע אָרגאַניזאַציע, הינטער וועלכער עס שטייען די אַלע קהלות פון וויטן מזרח וועלן אים באַזאָרגן מיט א פּאַס, מיט וויזעס, מיט הוצאות און וועלן אויספלאַסטערן פאַר אים דעם וועג און אַז קומענדיק אין ארץ ישראל, וועט אים די יפּוער ביוראָ אונטער דער אויפזיכט פון נאַוואָמייסקען (וועלכער האָט די קאָנצעסיע איבער דעם ים המלח) אים איינאָרדענען, ממשות־דיק אויסהעלפנדיק אים די ערשטע צייט פון זיין אויפן נייעם באָדן.

מיר, די פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער פּאַרטייען, זענען גע־ווען באַוווסטזיניק, אַז אין בויען דאָס לאַנד, וועלן די יידישע ארבעטער און חלוצים געבן דאָס וויכטיקסטע — דעם בויער, דעם מענטשן מאַטע־ריאַל — די מענטשן קראַפט און אַז מיר זענען מער פון אַלע אַנדערע קלאַסן, פאַראינטערעסירט אין דעם יידישן אַרבעטער צענטער אין ארץ ישראל.

אין דעם זינען פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע איז אונדזער ערשטער צוזאַמענפאַר געווען דער גרעסטער דערפאָלג. לאַנג, לאַנג האָט מען נאָך ביי אונדז גערעדט וועגן צוזאַמענפאַר, מען האָט הייס דיסקוטירט וועגן די פאַר־שידענע רעזאָלוציעס און אַזוי איז געווען אין די אַנדערע קהלות, פון וואַ־נען מען האָט געשיקט דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאַר.

דורך באַהאַלטענע קאַנאַלן זענען די רעזאָלוציעס אָנגעקומען אין די פאַרשידענע שטעט פון סיביר, ווי טאָמסק, אָמסק, אירקוטסק, טשיטא און עס זענען פון דאָרטן אָנגעקומען צו אונדז דורכגעשמוגלטע בריוו, אַז זיי אַנערקענען אונדזער צוזאַמענפאַר, זענען צופרידן מיט די רעזאָלוציעס, וואַרפן זיך אונטער אונדזערע באַשלוסן און ווי ווייט מעגלעך וועלן זיי אונדז

ארויסהעלפן אין דער אַרבעט. אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן יידישע קהלות אין נייע ישובים און פונקטן פון כינע און יאַפּאַן, וועלכע האָבן גלייך אויסגעטיילט פּאַלעסטינער קאָמיסיעס, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן מיט אונדז. אונדזער א חבר, באַס, איז ארומגעפאָרן איבער דער ווייט מז־רחדיקער טשיטאַיער רעפּובליק, האַלטנדיק רעדעס וועגן דעם ווייטמזרח־דיקן צוזאַמענפאָר, גרינדנדיק דאָרט פּאַלעסטינער קאָמיסיעס, וועלכע זאָלן אַרבעטן אין איינקלאַנג מיט אונדזערע רעזאָלוציעס און באשלוסן.

דער זשורנאַל „סיביר אי פּאַלעסטינא" פון וועלכן איך בין געווען א מיטאַרבעטער רעדאַקטאָר, האָט געקראָגן די ווייטסטע און ברייטסטע פאַר־שפרייטונג. דער נומער מיטן באַריכט פון צוזאַמענפאָר איז פאַרשפרייט גע־וואָרן אין טויזנטער און טויזנטער עקזעמפּלארן. אונדזערע אָנהענגער האָבן אים מיט מסירת נפש אַריבערגעשמוגלט דורך די פאַרשידענע פראָנטן און אַרמייען, פאַרשפרייטנדיק אַזוי אַרום אונדזער וואָרט צווישן טויזנטער פון די יידישע מאַסן.

די פּאָליטישע לאַגע אויפן ווייטן מזרח איז דאַן געווען אַן אומבאַ־שטימטע. די יאַפּאַנער אינטערווענץ האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַר־שפרייט איבערן ווייטן מזרח און סיביר, האָפנדיק דאַן אויסנוצן די שוואַכ־קייט פון רוסלאַנד צוליב דער מלחמה און בירגער קריג און האָט גאַנץ ערנסט און מיט ברוטאַליטעט געוואָלט פאַרכאַפּן דעם גאַנצן ווייטן מזרח און אַ גרויס שטיק פון סיביר. אָבער דאָס איז געווען קעגן די אינטערעסן פון אונדזערע פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט האָבן אויפן צווייטן זייט פון פּאַציפיק אַ פאַרשטאַרקטן און מעכטיקן שכן — יאַפּאַן. און אַמעריקע האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט צופרידנשטעלן די שווידערלעכע יאַפּאַנישע אַפּעטיטן, און זי האָט דערפאַר געפירט א פריינט־לעכע צו רוסלאַנד פּאָליטיק. דערווייל זענען רוסלאַנד און יאַפּאַן איינגע־גאַנגען אויף צו גרינדן אויפן ווייטן מזרח דעם בופער שטאַט מיט טשיטא אַלס הויפּטשטאָט. דער בופער זאָל אָפּטיילן כינע און יאַפּאַן פון די באָלשע־וויקעס. אָבער יאַפּאַן האָט אָנגעהויבן דער נייער טשיטאַיער רעגירונג אַרויס־שטעלן פאָדערונגען איינע נאָך די אַנדערע, וועלכע האָבן געשטרעבט צו דעם, אַז די גאַנצע טעריטאָריע זאָל פאַרשקלאַפט ווערן צו יאַפּאַן. זי האָט געפאָדערט נישט מער און נישט ווינציקער, אַז וולאַדיוואָסטאָק זאָל אַריבער אונטער איר קאָנטראָל, אַז דער רוסישער פלאָט אויפן ווייטן מזרח זאָל פאַרניכטעט ווערן און אויך אַז זי זאָל קריגן גרויסע פּריווילעגיעס אויפן גאַנצן ווייטן מזרח. דאַן איז דער אַמעריקאַנער פאָרשטייער אין דעם טשי־טאַיער בופער געווען פיימאַנוויל, וועלכער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די פאַרוויקלטע סיטואַציע און ער האָט געפאָדערט פון אַמעריקע נעמען

צו יאַפּאַן אַ פעסטע שטעלונג. און זײן רעגירונג האָט טאַקע אַזוי געהאַנדלט. פאַר אַ מלחמה מיט אַמעריקע איז יאַפּאַן דאַן נישט געװען צוגעגרײט, נאָך מער, אַמעריקע האָט דאָך אָנגעװאָרפן אַ שרעק אויף יאַפּאַן און אין אַזאַ לאַגע האָט זיך יאַפּאַן געמוזט אונטערװאַרפן צו די פאָדערונגען פון אַמע־ריקע, אַז זי זאָל אפילו נישט טראַכטן פון דעראָבערן נײַע טעריטאָריעס אויפן װײַטן מזרח. נאָך מער, אַז יאַפּאַן זאָל זיך צוריקציען פון גאַנץ סיביר און דאָס האָט געראַטעװעט סיביר און דעם װײַטן מזרח פון יאַפּאַנישער אָקופּאַציע, און רוסלאַנד איז צוריק געװאָרן די הערשערין פון װײַטן מזרח.

קאַפּיטל 18

איך גרייט זיך ווידער אין וועג

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָט זיך מיין ציוניזם אומגעהויער פארשטארקט. מיר יידן האָבן געגעבן אַ גרויסע צאָל סאָלדאטן אויף אַלע פראָנטן, מיר האָבן פראָפּאָרציאָנעל פאַרגאָסן מער בלוט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, מיר האָבן געקעמפט פאר רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך־אונגאַרן, פראַנקרייך, ענגלאנד, מיר האָבן געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, אָבער נישט פאר אונדזערע יידישע אינטערעסן און דאָס האָט מיר אויפן העכסטן גראד געקרענקט. און וואָס האָבן מיר געהאט פון דעם? דערנידערונגען, באַליידיקונגען, אומצוטרוי, אַפילו פאַרפאָלגונגען, באַשולדיקונגען און גזירות... ספּעציעל גרויזאַם איז געווען צו אונדז רוסלאַנד. באַשולדיקט די יידן אין אומטרייהייט, אין איבערגעבן סודות דעם שונא, אין שפּיאָנאזש, וואָס עס האָט איר כלומרשט געגעבן רעכט אַרויסצוטרייבן די יידן פון יענע ראיאָנען, ווו מען האָט דערוואָרט די שלאַכטן און הונדערטער טויזנטער יידן האָט מען ארויסגעטריבן פון גאַנצע געגנטן און אויסגעוואָרצלטע זיי אַוועקגעשיקט ערגעץ וויַיט אין רוסלאנד און סיביר, אפילו צום וויַיטן מזרח. און איך האָב די אַרויסגעטריבענע געזען אין כארבין, וולאדיוואָסטאָק, ניקאָלסק אוסורייסק, אין דעם טשיטאַיער געגנט און ווו נישט? מיט מסירות האָט די צאַרישע רעגירונג אויפגערייצט די גאנצע רוסישע באַפעלקערונג קעגן יידן און געשאַפן קעגן זיי אויף אַ זעקסטל פון דעם וועלט קיילעך אַ פּאָגראָם שטימונג. און וואָס וועלן מיר יידן קריגן פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט, פאַר אונדזער אנטייל אין דער מלחמה? בירגער רעכט? ווי א חוזק האָט דאָס געקלונגען פאר מיר און נאָך אנדערע אין יענע ערשטע יאָרן פון דער מלחמה. איך האָב שוין באזוכט די בעסטע לענדער פאר יידן: ענגלאנד און אַמעריקע. און דאָרטן האָבן מיר די רעכט נישט באַגייסטערט. אונדזער נאַציאָנאַלער לעבן דאָרט איז צעקריפּלט און צעפּוילט און וואָס ווייטער פאַרלירן מיר נאַציאָנאַל אַפילו דאָס וואָס מיר האָבן געבראכט אהין פון רומעניע, פּוילן, גאַליציע, רוסלאנד. מיר פאַרלירן דאָרט אין גאנצן אונדזער נאַציאָנאַלן

פנים. און וואָס ווייטער איך האָב געטראַכט אין דער ריכטונג, אַלץ מער בין איך איבערצייגט געוואָרן, אַז נאָך ארץ ישראל, ווו מיר זאָלן שאַפן מיט דער צייט א מאַיאָריטעט קען ברענגען די רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, וועלכע וועט פאַר אונדז אויסקעמפן א מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע עקזיס־טענץ, אַזאַ עקזיסטענץ, אַז מיר זאָלן קענען אָנפירן א נאָרמאַלן יידיש נאַ־ציאָנאַלן לעבן און מיט דעם אנערקענט ווערן ווי א גלייכבארעכטיקטע מיט אַלע פעלקער — נאַציע.

די גרעסטע פרייד אין מיין לעבן איז געווען די פאַרעפנטלעכונג פון דער באַלפור דעקלאַראַציע.

אין גיכן האָט די כאַרבינער קהלה אראַנזשירט אַ גרויסן יום טוב צו פייערן די גרויסע געשעעניש, צו וועלכער עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן אַלע פאָרשטייער פון די פאַרשידנסטע רעגירונגען, וואָס האָבן זיך גע־פונען אין כאַרבין. פאַרשטייט זיך, אַז איך, אַלס אַ מיטגליד פון קהלה ראַט, בין אויך געווען אַ שטיקל מחותן צו דעם יום טוב, וועלכער האָט געפונען זיין אויסדרוק אין א גרויסאַרטיקן באנקעט אין רייכסטן האָטעל פון כאַרבין — „האָטעל מאָדערן". איך בין געקומען מיט מיין פרוי. מיר איז אויסגע־קומען זיצן צווישן דעם פאָרשטייער פון רוסלאַנד — סמירנאָוו און דער פרוי פון אַ כינעזישן גענעראַל. רבקה איז געזעסן צווישן דעם יאַפּאַנישן און דעם פראַנצויזישן קאָנסול. אַלע האָבן זיך געפונען אין אַ געהויבענער שטימונג. אונדזער יידישער פרעסטיזש איז דאַן הויך געוואקסן און אַלע אָפיציעלע געסט האָבן אונדז האַרציק באַגריסט מיט דער נייער ערא אין אונדזער יידיש נאַציאָנאַלן לעבן און צוגעזאָגט זייער שטיצע און אונדז גע־ווונטשן גליק אין אונדזער טעטיקייט פאַר אונדזער אלט־נייעם פאָטערלאַנד.

אין מיין רעדע האָב איך אויסגעדריקט א דאנק דער ענגלישער רע־גירונג און אונטערגעשטראָכן דעם געדאנק, אַז עס ווערט געבאָרן דורך דער מלחמה אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון מער יושר און אַז אין דער נייער נאָך־מלחמה־וועלט וועלן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער שפּילן אַ גרויסע ראָל און עס איז ביי מיר קיין צווייפל נישט, אַז די אַרבעטערשאַפט פון דער וועלט וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל אין אונדזער אויפבויאונג אַלס אַ נאָרמאַל פאָלק אין ארץ ישראל. און איך, אַלס אַ פאָרשטייער פון די פועלי ציון, קען מיט דער גרעסטער איבערצייגונג פאַרזיכערן די אָנוועזנדע אַז די גרעסטע און שווערסטע אַרבעט אין דער אויפבויאונג פון דאָס יידיש לאַנד וועט דורכגעפירט ווערן פון די יידישע ארבעטער, וועלכע זענען מער פון אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק פאַראינטערעסירט אין דער טעריטאָריעלער ליי־זונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אדאנק אָט דער באַלפור דעקלאַראַציע האָב איך באשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

אין אַ יאָר שפּעטער איז געקומען פון רוסישן פראָנט פריזוערס טאָכ־טער — דבורה, די באַליבטע חברטע אין דער פּועלי ציון באוועגונג פון סיביר. זי איז געווען א דאָקטערין און אַלס אַזעלכע האָט מען איר מאָבי־ליזירט אויפן רוסישן פראָנט. מיר האָבן זיך גלייך באקאנט און איך האָב איר איינגעלאדן צו האלטן א פאָרטראג פאַר אונדזער אָרגאניזאציע, וואָס זי האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען.

זי האָט שוין אין גאנצן ביי מיר אָפּגענומען דעם חשק צו פאָרן אין רוסלאנד. מיט האַס און כעס האָט זי מיר דערציילט וועגן די יידישע קאָ־מוניסטלעך, וואָס זענען געוואָרן קאָמיסארן, אין גאנצן פאררעטנדיק די יידישע נאציאָנאלע אינטערעסן און אויב אימיצער גיט א פּיפּס וועגן דעם, איז ער נישט זיכער מיט זיין לעבן.

מיין דראנג צו פאָרן אין ארץ ישראל איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטארקער, ביז עס איז דערגאנגען צו דעם, אַז איך האָב שוין לענגער נישט געקענט איינזיצן אויפן וויטן מזרח. עס האָט זיך אָנגעצונדן מיין היי־סער פאַרלאנג צו זיין איינער פון די ערשטע פּיאָנערן אין לאנד פון מיינע שענסטע אידעאַלן, פון מיינע פאַרבן רייכסטע טרוימען, זען דאָס לאנד, די קאָלאָניעס, די שטעט און שטעטלעך און דערפער, אַריין דאָרטן אין אָרטיקן לעבן, מיטארבעטן, מיטווירקן.

און איין מאָל האָבן מיר אין דער קהלה דערהאלטן א בריוו פון ד'עם הויפּט פון אונדזער יפוער ביוראָ — נאָוואָמייסקען, אַז ס'איז ווינטשנס־ווערט אַז אַ סיבירער גרופּע פון א פופציק ארבעטער און ארבעטערינס, בעסער נישט פאַרהייראטע, זאָלן קומען אין ארץ ישראל. ער נעמט זיך אונטער צו באזאָרגן די גרופּע מיט אַרבעט.

אויף דער זיצונג פון פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די פּאַלעסטינער קאָ־מיסיעס איז דער פאָרשלאג מיט פרייד אָנגענומען געוואָרן און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט די גרופּע צו אָרגאַניזירן. מען האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן דעם ראַיאָן און רעקאָמענדירט דורכפירן אַן אנקעטע. מיט אייניקע וואָכן שפּעטער זענען אָנגעקומען ענטפערס מיט די ליסטן פון קאַנדידאטן פון איבערזידלער. עס האָט זיך ארויסגעוויזן אַז די ליסטעס אַנטהאלטן איבער דריי הונדערט וואָלונטירן. פון די אַלע ליסטעס האָבן מיר אויסגעקליבן אַ זעקס און פופציק אַרבעטער און פראָפעסיאָנאלן. דער עלע־מענט איז אין אַלע הינזיכטן געווען א צוגעפּאסטער: יונגעלייט, אַרבעטס־פעיקע און ארבעטסוויליקע, א גרויסער טייל מיט מיטעלער בילדונג, אנ־

דערע מיט אַ העכערער בילדונג. אַ סך מיט קענטעניש פון שפּראַכן און אַלע זענען געווען באַגייסטערט פאַר אויפבויען אונדזער לאַנד. אין דער גרופּע האָבן זיך געפונען דאָקטוירים, ציין דאָקטוירים, אינזשענירן־כעמי־קער, שאָפערס, מאָנטיאָרן, עלעקטראָטעכניקער, בלעכער, שטיין האקער, סטאָלערס, פישער און פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטער. און איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער ערשטער גרופּע.

אין כּאַרבין האָט זיך בלויז געפונען אַ טייל פון דער גרופּע. די אַלע איבעריקע זענען געווען צעוואָרפן איבערן ווייטן מזרח. ווער אין נאָוואָ ני־קאָלאַיעווסק, ווער אין וולאַדיוואָסטאָק, אין טיען־טזין, שאַנכאַי, אָדער אויף די סטאַנציעס שטעטלעך פון דער לאַנגער כינעזיש־רוסישער אייזנבאַן. מיר אַלע האָבן זיך געדאַרפט צו אַ באַשטימטער צייט טרעפן אין שאַנכאַי, דאָרט קריגן די ענגלישע וויזעס, וועגן וועלכע כּאַרבין האָט שוין פון אַ צייט פריער טעלעגראַפירט קיין לאָנדאָן. נישט אַלע האָבן געהאַט די נויטי־קע קאַפּיטאַלן פאַר דער רייזע. אויב אימיצן האָט געפעלט אויף די נויטיקע הוצאות פון כינע קיין ארץ ישראל האָט געדעקט דער פאַראייניקטער קאָ־מיטעט פון די ווייטמזרחדיקע קהלות. דער גרעסטער טייל האָט געהאַט אויף הוצאות און ער האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען געלט. איך בין דאַן אויך געווען אומשטאַנד צו דעקן מיינע הוצאות פאַר מיר, רבקהן און מיין דריי יאָריק טעכטערל טייבעלען.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע. נו, איז דאָס געווען אַ צוגרייטונג: ס'איז געווען אַ יום טוב, שוין גאָר אַ גרויסער יום טוב. און מיר האָבן זיך אַלע געפילט ווי יום־טובדיקע. גאָר אַ קלייניקייט: מיר פאָרן קיין ארץ ישראל. עס ווערט פאַרווירקלעכט מיין העכסטע פאַנטאַזיע פון מיינע קינדער יאָרן און פון מיין גאַנץ לעבן. און טאַקע אַלע קוקן אונדז ווי אויף גליקלעכע, ווי אויף אויסדערוויילטע. מיט פרייד ליקווידיר איך מיין באַלעבאַטישקייט, שענק אַוועק צום אָנדענק מיינע פריינד און באַקאַנטע מתנות, קויף זיך איין פאַר מיר און מיין קליינע משפחה דאָס נויטיקסטע פאַר דער רייזע. און אַ מאָדנע זאַך — ערשט איצט האָב איך דערפילט מיט וויפל אײדעלע פעדים איך בין געווען פאַרבונדן מיט כּאַרבין. עס ווילט זיך מיר נישט איבערלאָזן מיינע חברים, מיט וועלכע איך האָב פיר יאָר געאַרבעט. מיר איז שווער צו פאַרלאָזן די יידישע דראַמאַטישע, מו־זיקאַלישע און ליטעראַרישע געזעלשאַפט אין וועלכער איך האָב אַריינגע־לייגט אַזוי פיל אַרבעט. מיר איז שווער צו זעגענען זיך מיט די פּליכטלינ־גע, וועלכע אַך האָב געדינט מיט אַזוי פיל האַרץ און ליבע. נאָך שווערער איז מיר געווען צו זעגענען זיך מיטן קהלה ראַט, וואָס איז מיר געוואָרן אַזוי נאָענט און ליב. איך פיל אַז דאָס זעלבע קומט פאָר אין רבקהן, עפּעס אַלע

זענען איר געוואָרן מיט אַ מאָל אַזוי טייער און ליב און אָפט וויינט זי, כאָטש זי, ווי איך, וויל שטארק פאָרן קיין ארץ ישראל. זי האָט דאָך דאָ אָנגעהויבן שרייבן אירע קינדער לידער. דאָ האָט זי דאָך געהאט דעם גרעסטן פאַרגעניגן אין איר לעבן, ווען די ברעקלעך קינדער האָבן דעקלאַמירט אירע לידער, געשפּילט אירע קינדער דראמעלעך, דאָ האָט מען אָנגעהויבן איבערזעצן אירע לידער אין רוסיש, דאָ האָט זי געבוירן איר טייבעלען און דאָ האָבן אירע אַלע באקאנטע און פריינד איר אַזוי הארציק ליב געהאט און אַזוי שטארק איר רעספּעקטירט. און אפשר האָט זי זיך געשראָקן פאַר אַזאַ רייזע — אַ רייזע פון קארגע צוויי חדשים איבער די ימים און אינדישן אָקעאַן און דורכפאָרן אַ האַלבע וועלט.

און אונדזער טייבעלע, וואָס איז אויסעגעוויינלעך קלוג, שיין און איבּעליגענט הערט זיך גוט צו צו די מעשיות, וואָס איר מאַמע דערציילט איר וועגן ארץ ישראל, און די קליינינקע איז גליקלעך, וואָס זי פאָרט מיט אונדז אין צויבער לאַנד. דערווייל אַרבעט מען אויס פאַר אונדז די אויסלענדישע פּאַספּאָרטן.

און אָט איז שוין אַלץ פאַרטיק און מיר זענען גרייט צו דער רייזע און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געזעגענונגס אָוונטן, באנקעטן, און אָוונטן אין פּריוואט הייזער מיט וועמענס באַלעבאָטים איך בין געווען שטארק באַפריינדעט.

און גראדע אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן צו בושעווען אויפן וויטן מזרח די אַזיאַטישע שרעקלעכע קרענק — די טשומא. יעדן טאָג האָט מען אין די כארבינער גאסן און אויף די וועגן געפונען אַ סך טויטע — קרבנות פון טשומא. אָפט האָב איך אַליין געזען ווי כינעזער פאַלן אין מיטן גאַס אין שרעקלעכע אגאָניעס. איך האָב געזען ווי פון אַ קליינער שווארצער פּינטל אויפן לייב פאַרשפּרייט זיך די שווארצקייט מער און מער און ווי אין פארלויף פון אַ קורצער צייט ווערט דער קרבן אין גאנצן שווארץ און — ער איז שוין טויט. זעלטן זעלטן האָט מען וועמען אָפּגעראַטעוועט. עס זענען געווען אויך קרבנות ביי די ווייסע, אָבער דאָס איז געווען א זעלטנהייט. אָבער אַלע זענען געווען אָנגעשראָקן. מען האָט מורא געהאט גיין אין גאַס, קומען אין באַרירונג מיט די כינעזער, מען האָט מורא געהאט פאַר די נאָענטע: אפשר זענען זיי שוין אָנגעשטעקט מיט די געפערלעכע באצילן. אַז דו גיסט אַ קוק אין פענצטער, קענסטו זען די אמבולאנסן, וואָס לויפן גיך און קלייבן צענויף די געפאלענע אויף די גאַסן. און די קראנקן שוועסטער מיט די דאָקטוירים זענען אָנגעטאָן אין ווייסן און זייערע פּנימער זענען צוגעדעקט.

איך מוז דאָ דערמאָנען דעם דר׳ סיניצין, וואָס האָט זיך אריינגעוואָרפן

אין קאַמף קעגן דער קרענק און אויף אַרויסראַטעווען וואָס מער קרבנות פון דער שוידערלעכער מגפה. ער האָט געאַרבעט כמעט אָן אָפּרו טאָג און נאַכט און דער סוף איז געווען, וואָס די קרענק האָט אים באזיגט. ער איז אין גיכן אַליין געשטאָרבן פון דער קרענק.

און כאָטש מען האָט אונדז שטארק אָפּגעהאלטן פון פאָרן אין אַזאַ צייט אין די וואַגאָנען און אין שיף, פשוט מען שטעלט איין דאָס לעבן. דאָך האָבן מיר נישט געהאט קיין געדולד לענגער צו זיצן אין כאַרבין. יעדער טאָג האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. אויסער דעם האָבן מיר שוין אַלץ ליקווידירט, אַפּילו אויפגעגעבן אונדזער דירה, אַלע פאָרמאַליטעטן דורכגעגאנגען, דער אויסלענדישער פאַס מיט די נויטיקע וויזעס האָבן מיר שוין געהאט, אונדז האָט בלויז געפעלט די ענגלישע וויזע אויף אריינצוקומען אין ארץ ישראל און די וויזע האָבן מיר געדארפט באַקומען אין שאנכאַי. האָבן מיר טקע נישט געוואָלט ווארטן ביז די טשומא עפּידעמיע וועט אדורכגיין און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף אונדזער ווייטסטער רייזע פון כאַרבין קיין ארץ ישראל. און אויפן וואקזאל זענען אָנגעקומען אונדז וויב־טשן אַ גליקלעכע רייזע יידן אין די הונדערטער. פון וואנען האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז מיר פאָרן און מיט וועלכן צוג?! עס זענען געקומען פריינד, חברים, מיטארבעטער, גוטע באקאנטע און אפילו אומבאקאנטע. אזא הארציקע געזעגענונג האָב איך דורכגעלעבט דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן. איך בין געווען אַזוי גערירט, אַז איך האָב געפילט, אַז דאָס הארץ רייסט זיך ארויס און טרערן זענען געשטאנען אין מיינע אויגן, און ווען מיין צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן האָב איך דערהערט די מעכטיקע קלאנגען פון „עוד לא אבדה תקותנו“. און מאָדנע קלינגט דער יידישער הימן אויפן וואקזאל פון מאנדזשוריע...

קאַפּיטל 19

פון כאַרבין ביז ציַנדאַאָ

גערעכנט האָב איך פאָרן מיטן באַן מיטן דריטן קלאַס און מיט דער שיף פערטן קלאַס, נאָר נעמענדיק אין אַכט די עפּידעמיע האָב איך געמוזט נעמען באַן בילעטן — ערשטן קלאַס און מיט דער שיף פאָרן אַלס פּאַסאַזשיר פון צווייטן קלאַס. אונדזער מאַרשרוט איז געווען דורכפאָרן גאַנץ מאַנדזשוריע ביז דאַירען מיט דער באַן און פון דאָרטן ביז שאַנכאַי מיט אַ שיף איבערן געלן ים. נו, האָבן מיר ביז ציַנדאַאָ געהאַט א רייזע פול מיט טויט שרעק. ערשטנס האָט מען פון מיין וואגאָן אראָפּגענומען א פּאָר כינעזער, ביי וועלכע עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים אַז זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער פּעסט און די גאנצע וועג האָבן אונדז נישט געלאָזט צו רו די פאַרשיידענע דאָקטוירים, סאַניטאַרן, באַרמהאַרציקע שוועסטער, וועלכע פלעגן ארויפקומען אין מאסן אויף יעדער גרעסערער סטאַנציע. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טשאַן טשון אויף גאָר אַ לאַנגער צייט. ערשטנס איז דאָ געווען א קאַראַנטין און די דאָקטוירים האָבן אונדז צוויי מאָל אונטערזוכט און גאָר אַ סך כינעזער האָט מען אויף טראָגבעטלעך אַוועקגעפירט אין די שפּיטאָלן. דער אָנקוק אויף דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל האָט אויף אונדז א מוראדיקע שרעק אָנגעוואָרפן. מיר פאָרן איבער דער לענג פון מאַנדזשוריע, וואָס איז באַזייט מיט די קליינע בערגלעך — די טרויעריק באַזונגענע דורך די רוסן — די סאָפּקעס. אומעטום זעסטו אנדערע בערגלעך מיט צלמים פון אויבן. דאָס זענען די ברידער קברים פון די הונדערטער טויזנטער רוסישע סאָלדאטן, וואָס זענען דאָ געפאַלן אין דער רוסיש יאפּאנישער מלחמה אין 1904. דאָ איז פאָרגעקומען די גרעסטע קאטאסטראָפע פון דער צאַרישער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. דאָ זענען אריינגעלייגט מיליארדן רוסישע רובלס אויף בויען די באנען, סטאנציעס, דערפער, שטעט און שטעטלעך און צום סוף האָט זי אין דער מלחמה מיט יאפּאן געליטן די גרעסטע פיאסקאָ און זי האָט געמוזט אויפגעבן די גאַנצע געגנט. די גאַנצע צאַרישע פּאָליטיק האָט דאַן באַנקראָטירט און אין א יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ דאַנק

דעם באַנקראָט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע אין 1905. און אָט פּאָר איך איבער די היסטאָרישע שטעט מוקדען, דאַירען און עס איז קײן סימן נישט פאַרבליבן פון דעם רוסישן אײנפלוס, אפילו נישט פון דעם, וואָס אמאָל האָט דאָ געטראָטן אַ רוסישע פוס. אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן, איבערגעפאַרבט און עס איז גאָרנישט פאַרבליבן פון דער רוסישער ציוויליזאַציע... אַפילו אויף מײן גאנצן וועג האָב איך קײן אײן רוס אין די געגנטן נישט געטראָפן. דערפאַר שאלטן און וואלטן דאָ די יאַפּאַנער. יאַפּאַן האָט געירשנט רוסלאנד און הערשט דאָ נאָך גרויזאַמער, נאָך בעסטיאלישער, ווי די צאַרישע רוסלאַנד. אין מײנע געשפּרעכן מיט די כינעזער, האָב איך באמערקט אַזוי פיל האַס און כעס אויף די יאַפּאַנער, אַז איך האָב נישט ווילנדיק א טראכט געטאָן וועגן דער קאטאסטראָפּע פון די יאַפּאַנער, ווען ס׳וועט קומען זײער יום הדין און זײ וועלן געמשפּט ווערן פון די כינעזער....

די יאַפּאַנער זענען געווען זײער אײדל צו אונדז, די ווײסע. אײניקע פון די יאפּאנישע פּאַסאַזשירן האָבן גערעדט אביסל ענגליש. זײ האלטן זיך אין אײן באַרימען. זײ, די יאַפּאַנער, זענען די אײדלסטע, שענסטע, בראווסטע און געלערנטסטע פאָלק אויף דער וועלט. אײראָפּע געפעלט זײ נישט: שלעכטע מענטשן מיט א פאַלשן שטאָלץ, האָבן באַרישע געוווינהײטן און טראַדיציעס. אמעריקע איז אין גאנצן פארדאָרבן. ענגלאַנד איז דעגענערירט און עס האלט מיט איר שלעכט. מיט דער צײט וועט זי ווערן גאָר א קלײן לאַנד. און מיט דער צײט וועט זיך אויף דער שפּיץ פון דער מענשהײט אַוועקשטעלן יאַפּאַן.

די באַן לויפט זײער שנעל. מיר שטעלן זיך אָפּ נאָר ויף די גרויסע סטאנציעס, וואָס זענען בײ די וויכטיקע פונקטן, שטעט — סאיפונגקאי, טשאנגט, טיעלינג און אָט דערנענטערן מיר זיך צו דער באַוווסטער שטאָט מוקדען, וועלכע איז מיר אַזוי באַקאַנט פון דער רוסיש־יאפּאנישער מלחמה. אין מוקדען זענען מיר געשטאַנען אײניקע שעה און איך האָב אויסגענוצט די צײט צו מאכן אַ שפּאַציר איבערן שטאָט. צום אַלעם ערשטן זענען מיר באַפאַלן כינעזישע בעטלער אויפן וואקזאל און אזוי ווײנענדיק געבעטן: „קאַפּיטאנא, קאַפּיטאנא, גיב אויף אַ ביסעלע רײז פאָר מײנע הונגעריקע קינדער", אַז מען האָט געדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אַ מערדער אום זײ נישט געבן קײן נדבות. דערזען אז מען גיט נדבות האָבן מיר מיט די זעלביקע ווערטער און זעלביקן געוויין באַפאַלן שוין גאָר אַ גרויסע צאָל בעטלער און איך האָב זיך קוים ארויסגעריסן פון זײערע הענט.

קײן באַזונדער אינטערעס שטעלט מוקדען מיט זיך נישט פאָר, כאָטש

אביסל מער איראָפּעיש, אביסל ריינער, דאָך א טיפּיש כינעזישע שטאָט, איינע פון וועלכע זענען מיר שוין אַזוי אין די ביינער אריין. איך בין אריין אין א רעסטאָראַן, געכאפּט א ביס און צוריק אַוועק צו מיין באַן. איך האָב באַמערקט, אַז עס זענען צוגעקומען אַ סך פּאַסאַזשירן. אַ סך פון מיינע נייע באקאנטע פעלן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט מיר אין וואגאָן פאָרן די רייכערע כינעזער, אויפן אויסזען זענען זיי פארמעגלעכע, גייען אָנגעטאָן אין די זיידענע, אויס־געניייטע כאַלאַטן, האָבן שיינע מאַניערן פון דעם כינעזישן „באָן טאָן", זע־נען זייער איידל, און מיט פארגעניגן באַדינען און העלפן אויס איינע די אנדערע. אָבער דאָרט ווו די קוליס פאָרן איז א שרעקלעכע שטיקעניש, נישטאָ אפילו ווו צו זיצן, אריינגעשטופּט אין וואגאָן אַזויפיל, וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אַלע זענען שמוציק, אָפּגעריסן אין טראנטעס, מען שרייט, מען גוואַלדעוועט, נישט אויסצוהאַלטן.

און אָט באמערק איך ווי א מוטער זיצנדיק אויף דער ערד שפּייזט אירע פיר קליינע קינדער, וועלכע זיצן אויך אויפן דיל. יעדעס קינד גראָ־דע אָנגעטאָן אָדער אין א לאנג העמדל אָדער אין אַ רעקל, וואָס פאַרשפּי־לעט זיך ביז אויבן. די קאָלנערלעך זענען אויפגעשטעלטע. די מוטער רעדט צו זיי עפּעס הארציקע ווערטער און די קינדער נעמען אָן מיט די שטע־קלעך די רייז פון א שיסל, לייגן אַריין זייער פּאָרציע רייז אין זייערע קליי־נע שיסלעך און עסן שטיל, געלאַסן. איך קוק אויף די קינדערלעך און באַ־וואונדער זיי — קליינינקע גרויסע מענטשן...

אונדזערע פלעצער זענען גאנץ באקוועמע. מיר זיצן די גאַנצע צייט ביים פענצטער און קוקן ארויס. א וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע אין דער ברייט און לענג, ריזיקע פעלדער מיט רייז, וועלכע וואַקסן אין וואַסער, און די כינעזער מיט זייערע פרויען און קינדער, אַפילו גאָר קליינע קינדער אַר־בעטן זייער פלייסיק ארום די רייז מיט איבער די קני אין וואַסער. און אַזעל־כע גרופּן אַרבעטער קענסטו זען אויף יעדער ברעקל פעלד. פאַרלאָזנדיק די קירינער געגנט הויבן זיך אָן געדיכטע וועלדער און משופּעדיקע בערג, וועלכע באַגלייטן אונדז דעם גאנצן וועג ביז דעם לאַאָטונגער האלבאינזל, ווו די וועלדער זענען נאָך געדיכטערע און די בערג נאָך העכערע.

און אָט זענען מיר שוין אין דאַירען. דאָ דאַרפן מיר איבערנעכטיקן און אויף מאָרגן דאַרפן מיר שוין נעמען די שיף, וועלכע וועט אונדז פירן ביז שאַנכאַי. איך פרעג זיך נאָך נאָך אַן איראָפּעישן האָטעל און אַ דאַי־ראָנער כינעזער פירט מיך צו צום האָטעל. מיר קומען אין האָטעל — ערשט די איראָפּעערין, די אייגנטימערין פון האָטעל איז א יידיש ווייבל, און נאָך

ווי יידיש? אזוי ווי נעכטן אָנגעקומען פון מינסק. אין דער אמתן וווינט זי דאָ, אין דאירען שוין אַ לאַנגע צייט, נאָך פון פאַר דער מלחמה און פאַרדינט דאָ זייער גוט פון איר „האָטעל", בעסער געזאָגט ארײנפאָר הויז און רעסטאָראַן, ווו די מערסטע ווייסע, וואָס לעבן אין דאירען, עסן. אויך האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַ פיר פינף יידן — אירע קוואַרטיראַנטן און עסער, מיט וועלכע מען האָט אונדז גלייך באקאנט און מיר האָבן אַלע צוזאַמען געגעסן אָוונט־ברויט, אַן אמת יידישע וועטשערע פון וואָס מיר האָבן גרויס הנאה געהאט. פאַרשטייט זיך אַז ביי אַזאַ טיש קען מען נישט שווייגן. מען האָט אונדז פאַרשאָטן מיט פראַגן און מיר האָבן געמוזט אויף אַלץ ענטפערן. און אָט איז געקומען צו רייד וועגן אטאמאן כעמיאַנאָוס באנדעס. און די באַלעבאָסטע, מאַדאַם סטאָקליצקי, האָט זי געהייסן, דערציילט אונדז:

מיט אַ צוויי דריי וואָכן צוריק איז צו איר פאַרפאָרן אַטאַמאַן סעמיאָנאָוס שאָפער — אַ טיפּישער אנטיסעמיטישער קאָזאַק. האָט אַ גאַנצן טאָג געגעסן, געטרונקען. אַז עס איז געקומען דער אָוונט האָט ער איר געמאַכט אַ שענדלעכן פאָרשלאַג און כאָטש קיינער איז דאַן אין הויז נישט געווען און איר מאַן איז אַוועק ערגעץ, האָט זי זיך אויף אַ האָר נישט דערשראָקן. זי האָט געכאַפּט אַן אייזן און מיט דעם אים דערלאַנגט אַ פּאָר מאָל, ביז ער איז אנידערגעפאַלן. „איך האָב דאַן אַן אים נקמה גענומען פאַר דאָס פאַרגאָסן יידיש בלוט". זי האָט אים דערנאָך אויפגעהויבן און ארויסגעוואָרפן פון שטוב. אָבער אַ כוליגאַן בלייבט אַ כוליגאַן. אין אַ שעה שפּעטער איז ער צוגעקומען צו איר הויז און מיט שטיינער אויסגעבראָכן אַ פּאָר שויבן. דאַן האָט זי גערופן די פּאָליציי, וועלכע האָט אים געבונדן און אים אַוועקגעפירט אין פּאָליציי צירקל. אויפן וועג אַהין האָט זי אים געגעבן גאַנץ פיינע קלעפּ, פון וועלכע ער וועט איר האָבן צו געדענקען. אויף מאָרגן האָט די פּאָליציי אים אַ קראַנקן ארויסגעשיקט אין פאָרט אַרטור, ווו סעמיאָנאָוו האָט זיך צו יענער צייט געפונען.

איך, מיט מיינע נייע באַקאַנטע זענען אַרויס שפּאַצירן איבערן שטאָט. גראַדע האָט דאירען (אויף רוסיש דאַלני) אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אַ גרויסע שטאָט, זייער שיין און ריין, איז מער אייראָפּעיש, ווי די אַנדערע שטעט, וואָס איך האָב געזען אין כינע. די גאַסן זענען מערסטנס גלייכע און נישט אַזעלכע שמאָלע. מיינע באַגלייטער האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז אין דאירען געפינען זיך אין גאַנצן אַ זעקס יידישע משפחות און אייניקע יידישע יונגע לייט. זיי פאַרנעמען זיך אַלע מיט עקספּאָרט און אימפּאָרט, פון וואָס זיי פאַרדינען נישט שלעכט.

איצט זענען די אַלע דאירענער יידן פאַרנומען מיט אַ גרויסער אונ־

צו וואָס דאַרף מען אַ בית עולם, און אויב יאָ א בית עולם איז צו וואָס דוקא א יידישן?

און גראָדע אין דאירען זענען צו אונדז געקומען געסט — צוויי יונגע יידישע בחורים פון דעם אינדזל סאַכאַלין. זיי האָבן זיך דאָרט באשעפטיקט מיט פיש פאנגעריי, זענען ציוניסטן און באַלאַנגען צו אונדזער פאַרטיע, וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל. יידישע יונגע לייט פון סאַכאַלין און דערצו ציוניסטן, איז פאר מיר געווען אן איבערראשונג. מיר האָבן זיך טערנעמונג: פועלן ביי דער יאַפּאַנישער רעגירונג מען זאָל זיי דערלויבן צו עפענען א יידישן בית עולם. אָבער די רעגירונג קען נישט פאַרשטיין זייער דערפרייט מיט זיי און זענען גלייך געוואָרן מיט זיי גוטע ברידער. און לאַנג, לאַנג נאָכדעם האָב איך זיי באַטראַכט, ווי פון אראָפּגעפאַלענע פון אן אַנדער פלאַנעט.

אונדז האָט גראָדע אָפּגעגליקט. די שיף „קאָבע מארו", וואָס קורסירט צווישן דאירען און שאַנכאַי, גייט אָפּ פון דאירען איין מאָל אין וואָך און מיר זענען געקומען גראָדע מיט א טאָג פריער איידער די שיף פאָרט אָפּ, און מיר האָבן געדארפט פאַרברענגען אין דאירען בלויז איין מעת־לעת.

און טאקע אויף מאָרגן האָבן מיר פאַרלאָזן דאַירען.

אונדזער שיף קורסירט צווישן קאָרייע און כינע איבערן געלן ים. מיר האָבן אויפן שיף אַ יאַפּאַנישן אָרקעסטער, וואָס שפּילט פאַר אונדז אין דער צייט פון די מאָלצייטן און אין די אָוונטן. איך בין נישט באַגייסטערט פון דער יאַפּאַנישער מוזיק און ס'איז מיר אַפילו נישט איינגענעם איר צו הערן. אין גייסט איז זי אַן אָריענטאַלישע, נאָר אין איר ווערט צונויפגעמישט טרויער מיט פרייד אין דער זעלביקער צייט. אויסער דעם האָב איך איר נישט פאַרשטאַנען און גאָרנישט געקענט פון איר אַרויסקריגן. זי האָט אויף מיר נישט געווירקט, קיין איינדרוק נישט איבערגעלאָזן. גענעסן האָבן מיר, די ווייסע, אויפן שיף, אייראָפּעישע מאכלים. די באַנעמונג צו אונדז איז געווען אן איידעלע און קאָרעקטע. אָבער דאָך טרוקן אָפיציעל.

דער ים איז געווען רואיק און די רייזע האָט אונדז אַסך פאַרגעניגן פאַרשאַפט. רבקה און דאָס קינד האָבן זיך געפילט זייער גוט.

די שטימונג צוליב דעם, וואָס דאָס איז דער אָנהויב פון אונדזער רייזע קיין ארץ ישראל איז געווען א געהויבענע. ספעציעל האָבן זיך געפונען אין אַ באַגייסטערטן צושטאנד מיינע צוויי סאכאלינער בחורים. זיי האָבן מיר אַ סך דערציילט פון זייער לעבן אויפן סאַכאַלינער אינדזל. מאָדנע, זיי זענען דורך און דורך רוסיפיצירט, אַזוי רוסיפיצירט, אַז ס'איז כמעט אוממעג־

לעך צו דערקענען זיי אַלס יידן און דאָך זענען זיי הייסע יידן, באוווסטזיני־
קע יידישע נאציאָנאליסטן. אָט זיי, האָב איך געטראַכט, זענען אַ גוטער עלע־
מענט פאַר דער חלוצים אַרבעט. יונג, שיין, געזונט, טרוימען פון שווערער
אַרבעט אין ארץ־ישראל, שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר די געפאַרן וואָס שטייען
פאָר און זענען גרייט אַוועקצוגעבן זייערע לעבנס פאַרן אידעאַל ווידער
אויפצובויען פאַרן יידישן פאָלק דאָס אַלט נייע ארץ ישראל. און אָט זענען
מיר שוין אָפּגעפאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט און מיר דערנענטערן זיך צו ציב־
דאַאָ, ווו אונדזער שיף שטעלט זיך אָפּ איבער נאַכט און ווו איך דאַרף צו־
גיין צו דבורה פריזער, דער דאָקטאָריך, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אונ־
דזער פאַרטיע.

קאַפּיטל 20

צינדאַאָ

צינדאַאָ איז איינע פון די שענסטע שטעט אויפן ווייטן מזרח. זי געפינט זיך אויפן געלן ים, האָט אַ גאַנץ באַקוועמען פּאָרט און צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס זי איז דורך און דורך אייראָפּעיש. זי האָט פריער באַלאַנגט צו דייטשלאנד און אירע באלעבאַטים האָבן איר פאַרוואנדלט אין אַ וואונדערבארן קוראָרט — אַ הייל פלאַץ פאַר דער ווייט מזרחדיקער בורזשואַזיע. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן איר פאַרכאַפּט די יאַפּאַנער, און כדי בעסער באַטראכטן די שטאָט, נעם איך נישט קיין ריקשע און גיי צופוס און וואָס מער איך גיי איבער די פאַראַדנע באַקוועמע גאַסן, אַלייען, פאַרקן, די וווּנדערשיינע ווילעס, די געוועזענע קלויסטערס, דייטשע מאָנומענטן, סטאַטועס, געוועזענע ביר האַלעס, רעסטאָראַנען, קאַפּעטעריעס, אַלץ מער וווּנדער איך זיך, ווי קונציק די יאַפּאַנער האָבן פאַרניכטעט אַלץ, וואָס האָט געטראָגן א דייטשן כאַראַקטער. אַלץ איז רעמאָנטירט געוואָרן אַזוי, אַז ס'איז קיין סימן נישט פאַרבליבן פון די דייטשע אויפשריפטן, צייכנונגען, פאָרמען, אויסקריצונגען און די יאַפּאַנער האָבן דאָס אַלץ פאַרביטן מיט יאַפּאַנישע מאַכערייקעס און שריפטן. דאָך איז די שטאָט אייראָפּעיש, די שטאָט האָט מיך אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן, צוליב וואָס איך בין אַהער געקומען און אַז איך מוז זיך דאָ געפינען בלויז אַ קורצע באַגרענעצטע צייט.

און אָט בין איך אַריין אין דער הויפט געשעפטס גאַס. איך באַטראַכט די מאגאזינען, די רעסטאָראַנען, די הייזער, די אַלע קראָמען און די פּראָדוקטן, וואָס פאַרקויפן זיך דאָרטן. און כאָטש איך האָב שוין פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אין יאַפּאַן און יאַפּאַנישע שטעט, דאָך האָט מיך די שטאָט פאַראינטערעסירט מער, ווי אַלע יאַפּאַנישע שטעט. עפּעס איז דאָ א מאָדנער געמיש פון אייראָפּע און אַזיע. כמעט אין אַלע אַזיאַטישע גרויסע שטעט זענען דאָ אייראָפּעישע קווארטאלן, אָבער די גאנצע שטאָט איז אַזיאַטיש. דאָ איז די גאנצע שטאָט אייראָפּעיש און דאָס לעבן איז אַזיאַטיש... אָט אַזוי ווי איך גיי איבער צינדאַאָ, פאַרטיפט אין מיינע געדאנקען, דערהער איך

פלוצלונג אַן אויסגעשריי פון איינעם, וואָס דערמאָנט מיין נאָמען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף און קוק זיך אַרום —. ערשט איך דערזע פריזערן, מיין פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער הילף ביי דער כאַרבינער קהלה. איך האָב נישט געוווּסט, אַז ער איז דאָ אין ציינדאַאָ. איך דערפריי זיך זייער מיט אים. ער דערציילט מיר, אַז ער איז נעכטן געקומען אין ציינדאַאָ, כדי זיך זעגענען מיט זיין טאָכטער דבורה'ן, וועלכע פאָרט מיט אונדז צוזאַמען אין ארץ ישראל. ער גיט מיר איבער, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט באַניית דאָס ארויסגעבן וויזעס פאַר די, וואָס פאָרן אין ארץ ישראל. דאָס איז געווען פאַר מיר די בעסטע בשׂורה, ווייל ארויספאָרנדיק פון כאַרבין, האָבן מיר נישט געוווּסט צי אונדז וועט זיך איינגעבן צו קריגן וויזעס פאַר אונדזער אריינפאָר אהין. דערווייל פירט ער מיר אַריין אין אייניקע גרויסע און רייכע געשעפטן און קויפט אָן פאַר מיר פאַרשידענע פּאַפּיראָסן, געקענטע שפּייז, וויינען, געריכערטע פישן און אַ סך אנדערע זאַכן, וואָס זענען אונדז דערנאָך שטאַרק צונוץ געקומען אויף אונדזער אויסערגעוויינלעך וויטער רייזע און איך בין אים די גאַנצע וועג געווען העכסט דאנקבאר פאַר זיין ווערטפולער מתנה. איינקויפנדיק די פאַרשידענע פּראָדוקטן דערציילט ער מיר, אַז ער האָט אַ ביטע צו מיר. אויף מיין פראַגע, וואָס פאַראַ ביטע? זאָגט ער מיר, אַז ער איז אַהער געקומען מיטן איינציקן צוועק איינרעדן זיין טאָכטער, זי זאָל נעמען ביי אים געלט און אויך זי זאָל איר רייזע איינאָרדענען בעסער, באַקוועמער. נאָר זי וויל פאַר קיין פאַל פון אים נישט נעמען קיין געלט. זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָנטזאָגט פון דעם. בעט ער מיך, איך זאָל ביי איר פועלן, אַז זי זאָל יאָ נעמען. ס'איז דאָך אוממעגלעך צו פאָרן פון כינע קיין ארץ ישראל, דורכפאָרנדיק דורך די הייסטע געגנטן פון דער וועלט אויפן דעק. ס'איז פשוט געפערלעך פאַרן לעבן; און אויסער דעם וועט זי דאָך דאַרפן געלט אַרויסשטייגנדיק אין די פאַרשידענע פּאָרטן און אויך אין ארץ ישראל פאַר דער ערשטער צייט. איך זאָג אים צו, אַז איך וועל פּרוּוון רעדן מיט איר וועגן דעם.

מיר נעמען ריקשעס פאַר אונדז און אַ ריקשע פאַר די איינגעקויפטע פּראָוויאַנטן און מיר פאָרן צו זיין ווילע.

איך טרעף דבורהן שטאַרק פאַרטאָן אין פּאַקן אירע זאַכן. זי האָט מיך שוין דערוואַרט, זי ווייסט שוין, אַז די שיף וועט שטיין אין ציינדאַאָ ביז מאָרגן ביין אין דער פרי. מיר באַשליסן, אַז זי זאָל די נאַכט שלאָפן אין דערהיים און מאָרגן אין דער פרי זאָל זי אַרויף אויפן שיף. איך גיי מיט איר אַריין אין אַ באַזונדער צימער און פאַרפיר מיט איר אַ געשפּרעך וועגן נע־

מען געלט בײם פֿאָטער. זי אַנטזאָגט זיך קאַטעגאָריש. זי וויל זיך נישט באַנוצן מיט זײַנע געלט. זעענדיק, אַז איך קען איר נישט אײַנרעדן, האָב איך באַשלאָסן אויסנוצן אַן אַנדער מיטל, כּדי זי זאָל יאָ נעמען אַ גרעסערע סומע. איך דערקלער איר די וויכטיקייט פֿון אַ ייִדישן אַרבעטער באַנק אין ארץ ישראל פֿון וואָס עס טרוימען די ייִדישע ציוניסטישע אַרבעטער שוין פֿון אַ לענגערער צײַט. אַזאַ באַנק קען אַרויסהעלפֿן אין די פֿראַגן פֿון אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פֿון די נײַע אַרבעטער עלעמענטן אין ארץ ישראל און די ראָל וואָס אַזאַ באַנק וועט שפּילן אין דעם פּראָצעס פֿון ווידעראויפֿבויונג פֿון אונדזער אַלט נײַ לאַנד. אָבער מײַן גאַנצע רעדע איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפֿענע: זי האָט מיר קורץ און שאַרף געענטפֿערט.

— איר, חבר מישקאָווסקי אויך? איך וואָלט קײנמאָל נישט דערלויבט אַזאַ אַזאַ הייליקע אינסטיטוציע, ווי אַן ייִדישער אַרבעטער באַנק, זאָל געבויט ווערן דורך אַזעלכע טריפֿהנע געלט. ווייסט איר פֿון וואַנען מײַן טאַטע האָט געמאַכט זײַנע מיליאָנען? דורך עקספּלואַטירן אויפֿן שענדלעכסטן אופֿן די אומגליקלעכסטע פֿון דער וועלט — די רוסישע אַרעסטאַנטן-קאַטאָרזשניקעס. זיי פֿלעגן שווער און ביטער אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אין די מינעס פֿון ווײַטן סיביר, אין באַרגווין און ער האָט זיי שווידערלעך עקספּלואַטירט. ווילט איר מיט פֿאַרבלוטיקטע געלט בויען אַן אינסטיטוציע פֿאַר באַנייאונג און אויפֿלעבונג פֿון אונדזערע ברייטע פֿאָלקסמאַסן?! נײַן! איך וועל דאָס קײנמאָל נישט טאָן. איך בין אַ פּיאָנערין און וויל פֿאָרן אַזוי ווי די גאַנצע פּאַרטיע וועט פֿאָרן. און זי האָט טאַקע בײַ איר פֿאָטער נישט גענומען קײן גראָשן געלט. זי האָט דאָקטאָרין אויפֿן פּראָנט אָפּגעשפּאָרט זעקס הונדערט זילבערנע רובלס און מיט דעם האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן אויף דער ווײַטער רײַזע כּמעט אַ באָרוויסע, אין אַ ציצן קלײדל מיט איר נײַ מאַשין, וואָס זי האָט געקויפֿט פֿאַר איר אייגענע געלט. ווען זי איז נאָך געווען אַ סטודענטין און האָט פֿאַרדינט פֿון געבן לעקציעס אין רוסישע הײַזער. ביז אין אָוונט האָב איך בײַ איר פֿאַרבראַכט. און אַז עס איז שוין געוואָרן גוט טונקל האָב איך די הויז פֿון אירע עלטערן פֿאַרלאָזן. צוגעפּירט צו אַ ריקשע האָט מיך איר פֿאָטער. און ווען איך בין אַרויף אויף דער שיף, האָב איך די מערסטע פֿון די פּאַסאַזשירן געטראָפֿן טיף פֿאַרזונקען אין זייער שלאָף.

און טאַקע אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז געקומען דבורה אין באַגלייטונג פֿון איר משפּחה און האָט פֿאַרנומען איר אָרט צווישן אונדז און אין אַ שעה שפּעטער האָט זיך די שיף אַ ריר געטאָן, כּדי צו ברענגען אונדז צו די ברעגן פֿון שאַנכײַ.

ווען איך בין געקומען צו זיך פון מײַנע פרישע אײַנדרוקן אין צינדאַאָ און גענומען באַטראַכטן מײַנע מיטרײזנדע, האָב איך באַמערקט, אַז אין אונדזער קלאַס פון שיף האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט. עס זענען מיט אַ קליינעם אויסנאַם געבליבן די זעלביקע פּאַסאַזשירן און כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זענען געווען פון דער געלער ראַסע: כינעזער, יאַפּאַנער, קאָרייען, פאָרמאָזער. פון דער ווייסער ראַסע זענען דאָ בלויז אונדזער גרופּע חלוצים און אַ פּאָר סיבירער קריסטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אָפּיום שמוגלעריי. — קאָנטראַבאַנדיסטן. ס'איז זייער אַ ריזיקאַלע אַרבעט אַרײַנפירן אָפּיום אין כינע. דערפאַר קומט אַ שווערע שטראָף און ביים אויסזוכן און געפינען די קאָנטראַבאַנדיסטן זענען שטאַרק באַשעפטיקט די פּאָליציי און געהיים פּאָליציי. די סחורה ווערט קיינמאָל נישט געפירט ביי זיך. די קאָנטראַבאַנדיסטן זוכן שוין אויס אין שיף אַזעלכע לעכער, שפּאַלטן, באַהאַלטענע פּלעצער אין שיף, וווּ זיי באַגראָבן דאָס פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי געפינען זיך אויף דער שיף. אַזוי אַרום, ווען די פּאָליציי געפינט שוין יאָ דעם געפערלעכן אַרטיקל, קען זי קיינמאָל נישט אויסגעפינען ווער איז דער באַלעבאָס פון דעם אָפּיום. מען מוז צוגעבן, אַז די יאַפּאַנער באַאַמטע זענען זייער געשיקט אין אויסזוכן דעם פאַרבאָטענעם אַרטיקל. זיי זוכן אין אַלע שפּאַלטן, אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, זיי דערשמעקן פּשוט די אַלע קאָנספּיראַטיווע פּלעצער, וווּ דער אָפּיום איז באַהאַלטן און רעקווירירן אים. דער אָפּיום שמוגלער מוז זיין אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך, כדי צושטעלן דעם אָפּיום צום באַשטימטן פּלאַץ, ווייל אומעטום אי אין שיף און אי אויף דער יבשה לויערן אויף אים אויף יעדן טראָט די רעגירונגס אָנגעשטעלטע. ווען איך בין געווען אין קאָבע צום ערשטן מאָל, האָט מיר מײַנער אַ פריינט באַקאַנט מיט אַ גרופּע רוסן, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט דעם. גראַדע אַן אינטעליגענטע און סימפּאַטישע חברה. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי מיר דערציילט מעשיות פון זייערע טרויעריקע דערפאַרונגען און איך האָב באַוווּנדערט זייער אינטעליגענץ און קלוגשאַפט. און גראַדע דאָ אויפן שיף איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצער צימער פאַר די אָפּיום־רייכערער. דאָס מעג מען. דער לעמפּל מיט זיינע געדערים אַרבעטן אָן אַן אויפהער אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט און ווער עס באַצאָלט נאָר צען סען קען זיך אַוועקלייגן אויפן דיל און נעמען אַ רער אין מויל אַריין און רויכערן ביז וואַנען ער שלאָפט איין און דאַן פאַלט שוין די רער אַליין ארויס פון זיין מויל און גלייך פאַרנעמט שוין זיין אָרט אַן אנדער אָפּיום רויכערער.

אונדז, די אייראָפּעער איז גוט. מיר האָבן אַ ספּעציעלן צימער פאַרן

עסן און א ספּעציעלן קוכער פאַר אונדזערע אייראָפּעישע עסנס. און לאָמיר אייך זאָגן: ער גרייט אונדז צו די טייערסטע טשאַפּסן און די וווּנדערבאַרס־טע סטייקס, די שמעקעדיקע און געשמאַקע סופּן, אַ סך גרינסן, געשמאַקע געריבענע קאַרטאָפל און וואָס נישט. אויך אין צווישן די מאָלצייטן גיט מען אונדז טיי, אָדער מילך מיט עפּעס צוביסן.

אָפּט קום איך זען ווי די געלע עסן מיט זייערע שטעקלעך און באַוווּנ־דער, ווי זיי נעמען אָן מיט די שטעקלעך אַפילו די קלענסטע גריפּן פון זיי־ער קאַשע. פיר יאָר האָב איך פאַרבראַכט צווישן די שטעקלעך עסער און האָב זיך נישט אויסגעלערנט עסן מיט די שטעקלעך — נישט איך קען מיט זיי אָננעמען מיין שפּייז, נישט איך קען זיי מיטן שפּייז צוטראָגן צום מויל. עס פאַלט ביי מיר אַלץ אַרויס, אָדער די שטעקלעך צעדרייען זיך און ווידער ווערט אַלץ אַרויסגעפאַלן. און די כינעזער לאַכן פון מיין אומגעלומ־פּערטקייט.

"די יאַפּאַנער קוקן אויף די כינעזער און קאָרייער פון אויבן אַראָפּ, האַלטן זיך פאַר העכערע פון זיי. די קאָרייער, פאַרמאָזער און כינעזער האָסן די יאַפּאַנער און דערציילן אָן א סוף מעשיות פון זייער גרויזאַמקייט, פון זייער בלוטדורשטיקייט און מאָלן זיי ווי קאַלטבלוטיקע מערדער.

די שיף איז אַ יאַפּאַנישע, די אַלע אָנגעשטעלטע זענען יאַפּאַנער און זיי אַלע זענען אַזעלכע „איידעלע", „שמייכלענדיקע", דערפילן גלייך אונ־דזערע אַלע פאַרלאַנגען, רעדן אַזוי איידל, פיין. זענען אַלע מאָל אונדז גרייט צו דינען. ווי אַזוי שטימט די איידלקייט, פיינקייט מיט מערדעריי, סאַדיזם, בלוטפאַרגיסעריי און זיין אינקוויזיטאָרן? און דאָך שטימט עס. די יאַפּאַ־נער זענען דאָס מיאוסטע פאָלק אויפן ווייטן מזרח — אמתע קאַניבאַלן, נאָר מיט אַן אויסערלעכער איידלקייט און כלומרשטער ציוויליזאַציע. זיי זענען אין דעם זייער ענלעך צו די דייטשן, וועמען זיי מאַכן נאָך ווי מאָל־פּעס...

מיט די כינעזער און קאָרייער האָב איך ליב צו פאַרברענגען. פאַר די פיר יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט צווישן זיי האָב איך זיי שטאַרק ליב געקראָגן. איך גלויב זיי, איך האָב צו זיי דעם פולסטן צוטרוי און ביז פאַרבליבן זייער בעסטער פריינד אויף מיין גאַנצן לעבן. איך האָב פאַר דער צייט אין זיי דערזען מענטשן פון העכערן גראַד אפילו פון אונדזערע אייראָפּעער.

די קאָרייער יונגע לייט, מיט וועלכע איך האָב זיך באַפריינדעט, זענען אינטעליגענטע, צוויי פון זיי האָבן באַזוכט אַ רוסישן אוניווערזיטעט אין וולאַדיוואָסטאָק און כאָטש זיי רעדן שלעכט רוסיש קען מען זיך מיט זיי

אין דער שפראַך צוזאַמענרעדן. אנדערע רעדן אַביסל ענגליש און איינער איז אַפילו געווען גוט באַקאַנט מיט דער דייטשער ליטעראַטור. זיי דערציילן מיר, ווי זייערע הערשער, די יאַפּאַנער עקספּלואַטירן זייער לאנד, וועגן זייער קאַמף קעגן זייערע אומגעבעטענע באַלעבאַטים, וועגן זייערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אויפן ווייטן מזרח, און וואונדערבאַר; בלויז צווישן די קאָרייער סטודענטן און רעוואָלוציאָנערן האָב איך אויפן ווייטן און נאָענטן מזרח צום ערשטן מאָל דערזען די גלייכבארעכטיקונג פון די געשלעכטער. די מיידלעך באַזוכן די אוניווערזיטעטן צוגלייך מיט די יונגע לייט, אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און קאַמף קעגן די אַריינדרינגער נעמען די מיידלעך אַזאַ אָנטייל און שפּילן אַזאַ ראָל ווי די מענער. דער מזרחדיקער קוק אויף פרויען האָט דאָ קיין שליטה נישט...

קאַרגע צוויי טעג זענען מיר געפאָרן פון צינדאַאָ מיטן שיף קיין שאַנכאַי. מיר זענען דורכגעפאָרן דעם גאַנצן געלן ים און אָט דערנענטערן מיר זיך צו די ברעגן פון שאַנכאַי, וו מירן דארפן פארברענגען א לענגערע צייט ביז אונדזער אוועקפאָרן קיין ארץ ישראל...

גוד באַי „קאַבע מאַרו", און אַ דאנק דיר פאַר ארויספירן אונדז פון די יאַפּאַן־קאָנטראָלירטע לענדער. מירן זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען. מיר דארפן איצט אַ גרעסערע, אַ שטאַרקערע שיף, וועלכע זאָל אונדז איבערפירן איבער דעם אינדישן אָקעאַן, אַ רייזע פון אַ זיבן וואָכן צייט.

גוד באַי, יאַפּאַן, אָן ליבע איז געווען אונדזער באַגעגעניש און אָן הארץ וויטיק שיידן מיר זיך. וואָס מער איך האָב דיך דערקענט אַלץ מער האָב איך דיך פיינט געקראָגן און אַלץ מער האָב איך ליב געקראָגן דיינע ערגסטע שונאים — די כינעזער, קאָרייער, פאָרמאָזער, מאנדזשוריער. איך פאַרהאָף, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען די אַלע דורך דיר אונטערגעיאָכטע, אונטערדריקטע, דערנידעריקטע און באַליידיקטע פעלקער וועלן צערייסן די קייטן וועלכע דו האָסט אויף זיי אָנגעטאָן און וועלן זיך אין גאנצן באַפרייען פון דעם אויבער פאָלק — די יאַפּאַנער. אויך בין איך אלס ייד אויף דיר שטאַרק אין כעס, וואָס דו האָסט פארווערט יידיש רעדן אין דער כאַרבינער קהלה... מער וועלן מיר זיך נישט זען.

קאַפּיטל 21

די ערשטע טעג אין שאַנכאַי

מיר האָבן נאָך פון דער ווייטנס דערזען א סך מענטשן, וואָס האָבן אויפן ברעג געוואַרט אויפן אָנקומען פון אונדזער שיף. נאָר אונדז איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דאָס זענען די מערסטע געקומען אונדז באַגעגענען. פון דער רוסישער און ענגלישער פרעסע האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז די ערשטע ווייט מזרחדיקע פּאַרטיע פון חלוצים קומט היינט אָן אין שאַנכאַי, עס זענען אויסגערעכנט געוואָרן די אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיע מיט זייערע נעמען און זיי זענען געקומען אונדז אָפּגעבן דעם ערשטן ברוך הבא. עס זענען געקומען פאָרשטייער פון די פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון שאַנכאַי אונדז באַגריסן צו אונדזער אָנקומען ס'זענען אויך געקומען פערזענלעכע פריינט און באַקאַנטע. אַ גרויס פרייד איז פאַר מיר געווען, ווען עס זענען מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס צו מיר צוגעלאָפן מנשה בודקין פון דער פישזאָן טרופּע, וואָס האָט דאַן גאַסטראָלירט אין שאַנכאַי. גורין, דער אַרויסגעבער פון דער רוסישער צייטונג אין שאַנכאַי, מושקין, דער פאָרשטייער פון דער רוסישער טעלעגראַפן אַגענטור, וועלכן איך האָב נאָך גוט געקענט פון סאַן פראַנציסקאָ. עס האָבן זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט די פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „קדימה", אויך א צען חלוצים, וואָס זענען געקומען פון וולאַדיוואָסטאָק, ניקאָלסק־אוסורייסק, וועלכע האָבן אויף אונדז געוואַרט, צו פאָרן צוזאַמען מיט אונדז.

די „קדימה" האָט שוין פאַר אונדז באַשטעלט צימערן, א רעסטאָראַן, וווּ מיר זאָלן עסן און די פּרייזן זענען געווען שפּאָט ביליקע: פאַר מיר, מיין פרוי און קינד דריי דאָלער אַ טאָג פאַרן צימער און עסן. און די צימערן זענען געווען העכסט באַקוועמע און דאָס עסן איז געווען אויסערגעוויינלעך געשמאַק, גוט און נאַרהאַפט. אויסער די דריי מאָלצייטן האָבן מיר געקראָגן עפּעס איבערבייסן אַ זייגער 11 פאַר מיטאָג און אַ זייגער 4 נאָך מיטאָג. און אַז מען רעכנט אַז דער אָרטיקער דאָלער איז לויטן קורס ווערט אַן אמעריקאַנער האַלבן דאָלער, מאַכט אונדז אויס דער צימער־

מיטן גרויסן באלקאָן מיט פינף מאָל עסן פאַר דרייען פאַר אנדערהאלבן אַמעריקאַנער דאָלער אַ טאָג. אויסער דעם פילן מיר זיך אין שאַנכאַי ווי אויסטערלישע מענטשן. מען קומט זיך באַקאַנען מיט אונדז. אומעטום לאדט מען אונדז איין, מען ברענגט אונדז מתנות, מען שענקט אונדז ווערטפולע זאכן צום אָנדענק, מען אָרגאַניזירט פאַר אונדז אָוונטן מיט פּאַרוויילונגען, מען פלאַנעוועט פאַר אונדז אַן אָוונט, אויף וועלכן אונדזערע פאַרשטייער זאָלן אַרויסטרעטן. דער אַלטער פישזאָן — דער מיטגרינדער פון יידישן טעאַטער גיט פאַר אונדז אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג און צו דער זעלביקער צייט אַ געזעגענונגס אָוונט.

אים, פישזאָנען, קען איך זייער גוט פון כאַרבין. ער קומט אָפט צו מיר צו גאסט און מיר פאַרברענגען אין לאַנגע געשפּרעכן. ער דערציילט מיר אַ סך טשיקאַווע מעשיות וועגן די ערשטע יאָרן ווען ער האָט דער ערשטער געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם ערשטן טעאַטער ביי יידן. (ער וויל נישט אַנדערש, אז נישט גאָלדפאַדען, נאָר ער איז געווען דער טאַטע פון יידישן טעאַטער). ער האָט אַפילו נישט לאַנג צוריק אָוועקגעשיקט אַב. קאַהאַנען פאַרן „פאָרווערטס" אַ גרויסן מאַנוסקריפּט אין וועלכן ער ברענגט אַ סך באַווייזן און פאַקטן, אַז ער און נישט גאָלדפאַדען איז דער פאָטער פון יידישן טעאַטער. איך דערצייל אים וועגן צושטאַנד פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. ער פרעגט זיך נאָך וועגן פאַרשידענע יידישע אַרטיסטן, וועגן וועלכע, צום באַדויערן, איך האָב אים נישט געקענט געבן קיין צופרידנשטעלנדע אינפאָרמאַציעס, ווייל איך האָב זיי גאָרנישט, אָדער ווייניק געקענט.

צווישן אנדערש האָט ער מיר איינמאָל דערציילט, ווי שווער אים איז אָנגעקומען צו גרינדן דאָ, אין שאַנכאַי דעם יידישן טעאַטער. געקומען איז ער אַהער ווייל שאַנכאַי איז אַ סך נעענטער צו אַמעריקע, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט אים טאַקע געלינגען צו קריגן אמעריקאַנער וויזעס פאַר אים, זיין פרוי און די גאַנצע טרופּע. ער האָט געשריבן אַן אַ צאָל בריוו צו זיינע פריינט, אמאָליקע מיטארבעטער, אין די יידישע רעדאַקציעס פון אַמעריקע, אָבער ער האָט פון זיי קיין הילף נישט געקראָגן, אפילו קיין וויזעס נישט, כאָטש דער אמעריקאַנער קאָנסול האָט אים פאַרזיכערט, אַז וואָס וואָס, אָבער וויזעס וועט ער קריגן און דער קאָנסול האָט אפילו אוועקגעשיקט אין וואשינגטאָן אַ לאַנגע טעלעגראַמע, אָבער דאָס איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. האָט ער באַשלאָסן ביז וואַנען וואָס ווען, וועט ער מיט זיין טרופּע דאָ שפּילן יידיש טעאַטער. זיין עולם איז געווען אויף צרות. עס איז אַפילו נישט געווען וואָס צו קייען. און דאָ דאַרף מען דינ־

גען אַ טעאַטער, צופּאַסן אים פּאַר יידישע פאָרשטעלונגען. גראָד אין דעם האָט אים שטארק ארויסגעהאָלפן די „יאָנג מען קריסטשען אסאָסיאיישאָן", וועלכע האָבן אים פארדונגען זייער טעאַטער. אלץ שוין אראנזשירט. מען דארף בלויז דרוקן אפישן און די אפישן, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, זאָלן זיין נאָר אין יידיש. און קיין יידישע דרוקעריי איז נישטאָ, אויך איז נישטאָ קיין יידישער שריפט אין שאַנכאַי. וואָס טוט מען דאָ? זיין עולם האָט פאַר־געשלאָגן דרוקן ענגלישע אפישן. דאָס האָט ער ביי זיך פאַר קיין פאַל נישט געקענט פועלן. געטראַכט, געטראַכט און דערטראַכט זיך: ער וועט קויפן הילצערנע קוביקעס און אויף זיי אויסקריצן דעם יידישן טעקסט, וואָס ער דארף פאַר די אפישן. זיין גאנץ לעבן האָט ער אזוי שווער נישט געאַרבעט ווי אויף די יידישע אַפישן אין שאַנכאַי און ער האָט זיינס אויסגעפירט. גע־בראכט זיין זאַץ אין א כינעזישע דרוקעריי, אַליין זיי געהאָלפן אין דער גאַנצער אַרבעט פון אָפּדרוקן די אפישן און שאַנכאַי האָט צום ערשטן מאָל דערזען אויסגעקלעפּטע יידישע אפישן, וועלכע האָבן איינגעלאַדן „דאָס ווערטע פובליקום", קומען אין שאַנכאַיער יידישן טעאַטער, וואָס געפינט זיך אין דער געביידע פון „יאָנג מען קריסטשען אסאָסיאיישאָן".

ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זיין זון מישען, וועלכן ער האָט איבער־געלאָזן אין רוסלאנד מיט פיר פינף יאָר צוריק און צוליב דער מלחמה האָט ער פון אים שוין יאָרן לאנג נישט געהערט. מיט א צעריסענער האַרץ און מיט טרערן אין די אויגן פלעגט ער פון אים רעדן און דערציילן. ער האָט געבויט טויזנטער פּלענער, ווי אַזוי פארבינדן זיך מיטן זון, האָט פאַר די פּלענער אָן אויפהער געאַרבעט, אָבער זיי האָבן צו די געווינטשטע רעזול־טאַטן אים נישט געבראַכט.

אין אן אכט חדשים שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז גע־שטאָרבן אין שאַנכאַי מיטן נאָמען „מישאָ" אויף זיינע ליפּן.

יעדן טאָג קומען אַלץ מער און מער חלוצים פאַר ארץ ישראל אין שאַנכאַי און די שאַנכאַיער יידן האָבן יעדן טאָג א נייעם יום־טוב. און צו די אַלע ביי אָנגעקומענע האָבן די שאַנכאַיער אשכנזישע יידן ארויסגעוויזן די הייסטע פריינטלעכקייט. זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע געשעפטן, זייערע ביו־ראָס און זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט אונדז. מיר זענען אויסגעוואקסן אין זייערע אויגן ווי הייליקע, ווי מאַרטירער, ווי די גרעסטע יידישע העלדן. אפילו די ספרדישע יידן האָבן זיך מיט אונדז שטארק פאראינטערעסירט און אויך זיי ווערן באגייסטערט פונם חלוציזם, פון ווידער איבערבויען אונ־דזער פארוויסט לאנד. זיי לאדן אונדז אויך איין צו זיך, קומען מיט מתנות

צו אונדז און אין שאַנכאַי שאַפט זיך אַ בעסערע פאַרשטענדעניש צווישן די אשכנזישע און ספרדישע יידן.

„קדימה" האָט איבערגענומען אויף זיך צו באַזאָרגן אונדז מיט די נויטיקע וויזעס, עס לויפן טעלעגראַמעס פון שאַנכאַי אין לאָנדאָן און מיר גרייטן זיך צו דער רייזע. מיר האָבן באַשלאָסן אַלע צו זיין דעק פּאַסאַזשירן. פאַר די פרויען און קינדער האָבן מיר באַשלאָסן נעמען קאַיוטעס. מיר קויפן לאַנגע ברייטע טעפּיכער, כדי זיי זאָלן אונדז באַשיצן פון דער ברע־נענדער זון און פון טראָפּישע רעגנס. מיר קויפן איין געפלאַכטענע בעטן, טישן, דיוואַנען, שטולן. יעדערער באַזאָרגט זיך מיט אַ רעגן מאַנטל און מיט אַלץ וואָס מען וועט דאַרפן האָבן אויף אונדזער לאַנגער נסיעה. אַ גליק וואָס מיר קריגן דאָס אַלץ אין שאַנכאַי פאַר שפּאָט ביליקע פּרייזן.

צוויי מאָל אַ טאָג גייען מיר אַלע אין „קדימה" צו טרעפן די ניי גע־קומענע, צו פאַרהאַנדלען וועגן אונדזערע רייזע פּראָבלעמען און צו דער־וויסן זיך צי ס'איז דאָ עפּעס נייס.

יעדן טאָג און אָוונט האָבן מיר וואָס צו טאָן. די מערסטע צייט פאַר־נעמט ביי אונדז די וויזיטן, באַנקעטן און אונטערנעמונגען.

מיט די ניי אָנגעקומענע, כאָטש אומבאַקאַנטע, ווערן מיר גלייך באַ־פריינדעט, חבריש, פילן זיך ווי ברידער פון איין משפּחה.

מיינע אַלטע באַקאַנטע לאָזן מיך פון אויג נישט אָפּ. זענען ביי מיר גאַנצע טעג און זענען זייער צופרידן, אַז זיי קענען מיר מיט עפּעס אַרויס־העלפן.

איך האָב געהאַט דאָרטן אַן אַלטן פריינט. איז ער אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געוואָרן אַ פאַרברענטער באָלשעוויק. איך האָב אים גראַדע אַמאָל געקענט פאַר אַ ציוניסטישן סימפּאַטיקער. נאָר וועגן דעם האָב איך קיין חשק נישט געהאַט מיט אים צו רעדן. אין שאַנכאַי האָט ער פאַרנומען אַ גרויסן פּאָסטן און ער האָט געהאַט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע ביי דער מאָסקווער רעגירונג און וווּנדערבאַר, וואָס גראַד ער האָט מער פון אַלעמען אויף מיר אויפגעפּאַסט און איז מער פון אַלעמען מיר געווען גרייט צו דינען. איינמאָל קומט ער אַריין צו מיר אין צימער. מיין פרוי און קינד זענען גראַד אַוועק צו גאַסט צו זיין פרוי. אַזוי אַז מיר זענען געווען איינע אַליין.

— הער זיך איין, — זאָגט ער צו מיר — האָסטו געוווּג אויף דיין רייזע?

— יאָ, — ענטפער איך אים, — פאַר מיין גאַנצער רייזע איז שוין באַ־צאָלט.

— אפשר דאַרפסטו האָבן נאָך געלט?

— ניין, — ענטפער איך אים — איך האָב נאָך אביסל געלט ביי זיך.

— וויפל האָסטו?

— אַ זעכציק דאָלער.

ער לאַכט זיך פֿאַנאַנדער.

— דאָס איז כמעט ווי גאָרנישט. דו דאַרפסט פאָרן מיט רבקהן און דיין קינד א זיבן וואָכן. דו דאַרפסט דורכפאָרן כמעט אַ העלפט פון ערד קיילעך. האָסט אָן אַ צאָל פאָרטן, ווו דו וועסט אראָפּ און דארפן ווי נישט איז אויס־געבן געלט. און דו וועסט דארפן קומען אין ארץ ישראל כאָטש מיט א פּאָר דאָלער. איך קען דיר אויסלייען עפּעס געלט.

— איך וועל ביי דיר פאַר קיין פאָל נישט נעמען קיין געלט. וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

— דאַן האָב איך אַן אנדער פּלאַן. שרייב אַן אַן אַרטיקל פאר אונדזער צייטונג און פֿאַר דעם וועסטו קריגן גוט באצאָלט.

— איך האָב נישט וואָס צו שרייבן אין אַ באָלשעוויסטישער צייטונג.

— דו קענסט שרייבן וואָס דו ווילסט.

אַפילו אַ קריטיק אויף דער הארצרייסנדער דראַמע, וואָס מען גיט איצ־טער אין פּישזאָנס טעאַטער, דו קענסט שרייבן וואָס און ווו דו ווילסט.

אויף דעם בין איך איינגעגאנגען.

— גוט, מאָרגן וועסטו האָבן דעם ארטיקל — האָב איך אים געזאָגט.

אויף מאָרגן איז ער געקומען נאָכן אַרטיקל און שוין אויף איבערמאָרגן איז דער אַרטיקל געווען אָפּגעדרוקט. און דעם זעלבן אָוונט האָט ער מיר גע־בראַכט דעם טשעק. איך קען בלויז זאָגן, אַז דער האָנאָראַר איז געווען דער גרעסטער, וואָס איך האָב אויף מיין לעבן געקראָגן, און טאַקע דאָס געלט איז מיר שטאַרק צונוץ געקומען אויף דער רייזע. נאָר אין ארץ ישראל בין איך געקומען אָן געלט. זייענדיק אין מצרים האָב איך ביי א חברטע אנטליען אַ גאַנצן פונט, ווייל איך בין געבליבן אָן אַ פּעני געלט...

איינדרוקספול איז געווען די פאָרשטעלונג אין פּישזאָן טעאַטער לכבוד אונדז. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן די אַרטיסטן געהאַלטן פאַר אונדז גע־זעגענונגס רעדעס — באַגייסטערטע רעדעס פארן ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס א יידיש לאנד און פאַר די הויפּט אויפטוער אין דער ווידער־אויפבוי אַרבעט — די חלוצים. מיר האָבן זיי געענטפערט אויף די רעדעס און מיר האָבן זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט.

נאָך איינדרוקספולער איז געווען דער מאסן־מיטינג מיט אונדז, אראַנ־זשירט פון דער „קדימה". דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט. עס זענען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס די פאָרשטייער פון „קדימה" און פון אונדזער פּאַרטיע. אויך איז ארויסגעטראָטן מיט א רעדע דער ספרדישער מיליאָנער

עזרא. ער האָט געהאלטן אַ וואָגיקע און באַגייסטערטע רעדע און צוגעטראָגן שוין גאָר א שיינעם טשעק, צוזאָגנדיק זיין ממשותדיקע הילף צו אַלע, וואָס פאָרן פון שאַנכאַי קיין ארץ ישראל.

און ער האָט טאַקע געהאלטן זיין וואָרט. ער האָט אונדז געגעבן זיינע אויטאָמאָבילן און לאַסט־אויטאָמאָבילן פאַר אונדזערע זאַכן צושטעלן צום שיף. ער האָט אונדז באַזאָרגט מיט מצות און פאַרשידענע פסחדיקע שפּייזן, וועלכע מירן דאַרפן האָבן אויף דער שיף, ווייל מיר זענען אַרויף אויף דער שיף אַ פּאָר טעג פאַר פסח און זיינע שפּייזן זענען אונדז שטאַרק צונוץ גע־קומען.

גראָדע איז אויף דעם מאסנמיטינג אויך געווען אַ באַוווסטער סאָוועטישער טוער און געלערנטער. נאָך מיין רעדע איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, שטאַרק געדריקט מיר די האנט און אין אַ באַגייסטערטן טאָן האָט ער מיר געגעבן א פּאָר קאָמפּלימענטן און מיר געזאָגט, אַז אים געפעלט שטאַרק דער פּלאַן פון ווידעראויפבוי פון פּאַלעסטינע אַלס א יידן שטאַט. נאָך מער געפעלט אים דער געדאַנק אַז איבערבויען דאָס לאַנד וועלן די יידישע אר־בעטער. די יידישע אַרבעטער וועלן נישט בויען קיין בורזשואַז לאַנד, נאָר אַן אַרבעטער לאַנד...

יעדן טאָג האָבן מיר נייע געסט — אונדזערע יאַטן קומען פון סאַכאַ־לין, וולאַדיוואָסטאָק, כאַרבין, טיאַן טזין, מוקדען, און מיט איינעם פון זיי, לייב בראָנשטיין, וועלכער איז געקומען דער לעצטער, האָט געטראָפן א מאָד־נע מעשה. ער איז געפאָרן דורך יאַפּאַן. אין יאָקאָהאָמאָ האָט מען אים אַרעס־טירט און די פּאָליציי האָט אים אַפילו נישט געזאָגט פאַרוואָס און פאַרווען. אין פּאָליציי האָט מען אים געהאלטן אין איין אויספרעגן פון וואַנען ער שטאַמט, וואָס איז זיין אַרבעט געווען, פון וואַנען ער פאָרט און פאַרוואָס ער פאָרט דורך יאַפּאַן. מען האָט אים געהאַלטן אין טורמע אונטער אַ שווערער וואַך. ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזן האָט ער זיך דערוווסט, אַז מען האָט אים אַרעסטירט צוליב זיין נאָמען, לייב בראָנשטיין. די פּאָליציי האָט פאַר־דעכטיקט, אַז ער איז לעאָן טראָצקי, וועמעס אמתער נאָמען איז אויך געווען לייב בראָנשטיין.

אונדזער פּאַרטיע איז שוין פאַרפולט געוואָרן. אַלע 56 זענען שוין אָנ־געקומען. כמעט אַלע זענען יונגע, אַרבעטס פעיקע, באַגייסטערטע ציוניסטן. איך מאַך פאַר זיך אַ שטיקל סטאַטיסטיק פון דעם פּערסאָנאַל. סיבירער גע־בוירענע 14, רומענישע 4, רוסישע 20, די איבעריקע פון ליטע און פוילן. לויט די פּאַרטייען: פּועלי ציוניסטן 10, צעירי ציוניסטן 9, אַלגעמיינע ציו־ניסטן 3 די איבעריקע זענען געווען סימפּאַטיקער פון די ציונסטישע פּאַר־

טייען. צווישן אונדז זענען געווען 4 מיטגלידער פון כאַרבינער קהלה ראַט און איינער פון וולאַדיוואָסטאָקער. אייניקע זענען געווען באַוווסטע כלל טוער אויפן ווייטן מזרח. צווישן 4־5 זענען געווען עלטער פון 50 יאָר. די אַלע איבעריקע פון 18 ביז 30 יאָר אַלט. משפחות זענען געווען 7, מיט קינדער איז זייער צאָל געווען 24. לויט די פּראָפעסיעס: דריי דאָקטוירים, 2 ציין דאָקטוירים, 3 אינזשענירן, 2 כעמיקער, 2 שאָפערס, 2 מאָנטיאָרן, ס'זענען געווען צווישן אונדז עלעקטראָטעכניקער, פישפאַנגער, פּאָרט אַרבעטער, שטיין האַקער, בלעכער, סטאָלארעס און די איבעריקע יונגע לייט האָבן זיך אונטערגענומען צו טאָן וועלכע אַרבעט מען וועט זיי געבן.

מיר האָבן געשאַפן אַן אַלגעמיינע קאַסע מיט וועלכער מיר וועלן זיך באַנוצן אין פאַל אימיצן פעלט אויס געלט אין דער רייזע און אויך אויף איינקויפן פאַרשידענע זאַכן פאַרן עולם. מיט די וויזעס האָבן מיר געהאַט שוועריקייטן. צוערשט האָט אונדז דער קאָנסול געזאָגט, אַז די דערלויבעניש אויף אַרויסגעבן וויזעס איז ווידער אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָר ער דענקט, אַז דאָס איז פאַר אַ קורצער צייט, ער וואַרט פון טאָג צו טאָג אויף דער דערלויבעניש. מיר האָבן טעלעגראַפירט אין לאָנדאָן און אויך צו אונדזער פאָרשטייער אין ארץ ישראל — דעם אינזשעניר נאָוואָמייסקי. נאָך צוויי וואָכן וואַרטן האָט אונדז דער קאָנסול געלאָזט וויסן, אַז מיר האָבן אַלע געקראָגן די דערלויבעניש צו פאָרן אין ארץ ישראל און מיר זאָלן קומען נאָך די וויזעס. מיט אַ פריידיקן הוררא האָבן מיר די נייס אויפגענומען און טאקע דעמזעלבן טאָג האָבן מיר די וויזעס געקראָגן.

איך האָב אויף מיין לעבן נישט געזען אַזוי פיל פריינדשאַפט, ליבשאַפט, איבערגעגעבנהייט וויפל די שאַנכאַיער יידן האָבן אונדז אַרויסגעוויזן. מיר האָט זיך צייטנווייז געדוכט, אַז אַלע שאַנכאַיער יידן זענען געוואָרן אונדזערע מאמעס, וועלכע מיר האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געזען און די מאַמעס זאָרגן זיך אַזוי מוטערלעך פאַר איינאָרדענען אַלץ, אי דאָ אין שאַנכאַי און אי פאַר דאָרטן אויף אונדזער לאַנגער רייזע. יעדן טאָג פלעגן מיר זיך טרעפן אַזוי ברידערלעך און אַזוי האַרציק. זאָל מיין פאַרשפּעטיקטער אויף גאַנצע 24 יאָר דאַנק, זיי דערגרייכן, זאָלן זיי כאָטש איצט וויסן ווי שטאַרק דאַנקבאַר איך בין זיי...

פאַרן אָוועקפאָר איז אין דער געביידע פון דער תלמוד־תורה פאָרגעקומען אַ געזעגענונגס אָוונט. נו, איז דער פאָרזיצער פון „קדימה" טאָפּאַז געווען פאַרגומען! אים איז געגאַנגען אין לעבן אַז דער אָוונט זאָל זיין אַזוינס און אַזעלכעס. רעדעס האָבן געהאלטן טאָפּאַז פון „קדימה", ראַבאַי הווירש פון די אָרטאָדאָקסישע יידן, עזרא פון די ספרדישע יידן, און פון אונדז — די אָפּרייזנדע.

קאַפּיטל 22

שאַנכאַי

אַ טשיקאַווע שטאָט איז שאַנכאַי. זי באַשטייט פון פיר אָפּטיילונגען: די ענגלישע קאָנצעסיע, די פראַנצויזישע, די יאַפּאַנישע און דער כינעזי־שער טייל פון שאַנכאַי. פריער זענען געווען נאָך קאָנצעסיעס די רוסישע און די אַמעריקאַנער. איך האָב זיך געפונען אין דער ענגלישער קאָנצעסיע, ווו די מערסטע יידן וווינען. אַ קאָנצעסיע מיינט אַן אָפּגעפרעמדטער טייל פון שטאָט אין וועלכער די אָרטיקע געזעצן גילטן נישט, נאָר עס גילטן די גע־זעצן פון דער פרעמדער לאַנד, וועלכע באַזיצט די קאָנצעסיע. נישט נאָר די געזעצן גילטן נישט, נאָר עס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט כינע. אַ קליין פרעמדע מלוכהלע. ווערליק די ענגלענדער און די פראַנצויזן, וואָס באַזיצן די קאָנצעסיעס האָבן דאָרט מער ווי זעלבסטפאַרוואַלטונג, און אויטאָנאָמיע, זיי האָבן דאָרט אַריבערגעפלאַנצט אַ שטיק ענגליש אָדער פראַנצויזיש לעבן און אין אַ באַוווסטן זין האָבן זיי דאָרט מער רעכט, מער פּריווילע־גיעס, מער מאַכט, ווי למשל אַן ענגלישע שטאָט אין ענגלאַנד. זיי האָבן איי־גענע סאָלדאַטן אייגענע פּאָליציי, אייגענע שולן, אייגענע געריכטס הייזער, אייגענע פּאָסט און טעלעגראַף, אייגענע טורמעס, אַפילו אייגענע געלט. צו דער קאָנצעסיע באַלאַנגען אַפילו דער פּאָרט, די קאָסטאָם הויז און די הכנסות זענען פאַר דער ענגלישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין שאַנכאַי. ענג־לאַנד האַלט זיך פאַר דעם באַלעבאָס פון שאַנכאַי און זויגט אויס אַלע זאַפטן פון דער כינעזישער באַפעלקערונג.

און אָט פאָר איך איבער דער ענגלישער קאָנצעסיע. ברייטע, שיינע, ליכטיקע און רייכע הייזער, וועלכע זעען אויס ווי פּאַלאַצן ארומגערינגלט מיט גראָז,ביימער און בלומען. דער אריינפאָר צו די הייזער איז אַ ברייטער, אויסגעבעטט מיט אספאַלט. דאָ איז זייער שטיל, רואיק. דאָ וווינען די פּאַראַזיטן פון שטאָט און לאַנד — די ענגלענדער, וועלכע באַנוצנדיק זיך מיט דער שוואכקייט פון כינע, האָבן פאַרכאַפּט שטיקער כינעזיש לאַנד, שטעט, פּאָרטן און באַגייען זיך מיט די אָקופּירטע געגנטן, ווי ווילדע חיות אין וואַלד. דעם כינעזער האַלטן זיי גאָרנישט פאַר קיין מענטשן. ער עק־

זיסטירט פאַר זיי בלויז אויף צו טאָן די שווערע אַרבעטן פאַר אַ דריטל אָדער פערטל פּרייז. דער כינעזער דאַרף זיין דער קוכער, די דינסט, דער וואָס פירט דעם ענגלענדער אויף דער ריקשע, דער שניידער, שוסטער, סטאָלער, דער משא טרעגער און וואָס נישט? און ער האָט נאָך כמעט אַ זידל נאָמען פאַרן אָרימען כינעזער. דער ענגלענדער רופט אים — „כאַדיע". עפּעס ענלעך, ווי מיר פלעגן אמאָל רופן דעם גוי — מוזשיק. זיי — די ענגלענדער — וועלן זיך קיינמאָל נישט ווענדן צום כינעזער אַנדערש, ווי — עי, כאַדיע!

די גאַסן זענען ריינע, אויסגעפּוצטע — אַ פאַרגעניגן צו שפּאַצירן אי־בער זיי. אָפט לויפן עלעקטרישע טראַמוואַיען, רייכע קאַרעטן, אויטאָמאָ־בילן, אויסגעפּוצטע ריקשעס. דער עולם איז אַ פאַרשידנאַרטיקער. אָבער מערסטנס קען מען זען כינעזער. אויסער זיי טרעפסטו אָפט ענגלענדער, רוסן, יאַפּאַנער, אַמעריקאַנער און פאַרשטייער פון די פאַרשידענע פעלקער פון וויטן אָריענט...

מיר פאַרקירעווען זיך אין אַן אַנדער גאַס, אַ געשעפטס גאַס. און דיר דוכט זיך, אַז דו פאַרסט איבער דעם ניו יאָרקער בראָדוויי. רעסטאָראַנען, האָטעלן, קאַפע הייזער, פאַרוויילונגס פּלעצער, טעאַטערס, מוּוויס, מאַגאַ־זינען, קראָמען, גרויסע מאָדערנע געשעפטן און עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז דו ביזט אין אַ כינעזישער שטאָט. אויף די שילדן טרעפסטו די נעמען פון די וועלט באַוווּסטע פירמעס פון ענגלאַנד. די פענצטער פון די געשעפטן זענען זייער שיין אויסגעפּוצט. לעבן אַ סך געשעפטן שטייען שווייצאַרן אין אוניפאָרמס. פאַר די געשעפטן שטייען אַ סך אויטאָמאָבילן. אין די גאַסן באַמערקסטו דרייערליי סאָרטן פּאָלייציי: די אָרימע כינעזישע פּאָליציי מיט ביקסן, זיי זענען אָנגעטאָן טונקל גרוי, די הויכע, גראַציעזע, שטאָלצע אינ־דישע פּאָליציי אין רויטע צודעקס, אָנגעטאָן אין ווייסן. זיי האַלטן אין האַנט אַ קורצן שטעקל, אַ באַמבוק שטעקן, וועלכער פאַרמאָגט אַ וווּנדער־באַרע קראַפט. גיט ער אַ הויב דעם שטעקל, שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע באַ־וועגונג אין גאַס, לאָזט ער אים אַראָפּ, הויבט זיך די באַוועגונג ווידער אָן. די הינדו פּאָליציי האָט מער מאַכט פון די כינעזישע. די לעצטע מעגן אַרעס־טירן די פאַרדעכטיקע כינעזער, אָבער בשום אופן נישט קיין פאַרברעכער פון דער ווייסער ראַסע. דער הינדו פּאָליציאַנט מעג יאָ אַרעסטירן אַ ווייסן, ווען דער ענגלישער פּאָליציאַנט ווייזט אים אָן. די ענגלישע פּאָליציי איז די בעסט באַצאָלטע און האָט אַן אומבאַשרענקטע מאַכט. זיי זענען אָנגע־טאָן ווי אין ענגלאַנד אין שוואַרצן, אויפן קאָפּ טראָגן זיי קאַסקעס, וועלכע זענען מיט רימען צוגעפּעסטיקט צו די מאָרדעס. און מיט וואָספאַראַ וויר־

דע און שטעלן זיי שפאצירן דאָס איבערן גאַס און גיבן באַפעלן דער ני־דעריקערער פּאָליציי!

מיר פאָרן אַריין אין אַ שטאַרק געמישטן געגנט פון געלע און ווייסע. די גאַסן זענען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. אין דער געדיכטעניש לויפן ריקשעס, טראָגשטולן מיט אויסגעפּוצטע כינעזער, טראָג־סאַפּקעס באַדעקט ווי מיט אַ באַלדאַכין, נאָר פון די שפּאַלטן פון די פאָרהאַנגען קוקן אַרויס אויגן פון אַ כינעזישן בורזשוי אָדער בורזשויקע.

דאָ קען מען כמעט נישט פאָרן, די גאַס איז איבערפולט מיט מענטשן, ריקשעס, טרעגער, פערד און וועגענער. אונדזער קוטשער דאַרף זיך יעדע רגע אָפּשטעלן און ארויסשרייען מען זאָל מאכן פּלאַץ פאַר אים.

ביי די ווענט פון גרויסע געשעפטן שטייען סטענדס מיט כינעזישע קליינהענדלער, וועמעס גאַנצע „קראָם" קען באַשטיין פון א קערבל, אָדער אַ קעסטל מיט עפּל, צי מאַראַנצן, צי מאַנדאַרינקעס (טענזשערינס). און אַנ־דערער פאַרקויפט צוקערקעס, אַ דריטער שוועבעלעך, פּאַפּיראָסן. די סוח־רים שרייען, קלאַפּן, קלינגען, קריגן זיך, זידלען איינע די אַנדערע.

מיר פאַרקירעווען זיך אַריין אין א רעזידענץ גאַס. ווידער שטיל. דאָ לעבט זיך אַזוי ברייט, אַזוי רייך מיט אַזויפיל ראָסקאָש. אויף די באַלקאָ־נען קענען מיר אַמאָל באַמערקן די רייך געקליידעטע מענער און פרויען. זיי טרינקען עפּעס, בייסן צו און יונגע כינעזישע ייִנגלעך פאַדען אַרום זיי, דינען זיי צו.

מיר פאָרן אַריין אין דער פראַנצויזישער קאָנצעסיע וואָס איז זייער ענלעך צו דער ענגלישער, מיטן אויסנאַם, וואָס דאָ איז אַלץ פראַנצויזיש. די גאַנצע אדמיניסטראַציע איז אַ פראַנצויזישע. די שפּראַך, די פּרעסע, די שולן, די פּאָליציי, פּאָסט און טעלעגראַף — אַלץ פראַנצויזיש. א שטיק פּאַ־ריז אין הארצן פון כינע. דאָך מאַכן די פראַנצויזן אויף מיר א בעסערן איינדרוק פון די ענגלענדער. נישט אַזוי פאַרריסן, נישט אַזוי סנאָביש, נישט אַזוי ברוטאַל. עפּעס איז דאָ מער מענטשלעך, מער איידל, מער איינזען.

איך בין שוין אין שאַנכאַי איבער אַ וואָך און אסור אויב איך ווייס ווי אַזוי און מיט וועלכע געלטער צו צאָלן. דאָ גייען אום כמעט מיט גלייכע רעכט די פאַרשידנסטע געלטער און אַסיגנאַציעס פון די פאַרשידנסטע פּראָווינצן און שטעט פון כינע, און פון פאַרשידענע אייראָפּעישע מלוכות. אַזוי זענען דאָ שאַנכאַיער דאָלאַרן, האָנקאָנגער און סינגאַפּורער דאָלאַרן, וועגן אַמעריקאַנער דאָלאַרן איז שוין אָפּגערעדט. ענגלישע און פראַנצוי־זישע געלט, כינעזישע טאַיאַנען און טאַעלס, זילבערנע לאַנס, כינעזישע זילבער געלט, מעקסיקאַנער דאָלארן (וועלכע רעכענען זיך דאָ פאַר די

גאַנגבאַרסטע), יאַפּאַנישע יענס, רוסישע רובלס. די צרה איז, וואָס די אַלע געלטער קורסירן און מיט די אַלע געלטער צאָלט מען רעשט אין די געשעפטן, רעסטאָראַנען, האָטעלן און אויף דעם באָדן איז דאָ א גרויסע ספּעקולאַציע. די שאַנכאַיער זענען גרויסע געלט ספּעציאַליסטן. יעדן אין דער פרי שטודירן די פּאַראינטערעסירטע די נייסטע וואַלוטע טאַריפן פון די פאַרשידנסטע געלטער.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פאַר מיר איז גיין זען די וואַנט, די באַוווּסטע כינעזישע וואַנט וואָס איז זייער היסטאָרישע פעסטונג קעגן אריינדרינגער און פאַרשקלאַפער. איך האָב געזען די פּיראַמידן אין מצרים, איך האָב געזען די גרויסע טעמפּלען אין יאַפּאַן, אינדיע, איך האָב געזען די פאַרשידענע רעזערוווארן און קאַנאַלן פון די גאַר אמאָליקע צייטן, איך האָב געזען אונדזער יידישע וואַנט, אין דעם כותל מערבי, ירושלים, נאָר ווי קומען זיי אַלע צו דער כינעזישער וואַנט? מיר דוכט זיך, אַז די כינעזישע וואַנט איז דאָס גראַנדיעזסטע, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן אמאָל באַשאַפן.

זי איז געבויט געוואָרן זייער סאָליד כדי צו באַשיצן דאָס לאַנד פון די ווילדע האָרדעס, וואָס פלעגן ארומוואַנדערן ארום די גרעניצן פון כינע און פלעגן זיך פון צייט צו צייט אריינרייסן אהין און אַנמאַכן דאָרט א חורבן. אויך האָט זי פאַרהיט דאָס לאַנד פון דער זייט פון ים, כדי די פּיראַטן זאָלן אַהין נישט אריינדרינגען. און אין די אמאָליקע צייטן איז טאַקע די וואַנט געווען א ווונדערבאַרע שוץ קעגן שונאים. מיט די אַמאָליקע געווער וואָלט מען אין כינע פאַר קיין פאַל נישט געקענט אַריינדרינגען. די וואַנט איז אַזוי ברייט, אַז מען קען איבער איר פאָרן. היינט איז די וואַנט איינגעבראָכן, אין הונדערטער ערטער דורכגעלעכערט, זי פאַלט איין און זעט אויס ווי א חורבה. דאָס האָבן איר אונדזערע אייראָפּעער דורכגעבראָכן, דורכגעלעכערט און אין א סך ערטער אין גאַנצן צעשטערט. קעגן היינטיקע מלחמה מכשירים, האָט זי נישט געקענטביישטיין און האָט זיך אונטערגעגעבן. און מיט דעם האָט זיך געעפנט אַ נייער וועג פאַר די אייראָפּעישע רויבער און פאַר יאַפּאַן, צו עקספּלואַטירן די כינעזישע באַפעלקערונג, אָפּרייסן ריזיקע שטיקער לאַנד פון כינע, און שענדלעך אונטערדריקן און אויסזויגן אַזאַ גרויס פאָלק, וואָס וועט נאָך אמאָל איינמאָנען פאַר אַלץ, וואָס די מערדערישע אייראָפּעער האָבן געטאָן קעגן זיי...

די וואַנט האָבן די כינעזער אָנגעהויבן צו בויען מיט 22 יאָרהונדערט צוריק, אין דער צייט ווען די איינוווינער פון היינטיקער אייראָפּע האָבן נאָך געוווינט אין היילן און האָבן געפירט כמעט א חיהשן לעבן. די וואַנט ציט זיך אויף טויזנטער מיילן און איז 25 פוס די הויך און צווישן יעדע 200 יאַרד

ווייט, געפינט זיך אַ טורעם 40 פוס די הויך. אין סטראַטעגיש וויכטיקע ערטער האָט מען אויסגעבויט צוויי ווענט, וועלכע ציִען זיך פּאַראַלעל, איינע אַן אינעווייניקסטע און איינע אַן אויסנווייניקסטע. פון דער הויפּט־וואַנט גייען ווענט אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען. זי זעט אויס ווי אַ שלאַנג צווישן בערג, טאָלן, טייכן. זי איז געמאַכט געוואָרן פון גראַניט־פּליטעס, ציגל און צעמענט.

לעבן שאַנכאַי איז זי זייער הויך, האָט אויף זיך ריזיקע טורעמס און באַסטיאָנען, וואָס אייניקע פון זיי שטעקן אַרויס פון די טיפע וואַסערן פון דעם געלן ים. מען דערציילט, אַז דער דעמאָלסטיקער הערשער פון כינע, וואָס האָט די וואַנט אויפגעשטעלט האָט צו דער אַרבעט אויף דעם, צום אָנהויב געשיקט אַ דריטל פון זיין גאַנצער באַפעלקערונג. זעענדיק, אַז אַזוי פיל אַרבעטער איז נאָך צו ווייניק, האָט ער מאָביליזירט גאַנצע צוויי פינפטל פון דער באַפעלקערונג און ערשט דאַן האָט די אַרבעט געדויערט גאַנצע פינף יאָר. דאָס איז געווען די שווערסטע און גרעסטע אונטערנעמונג פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס אונדזער וועלט עקזיסטירט.

וויפל איינוווינער שאַנכאַי פאַרמאָגט, קען מען גענוי נישט זאָגן, ווייל עס איז דאָרטן קיינמאָל קיין צענזוס נישט דורכגעפירט געוואָרן, נאָר מען שאַצט די גרויס פון דער באַפעלקערונג אין צוויי מיליאָן כינעזער און אַ פּאָר הונדערט טויזנט ווייסע. דאָס זעלביקע איז וועגן יידן. מיר ווייסן נישט גענוי די צאָל, אָבער מען שאַצט איר אין די טויזנטער. איך האָב דאָרט געטראָפן אַ סך רוסן, מערסטנס ווייס־גוואַרדייער, אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און האָבן אָנגעהויבן אויסוואָרצלען די אָנהענגער פון דעם אַלטן צאַרישן רעזשים. אָט די חברה האָבן אפילו געהאַט זייער אייגענע רוסישע צייטונג „עכאָ" (ווידערקול). פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ כוליגאַנישע צייטונג, וואָס האָט געפּריידיקט, אַז די אויסלענדישע מלוכות זאָלן מאַכן אַן אינטערווענציע אין רוסלאַנד, אַראָפּוואַרפן די באָלשעוויסטישע מאַכט און צוריק איינפירן „די אַלטע אָרדענונג".

גלייכצייטיק איז אַרויסגעגאַנגען אין רוסיש אַ באָלשעוויסטישע צייטונג „שאַנכאַיער לעבן", וואָס איז געווען געשטיצט פון דער נייער רוסישער מאַכט און זי האָט ביטער באַקעמפט די ווייס־גוואַרדייאישע כוליגאַנעס. וואָס עס רעגט מיך מער פון אַלץ אויף, איז די האַלטונג און אויפפירונג פון די בריטישע סאָלדאַטן און מאַטראָזן, וועלכע גייען דאָ אין זייער פולער אוניפאָרם און אפילו באַוואָפנונג· גאָר אַ קלייניקייט — די באַשיצער פון זיין מאַיעסטעטס קאָנצעסיע. און ווען זיי גייען — מערסטנס אין גרופּן פון פיר

אָדער זעקס — ציטערט די כינעזישע גאַס. דער פּראָסטער סאָלדאַט און דער שיכורער מאַטראָז באַציען זיך צו דער אַרטיקער באַפעלקערונג אַזוי נידער־טרעכטיק, אַזוי גרויזאַם, אַז עס רעגט דיך אויף אויפן העכסטן גראַד.

אין אָוונט זענען מיר צוגעפאָרן צום שאַנכאַיער קוני איילאַנד „די נייע וועלט". דאָ איז שוין צונויפגעמישט די יונגע אַזיע מיט די לעב־יונגען פון אייראָפּע. אַלע לויפן, יאָגן זיך, רייטן, גליטשן זיך באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, אַלע פאָרן אויף די אויסגעשניצטע און אויסגעפּילטע חיות, אַלע פּרוון אויס זייערע ספּאָרט־פעיקייטן, אַלע לעבן איבער ספּאָנטאַנע שרעק און ספּאָנטאַנע פרייד. אַלע זופן, פרעסן, טאַנצן, אַלע ברענען דאָס לעבן אַ גאַנצע נאַכט. די אינטערנאַציאָנאַלע בורזשואַזיע הוליעט...

אָבער דאָס ערגסטע אין שאַנכאַי איז דער האַנדל מיט אָפּיום, מיט וועלכן עס פאַרנעמען זיך די ווייסע. פאַראַן אַ סך גרויסע געשעפטן פון זיידנס, אויסגייעכץ, אימפּאָרטירטע סחורות, וועלכע זענען אויסגעלייגט אין די פענצטער. נאָר נישט מיט דעם פאַרנעמען זיך די באַלעבאַטים פון די גרויסע מאַגאַזינען. נאָר נישט מיט דעם האַנדלען זיי. אין דער אמתן זענען דאָס אָפּיום־געשעפטן. ווו דו גיסט זיך נישט אַ קער אין שאַנכאַי, זענען דאָ פלעצער, ווו מען רויכערט אָפּיום. דאָס פאַרסמט פּשוט די כינעזישע באַ־פעלקערונג, אפילו אַ סך אייראָפּייער אין שאַנכאַי רויכערן דאָס. מערסטנס ווערט דער אָפּיום אימפּאָרטירט פון סינגאַפּור, וווהין די קאָנטראַבאַנדיסטן פאָרן אָפּט נאָך סחורה און שטעלן צו דעם אָפּיום אין שאַנכאַי. מעגלעך איז, אַז די האַפן־פּאָליציי איז אַן אונטערגעקויפטע, אָדער קריגט אַ טייל פון די פאַרדינסטן, ווייל גראָד די רייכע קאָנטראַבאַנדיסטן שמוגלען אַלע מאָל אַריין זייער סחורה און ליידן זייער זעלטן פון אַ דורכפאַל. ווי עס ווייזט זיך ארויס קען מען די „אָרנטלעכע" ענגלענדער אויך אונטערקויפן.

קאַפּיטל 23

אין דער כינעזישער שאַנכאַי

און איצט וועלן מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער כינעזישער שאַנ־כאַי, די אמתע שאַנכאַי, ווו עס לעבן אַ ניין־צענטל פון דער שאַנכאַיער באַפעלקערונג און זיך צוקוקן צו די אמתע באַלעבאַטים פון שטאָט — די כינעזער. אַ שרעקלעכן איינדרוק מאַכט אויף דיר די כינעזישע שאַנכאַי, גלייך ווי דו וואָלסט אַריינגעפאַלן פון גן עדן אין גיהנום. ס׳ווערט דיר מיט אַמאָל פינצטער אין די אויגן. אין די שמאָלע צעדרייטע געסלעך וויל אפילו די זון נישט אַריינקוקן. אין די געסלעך איז ענג, דערשטיקט צו ווערן. די הייזלעך קליינע, אַנגעוואָרפן איינע לעבן די אַנדערע, און אין די הייזלעך ווינען מענטשן צונויפגעדריקט, צונויפגעקוועטשט. דו דערפילסט גלייך, ווי דו וואָלסט אַריין פון לאָנדאָן, אָדער פּאַריז אין טיף אַזיע. די כינעזער האָבן ליב צו גיין נישט ביי די זייטן פון די גאַסן, נאָר אין מיטן, און די מענטשן פילן אָן די גאַסן ווי מוראַשקעס. אַ שוידערלעכע אָרעמקייט שטרעקט אַרויס פון אומעטום, ווו דו גיסט נאָר אַ וואָרף מיט אַן אויג. דאָ איז אַזאַ ענגשאַפט, אַז דיר איז אפילו שווער צו גיין. זעלטן, זעלטן שטויסטו זיך אָן, אָן אַ ביסעלע גראָז, זעלטן דערזעסטו אַ בוים. און דער גרוך אין שטעטל איז אויך נישט קיין אַנגענעמער. אומעטום שמוציק און אָפּגעלאָזן. פון זייע־רע רעסטאָראַנען שטינקט נישט אויסצוהאַלטן. שטענדיק האַלט מען דאָרט אין איין קאָכן און פּרעגלען און די אָפּגעקאָכטע מאכלים שטעלט מען אַרויס צום גאַס אויף אַן אויסשטעלונג און אַן אַ צאָל פליגן דרייען זיך אַרום גע־קעכץ און פאַרזוכן אָפּט די כינעזישע פּאַטראָנעס. די פּרייזן זענען שפּאָט ביליק און די כינעזער, וואָס האָבן נאָר אַ פּאָר סען, האַנדלען איין די מצי־אות און עסן, שטייענדיק אין גאַס ביי די פענצטער. דאָ טוליעט זיך די אָרעמקייט. זעלטן וועסטו טרעפן אַ כינעזער אַנשטענדיק אַנגעטאָן אין זיין נאַציאָנאַלן קאָסטיום. מערסטנס זענען זיי אַנגעטאָן אין אַלטע וואַטאָווע קליידער און נאָך מער אין טראַנטעס און שמאַטעס. און אַנדערע גאָר אין זעק, אָדער האַלב אָנגעטאָן. און פון צווישן די שמאַטעס זעען זיך אַרויס זייער שמוציקע לייבער. איך האָב דאָרט באַמערקט אָפט ווי פון קעלט,

אומריינע קליידונג און פון שמוץ זענען זייערע לייבער באַדעקט מיט קרעץ. אָפּט אין די געסלעך טרעפסטו די קוליס מיט אַ שטריק אַרום זיך, זוכנדיק עפּעס אַ פאַרדינסטל. זיי זענען גרייט שלעפּן, טראָגן אויף זיך די שווערסטע משא אבי צו פאַרדינען אויף אַ ביסל רייז. זיי זענען גליקלעך, ווען דו שלאָגסט זיי פּאַר אַ שטיקל אַרבעט און זיי וועלן לויפן פאַר דיר אין פייער און אין וואַסער. מען באַפאַלט דיך אין גאַנצע גרופּן נאָך אַ נדבה. טרעפסט אויף די גאַסן אָפּט קאַליקעס, קראַנקע מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין היים און וואָס צו עסן און זיי בעטלען אַזוי רחמנותדיק, אַזוי האַרצרייסנד, אַז פון דיר ברויזט אַרויס אַ מעכטיקער פּראָטעסט קעגן די פאַרכאַפּער, קעגן די רייכע, קעגן דעם גאַנצן סיסטעם, וואָס איז געבויט אויף עקספּלואַטאַציע, רויב, בלוט און טרערן... דו גייסט אין גאַס: מען שרייט, מען טומלט, מען זידלט זיך, מען כאַפּט זיך שלאָגן, מען שווערט ביי אַלע גאָטער, גייסטער און אַלע הייליקע פּאַר אַ פערטל פּעני. דער דאָקטאָר האַנדלט אין גאַס מיט זיינע גראָזן און היילט מיט זיי אַלע קראַנקע. דער ציין־דאָקטאָר זעצט אַוועק זיין פּאַציענט דאָ אין מיטן גאַס און מיט זיינע פאַרמבולדיקע אינסטרומענטן רייסט ער אַרויס די ציינער; דער שערער גאָלט די קעפּ איבערלאָזנדיק בלויז אַ קליין טשוביק אין מיטן קאָפּ און שערט אָפּ די גאַנצע האָר ביי די יונגע מאָדערנע כינעזער. דאָ אין די קרעמלעך אַרבעטן די סטאָלאַרעס, שניידער, שוסטער, שמידן. אַ סך קראָמען זענען אָנגעפּילט מיט זייער עסנוואַרג פון וועלכע אַן אייראָפּייער הויבט אָן צו איבלען. אין אַנדערע קראָמען פאַרקויפט מען קליידונג, קרוזשעוועס, כינעזישע זיידנס. אין אַלגעמיין איז דאָ צו פיל קראָמען און די קאָנקורענץ איז דאָ אַ שרעקלעכע. איבער אַלע קראָמען הענגען די ברייטע, לאַנגע שילדן באַדעקט מיט די כינעזישע היראָגליפן, אויפשריפטן.

מען קויפט, מען פאַרקויפט, מען שלעפּט, מען טראָגט. כינע ווייסט ניט פון מאַשינען. די אַלע אַרבעטן ווערן דורגעפירט מיט די הענט און ווען אַ סך אַרבעטן ביי אַ שווערער אַרבעט, קרעכצן זיי אַלע אַרויס אין טאָקט און האַרמאָניש. דאָס הייסט ביי זיי געזאַנג.

אָפּט קענסטו באַגעגענען זייערע פּראָצעסיעס. מען גייט אויף שטאָלצעס, מען זינגט, מען שפּילט, מען קלאַפּט מיט די טאַצן, מען טראָגט אויסגעשניצטע פּאַפּיר־בילדער, אייניקע שרייען עפּעס אויס. דער עולם ענטפערט. אין די פּראָצעסיעס נעמען אַלע מאָל אָנטייל יונגע, צאַרטע כינעזישע מיידלעך אויך אויף שטאָלצעס און דאָס איז פאַרן ברייטן עולם דער בעסטער טעאַטער. טויזנטער לויפן נאָך מיט געשרייען און קוויטשערייען.

די כינעזישע פרויען טרעפט מען אויף די גאַסן זייער זעלטן. און די.

וואָס מען קען טרעפֿן, זענען פֿון די אָרעמסטע, נידעריקסטע שיכטן פֿון די אומגליקלעכסטע. זײ זוכן אַרבעט אַלס נײטאָרינס, שנײדערינס און דינסט־מײדלעך. אַ סך מײדלעך אַרבעטן פֿון קינדווײז אָן אין די פֿאַבריקן, ווו מענע צאָלט זײ אַ פֿינף, צען סענט אויף אונדזער געלט. און פֿאַר דעם דאַרפֿן זײ אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג. זײ, די אַרבעטאָרינס, זענען אָנגעטאָן ווי מענער, אין גראָבע ברײטע הויזן און וואַטענע רעקלעך.

די רײַכערע מײדלעך — די טעכטער פֿון די הײזער־ און געשעפֿטן־אײגנטימער, גײען אָנגעטאָן זײער שײן. זײ קלײדן זיך מערסטנס אין זײַדנס. טראָגן שמאָלע הויזן מיט אויסגענײטע רעקלעך, וועלכע פֿאַרשפּילען זיך ביזן האַלדז. די קאָלנערלעך זענען אויפֿגעשטעלטע. גײען אין אויס־גענײטע קלײנינקע שיכלעך און זענען אַלע מאָל באַשיצט מיט אַ רעגן־שי־רעם. זײ גײען קײנמאָל נישט צופֿוס, נאָר זײ פֿאָרן אויף אַ ריקשע. די נאָך רײַכערע טראָגט מען אויף אַזעלכע טראָג־שטולן, אָדער סאָפּקעס. נאָר אין אַלגעמײן איז די כינעזערין אַ שטענדיקע הויז־זיצערין און זי פֿאַרלאָזט זעלטן די הויז, סײַדן אין העכסט וויכטיקע פֿאַלן. דער גאַס מענטש פֿאַר דער משפּחה איז דער מאַן. ער איז דער פֿאַרדינער, ער קויפֿט אַלץ אײַן און ברענגט עס אַרײַן אין הויז.

אָבער אין פֿראַפּאָרץ זענען זײער װײניק רײַכע, אפֿילו זײער װײניק אַזעלכע, וואָס זענען באַזאָרגט מיט זײערע לעבנסמיטלען. די איבערוועגנ־דיקע מערהײט איז שרעקלעך אָרעם און הונגערט.

איך גײ צום ברעג פֿון טײַך וואַנג פּו, וואָס פֿאַלט אַרײַן אין געלן אָדער כינעזישן ים. אַ נײַ בילד. דאָ איז נאָך גערדיכטער, נאָך ערגער. הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע אָדער קראַנקע כינעזער ליגן אין די צעבראָכענע שיפֿלעך, אויף קלעצער, ברעטער אָדער גאָר אויף די זאַמדן פֿון ברעג. דאָ האָבן זײ געמאַכט זײער הײם, זײער אַפּקומעניש. וועסט זײ דאָ טרעפֿן מיט זײערע ווײַבער, מיט זײערע קינדער און אפֿילו מיט זײערע אַלטיטשקע. פֿון אַלע־מענס אויגן קוקט אַרויס די גרויזאַמע נויט.

און אין טײַך, נאָענט צום ברעג, איז ווידער אַ נײַ שטעטל. דאָ וווינען אַלע אין זײערע שיפֿלעך, וואָס האָבן איבער זיך דעכלעך. אַזעלכע שיפֿלעך זענען דאָ טויזנטער און טויזנטער און אין יעדעס שיפֿל וווינט אַ גאַנצע משפּחה. דאָ אין די שיפֿלעך ווערן זײ געבוירן, דאָ אין די שיפֿלעך האָבן זײ חתונה, דאָ האָבן זײ קינדער און דאָ שטאַרבן זײ. די שיפֿלעך זענען אַזוי נאָענט אײנע צו די אַנדערע, אַז מען קען זײער גרינג אַריבערגײן פֿון אײ־נער אין דער צווײטער. דאָ איז אַ באַזונדער שטאָט מיט אַ באַזונדער אַרט לעבן. דאָ לעבן זײ ווי וואַסער־מענטשן. די שיפֿלעך־אײַנוווינער לעבן דאָ

פון די ים־פּראָדוקטן, וואָס זיי כאַפּן, אָדער מיט די פיש, וואָס די וואַסערן וואַרפן אַרויס. און אַז זיי זענען זייער הונגעריק, אָדער האָבן אין גאַנצן נישט וואָס צו עסן, שווימען זיי אַוועק אין ים אַריין, אָדער לאָזן זיך צו די גרויסע אייראָפּעיִשע שיפן און בעטלען אויס עסנוואַרג. דער קוכער גיט זיי אָפּ דאָס, וואָס איז געבליבן נאָך די מאָלצייטן און דאָן איז די משפחה באַזאָרגט מיט אַ וואָך עסן. איר שטעלט זיך פאָר זייער פרייד און גליק?

פון דאָרט פאָר איך צוריק אין מיין האָטעל, וואָס געפינט זיך אין דער ענגלישער קאָנצעסיע. איך פאָר צוריק אַריין אין „אייראָפּע". די לאָמ־טערנס שיינען. די פּאַלאַצן זענען אויס פאַנטאַסטיש. יעדעס הויז איז אַרומ־גערינגלט מיטביימער, גראָז, בלומען. די פענצטער זענען העל באַלויכטן. אומעטום טרינקט מען, מען זויפט, מען פרעסט. אַלע זענען רייך און שיין אָנגעטאָן. אָט פאָר איך פאַרביי אַ קלוב. דאָס הויז איז העל באַלויכטן. די עלעקטרישע לעמפּלעך ביים אַריינפאָר ווינקען צו דיר, מאַניען, די מוזיק שפּילט: אַ טייערער מאָדערנער אָרקעסטער. מיידלעך אָנגעטאָן אין עסיק און אין האָניק טאַנצן די לעצטע מאָדערנע טענץ מיט זייערע „וואָזשנע" קאַוואַלירן. מען שפּילט אין קאָרטן, מען רעדט שמוציקע רייד, מען דער־ציילט עקלדיקע מעשׂות פון זייערע דערפאַרונגען אויפן נאַנטן און ווייטן מזרח. עס טראָגט זיך פונאַנדער פון קלוב פרייד און געלעכטער.

און קומענדיק אַהיים, האָב איך לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב געטראַכט: עס איז אַ שאַנדע איצט צו זיין אַ מענטש... פאַרשאָלטן זאָל ווערן אַזאַ געזעלשאַפט און אַזאַ רעזשים.

* *
*

אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונדזער רייזע. מיר האָבן אָפּ־געדונגען פאַר אונדז אַ דעק פון דער שיף „טריעסט" פון דער איטאַליע־נישער טריעסטינאַ קאָמפּאַניע. אונדזערע נייע האַרציקע ברידער פון שאַנ־כאַי האָבן באַזאָרגט אונדזער באַגאַזש, איינגעאָרדנט און אויסגעמעבלירט אונדזער דעק. ווידער געהאַט אַ געזעגנונגס־אָוונט און אויף מאָרגן אין דער פרי זענען מיר אַוועקגעפאָרן צום ברעג פון טייך וואַנג־פּו, ווו עס האָט אויף אונדז געוואַרט אַ קליין שיפל, וועלכע דאַרף אונדז צושטעלן צו אונ־דזער שיף „טריעסט". דער ברעג איז געווען באַדעקט מיט יידן — שאַנ־כאַיער יידן, וועלכע זענען געקומען זיך זעגענען מיט אונדז און אונדז ווינטשן אַ גליקלעכע רייזע. מען האָט אונדז אָנגעבראַכט אַ וועלט מיט מתנות און אויך פסחדיקע שפּייז אויף אַכט טעג. מיר האָבן זיך מיט אַלעמען געזעגנט

און זיי באַדאַנקט האַרציק און אַרויף אויף דאָס שיפל. און מיר האָבן זיך אַ ריר געטאָן. לאַנג, לאַנג זענען אונדזערע באַגלייטער געשטאַנען ביים ברעג, פאָכענדיק מיט זייערע ווייסע טיכלעך און ווען מיר האָבן שוין קיינעם פון זיי נישט געזען, זענען מיר פון דעק אַריין אין שיפל, כדי אָנהויבן אונדזער לאַנגע נסיעה כינע־ארץ ישראל. און דאַן זענען מיר אַריבער אויף דער גרויסער שיף „טריעסט״, וועלכע דאַרף אונדז פירן די גאַנצע וועג ביז פּאָרט סאַיד...

ק אַ פּ י ט ל 24

פון שאַנכאַי אין האָנג-קאָנג

גלייך ווי מיר זענען אַרויף אויף דער גרויסער שיף „טריעסט" זע־נען מיר צוגעטראָטן צו אונדזער פּראַקטישער ווירקלעכקייט: באַזאָרגן ווי עס געהער צו זיין אונדזער באַגאַזש, צוגרייטן „אונדזער דעק" פאַר אונדזערע יאַטן, פונאַנדערשטעלן די בעטן, טישן, שטולן, סאַפּקעס, אָנווייזן יעדן איי־נעם, ווו ער וועט שלאָפן, איבערציען אונדזער דעק פון אויבן מיט זייער אַ גראָבער לייוונט, צו באַשיצן אונדז פון דער ברענענדיקער זון און פון די טראָפּישע רעגנס, באַזאָרגן אונדזערע פרויען און קינדער מיט פּלעצער צו שלאָפן אין זייערע קאַיוטעס, אַרויסנעמען אונדזערע קיך־מכשירים און אונ־דזער געפּעס, אויך צונויפרעדן זיך מיט דער אַדמיניסטראַציע פון שיף.

צום ערשטן מיטאָג האָבן מיר געהאַט פליש, מאַקאַראָנעס און צו אַ לעבל ברויט יעדערן. און מיר זענען געווען אַלע צופרידן. נאָר אַן דעם, אַז מיר דאַרפן האָבן אין קיך בענק, טישן, אויך האַלטן די קיך ריין, אַליין וואַשן די קעסלען, טעפּ, געפּעס, האָבן מיר פריער אפילו נישט אַ טראַכט געטאָן. צווישן זיך האָבן מיר אָפּגערעדט צו זען זיך מיט דער אַדמיניס־טראַציע, זי זאָל אונדז באַזאָרגן מיט בענק און טישן, מיר זאָלן האָבן אויף וואָס צו עסן. די כינעזער, קאָרייער און יאַפּאַנער קענען זיך באַגיין אָן דעם ראָסקאָש, אָבער פאַר אונדז איז דאָס אַ נויטיקייט.

אויף מאָרגן, נאָך פרישטיק, האָבן מיר געהאַט די ערשטע אַלגעמיינע זיצונג, אויסגעקליבן אַן עלטסטן און אַ קאָמיטעט פון פינף פאַר דער ערש־טער וואָך, וועלכער זאָל זאָרגן פאַר אונדזערע אַלגעמיינע אינטערעסן, אויס־געקליבן לעקטאָרס פאַר ארץ־ישראל קענטשאַפט, באַשטימט לערער פאַר העברעיש פאַר אַלע די, וואָס האָבן די שפּראַך נישט געקענט, און אַזעלכע זענען ביי אונדז געווען מער פון אַ העלפט.

דער עולם איז נאָך נאָענטער באַקאַנט געוואָרן. די גאַנצע גרופּע אונ־דזערע האָט זיך אָנגעהויבן פילן ווי מיטגלידער פון איין משפחה, ווי חברים און חברטעס פון איין פּאַרטיי, וועלכע האָט אויף זיך גענומען זייער אַ וויכ־טיקע מיסיע: דורכלייגן אַ וועג פאַר די סיבירער יידן קיין ארץ־ישראל. מיר

זענען די ערשטע גרופּע, נאָך אונדז וועלן קומען אַנדערע, און אָט פאַר די „אַנדערע" טראָגן מיר אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר דאַרפן זיי צו־גרייטן אַ באָדן, שאַפן פאַר זיי עפּעס אַ יש. מיר האָבן זיך אַליין באַטראַכט ווי די אַמאָליקע מרגלים. מיר האָבן אַלע געברענט מיטן יידישן באַפריי־ונגס־אידעאַל, מיט דעם ווילן צו שאַפן די יידישע היימלאַנד אין ארץ־ישראל.

מיר האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דער מאַנשאַפט פון שיף — מיט די איטאַליענער. זיי האָבן זיך פּשוט פאַרליבט אין אונדזער גרופּע און ווען נאָר זיי האָבן געהאַט פרייע צייט, פלעגן זיי זיך אַריינכאַפּן צו אונדז. זייער פריינדשאַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי פלעגן אונדז אָפט ברענ־גען גוטע מאַכלים פון ערשטן קלאַס, פאַרשידענע נאַשערייען און זייער אי־טאַליענישן זויערן וויין. ספּעציעל זענען זיי געווען גוט צו אונדזער קליינ־וואַרג, פאַר וועלכע זיי פלעגן ברענגען פאַרשידענע מתנות. דער שיף־סטאָ־ליער פלעגט זיי ברענגען טישעלעך, שטולן, בעטעלעך און פאַרשידענע מי־ניאַטורע אויסשניצונגען פון האָלץ. דעם גרעסטן פאַרגעניגן האָבן די קינ־דער געהאַט, ווען איינער פון דער מאַנשאַפט האָט זיי געבראַכט אַ קליין מאַלפּעלע. זיי האָבן אפילו איינמאָל איינגעאָרדענט אַ מוזיקאַלישן אָוונט פאַר אונדז, אין וועלכן זייער אָרקעסטער האָט געשפּילט און זיי האָבן געזונגען אין כאָר.

מיר האָבן זיך באַקאַנט אויך מיט אַ סך פון די פּאַסאַזשירן. גאָט מיי־נער, וועלכעס פאָלק איז דאָרט נישט געווען פאַרטראָטן?! די מערסטע האָבן באַלאַנגט צו די פעלקער פון ווייטן מזרח: כינעזער, קאָרייער, יאַפּאַנער, הינ־דוסן, אָבער עס זענען געווען אַ סך איטאַליענער, ענגלענדער, אַמעריקאַנער, איינוווינער פון די אַרומיקע אינדזלען פון דער מאַנגאָלישער ראַסע. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין. מיר האָבן געקראָגן פריינד צווישן די זין פון די פאַרשידנסטע פעלקער, אפילו דייטשן. אָבער איין אויסנאַם זענען געווען די ענגלענדער. זיי האָבן זיך אַזוי סנאָביש געהאַלטן, זיך אַזוי איזאָ־לירט פון דעם גאַנצן עולם, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען דערנענטערן זיך צו זיי. די דייטשן זענען באַשטאַנען מערסטנס פון אויסגעביטענע קריגס־געפאַנגענע אָפיצערן, וועלכע האָבן שוין יאָרן פאַרבראַכט אין די קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן פון סיביר, ווו זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ריידן רוסיש. מען האָט זיי אַרויפגענומען אויף דער שיף מיט אַ תנאי: נישט אַראָפּגיין אויף קיין פּאָרט. אויסער דעם האָט מען זיי געהאַלטן אין גאַנצן אָפּגעטיילט און זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגיין פון זייער אָפּטיילונג. פּשוט, ביז טריעסט זענען זיי געווען אַרעסטירט. דאָך האָבן זיי אונדז אויס־געזוכט. זיי האָבן אונדז געדאַרפט זייער נויטיק. אַזוי ווי זיי האָבן נישט

קיין רעכט אַראָפּשטייגן אין די האפנס, זאָלן מיר פּאַר זיי איינקויפן אין די האפנס אַלץ אין וואָס זיי נויטיקן זיך שטאַרק אויף זייער רייזע. זיי וועלן אונדז געבן אַ צעטל פון די אַרטיקלען אין וועלכע זיי נויטיקן זיך מיט דאָס געלט פאַר דעם און מיר זאָלן זיי די אַרטיקלען ברענגען. מיר האָבן זיי דאָס צוגעזאָגט. און אַזוי איז טאַקע אָנגעגאַנגען אויף דעם גאנצן וועג. דערפאַר האָבן זיי פאר אונדז איינמאָל געשפילט, געגעבן אַ מוזיקאַלישן אָוונט און איך מוז צוגעבן, אַז זיי זענען געווען זייער מוזיקאַליש און גוטע שפּילער. אויפן צווייטן אָוונט האָבן זיי אונדז איינגעלאַדן צו זיך און געגעבן אַ קאָנצערט פון בלויז רוסישע מוזיק.

עס איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו פאָרן איבערן כינעזישן ים. דער ים ליגט אויסגעצויגן פאַר אונדז ווי א שפּיגל. ער איז גוט געשטימט און איז קענטיק צופרידן מיט אונדזער שיף, וועלכע גליטשט זיך איבער אים אזוי שלאנק, אזוי רואיק און אַזוי גלייך, ווי איבער רעלסן. דער עולם איז אויפגעלייגט און פילט זיך גוט. מען וויצלט זיך, מען שטיפט, מען דערציילט מעשיות פון רוסלאנד, פון דער מלחמה, וועגן קאַלטשאַקן, קאַלמיקאָוון, סעמיאָנאָוון, וועגן די רויטע און די ווייסע אין בירגער קריג און איין מעשה איז שוידערלעכער פון דער אנדערער.

אָט דערציילט אַ יונגער פּועלי ציוניסט, אַ סיביריאַק פון טאָבאָלסק, אַ געזונטער און גוט אַנטוויקלטער יונג, ווי אַזוי פּאַר דריי יאָרן האָט זיך אים פאַרוואָלט פאָרן פון כאַרבין אהיים, אין טאָבאָלסק. ביז די סיבירער גרעניצן איז אים דער וועג דורכגעגאַנגען גלאַט. ער האָט אפילו געהערט פון די פאַסאַזשירן, ווי דער סאַדיסט סעמיאָנאָוו, דער קאָזאַקישער אַטאַמאַן בושעוועט אויף די סטאַנציעס פון מאַנדזשוריע ביז טשיטא, נאָר ער האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. נישט דערפאַרנדיק צו דער סטאַנציע דאוריע, האָבן אים געפאַקט עטלעכע קאָזאַקן, אראָפּגענומען פון באַן און געשטעלט פאַרשידענע פראַגן, אויף וועלכע ער האָט אָפנהארציק געענטפערט, אַז ער פאָרט קיין טאָבאָלסק זען זיך מיט זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. און דאָ האָבן זיי אָנגעהויבן אים מערדערלעך שלאָגן און אַ פאַרבלוטיקטן האָבן זיי אים געבראַכט אין שטאַב. מען האָט אים אויסגעפאָרשט. אויך דאָרטן האָבן זיי אים געשלאָגן אָן רחמנות. צום סוף האָט דער הויפּטלינג אים דערקלערט, אַז ער האָט צוויי ברירות וועלכע ער קען אויסקלייבן: דעם טויט, אָדער אריינטרעטן אין דער קאָזאַקישער אַרמיי פון די פרייוויליקע און דאָרטן וועט מען אים אויסהיילן פון זיין באָלשעוויזם. דריי חדשים איז ער געווען אַ קאָזאַק, ביז אים איז געלונגען אַנטלויפן דורך די מאַנגאָלישע סטעפּעס צוריק אין כארבין.

אַט דערציילט א צווייטער, וואָס האָט געצוווּנגענערהייט געדינט ביי סעמיאָנאָוון. די גאַנצע צייט פון זיין דינסט האָט ער נישט געהאט קיין נאָ־מען. די קאָזאקן האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען „זשיד". איינמאָל האָט זיינער א חבר קעגן דעם פּראָטעסטירט און דערפאַר האָט דער פּראָטעסטי־רער געקראָגן אויפן אָרט א קויל פון זיין „נאַטשאַלניק" און ער איז אויפן אָרט געשטאָרבן.

און אין די פאַרשידענע מעשיות האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער גרויל פון בירגער קריג, פון דעם שוידערלעכן האַס צווישן די רויטע און די ווייַ־סע, וועלכער איז דערגאַנגען צום דעם, אַז מען פלעגט זייער אָפט קיין קריגס געפאַנגענע נישט נעמען, נאָר זיי אויפן פּלאַץ דערהרגענען. די ווייַ־סע פלעגן אַפילו אויסשניידן די שליפעס צוזאַמען מיטן פלייש.

מיר זענען שוין דורכגעפאָרן דעם גאַנצן מזרח כינעזישן ים און מיר דערנענטערן זיך צום דרום כינעזישן ים. אונדז טיילט אָפּ אַ פּאַס ים צווישן כינע און דעם אינדזל טייוואן (פאָרמאָזע). די ביידע ימים זענען אין גרונט געווען טיילן פון דעם פּאַסיפישן אָקעאַן. יעדן פרימאָרגן לויפן מיר צום ביולעטין, וואָס זאָגט אונדז אָן ווו מיר האלטן אין דער וועלט און די שנעלקייט, אָדער לאַנגזאַמקייט פון אונדזער שיף.

מיט אונדזער שיף פאָרט צו זיך אַהיים דער איטאַליענישער קאָנסול אין שאַנכאַי. אויך פאָרן אהיים אַ סך איטאַליענישע שאַנסאָנעטקעס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די פאַרשידענסטע קלובן אין שאַנכאַי, אָדער אַנדערע פּאָרט שטעט אין כינע. זיי האָבן נישט וואָס צו טאָן און זיי זינגען אָפט אין כאָר פאַר די פּאַסאַזשירן.

איינמאָל בין איך צוגעגאַנגען צו איינער פון זיי און איר געבעטן זינגען די באַוווּסטע אין אַמעריקע איטאַליענער ליד, „אָ מאַרי". זי האָט זיך אַנטשולדיקט, זי קען איר נישט. איך האָב איר אָנגעקוקט מיט פאַרווּנדע־רונג. איך דערקלער איר, אַז דאָס ליד ווערט געזונגען אין אַמעריקע אין אַלע שעפּער, ווו עס אַרבעטן איטאַליענער. זי ווייסט פּאָרט נישט דאָס ליד. איך זינג פאַר איר דעם מאָטיוו. זי ווייסט אַלץ נישט. זי גייט צו צו א צווייטער, צו אַ דריטער — זיי וויסן קיינער נישט. צו לעצט איז זי צו־געגאַנגען צום דיריגענט. יענער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דאָס ליד און גע־זונגען מיט גרויס באַגייסטערונג — אָ, מאַרי. דער עולם האָט זייער וואַרים אויפגענומען דאָס ליד און דער איטאַליענער האָט איר עטלעכע מאָל גע־מוזט איבערזינגען. דערנאָך האָט מיר די מיידל דערקלערט, אַז דאָס ליד איז אַ סיציליאַנער און זי איז גאָר אַ פּאַלערמערן. זי קען נישט די סיצי־ליאַנער לידער. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איר אנטשולדיקט... ס'זענען

אויך געווען אמאטאָרן אָוונטן פון געזאנג. יעדער האָט געקענט זינגען אויף וועלכער שפּראַך ער האָט געוואָלט. מיר, די יידן האָבן געהאַט אייניקע גוטע זינגער און זיי פלעגן אָפט אַרויסטרעטן מיט רוסישע, יידישע און העברעי־שע לידער און דער עולם האָט זיי גוט אויפגענומען. א מיאוסן דורכפאַל האָבן ביי אונדז געליטן די כינעזישע און יאפּאנישע לידער. די אייראָפּעער האָבן זיי נישט געקענט פאַרטראָגן. דאקעגן די לידער פון די אינדוסן, האָט דער עולם זייער גוט אויפגענומען. נאָר דעם גרעסטן בייפאַל האָבן געקראָגן די איטאַליעניש לידער און דער איטאַליענישער קאָנסול, וואָס פלעגט קו־מען צו די אַלע מוזיקאַלישע אָוונטן, האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון דעם גרויסן דערפאָלג פון די איטאַליענישע לידער און ער האָט שטאַרק געשטאָלצירט מיט דעם.

פאַר די גויים האָבן די העברעישע לידער געקלונגען בעסער פון די יידישע. דאָס גראדע האָט מיר אביסל פאַרדראָסן: באַליידיקט מיין יידיש. דערפאר האָב איך געפונען א טרייסט אין דעם, וואָס נאָך קעלטער פלעגט מען אויפנעמען די ענגלישע לידער.

ביי אונדז, אויפן דעק, לעבן מיר און פאַרברענגען די צייט גאנץ אנ־דערש פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן. ערשטנס לעבן מיר אַלע חבריש. צווייטנס לעבן מיר קאָמוניסטיש. אויסער דעם זענען מיר אַלע איין חברשע גרופּע, באַפליגלט מיט איין פאַרלאַנג, מיט איין שטרעבונג, מיט איין אי־דעאַל. אַלע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן און יעדערער פאַר אַלעמען. מען דערציילט מעשיות פון די באַוועגונגען פון קאַמף פאַר אונדזערע אי־דעאַלן, וועגן די איבערגעלאָזענע חברים, וועגן ארץ ישראל, חלוצים, בוי־אונג פון אונדזער לאנד. אַלע הערן זיך אויפמערקזאם צו. מען לערנט זיך גאנץ געשמאק העברעיש, מען האלט אָפט לעקציעס פון ארץ ישראל קענט־שאַפט. גראדע פיר איך מיט זיך קיין ארץ ישראל צוויי ביכער ארויסגע־געבן אין אַמעריקע: „יזכור" און „ארץ ישראל" פון בן גוריון און בן צבי און אַלע שטודירן די צוויי ביכער און מען רעדט וועגן זיי. אָפט לייענט מען פאַר גאנצע קאַפּיטלען. מען באקלאָגט די אויסערגעוויינלעכע העלדן, וועל־כע זענען געפאלן אין קאמף פאר אונדזער לאַנד און דאָס בוך „ארץ ישראל" באַגייסטערט אונדז און רופט אונדז צו אַ געזונט נאָרמאַל לעבן אויפן יידי־שן באָדן.

און די פאַנטאַזיע צעהיצט זיך און מאָלט די שענסטע בילדער. מיר זענען שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיר זענען פון די ערשטע חלוצים, וואָס פאָרן קיין ארץ ישראל, מיר זענען גליקלעך, וואָס מיר זענען דער אַוואַנגאַרד און אונדז איז זייער גוט.

אָבער ווי דערלעבט מען שוין זיין דאָרטן. אונדזער רייזע האָט זיך דאָך ערשט אָנגעהויבן. מיר ברענען מיט אומגעדולד.

אַלע, אויסער איין מיידל, אַ סיביריאַטשקע, פון אירקוטסק, פילן זיך אויסגעצייכנט. דאָס מיידל האָט געליטן פון ים קראַנקהייט דעם גאַנצן וועג, זי איז געווען קראַנק, איבערגעשראָקן, האָט געמיינט, אַז זי שטאַרבט שוין און אַלץ גערופן אין רוסיש איר מאַמען צו הילף. מיר האָבן פאַר איר געטאָן אַלץ, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. גערופן דעם שיפס דאָקטאָר און ער האָט איר אויך נישט געקענט העלפן. אָבער ווי נאָר מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן ערגעץ אין אַ פּאָרט און זי האָט דערפילט די יבשה לופט, פלעגט זי צוריק געזונט ווערן און זיך פילן גוט, ווי מיר אַלע. אַ צען טעג האָט גענומען די רייזע פון שאַנכאַי אין האָנקאָנג און דעם 23־טן אַפּריל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דעם האַפן פון האָנקאָנג און די נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אויף דער שיף, נישט אראָפּגייענדיק אין האַפן.

קאַפּיטל 25

האָנגקאָנג

ס'איז א שאנדע צו דערציילן, אַז איך האָב פאַרשלאָפן אונדזער אריינפאָר אין האָנגקאָנגער האַפן, ווו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ארום צוויי אַ זייגער ביי נאכט און איך האָב זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף ארום פיר א זייגער. עס האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו טאָגן. דער הימל איז געווען טונקל בלוי און ריין אומעטום, ווי אַ ריין אויסגעוואַשענער. די מאַסן שטערן האָבן זיך ערשט פארנאנדערגעשיינט, פארנאנדערגעברענט, פאַרנאנדערגעפֿליכטן. ס'איז אַזוי ליכטיק, אַז מען קען לייענען א בוך ביים שיין פון דער לבנה און שטערן. אַ וווּנדער נאַכט. אַפילו אין קאַליפאָרניע האָב איך אַזעלכע נעכט נישט געזען. איך גיי צו צו דער פאָרענטשע פון שיף א קוק טאָן אויף האָנגקאָנג און איך בין נאָך מער איבערראשט געוואָרן: הויכע בערג, וואָס שטופּן זיך אין הימל אַריין און פייערלעך פון די פּענצטערס איך אויף די זייטן פון די בערג און אונטן איז א ים פון פייערלעך, און מיר איז שווער צו אונטערשיידן צווישן די ווינקנדיקע פייערלעך פון די פענצטער און די שטערן אין הימל. אַ דאַנק די בערג ווערן די עלעקטרישע פייערלעך צונויפגעגאָסן מיט די שטערן. איך געפין זיך אין אַ פאַרכשופטער שטאָט. איך בין באַגייסטערט אויפן העכסטן גראַד. און איך קען נישט אַוועקגיין פון אָרט. עס איז פאַר מיר וווּנדער איבער וווּנדער. און אָט אזוי בין איך אָפּגעשטאנען ביז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. און אונדזער חברה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— מיר זענען שוין אין האָנג־קאָנג? — פרעגן זיי מיר.

מיר שטייען שוין דאָ אַ היבש ביסל צייט, ענטפער איך זיי. קומט צו און זעט ווי שיין האָגקאָנג איז.

אונדזער שיף געפינט זיך אין פּאָרט האָנג־קאָנג. דער האַפן איז איינער פון די בעסטע אויף דער וועלט. די שיף געפינט זיך ביים סאַמן ברעג. מען דאַרף נישט צופאָרן מיט אַ שיפל, מען גייט פון שיף גלייך אַראָפּ אויף דער יבשה.

עס קומען צו צו אונדזער שיף אָרעמע כינעזער אויף זייערע „דזשאָנ־

קעס"־שיפֿלעך און שלאָגן אונדז פֿאָר צו קויפֿן זייערע סחורות, קרוזשעװעס, אויסגעניײטע בײַטעלעך, שטעקשיך. פֿאַרשײדענע צאַצקעס, געמאַכט פֿון פּאַטשערקעס, אויסגעשניצטע דראַקאָנען, טעמפּלען, זיסע זאַכן און נאַשערײַען. עס קומען אויך צו אויף זײערע דזשאָנקעס די „וואַסער־מענטשן", טאַימין, אויסצובעטלען עפּעס עסן. זײ קומען מיט זײערע װײַבער און קינדער. מיר וואַרפֿן זײ אַראָפּ, וואָס נאָר מיר קענען. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן וואַרפֿן זײ אַראָפּ עסנוואַרג, נאַשערײַען און אויך געלט. נאָר מער פֿון אַלעמען וואַרפֿט מען זײ אַראָפּ פֿון קיך.

דער זײגער איז געוואָרן 10 און די פֿאָרשטײער פֿון דער בריטישער מאַכט זענען אַרויף, צוגענומען אונדזערע פּעסער, זײ געשטעמפּלט, אײַנגעמאָנט פֿון יעדן די צען שילינג, וואָס איז אַ שטײַער פֿון יעדן אײנעם, וואָס גײט דורך דעם פּאָרט, און אונדז איז דערלויבט געוואָרן אַראָפּגײן אויפֿן ברעג און באַזוכן די שטאָט, אין וועלכער איך האָב זיך פֿאַרליבט פֿון מײַן ערשטן קוק. און פֿאַרשטײט זיך, אַז אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהײט. בלויז די קריגס־געפֿאַנגענע דײַטשן האָבן געמוזט פֿאַרבלײַבן אויף דער שיף.

בײַם ערשטן אַרײַנגאַנג אין שטאָט װערסטו װידער פֿאַרװונדערט. דיר איז שווער צו גלויבן, אַז דו געפֿינסט זיך אין אַן אַזיאַטישע שטאָט און נאָך אויפֿן ווײַטן מזרח, ווען אַלץ אַרום און אַרום איז דורך און דורך אײראָפּײאיש: ברײטע געראַמע גאַסן מיט לאַמטערנעס, עלעקטריק, טעלעפֿאָנען, טעלעגראַף סלופּעס, אײראָפּײאישע מויערן, גרויסע מאַגאַזינען דורכויס מיט אײראָפּײאישע סחורות, רעסטאָראַנען, פֿאַרשײדענע ביוראָס, קאַפֿעטעריעס, גרויסע עקספּאָרט און אימפּאָרט געשעפֿטן, טעאַטערס, מוװיס מיט האָליװודער בילדער; מען גײט דראַמען פֿון אײראָפּײאישן לעבן, אַלע אַפֿישן, אַנאָנסן, צײַטונגען, פּלאַקאַטן, זענען אין ענגליש׳ די פּראַכטפֿולע רעזידענץ־הײַזער מיט אַלע אײראָפּײאישע באַקװעמלעכקײטן. נישט מער: דו טרעפֿסט אַ סך כינעזער אין די גאַסן, שוין גאָר אַ סך. די ענגלענדער מוזן האָבן אַ סך באַדינער און אַרבעטער... און אַז די כינעזישע באַדינער קען מען קריגן אַזוי ביליק ווי פֿאַר דרײַ דאָלער אַ חודש, קען מען זיך דערלויבן צו האָבן דרײַ, פֿיר און מערערע באַדינער אין יעדע ענגלישע הויז... די ענגלענדער אַלײן זעט מען זײער װײניק אין די גאַסן. זײ זענען אין די געשעפֿטן, אָדער ביוראָס, אָדער גאָר אין דער הײם. פֿאַרשטײט זיך, אַז דאָ זענען אויך פֿאַראַן כינעזישע קלײן־געשעפֿטן, וועלכע טוליען זיך צו די אײראָפּײאישע. אויף זײערע שילדן, זײַט בײַ זײַט מיט די ענגלישע אויפֿשריפֿטן, געפֿינען זיך די אויפֿשריפֿטן אויך אין די כינעזישע הערואָגליפֿן. איבערן גאַס לויפֿן

טראַמווייען, ריקשעס און אייראָפּייאישע קאַרעטן, אָדער אויטאָמאָבילן. די פּאָליציי, אַזוי ווי אין שאַנכאַי, איז איינגעטיילט אין דריי סאָרטן.

נישט גרויס איז דער אייראָפּייאישער טייל פון שטאָט, דער אייראָ־פּייאישער געשעפטס־געגנט פון האָנג־קאָנג, אפשר אַ פיר־פינף גאַסן אין דער לענג און אין דער ברייט און געפינט זיך גלייך ביים האַפן. אָבער גלייך ווי דו גייסט פון דאַנען אַרויס פּאַלסטו צוריק אַריין אין אַזיע. קליינע, שמאָ־לע, שמוציקע כינעזער געסלעך, אָנגעפּילט מיט מענטשן. קינדער אין שמו־ציקע זאַכן וואַלגערן זיך אין די גאַסן, די „פּאַנזעס" (הייזער) ווי אומעטום אין כינע, קליינע, איבערגעפּאַקטע מיט מענטשן. עס טראָגט זיך איבער די געסלעך נישט קיין אָנגענעמער גערוך פון די מענטשן, פון די הייזער, רעס־טאָראַנען, כינעזישע געשעפטן. כינעזער שרייען, זידלען זיך, שווערן זיך, מאַכן מיט די הענט׳ דאָך דוכט זיך מיר, אַז דאָ איז די כינעזער אַ ביסל בעסער. נישטאָ אַזוי פיל בעטלער, זיי זענען אין אַלגעמיין אַ ביסל בעסער אָנגעטאָן. נישטאָ אַזוי פיל שמוץ. אפשר האָט זיך מיר אַזוי אויסגעדוכט צוליב דער נאַטירלעכער שיינקייט פון האָנג־קאָנג?

איך קום צו צום כינעזישן מאַרק. מען האַנדלט מיט רייז, פיש, ווערים, זשאַבעס, אויסטערס, פינאַטס, כינעזישע פלעצלעך, ברויט, זיידנס, לייוונט, געוואַנט, אָפּגעשיילטע אַפּעלסינען, אַנטיק זאַכן און מיט וואָס נישט? דער כינעזער וועט פון אַלץ מאַכן סחורה און מען האַנדלט און דער אייגנטימער איז אַ סוחר.

נו, אַ מאַרק! דער ווילנער מאַרק, דער וואַרשעווער גזשיבאָוו זענען גאָלד קעגן אים. נאָך אַ וויזיט אין דעם מאַרק דאַרף מען צופאָרן אין וויל־נער מאַרק ווי אויף אַ דאַטשע... דאָס איז אַלץ אונטן ביים פוס פון באַרג, וווּ עס האָבן זיך איינגעאָרדנט די ענגלישע און כינעזישע האַנדלס־צענטערן.

די ווייסע און די רייכע כינעזער וווינען אין די גאַסן, וואָס זענען אויס־געהאַקט אין די בערג־טעראַסן. די אַלע גאַסן דרייען זיך באַרג אַרויף אַזש צום שפּיץ. די געסלעך זענען אַזעלכע שמאָלע, אַז מען קען אפילו נישט פאָרן אַהין מיט אַ ברייטן טראָק. זיי זענען צוגעפּאַסט צו אויטאָמאָבילן און ריקשעס. אַזוי לעבן קאָנען זיך דערלויבן די ענגלענדער, אַמעריקאַנער און אויסלענדער בלויז אויפן ווייטן מזרח. כמעט נישטאָ קיין הייזער, צו וועלכע מיר זענען צוגעוווינט אין אונדזערע שטעט. יעדעס הויז איז אַ פּאַלאַץ, אַ ווילע אין אַ פּראַכטפולן טראָפּישן גאָרטן. יעדעס הויז האָט אירע צענדליקע באַדינער.

און אָט דערזע איך אַן ענגלענדער אויף אַ שטול. דעם שטול מיט אים טראָגן אין די בערג צוויי אָרעמע, קראַנק אויסזעענדיקע כינעזער. קוים, קוים

זיי שלעפּן. פון די כינעזער גיסט זיך דער שווייס, ווי פון אַ קוואַל. און דער „ציוויליזירטער" ענגלענדער שלאָגט זיי מיט אַ באַמבוק־שטעקן, זיי זאָלן גיין וואָס גיכער. און וואָס גיט ער זיי פאַר דער קאַטאָרזשנער, דערנידערנ־דיקער אַרבעט? אַ קלייניקייט. אפשר צען־פופצן סען. נישט אומזיסט שטאַר־בן די טרעגער זייער יונג. צי וואָלט דער סנאָבישער ענגלענדער זיך דאָס דערלויבט אין ענגלאַנד? און אויב יאָ, וואָס פאַר אַ שטראָף וואָלט ער דער־פאַר געקראָגן?

און די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין די אינטערנאַ־ציאָנאַלע שטעט פון כינע, האָב איך אַלס ייד העכסט סימפּאַטיזירט מיט די כינעזער, וועלכע אפילו אין זייער אייגן לאַנד, ליידן פון דעם שרעקלעכסטן גלות. די באַלעבאַטים איבער האָנג־קאָנג זענען נישט די כינעזער, נאָר די ענגלענדער, און ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס ווייסט נישט פון יושר, גערעכטיקייט, אמת, רחמנות. נישטאָ אין האָנג־קאָנג קיין כינעזישע סאָלדאַטן. דערפאַר זענען דאָרט די גאַנצע הערשער די בריטישע סאָלדאַטן און מאַטראָזן.

דעם גאַנצן טאָג, וואָס איך שפּאַציר איבער האָנג־קאָנג זע איך דעם הויכן באַרג וויקטאָריע. די ענגלענדער זאָגן מיר, אַז אין דער הויך כאַפּט ער אַרום 2,000 פוס און אַז מען פאָרט אַרויף צום שפּיץ מיט אַ קאַבעל וואַגאָן. נאָר איך בין שוין אַזוי פאַרמאַטערט פון מיין צו לאַנגן שפּאַציר, אַז איך אייל זיך צו דער שיף פאַר אַן אָפּרו און די רייזע אויפן באַרג לייג איך אָפּ אויף מאָרגן.

אין אָוונט, אויף דער שיף, האָבן מיר אַלע מיט באַוווּנדערונג גערעדט וועגן דער פּראַכטפולער שטאָט, וואָס מיר האָבן היינט אַלע באַזוכט און יעדערער האָט דערציילט וועגן זיינע איינדרוקן, נאָר אַז עס איז געקומען די פראַגע צי עס וווינען דאָ יידן און צי אימיצער האָט זיי געטראָפן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער פון אונדז האָט זיי נישט געטראָפן. איך האָב יאָ געוווּסט, אַז אין האָנג־קאָנג זענען דאָ יידן, אָבער איך האָב נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ יידן, וויפל איז זייער צאָל, מיט וואָס גיבן זיי זיך אָפּ, וואָס טוען זיי, וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמען זיי אין היגן לעבן. און מיר האָבן באַשלאָסן זיי מאָרגן אויסזוכן.

און טאַקע אויף מאָרגן אין דער פרי זענען מיר זאַלבעפינפט אַרויס מיטן צוועק אויסצוזוכן די האָנג־קאָנגער יידן און אויך צוזאַמען אַרויפגיין אויפן באַרג. אונדזער קאָמפּאַניע האָט זיך צעשאָטן איבערן געשעפטס־צענטער און יעדער איינער האָט געדאַרפט אָפּשטעלן די פאַרבייגייער, וועל־כע האָבן אַ יידישן פּנים און אים שטעלן די פראַגע, ווו איז דאָ אַ יידישע

שול? און עס האָט נישט גענומען קיין האַלבע שעה און מיר האָבן געפּאַקט אַן אָרטיקן יידן. אמת, מען קען נישט זאָגן מיט אַ פולן מויל, אַז ער איז געווען אַ דאָרטיקער, ווייל אַ געבאָרענער איז ער גאָר געווען פון ערגעץ אין קליין־אַזיע, ער האָט פאַרבראַכט אַ פערצן יאָר אין אַמעריקע און שוין זיבעצן יאָר, ווי ער וווינט אין האָנג־קאָנג. אַליין איז ער אַ פעסט געבויטער מאַן פון אַ יאָר פופציק, שטאַרק פאַרברענט און ער זאָגט אונדז, אַז ער שטאַמט פון די ספרדישע יידן. דאָ האָט ער אַ יוווע־ליר־געשעפט. מיט אַמאָל גיט ער אונדז אַ פרעג צי מיר זענען אַ טייל פון יענער פּאַרטיע, וואָס פאָרט פון וויטן מזרח קיין ארץ־ישראל, וועגן וועלכער ער האָט געלייענט אין דעם שאַנכאַיער „איזראַעל מעסענדזשער" ווען מיר האָבן געענטפערט אַז יאָ, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ער האָט אויפגעלויכטן און אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין גרויסע פרייד. ער האָט אונדז געבעטן גיין מיט אים אַ פּאָר קוואַרטאַלן צו דער און דער גאַס, ווו עס געפינט זיך זיין אויטאָמאָביל און ער האָט אונדז דערקלערט, אַז היינט זענען מיר זיינע געסט, אַז דעם טאָג מאַכט ער אַ יום טוב. ער וועט נישט זיין אין זיין קראָם. סיי ווי האָט ער אַ שותף, וועט יענער אַליין אַלץ באַזאָרגן. ער דאַרף בלויז צופאָרן צו זיין געשעפט און זאָגן זיין שותף, אַז היינט וועט ער אַ גאַנצן טאָג זיין פאַרנומען מיט אונדז. מיר זענען צוגעקומען צו זיין אויטאָמאָביל און ער האָט אונדז אַוועקגעפירט צו זיך, וווהין ער האָט אונדז אַלעמען איינגעלאַדן. ער האָט אונדז פאַרגעשטעלט פאַרן שותף. גערעדט מיט אים אויף אַ שפּראַך, וואָס מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען (מעגלעך אַראַביש, אָדער לאַדינאָ) און דערנאָך האָט ער אונדז איינגעלאַדן אין אַ באַזונדער צימער, ווו מיר האָבן דערזען אויפן טיש מצה, פרוכט, געבעקס און וויין. מיר האָבן געמאַכט אַ גוטן לחיים, צוגעביסן און נאָכן צובייסן האָט ער אונדז איינגעלאַדן אין זיין אויטאָמאָביל און דער נייער באַקאַנטער האָט אונדז גענומען פירן אַרויף אין די בערג.

מיר האָבן זיך אייניקע מאָל אַרומגעדרייט אַלץ העכער און העכער. דאָס האָט גענומען איבער אַ שעה צייט און מיט אַמאָל איז אונדזער מאַשין צוגעפאָרן צו אַ טויער פון אַן אייזערנעם געפלאָכטענעם צאַם און האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר זענען אַלע אַרויס. מיר זענען אַריין אין אַ װוּנדערבאַרן טראָפּישן גאָרטן אַרומגערינגלט מיט די פאַרשיידנסטע פּאַלמען און אינעווייניק בלומען. אַ טראָפּישער בלומען־גאָרטן, פאַנטאַסטישע בלומען, מיט העברעישע אויפשריפטן. און אין מיטן פון דעם בלומען־גאָרטן האָבן מיר דערזען די פּראַכטפולע געביידע פון דער האָנג־קאָנגער יידישער שול, געבויט אין שפּאַנישן סטיל. אויף אַ גרויסן שטיין, וואָס איז געשטאַנען פאַרן אַריינגאַנג אין שול, איז געווען אויסגעקריצט, אַז די שול האָט געבויט אין

דעם און דעם יאָר דער באַוווּסטער יידישער מיליאָנער קאַדוראַ, אין אָנ־דענק פון זיין יונגער פרוי, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַ פייער אין איר הויז.

מיר זענען אַריין אינעווייניק און די רייכקייט פון דער שול האָט אונדז פשוט פאַרבלענדט. מען האָט גלייך געקענט באַמערקן, אַז געלט אין דער בויונג פון דער שול האָט קיין ראָל נישט געשפּילט. די פאַרשיידענע טייערע קאָלירטע שויבן האָבן באַגאָסן די שול מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן. אין שול איז געווען עפּעס אַ מיסטיש טונקעלע באַלויכטונג, וואָס האָט גע־מוזט שאַפן אַ רעליגיעזן געפיל ביי די באַזוכער. די ווענט זענען געווען באַצירט מיט טייערע שטיינער און דער ארון קודש איז געווען פון עלפאַנט־ביין און די ספרי תורות האָבן זיך געפונען אין צילינדערס פון בלענדנד־ווייסן עלפאַנט־ביין.

מיר זענען אַרויס פון שול געפּלעפטע. ווער האָט דאָס געקענט טראַכ־טן, אַז דאָ, אין האָנג־קאָנג, אין כינע, געפינט זיך אַזאַ אויסטערלישע שול און אין אַזאַ מאַלערישן פּלאַץ? און דעם אמת וועל איך צוגעבן, אַז אין מיין רייזע איבער דער וועלט, האָב איך אַ צווייטע צו איר נישט געטראָפן. און זי איז פאַרבליבן אויף שטענדיק טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

מיר זענען אַריין אין דער גאָענטסטער געביידע, אין קלוב פון די האָנג־קאָנגער ספרדישע יידן. די געביידע האָט זיך געבויט אויפן רעכענונג פון אַן אַנדער שאַנכאַיען יידישן מיליאָנער. זיין נאָמען געדענק איך נישט. די געביידע איז באַשטאַנען פון דריי זייער גרויסע צימערן. איין צימער איז געווען פאַר פאַרשטעלונגען, קאָנצערטן, פאַרווייַלונגען. אין צווייטן צימער איז געווען די ביבליאָטעק און דאָרט זענען געשטאַנען פאַרשיידענע טישן און טישלעך, ווי ביליאַרד־טישן, טישן פאַר קאָרטן און פאַר שאַך־שפּיל. אין די שאַפעס אַרום די ווענט האָבן זיך געפונען ביכער אין ענגליש, העבר־עיש, אַראַביש און כינעזיש. אין אַן אָפּגעצאַמט ווינקל האָבן זיך געפונען די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס זיי באַנוצן צו זייערע קאָנצערטן.

דערנאָך זענען מיר אַריין אין דריטן זאַל, וועלכער האָט געדינט פאַר אַ רעסטאָראַן מיט אַ בופעט בלויז פאַר די מיטגלידער פון דער אָרטיקער יידישער קהילה. דאָ האָבן מיר טאַקע געגעסן מיטאָג.

דאָ טאַקע אין אַ געשפּרעך מיטן שמש פון שול און אונדזער אַראַבישן יידן האָבן מיר אויסגעפונען, אַז אין האָנג־קאָנג מוזן זיין אַ צוויי הונדערט יידן, אַז דער קלוב האָט איבער הונדערט מיטגלידער, אַז יידן האָבן אָנ־געהויבן אַריינקומען אין האָנג־קאָנג אין 1842, ווען עס איז דערלויבט גע־וואָרן אייראָפּייער אַריינקומען אין כינע. די יידן באַשעפטיקן זיך מערסטנס

מיט אָפּיום, רייז, עקספּאָרט און אימפּאָרט. קיין אַרבעטער צווישן זיי זע־נען נישטאָ, כמעט אַלע האָנג־קאָנגער יידן שטאַמען פון אינדיע, אָדער פון קליין־אַזיע. דאָס הייסט, אַז זיי אַלע זענען פון אונדזער ספרדישן צווייג. זייער היים־שפּראַך איז אַראַביש, אָבער לעצטנס דרינגט אַריין די ענגלישע שפּראַך אין די יידישע היימען. קיין יידיש קענען זיי קיינער נישט. מיט אשכנזישע יידן זענען זיי קיינמאָל נישט געקומען אין באַרירונג. דאָ מוזן זיין, האָבן זיי מיר געזאָגט, ענגלישע יידן, אָבער זיי קענען נישט איינע די אַנדערע. צוויי מאָל האָבן זיי געהאַט שלוחים פון אייראָפּע, ספּעציעל פון ענגלאַנד, נאָך פאַנדן פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. אויף דעם גיבן זיי מיט אַ פולער האַנט. כמעט אַלע יידן פון האָנג־קאָנג זענען ציוניסטיש געשטימט.

אַרויסגייענדיק פון דעם קלוב, האָט מען אונדז באַוויזן דעם ספּאָרט־פּלאַץ, טאַקע ביים קלוב. אַ פּלאַץ פאַר טעניס, בייזבאָל, פאַר פאַרשיידענע גימנאַסטישע איבונגען. אויך דער פּלאַץ איז אַרומגערינגלט מיט שיינע פּאַלמען און מיט וווּנדערבאַרע שיינע בלומען.

איך בין געווען אַנטציקט און האָב גרויס רעספּעקט געקראָגן פאַר אונדזערע ווייט־מזרחדיקע ברידער.

אַרויסגייענדיק פון שול־הויף, האָבן מיר זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט, כדי צו באַטראַכטן די פּאַנאָראַמע. מיר זענען אין די בערג, וועלכע זענען דורכגעשניטן מיט וועגן אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען. די טעראַסן פאַר־כאַפּן אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, ספּעציעל די פּאַלאַצן און ווילעס, וועלכע זענען איינגעטונקט אין בוימער און בלומען, טיף אַריינגערוקט אין די בערג. און דאָרטן טיף, טיף אַרונטער, זעט זיך דער גלאַטער, דער שפּי־גלדיקער כינעזישער ים. און אַלץ איז דאָ אַזוי פאַנטאַסטיש, ווי אין די פּלע־צער פון טויזנט און איין נאַכט.

ווי אין אַ חלום האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אין אויטאָמאָביל און געפאָרן שוין מיט אַן אַנדער וועג צום ים, צו אונדזער שיף. און ווידער דרייט זיך אונדזער אויטאָמאָביל אַרום די בערג, און ער לויפט אַלץ מער און מער ספּיראַליש אַראָפּ, ווידער אַרום און אַרום די שענסטע נאַטירלעכע פּאַנאָראַ־מעס און מיר ווערן פּשוט פאַרשיכורט פון פּראַכט און שיינקייט. אין מיטן וועג האָט אונדז דער ייד, וועלכער ביים געזעגענען האָט ער צום ערשטן מאָל אונדז געזאָגט, אַז ער הייסט אליהו, איינגעלאַדן צו זיך אַהיים אויף אַ פּסחדיקן מאָלצייט. מיר האָבן די איינלאַדונג נישט אָנגענומען. האָט ער אונדז פאַרזיכערט, אַז ביי אים אין דער היים איז אַלץ פּסחדיק, כשר, אמת יידיש. מיר האָבן אים דערקלערט, אַז מיר קענען די איינלאַדונג פאַר קיין פאַל

נישט אָננעמען. מיר זענען נישט געווען אויף דער שיף אַ גאַנצן טאָג און מיר מוזן זיך זען מיט דער חברה. אפשר מאָרגן.

מיר האָבן זיך צעזעגנט און אים באַדאַנקט פון טיפן האַרצן.

נאָר ער האָט אונדז נישט אָפּגעלאָזן. דאַן האָבן מיר אים איינגעלאַדן, ער זאָל קומען מאָרגן צו אונדז. קומענדיק צו דער חברה האָבן מיר זיי איבערגעגעבן וועגן אונדזערע היינטיקע איבערלעבונגען און איינדרוקן, האָט די גאַנצע גרופּע באַשלאָסן מאָרגן גיין זען די שול.

אייניקע האָנג־קאָנגער יידן האָבן זיך פון אונדז דערוווּסט און זיי זענען צו מאָרגנס געקומען צוזאַמען מיט אליהון צו אונדז אויף דער שיף. כמעט אַלע זענען מיט זיי געפאָרן. איך האָב זיך אַ ביסל אָפּגערוט און ווען די זון האָט אויפגעהערט אַזוי צו בראָטן, בין איך אַוועק אַליין צום באַרג, גענומען אַ קייבל קאַר און זיך אַוועקגעלאָזן אין דער הויך. ווער ס'האָט דאָס קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן ווי שרעק־לעך און אָנגעשטרענגט אַזאַ רייזע איז. דער באַרג איז משופּעדיק. און ווען אין מיטן וועג דו גיסט אַ קוק אונטן, פאַרשווינדלט דיר דער קאָפּ. שרעקלעך הויכע סקאַלעס און שווינדלעכע אָפּגרונטן אונטן. מיטן פולן באַוווּסטזיין דוכט זיך דיר, אַז דו געפינסט זיך צווישן לעבן און טויט. און פון דער צווייטער זייט זעסטו דעם טיפן ים גלייך אונטער דיר. און דו גיסט זיך אַ טרייסל און באַשליסט מער נישט קוקן אונטן. און דאָ פאָרן מיר צווישן בערג, איבער אָפּגרונטן, נישט מער ווי רעלסן זענען איבערגעלייגט צווישן די בערג. גאָט צו דאַנקען, מיר זענען שוין אויפן שפּיץ פון באַרג. אַלע זע־נען אַרויסגעשטיגן. דאָרט געפינט זיך אַ האָטעל און אַ רעסטאָראַן. מיר זענען אַריין אין רעסטאָראַן, געטרונקען מילך, פאַרביסן מיט זעמל. מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט איבער דריי שעה און זיך געלאָזט דערנאָך מיטן קאַבעל וואַגאָן צוריק באַרג אַראָפּ.

פיר טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין האָנג־קאָנג, די שענסטע שטאָט, וואָס איך האָב אויף מיין לעבן געזען. ביים פאַרלאָזן האָנג־קאָנג זענען גע־קומען מערערע האָנג־קאָנגער יידן מיט אונדז זיך זעגענען. ווי ברידער, נאָענטע האַרציקע ברידער האָבן מיר זיך מיט זיי געזעגנט און מיר זענען אַוועקגעפאָרן וויטער צו די ברעגן פון אינדיע — אין סינגאַפּור.

קאַפּיטל 26

אויפן דרום כינעזישן ים

מיר פאָרן צום עקוואַטאָר און מיר פילן דאָס. אונדזער שיף גייט צום דרום און יעדן טאָג ווערט הייסער און הייסער. די זון ברענט אומרחמנות־דיק און אַפילו אין דער נאַכט איז הייס, דערשטיקט צו ווערן, כאָטש עס בלאָזט אַ פייכט ווינטל. אויסערגעוויינלעך שיין זענען די זון אויפגאַנגען און שקיעות. דער גאַנצער ים איז העל באַלויכטן אין אַלע פאַרבן פון אַ רעגנ־בויגן און די כוואַליעס שפּיגלען אָפּ די פאַרבן אין אַ קאָנדענסירטן אופן, און זיי פאַרמאָגן אַ וועלט מיט שיינקייט. און אונטן אין ים זעט מען אַ גאַנצן טאָג די פאַרשידנסטע פישן, וועלכע שווימען אונדז נאָך, יאָגן זיך נאָך אונדז און כאַפּן אויף אַלץ, וואָס מיר וואַרפן זיי צו. מען ווייזט מיר אָן: דאָס זע־נען אקולעס, און די זענען דעלפינען און די זענען... ווער ווייסט זייערע אלע נעמען? נאָך שענער זענען די פליענדע פיש, וועלכע שפּרינגען ארויס פון ים כמאַדעסווייז. זיי פליען גראַדע גאַנץ הויך און לאָזן זיך אראָפּ צוריק אין די וואַסערן. און דו קענסט זיי זען אין דער הויך יעדע רגע, דאָ אויף דעם זייט, דאָ אויף א צווייטן זייט. מיר קענען אָפּשטיין שעהן לאַנג, באַ־טראַכטנדיק די פיש, מיטן גרעסטן אינטערעס און אונדז איז שווער אָפּצו־רייסן זיך פון זיי.

סאַראַ רחבות אויפן ים! גאַרנישט פאַרשטעלט דיינע אויגן פון די האָריזאָנטן. נישטאָ קיין בערג, קיין וועלדער, קיין מויערן. דער האָריזאָנט איז פאַר אונדז אָפן פון אַלע זייטן און ער איז גאָרנישט אַזוי ווייט... דער מענטש קען פאָרן איבער אים, נאָר ער באַהערשט אים נישט. ער בויט אויף אים נישט קיין שטעט, קיין הייזער, קיין פאַבריקן. אַלץ ארום און אַרום איז דאָ רויע נאַטור. גאָר נישט נאָכגעמאַכט, נישט געקינצלט״ און דערפאַר איז דאָ אַזוי שיין, אַזוי רייך — עכטע נאַטור קונסט.

ביי נאַכט איז דער ים באַדעקט מיט א פאָספאָר ליכט, וועלכער צינדט זיך אָן אויף א רגע און ווערט מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן. אויבן די העל שיי־נענדע לבנה און שטערן און אונטן איז באַלויכטן מיט פאָספאָר פונקען,

אַפילו די כוואַליעס זענען אָנגעפילט מיט אַ מאסע פון פאָספאָר שטערנדלעך. אַזאַ הערלעך בילד איז זעלטן ווו צו טרעפן.

אויסער דעם, איז דער באַוווסטזיין, אַז מיר פאָרן צום עקוואַטאָר, מאַכט מיר פילן דערהויבענער, שטאָלצער. איך האָב אַזוי פיל געלייענט וועגן די עקוואַטאָריעלע וואַסערן און לענדער, אַז איך האָב אַלע מאָל גע־טרוימט צו זיין דאָרט אמאָל. און איצט פאַרווירקלעך איך מיין לעבנס לאַנגן טרוים.

און אויף נאָך עפעס פיל איך זיך געהויבן. איך בין שוין דורכגעפאָרן צוויי אָקעאַנען — דעם אַטלאַנטיק און דעם פאַסיפיק און אין גיכן פאָר איך אַריין אין דעם דריטן אָקעאַן — דעם אינדיש.

אָבער מיר פאַרדריסט זייער שטאַרק, וואָס איך וועל נישט קענען באַ־זוכן אויסטראַליע. אמת, מיר פאָרן דורך די אויסטראַלישע וואַסערן, נאָר מירן נישט אַריינפאָר אַהין. און איך האָב זייער געוואָלט זיין דאָרטן, ווייל פון די פינף וועלט טיילן בין איך שוין געווען אין דריי: איראָפּע, אמעריקע און אַזיע. אין אַפריקע וועל איך אין גיכן זיין, וועט אויסבלייבן איין וועלט טייל, וועלכן איך וועל נישט באַזוכן.

און וואָס ווייטער מיר פאָרן ווערט הייסער און הייסער. פשוט עס ברענט און די זון וואַרפט אירע שטראַלן אויף אונדז פערפענדיקולאַר, גלייך פון אויבן אראָפּ, אונדז אין די קעפּ...

דער עולם ווערט נערוועז, אָנגעכמורעט, אומצופרידן. מען איז נישט צופרידן מיטן עסן. האָסטו געהערט אַזוינס, אַז מען זאָל געבן יעדן טאָג דריי מאָל מאַקאַראָנען, ספּאַגעטי? עס קריכט שוין פון האַלדז און מען קען זיך שוין אפילו צו זיי נישט צורירן. אייניקע פרומע, וואָס עסן נישט די טריפה שיף־שפּייז פאָדערן, מען זאָל זיי געבן די שפּייז אין רויער פאָרם און זיי אַליין וועלן זיי צוגרייטן. אַלע זענען אומצופרידן, וואָס מיר האָבן נישט קיין וואַנעס און ס'איז אוממעגלעך צו פאָרן אין די היצן אָן דאָס אָפּקילן זיך אין אַ וואַנע. ס'ווערט גערופן אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג אויף וועלכער מען האָט מיך דערוויילט אַלס פאָרשטייער פון דער גרופּע מיט אינסטרוקציעס איך זאָל וועגן דעם פאַרהאַנדלען מיטן קאַפּי־טאַן. פון דער גרופּע בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך גע־קענט צונויפרעדן מיטן קאַפּיטאַן אין ענגליש.

איך בין אַרויף צום קאַפּיטאַן און אים איבערגעגעבן די אַלע טענות פון מיין גרופּע. ער האָט מיר דערקלערט, אַז מיר זענען אַלע דעק פּאַסאַ־זשירן און אַלס אַזעלכע זענען מיר נישט באַרעכטיקט צו די פּריווילעגיעס פון די פּאַסאַזשירן פון די קאַיוטעס. דאָך וועט ער זען אַז מען זאָל אונדז

געבן בעסערע שפּייז, אַז מען זאָל די פרומע געבן שפּייז רויערהייט, זיי זאָלן זיי אַליין צוגרייטן, און אַז ער וועט פאַראָרדענען מען זאָל פאַר אונדז איינאָרדענען אַ ספּעציעלן שפּריץ פון קאַלטע וואַסער אויפן דעק. און טאַקע אין מיין אָנוועזנהייט האָט ער אריינגערופן זיינעם אַן ארויסהעלפער, אים איבערגעגעבן די פאַראָרדענונגען און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז נאָך היינט וועט דאָס אַלץ דורכגעפירט ווערן. איך האָב געוואָלט ארויסגיין, כדי ווייטער נישט פאַרנעמען זיין צייט, האָט ער מיך אָבער פאַרהאַלטן און איז אַריין מיט מיר אין אַ לאַנגן געשפּרעך וועגן מיין פּאַרטיע, וועגן ארץ ישראל און אַן אים איז געווען קענטיק, אַז די פראַגע האָט אים אינטערעסירט און ער האָט זיך באַצויגן סימפּאַטיש צו אַ נאַציאָנאַלער היים פון יידן אין זייער אלט-ניילאַנד. שמועסנדיק האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז זיין געהילף, וואָס איז נאָר וואָס דאָ געווען איז אַ ייד, אַן איטאַליענישער ייד פון ברינדיזי און ער האָט נאָך צוויי יידן אָנגעשטעלטע אויף דער שיף.

און טאַקע שפּעטער, ווען דער ברינדיזער ייד איז אַרויף צו אונדז וועגן דעם אָרדער, וואָס ער האָט געקראָגן פון קאַפּיטאַן, האָט ער מיר פּער־זענלעך געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד, נאָר ער האָט נישט געקראָגן קיין יידישע דערציונג. און ווייסט זייער ווייניק פון יידישקייט. אויך זיין פרוי איז אַ יידישע, אָבער זי ווייסט פון איר יידישקייט נאָך ווייניקער. ער געדענקט כאָטש דעם יידישן אלף־בית, זי ווייסט אַפילו דאָס אויך נישט. אויף מיין פראַגע פון וואַנען קען ער דעם א"ב, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז געגאַנגען אַ האַלבן יאָר אין חדר אין זיין היימשטאָט אין ברינדיזי. גראַדע האָב איך געהאַט אין מיין באַזיץ אַן ארץ־ישראל פּאָסט מאַרקע. האָב איך איר אַרויסגענומען און געוויזן. ער האָט איר מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט באַטראַכט און זיך זייער דערפרייט, ווען ער האָט דערזען אויף איר די העב־ברעישע בוכשטאַבן, און מיט באַגייסטערונג פאַר מיר דעמאָנסטרירט זיין קענטעניש אין העברעיש. „דאָס איז אַ „פּיי", דאָס איז אַ „למד" און אַזוי ווייטער. דערזעענדיק זיין באַגייסטערונג און פרייד, האָב איך אים די א"י פּאָסטמארקע געשענקט. ער האָט מיר האַרציק באַדאַנקט, ארויסגענומען א שטיקל פּאַפּיר פון קעשענע, פאָרזיכטיק איינגעוויקלט די מאַרקע אין פּאַ־פּיר און אַריינגעלייגט דאָס אין זיין פּאָרטמאָנע.

— די מתנה, — האָט ער מיר געזאָגט, — וועל איך ברענגען מיין פרוי אַהיים.

און ער איז שוין פאַרבליבן אונדזער פריינד אויף דער גאַנצער רייזע. ווען נאָר ער האָט געהאַט צייט פלעגט ער קומען צו אונדז אויפן דעק.

מיר פאָרן שוין דעם פינפטן טאָג. מיר זענען שוין לאַנג פאַרבייגעפאָרן

דעם אינדזל האינאן. איצט פאָרן מיר צווישן דער פראנצויזישער אינדאָ־כינע און פיליפינער אינדזלען און מיר דערנענטערן זיך צו די ברעגן פון דעם גרויסן אינדזל באָרנעאָ. די גאנצע וועג פאָרן מיר פאַרביי אינדזלען. זיי זענען דאָ צעזייט אין די טויזנטער, נאָר מיר פאָרן אַזוי ווייט פון זיי, אַז מיר קענען גאָרנישט זען, וואָס אויף זיי טוט זיך. פון האָנגקאָנג ביז סינ־גאַפּור איז 1675 מייל. אונדזער עולם איז פאַרטאָן אין לערנען זיך. א גע־וועזענער לערער אין אַ העברעישער גימנאַזיע לערנט אונדז העברעיש. ער האָט איינגעטיילט אונדזערע חלוצים לויט זייער קענטעניש אין גרופּן און מען שטודירט גאַנץ געשמאַק די שפּראַך. דער עולם הויבט שוין אביסל אָן צו פּלאַפּלען אין העברעיש. אַנדערע לייענען שוין העברעישע מעשיות און פאַרוואַרפן דעם לערער מיט פראַגן, מען פאַרשרייבט די שווערע ווערטער אין א נאָטיץ ביכל און מען חזרט זיי אויס אין אַ פרייער צייט. אויפן וואַנט הענגט אַ קאַרטע פון ארץ ישראל און מען באַנוצט איר גאַנץ געשמאַק ביי לעקציעס פון יידישער געשיכטע און פון ארץ ישראל קענטשאַפט.

און אין די אָוונטן, אַז ס'זענען נישטאָ קיין לעקציעס און קיין אַנדערע אַרבעטן, דערציילט מען מעשיות פון די היים שטעט, וועגן פּאָגראָמען, ביר־גער קריג, מלחמה, מען שפּילט, אָדער מען זינגט אין כאָר.

און דער ים איז ווי אַ שפּיגל אויסגעלייגט פאַר אונדז. די טעג זענען וווּנדערבאַרע. כאָטש עס איז דער רעגן סעזאָן, רעגנט נישט בייטאָג, נאָר דורך דער נאַכט. און דער רעגן איז אויך נישט קיין דויערנדיקער. גיט פאַר אַ קורצע צייט אַ גאָס און הערט אויף. ווידער א גאָס און פאַרטיק. און ער ווערט נישט באַגלייט פון דונערן און בליצן. און גלייך נאָכן רעגן איז א גרויסער פאַרגעניגן, וואָס די לופט האָט זיך אביסל אָפּגעקילט, עס בלאָזט אַ קילער ווינטעלע, וואָס דערפרישט און דערקוויקט.

די פּאַסאַזשירן זענען מערסטנס פון די אַרומיקע לענדער אינדזלען. רעדסט זיך מיט זיי פאַנאַנדער און עס אַנטפּלעקן זיך פאַר דיר נייע וועלטן. זיי דערציילן דיר פון קליינע שבטים, קאַסטעס, טעמפּלען, רעליגיעס און אַלץ איז פאַר אונדז אַזוי קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט, אַז אַן אייראָ־פּעישן איז דאָס שווער צו פאַרשטיין. ווען זיי דערציילן פון זיך גיבן זיי אָן זייער אָפּשטאַם, זייער קאַסטע, וואָס דאָס האָט פאַר מיר קיין באַדייטונג נישט. אַ סך פון זייערע רעליגיעס זענען גאָר קיין רעליגיע נישט אין זין, ווי מיר פאַרשטייען דאָס. ס'זענען גאָר געזעלשאַפטלעכע אָריענטאַלישע פילאָ־זאָפיעס, אָדער ציווילע געזעצן ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך באַגיין מיט זיינע מיטמענטשן, אין געזעלשאַפט, אין שטאָט, אָדער דאָרף און אין דער קע־ניגרייך. ס'איז אַן אָריענטאַלישע פילאָזאָפיע וועגן לעבן און טויט. דאָך,

וואָס מער דו פאַרברענגסט מיט זיי, אַלץ מער פאַראינטערעסירן זיי דיך און דו ווילסט וויסן וועגן זיי מער און מער.

וועגן אייראָפּעער האָבן זיי אַלע אַ שלעכטע מיינונג. זיי האַלטן פון זיי אַלס מענטשן אָן מענטשלעכקייט. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מענטשן זאָלן זיך איינע די אַנדערע אויסשעכטן?! און יעדערער פון זיי ווייסט די גרויזאַמקייט פון די ווייסע טייוואָלים. עס דערציילן מיר וועגן דעם די כינעזער, די פיליפּינער, די הינדוסן, די מאַלאַיער, וועלכע פילן אויף זיך שטאַרק דעם יאָך פון די ווייסע.

ספּעציעל האָב איך זיך באַפריינדעט מיט פיר אינדוסן. אַלע פיר זע־נען פון דער שטאָט קאַלאָמבאַ, וואָס אויפן אינדזל ציילאָן. איינער איז א פאַבריקאַנט פון פאַרשידענע אַרטיקלען פון עלפאַנטביין. ער האָט מיר באַ־וויזן אַ שאַך, האָב איך זיך פון אים נישט געקענט אָפּרייסן. די פיגורן זע־נען העכסט קינסטלעריש אויסגעשניטן, און אַ סאָלדאַט איז טאַקע אַן אויסגע־קריצטער סאָלדאַט, א פערד איז אַ פערד, מיט פיר פיס, מיט א קערפּער, גריווע, עק. און די האָר זענען אַזוי אויסגעשניטן, אַז זיי זעען אויס ווי האָר. און אָנקומענדיק אין קאַלאָמבאַ האָט ער מיר אַזאַ שאַך געשענקט און איך האָב אים נישט געוווסט מיט וואָס אָפּצודאַנקען. אין ארץ ישראל האָט פּראָ־פעסאָר שאַץ דאָס צוגענומען פאַר זיין מוזיי. דער צווייטער איז געווען א פּאָלקס לערער אין קאַלאָמבאַ פאַר די מאַלאַישע קינדער. זייענדיק אין קאַלאָמבאַ האָב איך איינמאָל באַזוכט זיין שול. דער דריטער איז געווען קאָנטראָלער אויף די ציילאָן באַנען און דער פערטער איז געווען א הייזער אייגנטימער. זיי האָבן שטאַרק שטאָלצירט, וואָס זיי זענען בענגאַליער, ד.ה. פון דער בענגאַליער טעריטאָריע און זענען אַריסטאָקראַטן — בראַמינער; און דאָ זענען זיי עפּעס פּריווילעגירטע. וואָס איז דער יחוס פון די בענגאַ־ליער, ווייס איך ביז היינטיקן טאָג נישט. נאָר איך האָב זיי זייער ליב גע־קראָגן. און אַלע מאָל, ווען איך האָב נאָר געהאַט א ביסל צייט, פלעג איך מיט זיי פאַרברענגען. מיך האָט פאַראינטערעסירט זייער וועלט, וועלכע איז אין גאַנצן אַנדערש פון אונדזערער. זייערע מיינונגען, זייערע געדאַנקען, זייער אויפנעמען זאַכן איז אין גאַנצן פאַרשידן פון אונדזערע. זיי האָבן נישט פאַרזוכט קיין פלייש, ווייל מען טאָר נישט עסן קיין פלייש פון לע־בעדיקע וועזנס. פאַרשטייט זיך, אַז מען טאָר קיינעם נישט טאָן קיין שלעכטס — חיות, פייגלען, אַפילו פליגן, קאָמאַרעס, בינען. די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך געשפּייזט מיט ברויט, פלעצלעך, פּרוכט, גרינס געפּרעגלט אין בוימל. זיי זענען אַזוי ווייט דערגאַנגען אין זייער ליבע צו לעבעדיקע וועזנס, אַז מען טאָר אַפילו נישט דערהרגענען אַ שלאַנג, וועלכע וויל דיר אַריינ־

לאָזן איר סם. מען קען אויף איר ווירקן מיט מוזיק, געזאַנג, פון וואָס זי האָט א סך פאַרגעניגן און זי וועט אין דיר דאן איר סם נישט אריינגעבן. איינמאָל האָבן מיר אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן ענגלאַנד, איר שענדלעכן באַגיין זיך מיט די הינדוסן, מיר האָבן גערעדט וועגן זייער גרעסטן דיכטער טאַגאָרן, זייער גרעסטן פירער גאַנדי. אין געשפּרעך האָב איך אביסל קריטיקירט זייער פאָלק פאַר דער טעאָריע פון נישט געגנשטעלן זיך קעגן שלעכטס מיט שלעכטס. אַז מען דאַרף קעמפן נישט פּאַסיוו, נאָר אַקטיוו. ווען זיי האָבן מיר פאַרשאָטן מיט פראַגן וועגן אקטיוון קאַמף, האָב איך אַנגעגעבן טעראָר, אַלס איינעם פון מיטלען פון קריג. פון דעם האָבן זיי זיך אַלע אָפּגעטרייסלט.

— ווי שלעכט אַן ענגלענדער זאָל נישט זיין, איז ער פאָרט א לעבע־דיק וועזן, און טעראָר איז מערדעריי און קיין מערדער ווילן מיר נישט זיין, ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין.

און איינמאָל האָב איך זיי דערציילט וועגן די העלדן פון דער רוסי־שער פּארטיי „נאַראָדנאיאַ וואָליאַ" — זשעלאַבאָוו, סאָפיע פּיראָווסקאַיאַ א. אנד. און דאָס האָט אויף זיי קיין רושם נישט געמאַכט. דער לערער האָט דערביי באַמערקט: „זיי זענען געווען פּשוטע מערדער". ווען איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף די הייליקע צוועקן פון זייערע מאָרדן, האָט מיר א צווייטער געענטפערט — קיינע הייליקע צוועקן קענען נישט רעכטפאַרטיקן מאָרד.

— אַ מענטש, וואָס איז באַגאַנגען מאָרד טאָר קיין פירער נישט זיין, האָט מיר איינער פון זיי געזאָגט.

די רעגנס ווערן אָפּטער און אָפּטער און אַפילו די ברעזענטן פון אויבן און ביי די זייטן באשיצן אונדז נישט. פון די רעגנס און די שרעקלעכע היצן פילט זיך דער עולם נישט גוט. מען איז נישט אויסגעשלאָפן, א סך ליידן קאָפּווייטאָק און מען איז צערייצט. דער עולם איז געוואָרן אַפּאַטיש, מען קוקט שוין נישט אויף די פיש אין ים, אויף די פליענדע פישלעך און אויף די פאָספאָר פייערלעך.

און די היץ ווערט אומדערטרעגלעך: די גאַנצע וועלט ברענט אין א העלישן פייער. מען ווערט פויל. עס ווילט זיך נאָר ליגן אויפן בעטל. נאָר לאַנג ליגן אויף איר קען מען אויך נישט. עס ווערט נאָך ערגער: אין א פּאָר מינוט ווערט אַלץ אויף אונדז און ארום אונדז נאס פון שווייס און מיר מוזן אראָפּ פון אונדזער באמבוק בעטל. מיר זענען שוין ביים מאַלאַיִשן האלב אינדזל, וועלכער האָט זיך ווי א שטרויס האַלדז אריינגעצויגן אין ים אַריין און זיך פאַרנאַנדערגעלייגט צווישן די גרויסע אינדזלען סומאַטראַ, באָרנעאָ און יאַוואַ. ביים סוף פון דער שטרויס האַלדז ליגט דער קליינער אינדזעלע

סינגאַפּור. און אַט אויף דעם מפּיל אינדזעלע האָט מען אויסגעבויט די שטאָט סינגאַפּור. מיר געפינען זיך אין גאַנצן צוויי גראַד פון עקוואַטאָר.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס זענען אַרויף די ענגלישע באַאַמטע. דאָ איז דער קאָנטראָל, די רעוויזיע און די פראַגן גאנץ ערנסטע, אַ גאַנץ גרינטלעכע. מען האָט יעדן צוגערופן צום טיש, צוגענומען דעם פּאַס, גוט באַטראַכט די וויזעס און די שטעמפּלען. מיר געפינען זיך ביי די ברעגן פון איינער פון די גרעסטע און שטאַרקסטע פעסטונגען פון דער ענגלישער אימ־פעריע, וועלכע קאָנטראָלירט די אַלע וועגן אויפן אינדישן אָקעאַן און דארף פאַרטיידיקן איירָאָפּע און אַזיע פון יאַפּאַן — מיר זענען אין סינגאַפּור.

מען דערלויבט אונדז אַלעמען אַראָפּ אויפן ברעג. מיר דינגען מאַ־לאַיער קליינע שיפלעך אונדז צוצופירן צו דער יבשה.

קאַפּיטל 27

סינגאַפּור

עפּעס א מאָדנער געפיל באַהערשט מיך, ווען איך פאָר מיטן קליין שיפל פון מיין „טריעסט" צו דער שטאָט און פעסטונג סינגאַפור. איך בין ביים אקוואטאָר! איך בין אין אינדיע! פון מזרח זייט פון מיר איז דער פּאַציפישער אָקעאַן און פון מערב זייט דער אינדישער. איך בין שוין ארויס פון דער ספערע פון דער געלער מאָנגאָלישער ראַסע און בין צוריק אין דער ספערע פון דער ווייסער ראַסע, כאָטש איך פערזענלעך וואָלט די אינדוסן נישט צוגערעכנט צו דער ווייסער ראַסע, ווייל זיי זענען נישט ווייס, נאָר עפּעס צווישן ווייס און שווארץ. און ווי אנדערש זיי זענען פון די אייראָפּעער. אין גאנצן אנדערע מענטשן. אין גרונט גענומען וויינען דאָ מערסטנס מאַלאַיער, די געבאָרענע דאָ אויפן מאַלאַישן האלב אינדזל. אויך אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג באַשטייט פון אינדוסן און כינעזער. אויסער זיי זענען דאָ א סך פון די אַרומיקע גרויסע אינדזלען און א געמיש פון די פאַרשידנסטע אַזיאַטישע לענדער און אייראָפּעער פון וועלכע דעם ערשטן אָרט פארנעמען די ענגלענדער. א מיש מאַש פון אַלע פעלקער. אן אינטערנאציאָנאלע שטאָט. מענטשן פון אַלע נאַציעס, ראַסן, גלויבנס. אַ מיש מאַש פון מענטשן.

און די היץ איז נישט אויסצוהאלטן; עס ברענט פשוט. דער הימל טונקל בלוי און ריין, ווי ערשט אָפּגעפארבט. קיין ברעקל פלעק איז אויף אים נישטאָ.

אויפן ברעג האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט טויזנטער מענטשן און יעדער איינער איז דוכט מיר עפּעס אנדערש פון דעם צווייטן. די אייראָפּעער אין זייערע ווייסע רעקלעך און הויזן, די כינעזער אין זייערע זיידענע קליידער און קאָפּטעס, יאַפּאַנער אין זייערע קאָפּטעס, די אינדוסן אין זייערע ווייבערשע קליידער און מענערשע רעקלעך, מיט זייערע שווארצע, לאַנגע, געדיכטע האָר, וועלכע זיי האַלטן אין אָרדענונג מיט זייערע לאנגע גרויסע קאַמען. די אָרימערע אין לאנגע העמדער ארומגעבונדן מיט אַ גאַרטל און אָפּט אָן אַ גאַרטל. נאָך אנדערע אין לאַנגע, ברייטע קאָלירטע

כאַלאַטן. אויפֿן קאָפּ טראָגן זיי טורבאַנען — אַ הויכע ווייסע יאַרמעלקע און אַנדערע גייען דעם קאָפּ נישט פֿאַרדעקט. און גאָר די אָרימע, גייען כמעט אין גאַנצן נאַקעט. נישט מער זיי טראָגן אונטערן גאַרטל אַ שמאַטע, מיט דעם פֿאַרדעקן זיי זייערע שאַנדעס. אַליין זענען די אָרטיקע אינדוסן און מאַלאַיער זייער שיינע, הויכע, שלאַנקע, נאַרמאַלע פּנימער און אויסדרוק־פֿולע אויגן. אויף די פּנימער איז אויסגעגאָסן אַ וואַרעמע גוטמוטיקייט. און איך האָב ליב געקראָגן אָט די פֿרעמדע מענטשן פֿון מיין ערשטער באַגעגע־ניש מיט זיי. פֿאַרשטייט זיך, אַז די אמהעכסטן אונטערדריקטע זענען די נייטיווס, די מאַלאַיער, די טונקל גאָלדענע מאַלאַיער. זיי זענען דאָ די פּאַ־ריער. אָנגעטאָן זענען זיי פּרימיטיוו: זיי זענען איינגעוויקלט אין ווייסע, ברייטע ליילעכער. אַנדערע, אָן די ליילעכער טראָגן אויף זיך ווייסע הויזן, און גאָר אַנדערע אין קורצע הייזלעך אַליין.

צו אַלעם ערשטן מאַך איך אַ שפּאַציר איבערן שטאָט. און ווי אין די אַלע אַנדערע ענגלישע פּאָרט־שטעט אין די ווייטע לענדער, אויך דאָ ליגט צוערשט דער אייראָפּייאישער טייל פֿון שטאָט, און די היץ אין שטאָט איז נאָך ערגער ווי אויפֿן וואַסער. די שטאָט איז באַגאָסן מיט די בעלנדנד־ברענענדיקע שטראַלן, וועלכע באַקן אָן רחמנות און דיר דוכט זיך, אַז די זון האָט זיך ספּעציעל אָנגעזעצט אויף דיר, כדי דיך אומצוברענגען און דו האָסט שטאַרק מורא פֿאַר אַ זונענשטאָך.

אַלץ איז דאָ אייראָפּייאיש: די גאַסן, די הייזער, די טראָטואַרן, האָ־טעלן, טעאַטערס, מוויס, רעסטאָראַנען, קאַפֿע־הייזער, טראַמווייען, גרויסע געשעפֿטן, רייכע ביוראָס. נאָר אייראָפּייער זענען דאָ זייער ווייניק. אויף די גאַסן טרעפֿסטו מערסטנס מאַלאַריער, כינעזער, יאַפּאַנער, וועלכע רעדן אין זייערע שפּראַכן. ענגליש הערט זיך דאָ ווינציק. אַזוי ווי אין האָנג־קאָנג און שאַנכאַי, איז דאָ אַ דרייענדיקע פּאָליציי: די נידעריקסטע איז פֿון די מאַ־ליער, די העכערע איז די הינדוסישע און די קאָרפּן־קעפּ באַשטייען פֿון ענג־לענדער. איבער די גאַסן לויפֿן ריקשעס, קאַרעטן, אויטאָמאָבילן, קליינע בריטשקעס איינגעשפּאַנט מיט די קליינע מאַלאַישע פֿערדלעך, און גרויסע וועגענער מיט סחורה איינגעשפּאַנט מיט זעבוס (ענלעך צו אונדזערע אָקסן, נאָר זיי זענען מילך־ווייס). זעלטן, גאָר זעלטן וועסטו דאָ טרעפֿן עלעפֿאַנטן, וואָס אַרבעטן, אָדער פֿירן אויף זיך פּאַסאַזשירן.

אַ גרויסער סורפּריז איז פֿאַר מיר געווען זען אויף די ווענט, אויף סטאָלבעס גרויסע פּלאַקאַטן, אַז אין די און די דאַטעס וועט געבן זיינע קאָנצערטן דער וועלט־באַוווסטער אפרים צימבאַליסט. איך האָב די זעל־ביקע פּלאַקאַטן געזען אויך אין שאַנכאַי און האָנג־קאָנג. הייסט, אין אַ

קורצער צייט פאַר מיר, האָט ער געמאַכט אַ טור איבערן ווייטן אָריענט. טיף אין האַרצן האָב איך שטאַלצירט מיט דעם: אונדזערער אַ רוסישער ייד און מען פאָדערט אים אַרויס אַזש פון אַמעריקע.

און וואָס מער איך שפּאַציר איבערן שטאָט, אַלץ מער וואַרפט זיך מיר אין די אויגן דער נאָמען „ראַפלס". ראַפלס גאַס, ראַפלס סקווער, ראַפלס מאָנומענט, ראַפלס מוזעום. מען דערציילט מיר, אַז ראַפלס איז געווען אַן ענגלענדער, וועלכער האָט פאַרבראַכט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן אין די געגנטן. ער האָט געקראָגן דעם אינדזל סינגאַפּור אַלס אַ מתנה פאַר זיין מיליטערישער הילף, וואָס ער האָט געגעבן דעם אָרטיקן סולטאַן. דער אינדזל האָט מיט זיך דאַן פאַרגעשטעלט אַ שטיק דזשאַנגל, וווּ עס האָבן זיך געפונען בלויז עלעכע מאַלאַיער פישער און אין יאָר 1826 האָט ראַפל אַוועקגעשענקט דעם אינדזל דער בריטישער אימפּעריע און דערפאַר איז זיין נאָמען אַזוי אָנגעזען אין סינגאַפּור אפילו נאָך זיין טויט...

איך נעם אַ ריקשע און הייס מיך פירן איבערן שטאָט. דער ריקשע־מאַן איז אַ יונגער, געזונטער שוואַרצער, וואָס לויפט שנעלער פון אַ פערד. צונויפרײדן זיך מיט אים האָב איך פאַר קיין פאַל נישט געקענט. ער האָט בלויז געקענט ריידן אין זיין מאַלאַיִשער שפּראַך. דאָך האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס איך וויל פון אים.

סינגאַפּור איז אַ ווונדער שיינע שטאָט. די מערסטע הייזער זענען אַרומגערינגלט מיט עקוואַטאָריעלע ביימער, פלאַנצונגען און בלומען. די גאַסן איבערראַשן דיך מיט זייער שיינקייט און רייכקייט. אָבער צוזאַמען מיט דער אויסערגעוויינלעכער שיינקייט און רייכקייט טרעפסטו אויף יעדן טראָט אַן אויסערגעוויינלעכע אָרעמקייט. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די מאַלאַיער אַרבעטער קריגן פאַר אַ שווערן טאָג אַרבעט פון 15 ביז 25 סט... אָבער די איבערוועגנדיקע מערהייט ווייס אין גאַנצן נישט פון אַרבעטן. דאַרפסט נאָר אַ קוק טאָן אויף די הי־געבאָרענע מאַלאַיער און די פאַר־שיידנסטע שוואַרצע פון די אַרומיקע אינדזלען, ווערסטו גלייך זען אין וואָס פאַר אַ בויט זיי לעבן דאָ. אמת, גאָר אַ סך פון זיי געפינען זיך אויף די אונ־טערשטע שטאַפּלען פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג, קענען מער נישט ציילן ווי ביז דריי, וויסן נאָך נישט פון אַרבעט און וויסן נישט די באַדייטונג פון געלט. און אויב זיי אַרבעטן שוין יאָ, האָבן זיי פיינט צו אַרבעטן צו לאַנג. אַ פּאָר שעה איז פאַר זיי גענוג, קריגן דערפאַר שפּייז פאַר אַ גאַנצן טאָג און פאַר דאָס איבעריקע זאָלן די גייסטער זאָרגן, אָדער דער עקוואַ־טאָריעלער קלימאַט וועט זיי באַזאָרגן. קיין סך דאַרפן זיי נישט. די ביימער, דער ים, די וועלדער גיבן זיי אַ סך שפּייז און שלאָפן קענען זיי אומעטום

און קיין אַנדערע באַדערפענישן האָבן זיי כמעט נישט. די מאַלאַיער זענען מאַכמעדאַנער, נאָר דער מאַכמעדאַניזם זייערער איז נישט קיין ריינער, ער איז צונויפגעמישט מיט די גלויבנס און פאָראורטיילן פון די אַרומיקע שוואַרצע פון די דזשאַנגלס. זיי האָבן נישט קיין באַגריף פון אייגנטום און ווייסן נישט, וואָס איז מאָראַל. שיין זענען זייערע הייזלעך, וואָס געפינען זיך איבערן וואַסער פון ים, אָדער ביים סאַמן ים־ברעג. די הייזלעך שטייען אין דער הויך אויף סלופּעס. אויב זייערע הייזלעך זענען איבער דער ערד, פאַרזייען זיי אַרום די הייזער ביימער. כמעט יעדע הויז איז אַרומגערינגלט מיט הויכע ביימער. די ביימער, זאָגן זיי, באַשיצט זיי פון די קראָקאָדילן, וואָס געפינען זיך דאָ ביי די ברעגן פון ים אין אַ גרויסער צאָל.

מיר פאָרן אַרויס פון מאַלאַיִשן טייל און פאָרן אין אַנדערע טיילן. די יאַפּאַנער סעקציע איז אַ שטיק קאָבע אָדער נאַגאַסאַקי. דאָס זעלבע איז מיט דער כינעזישער סעקציע: אַ שטיק פון אַלטן כינעזישן שאַנכאַי. אָבער דאָ וווינט כמעט בלויז די כינעזישע אָרעמקייט. גראָד האָבן די כינעזער גע־מאַכט דאָ מאַטעריעל דעם גרעסטן דערפאָלג. די רייכע וווינען אין דעם ענגלישן טייל פון שטאָט. זיי זענען גרויסע פּראָדוצירער, אינדוסטריאַליסטן, פּלאַנטאַטאָרס און אָנגעזעענע פינאַנסיסטן. און די מערסטע אַרבעטן ווערן געטאָן דורך כינעזישע אַרבעטער, וועמעס אַרבעט ווערט דאָ אַמבעסטן באַ־צאָלט. די הינדוסן וווינען אין זייערע ווייסע ליימענע הייזער. אַ מאָדנעם איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די קינדער אין די אָרעמע קוואַרטאַלן. אַ סך גייען מוטער נאַקעט, אַנדערע אין העמדלעך, וואָס זענען אַמאָל געווען פון ווייסער מאַטעריע און די רייכערע טראָגן שוין ווייסע קורצע הייזלעך מיט אַ לאַנג העמד, וואָס זעט אויס ווי אַ בלוזע. קינדערשע, אָבער ערנסטע פּנימער. שטיפן נישט ווי אונדזערע קינדער. אינטערעסאַנט זענען אין די קוואַרטאַלן די פאַרשיידענע טעמפּלען פון די כינעזער, יאַפּאַנער, הינדוסן, פאַרזייען זיי אַרום די הייזער ביימער. כמעט יעדע הויז איז אַרומגערינגלט פייער. איך האָב זיך אויך אָנגעשטויסן דאָרטן אויף אַן אַמעריקאַנער קריסט־לעכע מיסיע.

נו, עס איז שוין לאַנג נאָך האַלבן טאָג. מען דאַרף עפּעס עסן. אויף דער שיף עסן די מאַקאַראָנעס וויל איך נישט. איך גיי אַריין אין אַ רעס־טאָראַן, עפּעס אין אַ טונקעלן מויער. אַלע פענצטער זענען פאַרהאַנגען. ביים בופעט זיצן אַ פּאָר הינדוסן. זיי ריידן שוין ענגליש. איך באַשטעל אַ סטייק. זיי ווייזן מיר אָן אָרט, וווּ צו זיצן. איך בין דער איינציקער עסער אין דעם רעסטאָראַן. גלייך, ווי איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, זענען צו מיין טיש צו־געלאָפן צוויי הינדו־יינגלעך און זיך אַוועקגעשטעלט ביי ביידע זייטן פון

טיש און יעדערער האָט גענומען אַ שטריקל, וואָס הענגט פון סטעליע אי־בער מיין טיש און עס האָט אָנגעהויבן צו פּאַכען, און דער קינסטלעכער ווינטל איז פאַר מיר ווערט געווען גאָר דאָס געלט. עס איז פאַר מיר געווען אַ דערפרישונג. דאָ האָב איך ערשט באַמערקט, אַז איבערן טיש הענגט אַראָפּ אַ לייוונט אין דער לענג פון אַ ליילעך, צו וועלכער עס זענען צוגע־בונדן די צוויי שטריקלעך, וואָס די ייִנגלעך האַלטן אין זייערע הענט. יעדער ציט דעם שטריקל צו זיך און דאָס שאַפט אַ ווינטל. קענטיק דעם סטייק האָבן זיי געדאַרפט ספּעציעל פאַר מיר קויפן און דערנאָך אים צורעכט מאַכן, אַזוי, אַז איך האָב אַ לאַנגע צייט געדאַרפט אויף אים וואַרטן. נאָך מער, קיין פלייש אויף זייערע מאַרקן פאַרקויפט מען נישט, האָבן זיי גע־דאַרפט שיקן קויפן דעם סטייק אין איראָפּייאישן קוואַרטאַל. קורץ, איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף מיין סטייק אפשר אַנדערהאַלבן שעה און די גאַנצע צייט האָבן די צוויי ייִנגלעך אויף מיר געפאָכעט. און ווען איך האָב זיי פאַרן אַוועקגיין איבערגעלאָזן אַ קליינע מטבע, זענען די קינדער, דוכט מיר, געווען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט. נאָר איך בין אַרויס נישט צופרידן. צופיל פעפער און אַנדערע בייסנדע געווירצן האָבן זיי צוגעגעבן צום סטייק, און זייערע געבעקס אָנשטאָט ברויט איז מיר נישט געווען צום האַרצן.

איך האָב געהערט זאָגן, אַז דאָ איז פאַראַן אַ באָטאַנישער גאָרטן איך וועל צוגיין זען אַן עקוואַטאָריעלן באָטאַנישן גאָרטן און דערוויַיל וועל איך דאַרט זיך אַ ביסל אָפּרוען אויף אַ באַנק. און איך האָב געבעטן אַ ריקשע־מאַן מיך אַהין צופירן. אָט דער גאָרטן איז טאַקע דער גן־עדן פון דער וועלט. עס איז פאַר מיר אַן איבעררעשונג. די רייכקייט און שיינקייט פון די פאַר־שיידנסטע פלאַנצן קען מען נישט איבערגעבן מיט ווערטער, מען מוז דאָס אַליין זען. די פּאַלמען וואַקסן הויך און גראַציעז, און וויפל סאָרטן זיי זענען דאָ? דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די הויכע שלאַנקע גומי־ביימער, וואָס ברענגען אַזוי פיל רייכטום דעם וויַיטן מזרח. ווער ווייס די אַלע ביימער? ווער קען זיי צונויפרעכענען? און פאַראַן גאָר אַ סך ביימער, וועלכע איך האָב אויף מיין לעבן נישט געזען. און די פאַרשיידנסטע קליי־נע ביימלעך, און די קאַקאָ־ביימער, די טיי־ביימער און ווער ווייס זייערע אַלעמענס נעמען. און די בלומען! מיין גאָט, וויפל שיינקייט זיי פאַרמאָגן. איך גיי פון בוים צו בוים, פון קוסט צו קוסט, פון בלום צו בלום, און קען זיך מיט זיי נישט אָנזעטיקן. און די פויגלען אויף די ביימער. גאָר אַנדערע ווי ביי אונדז. עפּעס גרויסע, פאַרשיידן־קאָלירנדיקע, און די קלאַנגען זייע־רע זענען אין גאַנצן אַנדערע ווי פון אונדזערע.

איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, באַטראַכטנדיק די שיינקייט אַרום זיך. איך בין פּשוט פֿאַרשיכורט געוואָרן פֿון דעם און מיט אַמאָל האָב איך דערהערט אַ מאָדנעם קוויטש פֿון דער הויך. איך קוק זיך אַרום, צו דערגיין פֿון וואַנען עס קומט דער קוויטש, ערשט אויף אַ זייער הויכער פּאַלמע שפּילט זיך אַ מאַלפּע און פֿון צייט צו צייט לאָזט זי פֿון זיך הערן. און מיט אַמאָל האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן. וואָס טו איך, אַז זי, די ווילדע מאַלפּע, וועט אַ שפּרונג טאָן גלייך צו מיר אויפֿן קאַרק און וועט זיך איינבייסן מיט אירע ציין אין מיין האַלדז? אַרום און אַרום זע איך קיינעם נישט. איך בין דאָ איינער אַליין און איך האָב געפֿונען פּאַר נויטיק זיך גלייך אָפּצוטראָגן פֿון דעם עקוואַטאָריעלן באָטאַנישן גאָרטן.

פֿון גאָרטן בין איך אַוועק אין זאָאָלאָגישן מוזיי. מערסטנס זענען דאָרט געווען פֿאַרטראַטן שלאַנגען, קראָקאָדילן און ווילדע דזשאַנגל־חיות. נאָר מיר האָט מער פֿון אַלץ פֿאַראינטערעסירט די אָפּטיילונג פֿון שלאַנגען. און עס איז טאַקע פֿאַראַן וואָס צו זען, ווייל די אָפּטיילונג פֿאַרמאָגט אַן אויסער־געוויינלעך־גרויסע קאָלעקציע, און ווער וואָלט דאָס געקענט זיך פֿאַרשטעלן, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע גרויסע, שיינע שלאַנגען. און ווי עלאַסטיש זיי זע־נען, און מיט וויפֿל אויסערגעוויינלעכע שיינע קאָלירן זיי שיינען אַרויס?

מיך דורשט, אָבער איך האָב מורא צו טרינקען די סינגאַפּורער וואַסער. מען האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל דאָס ניט טאָן, ווייל איך קען קריגן מאַלאַ־ריע און דאָס וויל איך נישט.

און אָט בין איך שוין אין מאַרק. פֿלעגמאַטיש זיצן די פֿאַרקויפֿער ביי זייערע טישלעך. דער מאַרק איז פֿאַרלייגט מערסטנס מיט גרינס און פּרוכט. בערג גאַנצע. און די גרינס און פּרוכט זיינען מיר אויך אומבאַקאַנט. אַלץ די אָרטיקע, גרויסע, שיינע, זאַפֿטיקע. אויסער דעם איז דאָ אַ סך רייז, מעל, בשמים, לייוונטן, פֿאַרטיקע זאַכן, זיידנס. און דער מאַרק שמעקט אַזוי גוט, אַזוי אָנגענעם, אַז איך האָב פֿון דעם גרויס פֿאַרגעניגן.

שיין איז צו זען, ווי די קינדער גייען פֿון שול. קינדער פֿון אַלע נאַ־ציאָנען, פֿון אַלע פֿאַרבן, פֿון אַלע שפּראַכן. יעדעס קינד איז אָנגעטאָן אין זיין נאַציאָנאַלן קאָסטיום. אַלעריידן, אַלע פּלאַפּלען און די גאַס איז פֿול מיט זיי. באַטראַכטנדיק די פֿאַרשיידנקייט פֿון די קינדער, דוכט זיך דיר, אַז דו זעסט אין אַן אָפּערע אַ מאַרש פֿון קינדער פֿון דער גאַנצער וועלט.

און גאָר אָפֿט טרעפֿסטו אויפֿן וועג אָפּטיילונגען פֿון סאָלדאָטן און מאַטראָזן. די מאַטראָזן זענען ענגלענדער, אָבער די מערסטע סאָלדאָטן זע־נען פֿון די פֿעלקער און שבֿטים, וואָס באַוווינען די געגנטן. די ענגלענדער פֿאַרנעמען די גרעסטע פּאָסטנס, ווי פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן. שפּעטער

צו, שוין זייענדיק אין ארץ־ישראל, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז די טונקל־ברוינע אַרטיקע יידן, די בני־ישראל, פאַרנעמען אַ גאַנץ אָנגעזעע־נעם אָרט אין דער אַרטיקער אַרמיי, אַלס פשוטע סאָלדאַטן און אויך אַלס אָפיצערן און זיי צייכענען זיך אויס אין דער מיליטערישער קונסט און אַ סך יידן פאַרנעמען גרויסע שטעלעס און האָבן הויכע ראַנגען.

נישט אומעטום לאָזט מען דיר גיין. דאָרטן, וווּ עס זענען דאָ לופט־באַזעס אָדער ים־באַזעס, און נאָך אין אַ סך ערטער און שטאָט־געגנטן, וואָס האָבן אַ סטראַטעגישע באַדייטונג אָדער וואָס זענען טיילן פון דער גרעסטער און שטאַרקסטער פעסטונג אין דער וועלט, לאָזט מען אין גאַנצן נישט גיין. טוריסטן אין סינגאַפור, וועלכע גייען אָדער פאָרן באַטראַכטן די שטאָט, טאָרן נישט מיטנעמען קיין קאַמעראַס. נעמען בילדער פון סינגאַפור רעכנט זיך פאַר אַ גרויסן פאַרברעכן. די גאַנצע צייט, וואָס דו פאַרברענגסט אין סינגאַפור פילסטו זיך, ווי דו געפינסט זיך אָ אין אַ פעסטונג. דער אינדזל אויף וועלכן עס געפינט זיך סינגאַפור איז זייער אַ קליינער — אין גאַנצן 27 מייל די לענג און 14 מייל די ברייט. אָבער ענגלאַנד האָט פון אים גע־מאַכט איינעם פון די בעסטע פעסטונגען אויף דער וועלט. אין מיין צייט (1921), האָט מען גערעכנט, אַז קיינער וועט נישט קענען פאַר קיין פאַל צו איר צוטרעטן. וועגן פאַרכאַפּן סינגאַפור, איז אפילו קיינעם אויפן זין נישט אַרויף. ער איז געווען באַזאָרגט מיט די בעסטע און נייעסטע כלי־זין, אויך אַ דאָק, צו פאַרריכטן און צו בויען שיפן. דער אינדזל געפינט זיך גאָר נאָענט צום מאַטעריק, נישט מער ווי אַ שמאָלער וואַסער־פּאַס טיילט אים אָפּ פון מאַלאַישן האַלב־אינדזל און אין דרום פון אים געפינט זיך דער ריזיקער אינדזל סומאַטראַ. נישט ווייט פון סומאַטראַ געפינען זיך די אינדזלען יאַוואַ, באָרנעאָ, צעלעבעס, וועלכע זענען מיר באַקאַנט נאָך פון דער צייט, ווען איך בין נאָך אַ ייִנגל געווען און אין שול געאָגראַפיע גע־לערנט. צום מזרח פון אונדז געפינען זיך די פיליפּינען אינדזלען, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די פאַראייניקטע שטאַטן. וועגן די געגנטן האָבן איך דאָך אַזוי פיל געלייענט, אַזוי פיל אָנגעהערט זיך, זיי האָבן דאָך אַלע מאָל אַזוי פיל גערייצט מיין פאַנטאַזיע!

פאַר רבקהן איז דער געגנט אַ קוואַל פון אינספּיראַציע. אויפמערק־זאַם קוקט זי זיך צו צו דעם געגנט, באַטראַכט די פאַרשיידנסטע טיפּן פון דער באַפעלקערונג, ווי זיי גייען אַלע אָנגעטאָן, כאַפּט אויף אייניקע מאַ־לאַישע ווערטער, אינטערעסירט זיך מיט דער לאַגע פון די פרויען אין אינדיע און די אַרומיקע געגנטן, פאַרברענגט אָפט מיט די הינדוסן און מיט וועלכע מיר מאַכן דורך די רייזע. יענע זענען העכסט צופרידן צו

געבן איר די אינפאָרמאַציע, וואָס איר אינטערעסירט. נאָר אָמהעכסטן אינ־טערעסירן איר די אָרטיקע קינדער, זי געפינט אין זיי אַ וועלט מיט שיינ־קייט. זי איז פאַר מיר אַ ווונדערבאַרע מיטרייזנדע. פאַר איר איז די רייזע אַ קוואַל פון וויסן. די רייזע גיט איר שוין גאָר אַ סך וויסן פון געאָגראַפיע, נאַטור־וויסנשאַפט, באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, וועגן מענטשן, פעלקער, שבטים, קלאַסן, קאַסטעס, באַציונגען צווישן מענטשן, רעליגיעס. אַלץ איז פאַר איר גוואַלטיק אינטערעסאַנט, און אין די אָוונטן האָט זי אַ סך וועגן וואָס מיט מיר צו ריידן. אין די רייזעס האָט זי אויפגעלעבט, אַזוי ווי זי איז אַריין אין איר סטיכיע און זי שעפּט איר וויסן עמערוויז. מיין קליינינקע טייבעלע לעבט דורך אומעטום אַ גרויסן שרעק. אומעטום זענען פאַר איר אַנדערע, נפעס גאָר פרעמדע מענטשן.

די ערשטע צוויי טעג האָב איך זיך אויף די אָרטיקע יידן נישט אָנ־געשטויסן, אָבער אין דער ענציקלאָפּעדיע האָב איך געזען, אַז אין סינגאַפּור געפינען זיך 700 יידישע משפחות און פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געוואָלט אימיצן פון זיי טרעפן און קריגן אַ ביסל אינפאָרמאַציע וועגן די יידן אין אינדיע.

אויפן דריטן טאָג בין איך אַריין אין אַ בוכהאַנדלונג קויפן צייטונגען, זשורנאַלן. אויפן ערשטן קוק האָט דער אייגנטימער מיר אויסגעזען ווי אַ שפּאַניער. דאָך האָב איך באַמערקט אין אים עפּעס יידישעס. איך האָב אים פראַסט און פשוט אַ פרעג געטאָן צי ער איז אַ ייד. יאָ, האָט ער מיר געענטפערט, ער איז פון די שפּאַנישע יידן. איך האָב זיך פאַר אים פאָרגע־שטעלט ווי אַ רוסישער ייד, אַזוי ווי ער רעדט אַ גוטן ענגליש, האָבן מיר זיך פונאַנדערגערעדט. קיין יידיש קען ער גאָר נישט, אָבער העברעיש קען ער יאָ אַ ביסל. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין סינגאַפּור געפינען זיך אַרום טויזנט יידישע משפחות. די ערשטע יידן, ספּרדישע, זענען אַהער געקומען פון אינדיע, פּערסיע, קליין־אַזיע (דאָ האָבן זיי פאַרשיידענע נע־מען, ווי ירושלימער, אַראַבישע, ווייסע יידן). זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינ־קומען אַהער גלייך נאָך דעם, ווי ענגלאַנד האָט איבערגענומען דעם אינדזל. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי נישט געהאַט קיין שול און געדאַוונט אין געדונגענע דירות. ערשט אין יאָר 1877 האָבן די יידן געקויפט אַ פּלאַץ אין אַ שענערן געגנט און האָבן אויסגעבויט אַ שיינע שול, וועלכע זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „מגן אבות".

אין 1904 האָט דער אָרטיקער מעצענאַט און פאַרשטייער פון די יידן, מנשה מאור, אויסגעבויט אַ צווייטע שול, וועלכער ער האָט אַ נאָמען גע־געבן „חסד אל". פאַר דער צייט זענען אָנגעקומען נאָך יידן פון קליין־אַזיע

און אפילו אַ ביסל אשכנזישע יידן. די ספרדישע יידן האָבן זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. אין סינגאַפּור איז אין דעם זין אַנדערש ווי אומעטום אין אינדיע. דאָ זענען נישט איזאָלירט די פאַרשיידענע יידן איינע פון די אַנדערע. די ווייסע יידן, ווי די שוואַרצע, ווי די בני־ישראל און די אש־כנזיים זענען פאַראייניקט און באַזוכן צוזאַמען די זעלביקע שול, האָבן איין קהילה פאַר אַלעמען, האָבן אַ געמיינשאַפטלעכן בית־הקברות, וועלכן זיי האָבן געקויפט אין 1902, האָבן אַ תלמוד־תורה מיט אַרום הונדערט קינ־דער. אַ סך ספרדישע יידן זענען זייער רייך און שפּילן אַ גרויסע ראָל אין סינגאַפּורער לעבן. די ספרדישע יידן האַנדלען מערסטנס מיט גומי, אָפּיום, רייז, די אשכנזישע יידן האָבן האָטעלן, פאַרקויפן ליקער, מעבל. אַ גרוי־סער טייל פון די סינגאַפּורער יידן זענען ציוניסטיש. פאַר מיר האָט זיי באַ־זוכט איזראַעל קאָהען פון די ענגלישע ציוניסטן און אַלעקסאַנדער גאָלד־שטיין פון קרן־היסוד, און ביידע האָבן געקראָגן אַ סך מער, ווי זיי האָבן דערוואַרט. און פון דאַן אָן איז סינגאַפּור געוואָרן אַ וויכטיקער פונקט פאַר געלט־זאַמלונגען פאַר ציוניסטישע צוועקן.

קאַפּיטל 28

איבער דעם אינדישן אָקעאַן

מיר וויסן אין פּאַרויס, אַז ביז דעם פּאָרט קאָלאָמבאָ, וואָס איז אויפן אינדזל ציילאָן דאַרפן מיר פאָרן צוועלף טעג. מיר דאַרפן דורכפאָרן דעם מאַלאַקער דורכפלוס, אַריינפאָרן אין דער ברייט פון בענגאַליער ים, אַרומ־פאָרן דעם אינדזל ציילאָן און זיך אָפּשטעלן אין קאָלאָמבאָ, וואָס געפינט זיך אויפן מערב זייט פון אים. אַ ביסל האָט אונדז די מאַנשאַפט פון שיף אָנגעשראָקן, אַז ס'וועט אונדז גוט וואַרפן, אַז מירן האָבן די גאַנצע צייט רעגנס. דער שיפס־דאָקטאָר האָט אונדז אויך אַ ביסל איבערגעשראָקן, אַז מירן האָבן די גאַנצע צייט אַ שווידערלעכע היץ און ער וואָלט אונדז גע־ראָטן, מיר זאָלן שלאָפן נישט אין דער הויך, נאָר אין טרום, ווייל מירן די היצן נישט קענען איבערטראָגן און אַלע קענען קריגן מאַלאַריע. נאָר מיר האָבן זיי קיינעם נישט געהערט און זיך נישט אַריבערגעקליבן פון אויבער־דעק אונטן אין טרום. אמת, די פרויען און קינדער האָבן מיר כמעט גע־צוווּנגען צו שלאָפן אין זייערע קאַיוטעס.

די הינדוסן, מיט וועלכע מיר מאַכן דורך די רייזע, רויקן אונדז איין, ס'איז טאַקע זייער הייס, אָבער דאָס איז נאָר בייטאָג, אין אָוונט איז קיל. דער אָקעאַן איז אין דער צייט פון יאָר גראָד רויק. יאָ, ס'וועט אונדז וויגן, אָבער נישט מער, ווי אַ דריי טעג און דאָס אויך נישט זייער שטאַרק און פון מאַלאַריע לאַכן זיי זיך אויס.

עס פאָרן מיט אונדז אויך אַראַבער, פון יענע געגנטן — פאַרשטייט זיך. זיי זענען אַלע מאַכמעדאַנער. די מערסטע פון זיי קענען ריידן איטאַ־ליעניש און ענגליש. נאָר מיט זיי זענען מיר פון דער ווייטנס. עפּעס איז אין זיי דאָ אַזוינס, וואָס שטויסט אונדז אָפּ. עס פאָרן אַ סך איראַפּייער, נאָר זיי האַלטן זיך מיט אַלעמען פון דערווייטנס. איך און רבקה פאַרברענגען מערסטנס מיט די פיר הינדוסן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַפריינדעט נאָך פריער, אויף אונדזער רייזע ביז סינגאַפּור. איך האָב זיי ליב געקראָגן, פאַר מיר זענען זיי געוואָרן די מענטשלעכסטע מענטשן, וועלכע איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן. אַלץ אין זיי איז מיר געוואָרן זייער טשיקאַווע. זיי־

ער באַציונג צו די מיטמענטשן, זייער אויפנעמען פאַרשיידענע פראַגן, זייער רעאַגירן אויף די פאַרשיידנסטע געשעענישן, אויך זייער אָפּגעהיטקייט אין עסן, אַקוראַט ווי אונדזערע פרומע יידן. אויסער דעם זענען זיי זייער ריין, ציכטיק.

אויסער דער קליינער צאָל אייראָפּייער זענען אַלע פון טונקל קופּער קאָליר. זיי אַלע, די סינגאַליער, בענגאַליער און ווער קען אויסרעכענען זייערע פאַרשיידענע פעלקער און שבטים, מאַכן אויף אונדז זייער אַ גוטן איינדרוק. זענען לעבנסווירדיק, פריינדלעך און האָבן ליב צו פאַרברענגען וועגן אַבסטראַקטע ענינים, קוקן אויף זאַכן פילאָזאָפיש. אַן אויסנאַם זענען די מאַלאַיער, וועלכע שטייען אויף די ערשטע טרעפּ פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג. און דאָך מאַכן זיי אויך אַ גוטן איינדרוק: שטילע, געלאַסענע, גוטמוטיקע.

מיר פאָרן שוין צוויי טעג ביי די ברעגן פון סומאַטראַ. אַ ריזיקער אינדזל. מיר פאָרן אַזוי נאָענט צו אים, אַז מיר קענען באַמערקן די דערפער, פעלדער און וועלדער. מיר זעען די הויכע, שיינע פאַלמען, די גראָזן ביי די ברעגן און אפילו די האַלב־נאַקעטע מענטשן און די חיות. לויט דער רייכקייט פון די פלאַנצן קען מען זען, אַז מיר פאָרן ביים עקוואַטאָר. מיר קענען די אויגן נישט אָפּרייסן פון דער נאַטירלעכער רייכקייט. מיר באַוווּנדערן די עקוואַטאָריעלע נעכט. די נעכט זענען פאַרכישופטע און באַצויבערנדיקע. אַלץ אין הימל האָט זיך פונאַנדערגעלויכטן, פונאַנדערגעשיינט. אַזאַ שיינקייט איז זעלטן וווּ צו טרעפן און אונדז איז אַפילו שווער אָפּצורייסן זיך פון די צויבער נעכט און גיין שלאָפן.

בייטאָג איז אומדערטרעגלעך הייס. אַרום און אַרום ברענט די זון מיט אַ העלישן פייער. דער ים איז גראָד רויק און אַלע פילן זיך אויסגעצייכנט. נישט מער, ווי די סיבירערין קליאַטשקאָ ליגט די גאַנצע צייט אין בעט און ליידט פון דער ים־קראַנקהייט. פון אַלע זייטן פון שיף זעען מיר ריזיקע פיש און ווען מיר וואַרפן זיי עפּעס אַראָפּ, איילן זיך אַלע צו יענעם פּלאַץ, וווּ דאָס עסנוואַרג איז געפאַלן.

און דאָ דערנענטערט זיך דער ערשטער מאַי. מיר באַשליסן צו פייערן דאָ אויפן שיף דעם וויכטיקסטן יום טוב. מיט די מאַטראָזן זענען מיר אין די בעסטע באַציונגען. זיי זענען אַלע יוניאָן־מענטשן, זענען אָרגאַניזירט אין דער איטאַליענישער פעדעראַציע פון ים־אַרבעטער. מיר ריידן זיך דורך מיט זיי און זיי נעמען אויף אונדזער פאָרשלאָג מיט באַגייסטערונג. זיי נעמען זיך אונטער צו אַראַנזשירן דעם יום טוב אויפן שענסטן אופן. מיר דאַרפן זיך בלויז צוגרייטן מיט די פאָרשטייער פון אַנדערע נאַציעס. מיר

האָבן זיך צונויפגערעדט מיט די יאַפּאַנער, כינעזער, הינדוסן, דייטשן און איטאַליענער, און אַלע האָבן מיט צופרידנקייט אָנגענומען די איינלאַדונג אָנטייל צו נעמען אין דער פייערונג. די איטאַליענישע מאַטראָזן האָבן מיט־געפירט זייער יוניאָן פאָן. דער פּלאַן פון דער פייערונג האָבן אַלע באַ־שלאָסן זאָל זיין אינעם רעסטאָראַן פון דריטן קלאַס. מיט רעדעס זאָלן אַרויס־טרעטן די פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע גרופּן. פון די מאַטראָזן און פון אוגדז, די חלוצים פאַר ארץ־ישראל, זאָל אַרויסטרעטן צו צוויי רעדנער.

דערווייל זענען אונדזערע איטאַליענער קאַמעראַדן געווען שטאַרק באַ־שעפטיקט מיט אויספּוצן דעם זאַל, מיט אַראַנזשירן די אָרקעסטערס (מיר האָבן געהאַט דעם אָרקעסטער פון שיף און דעם דייטשישן אָרקעסטער). דער קאַפּיטאַן איז געווען זייער נישט צופרידן, וואָס מען נעמט צו דעם אָרקעסטער פון דעם ערשטן קלאַס פּאַסאַזשירן און ווען די לעצטע האָבן זיך וועגן דעם דערוווסט, האָבן זיי גאַנץ ענערגיש אויסגעדריקט זייער אומ־צופרידנקייט. נאָר זיי האָבן זיך נישט געקענט העלפן, די פּאַדערונג פון די ים־אַנגעשטעלטע איז געווען אַן אולטימאַטיווע. מען האָט אין זאַל צונויפ־געשטעלט אַ בינע, אַרויסגענומען די אַלע טישן און אַוועקגעשטעלט די שמולן, ווי צו אַ לעקציע. און ווען מיר זענען דעם אָוונט פון דער פייערונג אַריין אין זאַל, האָבן מיר אים נישט דערקענט: די ווענט זענען געווען באַ־צירט מיט רויטע לענטעס, אויף וועלכע עס זענען געווען פּאַסיקע אויפ־שריפטן. אין אַ צווייטן צימער איז געווען צוגעגרייט אַ וווּנדערבאַרער בו־פעט, היבטרן בופעט זענען געשטאַנען אַ פּאָר פעסלעך מיט וויין, און דער בופעט איז געווען אַ פרייער. יעדער איינער האָט געקענט צוגיין און נעמען פריי, וואָס זיין האַרץ גלוסט. פאַר טיילן וויין איז געווען אַ ספּעציעלער קעל־נער. און דער יום טוב האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז אַרויף דער פאָרזיצער — אַן איטאַליענער פון די העכערע שיפס־בעאַמטע, האָט דערציילט וועגן דער אָנטשטייונג פון דעם יום טוב און ביי וועלכע אומשטענדן דער יום טוב ווערט אין די פאַרשיידנסטע לענדער געפייערט. נאָך אים איז אַרויף אַן אונדזעריקער, וועלכער האָט גערעדט וועגן דעם קאַמף פון די יידישע אַר־בעטער פאַר דער יידישער און אַלוועלטלעכער באַפרייונג און האָט אָנגע־וויזן אויף ארץ־ישראל, אַלס די צוקונפטיקע יידן־לאַנד, ווו די יידישע נאַ־ציאָנאַלע פראַגע וועט געלייזט ווערן. עס זענען אַרויף נאָך רעדנער און יעדערער האָט גערעדט מיט כעס אויף דער פאַרגאַנגנהייט און מיט באַ־גייסטערונג וועגן דער ליכטיקער צוקונפט פאַר דער אַרבעטערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די רעדע פון דעם כינעזישן פאָרשטייער: „איך בין אַן אַרבעטער, דו ביסט אַן אַרבעטער און

ער איז אַן אַרבעטער. מיר זענען אַלע פּאַרקויפטע צום קאַפּיטאַליסט. מיר זענען אַלע ברידער פון דער גרויסער אַרבעטער־משפחה. איצט געהערט צו די קאַפּיטאַליסטן אַלץ. זיי לעבן אין ווױלטאָג און מיר מיט אונדזערע פרוי־ען און קינדער הונגערן. אָבער די צייט איז נאָענט, ווען אַלץ וועט באַלאַנגען צו אונדז און דער ערשטער מאַי פון יאָר צו יאָר דערנענטערט אונדז צו יענער גליקלעכער צייט. זאָל לעבן דער ערשטער מאַי, זאָלן לעבן דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער!"

ווייל ביי אונדז איז געווען „אַזוי אינטערעסאַנט און לעבעדיק" און אויבן האָבן די רייכע נישט געהאַט דעם אָרקעסטער און האָבן נישט געקענט טאַנצן, האָט די בורזשואַזיע אַראָפּגענידערט צו אונדז. אפילו דער איטאַ־ליענישער קאָנסול, דער קאַפּיטאַן און די איטאַליענישע שאַנסאָנעטקעס האָ־בן אויך שטילערהייט אַריינגעגנבעט זיך צו אונדז אין זאַל, וועלכער איז געווען העל באַלויכטן. און זאָל אונדז דער גאָט פון אַרבעטער נישט באַ־שטראָפן פאַר אונדזערע גרויסע זינד. די אָרקעסטערס האָבן געשפּילט און אַ סך פון אונדז האָבן געטאַנצט מיט די בורזשואַזע מיידלעך און ווייבלעך, אפילו מיט די שאַנסאָנעטקעס. מיר האָבן געלאָזן די שאַנסאָנעטקעס זינגען זייערע בירגערלעכע איטאַליענישע לידער און אפילו צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע געגעסן פון בופעט און פאַרטרונקען מיטן פּראָלעטאַרישן וויין. דער פינאַל איז שוין גאָר נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישער.

מיר האָבן שוין לאַנג פאַרלאָזן דעם מאַלאַקער דורכפלוס און מיר זע־נען אַריין אין דעם בענגאַליער ים, וועלכער איז אַ טייל פון אינדישן אָקעאַן. און אויפן דריטן טאָג פון אונדזער רייזע אין דעם בענגאַליער געגנט האָט זיך דער ים פונאַנדערגעשפּילט, פונאַנדערגעהוליעט, אַז איך האָב די גאַנצע צייט געמיינט, אַז אונדזער אַלטע שיף „טריעסט" וועט דאָס נישט אויס־האַלטן. דער ים האָט אויסגעזען ווי אַן אומענדלעכע רוים, באַזייט מיט וואַסער־בערג און וואַסער־גריבער. די מוראדיקע כוואַליעס, ווי צערייצטע האָבן געקלאַפּט איבער אונדזער שיף, וועלכע האָט פאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג און האָט מיט אַלע כוחות געקעמפּט קעגן די כוואַליעס. אַלע אויבערדעקן זענען געווען פאַרפלייצט מיט וואַסער און די וואַסערן פלעגן זיך יעדע רגע און געפאַר קוים געראַטעוועט אונדזערע זאַכן, מעבל, קאַסטנס, טשעמאָ־דאַנעס און אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין דער הויך. און איבער דריי אָפּקלאַפּן אַן די זייטן פון שיף. מיר האָבן מיט די גרעסטע שוועריקייטן פערטל פון אונדזער פאַרטיע איז קראַנק געוואָרן. אַוועקגעלייגט זיך און יע־דערער האָט געמיינט, אַז זיין לעצטע שעה איז געקומען. דאָס לעבן אויף דער שיף איז אַוועק גאַנץ אַנדערש. מען זינגט שוין מער נישט. די מעשיות האָבן

זיך אויסגעשעפּט, אויס קאָנצערטן. ס'איז געוואָרן זייער שטיל. דאָס האָט געדויערט אַ דריי פיר טעג, ביז דער ים איז געוואָרן רואיקער, דער הימל ריינער, די זון האָט זיך ווידער פאַרנאַנדערגעשיינט. ביסלעכווייז האָט זיך דער עולם גענומען רירן פון די בעטן, ארויסגיין פון די באהעלטענישן און צוריק אַריינגיין אין דער קאַליע פון שיפס לעבן. עס האָבן זיך ווידער ווידער אָנגעהויבן די לעקציעס, פאָרלעזונגען, שטודירן ארץ ישראל און זינגען אונדזערע לידער. נאָכן ערשטן מאי האָבן זיך די איטאַליענער מאַטראָזן מיט אונדז מער באַפריינדעט. עפּעס אונדזער קורס איז שטאַרק געשטיגן ביי זיי. זיי האָבן אונדזערע קינדער געשענקט מאַלפּעס, הינטלעך און פלעגן אונדז ברענגען אַ סך ווייַן, וואָסער מיט אייז און אָפט גוטע שפּייז פון דער קיך. עס ווערט ביי אונדז מיט זיי אַזוי ווי אין הויז־געזינט. אויך די דייטשע קריגס געפאַנגענע זענען אונדז זייער דאַנקבאַר און חנפענען אונדז שוין צופיל. און איידער מיר קומען אין קאָלאָמבאָ קען איך שוין די שטאָט אויסגעצייכנט. די מאַטראָזן דערציילן אונדז אַ סך פון דער שטאָט, ווייזן אָן, וואָס וועט פאַר אונדז זיין אינטערעסאַנט צו זען דאָרט. מיינע אינדוסן, וועלכע זענען אַליין קאָלאָמבער געבוירענע, באַקענען אונדז מיטן אָרטיקן לעבן, מיט וואָס קאָלאָמבאָ צייכנט זיך אויס און איינער פון זיי דער פאַבריקאַנט פון די העלפאַנט ביינער אויסשניצונגען, שלאָגט מיר פאָר צו זיין דאָרט מיין וועג ווייזער, ער וועט שוין מיר אַלץ ווייזן.

נאָך דריי טעג דאַרפן מיר פאָרן ביז קאָלאָמבאָ און אונדז איז שוין אַזוי דערעסן געוואָרן צו פאָרן מיט דער שיף אויף די ימים. טעג ציען זיך ווי פון פעך. יעדן פרימאָרגן שרייט אימיצער פון אונדז אויס: „שוין דריי טעג, שוין צוויי טעג, נאָך איין טאָג", דאָס הייסט ס'איז פאַרבליבן נאָך אַ טאָג צו דערגרייכן די יבשה און זיך דאָרט אָפּשטעלן.

די שיף איז איבערגעפּאָקט מיט פּאַסאַזשירן. ספּעציעל אונטן, ווי עס פאָרן די אָרעמסטע, דוכט זיך, פון דער גאַנצער וועלט: די כינעזער, יאַפּאַנער, מאַלאַיער, אינדוסן, אַלע זענען ארבעטסלאָזע. דערעסן געוואָרן צו הונגערן אין זייערע היים שטעט, פאָרן זיי זוכן זייער גליק אין די פרעמדע לענדער. אויף אונדזער שיף איז געווען איינגעפּירט, אַז די עמיגראַנטן פון יעדער נאַציע פאַרנעמען אַ באַזונדער פּלאַץ, בעסער געזאָגט, אַ באַזונדער אָפּגעצאַמט אָרט אונטן אין טרום. דאָרטן איז פינצטער, נאַס, פאַרשטיקט און ס'איז פשוט נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. קיין בעטן, טישן, בענק גיט מען זיי נישט. שלאָפן זיי אויף די פּעק, אויף די קאַסטנס סחורה, שלאָפן אויף דער נאַסער שטינקענדיקער פּאָדלאָגע. אַזוי שלאָפן הונדערטער מענער, פרויען, קינדער, אַלט און יונג, אָפּגעריסענע, אויסגעהונגערטע. ווי אַזוי

שלאָפן זיי דאָרט, אַז ס'איז אפילו נישטאָ קיין פּלאַץ ווו צו זיצן, ווייסט איין גאָט. דאָך האָבן זיי זיך דאָרט איינגעאָרדנט, ווי זייער לעבנסשטייגער פאָ־דערט. האָבן דאָרט איינגעאָרדנט זייערע קיכן, זייערע בופעטן, אַפילו זייערע שפּילערייען, אפילו אַ פּלאַץ פאַר רויכערן אָפּיום. די פאַרשידענע פעלקער־שאַפטן מישן זיך נישט איינע מיט די אַנדערע, יעדע פעלקערשאַפט איז אַ באַזונדער וועלטל.

און אין די קעלערן איז אַ שטענדיקער טומל, אַ געשריי, געלעכטער, געוויין...

און דער שענסטער נאַציאָנאַלער פּעקל נאָך מיין מיינונג איז געווען דער יידישער, טאַקע אונדזער חלוצישע גרופּע. און ער איז אויך געווען דער אינטערעסאַנטסטער. יידישע פּיאָנערן פון סיביר, מאַנדזשוריע און כינע, אינטעליגענטע, יונגע, באַגייסטערטע מיט אַ גרויסן אידעאַל, וואָס האָט אויס־געפילט זייער גאַנצן וועזן. זיי פאָרן דאָס אויסלייגן פאַרן יידישן פאָלק דעם וועג קיין ארץ ישראל, זיי פאָרן צו ווערן דאָרט ערד ארבעטער, היי־זער בויער, וועגן אויסלייגער, שטיינער רייסער, אויסראָטן מאַלאַריע פון דאָס פריילאַנד, שאַפן גרויסע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, שאַפן פּאָליטי־שע, קולטורעלע אוןווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פאַר אַ גרויסער יידי־שער עמיגראַציע פון שענדלעכן און שעדלעכן, געפערלעכן גלות לעבן צו אַ ניי לעבן אין דעם יידישן פרייען היימלאַנד.

און נישט אומזיסט קומען אַ סך פון די אַנגעזעענסטע פּאַסאַזשירן פון די ערשטע קלאַסן זיך באַקענען מיט אונדז און מיט אונדז פאַרברענגען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ יידן לאַנד אין ארץ ישראל. און אפילו דער קאַ־פּיטאַן אַליין האָט ליב אָפּט צו פאַרברענגען מיט מיר וועגן דאָס לעבן פון יידן אין די פאַרשידנסטע לענדער פון דער וועלט און וועגן דער לייזונג פון דער יידן פראַגע.

און מיין יידיש איטאַליענישער געהילף צום קאַפּיטאַן ווייזט אונדז אַרויס אַזוי פיל ליבע, אַזוי פיל וואַרימקייט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען איי־נער פון אונדז. ער ווייזט מיר אָפּט די מתנה, וואָס איך האָב אים געגעבן — די ארץ ישראל פּאָסט־מאַרקע, וואָס ער האָט איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און וואָס ער האלט אין בוזעם קעשענע ווי אַ הייליקייט. און אָט צו אונדזער גרויסער פרייד באַווייזן זיך פאַר אונדז די ברעגן פון ציילאָן. די מאַטראָזן זאָגן אונדז אָן, אַז מאָרגן פרי וועלן מיר שוין זיין אין קאָלאָמבאַ — איר הויפּטשטאָט. מיר פאָר שוין נאָענט פון ברעג. מיר דערזעען שוין די ציי־לאָנער וועלדער, פעלדער, גערטנער,ביימער, דערפער — אַ וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע און אַלץ איז באַגאָסן מיט דער בלענדנדער זון. און אָט לויפט

ביים ברעג, פאַראַלעל מיט אונדזער שיף א באן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א שווארצן געדיכטן רויך. פאַרטאָג האָבן מיר געאנקערט א פּאָר מייל פון שטאָט. דאָ וועלן מיר דאַרפן וואַרטן, ביז די ענגלישע פּאָרט בעאַמטע וועלן קומען רעווידירן אונדזערע פּעסער און וויזעס, אויך באטראכטן אונדזער געזונט צושטאנד און דאן וועט מען אונדז ערשט דערלויבן באטרעטן דעם ציילאָנער באָדן.

קאַפּיטל 29

אויפן אינדזל ציילאָן

אַלע מאָל, פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט דער אינדזל ציילאָן גערייצט מיין פאַנטאַזיע. איך האָב פון 10־11 יאָר אָן א סך געלייענט וועגן די געגנטן. די באַליבטסטע ביכער מיינע זענען געווען וועגן פרעמדע ווייטע לענדער, ספּעציעל וועגן אַזיע און אַפריקע. מיין באַליבטסטער קינדער זשורנאַל איז געווען „ארום דער וועלט״, אַ רוסישער זשורנאל וועגן רייזעס איבער ימים און איבער לענדער אין אַזיע, אפריקע, אויסטראַליע און די אַמעריקעס. און גאָר נישט קיין קליינעם אָרט האָבן אין די זשורנאלן פאַרנומען אָט די געגנטן, וועלכע איך באשרייב איצט. ציילאָן האָט דאָרט פאַרנומען א גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט. און מיין גרעסטער ווונטש אין לעבן איז דאַן געווען באזוכן אָט די געגנטן. און איצט האָב איך פארווירקלעכט מיין לעבנס אידעאַל. איך בין אין קאָלאָמבאָ — די הויפּט שטאָט פון אינדזל ציילאָן; אין לאַנד פון פּערל, סאַפּירן, העלפאַנטן, מאַלפּעס, קאַברעס, פון די אָריענטאַלישע וווּנדער טעמפּלען, פון די טשיקאַווע געטער, גייסטער.

אָבער ווי אַנדערש דאָס רעאַלע איז פון די פאַנטאַזיעס. אמת, די זון שיינט דאָ בעסער, העלער, שטאַרקער ווי אומעטום, די פאַרשידענע טראָפּישע ביימער זענען דאָ העכער, ברייטער, גראַציעזער און שמעקן שטאַרקער ווי די זעלביקע ביימער אין אַנדערע וועלט טיילן. מען זעט העלפאַנטן ביי דער אַרבעט, אָדער אויסגעפּוצטע מיט די זייער וואַזשנע רייטער איבער זיך — זייער אַן עקזאָטישע בילד, און דאָך... ס׳איז נישט דאָס, וואָס מיין פאַנטאַזיע האָט מיר געמאָלן. שוין גלייך ווי מיר זענען אראָפּ פון שיף, האָבן מיר דערזען מענטשן, אויסגעפּוצטע לויט די לעצטע מאָדעס פון פּאַריז און מענטשן כמעט נאַקעטע, בלויז מיט א שמאַטע ארום די לענדן. מיר האָבן דערזען זאַטע, אויסגעכאָליעטע, ענגלענדער, וואָס באַהערשן אנדערע און מענטשן אויסגעהונגערטע, וואָס לעבן אין אייביקן נויט און מוזן פאָלגן דאָס וואָס די הערשער הייסן. עס באַפאַלן דיך די באַזיגטע און באַליידיקטע דו זאָלסט זיי געבן עפּעס אַ פאַרדינסט. זיי זענען גרייט צו דינען דיך ווי פערד, דיך שלעפּן וווהין דו ווילסט, שלעפּן דיינע זאַכן, באַגלייטן דיך ערגעץ,

אַרומפירן דיך אומעטום, ווו נאָר דיין הארץ גלוסט, אבי זאָלסט זיי געבן עפּעס אויף אַביסל רייז, מעל, פּרוכט, גרינס. אַנדערע שלאָגן דיר פאָר זאָלסט קויפן ביי זיי פאַרשידענע זאכן, אויסגעשניצט פון העלפאנט ביין, צי פון באַמבוק האָלץ. און די סוחריים מאַכן אויף דיר נישט קיין בעסערן איינדרוק פון די פּירער, שלעפּער, טרעגער.

קאָלאָמבאָ איז דער גרעסטער און בעסטער האַפן פונם אינדזל, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר א שטארקע פעסטונג פון דער ענגלישער אימפּעריע. קאָלאָמבאָ האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט א באפעלקערונג פון א פערטל מיליאָן, די איבערוועגנדע מערהייט באַשטייט פון די אָרטיקע סינגאַליער און טאַממאַליער, אויף די שפּראַכן פון וועלכע עס רעדן די מערסטע פון דער באַפעלקערונג, כאָטש די אָפיציעלע שפּראך איז די ענגלישע, וועלכע כמעט ניין צענטל פון דער באַפעלקערונג פאַרשטייען נישט. די סינגאַליער זענען אָנגעקומען אויף דעם אינדזל מיט איבער 2 טויזנט יאָר צוריק און האָבן דאָ געגרינדעט אן אייגענע מלוכה, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז די ענגלענדער האָבן אין יאָר 1815 פאַרכאַפּט דעם אינדזל. אויסער די צוויי דערמאָנטע פעלקער געפינען זיך אויפן אינדזל א סך אינדוסן, יאַפּאַנער, כינעזער און אָנגעקומענע פון די פאַרשיידנסטע אַרומיקע אינדזלען און לענדער.

ציילאָן געפינט זיך אין דרום פון אינדיע, נישט ווייט פונם אַזיאַטישן מאטעריק און צווישן אינדיע און ציילאָן געפיינען זיך אַ סך אינדזלען און זיי ווערן גערופן „אדמס בריק", ווייל לויט דער אָרטיקער לעגענדע איז אדם, ווען גאָט האָט אים מיט חוהן פאַרטריבן פון גן עדן, דורכגעגאַנגען פון דרום אינדיע, ווו דער גן עדן האָט זיך געפונען קיין ציילאָן דורך די אינדזלען. ציילאָן קאָנטראָלירט דעם וועג און דורכגאנג פון דעם אינדישן אָקעאַן צום רויטן ים — צום סועץ און דערפאַר איז דער אינדזל אַזוי באַפעסטיקט און איז וויכטיק פאַר דער ענגלישער אימפּעריע.

ציילאָן צייכנט זיך אויס פון אַלע אינדישע פּראָווינצן מיט דעם, וואָס דאָ איז די באַפעלקערונג נישט איינגעטיילט אין קאַסטעס.

ס'איז שרעקלעך הייס, נאָר די לופט איז פריש, עס שטיקט נישט. גייענדיק פילסטו אפילו דורך די שיך, ווי די זאמדן איבער וועלכע דו גייסט זענען אָנגעגליט און דו קענסט נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי די אָרטיקע איינוווינער גייען איבער די הייסע זאמדן באָרוויסערהייט.

ווי אומעטום ווו די ענגלענדער האָבן פאַרכאַפּט די פאָרט שטעט אין אַזיע און אַפריקע, איז אויך דאָ דער ערשטער קוואַרטאַל ביים האַפן אַן אייראָפּעישער, מיט אַלע אייראָפּעישע איינריכטונגען, אַן אייראָפּעישע

דאָ אויך זענען אומעטום ווי און ים, פרימיטיוון פון מיטן אין שטאָט די איראָפּעער אין אַן אומבאַדייטנדיקער מינאָריטעט אַפילו אין זייער איי־ראָפּעישן קוואַרטאַל. די הייזער אין דעם קוואַרטאַל זענען גוט באַשיצט פון דער בלענדנדער, ברענענדער זון. די פענצטער זענען פאַרדעקט מיט שינדל לאַדן, געמאַכט פון באַמבוק, וועלכע לאָזן נישט דורך די זון שטראַלן. דאָס זעלבע מיט די טירן — אנשטאָט טירן א פאָרהאַנג פון באַמבוק שינדלען. די זון קען נישט אריינקומען, אין דער צייט ווען די לופט ווערט יאָ אַריינגע־לאָזן. יעדער צימער האָט זיינע פאָכערס, וועלכע זענען אין שטענדיקער באַוועגונג. אַרום די הייזער שטייען ריזיקע ביימער: פּאַלמען, קאָקוס, גומי מיט זייערע אויסערגעוויינלעך לאַנגע און ברייטע בלעטער, וועלכע וואַרפן פון זיך א ברייטן שאָטן און קילן אביסל אָפּ די היץ אין הויף און אַרום דער הויז. כמעט אַלע הייזער זענען אַרומגערינגלט מיט ווערענדעס אין וועלכע עס געפינען זיך טישן, שטולן, וואַזאָנעס מיט די עקוואַטאָריעלע בלומען. די בעטן אין די הייזער זענען אַרומגעוויקלט מיט באַלדאַכינען, וועלכע דערלאָזן נישט דאָס אַריינדרינגען פון מאָסקיטאָס און די פּאַרשי־דענע גרויסע עקוואַטאָריעלע פליגן. אין דעם קוואַרטאַל זענען די הייזער אויסערגעוויינלעך ריין און שיין און זענען צוגעפּאַסט צום הייסן קלימאַט. זעלטן קענסטו טרעפן די איראָפּעער אין די גאַסן. זיי זענען אָדער אין זייערע געשעפטן אָדער אין זייערע הייזער. אויף די גאַסן טרעפסטו אָפט די זין פון דער טונקל ברוינער, פון דער געלער אָדער שוואַרצער ראַסע. דער איראָ־פּעישער קוואַרטאַל אינטערעסירט מיך נישט. מיך אינטערעסירן די קוואַר־טאַלן, וווּ עס וווינען די אָרטיקע פעלקער, ספּעציעל דער קוואַרטאַל פון די סינגאַליער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די איבערוועגנדע מערהייט פון דער דאָרט געבוירענער באַפעלקערונג. דער קוואַרטאַל הייסט טאַקע סינ־גאַליער. און איך גיי טאַקע אַהין. די סינגאַליער זענען שלאַנקע, דינע און האָבן זייער קלוגע אויגן. די הויט פון טונקל ברוינעם קאָליר. זיי זענען זייער שיינע, אויף זייערע פּנימער און באַוועגונגען איז אויסגעגאָסן אַזאַ מין מידקייט, פוילקייט, כאָטש איך האָב באַמערקט, אַז זיי אַרבעטן זייער פלייסיק. אַזוי ווי די פרויען, טראָגן זיי לאַנגע האָר און אין די אויערן רינ־גען. די מענער זענען מערסטן אָנגעטאָן אין קליידלעך און רעקלעך; אויפן קאָפּ ווייסע אָדער שוואַרצע יאַרמולקעס—פעסקעס, אנדערע טראָגן אפילו קאַפּעלושן און גאָר ביי אַנדערע איז דער קאָפּ נישט צוגעדעקט. די פרויען מאַכן זייער אַ גוטן איינדרוק. זיי זענען כמעט אַלע איינגעהילט אין ווייסן, אָנגעטאָן אַזוי ווי אין ליילעכער. זייער שטאָט טייל זעט אויס אין גאַנצן אַנדערש פון איראָפּעישן. זייער קוואַרטאַל זעט אויס ווי אַ וואַלד פון רי־

זיך הויכעביימער און צווישן די ביימער קען מען זען די סינגאַליער הייז־לעך אויך אָן פענסטער און אָן טירן און אויף די ביימער זעט מען פויגל אין די פאַרשידנסטע קאָלירטע פעדערן און דער גאנצער וואלד האלט אין איין זינגען — פויגל געזאנג. אמאָל קענסטו זען אין די ביימער מאַלפּעס, וועלכע שפרינגען פון צווייג אויף צווייג פון בוים אויף בוים. און אָט שפּאַצירט אויף זיינע קלעצער־פיס דער העלפאַנט מיטן אַרויפגעריסענעם שנוק. ער קומט צו צו אונדז, שטרעקט אונדז אויס זיין שנוק — מיר זאָלן אים עפּעס געבן עסן. געקראָגן פון אונדז עפּעס, שפּרייזט ער מאַיעסטעטיש ווייטער. גאָר אינטערעסאנט איז, ווי די אינדוסן ווייזן קונצן מיט די ברילן שלאַנגען — די געפערלעכסטע שלאנגען אויף דער וועלט. מען לאָזט זיי אַרויס פון אַ גרויסן קאָרב און זיי זענען גרייט זיך אַרויפוואַרפן אויף די אינדוסן, אָבער די לעצטע שפּילן אויף זייערע פייפעלעך און די שלאנגען ווערן דורך דער מוזיק פאַרהיפּנאָטיזירט, פאַרשלעפערט און אַזוי מאכט מען זיי אומשעדלעך ביז זיי אַליין קריכן צוריק אַריין אין קאָרב.

צום סוף פון דער סינגאַליער שטאָט, וואָס גרעניצט זיך מיטן ים, זעט מען אין דער הויך אויף קלעצער אַ סך הייזלעך און אין די וואַסערן ביים ברעג פון ים, וויגן זיך די סינגאַליער שיפלעך — דאָ וווינען די פיש פאַנ־גער, וואָס פאַרברענגען זייער גאַנץ לעבן אויף די וואַסערן.

עס איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו שפּאַצירן איבער קאָלאָמבאָ, נישט קוקנ־דיק אויף דער שרעקלעכער היץ. די שטאָט שמעקט מיט אַזעלכע אָנגע־נעמען ריחות פון וואניל, גראָז, בלומען, באנאנעס, קאַקאָס, גומי, באמ־בוק ביימער. עס שמעקט אַזוי, אַז ס׳פאַרשיכורט דיך.

מיר נעמען אַ טראַמוואי. דער קאָנדוקטאָר און דער טרייבער זענען מאַלאַיער. עס פאָרן מערסטנס סינגאַליער אין זייערע קליידער און רעקלעך און ביי אַנדערע זעגען די קאַמען פון די האָר אזוי ארויסגערוקט, אַז זיי זעען אויס ווי הערנער. דורך די פענצטער באַטראַכטן מיר די שטאָט און אירע איינוווינער און עס מאַכט אַן איינדרוק, אז מיר געפינען זיך אין אַ טונקל ברוינער שטאָט באַגאָסן מיט בלענדנדן זונענשיין. דער הימל אנז טונקל בלוי אָן איין פלעק, ריין ווי ערשט געבאָרן און אומעטום גראָז, ביימער בלומען — אַ גרינער טעפּיך. מיר גייען אַראָפּ אין סינגאַליער מאַרק. אַ רי־זיקער פלאַץ. אומעטום קראָמען. אַלע האַנדלען, אַלע קויפן. כמעט דריי־פערטל פון מאַרק איז פאַרנומען מיט גרינסן און פרוכט. איר באַטראַכט די פאַרשידנסטע גרינסן און פרוכט און דעם אמת מוז איך זאָגן, אַז די מערסטע פון זיי זע איך צום ערשטן מאָל. ווי שיין און פּילפאַרביק זיי זע־

נען! װי אַפּעטיטנע זײ שמעקן! איך קויף אײניקע פון זײ און װער פּשוט באַ־גײסטערט פון זײער טעם און זאַפט.

מיר קומען װידער אַרײן אין דעם אײראָפּעישן טײל פון קאָלאָמבאָ. מיר באַזוכן די שטאָטישע ביבליאָטעק. אַזאַ ביבליאָטעק זע איך צום ערשטן מאָל. ביכער אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן פון נאָענטן און װײטן אָריענט. ביכער אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן און דיאַלעקטן פון אינדישע פעלקער. איך נעם אַרויס אײניקע ביכער. מיר געפעלן זײער זײערע היראָגליפן פון אײדעלע פּאַסקעס, קײַקעלעך און האַלבע קײַקעלעך. פאַרשטײט זיך, אַז איך קען זײ נישט לײענען, נאָר די בילדער אין די ביכער האָבן מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם, װאָס כמעט אַלע טיפּן פון די אינדוסן אין די בילדער זעען אויס שטאַרק סעמיטיש. אײן בילד האָט זיך שטאַרק אײַנגע־קריצט אין מײן זכרון, דאָס איז אַ פּאַסטוך מיט זײנע שעפּסן. דער פּאַס־טוך זעט אויס װי אַן אַלטער פּאַטריאַרכאַלער ייד, מיט אַ לאַנגע גרויע באָרד, אַקוראַט, װי מיר טרעפן די בילדער פון יידישע פּאַטריאַרכן אין דער צײט פון פאַרן חורבן. האָט עס עפּעס אַ צוזאַמענבונד מיט אונדז יידן? װער װײסט.

מיר גײען פאַרבײ די פּראַכטפולע געבײדע, די רעזידענץ פון די צײ־לאָנער גובערנאַטאָרס, נישט װײט פון האַפן געפינט זיך אַ װוּנדערבאַרע אָזערע מיט מאַלערישע ברעגן, אויף װעלכע עס װאַקסן די שענסטע עקװאַ־טאָריעלע בלומען, אַ כשוף פּלאַץ. דאָ פון דער אָזערע ציען זיך פאַרשי־דענע אויסערגעװײנלעך שײנע װעגן, אַלײען, פּראָמענאַדן, שפּיל פּלעצער... אָבער נישט װײט פון דאַנען געפינט זיך דער שקלאַפן געפענגעניש, װאָס פירט דיך צוריק אַרײן אין אונדזער טרויעריקער מיאוסער װירקלעכקײט: די הערשאַפט פון די אײראָפּעער אויף דעם אינדזל.

אין צענטער פון שטאָט געפינט זיך דער װיקטאָריע פּאַרק און די אַלע אַלײען טראָגן די נעמען פון די בריטישע גובערנאַטאָרס, װאָס האָבן גע־הערשט איבער צײלאָן. אין פּאַרק געפינען זיך די רײכסטע פּאַלאַצן פון שטאָט אַרומגערינגלט מיט בײמער ריזן. דער פּאַרק רופט זיך דער סינאַ־מאָן גאָרטן, װײל דאָרט װאַקסן אַן אַ צאָל די צימרינג (סינאַמאָן) פּלאַנ־צונגען, װעלכע לאָזן אַרויס פון זיך אַן אויסערגעװײנלעך אײַנגענעמען גע־רוך. אין דעם געגנט געפינט זיך דער קאָלאָמבאָ מוזײ, די שפּיטאָלן, קאָלעדזשעס, טעמפּלען און קלויסטערס.

װי אין אַ חלום שפּאַצירסטו איבער דעם טײל פון שטאָט, ביזט פאַר־שיכורט פון שײנקײט, רײכקײט, פון די שמעקעדיקע גראָזן, בלומען, בײ־מער.

דאָ לעבט די גרויס בורזשואַזיע פון ציילאָן, וואָס עקספּלואַטירט די אָרימע באַפעלקערונג, וואָס איז באַשעפטיקט מיט צוגרייטן צום אַרויסשיקן די אָרטיקע פּראָדוקטן: טיי, קאַפע, גומי, טייערע שטיינער איבער דער גאַנצער וועלט.

און אויף מאָרגן אין דער פרי נעמען מיר אַ מאַלאַיער בעל עגלה, ווייזן אים דעם אַדרעס פון דעם נייעם פריינד אונדזערן, דעם פאַבריקאַנט פון די פאַרשידנסטע זאַכן, אויסגעשניטן און אויסגעקריצט פון העלפאַנט ביין. דער אַדרעס איז געווען אָנגעשריבן אין דער צאַצקעדיקער קיילאַכדיקער סינגאַליער שפּראַך. דער מאַלאַיער האָט דאָס נישט געקענט לייענען, איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם, וואָס איז גראַדע אַ בקי אין דער שפּראַך און ער האָט אים אַלץ דערקלערט. און מיר טראָגן זיך ווידער איבער דער לענג פון שטאָט. מיר קומען אַריין. אַ גרויסע שיינע הויז איינגעטונקט אין ריזיקע ביימער. ווי ער האָט אונדז דערזען און זיך באַגריסט מיט אונדז איז ער ערגעץ אַרויסגעלאָפן. עס איז גלייך אַריין זיינער אַ באַדינער און אָנגעהויבן אַרבעטן ארום אַן אייוועלע. אָנגעצונדן האָלץ, עפּעס געמישט אין אַ מאָדנער שיסל, אַרויסגענומען פּרוכט, וועלכע ער האָט געפּרעגלט אין אויל. דער צימער אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען איז געווען אַ ריזיקער. נאָר קיין שום מעבל איז נישט געווען, אויסער לאַנגע ברייטע בענק ביי די זייטן פון דעם צימער, הארט צו די ווענט. אויפן דיל אַ רייכער טעפּיך איבערן גאַנצן צימער און די בענק זענען געווען באַדעקט מיט קישעלעך, אַזוי, אַז מען האָט געקענט גאַנץ באַקוועם אויף זיי זיצן, אָדער שלאָפן.

ער איז צוריק אַריין, געגעבן אונדז אַ סך קאָמפּלימענטן, גערעדט מיט אונדז אין אַן איידעלער געהויבענער שפּראַך, כאָטש אים איז שווער אָנגעקומען רעדן אין ענגליש און זיין אויסרעדן די ווערטער און זיין אקצענט זענען געווען שווידערלעך. דערנאָך האָט ער אונדז מכבד געווען מיט זייערן אַ טאָרט, וואָס איז געווען האַרט ווי אַ שטיין, מיט געפּרעגלטע פּרוכט, פון וועלכע עס האָט זיך שטאַרק געהערט דער אויל, וואָס איך האָב זייער פיינט. ער האָט אונדז אויך געגעבן אַ געטראַנק, וואָס איז געווען אין גאַנצן אָן טעם. אָבער מיר האָבן נישט געקענט זיין קיין חזירים און מיר האָבן געגעסן און געטרונקען און האַרציק געדאַנקט דעם באַלעבאָס און געגעבן אים קאָמפּלימענטן פאַרן טייערן עסן און געטראַנק. נאָכן אָפּזיצן ביי אים אַ שטיקל צייט, האָט ער אונדז פאַרגעשלאָגן אַרויסנעמען ווייזן דעם בודא טעמפּל. דער טעמפּל — האָט ער אונדז דערקלערט — האָט אַ נאָמען איבער דער גאַנצער וועלט און יעדן טאָג קומען אַהין טוריסטן פון אַלע עקן

פון דער וועלט אים אָנקוקן. פאַרשטייט זיך, אַז דעם פאָרשלאָג האָבן מיר מיט פאַרגעניגן אָנגענומען. ער איז ווידער ארויסגעלאָפן און אין א פאָר מינוט שפּעטער געקומען צוריק מיטן אָנזאָג, אַז די ריקשעס וואַרטן אויף אונדז. איך מיט רבקהן און טייבעלען האָבן זיך אריינגעזעצט אין איין ריקשע און ער אין דער צווייטער און מיר פאָרן שוין ווידער. מיר פאָרן ארויס פון שטאָט און א צויבער פאַנאָראַמע האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט. נישטאָ שוין קיין הייזער, קיין גאַסן. מיר פאָרן איבער א ברייטן וועג. ביי די זייטן עקוואַטאָריעלע פעלדער, וועלכע זעען אויס, ווי אין די מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט. וווּנדערבאַרע ביימער, בלומען און די גראָז זענען אַזוי הויך, כמעט אין וווּקס פון אַ מענטשן. איך האָב נאָך ערגעץ נישט געזען אַזאַ פרישקייט, שיינקייט, שמעקעדיקייט. די ריקשעלייט שטעלן זיך אויף א רגע אָפּ, רייסן אָן גראָז און וואַרפן אריין אין ביידע ריקשעס און עס האָט אָנגעהויבן שמעקן ווי פון די רייכסטע פּאַרפיומען. נישט אומזיסט זאָגן די אינדוסן, אַז אין דעם געגנט געפינט זיך דער גן עדן.

אויפן וועג טרעפן מיר א סך פּויערים, וואָס גייען אין שטאָט מיט זייערע פּראָדוקטן. ביי אַ ברונעם זעען מיר א סך פרויען. זייערע קריגלעך האָבן זיי אוועקגעשטעלט לעבן ברונעם און זיי פאַרברענגען איינע מיט די אַנדערע. איינע דערציילט עפּעס און אַלע הערן זיך אויפמערקזאם צו. זיי זענען אַלע אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט באַדעקטע קעפּ און זיי געפעלן מיר. און מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען אַלע געראָטן איינע אין די אַנדערע. אַלע האָבן קיילעכדיקע אומשולדיקע און נאַיווע פּנימער, אַלע האָבן גרויסע שווארצע אויגן, אַלע דיקלעך און כמעט פון זעלביקן וווּקס.

מיט אמאָל האָב איך דערזען אַ ריזיקע ווייסע געביידע אויף אַ בערגל, גאַנץ ווייט פון וועג. און איך פרעג מיין פריינד, וואָס פאַראַ געביידע דאָס איז? און זיין ענטפער האָט מיר ווי מיט אַן עמער קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן:

— דאָס איז אַ געפענגעניש. איידער די ענגלענדער האָבן פאַרכאַפּט דעם אינדזל, האָבן מיר פון געפענגענישן נישט געוווּסט און מיר האָבן זיי נישט געדאַרפט. מיר זענען זיך באַגאַנגען אָן דעם. די געפענגעניש האָבן די ענגלענדער אויסגעבויט און איצט זיצן דאָרטן א סך אונדזעריקע.

עס איז אַ וווּנדערבאַרע רייזע. אַ רייזע ווי אין א חלום. פאַנטאַזיע אין דער ווירקלעכקייט. און אָט פאַרקירעווען מיר רעכטס. ווידער גערטנער, סעדער, פעלדער. די זון האָט זיך נאָך מער פאַרנאַנדערגעשיינט, פאַרנאַנדערגעברענט. די גרויסע, פיל קאָלירנדע בלומען, מיט די הויכע שלאַנקע ביימער מיט זייערע ריזיקע בלעטער מיט דער זון פון אויבן, שאַפן דעם שענסטן באַטירלעכן בוקעט.

מיר זענען אריינגעפאָרן אין אַ גרויסן הויף, איינגעצוימט אין גראָזן און בלומען. דאָס איז דער הויף פון טעמפּל. עס געפינען זיך דאָרט אויסער דעם טעמפּל נאָך אַ סך הייזער. אין הויף שטייען אַ סך קאַרעטן, אויטאָמאָבילן, ריקשעס. קעגנטיק דער טעמפּל האָט א סך געסט. מען הייסט אונדז אויס־טאָן די שיך, מען גיט אונדז א פּריסט פאר אַ פירער און דערקלערער און איך מוז צוגעבן, אַז ער טוט זיין אַרבעט געוויסנהאַפט. נאָר עס איז מאָד־נע: א בודיסטישער פּריסט און ער דערקלערט אונדז אַלץ אין אַ שיינעם ענגליש.

דער טעמפּל איז זייער אַ גרויסער, אָבער אָן פענצטער. ער איז א קיילעכדיקער מיט א גרויסן קופּאָל פון אויבן. די ארכיטעקטור פאַרשטעלנד־לעך איז אָן אַלט אָריענטאַלישע. אינעווייניק ברענען עלעקטרישע לעמפּ־לעך (ווו עדיסאָן האָט זיך אַריינגעריסן!) וועלכע גיבן א טונקעלן שיין און אין טעמפּל איז האַלב פינצטער. אויף די אַלע ווענט פון אויבן ביז אַרונ־טער איז אין רעליעף בילדער פאַרגעשטעלט דאָס לעבן פון בודאַ: פון זיין געבורט ביז זיין טויט. וווּנדערבאַרע בילדער אויסגעשניצט פון עלפאַנט ביין אין געוויינלעכן וווקס פון א מענטשן. זיי זענען אַזוי קינסטלעך אויס־געאַרבעט, אַז דו קענסט זיך פאַר קיין פאַל פון די אויסשניצונגען נישט אָפּרייסן, און דו באַוווּנדערסט די אַלע דעטאַלן פון דער געניאַלער אַרבעט. און די מערסטע בילדער זענען פון מאסן מענטשן, אַפילו פון הונדערטער און זיי זענען אַלע ווי לעבעדיקע. דאָס לעבן פון בודאַ איז דאָ פאַרגעשטעלט מיט אַלע דעטאַלן. זיינע עלטערן, קרובים, געסט און באַדינער אין זיין פּאַטערס פּאַלאַץ. זיין געבורט און די שמחות אין הויז. די גרויסע פייערונג פון דעם פּרינצ׳ס געבורט מיט א גרויסארטיקן מאַלצייט. זיינע קינדער יאָרן, די דערציונג פון דעם פּרינץ, זיינע מיטעלע יאָרן, זיין לעבן אין ראַסקאַש, זיין דערווייטערן זיך פון מענטשן, זיין פאַרלאָזן די הויז, זיין לעבן אין דער ווילדעניש, זיין קומען צוריק צו מענטשן, זיין פּריידיקן, זיינע בייע־לערעס, זיינע ערשטע תלמידים, ווי ער פּריידיקט אומעטום און געווינט טויזנטער אָנהענגער, זיין עלטער און זיין טויט.

אַ מאָדנע זאַך: איך קען זיך פאַר קיין פאַל נישט אָפּרייסן פון די ביל־דער. איינציקע בילדער האָב איך באטראכט אפשר צען מאָל און עס איז אַלץ געווען ווייניק פאַר מיר.

אויסער די בילדער געפינען זיך איינציקע סטאַטועס פון בודאַ, 6־8 מאָל גרעסער פון אַ מענטשלעכן וווקס. די סטאַטועס זענען פון טייערסטן ביין, באַפּוצט מיט די שענסטע שטיינער, גאָלד, זילבער. אין טעמפּל געפינען זיך עפּעס ריזיקע קוואדראט שטיינער און עפּעס אנדערע זאַכן, וואָס זענען

פאַרבונדן מיט בודאָס לעבן. און אַלץ איז דאָ פּראַכטפול, געהיימניספול, מיסטעריעז. עס בלאָזט אַריין אין דיר אַ רעליגיעזן געפיל און עס מאַכט אויף דיר אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, וועלכער איז נאָך פאַרבליבן אין מיר ביזן היינטיקן טאָג.

מען פאַרלעשט די לעמפּלעך און אַלע גייען אַרויס פון דאָרטן. מיר טוען אַן ווי אין א חלום די שיך און פאָרן צוריק צום שיף.

מיינע חברים אויפן שיף דערציילן מיר מיט גרויס באַגייסטערונג, אַז זיי האָבן דאָ געטראָפן אינדישע יידן, נאָר זיי האָבן פאַר קיין פאַל נישט געקענט צוזאַמענרעדן זיך מיט זיי. נישט זיי פאַרשטייען אונדז און נישט מיר פאַרשטייען זיי און מיט מימיק מיט זיי קען מען ווייט נישט פאַר־פאָרן...

מיינע הינדו פריינט קומען אָפּט צו מיר אויף דער שיף, נעמען מיך אַרויס, כדי מיך נעענטער באַקענען מיט קאָלאָמבאָ. זיי וויזן מיר זייערע אינסטיטוציעס, מיר באַזוכן זייערע לערן אינסטיטוציעס און מיר דוכט זיך, אַז איך באַזוך אונדזערע חדרים, תלמוד תורה׳ס אין ליטע צי אין פוילן. און וואונדערבאַר: וואָס מער איך באַקאָן זיך מיט די פעלקער פון אָריענט, אַלץ מער געפין איך דאָרט ענלעכעס צו אונדזער יידישן לעבן, טראַדיציעס, לעגענדעס, באַגריפן. אין זייער מאָראַל זע איך שוין גאָר א סך יידישעס. אין זייערע לידער פול מיט בענקשאַפט, זע איך אָפּט יידישע טעמעס, אין זייערע נגונים איבערראַשט מיך דאָס יידישע הארץ אויסגיסונג. און אַז איך קוק זיך צו גוט צו די אינדוסן געפין איך אין אַ סך פון זיי ריין יידישע טיפּן. אין זייערע מאָלערייען, אויסשניצונגען, איבעררואשן די יידישע טיפּן פון אמאָליקן ארץ ישראל.

קאַפּיטל 30

די יידן אין אינדיע

נאָך זייענדיק אין שאַנכאַי, האָב איך זיך געטראָפן מיט יידן פון אינ־דיע, פון וועלכע דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער באַוווסטער מיליאָנער פון ווייטן מזרח — עזרא. נאָר די יידן זענען פון די „ווייסע", פון די נישט לאַנג (קאַרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק) געקומענע פון נאָענטן אָריענט און דערפאַר רופט מען זיי בבלער, אַראַבישע יידן, ירו־שלימער יידן. זיי האָבן מיר דערציילט פון די „בני־ישראל" — די אמתע אינדישע יידן און פון די „שוואַרצע יידן". נאָר פון זייערע כאַראַקטעריס־טיקעס האָב איך קיין פולן באַגריף וועגן די אינדישע יידן נישט געקראָגן. איז דערפאַר טאַקע גרויס געווען מיין פרייד, ווען אין סינגאַפּור און צייל‌אָן האָב איך זיך געטראָפן מיט די „בני ישראל" און מיט איניקע פון די „שוואַרצע יידן", וועלכע זענען אין דער אמתן גאָר נישט שוואַרץ, נאָר טונקל ברוין, אַזוי ווי שאָקאָלאַד קאָליר און האָבן נישט קיין איין כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דער שוואַרצער ראַסע. און ווייל די „בני ישראל" זענען אין דער גרויסער מערהייט פון די יידן אין אינדיע, וועל איך זיך מער אָפּשטעלן אויף זיי. אָבער מען מוז נעמען אין אָנבעטראַכט, אַז איך רעד דאָ נישט וועגן מיליאָנען יידן, צעזייט און צעשפּרייט איבער אינדיע, מיט גרויסע קהלות אין די גרויסע שטעט. אין גאַנצן זענען ביז דער לעצטער צייט גע־ווען אין אינדיע אַרום פינף און צוואַנציק טויזנט אינדישע יידן. איך ווייס נישט וויפל זענען דאָרט פון די בני ישראל, פון די שוואַרצע יידן און פון די ווייסע יידן. נאָר אויף וויפל מיר איז באַקאַנט מוזן דאָרט די בני ישראל צוזאַמענשטעלן אַ דריי פערטל פון די דאָרטיקע יידן. מיר איז פאַר קיין פאַל נישט געלונגען אויסגעפינען פון ווען אָן די „בני ישראל" האָבן זיך באַזעצט אין אינדיע. לויטן אויסזען זענען זיי זייער געראָטן אין די תימנער יידן, נאָר זיי זענען העכער, שלאַנקער און שענער און ס'איז זייער מעגלעך, אַז זיי זענען טאַקע אָנגעקומען אהין פון תימן. אָבער אין דער פראַגע ווען זענען זיי אָנגעקומען אַהין זענען דאָ פאַרשידענע ענטפערס. אַנדערע גיבן אָן, אַז זיי זענען אָנגעקומען מיט 27 הונדערט יאָר צוריק, אַנדערע מיט 22

הונדערט יאָר צוריק און גאָר אַנדערע מיט 17־18 הונדערט יאָר צוריק. ביי זיי אַליין איז שטאַרק פאַרשפּרייט די לעגענדע, אַז זיי זענען אָנגעקומען פון אַראַביע מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק, אַז זיי זענען אָנגעקומען אין אַ גרויסער צאָל אין אַ שיף, וועלכע איז נישט ווייט פון אינדישן ברעג אונ־טערגעגאַנגען. געראַטעוועט האָבן זיך בלויז 14 יידן — זיבן מענער און זיבן פרויען. זיי זענען אַרויף אויפן קאָנקאַנער ברעג. און פון אָט די פּערצן פּערזאָן שטאַמען דאָס אַלע פון די בני ישראל. די יידן האָבן זיך באַזעצט אין דעם דאָרף נאַווגאָאַן און זיך פאַרנומען מיט ערד אַרבעט.

דאָס, וואָס זיי זענען ריין בלוטיקע יידן, וואָס פירן זייער אָפּשטאַם פון די יידישע שבטים, איז קיין צווייפל נישטאָ, כאָטש אייניקע פאָרשער ווילן דעם פאַקט אָפּלייקענען. עס איז גענוג אַ קוק טאָן אויף זיי, מיט זייַ רעדן, פאַרברענגען, אַ קוק טאָן אין זייערע אויגן, נאָכפאָרשן, ווי זייערע קעפּ אַר־בעטן, זייער ווילן צו וויסן אַלץ, זייער אינטערעס צום גורל פון יידישן פאָלק, זייער שטרעבונג צו בילדונג, באַקענען זיך מיט זייערע מיינונגען און געדאַנקען, אום צו קומען צום באשלוס, אַז זיי זענען אַזעלכע יידן ווי מיר. איך שטרייך דאָס אונטער, ווייל אַ סך יידן, די ווייסע יידן פון אינדיע ווילן זיי נישט אָנערקענען אַלס אמתע יידן לויטן אָפּשטאַם און האַלטן זיי פאַר אַ באַזונדערע קאַסטע, מיט וועלכער זיי טאָרן נישט האָבן צו טאָן אין געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן. האָבן נישט חתונה איינע מיט די אַנדערע, חברן זיך נישט, זיצן נישט ביי איין טיש, עסן נישט פון די זעל־ביקע כלים, דאַווענען נישט אין איין שול. די ווייסע יידן האַלטן זיך פאַר דער אַריסטאָקראַטיע און די בני ישראל האַלטן זיי נידעריקער פון זיך, אויף וועלכע זיי קוקן פון אויבן אַראָפּ. אמת, לעצטנס פירן די בני ישראל אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט די ווייסע יידן פאַר אָנערקענונג אַלס פולבאַ־רעכטיקטע יידן און קעגן איזאָלאַציע אין קולטורעלן, פּאָליטישן און גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. אָנגעטאָן זענען די בני ישראל אין לאַנגע כאַלאַטן, זשילעטקעס, וואָס פאַרקנעפּלען זיך ביזן האַלז, אין ווייסע ברייטע לייוונטע הויזן, טראָגן הילצערנע סאַנדאַלן אויף די פיס און יאַרמולקעס אויפן קאָפּ. אַנדערע טראָגן נאָר זייערע לאַנגע ווייסע העמדער מיט קורצע הויזן און גאָר אַנדערע, קענטיק די גאָר אָרימע באַדעקן זייער קערפּער מיט אַ לאַנ־גער און ברייטער ווייסער טוך און גייען אין גאַנצן באָרוויס. די קינדער זע־נען מערסטנס אָנגעטאָן אין אַ העמד און קורצע הייזלעך. אָבער אַלע פון קליין ביז גרויס טראָגן יאַרמולקעס און פאות.

היסטאָריש זיכער איז דער פאַקט, אַז אין פינפטן יאָרהונדערט זענען עזוין אין מאַלאַבאַר, דרום אינדיע, געווען אַ גרויסע צאָל יידן. זייער פירער

און וועג וויזער איז געווען איינער מיטן נאָמען יוסף ראבאן. די מאלאבא־רער יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַרבעטסזאַמקייט, ערלעכקייט, מאָראַל און גוטע זיטן. דאָס איינזעענדיק האָט זיי דער דאמאָלסטיקער וויצע קעניג פון קראַנקאַנאָר געשענקט די מאַלאַבאַרער יידן אין יאָר 490 אַ טשאַרטער, לויט וועלכן ער האָט די יידן דערהויבן צום ראנג פון דער העכסטער קאַסטע, געגעבן זיי אינערלעכע אויטאָנאָמיע און זיי דערלויבט צו וויילן פאַר זיך אַ נשיא, וועלכער האָט געהאַט אַלע רעכט פון די מאַהאַ־ראַדזשאַס. יוסף ראבאן האָט באקומען פון דעם וויצע קעניג גרויסע גיטער מיט פיל אונטערטעניקע און ער איז געוואָרן א מין פעאָדאל. אין יאָר 750 זענען געקומען פון תימן א סך יידן קיין מאַלאַבאַר און דער קעניג האָט זיי זייער פיין אויפגענומען און האָט זיי ארויסגעגעבן א נייעם טשאַרטער, פאַרזיכערנדיק זיי אַלע רעכט און פּריווילעגיעס.

די יידן האָבן געקראָגן די פּריווילעגיעס פון דער העכסטער קאַסטע. דעם נשיא האָט ער געגעבן פירשטלעכע רעכט צו זיצן אויף טעפּיכער, טראָגן אַ שירעם, רייטן אויף אַ העלפאַנט מיט העראַלדן אין פאָרויס. די רעכט האָט ער געגעבן נישט נאָר דעם יידישן הויפּטלינג אַליין נאָר אויך זיינע קינדער און קינדס קינדער, נישט נאָר ער האָט אים באַפרייט פון צאָלן שטייערן, נאָר האָט אים אויך געגעבן דאָס רעכט איינצומאָנען די שטייערן פון די יידן און זיי באנוצן אין די אינטערעסן פון דער יידישער קהלה. די יידן אַליין האָט ער אַוועקגעשטעלט אַזוי הויך, אַז די אַרטיקע באַפעלקע־רונג אין אַלע אירע ווענדונגען צו יידן האָט זיי געמוזט טיטולירן אַלס „מאַ־האַפּיליי", ד"ה אַזוי ווי מען טיטולירט די הונדו מאַהאַראַדזשעס. דורך די ביידע טשאַרטערס זענען די יידן פאַררעכנט געוואָרן אין אַדעליקן קלאַס. יוסף ראַבאַן האָט דעם ערשטן טשאַרטער אויסגענוצט אויפן בעסטן אופן פאַר די אינטערעסן פון די יידן אין אינדיע. ער האָט געגרינדעט א יידיש פירשטנטום, וועלכע האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט. מען גיט איבער, אַז אין דער בליענדער עפּאָכע פון דעם יידישן פירשטנטום זענען דאָרטן גע־ווען ביז אכציק טויזנט יידן.

הונדערטער יאָרן האָבן די יידן געלעבט אין אינדיע נישט האָבנדיק קיין באַציונגען מיט די יידישע ישובים. זענען געווען ארומגערינגלט מיט בודיסטן און דערנאָך מיט מאַכמעדאַנער. א סך האָבן זיי פאַרגעסן, קיין ספרים האָבן זיי נישט געקראָגן, זיי האָבן פאַרגעסן זייער שפּראַך, זייערע טראַדיציעס, מנהגים און אַלץ מער און מער זיך אינדואיזירט. און דאָס וואָס זיי האָבן נאָך געדענקט, האָבן זיי אָפּגעהיט, ווי דאָס טייערסטע. זיי האָבן אָפּגעהיט שבת, יום כיפור, פסח, מילה, פליישיקס און מילכיקס. פון דער



אַן עלטערער ייד פון די ווייסע מיט 2 יידישע יינגלעך פון די שוואַרצע.

יידישער ליטורגיע האָבן זיי בלויז געוווסט צוויי ווערטער „שמע ישראל" און דאָס האָבן זיי באַנוצט צו יעדער תפילה. מיטן אריינדרינגען פון די אייראָפּעער אין אינדיע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר זיי יאָרן פון פאַרפאָל־גונגען. די פּאָרטוגעזער, די אָנהענגער פון יעזוסעס ליבע, האָבן אַפילו גע־סטראַשעט די יידן איינצופירן דאָרט די „הייליקע" אינקוויזיציע. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די האָלענדער האָבן די פּאָרטוגעזער פאַרטריבן, זענען די יידן געראַטעוועט געוואָרן.

אין צענטן יאָרהונדערט האָט צו זיי פאַרבלאָנדזשעט א ייד מיטן נאָמען דוד רחבי, וועלכער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זייער „יידיש־קייט". אָט דער גאַסט האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו דערנענטערן זיי צוריק צום יידישן פאָלק. ער האָט רעאָרגאַניזירט זייער גאַנצן רעלי־גיעזן לעבן און איז געוואָרן זייער רעליגיאָנס לערער. אויסער דעם האָט ער אייניקע יונגעלייט פון די בני ישראל גרינטלעך באַקאַנט מיט דער רעלי־גיעזער יידישקייט, כדי ווען ער וועט שוין נישט זיין, זאָלן זיי ווערן די אָנפירער פון זייערע רעליגיעזע געמיינדעס.

און עס איז ווידער אַוועק אַן עפּאָכע פון קאַרגע אַכט הונדערט יאָר. די בני ישראל האָבן ווידער פאַרגעסן פון דוד רחבי מיט זיין לערע. זיי האָבן פאַרגעסן אַלץ פון זייער יידישקייט. דאַן האָט זיך מיט זיי אָפּגעגעבן שמואל יחזקאל דיוועקאַר, א צווייטער אינדישער ייד פון קוטשין, וועלכער האָט פאַר זיי אויסגעבויט אַ שול און געלערנט זיי ווי צו זיין אמתע יידן.

נאָר מער פון אַלעמען האָט פאַר זיי אויפגעטאָן דער יידישער מיליאָ־נער אין אינדיע סאַסון. ער האָט פאַר זיי געבויט שולעס, זיי באַזאָרגט מיט ספרים, מיט לערער, זיי געשטיצט פינאַנציעל, זיי געלערנט העברעיש, ענג־ליש, זיי באַקאַנט געמאַכט מיט דער וועלט, מיטן רעאַלן לעבן און אין אַל־געמיין זיי אויפגעוועקט פון זייער מיטלאַלטערלעכן שלאָף און זיי אַריינ־געפירט אין היינטיקן מאָדערנעם לעבן.

און עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע רעוואָלוציע אין זייער לעבן. ביז נישט לאַנג צוריק האָבן זיי געוווינט אין דערפער, זיך באַשעפטיקט מיט פּי־טרייבן, ביי אויל פּרעסן, אַלס ערדאַרבעטער, אַלס שוואַרצע אַרבעטער. זייי־ער עקאָנאָמישע לאַגע איז קיינמאָל נישט געווען קיין גלענצנדע, כמעט אלע האָבן געלעבט אין גרויס אָרימקייט.

לעצטנס איז ביי זיי דערוועקט געוואָרן א דורשט נאָך בילדונג, ווי ריין יידישן וויסן אַזוי אויך אַלגעמיינעם. זיי פאַרלאָזן אין מאַסן די דערפער און באַזעצן זיך אין די שטעט. די יוגנט לערנט זיך גאַנץ פלייסיק אין די שולן, וווּ מען לערנט זיי העברעיש, ענגליש, מאַראַטיש. זיי לערנען דעם תנ"ך, לי־

טורגיע. אויך קריגן זיי אַ וועלטלעכע בילדונג. די יוגנט האָט גרויס חשק צו שטודירן אין די העכערע שולן און אוניווערזיטעטן. און היינט צו טאָג גיבן די בני ישראל אַרויס פון זיך אַ סך דאָקטוירים, אדוואָקאטן, אינזשיניערן, אַ סך פון זיי פאַרנעמען גרויסע רעגירונגס פּאָסטנס און נאָך מער צייכנען זיי זיך אויס אין דער מיליטערישער דינסט. ענגלאַנד האַלט פון זיי אַלס די בעסטע אינדישע סאָלדאַטן און אָפיצירן. אַ סך יידן פאַרנעמען גאָר הויכע ראַנגען אין דעם אינדישן מיליטער. אין סועץ האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ מיליטערישן דאָקטאָר און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פון די בני ישראל, דערצו איז ער געווען זייער אַ פרומער ייד. איז דאָס נישט וווּנדערבאַר? א נישטיקע צאָל יידן לעבט צווישן הונדערטער מיליאָנען הינדוסן פאַר טויזנטער יאָרן און ווערט נישט דערטרונקען אין אינדישן ים, נאָר פאַרקערט זיי זענען פאַרן לעצטן יאָרהונדערט געוואָרן באַוווּסטזיניקע שטאָלצע ענטוזיאַסטישע יידן. אַן אָפּגעריסענער יידישער צווייג האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זיין מוטער־בוים.

זיי האָבן געפייערט אין טאָג ראש השנה אויף זייער שפראַך „נאַוויאַנע סאַן", דעם צענטן טאָג אין תשרי האָבן זיי געפייערט יום כפור, אויף זיי־ער מאַהאַראַטי שפראַך „דאַרפּאַלניכא סאַן" ד"ה דעם יום טוב פון פאַר־שלאָסענע טויערן. זיי פלעגן דעם טאָג פאַסטן און פלעגן נישט אַרויסגיין פון זייערע הייזער. זיי האָבן געפייערט פורים און אסתר תענית. אויך האָבן זיי געפייערט פסח און טאָקע לויט אונדזער צייט. דער יום טוב האָט ביי זיי געהייסן „אנאַסי דאַקאַכא סאַן" ד"ה פאַרמאַכטער יום־טוב, דעם ניינטן אב פלעגן זיי פאַסטן. פון שבועות און חנוכה האָבן זיי נישט געוווּסט און אַזעלכע יום־טובים האָבן זיי נישט געהאַט.

פריער האָבן זיי אַפילו נישט געוווּסט וועגן דער באַדייטונג פון די יידישע ימים טובים, אַפילו נישט געוווּסט פאַרוואָס מען פייערט זיי. איצט א דאַנק די שולן קריגן זיי אַ פולקאָמענעם באַגריף וועגן דער יידישער רע־ליגיע און זיי האָבן איבערגענומען די יידישע רעליגיע מיט אַלע אירע אטריי־בוטן און זיי פאַלגן אויס אַלע אירע געבאָטן, אַזוי ווי די תימנער יידן היינט צו טאָג. זיי ווערן באַקאַנט מיט דער יידישער געשיכטע, מיט דער לאַגע פון יידן איבער דער וועלט. האָבן אַ וואַרעמע באַציונג צו ציוניזם און באַטיי־ליקן זיך אַפילו אין די זאַמלונגען פאַר ציוניסטישע צוועקן.

אין אינערלעכן רעליגיעזן לעבן איז דער אָנפירער פון די קהלות און שול, דער חזן. ער איז דער מוהל, דער דיין, מסדר קדושין, שוחט, און אַ קהלה אָן אַ חזן טאָר נישט נוצן קיין שעפסן פלייש. קיין רינד פלייש עסן

זיי אין אַלגעמיין נישט, מעגלעך צוליב דעם, וואָס אַ בהמה איז ביי די הינ־דוסן אַ הייליקע באַשעפעניש.

די בני ישראל ווייסן נישט פון קיין כהנים און לוויים.

זיי גיבן אַרויס צוויי זשורנאַלן: „ישראלס פריינד" און „דער ייד". נישט נאָר באַזוכן די יידישע יונגע לייט די אוניווערזיטעטן, נאָר לעצטנס האָבן זיך אויך באַוויזן יידישע פּראָפעסאָרן. אויך האָבן זיי אַרויסגעגעבן באַ־וווסטע שרייבער, זשורנאַליסטן, מאַלער און באַקאַנטע געלערנטע מענער, וואָס האָבן א נאָמען איבער גאַנץ אַזיע. זייער איינפלוס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז אין באָמבאַיער אוניווערזיטעט איז דאָ אַ קאַטעדרע פאַר העברעיש און די שפּראַך איז אַנערקענט געוואָרן אויף אַזוי ווייט, אַז זי פאַרנעמט אין אוניווערזיטעט דעם צווייטן אָרט.

אויסער די בני ישראל זענען דאָרט פאַראַן ווייסע יידן, וועלכע זענען אַהין אַריבערגעקומען פון פּערסיע, באַגדאַד, ארץ ישראל. די אימיגראַציע פון די יידן ציט זיך פון די גאָר אוראַלטע צייטן ביז היינטיקן טאָג. דאָך איז זייער צאָל נישט גרויס אין פאַרגלייך מיט די בני ישראל. די ווייסע יידן זענען אין גאַנצן ענלעך צו אונדז, נישט מער אביסל אָפּגעברענט. די מערס־טע זענען געקומען פון שפּאַניע פון דער צייט פון דער אינקוויזיציע.. זיי האָבן פאַרנומען דעם אויבן אָן אין אינדישן יידישן לעבן. דאָס איז די אָר־טיקע יידישע אַריסטאָקראַטיע. אַ סך פון זיי זענען זייער רייך און נאָך מער פון זייערע ברידער פאַרנעמען ביי זיי שטעלעס און גאָר אנדערע רייבן זיך אַרום זייערע ברידער־יידן. די רייכע ספרדישע יידן שפּילן אַ גרויסע ראָל נישט נאָר אין אינדיע, נאָר אויך אין כינע.

און עס זענען נאָך פאַראַן אין אינדיע די שוואַרצע יידן, וואָס שטאַמען פון די שוואַרצע אַפריקאַנער שקלאַפן. און אויך פון אינדיער, וואָס האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. אינטערעסאַנט איז אַז די שוואַרצע יידן אַזוי ווי די אינדיער טיילן זיך אין קאַסטעס העכערע און נידריקערע און איינע מיט די אַנדערע קומען נישט אין באַרירונג. נאָר לעצטנס ווערט שוין דער קאַסטע סיסטעם צווישן יידן נישט אַזוי אָפּגעהיט און וואָס ווייטער ווערט מען נענטער איינע מיט די אַנדערע און ס'איז נישט ווייט די צייט ווען די אַלע יידן פון אינדיע וועלן זיך צענויפגיסן אין איין קערפּערשאַפט, אין איין פאָלק — דאָס יידיש פאָלק.

נאָך מער אינטערעסאַנט איז, וואָס אין בורמא, וואָס גרעניצט זיך מיט אינדיע און כינע געפינען זיך צייט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר יידן, וואָס גיבן זיך אָן, אַז זיי שטאַמען פון שבט מנשה. זיי באַהויפּטן אז זיי זענען גע־קומען אהין פון בבל, דורך פּערסיע און דורך אינדיע. אַ סך פון זיי האָבן

זיך אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, אַ טייל האָב פאַרגעסן זייער פאַרגאַנגענהייט און אָפּשטאַמונג, אַנדערע זענען אַפילו אַריבער צו געצנדינסט, אָבער אויך אַ סך האַלטן נאָך פון די יידישע טראַדיציעס, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון בבל. די מערהייט האָט צענויפגעמישט דעם יידישן גלויבן מיט דער אַרומיקער געצנדינערײַ. דאָרטן איז אײַנגעפירט, אַז יעדער ייד, וואָס האָט דערגרייכט די עלטער פון פערציק יאָר, האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין פרוי און קינדער, זיינע קרובים און פריינד כדי אָפּריכטן צען יאָר גלות. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געמוזט איבערלאָזן זיי אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. מיט דער צייט האָט זיך פון דעם, צווישן די יידן דאָרט אַנטוויקלט אַ נייע פאָרם פון פאַמיליע לעבן און הערשאַפט. די פרוי איז געוואָרן די הערשערין איבער דער משפּחה. עס האָט זיך אַנטוויקלט דער מאַטריארכאַט, ד"ה די הערשאַפט פון די פרויען. זיי זענען געוואָרן אַ פאָלק, וואָס איז באַהערשט פון פרויען. די פרויען זענען געוואָרן די אייגנטימערינס פון אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו דער משפּחה, די קינדער האָבן געקראָגן די פאַמיליע נעמען נאָך זייערע מוטערס. די מענער אין דער משפּחה האָבן פאַרלאָרן זייערע אַלע רעכט. אין כינע און אין אינדיע קויפט מען זיך ווייבער. ביי יידן דאָרט איז פאַרקערט. די פרויען קויפן איין מענער. אין אינדיע און כינע מעגן די מענער האָבן אַ סך פרויען. ביי יידן איז איינגעפירט די שטרענגסטע מאָנאָגאַמיע — דער מאַן מוז האָבן איין פרוי און די פרוי קען מער נישט האָבן ווי איין מאַן. צוליב דעם, וואָס די צאָל פון יידן איז נישט קיין גרויסע, קומען פאָר אָפּט געמישטע חתונות פון יידן און בורמינער, כאָטש לויטן יידישן געזעץ איז דאָס שטרענג פאַרבאָטן. און טאַקע אַ דאַנק אָט די געמישטע הייראַטן איז דאָרט די יידישע רעליגיע אויסגעמישט געוואָרן מיט געצנדינערײַ. די יידן האָבן אַ הייליקע געטשקע מיטן נאָמען „נבוכדנאצר", די רעליגיעזע צערעמאָניעס האָבן אין זיך אַריינגענומען אויך די כינעזיש־אינדישע צערעמאָניעס. אויך האָבן די יידישע טעמפּלען יונגע מיידלעך אַלס באַדינערינס. די מיידלעך טאָרן קיינמאָל נישט חתונה האָבן. בלויז איין מאָל אין יאָר מעגן זיי ארויסגיין און פאַרשאַפן זיך אַ געליבטן, אָבער זיי טאָרן דערנאָך זייער געליבטן אַ גאַנצן יאָר נישט זען. און דער מאָדנער אַרט לעבן פאַרשאַפט דאָרט אַלעמאָל רייסערייען.

און אָפט קומען פאָר אַזעלכע רייסערייען, צוליב וועלכע זיי מוזן זיך ווענדן צו די ענגלישע ריכטער. יונגע מענער פאָדערן פון די ריכטער מען זאָל זיי דערלויבן צו פאַרבלייבן אין דער היים, און נישט אַוועקלאָזן זיך אָפּריכטן גלות פאַר גאַנצע צען יאָר, ווען זיי דערגרייכן די עלטער פון פערציק יאָר.

די קינדער פון געמישטע הייראטן פאָדערן פון די ריכטער מען זאָל פון זיי נישט רויבן די רעכט אויף זייער ירושה. די יונגע מיידלעך, די טעמפל דינעריגס פאָדערן דאָס רעכט חתונה צו האָבן. די יידן אין אַלגעמיין פאָדערן פון זיי אין גאַנצן זיך אָפּטיילן פון די אַנדערע גלויביקע, ווייל די לעצטע שטערן זיי אין דורכפירן זייערע רעליגיעזע טראַדיציעס און ימים טובים.

אויך אין דער שטאָט ראַנגון, אין בורמע, האָט זיך מיט צען יאָר צוריק פאַרענדיקט אַ פּראָצעס, וועלכער האָט זיך געצויגן לאַנגע יאָרן: צי מעגן די טונקל־ברוינע יידן, די בני ישראל באַזוכן די יידישע שול, וואָס באַלאַנגט צו די ווייסע באַגדאַדער יידן, וואָס זענען אַנגעקומען אהין פון איראַק און מעסאָפּאָטאַמיע פאַר די לעצטע 70־80 יאָר. די ווייסע יידן האַלטן זיך פאַר דער אָרטיקער יידישער אַריסטאָקראַטיע. זיי אַנערקענען אין גאַנצן נישט די ברוינע יידן אַלס יידן. די לעצטע האַלטן זיך פאַר גוטע יידן און האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע שול צום דאַווענען. און אין דער באַגדאַדער שול האָט מען זיי פאַר קיין פאַל גישט אַריינגעלאָזן. האָבן זיי געפאָדערט גערעכטיקייט דורך דער רעגירונג. די ריכטער האָבן געמוזט שטודירן די יידישע געשיכטע, שטודירן די געשיכטע פון די בני ישראל, געמוזט אויספאָרשן פון וואַנען די בני ישראל שטאַמען, צי זיי זענען יידן צי הינדוסן, אויסהערן די מיינונגען פון פאַרשידענע יידישע געלערנטע פון ביידע צדדים, און זענען דאָך צו קיין באַשלוס נישט געקומען. דאַן האָבן זיי זיך געווענדעט צום רב הכולל פון ענגלאַנד דר' הערץ און צום חכם פון די ספרדים דר' משה נאַסטער און יענע האָבן געענטפערט, אַז די ברוינע יידן זענען פון יידישן אָפּשטאַם, אַז זיי זענען גוטע יידן און דערפאַר דאַרפן זיי האָבן אַלע רעכט, וואָס די יידן האָבן אין בורמא און זענען באַרעכטיקט צו דאַווענען אין דער ראַנגונער שול צוזאַמען מיט די ווייסע יידן. עס איז שווער איבערצוגעבן די גרויסע פרייד פון די טונקל־ברוינע יידן, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן געקראָגן זייער יידישע גלייכבארעכטיקונג. אָבער פאַר די ווייסע יידן איז יענער טאָג געווען אַן אמתער טרויער טאָג. זיי האָבן זיך דערפילט דערשלאָגן אויפן העכסטן גראַד. אויך די ראַנגונער טונקל־ברוינע יידן טרעטן איצט אַריין אין אַ נייער עפּאָכע פון זייער געשיכטע. זיי פאַרוואַרפן אַ סך פון זייערע צוגעקלעפּטע פון די בורמענער מנהגים, טראַדיציעס, נעמען אָן די אמתע טראַדיציעס פון יידישן פאָלק און שטייגן אויך אין וויסן, קולטור און מאָראַל...

קאַפּיטל 31

פון צייל‎אָן ביז אדען, תימן

גראַד ביים פאַרלאָזן קאָלאָמבאָ האָט אונדז דערשיטערט די שוידער־לעכע נייעס אין די אַרטיקע ענגלישע צייטונגען, און אויך אין דער צייטונגל פון אונדזער שיף, אַז אין יפו איז דעם ערשטן מאַי פאַרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן. אָנגעהויבן האָט ער זיך פון אַ נישט איינגעגעבענער קאָמוניסטישער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע. אין דעם פּאָגראָם זענען 34 יידן דערהרגעט געוואָרן און ארום 150 פאַרוואונדעט. (שוין אין ארץ ישראל האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל קרבנות אַדאַנק דעם פאַרראַט פון דער אַראַבישער פּאָליציי). די נייעס האָט אויף אונדז אַ דער־שיטערנדיקן איינדרוק געמאַכט און מיר זענען געווען אויפן העכסטן אופן דערשלאָגן. און אין אַזאַ שטימונג האָבן מיר פאַרלאָזן קאָלאָמבאָ. דערשלאָ־גענע זענען מיר אַרויף אויף דער שיף און פאַרגעזעצט אונדזער רייזע קיין ארץ ישראל. און גלייך דעם ערשטן אָוונט אויף דער שיף איז פאַרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטער מיטינג — אַ טרויער מיטינג. אַלעמען האָט שטאַרק וויי געטאָן, וואָס זיי האָבן זיך נישט געפונען דעם ערשטן מאַי אין יפו אָדער תל אביב... מען האָט גערעדט וועגן זעלבסטשוץ. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר אַלע, גלייך ווי מיר וועלן קומען קיין ארץ ישראל, זאָלן אריינטרעטן אין זעלבסטשוץ.

די נייעס וועגן דעם פּאָגראָם האָט אונדז אַזוי צערודערט, אַז מיר האָבן פאַר אַ לענגערער צייט נישט געקענט קומען צו זיך. אַ מאַסע פראַגן זענען אַנטשטאַנען וועגן יידיש אַראַבישע באַציונגען, ענגלישער מאַכט, אונדזער, „יידישער קייסער" הערבערט סעמיועלס. מיר האָבן א סך דיסקוטירט וועגן דעם פּאָגראָם און אָפּט זענען אייניקע געקומען צום שלוס, אַז דאָס מוז גאָר זיין אַ פּראָוואָקאַציע פון דער ענגלישער רעגירונג. גאַנץ פּשוט, ווען זי וואָלט ערנסט נישט געוואָלט, וואָלט קיין פּאָגראָם נישט געווען.

דעם צווייטן מאָל לעב איך איבער א מאָדנע טראַגעדיע. מיר דער־מאָנט זיך דער יאָר 1902־1903. מיר די יוגנט זענען באַגייסטערטע רעוואָ־לוציאָנערן. מיר ווילן איבערמאַכן די וועלט. מיר ווילן בויען א נייע וועלט

פון אמת, יושר און שיינקייט. מיר ווילן גליקלעך מאכן אַלעמען, די יידן, רוסן, פּאָלאַקן, אַלע פעלקער פון דער וועלט. מיר ווילן פאַרניכטן שקלאַ־פעריי, הונגער, נויט. מיר לעבן איבער דעם פרילינג פון דער רעוואָלוציע. און מיט אמאָל די פּאָגראָמען אויף יידן און ווער נעמט אָנטייל אין זיי? רו־סישע אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס, אינטעליגענץ און דער אָפּפאַל פון דער רוסישער געזעלשאַפט. און מיר זענען פון אונדזער פאַנטאַסטישער וועלט אַראָפּגעפאַלן אין אונדזער גרויער און אויסגאַנגטלאָזערווירקלעכקייט. און מיר האָבן דאַן דורכגעלעבט טראַגישע חדשים. איצט ווידער. ענגלאַנד האָט אונדז באַגליקט מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע. דאָס יידישע פאָלק דער־וואַכט צו אַ ניי לעבן: נאָך צוויי טויזנט יאָר פון שרעקלעכן גלות, נאָך צוויי טויזנט יאָר פון זיין צעשפּרייט און צעזייט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, אויסשטייענדיק די גרעסטע פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען, אינקוויזי־ציעס, אַרויסטרייבונגען, מערדערייען, דערנידערונגען, אויסנאַם געזעצן, אויסראָטונגען — האָט מיין פאָלק באַשלאָסן איינמאָל פאַר אלע מאָל אויפ־בויען דאָס אַלטע פּאַלעסטינע, וואָס איז געלעגן אין חורבות, פאַר זיך, פאַר אַ היימלאַנד פון די אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכע, איינאָרדענען דאָס לעבן אויף די יסודות פון אמת יושר און פרייהייט און מיט דער צייט מאַכן דאָס פאַר אַ לאַנד פאַר די אַלע פאַרפאָלגטע און דערנידעריקטע יידן. און מיט אַמאָל גאָר אַ פּאָגראָם אין ארץ ישראל.

און דאָ האָבן מיר דערהאַלטן אַ ראַדיאָ טעלעגראַמע פון ארץ ישראל, אַז דאָרטן איז דערקלערט געוואָרן אַ קריגס צושטאַנד. ביי אונדז איז ארויפ־געשווומען די פראַגע צי מען וועט אונדז אין אַלגעמיין אריינלאָזן אין ארץ ישראל. און די פראַגע לאָזט אונדז אויף קיין רגע נישט אָפּ.

מיר האָבן צוזאַמענגערופן ווידער אַ זיצונג. אונדז אינטערעסירט איצט מער פון אַלץ וועגן די איינצלהייטן פון פּאָגראָם און די פראַגע וועגן אריינ־לאָזן אונדז אין לאַנד פון אונדזערע האָפענונגען. און מיר, ווויסנדיק, אַז אין אדען געפינען זיך א סך יידן, סיי פון די שפּאַנישע און סיי פון תימנער, האָבן מיר באַשלאָסן צו שיקן אין אַדען, וווהין מיר וועלן דאָרט קומען אין אַ 6 טעג שפּעטער, אַ טעלעגראַמע מיטן נוסח:

אדען, יידישע קהלה.

אַ גרופּע חלוצים פון כינע קיין ארץ ישראל, וועט אין פאַרלויף פון אַ וואָך דערגרייכן אייערע ברעגן. מיר בעטן אייך אונדז צושטעלן אויפן שיף פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, אין וועלכע עס זענען דאָ באַריכטן פון פּאָגראָם אין תל אביב—יפו.

מיר פאָרן איבערן ריזיקן אַראַבישן ים. אונדזער שיף געפינט זיך אַן

ערך צען צוועלף גראַד פון עקוואַטאָר. די טעג זענען וווּנדערבאַרע. די לופט איז ריין און די זון שיינט בלענדנד. מיר האַלטן שוין אין ארייגפאָרן אין אַדענער דורכגוס. דער ים איז רואיק און אונדזער שיף גליטשט זיך גראַ־ציעז איבער די וואַסערן. נאָר ווער קוקט איצט אויפן ים? ווער באַוווּנדערט איצט די נאַטור? ווער טראַכט איצט פון שיינקייט?! מען רעדט נישט וועגן פּאָגראָם, מען רעדט אַפילו נישט וועגן דעם, צי מען וועט אונדז אריינלאָזן אין ארץ ישראל. אונדזער יום טובדיקייט איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, מיר זענען דערטרונקען געוואָרן אין אונדזער וואַכעדיקייט. די שטימונג איז אין גאַנצן אַ דערהרגעטע. מיין פריינט, דער ערשטער אָפיציר פון שיף, גיט מיר איבער, אַז ס'איז דערהאַלטן געוואָרן א טעלעגראַמע, אַז פּאַלעסטינע האָט צוגעמאַכט אירע טויערן פאַר אימיגראַנטן. די בייעס האָט אונדז ווי א דונער געטראָפן. דאָך האָט נאָך יעדערער געהאט א שטיקל האָפענונג, אַז מען וועט אונדז אַלעמען אַריינלאָזן. ענגלאַנד האָט דאָך געשיקט פאַר אַלע־מען וויזעס. זי קען אונדז נישט פאַרבאָטן אריינקומען אין לאַנד.

דער קאַפּיטאַן פון שיף דערציילט מיר אַ מעשה: נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער געפירט די שיף פון וויטן מזרח. נישט ווייט פון אדען האָט ער פון זיין שיפס קאָמפּאַניע געקראָגן א טעלעגראַמע, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן אין אדען און ארויפנעמען א פּופציק פּאַסאַזשירן וועלכע ער זאָל אראָפּ־לאָזן אין יפו, פּאַלעסטינע. נישט דערפאַרנדיק קיין אדען האָט ער שוין פון דערווייטנס דערזען זיינע פּאַסאַזשירן: זיי זענען געזעסן אויף דער ערד ביים ברעג פון ים. אים, דערציילט ער, איז שוין אויסגעקומען צו זען אַרי־מעלייט פון קאַרייע, קוליס פון כינע, שוואַרצע אַרבעטער פון אינדיע, אָבער אַזעלכע פאַראַרימטע, אויסגעדאַרטע, אויסגעהונגערטע פּאַסאַזשירן האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען.

דאָס זענען געווען יידן פון תימן מיט זייערע פרויען און קינדער. די יידן זענען געווען אַנגעטאָן אין לאַנגע ברייטע שמאַטעס, אין זעק, אין שמו־ציקע לאַנגע העמדער. די פרויען נאָך ערגער. אויף די קינדער אויסער א לאַגג און ברייט העמד און פעסקעס איז גאָרנישט געווען. די יידן האָבן מיט זיך כמעט גאָרנישט מיטגענומען, אויסער קיטלען, טליתים, ספרים. זיי זע־נען אלע געווען דעק פּאַסאַזשירן. און אַ מאָדנע זאַך. שוין דעם ערשטן טאָג פון דער רייזע איז איינער געשטאָרבן. אויף מאָרגן ווידער איז איינער גע־שטאָרבן. איך האָב אויפגעפאָדערט דעם דאָקטאָר, ער זאָל נישט קאַרגן זיין הילף, מעדיצין, עסן. נאָר זיי זענען געווען אַזוי פרום, אַז זיי האָבן זיך אַנט־זאָגט וואָס עס איז געמען פון גוישע הענט. איך האָב זיי געגעבן גוטע צי־מערן, געגעבן זיי פראָוויאַנט פאַר די בעסטע עסנס — זיי זאָלן אַליין קאָכן

ווי זיי אַליין ווילן. נאָר דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. דער דאָקטאָר האָט דער־קלערט, אַז דאָס קומט פון שטענדיקן הונגערן, פון שרעק און פון שוידער־לעכע איבערלעבונגען. זייערע אָרגאַניזמען זענען שוין צופיל אָפּגעשוואַכט געוואָרן. און איצט ביי דער רייזע קיין ארץ ישראל האָבן זיי נאָך שטאַרקע־רע איבערלעבונגען. אויף דער שיף האָט געהערשט אַ שטענדיק הארצריי־סנדיק געוויין פון די פרויען און די שטאַרקערע מענער האָבן טאָג און נאַכט געלערנט, געוויינט, געבעטן גאָט.

ס'איז מיר געווען שרעקלעך אָנצוקוקן זיי. מענטשן פון הויט און ביי־נער און פון זייערע בלישטשענדיקע אויגן האָט א טויט שרעק ארויסגע־קוקט.

און דער קאַפּיטאַן איז געווען זייער גליקלעך, ווען ער האָט זיי גע־בראַכט קיין יפו. און ווען זיי זענען אראָפּ אין יפו און זייערע פיס האָבן דעם באָדן אָנגערירט, האָט ער פונדערווייטנס דערזען, ווי זיי זענען צוגעפאַלן צו דער האַרטער פאַרשטיינערטער ערד, האָבן זי געקושט, גאָט געדאַנקט און געוויינט ווי קליינע קינדער. נאָר דאָס מאָל האָבן זיי אפשר צום ערשטן מאָל געוויינט פון גרויס פרייד, אפשר זענען דאָס צום ערשטן מאָל געווען ביי זיי טרערן פון גליק.

מיר שווימען שוין איבער דעם אדענער דורכפלוס. פון רעכטן זייט האָבן מיר אַזיע און פון לינקן זייט — אַפריקע: די ברעגן פון איטאַליענישן בריטישן און פראַנצויזישן סאָמאַלילאַנד מיר דערנענטערן זיך צו אַדען. איך גיב אַ קוק אויף דער געאָגראַפישער מאַפּע און זע פון איין זייט אביסי־ניע, מצרים. פון דער צווייטער זייט — יעמען, אראביע, מיט די הייליקע מאַכמעדאַנישע שטעט מעקא און מעדינא. ווייטער שוין צום מערב איז דאָס פּיצל לאַנד פּאַלעסטינע.

— איר ווייסט, — רופט זיך איינער פון אונדז אָפּ, אַז דאָ אין אדען איז מיט אייניקע יאָר צוריק פאָרגעקומען אַן אמתער פּאָגראָם אויף יידן. די אָרטיקע מאַכמעדאַנער האָבן דאַן באשלאָסן אויסצוהרגענען אַלע יידן. נאָר אין דעם האָט זיי געשטערט די ענגלישע מאַכט, אונטער וועמעס רשות אַדען געפינט זיך. דאָך האָבן די אַראַבער אייניקע יידן דערהרגעט און א סך יידיש האָב און גוטס צעראַבירט.

און גראַד דאָ ווינען די אָרימסטע יידן אויף דער וועלט. אויך די דער־שלאָגנסטע און די שטילסטע. די אַראַבער זענען דאָ פויל. פאַרנאכלעסיקן זייערע ווירטשאַפטן, זייערע פעלדער, גערטנער, וועלדער. זענען פאַנאַטיש פרום. און די יידן זענען דאָ די האָרעפּאַשניקעס, די שווערע אַרבעטער. מיר האָבן שוין אויפן שיף דאָ געהאַט א צוזאַמענשטויס מיט אַ פּאָר טעג צוריק

מיט אַן אַראַבער. דער אידיאָט איז אונדז אין די ביינער אַריינגעקראָכן און אַפילו געסטראַשעט אונדז מיט טויט. אמת, ער האָט געכאַפּט פון אונדז אַזאַ אָפּשניט, אַז ער וועט שוין אויף זיין גאנץ לעבן פאַרזאָגן א צענטן צו פאַר־טשעפּען זיך מיט ווייסע יידן. אָבער פון וואנען האָט ער גענומען אַזאַ העזה צו סטראַשען אונדז. און דאָס איז געווען אַן אראבער, וואָס אללאה איז שטענדיק געווען אויף זיינע ליפּן, וואָס פלעגט זאָגן זיינע תפילות אפשר צוואנציק מאָל אַ טאָג. און די רעליגיע לערנט אים דאָך זיין פרום און גוט, אַז מען דאַרף זיין העכסט פריינדלעך אין דער אייגענער הויז אפילו צום מערדער פון זיינע קינדער. און גראדע זענען די יידן אין תימן גוטע גאָטס־פּאָרכטיקע יידן, שטייען מאָראַליש, קולטורעל א סך העכער פון זיי.

אין אָט אַזאַ שטימונג האָבן מיר זיך דערנענטערט צום פּאָרט אדען. מיר זענען אַפילו נישט געווען זיכער צי די אדענער יידן האָבן דערהאלטן אונדזער טעלעגראַמע און אפילו אויב דערהאלטן, צי וועלן זיי קומען צו אונדז אויף דער שיף און אויב נישט, צי וועלן מיר קענען דערגיין, ווו די יידן געפינען זיך און צי וועלן זיי אונדז קענען געבן מער אינפאָרמאציע וועגן דעם פּאָגראָם אין יפו און מכוח דאָס אָפּשטעלן פון דער אימיגראַציע.

אונדזער שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אדען.

קאַפּיטל 32

אדען

שוין אויס אינדיע, אין וועלכער איך האָב זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט. מיר זענען שוין אין אַראַביע. אַרום אונדזער שיף שווימען שיפלעך מיט אַראַבער, וועלכע האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן אונדז זייערע פּראָדוקטן: פאַרשידענע פרוכט, זיסע זאַכן, געטראַנקען און אויסאַרבעטונגען פון העל־פאַנט ביינער, האָלץ, דינע שטעקלעך און אַ וועלט מיט צאַצקעס. אָנגעטאָן זענען זיי אין לאַנגע כאַלאַטן, אויפן קאָפּ פעסקעס. דער קאָליר פון הויט איז אַ טונקל ברוינער. פּרייזן בעטן זיי אומגעהייער גרויסע און שווערן אין נאָ־מען פון אללאַ, אַז זיי לייגן נאָך צו צו די סחורה... מער זעט, אַז זיי זענען שווינדלער פון ערגסטן סאָרט.

מיר, די יידישע פּאַסאַזשירן, וואַשן זיך, יעדערער ברענגט זיך אין אָרדענונג, מען טוט זיך איבער — מען איז גרייט גיין אין שטאָט — אָנקוקן די וווּנדער. מיט אַמאָל דערזעען מיר, ווי צו אונדזער שיף דערנענטערט זיך אַ קליין שיפל. זאָל דאָס ווידער זיין אַ שיפל מיט די ענגלישע ברעג באַ־אַמטע, וועלכע ברענגען אונדז די נייע בשורה, אַז מען וועט אונדז נישט אַראָפּלאָזן, ווייל ענגלאַנד האָט געשלאָסן די טויערן פון ארץ ישראל פאַר די יידישע וואַנדערער. און גראָדע ווען די שיפל איז צוגעשוווּמען האַרט צו אונדזער שיף, האָט זיך איינער אין שיפל אויפגעשטעלט און אויסגעשריען צו אונדז הויך אין ענגליש: „זענען דאָ פאַראַן חלוצים, וואָס פאָרן קיין ארץ ישראל?" די הערצער זענען אונדז איינגעפאַלן. דאָך האָב איך געענטפערט — יאָ. דאַן האָט דער מאַן ארויסגענומען פון שיפל אַ גרויסן זאַק און מיט דעם אָנגעהויבן אַרויפקריכן אויף אונדזער שיף. מיר האָבן אים דערוואַרט אין טויט שרעק. ער איז אַרויף און געפרעגט: ווו זענען זיי?

— אויפן דעק אין דער הויך, — האָב איך אים געענטפערט.

און איך האָב אים אַרויפגעפירט צו מיין קאָמפּאַניע. ווען ער איז אַרויף און דערזען די חברה, האָט זיין פנים אָנגעהויבן שיינען.

איך בין מאיר בן הארט, דער פאַרשטייער פון דער ספרדישער קהלה פון אדען — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט. מיר האָבן דערהאַלטן אייער טע־

לעגראַמע. איך האָב אייך געבראַכט די אַלע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס מיר האָבן נאָר געקענט קריגן דאָ אין אדען. זיי זענען אין ענגליש, שפּאניש, העברעיש און אַראַביש.

מיר האָבן זיך פאַרנאַנדערגערעדט. ער האָט אונדז דערציילט וועגן די איינצלהייטן פון פּאָגראָם אין יפו און תל־אביב, אונדז פאַרזיכערט, אַז אונדזערע בחורים און מיידלעך האָבן ווירדיק געקעמפט און פון דער אַראַבער זייט זענען געפאַלן אַ סך קרבנות און אַז ער האָפט, אַז מיר האָבן ביי זיי אָפּגעשלאָגן דעם חשק צו פּאָגראָמעווען. זיי וועלן שוין פאַרזאָגן א צענטן אָנצופאַלן אויף יידן.

איך האָבן מיר אים געפרעגט, צי ווייסט ער עפּעס וועגן דעם, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט צייטווייליק פאַרמאַכט די טויערן פון ארץ ישראל פאַר נייע יידישע איינוואַנדערער. אויף דעם האָט ער אונדז געענטפערט, אַז דאָס איז אמת. נאָר מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שרעקן, ווייל מיר האָבן וויזעס און די אַלע, וואָס האָבן וויזעס, וועלן אַריינגעלאָזן אָן שוועריקייטן.

אין פאַרלויף פון אונדזער שמועס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ ספרדישער ייד, אַז די ספרדישע יידן האָבן דאָ א גרויסע קהלה. אז ער אַליין וווינט דאָ מיט זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. ער פאַרנעמט זיך מיט דעם, וואָס ער שטעלט צו קוילן און אנדערע נייטיקע זאַכן אין וואָס די שיפן, וואָס גייען דורך דעם סועץ קאַנאַל, נייטיקן זיך. ער איז זייער רייך און איינער פון די אָנגעזעענסטע יידן אין אַדען.

צום סוף האָט ער אונדז פאַרבעטן צו זיך אויף מיטאָג. און געטאָן האָט ער דאָס אויף אַן אָריענטאַלישן שטייגער: ער וויל האָבן דעם כבוד, דעם גליק צו געבן אונדז גאַסטפריינטשאַפט אין זיין הויז. מיר האָבן די איינלאַדונג אָנגענומען.

— און מיין הויז דאַרפט איר לאנג נישט זוכן, — האָט ער צוגעגעבן. איר זעט אָט די צוויי בערג? איר זעט צווישן זיי אָט די גרויסע שווארצע הויז, ווייזט ער אונדז אָן מיטן פינגער. דאָס איז מיין הויז. און אויב איר וועט פאַרט נישט טרעפן, קענט איר פרעגן אין גאַס אויף מאיר בן הארטס הויז און יעדערער וועט אייך אָנווייזן.

א גליקלעכער האָט ער אונדז פאַרלאָזן און מיר זענען אויך געווען העכסט צופרידן מיט זיין באַזוך.

צו דער באַשטימטער צייט זענען מיר צו אים געקומען: ער האָט טאַקע געוואַרט אויף די טרעפּ און אונדז באַגריסט אויפן האַרציקסטן אופן. אונדזער גרופּע האָט ער צעטיילט אויף צוויי. מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. די פרויען האָט זיין אלטע מוטער ארויפגעפירט אויבן און אונדז,

מענער, האָט ער פאַרבעטן אונטן אין אַ גרויסן זאַל. ווו די טישן זענען געווען געדעקט מיט די פאַרשידנסטע אַרטיקע מאכלים און געטראַנקען. דאָרטן האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט די פאַרשטייער פון די פרענקישע יידן. אונדזער געשפרעך ביים טיש איז געפירט געוואָרן אין העברעיש. מען האָט גערעדט וועגן ארץ ישראל, וועגן די יידן אין איראָפּע, אפריקע, אַזיע, וועגן יפּוער פּאָגראָם. דערוויל האָבן זיי אונדז אינפאָרמירט וועגן די יידן אין אדען. אין גאַנצן איז די באַפעלקערונג פון ארום פופציק טויזנט אַראַבער און די שוואַרצע סאָמאַליס, יידן זענען דאָ ארום פיר טויזנט, די גרויסע מערהייט פון זיי זענען פרענקן. אַ דריי הונדערט תימנער משפחות און אַ הונדערט און פופציק בני ישראל משפחות, וועלכע שטאַמען פון באָמבאַי. זייער ווייניק פאַרנעמען זיך מיט האַנדל. אַ קליינער צאָל פאַרנעמט זיך מיט אימפּאָרט און עקספּאָרט, אָבער ארום 95 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען בעלי מלאכות, אַרבעטער און נישט קוואַליפיצירטע שוואַרץ אַרבעטער. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז אויסערגעוויינלעך פּרום. א סך פון די פרענקישע יידן קריגן א יידישע און וועלטלעכע דערציונג. און טראָגן איראָפּעישע קליידער, די איבעריקע קריגן א גוטע יידישע דערציונג און קליידן זיך ווי די אַרטיקע אַראַבער. יעדע וואָך גאָלן די יידן אָפּ זייערע האָר אויפן קאָפּ, איבערלאָזנדיק פאַרשטייט זיך די פאות. אָנגעטאָן זענען זיי אין אַ לאַנגער העמד באַדעקט מיט א נאָך לענגערן כאַלאַט, און מיט אַ לאַנגן אַרבע כנפות.

פאַרבראַכט האָבן מיר די גאַנצע צייט ברידעריש, האַרציק און אינטים. טאַקע ווי ברידער פון איין משפּחה. און פאַר מיר איז דאָס געווען אַ וווּנדערבאַרע איבערלעבעניש און ווי שטאַרק עס זענען די יידישע פעדים ביי די אַנדערע זענען נישט געווען בכוח אָט די פעדים איבעררייסן און אָט די, שידענע אומשטענדן, לאַגעס, געאָגראַפּיש אין גאַנצן אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע, זענען נישט געווען בכוח אָט די פעדים איבעררייסן און אָט די, אין גאַנצן אונדז פרעמדע יידן, מאַכן אַ גרויסן יום טוב פאַר אונדז מיט זייער אַ האַרציקער אויפנאַמע. מיר האָבן פאַרענדיקט דעם מאָלצייט און ארויס אין גרויסן הויף, ווו מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אונדזערע פרויען.

אויך האָבן מיר דערזען אַ גרויסן עולם אַראַבער, וואָס איז געשטאַנען ביים צאָם פון הויף. דער עולם האָט אונדז אויפמערקזאַם באַטראַכט און פון אונדז די אויגן נישט אַראָפּגענומען. אונדז איז עפּעס געוואָרן נישט היימלעך... נאָר אונדזער חשד האָט דער באַלעבאָס פון הויז פאַרטריבן. ער האָט אונדז באַרואיקט, אַז דאָס זענען נישט קיין אַראַבער, נאָר יידן — תימנער יידן, וועלכע דערוויסנדיק זיך, אַז עס איז אָנגעקומען פון ווייטע לענ־

דער עפּעס אַן אַנדער מין מאָדנע יידן מיט ווייסע פּנימער, זענען זיי געקומען אונדז באַגריסן. אַלץ וואָלט איך געטראַכט, נאָר נישט דאָס, אַז זיי זענען יידן. אויפן ערשטן קוק האָבן זיי אויסגעדוכט צו זיין אַראַבער — אמתע ריין בלוטיקע אַראַבער. אויך געקליידט זענען זיי געווען ווי אַראַבער פון אָרימען קלאַס. נאָר ווען מיר האָבן זיך גוט צוגעקוקט אין זיי האָבן מיר טאַקע דערזען אין זיי יידן. ערשטנס די לאַנג געקרייזלטע פּאות ביזן האַלדז, צווייטנס די אויגן. איך האָב שוין געזען אויף מיין לעבן יידישע אויגן, נאָר אַזעלכע האָב איך נאָך נישט געזען. שוואַרצע, אומעטיקע צו דער זעלבער צייט לעבעדיקע, קלוגע אויגן. אין זייערע אויגן שפּיגלט זיך אָפּ זייער טויזנט יאָריק וויסט אומבאַהאָלפן גלות לעבן, זייערע אַלע צרות און ליידן. זיי זענען נידעריקער פון די בני ישראל פון אינדיע, דאַר, די פּנימער פון א טונקל ברוינעם קאָליר פאַרברענט, די קעפּ גלאַט אָפּגעראַזירט. מיר זענען אַרויס פון הויף און צוגעגאַנגען צו זיי. זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי אַלס אשכנזישע יידן. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי אין גאנצן געצווייפלט, צי מיר זענען יידן. און ווי האָבן זיי געקענט אין אונדז זייערע ברידער יידן דערקענען, ווען מיר זענען געווען אין גאַנצן ראַזירט, מיט קורץ געשאָרענע האָר, אָן פּאות, מיט ווייסע הוטן אויף די קעפּ, געקליידט ווי גויים. אויך וואָס אונדזערע פרויען און מיידלעך שטייען צוזאַמען מיט פרעמדע מענער, רעדן מיט זיי, פאַרברענגען... מיר האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז מיר זענען יידן. א סימן האָבן זיי — מיר רעדן מיט זיי העברעיש.

אויף זייער פראַגע, פון וואַנען זענען מיר, האָבן מיר געענטפערט, אַז מיר זענען פון רוסלאַנד. דאָס לעצטע איז געווען פאַר זיי אַ וואָרט אָן באַדייטונג. מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז מיר זענען פון מזרח אייראָפּע. דאָס איז פאַר זיי געווען נאָך ווינציק קלאָר. דערנאָך אַז מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז אונדזער לאַנד געפינט זיך הינטערן פּערסישן אויסגוס, און אהינטער די קאווקאַזער בערג, האָבן זיי יאָ געקראָגן אַ שטיקל באַגריף פון וועלכן געגנט מיר זענען.

זיי האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווי עס לעבן דאָרטן יידן. מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז מיר האָבן דאָרט געהאט אַ שווערן און ביטערן גלות, נאָר איצט, ווען די רעגירונג איז אַריבער צו די אָרימע, איז אונדזער לאַגע פּאָליטיש און עקאָנאָמיש פיל פאַרבעסערט געוואָרן — גאָט צו דאַנקען האָבן זיי זיך אָפּגערופן, מיט די אויגן צום הימל.

— ביי אונדז אין לאַנד — האָט איינער פון אונדזער גרופּע געזאָגט, זענען שוין איצט נישטאָ קיין אָרעמע און קיין רייכע. מען האָט ביי די רייכע

צוגענומען אַלץ און עס צעטיילט צווישן די אָרעמע, און די לעצטע זענען די גאַנצע באַלעבאַטים פון לאַנד.

— משיחס צייטן, האָבן אויסגערעדט די תימנער יידן, אויפהויבנדיק די הענט און די אויגן צום הימל.

— וווהין פאָרט איר? — האָבן זיי אונדז געפרעגט.

— קיין ארץ ישראל, — האָבן מיר זיי געענטפערט.

— זאָלן אייערע טריט געבענטשט זיין און זאָל אייך באַגליקן דאָרט אין לאַנד פון אונדזערע אבות, האָבן זיי אונדז געווונטשן און אין זייערע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ הייליק פייערל און ביי אייניקע האָבן זיך אַפילו באַוויזן טרערן אין די אויגן.

— אַראַץ איזראַעל! אַראַץ איזראַעל! האָבן זיי איבערגעחזרט אייניקע מאָל מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל מיט אַזאַ התלהבות און הייליקייט, אַז עס האָט אונדז שטאַרק גערירט.

— נו, איר קענט דאָך אויך פאָרן, האָבן מיר זיי געזאָגט, עס קאָסט פון דאַנען אינגאַנצן אַרום זעקס ענגלישע פונט.

— ווי אַזוי קען איך פאָרן, האָט זיך אָפּגערופן אַ שיינער, אַלטער גרויער תימנער ייד. איך פאַרדין אין גאַנצן איין רופּי (אַרום 22 סענט) אַ טאָג און האָב צוויי ווייבער מיט זעקס קינדער. ס'איז נישט גענוג אויף עסן און דאָס אויך פאַרדין איך נישט יעדן טאָג.

— וואָס איז אייער אַרבעט? האָבן מיר אים געפרעגט.

— איך בין אַ טרעגער דאָביים האַפן און אַרבעט נאָר דאַן, ווען מען דאַרף אָנלאָדן און אויסלאָדן די שיפן. די איבעריקע צייט לייד איך מיט מיין משפחה הונגער.

פון די ווייטערע געשפּרעכן מיט די תימנער יידן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז זעקס פונט איז פאַר זיי די גרעסטע רייכקייט, וועגן וועלכער זיי קענען אַפילו נישט חלומען.

— זענען דאָ ביי אייך גאָר נישטאָ קיין רייכע?

— ס'זענען דאָ אייניקע, וואָס זענען רייך, אָבער דאָס פאָלק, די תימנער יידן לעבן אין גרויס אָרעמקייט.

— ווי אַזוי האַלט איר אויס אייער קהלה?

— אונדזערע פאָרשטייער קריגן אַ קליינעם געהאַלט, נישט גענוג אַ לעבן צו מאַכן און די קהלה לייט מוזן האָבן אַ זייטיקע באַשעפטיקונג. אונדזער רב, אונדזער שוחט און די אַלע אַנדערע זענען באַלמעלאָכעס און הויפּטזעכלעך פון דעם, ציען זיי זייער חיונה.

זיי האָבן אונדז איינגעלאָדן צו זיך פאַר אַ מאָלצייט. מיר האָבן זיי צו-

געזאָגט קומען, אָבער נישט היינט, ווייל היינט האָבן מיר געהאַט א גרויסאַרטיקן מאָלצייט ביי רב מאירן. זיי האָבן זיך באַליידיקט, נאָר מיר האָבן זיי צוגעזאָגט קומען מאָרגן און דערווייל בעטן מיר זיי אונדז באַווייזן זייער שול.

די זון האָט געבראָטן. אַלץ אַרום און אַרום איז געווען אויסגעטריקנט. מיר זענען דורכגעגאַנגען א פּאָר קוואַרטאַלן, וואָס זענען נאָך געווען אביסל שטאָטיש. דאָך האָבן זיי אויף אונדז געמאַכט נישט קיין גוטן איינדרוק. די גאַסן שמוציק, אַלטמאָדיש, אָפּגעלאָזן, די הייזער פון טונקעלן קאַליר, אַנדערע אָפילו געפּאַרבט אין שוואַרץ. און ווי מיר זענען ארויס פון דעם קוואַרטאַל, האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט א ווילדעניש. אַלץ איז געווען מיט בערג און בערגלעך פון פאַרשידענער גרויס. די בערג האָבן אויסגעזען ווי אָנגעטאָן אין שמוציקע טראַנטעס. פון די בערג האָבן אַרויסגעשטאַרצט לעכער־היילן, ווו עס ווינען מענטשן, נישט קיין חיות. די געסלעך קליינינקע, געדרייטע, שמאָלינקע. די ליימענע און שטיינערנע הייזער זענען מיטן פאַסאַד צום הויף. צו אונדז, די פאַרבייגייער, שטייען זיי מיטן רוקן. זעלטן זעען מיר אימיצער זאָל אונדז אַנטקעגן קומען. אַמאָל אַן אַראַבער אויף אַן אייזעלע און איינמאָל א שטיקל קאַראַוואַן פון קעמלען אָנגעלאָדענע מיט קאַסטנס און פון צווישן די הויקערס קען מען זען די אַראַבער־אַנטרייבער. די קעמלען גייען לאַנגזאַם, פויל, פאַרזיכטיק. געוויינלעכע בילדער פון נאָענטן אַריענט, וואָס האָט אַזוי פיל צייט און געדולד.

און אָט זענען מיר אַריין אין שול, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ קליין אָרעם הויז פון איין צימער (די תימנער פרויען גייען נישט אין שול), אָרים באַלויכטן. אין מיטן שול אַ בימה און אַנטקעגן דער ארון קודש. לעבן שול איין אַן אָרימער כאַלופּקע וווינט דער שמש.

זיי האָבן אונדז געוויזן זייערע ספרי תורות, געוויקלט נישט ווי ביי אונדז פוןביידע זייטן, נאָר פון איין זייט און אַריינגעלייגט אין א מין אויסגעפּוצטן פּוטלאַר פון העלפאַנט בייך, וועלכער זעט אויס ווי אַ צילינדער. איך האָב באַטראַכט זייערע ספרים, סדורים, חומשים און האָב זיך צו מיין גרעסטן וווּנדער אָנגעשטויסן אויף א סידור, געדרוקט אין פוילן, אין ווילנע, אין דער באַקאַנטער ראָמס דרוקעריי. עס איז אָפילו געווען אויף אים די דערלויבניש פון צענזור.

— ווי קומט דער אשכנזישער סידור צו אייך, האָב איך זיי געפרעגט.

— מיט יאָרן צוריק איז דאָ געווען איינער פון אייערע יידן, נאָר אָנגעטאָן איז ער געווען אַנדערש פון אייך. ער איז געווען א פרומער אַ גאָטספאַרכטיקער ייד. זעענדיק אונדזער מאנגל אין סידורים, האָט ער זיין סי־

דור געשענקט פאַר אונדזער קהלה. און מיר היטן אָט די הייליקע מתנה, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. איר ווייסט דאָך — ביי אונדז זענען קיין יידישע דרוק־קערייען נישטאָ. אויך נישטאָ קיין געלט צו באַשטעלן די הייליקע שריפטן, מוזן מיר די ספרים היטן, ווי דאָס טייערסטע, וואָס מיר האָבן. אָפטמאָל האָט ביי אונדז אַ גאַנצע קהלה נישט מער ווי אייניקע ספרים — לייען אויס די קהלות ספרים איינע ביי די אַנדערע.

מיר זענען אַרויס פון שול מיט אַ שווערן געמיט. אַפילו אין די אָרימ־סטע קלענסטע שטעטלעך פון ליטע זענען די שולן א סך גרעסער, שענער, רייכער. אַזאַ אָרים שול איז מיר דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען צו זען.

מיר האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דעם יידישן געגנט. אָרימע הייזלעך צוואָרפן אָן אַן אָרדענונג. אָפט אַפילו זענען קיין געסלעך נישטאָ, מער נישט אַן אויסגעטראָטענער וועג אין די טאָלן און בערג און אָפט אפילו קיין וועג אויך נישטאָ: גליענדער, ברענענדער זאַמד, די הייזלעך מאַכן אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך פאַר עפּעס דערשראָקן און ווילן זיך באַהאַלטן. זעלטן, זעלטן קען מען טרעפן אַ באַקוועמערע הויז מיט אַ הויף. די איבע־ריקע זענען קליינינקע, נידעריקע, פינצטערע. אין א פּאָר הייזלעך בין איך אַריין. דאָס זענען גיכער קברים, וו עס געפינען זיך לעבעדיקע מענטשן. און דאָ וווינען זיי מיט זייערע פרויען, קינדער און אָפט מיט זייערע על־טערן און זיידעס און באָבעס.

די תימנער יידן זענען מערסטנס געלערנטע. כמעט אַלע יידן קע־נען אויסער אַראַביש אויך העברעיש. זיי פאַרברענגען כמעט זייער גאַנצע פרייע צייט איבער זייערע ספרים. פון דער סאַמע פריסטער יוגנט הייבט מען זיי שוין אָן צו לערנען און דאָס לערנען פאַרלאָזן נישט די תימנער ביזן לעצטן אָטעם. גראָד האָבן זיי גוטע שאַרפע קעפּ צום לערנען, צום גע־דענקען. נישט האָבנדיק געגנוג ספרים, באַמיען זיי זיך, אַלץ וואָס זיי לער־נען, אויסלערנען אויף אויסנווייניק.

איך בין דערנאָך מיט זיי אַוועק אין זייער הקדש. דאָס איז דאָס טרויע־ריקסטע, וואָס מיר איז אויסגעקומען זען אין מיין לעבן. די זון ברענט אָן רחמנות. דער הקדש איז אַן אָפּגעצאַמט פּלאַץ אָן אַ דאַך. בייזע פליגן פילן אָן דעם הויף און בייסן, אַזוי ווי זיי קענען בייסן אין די הייסע לענ־דער. אויפן אָפּגעצאַמטן אָרט א סך בעטן, אַזעלכע, אויף וועלכע מען טראָגט ביי אונדז טויטע. אויף די בעטן, אויף הוילן פאַרפוילטן שטרוי, מיט עפּעס פאַרשמאַלצענע שמאַטקעס אונטערן קאָפּ ליגן די קראַנקע, מערסטנס אַל־טע, אויסגעדאַרטע יידן. קיין זכר נישט פון אַ שטרוי זאַק, אַ ליילעך, א קי־

שעלע צי אַ קאָלדרע. און דאָ ליגן זיי ביז זיי שטאַרבן, אָדער ביז זיי גייען אַוועק צוריק אַהיים, אויב זיי האָבן אַזוינס...

פיר טעג זענען מיר געשטאַנען אין אדען און די גאַנצע פיר טעג זענען מיר געווען פאַרנומען מיט די תימנער יידן, אָדער בעסער געזאָגט די תימנער יידן מיט אונדז. אויסער דעם האָבן זיך די בני ישראל דערוווּסט פון אונדז און פלעגן אויך קומען צו אונדז אויף דער שיף — פשוט אָנקוקן די ווייסע יידן פון די גאָר ווייטע לענדער. אויך די ספרדישע קהלה האָט אונדז נישט אָפּגעלאָזן. נאָר זיי איז געווען אביסל פריקרע, וואָס מיר חברן זיך אַזוי שטאַרק מיט די תימנים און בני ישראל, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר יידן פון אַ נידעריקערן שטאַנד.

אויך די תימנער יידן האָבן צו דערציילן, אַז זיי האָבן געהאַט אין תימן אַ יידישע מלוכה, וועלכע האָט אַ לענגערע צייט עקזיסטירט און דערנאָך דורך די אַראַבער פאַרניכטעט געוואָרן. דאָך האָט זיך אין תימן זייער איינפלוס שטאַרק געפילט און אַרום דעם פינפטן יאָרהונדערט האָט דער הערשער פון אַראַבישן האַלב אינדזל דהו נאָוואַס (דער געקרייזלטער פרינץ) אָנגענומען דעם יידישן גלויבן און גרויזאַם פאַרפאָלגט דאָס ביסעלע קריסטן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט דאָרט געפונען. דאָס האָט אויפגערייצט דעם קריסטלעכן קייסער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכער האָט אויפגעמונטערט די עטיאָפּער נעגערס אָנצופאַלן אויף די אַראַבער. מיט דער הילף פון קריסטלעכן אימפּעראַטאָר, זענען זיי באַפאַלן אַראַביע און זי איינגענומען. דהו נאָוואַס איז דאַן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָך האָט זיך נאָך דאַן איינגעגעבן אָנצוהאַלטן זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. די ערגסטע צייטן האָבן די תימנער יידן דורכגעמאַכט דאַן, ווען מאַכמעד איז דערשינען און האָט אָנגעהויבן דורך שווערד און פייער באַקערן די מענטשהייט צו זיין רעליגיע. מאַכמעדס אָנהענגער האָבן אַ לאַנגע צייט באַלאַגערט די יידישע באַפעסטיקטע שטעט און די יידישע הויפּטשטאָט צנעה און האָבן אַ לאַנגע צייט פאַר קיין פאַל זיי נישט געקענט איינגנעמען. דער ווידערשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן בלויז דאַן, ווען מאַכמעד אַליין מיט זיינע אומציילקע אַרמייען זענען אָנגעקומען און האָבן נאָך אַ שווערער שלאַכט די פעסטונג איינגענומען. דאַן האָבן די תימנער יידן דורכגעמאַכט דעם שרעקלעכסטן חורבן אין זייער געשיכטע. מאַכמעד האָט דאַן דעם גרעסטן טייל יידן אויסגעהרגעט, א גרויסן טייל געצוווּנגען מיט אינקוויזיטאָרישע מיטלען אָנצונעמען זיין גלויבן. פון דאַן אָן ביז היינט צו טאָג ציט זיך פאַר די תימנער יידן די קייט פון צרות, ליידן, דערנידערונגען און פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די תימנער יידן דאָס אמתע ביטערע גלות לעבן.

אין דער שטאָט און פאַרט אדען איז זייער לאַגע בעסער, ווייל דאָרט עקזיסטירן נישט די אַלע אויסנאַם געזעצן. ווי נישט איז דערלאָזט נישט די אמתע באַלעבאָסטע פון דעם געגנט — ענגלאַנד דיווילדע אַראַבער סאַדיסטיש א הוליע צו טאָן אויפן חשבון פון די יידן.

צום גליק זענען דאָרט איצט פאַראַן ווייניק יידן — אפשר א דרייסיק טויזנט. די מערסטע זענען אנטלאָפן קיין ארץ ישראל. דאָס וועלן אריינ־דרינגען אין דאָס הייליקע לאַנד איז געוואָרן ביי זיי א פסיכאָז. אַלע טראָגן זיך אַרום מיט דעם אידעאַל און בויען משונהדיקע פּלענער ווי אַזוי דעם אידעאַל דורכצופירן.

אויפן דריטן טאָג זענען מיר געווען ביי זיי אויף א מאַלצייט. איך בין געווען פאַרנומען און נישט געקענט גיין. צוריקקומענדיק האָבן אונדזערע חברים מיט באַגייסטערונג דערציילט, אַז מען האָט פאַר זיי מקריב געווען אַ קרבן. מען האָט אויף אַ גרויסן הויף געשאָכטן א שעפּס, אים ווי געהע־ריק אויסגערייניקט און מיט אַ גרויסער פּראָצעדור דעם קרבן אריינגעלייגט אין זאַמד אויף ברענענדיקן קוילן און גליענדיקע שטיינער. אויפן הויף האָט מען צעשטעלט נידעריקע טישן און לאַנגע בענק. זיי האָבן זייערע גייע ברידער מכבד געווען מיט געשמאַקן, געפּרעגלטן פלייש, מיט חלה, גרינס, פּרוכט און ווייַן. דער גאַנצער מאַלצייט איז געווען א פּראָצעדור פון עסן, געזאַנג און תפילות. נאָר קיין פרויען האָט מען אין דער פּראָצעדור נישט געזען, די גאַנצע פּראָצעדור האָבן דורכגעפירט די מענער.

נאָכן עסן האָט אונדזער גרופּע צווישן זיך געמאַכט א זאַמלונג. גע־שאַפן עטלעכע פונט און איבערגעגעבן דאָס געלט אויף צו באַזאָרגן מיט בעטגעוואַנט די קראַנקע אין הקדש.

רב מאיר בענהארט האָט אונדז איינגעלאַדן אויף אַ רייזע איבער אדען. ער האָט געהאַט א גענוגנדע צאָל אויטאָמאָבילן נישט נאָר פאַר אונדז, נאָר אויך פאַר די אָנגעזעענע פּרענקישע באַלעבאַטים. קיין סך אינטערעסאַנטס האָבן מיר נישט געזען. פאַרקערט עס איז מיר געווען פאַרדראָסיק אויף די אַראַבער, וואָס האָבן גענומען אַזאַ פון גאָט געבענטשט ווינקל און דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ חזיר שטאַל. אַלץ איז שמוציק: די מענטשן, די קליי־דונג, די הייזער, די געסלעך, אומעטום באַמערקסטו חסרונות, וואָס עס נעמט זיך פון פוילקייט, אָפּגעלאָזנקייט און פאַרנאַכלעסיקונג.

אין אָוונט האָט אונדז דער מעצענאַט איינגעלאַדן אין אַ קאַפעטעריע — עפּעס אַ גרויס שוואַרץ הויז. קענטיק, אַז מען האָט זיך אין קאַפעטע־ריע אויף אונדז געגרייט, ווייל דאָס עסן און טרינקען איז געווען אויפן אייראָפּעיִשן סטיל. מיר האָבן פאַרנומען אַ גאַנצן גרויסן צימער. אויסער

אונדזוערטיקע און די ספרדים איז דאָרטן קיינער נישט געווען. מיר האָבן זיך צעזעצט און די קעלנער האָבן אָנגעהויבן פאָדען אַרום אונדז. מען האָט אונדז דערלאַנגט פון דאָס בעסטע און שענסטע. אַ מאָדנע זאַך: כמעט די אַלע ספרדישע יידן האָבן געקענט פריי רעדן אַראַביש, העברעיש, פראַנצויזיש און ענגליש. מיר האָבן זייער אינטערעסאַנט פאַרבראַכט. מען האָט גערעדט וועגן די יידן אין אַראַביע, אין ארץ ישראל, אין עטיאָפּיע, וועגן ווייסע יידן, וועלכע זיי האָבן אויפגענומען אין אדען. וועגן דער מעג־לעכקייט פון פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן געדאַנק. נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה ביי די טישן, האָט מאיר דערקלערט, אַז זיין שוועסטער וועט פאַר אונדז שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. און זי איז טאַקע גע־ווען אַ גוטע שפּילערין. זי האָט פאַר אונדז געשפּילט קלאַסישע מוזיק און איז אַריבער צו אייניקע אַריעס. מיר האָבן האַרציק איר אַפּלאָדירט. צום סוף האָט זי אָנגעהויבן שפּילן „עוד לא אבדה". און דאָ איז פאַרגעקומען עפּעס, וואָס שטייט לעבעדיק פאַר מיינע אויגן און איך קען דאָס אויף מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. דער גאַנצער עולם איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן זינגען אין כאָר אזוי האַרציק, אַזוי דורכפילענד, אַז טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אַלעמענס אויגן. און איך, וואָס האָב קיין מאָל נישט גע־האַלטן פון דעם הימן און געווען גאָר פאַרליבט אין דער שבועה „ברידער און שוועסטער", האָב אונטער דער ווירקונג פון דער אַלגעמיינער שטימונג אויך אָנגעהויבן מיטזינגען. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן עפּעס דריקן, אויך ביי מיר האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן, כאָטש איך קען נישט וויי־נען ביי די גרעסטע אומגליקן און מיר איז געוואָרן אביסל נישט גוט און איך בין אַרויס פו דער קאַפעטעריע אין הויף. און דאָ האָב איך זיך אָנגע־שטויסן אויף אַן אַנדער בילד. דער הויף איז געווען אָנגעפילט מיט די תימנער און בני ישראל. נישט מער ווי די גליקלעכסטע פון זיי האָבן גע־קענט עפּעס זען דורך די פענצטער, וואָס אין קאַפעטעריע קומט פאָר. די אַלע האָבן מיטגעזונגען די התקוה אויך מיט געוויין און האַרץ רייסעניש...

און ווען מיר האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן אדען, איז די גאַנצע שטעטל געקומען אונדז באַגלייטן, און ווען מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז אונ־דזער שיף אָפּגעפאָרן, האָבן מיר געזען אַ מאַסע יידן אויפן ברעג, זיי האָבן פשוט געוויינט, מיט די לעצטע כוחות אונדז ארויסגעשריען זייער ווונטש, עס זאָל אונדז באַגליקט ווערן דער וועג, מיר זאָלן געזונטערהייט קומען אין דאָס הייליקע לאַנד — ארץ ישראל און דאָס לאנד קושן פון זייערט־וועגן.

די שיף האָט אונדז אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע. לאַנג, לאַנג האָבן

מיר נאָך געפּאָכעט מיט אונדזערע טיכלעך און הוטן, ביז וואַנען פון די אדע־נער יידן זענען בלויז פינטעלעך פאַרבליבן... און מיר האָבן זיך דערפילט ווי פאַריתומטע...

ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען פאַר אונדז יידן, איז דאָס, וואָס לויט די לעגענדעס ביי די אָרטיקע יידן, איז אדען אויפגעבויט געוואָרן פון יידן אין די גאָר אלטע צייטן פארן חורבן בית ראשון. 75 טויזנט יידן האָבן דאן פארלאָזן ירושלים, געוואנדערט אַ לאַנגע צייט איבערן מדבר און צום סוף זיך דאָ אָפּגעשטעלט, אויפגעבויט פאַר זיך אַ שטאָט און איר אַ נאָמען געגעבן אַדען, ווייל זיי האָבן דעם געגנט געהאלטן פאר אַ גן עדן.*)

*) מער וועגן די תימנער יידן אין מיין בוך עטיאָפּיע — און די יידן אין אָריענט.

קאַפּיטל 33

מיר פאָרן אריין אין אַפריקע

אין אדען, ווי אין אַלע פּאָרט־שטעט זענען אַ סך פּאַסאַזשירן אַראָפּ און די שיף האָט אריינגענומען א גרויסע צאָל נייע פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן פון אַזיע אין אַפריקע. נישטאָ שוין אין גאנצן קיין יאַפּאַנער, כינעזער, הינדוסן. אַנשטאָט זיי זענען ארויפגעקומען צו אונדז אַראַבער פון יעמען, פון אַראַביע, אויך אַראַבער און נעגערס, וואָס זענען געפאָרן צו זייערע היימען אין עטיאָפּיע, און די פאַרשידענע סאָמאַלי לענדער: בריטישע, איטאַליענישע, פראַנצויזישע און אנדערע. איך קען נישט אונטערשיידן צווישן זיי די אַראַבער און נעגערס. ביי מיר זעען זיי אַלע אויס ווי זין און טעכטער פון דער שוואַרצער ראַסע. נאָר זיי צווישן זיך ווייסן שוין צו וועלכער ראסע זיי באַלאַנגען, און האַלטן זיך אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. צו אונדז, די ווייסע, באַציען זיי זיך מיט אַ חשד. האָבן מורא ווי שוואַכע קעגן שטאַרקע. און זיי מעגן מורא האָבן. די ווייסע האָבן דאָ פאַרכאַפּט כמעט אַלץ און באַציען זיך צו דער דאָרט געבאָרענער שווארצער באַפעלקערונג ווייט נישט מענטשלעך...

מיר פאָרן דורך דעם אדענער שטראָם פון דעם אינדישן אָקעאַן און פאָרן אַריין אין רויטן ים. אַלץ איז דאָ אַראַביש. כמעט אַלע רעדן אַראַביש. מען פירט זיך אויף אַראַביש און די נעמען פון די פלעצער, וועלכע מיר פאָרן פאַרביי, טראָגן אַראַבישע נעמען. מיר פאָרן דורך דעם באַב על מאנדעב דעם שמאָלן דורכגאַנג פון אדענער שטראָם אין רויטן ים. דאָ זעען מיר פון איין זייט אַזיע און פון צווייטן זייט אַפריקע. וואָס ווייטער מיר פאָרן ווערט דער רויטער ים ברייטער און ברייטער. די וואַסערן זענען רואיק און אונדזער שיף גליטשט זיך רואיק איבער די וואַסערן. פון איין זאַך, וואָס מיר ליידן — איז די שרעקלעכע היץ, וועלכע איז אונמדערטרעגלעך. זי מאַכט אונדז פויל און אַפּאַטיש. מיר טרינקען אַ סך וואַסער, נעמען אָפּט א שפּריץ, אָבער דאָס העלפט ווייניק וואָס. אַ פּאָר מינוט פילן מיר ווי אָפּגעפרישטע, באַנייטע און דערנאָך ווערן מיר ווידער באַדעקט מיט שוויים און עס גיסט פון אונדז, ווי ערשט פון אַ טייך אַרויס. מיר וואונדערט זייער, וואָס קיינער

פון אונדז איז נישט קראַנק געוואָרן פון די היצן פאַר דער גאַנצער צייט. בלויז צוויי פון שיף זענען געשטאָרבן. איינער אַ פּאַסאַזשיר — אַן עגג־לענדער און איינער פון דער מאַנשאַפט. — דער סטאָליער, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט אונדזער קליינוואַרג און פלעגט כמעט אַלע טאָג ברענגען מתנות אונדזערע קינדער — מערסטנס אויסשניצונגען פון האָלץ, פון וואָס די קינדער האָבן גרויס פאַרגעניגן געהאַט. און מיר אַלע, די יידישע פּאַסאַזשירן האָבן אים זייער ליב געקראָגן. און געשטאָרבן איז ער נאַריש, אַזוי ווי מיט אייגענע הענט זעלבסטמאָרד באַגאַנגען. נישט דערפאַרנדיק צו אַדען האָט ער זיך געוועט מיט זיינע חברים — שיפס־אַרבעטער, אַז ער וועט אין אַדען אויסטרינקען צוויי גרויסע פלעשער שנאַפּס. און נישט קוקנדיק אויף דער היץ, וועט אים דאָס נישט שאַדן. און אין דעם לעצטן פרימאָרגן פון אונדזער זיין אין אַדען איז ער מיט אַ גרופּע חברים אַריין אין אַזאַ קאַ־פּעטעריע, ווו מען האָט פאַרקויפט שנאַפּס אויך. גראָדע דאַן האָב איך זיך אויך דאָרט געפונען, כ'בין אַריין נעמען אַ קאַלטן טרונק. איך האָב געזען, ווי די חברים האָבן באַשטעלט פאַר אים צוויי גרויסע פלעשער שנאַפּס און פאַר זיך — הייסע קאַווע. און ער האָט אָנגעהויבן דורכפירן זיין וועט, און אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט אויף אים, געהיט אים ער זאָל ער־געץ נישט אויסגיסן דעם ביטערן טראָפּן, ער זאָל טאַקע יעדע גלאָז מיט שנאַפּס אויסטרינקען. ווען ער האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש מיט נאָך אַ גלעזל פון דער צווייטער פלאַש, האָב איך באַמערקט, אַז ער פילט זיך שלעכט. בין איך צוגעגאַנגען צו אים און אים געבעטן ער זאָל מער נישט טרינקען. ער האָט מיך אַפילו הערן נישט געוואָלט. איך האָב באַ־מערקט זיינע בלאַנדזשענדע אויגן, ווי ער פלעגט נאָך יעדעס גלעזל פאַר־וואַרפן דעם קאָפּ אויף דער ווענטל פון שטול און מען האָט געקענט זען, אַז ער קען פאַר קיין פאַל מער נישט טרינקען. אָבער זיינע חברים האָבן אים צוגעגעבן קוראַזש און געראָטן אויסטרינקען די שנאַפּס אין גאַנצן: עס איז דאָך נישט קיין סך פאַרבליבן.

ער האָט דאָס טאַקע אויסגעטרונקען און דעם וועט געוווּנען. אָבער גיין צוריק צו דער שיף האָט ער שוין נישט געקענט און די חברים האָבן אים געטראָגן אויף זיך, געבראַכט אים אויף זיין פלאַץ און אים אַוועקגע־לייגט.

אין אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט אונדזער שיף פאַרלאָזן אַדען.

דערווייל האָט מען געלאָזט וויסן דעם קאַפּיטאַן וועגן דעם. דער קאַ־פּיטאַן איז אַראָפּ אים באַזוכן און אים געפונען אין אַ באַוווסטלאָזן צו־שטאַנד. מען האָט גלייך געבראַכט דעם שיפס דאָקטאָר און אויך אַ גרויסן

איטאַליענישן דאָקטאָר פון די פּאַסאַזשירן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי איבער אים געאַרבעט, אַריינגעגעבן פאַרשידענע רפואות, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דאַן האָבן זיי באַשלאָסן מאַכן אַן אָפּעראַציע: עפענען דעם בויך און אויסקראַבן די קישקעס. אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. און אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז געשטאָרבן. דאָס איז געווען פאַר אונדז, יידישע פּאַסאַזשירן, אַ שווערער אָנווער. אָבער מיט דעם איז די געשעעניש נישט פאַרענדיקט. דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט אים מקבר זיין אין ים. די מאַנטשאַפט האָט ארויסגעשטעלט די פאָדערונג צו ברענגען אים צו זיין פרוי און קינדער אין ברינדיזי און דאָרטן אים מקבר זיין. דער קאַפּיטאַן האָט נישט געוואָלט אפילן הערן פון דעם. און אין מיטן פון אַדענער שטראָם איז פאָרגעקומען אַ שטרייק פון די ים אַר־בעטער, וועלכער האָט געדויערט א פאָר שעה. אונדזער שיף האָט זיך אָפּ־געשטעלט און די אַרבעטער האָבן אָפּגעהאַלטן עטלעכע מיטינגען, די פאַר־שטייער האָבן פאַרהאַנדלט מיטן קאַפּיטאַן און דער סוף איז געווען, אַז דער קאַפּיטאַן האָט געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונג פון די אַרבעטער — דעם טויטן אין א טרונע אריינגעלייגט אין אַ גרויסן פרידזשידער און אים גע־פירט קיין ברינדיזי.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך דער קאַפּיטאַן באַקלאָגט פאַר מיר אויף די היינטיקע צייטן, און די היינטיקע אַרבעטער, וואָס זענען געוואָרן צו חוצפּהדיק, צו פאָדעריש, און ווי נאָר עפּעס שטרייקן זיי...

אַ שטאַרקערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די לויה פון דעם ענג־לענדער, וועלכן, נאָך אַלע צערעמאָניעס פון א גלח מיט זינגער, צערעמאָ־ניעס ווי אומעטום אויף דער יבשה, האָט מען דעם טויטן אַריינגעוואָרפן אין ים. דאָס איז פאַר מיר דאַן געווען עפּעס שוידערלעך, שרעקלעך, נישט נאַ־טירלעך און נאָך מער רחמנות האָב איך געפילט צום טויטן, און נאָך ער־גער האָב איך זיך געפילט, ווען איך האָב דערזען ווי די גרויסע פיש האָבן מאָמענטאַל ארומגערינגלט דעם טויטן. מער האָב איך שוין נישט געהאַט קיין האַרץ צו קוקן אין ים אַריין...

מיר פאָרן פאַרביי די ברעגן פון עריטעריע אין אַפריקע. עפּעס זענען מיר דורכגעפאָרן פאַרביי גרויסע און קליינע אינדזלען, געזען אַפילו די דאָרטיקע איינוווינער, די דאָרטיקע פלאַנצונגען, די דאָרטיקע ביימער. מיר איז זייער געפעלן געוואָרן דער נאָמען פּאַטימאַ, און כאַטמאַ, וואָס די אַראַ־בער גיבן זייערע שטעט און פאָרטן. און אין אַלגעמיין האָבן די נעמען פון די שטעט אויף ביידע זייטן פון רויטן ים פאַר מיר געקלונגען שטאַרק סע־

מיטיש און אין אַנדערע נעמען האָב איך אָפט געזוכט דעם העברעישן וואָרצל.

וואָס נענטער צו ארץ ישראל לערנט זיך דער עולם אַלץ פלייסיקער. מיר האָבן זיך שוין פאַמיליאַריזירט מיט דער העברעישער שפּראַך, די מער־הייט פון אונדז רעדט העברעיש, אויך האָבן מיר זיך ספּעציאַליזירט אין געאָגראַפישער קענטעניש פון ארץ ישראל. לעקציעס זענען פאָרגעקומען זיי־ער אָפט און כמעט אַלע פלעגן זיי באַזוכן. אויסער דעם האָבן מיר געהאַט אָפט קאָנצערטן — איטאַליענישע פאָלקס מאָטיוון און לידער.

די דייטשע באַפרייטע קריגס געפאַנגענע האָבן זיך עפּעס געפילט נישט פויגלדיק און וואָס ווייטער מיר זענען געפאָרן אַלץ שטארקער האָט אַלץ בידעריקער געזונקען. זיי איז שוין נישט געלעגן אין קאָפּ צו זינגען געברענט זייער האָס אויף ענגלאַנד און אַמעריקע און זייער „מאָראַל" האָט אָדער שפּילן. זיי האָבן גאָר ווייניק גערעדט און מערסטנס געשוויגן. אויך האָב איך באַמערקט, אַז אַפילו צווישן זיך רעדן זיי ווייניק. מיט אַן אויסער־געוויינלעכע אונטערטעניקייט פלעגן זיי פאַר אַן אָפּשטעל ביי די ברעגן, קומען צו מיר און בעטן מיר איינקויפן אין שטאָט דאָס נייטיקסטע. ספּע־ציעל האָבן זיי אויסגעמיטן צו רעדן וועגן פּאָליטיק. איך האָב דאַן אויף זיי שטאַרק רחמנות געהאַט. עס פאָרן אָפיצירן פון דעם הערן פאָלק און האָבן אויף דער שיף ווייניקער רעכט אַפילו פון די נעגערס. און דאָס מוז טאַקע זיין אַ שרעקלעכע אָפּקומעניש — פאָרן אַזאַ לאַנגן וועג און נישט טאָרן אראָפּגיין פון שיף. און אָט דערנענטערן מיר זיך צום פּאָרט מאַסאווא, ווו אונדזער שיף דאַרף זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע טעג. און איך בין פול מיט אַ גרויסער פרייד — באַלד וועל איך זיין אין אַפריקע

קאַפּיטל 34

מאַסאַווא

לאַנגזאַם דערנענטערט זיך אונדזער שיף צום פּאָרט און שטאָט מאַסאַווא, אין דער אַפריקאַנער פּראָווינץ עריטרעאַ, וועלכע געפינט זיך אונטער דער איטאַליענישער הערשאַפט. אַט באַווייזן זיך שוין די הויכע געביידעס פון דער שטאָט, אַט באַמערקן מיר שוין דעם האַפן, אַט דערזעען מיר שוין די מענטשן, וואָס וואַרטן אויף אונדזער אָנקומענדיקער שיף. די מענטשן דאָרטן אויפן ברעג זענען אַלע שוואַרצע. זעלטן, גאָר זעלטן, קען מען באַמערקן עמיצן פון דער ווייסער ראַסע, און אויב יאָ, זענען זיי אַזוי פאַרברענט, אַז זיי זעען אויס ווי האַלב שוואַרצע. כמעט אַלע זענען אָנגעטאָן אין ווייסן, די מערהייט מיט הוילע קעפּ און באָרוויסע. אַ סך רינגלען אונדז אַרום אויף קליינע שיפלעך, יאָגן זיך נאָך אונדזער ריזיקער שיף „טריעסט". זיי שרייען אַרויף צו אונדז, לייגן אונדז, קענטיק, פאָר די סחורה, וואָס זיי האָבן אויף די שיפלעך. אונדזער שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט און אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען מיר שוין אויף דער יבשה. טויזנטער שוואַרצע שרייען, מאַכן מיט די הענט, שטופּן זיך, שלאָגן פאָר צו קויפן פּרוכט, געבעקס, גרינס, צאַצקעס און אַנדערע זאַכן. אַ טומל נישט אויסצוהאַלטן. גראָד האָט מען אונדז באַגעגנט מיט אַ קאַפּעליע, אַ גוטן מיליטערישן אָרקעסטער. דאָס האָט די איטאַליענישע קאָלאָניע באַגעגנט זייער איטאַליענישן גרויסן גאַסט — זייער גענעראַל קאָנסול אין כינע, וועלכער דאַרף זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ לענגערער צייט.

מען לאָזט אונדז וויסן, אַז דאָ אין מאַסאַווא, זענען די טייטלען די בעסטע אויף דער וועלט און דער עולם האָט מיך געבעטן איינקויפן פאַר זיי טייטלען.

דאָס ערשטע, וואָס לאָזט זיך גלייך פילן. מיר דוכט זיך, אַז דאָ איז הייסער אַפילו ווי אויפן אינדזל צייל‌אָן, ווי אַפילו אין אַדען, ס'איז פּשוט אוממעגלעך צו שטיין אונטער דער ברענענדיקער זון. רוקסט אַראָפּ דעם ברייטן שטרויענעם הוט מער איבערן פּנים, באַהאַלטסט די הענט אין די קעשענעס, זיי זאָלן אַזוי נישט ברענען, און אָנגעטאָן ביסטו לייכט, דוכט

זיך, לייכטער קען מען שוין נישט: אין אַ ווייס העמד, ווייסע הויזן, גרינגע סאַנדאַלן און אין הוט. די היץ ברענט דיך דורך דאָס גאַנצע לייב. עס ברענט ווי אין אַ הייסן אויוון.

דאָס צווייטע, וואָס דיך איבערראַשט איז — די שוואַרצקייט פון דער באַפעלקערונג. איך האָב געטראָפן אַ סך שוואַרצע אין אַמעריקע, ספּעציעל אין דרום. איך האָב זיי געטראָפן אין פאַרשידענע לענדער אויף מיינע רייזעס, נאָר אַזעלכע פעך שוואַרצע האָב איך נאָך נישט געזען. די אַמעריקאַנער עכט שוואַרצע נעגערס זענען אַ סך העלער פון די אַפריקאַנער. די אַפריקאַנער זענען שוואַרץ ווי סאַזשע, אַזוי שוואַרץ, אַז עס באַקומט זיך אַ שוואַרצער גלאַנץ. אויך ביי זיי רוקן זיך מער אַרויס זייערע ראַסן שטריכן: הויכע, ברייטע, גוט אַנטוויקלטע קערפּערס, אַ ברייטע נאָז, ברייטע באַקן־ביינער, די ווייסלען פון די אויגן און די ציינער — מילך ווייס, די האָר זייער קורצע און געקרייזלטע. אָנגעטאָן זענען זיי אין שמוציקע, ווייסע, לאַנגע העמדער און ווייסע הויזן.

ווי אַזוי זיי טרעטן מיט הוילע פיס איבערן ברענענדיקן זאַמד און אָנגעגליטע שטיינער איז שווער צו פאַרשטיין.

דער האַפן מאַסאַווא געפינט זיך אויף אַ קאָראַלן אינדזל. מיטן קאָנטינענט איז ער פאַרבונדן מיט אַ לאַנגן בריק. איך האָב זיך געלאָזט דורך דער בריק אין שטאָט אַריין. די ערשטע פּאָר גאַסן מיט די הייזער מאַכן אַ גאַנץ גוטן איינדרוק. ריין, אייראָפּעיש ברייט, באַגאַסן מיט זון און איינגעטונקט אין ביימער. דאָ האָב איך געזען אויסערגעוויינלעך שיינע הייזער, געשעפטן, בענק, קאַפעטעריעס, רעסטאָראַנען, גרויסע געשעפטס הייזער. די הייזער זענען געבויט פון קאָראַלן שטיינער און זענען בלענדנד ווייס. נאָר ווען דו גייסט דורך די פּאָר שיינע ברייטע געסלעך, פאַלסטו גלייך אַריין אין דער אמתער אַפריקאַניש שוואַרצער מאַסאַווא. און דאָ בייט זיך דאָס בילד אין גאַנצן: די הייזלעך זענען אַנגעוואָרפן אָן אַ פּלאַן, אַפילו קיין גאַסן זענען נישטאָ. געשטעלט אַ הויז, וווּ עס האָט זיך נאָר געמאַכט. „אַ הויז" — ס'רעדט זיך נאָר אַזוי. קליינע הייזלעך פון קאָראַלן שטיינער, אָדער פון ערד מיט שטיינער און באַדעקט מיט שטרוי. די מערסטע אָן פענצטער און אָן קוימענס.

נאָר עפּעס מאָדנע. איך גיי שוין באַלד אַ שעה אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען און טרעף קיינעם נישט. פון דער בריק האָב איך נאָך געזען אַ פּאָר שוואַרצע, וועלכע האָבן געכאַפּט פיש אין ים. אָבער מער האָב איך קיינעם נישט געזען. עס ווונדערט מיך. נאָך מער — די קראָמען זענען פאַרמאַכט און אנדערע, וואָס זענען אָפן — ווערן געהיט פון אַפריקאַנער

הינט, וועלכע לאָזן נישט צוגיין צו דער קראָם. אַלע גאַסן לײדיק, וויסט, אָפּ־געשטאָרבן „אפשר איז היינט ביי זיי אַ יום טוב" — טראַכט איך און גיי ווייטער. און וואָס ווייטער איך גיי אַלץ מער אומהיימלעך ווערט מיר. גע־הערט א מעשה? און אויב אַפילו אַ יום טוב — גייט מען נישט אַרויס אין גאַס? און דאָ בין איך איינער אַליין אַ ווייסער, א פרעמדער, בלאָנדזשע אום איבערן שטאָט פון די שוואַרצע, וואָס טו איך, אַז מען באַפאַלט מיך?

די ברענענדע זון ווייזט שוין אויף האַלבן טאָג. איך קען די היץ אויף קיין פאַל נישט איבערטראָגן. עס ברענט, עס שרפעט. איך האָב מורא פאַר אַ זון־שלאָג. איך רוק אַראָפּ די הוט נאָך נידעריקער אויפן פנים, שפּילע אָפּ די קנעפּלעך פון מיין העמד. ס'ווערט אָבער נאָך ערגער, פאַרשפּילע איך זיי ווידער און שפּאַן ווייטער.

איך קום צו צום ברעג פון ים. קוק זיך אַרום — קיינער נישטאָ. איך וואַרף אַראָפּ פון זיך דאָס ביסעלע קליידונג, וואָס איך טראָג אויף זיך און פליוך אין וואַסער אַריין. אַ מחיה! אַזאַ פאַרגעניגן האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט. שווימען האָב איך מורא. איך האָב א סך געלייענט וועגן די קראָקאָ־דילן ביי די ברעגן פון די אַפריקאַנער ימען. די שרעק פאַר די קראָקאָדילן, כאָטש איך האָב זיי דערוויַל אין ערגעץ נישט געזען, ווערט גרעסער און גרעסער און איך לויף אַרויס אין טויט שרעק פון וואַסער. דאָך בין איך צופרידן — זיך אַביסל אָפּגעקילט און אָפּגעפרישט. אָבער די אַפריקאַנער זון האָט מיך ווידער ארומגעכאַפּט און איך בין ווידער אין אַ העלישן פייער.

איך גיי צו צו דער בריק. אָן אַ זייט באַמערק איך אַן אַלייע. איך גיי שוין מיט דער אַלייע. אָט איז אין מיטן פון אַ סאַד ,וואָס זעט אויס ווי אַ וואַלד, אַ פּרעכטיקע ווייסע דרייגאָרנדיקע געביידע פון קאָראַלן שטיינער. אַלע גאָרנס זענען אַרומגערינגלט מיט באַלקאָנען, וועלכע זענען פאַרדעקט מיט לייוונ־טענע פאָרהאַנגען, צו פאַרשטעלן די זון. אויף די באַלקאָנען זע איך א סך אייראָפּעער־איטאַליענער מיט זייערע פרויען און קינדער. אַלע זענען אָנ־געטאָן אין בלאַנקענדיקע ווייסע זאַכן, זיצן אַרום טישן און קילן זיך אָפּ מיט קאַלטע געטראַנקען. אוי, בין איך זיי מקנא. דאָ, טראַכט איך, מוז זיין אַ האָטעל און די געסט אמוזירן דאָס זייער גאסט — דעם גענעראַל קאָנסול. אין כינע.

אין דער אליע געפינען זיך נאָך איניקע רייכע הייזער און... ווידער דער ים. איך גיי צוריק און זוך אויס נייע גאַסן. הייזער א סך, אָבער עס מאַכט דעם איינדרוק אַז אינעווייניק איז קיינער נישטאָ. יעדעס הויז איז ארומגערינגלט מיט אַ צאַם מיט אַ טירל צום גאַס. אנדערע טירן פון הויף זענען אָפן און מען קען זען אַ טייל פון הויף, וועלכער איז גלאַט אויסגע־

ברוקירט מיט פלאַכע שטיינדלעך פון איין פאָרם, אין די הויפן קען מען אַמאָל זען אַן אייזל, אַ ציג, אָדער אַ שעפס און אָפט דעם באַלעבאָס, ליגנ־דיק אויסגעצויגן אויף שטיינער אין שאָטן פון דעם צאָם, לעבן אים אַ קרוג וואַסער און אָפט אַ נאַרגילע.

אָט איז אַ מעטשעט — אַ מאַכמעדאַנישע קירך. זעט אויס ווי אַ יידיש שולכל אין אַ קליין שטעטל פון פוילן. עס וווּנדערט מיך. מיר איז באַקאַנט, אַז די באַפעלקערונג איז אַ קריסטלעכע. שוין אין פערטן יאָרהונדערט האָט מען איר געצוווּנגען אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן און דאָ גאָר אַ מעטשעט פאַר מוסולמענער. פאַר דעם מעטשעט אַ ווענטל, צו וועלכער עס איז באַפעסטיקט אַ פעסל וואַסער מיט צוויי קראַנען. אויף אַ קייטל הענגט אַ מעשן קריגל. אַרום און אַרום ווּנדערבאַרע טראָפּישע ביימער און בלו־מען. איך גיי אַריין אינעווייניק — קיינער נישטאָ. אַ גרויס צימער מיט אַ בינע, מיט טרעפּ צו אַ באַלקאָן אין דער הויך. ס'איז קיל — אַ מחיה.

מיטאַמאָל דערהער איך געשרייען — טאַקע נישט ווייט פון מעטשעט, קולות פון אַ סך קינדער. איך גיי צו. יאָ, עס איז אַ מוסולמענישער חדר. די קינדער, אפשר צוואַנציק אין צאָל, זיצן אויף דער ערד, האַלטן אין די הענט עפּעס זייער גרויסע, גראָבע ספרים. אין מיטן, מיט אַ ווייכן כוואָשטש אין האַנט, שטייט דער „מלמד". ער ווייסט שוין די תורה אויף אויסווייניק. די קינדער צו דריי־פיר קוקן אַריין אין די ספרים. דער מלמד זאָגט און די קינדער שרייען דאָס זעלבע אויס. ווען אימיצער זאָגט נישט ריכטיק, קריגט ער מיטן כוואשטש געשמיסן. איך האָב געוואָלט מיטן מלמד פאַרפירן אַ געשפּרעך, גאָר מיר האָבן זיך נישט געקענט צונויפרעדן, אַפילו דורך מי־מיק. דאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער לערנט מיט די קינדער די הייליקע תורה פון קאָראַן. אבי איך האָב געמיינט פריער, אַז איך האָב אָנגעטראָפן אַ יידישן חדר מיט אַן אָרטיקן יידישן מלמד...

אַזוי גייענדיק האָט מיך פאַראינטערעסירט אַ גרויסער הויף מיט אַ לאַנגן איינשטאָקיקן מויער אין מיטן. דער מויער האָט געהאַט אַ סך טירן און דורך יעדער טיר האָט מען געקענט אַרייַן אין אַ באַזונדער וווינונג. פון איין טיר איז אַרויס אַ שוואַרצע פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט. זי שטרעקט אויס די צווייטע האַנט, איך זאָל איר עפּעס געבן. איך גיב איר אַ מטבע אין ווערט פון אַן אַמעריקאַנעם סענט. זי דאַנקט און ווערט גלייך פאַרשוווּנדן. אין אַ מינוט אַרום האָבן מיך אַרומגערינגלט אַ סך אַזעלכע פרויען און מיך אויך געבעטן איך זאָל זיי עפּעס געבן. איך האָב געפּרוווט פאַרפירן מיט זיי אַ געשפּרעך, נאָר עס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. איינס האָב איך יאָ פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אביס (אביסינער) איך בין

אַרויס פון שטאָט: עפּעס אַ פעלד פאַרברענט פון דער זון. דאָ האָב איך אָנ־געטראָפן א טאַבאָר פון ציגיינער. שמוציקע ביידלעך, פערד, אייזלען, ציגן. אונטערן פרייען הימל קאָכט זיך עפּעס אין אַ גרויסן טאָפּ, וועלכער הענגט אַרונטער פון דריי איינגעגראָבענע שטעקנס. דאָס פייער איז פאַר׳נאַנדערגע־לייגט אונטן אויף דער הוילער ערד. עס זיצן קינדער אַרום פייער און וואַרפן צו ברעטלעך, צווייגן, שטיקלעך האָלץ. אַ ציגיינערקע אָנגעטאָן אין אַ ברייט שמוציק קלייד, אין פאַטשערקעס, מטבעות אין די האָר, אין די אויערן און אויפן האַלדז ,האַלט אין איין מישן דעם טאָפּ.

איך בין אַוועק צו דער שיף ,געמאַכט זיך אַ שפריץ און זיך גוט אָפּ־געקילט.

עס איז געוואָרן אָוונט. די היץ איז אַראָפּ. פון די די פאַרשיידענע ריכ־טונגען בלאָזט אַ פייכט קיל ים ווינטל. די זון האַלט אין פאַרגיין און שוין באַווייזט זיך פון ערגעץ ווייט, ווייט, אין מיטן דעם ים די לבנה. דער עולם קומט צו זיך, אָטעמט פרייער אָפּ.

איך גיי אראָפּ פון דער שיף און גיי ווידער אין דער טויטער שטאָט. באַר ווער זאָגט עס איצט „טויטע״? זי איז לעבעדיק, פריש אויפגערוימט, אפילו רוישיק. אַלץ האָט אויפגעוואַכט, אַלץ איז טעטיק. פון אַלע הייזער פון די פאַרשידנסטע געסלעך גייען מענטשן אין איין ריכטונג — אין דער ריכטונג צום מאַרק. עס גייען שוואַרצע מענער, פרויען מיט פאַרדעקטע פּנימער אַ סך פרויען גייען אָן צודעקן. עס פאָרן אנדערע אויף זייערע אייזעלעך, וועלכע זענען אויסגעפּוצט און פאַרדעקט מיט שיינע טעפּיכער. אַנדערע מענער און פרויען טראָגן פּעק.

עס ווערט טונקעלער און טונקעלער, קילער און קילער. איצט איז טאַקע אַ פאַרגעניגן צו גיין. דער מאַרק איז אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. עס שטייען א סך טישן, בענק ,ברעטער אויף פּיסלעך און אַלץ איז פאַרלייגט מיט סחורה: לייוונט, געוואַנט, זייד, בשמים, פרוכט, פלייש, גרינסן. די טישן זענען באַלויכטן מיט שטורקאַצן. די קאַפע הייזער און רעסטאָראַנען זענען אָפן. עס שפּילן גראַמאָפאָנען מאָדנע פאַרדרייטע ציקלדיקע נגונים. דער עולם רויכערט פון נאַרגיליע, זופּט פון קליינע טעצלעך שוואַרצע קאַווע, אָדער אנדערע געטראַנקען און שעפּט פאַרגעניגן פון דער מוזיק. לעבן די קאַפּייען זענען צוגעבונדן די שיינע אַראַבישע פערד, אייזלען. אַ סך זיצן און הערן עפּעס אַ טשיקאווע מעשה פון אמאָל. און אָט איז אַריין אין קאַפע הויז אַן אלטער מאַן מיט זיין טאָכטער. די טאָכטער טאַנצט אויס די אָריענ־טאַלישע בילדלעךליידנשאַפטלעכע טענץ. דער עולם האָט פון דעם גרויס הנאה און יעדערער גיט אים א נדבה.

דער מאַרק איז פול מיט לעבן. מען קויפט, מען פאַרקויפט און מען דינגט זיך מער, העכער, שרייענדיקער, ווי אויפן ווילנער מאַרק. מען עסט. מען טרינקט, מען לאָזט זיך וווילגיין. אנדערע שפילן עפּעס אין ווײַסע בײַנד־לעך. אַ גרויסער עולם שטייט אַרום, באַטראַכט די שפּיל און זאָגט מבינות. און מאָדנע זעט אויס דער מאַרק בײַנאַכט. ס׳איז טונקל, די פינצטערניש איז דורכגעריסן מיט שטורקאַצן ליכט און כמעט אַלע זענען אין שאָטן. ס׳איז זייער פאַנטאַסטיש. אַ וועלט מיט שוואַרצע מענטשן. אַ סך מענער זענען אָנגעטאָן אין שמאָלע לאַנגע הויזן מיט אַ ברייטן גאַרטל פון אויבן און אויבן טראָגן זיי אַ ברייטן כאַלאַט. זיי האָבן ליב באַפּוצן זייערע זאַכן מיט רויטע טאַשמעס. די פרויען טראָגן לאַנגע העמדער מיט שמאָלע אַרבל, אויבן אַ מאַנטל מיט אויסהאַפטונגען בײַם האַלדז.

אי די מענער און אי די פרויען האָבן ליב באַפּוצן די הענט און די פיס מיט בראַסלעטן. אַלע זענען באָרוויסע.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דער שנײַדער, דער שוסטער, דער שמיד, דער ציין רײַסער, דער דאָקטאָר מיט זײַנע גראָזן אַלע אַרבעטן זיי אין קראָמען און אויב דאָרט איז ווייניק פּלאַץ אַרבעטן זיי אונטערן פרייעם הימל.

איך האָב געקויפט טייטלען פאַר דער סומע פון אַן אמעריקאַנעם דאַים האָט מען מיר געגעבן אַ גאַנץ היפשן זעקל מיט פרישע, שמעקעדיקע טייט־לען.

איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין די גאָר הייסע טעג אַרבעטן נישט די מאַסאַוער בײַטאָג אונטער דער סמאַליענדער זון, נאָר זיי פאַרבײַטן דעם טאָג אויפן אָוונט. אַ גאַנצן טאָג ליגן זיי אין זייערע הויפן, רוען זיך אויס כאַפּן אַ דרעמל, אַ רויכער, אַ טרונק און ווי עס קומט דער אָוונט, גייען זיי אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן.

וועגן די שוואַרצע יידן, זע מײַן בוך „עטיאָפּיע און די יידן אין אָריענט״.

קאַפּיטל 35

איבערן רויטן ים (ים סוף)

ווען איז דער ים רויט? האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט. ער איז גאָר בלוי. אַמאָל העלער, אַמאָל טונקעלער. פאַרוואָס האָבן מענטשן אין די גאָר אַלטע צייטן אים אַ נאָמען געגעבן „רויטער"? און דער נאָמען איז פאַרבליבן, כאָטש ער איז קיינמאָל רויט נישט געווען. און אפשר איז ער יאָ אַמאָל רויט געוואָרן פון צופיל פאַרגאָסענע בלוט אין די מלחמות צווישן די גלויביקע אין מאַכמעדן און די אַרומיקע געצנדינער. האָבן דאָך די מאַכ־מעדאַנער שטענדיק באַקערט די אומגלויביקע אין גלויביקע דורך שווערד, פייער און בלוט. און דאָרטן ווו מען האָט פאַרשפּרייט דעם מאַכמעדאַניזם, אַזוי ווי מען האָט פאַרשפּרייט דאָס קריסטענטום, איז קיין שטיין אויף קיין שטיין נישט פאַרבליבן. דאָרטן האָבן די פאַרשפּרייטער פון מענטש צו מענטש ליבע, איבערגעלאָזן נאָך זיך פון באַזעצטע געגנטן בלויז מדבריות מיט אויסגעטרוקנטע טייכן פון בלוט. פון ביידע זייטן ים זעט מען בלויז מדבר־יות. אויף איין זייט די לײדיקע לענדערייען פון מצרים — אַפריקע און פון צווייטן זייט די מדבריות פון סאודי אַראַביע — אַזיע. פון די אַמאָליקע גע־דיכט באַזעצטע שטעט זענען פאַרבליבן בלויז חורבות אָדער דערפלעך.

ס'איז הייס. ביינאַכט קען מען נישט שלאָפן פון דער היץ. דערפאַר זענען דאָרט אַזעלכע אנגענעמע פרימאָרגנס, וועלכע מען קען אין ערגעץ נישט געפינען. עס פרישט דיך אָפּ און דו פילסט זיך אַזוי גוט, אנגענעם, אַז דאָס אַליין באַצאָלט דיר פאַר די שווידערלעכע טעג און נעכט. קיין לע־בעדיק וועזן קענען מיר נישט זען, נישט אויף די ברעגן, וועלכע מיר פאָרן דורך און נישט אין ים. סיידן אמאָל א פאָר פליענדיקע פישלעך. און מאָד־נע איז, וואָס דאָ טרייסלט דיך מער ווי אין אָקעאַן.

אונטער אַן אויסערגעוויינלעכן צושטאַנד האָב איך זיך דאָ געפונען. מיר פאָרן די גאַנצע צייט פאַרביי די מצרישע ברעגן. צו רעכטס געפינען זיך די שטעט מעקא און מעדינא, די הייליקע שטעט פון די מאַכמעדאַנער און נאָך אַ טאָג אָדער צוויי וועלן מיר דורכפאָרן דעם האַלב אינדזל סיני, ווו, לויט דער לעגענדע, האָט אונדז גאָט געגעבן די תורה. דאָ האָט זיך אונדזער

ייִדישער גאָט פאַר אונדז באַוויזן. דאָ זענען די ייִדן דורכגעגאַנגען אויף זייער וועג פון מצרים קיין קליין אַזיע זיך אַ היים דעראָבערן. דאָ זענען מיר פון וואַנדערנדע שבטים אין אַ פאָלק פאַרוואַנדלט געוואָרן. דאָ הויבט זיך אָן אונדזער געשיכטע פון גלאָררײַכע טעג און טרויעריקע יאָרן. און ווו מיר זענען נישט געווען, אין וועלכע ווײַטע לענדער אונדזער גורל האָט אונדז נישט פאַרטראָגן האָבן מיר מיט אונדזערע קינדער וועגן דער געגנט געלערנט און אַ הייסער באַגער האָט אין אונדז שטענדיק געברענט די געגנטן באַזוכן. דאָ איז דאָך געשטאַנען דאָס וויגעלע פון אונדזער פאָלק. דאָ האָבן מיר אָנגעהויבן וועבן אונדזערע מעשיות און לעגענדעס — וועלכע זענען פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אַ הייליקייט געוואָרן. משה איז אנטלאָפן פון פרעהס כעס אין דעם האַלב אינדזל סיני, און איז דאָרט געוואָרן אַ פאַסטוך. דאָרטן האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט פאַר אים און אים געהייסן באַפרייען די ייִדן פון מצרים, פון קנעכטשאַפט. משה האָט דורכגעפירט גאָטס ווילן און אין אַ פינצטערער נאַכט האָבן די ייִדן פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט אונטער דער אָנפירונג פון משהן, האָבן דערגרייכט דעם ים סוף, וועלכער האָט אויס רעספּעקט פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט זיך ערשט באַפרייט פון קנעכטשאַפט און מאַרשירט צו פרייהייט זיך געשפּאָלטן אין צווייען, געמאַכט אַ טרוקענעם וועג פאַר די ייִדן, וועלכע זענען אים אַריבער, און ווען די עגיפּטער, וואָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך די ייִדן, כדי צוריק זיי ברענגען צום קנעכטישן לעבן, האָבן געפּרובירט דורכגיין דעם ים, האָט דער ים זיי דערטרונקען. די ייִדן האָבן אויפן האַלב אינדזל סיני זיך אויסגעקליבן אַ גאָט, האָבן דעם גאָט אַ נאָמען געגעבן יהוה און האָבן אים אָנערקענט אַלס דעם ייִדישן גאָט. און דאָרט אין סיני איז געווען א הויכער פייערשפּייענדיקער באַרג, אויך מיטן נאָמען סיני און דאָרט האָבן זיי געמיינט וווינט זייער גאָט. און דאָרט האָט דאָס פאָלק געשלאָסן אַ בונד מיט יהוה ער זאָל זיין זייער גאָט און זיי זאָלן זיין זיין פאָלק. דער רויטער ים ווערט מיר נאָענט, עפּעס ווי אַ נאָענטער קרוב איז ער מיר און ער דערציילט מיר אַ סך מעשיות פון דער קינדהייט פון מיין פאָלק און דערפאַר ווערט ער מיר ליב און טייער. דאָ איז מיר עפּעס אַלץ אַרום און אַרום היימיש. איך נעם אַ מאַפּע און באַטראַכט דעם וועג פון די ייִדן פון מצרים קיין ארץ ישראל. איך באַטראַכט דעם מדבר איבער וועלכן די ייִדן האָבן געוואַנדערט פערציק יאָר. איך באַטראַכט דעם האַלב אינדזל סיני און קום צום באַשלוס, אַז זיי זענען נאָך זייערע אַלע וואַנדערונגען צוגעקומען צום פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך היינט דאָס שטעטל סועץ און פון וואַנען עס הויבט זיך אָן דער מאָדערנער סועץ־קאַנאַל און צו יענער צייט איז דאָרט געווען אַ קאַראַוואַנען וועג פון

אַפריקע קיין אַזיע, בעסער געזאָגט סיריע. דאָרטן איז טאַקע דער ים שמאָל, זייער שמאָל און ס'זענען דאָרט אַ סך אָזערעס און אינדזלען און דאָ איז געווען דער באַקוועמער אָרט צו גיין פון מצרים קיין ארץ ישראל.

די יידישע פּאַסאַזשירן דערפילן זיך שוין דאָ נאָענט צו ארץ ישראל און רעדן וועגן די אַלע פּלעצער, ווי היימישע ערטער און דערמאָנען זיך וועגן אַלץ, וואָס אין אונדזערע אַלטע ספרים ווערט געשריבן וועגן זיי.

און גראַדע דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט א יידן פון די אינדישע בני ישראל, וועלכער האָט אין אינדיע געענדיקט דאָקטאָר מעדיצין. ער געפינט זיך אין דער דינסט פון דער בריטישער אימפּעריע, גייט אין מיליטערישע קליידער, און איז אַ מיליטער דאָקטאָר אין פּאָרט סאַיד. און אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכט ער אויף מיר. מיר דוכט זיך אַז אַפריקע, אַזיע און אייראָפּע שפּיגלען זיך שטאַרק אָפּ אין דעם גייסט און באַגריפן פון דעם אינדישן יידן.

און מיט אמאָל האָב איך דערזען א מיראַזש און ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק מיט זיין רעאַליטעט און לעבעדיקייט. פון דערווייטנס, כמעט ביים האָריזאָנט האָב איך דערזען אַ גאַנצע שטאָט מיט אירע גאַסן, הייזער, מענטשן, אייזלען, קעמלען, מעטשעטן און די שטאָט איז געווען אַן אָריענטאַלישע, אָדער בעסער געזאָגט אַראַבישע. אַלע מענטשן אין די אַראַביש קליידער, מענער האַנדלען, וואַנדלען, פאָרן רייטנדיק, פרויען טראָגן אויף זיך קריגן מיט וואַסער, גערטנער, סעדער, פעלדער, אין די גאַסן און אויסער דער שטאָט זייער הויכע דאַרע אַראַבישע פּאַלמען. לעבן די פּאַלמען שטראָמט אַ טייכל און פון דאַנען נעמען דאָס די אַראַבערינס די וואַסער. דאָס בילד איז אַזוי לעבעדיק און צו דער זעלביקער צייט אַזוי מאַלעריש און עכט, אַז דו קעסנט זיך פון אים נישט אָפּרייסן. שעהן לאַנג שטייסטו אויף דעם אויבערדעק און דו קענסט די אויגן פון דעם בילד נישט אָפּרייסן.

מיר פאָרן פאַרביי די ברעגן פון דעם האַלב אינדזל סיני. מיר זעען אַפילו די בערג, וואָס רינגלען אים אַרום. עפּעס אַ געפיל פון הייליקייט נעמט מיך אַרום. פון דאַנען שטאַמען די ערשטע אויף דער וועלט געזעצן פון מאָראַל און עטיק. די געזעצן האָבן איבערגענומען אַלע פעלקער פון דער וועלט, זיי פאַרהייליקט און אָנגענומען פאַר זייערס און... פאָלגן זיי נישט אויס. בלויז מיר יידן האָבן זיי אָנגענומען מיט 3400 יאָר צוריק, האָבן מיט זיי געלעבט אין מדבר, געפירט אונדזער זעלבשטענדיק לעבן אין ארץ ישראל און שוין 2000 יאָר, ווי מיר לעבן לויט די געבאָטן ביי די ערגסטע אומשטענדן אין אונדזער גרויזאַמען גלות. מיליאָנען יידן האָבן פאַר דער

אויפהיטונג פון די געבאָטן זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן, זיך געלאָזן ברענען און בראָטן, גיין אויף קידוש השם, געפייניקט געוואָרן אין די פאַרשידנסטע אינקוויזיציעס און נישט געוואָלט פאַרראַטן די צען געבאָט, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אָט דאָ אויף די הויכע בערג פון דעם האַלב אינדזל סיני. און גראַדע דאָ איז דער ים שוין גאָר שמאָל — אַ גוטער שווימער קען אים איבערשווימען. אָט אָ דאָ, טראַכט איר, זענען די יידן דורכגעגאַנגען דעם ים.

קאַפּיטל 36

דאָס שטעטעלע סועץ

צושווימענדיק צו דאָס שטעטעלע סועץ, וואָס געפינט זיך ביים אָנהייב פון דעם סועץ קאַנאַל, האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַנאָראַמע — אַ געמיש פון יבשה און וואַסער, קליינע אינדזעלעך, קליינע און גרויסע טייכן, טייכלעך, אָזערעס. די אינדזעלעך — שטיקלעך מדבר די וואַסערן שטילע אומבאַוועגלעכע. און די פּאַנאָראַמע ציט זיך אַזוי ווייט ווי ווייט אונדזערע אויגן קענען אויפכאַפּן.

מיר זענען אַראָפּ אין סועץ, וועלכע זעט אויס ווי אַן אָאַזיס אין מדבר. ס'איז שרעקלעך הייס. נאָך ערגער איז, וואָס יענעם טאָג האָט געבושעוועט איבערן שטעטל דער הייסער ווינט — כאַמסין, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער מדבר סאַהאַראַ. דער ווינט, וואָס ברענט ווי פייער. אין אַזעלכע טעג גייט קיינער נישט אַרויס פון די הייזער, אַלע באַהאַלטן זיך פון דעם ווינט. דערצו ברענגט ער מיט זיך זאַמד פּולווער, וואָס פאַרבלענדט די אויגן, פּילט אָן מיט שמוץ דעם נאָז און מויל. די שטעטל איז טויט. דאָך מאַכן מיר אַ שפּאַציר איבער די געסלעך. די הייזלעך זענען פון שטיינער און אויף דער זון זעען זיי אויס ווי ערשט געוואַשענע, ווייסע. און אָט דערזעען מיר אייניקע גרויסע שיינע הייזער, ווי די אַמעריקאַנער אַפּאַרטמענט הייזער. דאָ, פאַרשטיי איך, מוזן וווינען די אייראָפּעער. נישט ווייט פון דאַנען דערזעען מיר א פּאָר אַראַבישע קאַפע הייזער, נאָר זיי זענען ליידיק. און אָט גייען מיר צו צו דער סטאַטוע פון לעסעפּסן, וועלכער האָט געבויט דעם קאַנאַל. ער שטייט אויף א פּיעדעסטאַל אין זיין נאַטורעלער הויך מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי ער לאַדט איין אַלעמען דורכשווימען דעם קאַנאַל, וואָס פירט פון מזרח צו מערב. אויפן שטיין איז אָן אויפשריפט אין לאַטיין: „עפנט די וועלט פאַר אַלע מענטשן".

און טאקע שטייענדיק דאָ, לעבן דער סטאַטוע קען מען זען די איבערבלייבעכץ פון די אמאָל מיט טויזנטער יאָרן צוריק געגראָבענע קאַנאַלן דורך די עגיפּטער. נאָך מיט 3200 יאָר צוריק האָט דער עגיפּטישער פּרעה רעמסס דער גרויסער, דאָס אָנגעהויבן בויען דעם קאַנאַל און פאַרענדיקט

האָט די אַרבעט דאָראָס פון פּערסיע, און ווי מען גיט איבער האָט ער פּאַר דער אַרבעט מקריב געווען ארום 120 טויזנט אַראַבער־שקלאַפן. און דער־נאָך האָט מען גאַנצע 22 הונדערט יאָר געגראָבן דעם קאַנאַל, אים פּאַר־נאַכלעסיקט און ווידער געגראָבן. די אַרבעט איז געווען א שוידערלעכע. קיין מאשינען זענען נאָך נישט געווען, אַלץ האָט געמוזט געטאָן ווערן מיט די הענט. די אַרבעטער זענען געווען נישט קיין קוואַליפיצירטע — שקלאַפן, וועלכע האָבן געאַרבעט בלויז פאַרן עסן. צענדליקער טויזנטער שקלאַפן אַרבעטער זענען אויסגעשטאָרבן ביי דער אַרבעט. אָבער יענע קאַנאַלן האָבן נישט געקענט קעמפן מיטן מדבר, מיט די ווינטן, וואָס פלעגן ברענגען אַהער די מדבר זאַמדן און פאַרשיטן דעם קאַנאַל און מען האָט אים שוין ווידער נישט געקענט נוצן. אַזאַ צושטאַנד האָט געדויערט ביז די פראַנצוי־זישע רעגירונג האָט זיך אָ נעם געטאָן צו בויען דעם מאָדערנעם סועץ קא־נאל און האָט אָנגעשטעלט פאַר דער אַרבעט איר בעסטן אינזשיניער לע־סעפּס, וועלכער האָט די אַרבעט גלענצנד דורכגעפירט און פון דאַן אָן ביז היינט צו טאָג פירט מען דורך דעם קאַנאַל מענטשן און סחורות מער ווי דורך די אַלע אַנדערע קאַנאַלן פון דער וועלט.

דער קאַנאַל איז אין 1875 אַריבער אונטערן קאָנטראָל פון ענגלאַנד און אין דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל צוויי יידן, ד׳איזראַעלי און ראָטשילד. די פראַנצויזיש־אַראַבישע סועץ קאַנאַל געזעלשאַפט האָט געהאַלטן ביים באַנקראָט און זי האָט זיך גע־ווענדט צו ד׳איזראַעלי ער זאָל איר פינאַנציעל אַרויסהעלפן. דעם פאָרשלאָג האָט ד׳איזראַעלי גלענצנד אויסגענוצט. ער האָט געקראָגן פון דער ראָט־שילד באַנק א הלואה פון 20 מיליאָן דאָלער און מיט דעם האָט ער איינגע־קויפט אויפן נאָמען פון דער ענגלישער רעגירונג 176,602 אַקציעס פון דער סועץ קאָמפּאַניע, ד״ה די מערסטע אקציעס. און אויף מאָרגן איז דער קאָנ־טראַקט אונטערגעשריבן געוואָרן פון ביידע צדדים און מיט דעם האָט ענג־לאַנד געקראָגן דעם פולן קאָנטראָל איבערן קאַנאַל. וואָס ענגלאַנד האָט גע־וווּנען פון דעם אין פּרעסטיזש, פינאַנציעל, פּאָליטיש און פאַר די אינטערעסן פון בריטישן אימפּעריאַליזם איז נישט אָפּצושאַצן.

אין אָוונט איז געוואָרן אביסל שטילער. דער כאמסין האָט אויפגע־הערט צו בלאָזן, די היץ איז אביסל אראָפּ און דער עולם איז אַרויס פון די ווייסע הייזלעך. מען טרעפט שוין אין די געסלעך אַראַבער מיט זייערע פּעסקעס, איירפּעער אין די שטרויענע הוטן און אַראַבערינס מיט די פאַר־דעקטע פּנימער. קינדער פאַרקויפן פיש פון א קערבל אָדער שיסל. מען פאַרקויפט טייבעלעך, וועלכע די פאַרקויפער שפּייזן מיט קערנדלעך פון איי־

גענעם מויל. אין די פּאָר קאַפּע הייזער זעט מען א סך אראבער מיט נאר־גילעס אין מויל, אַנדערע טרינקען און בייסן צו. אַנדערע זענען פּאַרטאָן אין באטראַכטן די יונגע אַראַבערינס, וואָס טאַנצן אויס זייער בויך טאַנץ. לעבן די הייזער זענען צוגעבונדן אייזעלעך און אפילו קעמלען. איך נעם זיך אָן מיט מוט און גיי אַריין אין אַזאַ קאַפּע הויז. אַלע קוקן אויף מיר. נאָר איך מאַך זיך נישט זעענדיק. נישט וויסנדיק ווי צו רעדן, ווייז איך אָן אויף קאַפּע און אַ שטיקל ווייס ברויט. אַלע באַטראַכטן מיך מיט אַ שמייכל, קענטיק דערקענען אין מיר אַ „גרינעם" דאָך דערזע איך דאָרטן אייניקע נישט־אַראַבער: מוזן זיין טערקן, גריכן, אַרמעניער און ווער ווייסט זיי...

אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס שטעטל סועץ כדי צו פאָרן מיטן סועץ קאַנאַל קיין פּאָרט סאַיד. ווו מיר ווען זיך שוין אָפּזעגע־נען מיט אונדזער שיף „טריעסט", וועלכע האָט אונדז דורכגעפירט אַ האַלבן ערד קיילעך. דער קאַנאַל אַליין איז נישט קיין ברייטער. ערטערווייז אַזוי שמאָל, אַז דריי שיפן איז כמעט אוממעגלעך דורכצופירן אין איין צייט און זיי מוזן דורכשווימען זייער פאַרזיכטיק. דערפאַר ווען די שיף גייט איבער די גרויסע אָזערעס איז שוין דאָ צופיל פּלאַץ פאַר טויזנטער און צענדליקער טויזנטער שיפן. און אַזעלכע אָזערעס האָבן מיר אַ סך, ווי די קליינע ביטערע אָזערע, די גרויסע ביטערע אָזערע, די אָזערע טימסא, די באלאה אָזערעס און א סך קלענערע. מיך וווּנדערט שטאַרק, וואָס אונדזער שיף גייט אַזוי נאָענט פון די ברעגן פון אַזיע און אַפריקע. פּשוט מיט די הענט צו דערלאַנגען. אַן אַמעריקאַנער בלאָק פון אַזיע און אַפריקע און מיר שווי־מען אין מיטן. און די גאַנצע צייט באַטראַכטן מיר דיביידע וועלט טיילן. אויפן וועג צו אַרץ ישראל איז פּוסט און וויסט. דער מדבר. אויפן אַפרי־קאַנער ברעג זעען מיר פון צייט צו צייט הייזלעך, מענטשן, שאָף און רינדער, פלאַנצונגען. אָפּטמאָל קומט אונדז אָן אַ שיף מיט קאַנאַל אַרבעטער, וואָס רייניקן אויס דעם קאַנאַל פון די אָנגעטראָגענע זאַמדן. די שיפן אַר־בעטן גאַנצע 24 שעה אַ מעת לעת און אויפן דעק געפינט זיך אַ הייזל ווו די אַרבעטער וווינען, דאָרט געפינען זיך זייערע בהמות, שעפסן. זיין זענען באַזאָרגט מיט די אַלע אינסטרומענטן, וואָס זיי דאַרפן האָבן פאַר זייער אַרבעט. ווען שיפן באַגעגענען זיך, גייען אַלע פּאַסאַזשירן אַרויף אויפן דעק און באַגריסן איינע די אַנדערע אויף די פאַרשיידנסטע שפּראַכן, פון וועל־כע „סאַלעם" הערט זיך מער פון אַלע. ווי עס איז גרינג צו באַמערקן, איז די מערהייט באַשטייט פון אַראַבער, אַרומיקע איינוווינער. נאָר זיי האַלטן זיך קאָרעקט אַפילו מיט אונדז, וואָס פאָרן אין ארץ ישראל — זייער לאנד.

די שיף גייט לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק אַלע פּאַסאַזשירן, נישט קוקנדיק

אויף דער היץ, פילן זיך גוט. אַפּילו די פרײלין קליאַטשקאָ, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון אונדזער רייזע פון שאַנכאַי אָן געקרענקט, איז אַראָפּ פון איר בעט און געפינט זיך מיט אונדז אין דער הויך אויף דעם אויבערדעק און האָט גרויס פאַרגעניגן פון דער אַרומיקער פּאַנאָראַמע.

און אָט דערנענטערן מיר זיך שוין צו דעם לעצטן אָפּשטעל פון אונדזער שיף — „טריעסט", צום פּאָרט סאיד. מען פּאַקט איין די זאַכן, מען וואַשט זיך, מען פּאַרקעמט זיך, מען טוט זיך אָן יום טובדיק. און טאַקע אַלע פילן זיך געהויבן. מירן זיך פאַרווײלן אין פּאָרט סאַיד איינִיקע טעג און פון דאנען צו פאָרן מיטן באַן קיין תל אביב נעמט בלויז איין נאַכט. מיר געזעגענען זיך מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט פון שיף און איך אַן אויסערגעוויינלעך געהויבענער שטימונג פאַרלאָזן מיר די שיף.

קאַפּיטל 37

פּאָרט סאַיד

פּאָרט סאַיד איז איינער פון די גרעסטע פּאָרטן אין אַפריקע. פּאָרט סאַיד איז צו דער זעלביקער צייט אַ נייע שטאָט אין מצרים — אין גאַנצן אַלט אַ יאָר זיבעציק, אויפגעבויט לויטן פּלאַן פון די אינזשיניערן, וואָס האָבן געגראָבן דעם סועץ קאַנאַל. אַ מאָדנע שטאָט אָן ביימער, אָן בלומען און גראָזן — אַ שטאָט אויפן זאַמד, און די גאַנצע שטאָט, וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון אַ פינף טויזנט אייראָפּעער און אַראַבער, לעבט פון פּאָרט. פּאָרט סאַיד שטעלט צו קוילן צו אַלע שיפן, וואָס פאָרן דורך דעם סועץ קאַנאַל און איז די גרעסטע קוילן צושטעלעריַי פאַר שיפן אין דער גאַנצער וועלט.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די שטאָט איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט וואַסער, איז דאָרט אומדערטרעגלעך הייס, פּשוט עס ברענט. ס'איז אוממעגלעך צו גיין איבערן שטאָט. א גליק פאַר די גייער, וואָס אין די רייכע גאַסן קען מען אויסמיידן די ברענענדיקע זון און גיין אין שאָטן. די הייזער זענען געבויט מיט אַ ברייטן דאַך, וועלכער גייט ווייט אַריבער די ווענט, דער דאַך ווערט אונטערגעהאַלטן מיט ברייטע קאָלאָנען און מען קען גאַנץ באַקוועם שפּאַצירן אונטער די דעכער אין שאָטן. פאַרשטייט זיך אַז די שענערע און באַקוועמערע טייל פון שטאָט איז די אייראָפּעישע: גרויסע באַקוועמע הייזער, מיט שיינע וועראנדעס, באַלקאָנען, גרויסע געשעפטן, מאַגאַזינען, קאַנטאָרן, רעסטאָראַנען, קאַפע הייזער און אַפילו אמוזירונגס פּלעצער.

אַזעלכע גאַסן זענען דאָ נאָר עטלעכע. גלייך נאָך די גאַסן גייען שמוציקע, שמאָלע, קרומע אַראַבישע געסלעך מיט די הייזלעך פון זאַמד, שטיין, צעמענט, וועלכע שטייען מיטן פאַסאַד צום הויף און מיט די רוקנס צום גאַס. די אַראַבער זענען פון לבנונער אָפּשטאַם. עס איז אַביסל נישט היימלעך צו קוקן אויף זייערע פאַרברענטע ווילדע געזיכטער און שוואַרצע כיטרע אייגעלעך... די מערסטע אַראַבער זענען אַרבעטער אין פּאָרט: טרעגער,

שיפן אַנלאָדער, קוילן אַרבעטער, אַנדערע זענען פישער. יידן זענען דאָ זייער ווייניק.

דעם ערשטן מאָל פאַר אונדזער גאַנצער רייזע זענען מיר פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, דערצו אין אַ יידישן — אין האָטעל כרמל, וועלכער געפינט זיך נישט ווייט פון קאַנאַל. דער אייגנטימער פון האָטעל איז אַן אַלטער, הויכער, ברייטבייניקער ייד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. זייער אַ פרו־מער ייד פון די אשכנזים. רעדט ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, העברעיש, אַראַביש, יידיש און טערקיש. דער האָטעל איז אַן אָרימער, אָפּגעלאָזענער, געבויט פון אַלטע גראָבע ברעטער. די דילן, ווען מען גייט איבער זיי, טרייסלען זיך שטאַרק. די צימערן זענען אָפּגעצאָמט איינע פון די אַנדערע מיט דינע ברעטער, אַזוי אַז מען קען אלעמאָל הערן, וועגן וואָס מען רעדט, אָדער מען דינגט זיך אין צוויי שכנותדיקע צימערן. די ווענטלעך זענען פאַרקלעפּט מיט אַביטשעס, אויף וועלכע מען באַמערקט אַ סך שוואַרצע פינטלעך...

איך בין געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך האָב אַפילו נישט געגעסן און זיך געלייגט שלאָפן. איך האָב אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. גאַנץ פרי האָט מיך אַ ווילדער געשריי פון הויף אויפגעוועקט. איך כאַפּ זיך אַראָפּ פון בעט, גיי צו צום פענצטער, ערשט עס שטייט אַן אַראַבער, האַלט אַ בהמה פאַר אַ שטריקל און שרייט. דאָס זאָגט ער אָן, אַז ער איז דאָ און מען זאָל ביי אים קויפן מילך. עס קומען צו באַלעבאָסטעס מיט קריגלעך. דער אַראַבער זעצט זיך אויף די קני, מעלקט אָן מילך פון דער בהמה גלייך אין קריגל אַריין און קריגט דערפאַר עפּעס אַ פּאָר מטבעות. אַזוי האָט ער אַלעמען אָנגעמאָלקן מילך אין זייערע קריגלעך און איז אַוועק שרייען אין אַ צווייטן הויף. שפּעטער איז געקומען אַן אַראַבערין מיט פיר ציגן. זי האָט אויך אויסגעשריען איר סחורה — מילך און זי האָט אויך אין די קריגלעך אָנגעמאָלקן ציגן מילך. אַזאַ פרימיטיוון פאַרקויף פון מילך האָב איך געזען צום ערשטן מאָל.

איך וואַש זיך, בייט מיינע זאַכן און גיי אַרויס אין דעם אַלגעמיינעם זאַל, וואָס דער האָטעל פאַרמאָגט. דאָ געפין איך שוין דעם באַוווסטן ציו־ניסט נאַוואָמייסקי, וועלכער איז געקומען אַהער פון תל אביב גלייך ווי ער האָט דערהאַלטן אונדזער טעלעגראַמע צו אים — זען, אַז מיר זאָלן קענען אַריינקומען אין לאַנד אָן שוועריקייטן. זיין קומען אַהער האָט אונדז שטאַרק דערפרייט און מיר זענען אים דערפאַר זייער דאַנקבאַר געווען. מיר האָבן זיך טאַקע שטאַרק געשראָקן פריער, אַז מען וועט אונדז מאַכן שוועריקייטן, און מען וועט אייניקע נישט אַריינלאָזן. נאַוואָמייסקי איז אַליין

אַ סיבירער, און אין אונדזער פּאַרטיע זענען די מערסטע געווען סיבירער. אויסער דעם איז ער געווען דער פֿאַרשטייער פֿון דער כאַרבינער און אַלסיבי־רישע קהלות אין ארץ ישראל און ער האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק קומען אונדז באַגעגענען און באַזאָרגן אונדזער אַריינקומען אין לאַנד.

אין אַלגעמיין איז אונדזער באַגעגעניש מיט נאָוואָמייסקין געווען אַ האַרציקע. אַ סך פֿון אונדז האָבן אים געקענט פֿון אירקוטסק, פֿון טשיטאַ און פֿון כאַרבין, זענען געווען באַקאַנט מיט זיין ציוניסטישער און אַלגע־מיינער טעטיקייט און האָבן אים הויך געשעצט. (אין איניקע יאָר שפּע־טער האָט ער געקראָגן פֿון דער ענגלישער רעגירונג די קאָנצעסיע אויף די אויסגראָבונגען אין ים המלח און מיט דעם האָט ער אריינגעשריבן אַ נײַי בלעטל אין דעם אויפֿבוי פֿון מאָדערנעם ארץ ישראל). ער דערקלערט אונדז, אַז היינט פֿיר אַזייגער וועלן מיר פֿאָרן צום גרעניץ שטעטל „על קאַנטאַראַ”, וואָס טיילט אָפּ די ארץ ישראלדיקע טעריטאָריע פֿון מצרים און אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג און מיר וועלן אָן שוועריקייטן אַריין אין ארץ ישראל. מיר האָבן זיך מיט אים ארומגעכאַפּט, אים האַרציק גע־דאַנקט. אין דער מינוט האָבן מיר זיך געפֿילט, ווי די גליקלעכסטע אויף דער וועלט, און אונדזער אָנבייסן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין א יום טובדיקן באַנקעט, מיט באַגריסונגען און רעדעס. נאָוואָמייסקי גיט אונדז איבער די לעצטע נייעס פֿון ארץ ישראל. דער אָנפֿאַל פֿון די אַראַבער האָט פֿאַר קיין פֿאַל נישט געבראַכט פֿאַר זיי די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן, פֿאַרקערט ס'האָט שטאַרק געהויבן דעם מוט פֿון ישוב. די אַראַבער האָבן באַצאָלט א צו טייערן פּרייז פֿאַר זייערע מערדערייען...

דאָ האָב איך באַמערקט, אַז מיר זענען ארומגערינגלט מיט אַ סך פֿרעמדע יונגעלייט, וועלכע הערן זיך אויך אויפֿמערקזאַם צו צו נאָוואָמייס־קיס רייד. נאָך אונדזער געשפּרעך מיט נאָוואָמייסקין, ווענדן זיי זיך צו אים, ער זאָל זיי אויך באַהילפֿיק זיין אַריינקומען אין לאַנד. מיט האַרצוויי־טיק דערקלערט ער זיי, אַז לײַדער קען ער זיי מיט גאָרנישט העלפֿן. זיי דאַרפֿן וואָרטן, ביז מען וועט זיי אַריינלאָזן.

דער עולם האָט מיך פֿאַראינטערעסירט. מיר רעדן זיך פֿאַנאַנדער — ערשט זיי זענען חלוצים פֿון פּוילן, גאַליציע, רומעניע. מיר, אין ווייטן מז־רח האָבן גאָר קיין באַגריף נישט געהאַט וועגן דער חלוצים באַוועגונג. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן זיין פֿון די ערשטע פּיאָנערן. ערשט מיר דער־וויסן זיך דאָ פֿון אונדזערע נייע חברים, אַז די חלוצים באַוועגונג האָט אין זייערע לענדער פֿאַרכאַפּט די בעסטע יוגנט, וואָס מיר פֿאַרמאָגן דאָרט. און דאָס איז פֿאַר מיר אַ נייע אנגענעמע איבעררעאַשונג. אָט זע איך פֿאַר זיך

אַ 40־50 יונגעלייט יונגע, געזונטע, באַגייסטערטע. נאָר וואָס? זיי זענען געבליבן אָן געלט און האָבן נישט קיין דערלויבניש אריינצוקומען אין לאַנד.

— און ווי זייט איר אַהער געקומען?!, — פרעגן מיר זיי.

זיי זענען שוין אומעטום אויסגעווען, וועלנדיק אַריינקומען אין דאָס צוגעזאָגטע יידיש לאַנד. זיי זענען שוין געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין ביירוט, דמשק, אַלעקסאַנדריע, אָבער די ענגלענדער לאָזן זיי נישט אַריין אין ארץ ישראל. אַנדערע האָט זיך איינגעגעבן אריינגנבענען אין לאַנד. אָבער דאָס קומט אָן זייער שווער און ס'איז זייער ריזיקאַליש. מיט טויזנטער אויגן היט ענגלאַנד די אַלע פלעצער, דורך וועלכע מען קען זיך דורכרייסן. נאָר קיין זאַך וועט זיי נישט אָפּהאַלטן פון אריינדרינגען אין ארץ ישראל. אמת, זיי הונגערן, האָבן נישט ווו צו שלאָפן, זייער קליידונג איז אָפּגעטראָגן געוואָרן, זיי וועלן ווייטער הונגערן, נישט דערשלאָפן נאָך טעג, נאָך וואָכן. קיין זאַך וועט זיי נישט אָפּהאַלטן פון פאַרווירקלעכן זייער גרויסן אידעאַל פון אַריינרייסן זיך אין ארץ ישראל און צושטיין צו דער יידישער אַרמיי פון אויפבויער פון דאָס לאַנד.

— ווי אַזוי זייט איר געפאָרן אַהער, — האָבן מיר זיי געפרעגט.

— געפאָרן? מיר זענען מערסטנס געגאַנגען צו פוס. דורכגעשפּאַצירט פּוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע און פון קאָנסטאַנצא זענען מיר געקומען מיטן וואַסער.

— וואָס האָט איר געטאָן אויפן וועג? — פאַראינטערעסירן מיר זיך.

— איר פרעגט וואָס האָבן מיר געטאָן. פרעגט בעסער, וואָס האָבן מיר נישט געטאָן. מיר האָבן געטאָן אַלץ פון וואָס מען קען עפּעס פאַרדינען... מיר זענען געווען האַלץ העקער, געהאָלפן די פּויערים אויף די פעלדער, געפּאַשעט חזירים און בהמות, געאַרבעט אין די פאַבריקן, גערייניקט די גאַסן, געאַרבעט אויף די וועגן.

איך באַטראַכט זיי — די שווערע אַרבעטער, זיי זעען גאַרנישט אויס ווי שווערע אַרבעטער, זיי זעען גיכער אויס ווי ישיבה בחורים, אָרימע סטודענטן, נאָר אביסל אָפּגעברענט און פאַרהאָרעוועט. און טאַקע באַלד אײַבערצייג איך זיך, אַז זיי זענען פון זייערע היימען נישט קיין פּאַסטוכער און נישט קיין פעלד אַרבעטער. זיי האָבן אַלע געקראָגן אַ גוטע דערציונג, זענען געזעלשאַפטלעך אַנטוויקלט. עס געפינען זיך צווישן זיי טעכניקער, מעכאַניקער, אַפילו אינזשיניערן. אַ סך פון זיי האָבן זיך פאַר אַ צייט צוגעגרייט צו דער שווערער אַרבעט אין ארץ ישראל. אַלע אָן אן אויסנאַם זע־

נען באַגייסטערטע יידישע אידעאַליסטן און זענען גרייט אויף אַלע קרבנות, אבי העלפן אויפבויען דאָס לאַנד, דאָס יידישע לאַנד — ארץ ישראל.

און זיי דערציילן אונדז, אַז אַזעלכע ווי זיי, זענען דאָ טויזנטער, צענדליקער טויזנטער. זיי זענען צעשפּרייט איבער פּוילן, רומעניע, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אפילו אין סאָוועטן רוסלאַנד. טויזנטער פון זיי געפינען זיך שוין אין די פּאַרטן, גרויסע שטעט ארום ארץ ישראל, אָדער זוכן שפּאַרונעס אויף די ארץ ישראל גרעניצן מיט דער כונה אריינקווועטשן זיך אין ארץ ישראל. א סך זיצן און וואַרטן אויף אָפיציעלע מעגלעכקייטן אריינצוקומען אין לאַנד. די חלוצים אין אייראָפּע לעבן קאָמוניסטיש אין ספּעציעלע קאַזאַרמעס, עסן פון אן אַלגעמיינעם קעסל, ארבעטן זייער שווער, גרייטן זיך צום פּיאָנערן לעבן אין ארץ ישראל. מער פון אַלץ האָבן זיי ליב די פעלד אַרבעט און לערנען זיך פּי צוכט. זיי קויפן לאַנד, בהמות, עופות און פירן אַ שווערן פויערשן קאָלעקטיוון לעבן. און די, וואָס האַלטן אויס דעם באַשטימטן טערמין פון דער צוגרייטונגס אַרבעט און קענען גוט די פויערשע מלאכה, שיקט מען זיי ווי חלוצים קיין ארץ ישראל. אויסער דעם לערנט מען זיי העברעיש, יידישע געשיכטע, ארץ ישראל קענטעניש. זיי לעבן ווי סאָלדאַטן און אונטער א סאָלדאַטן דיסציפּלין. דאָס אַלץ קומט זיי שטאַרק צונוץ, ווען זיי קומען אין לאַנד פון זייערע טרוימען.

איך האָב זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און באַפריינדעט מיט איינעם פון זיי, וועלכער האָט פאַרענדיקט דעם וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. יצחקי, האָט ער געהייסן. ער האָט נישט געוואָלט אריינקומען אין לאַנד מיט זיין פּוילישן נאָמען און אַזוי ווי ער האָט געהייסן יצחק מאיר, האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן מאיר יצחקי. זיין דערציילן וועגן ניין חדשים וואַנדערן אָן קיים שום מיטלען צום לעבן, איבער אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע האָט מיך זייער גערירט. פאַרענדיקט זיין טרויעריקע געשיכטע האָט ער מיט דעם:

— אַט וועט איר זען, אַז מיר וועט זיך איינגעבן אריינגנבענען זיך אין לאַנד צוזאַמען מיט אייער גרופּע. צווישן 56 וועט אים גרינג זיין דורכצוגנבענען זיך אומבאמערקט.

— הלוואי, האָב איך אים צוגעגעבן מוט.

— קענט איר מיר טאָן אַ טובה און אנטלייען מיר אייער פּאַס־ביכל אויף אַ שעה צייט?

— געוויס, האָב איך אים געענטפערט, אָבער נישט מער ווי אויף א שעה.

איך האָב אים געגעבן מיין פּאַספּאָרט ביכל און ער איז ערגעץ אַוועק־

געלאָפן. און טאַקע אין אַ שעה שפּעטער איז ער געקומען און מיר אָפּגע־געבן מיין פּאַספּאָרט. באַהאַלטענערהייט האָט ער מיר באַוויזן אַ ביכעלע פּונקט ווי מיינער — אָבער אַזוי קינסטלעריש געמאַכט, אַז איך וואָלט נישט געקענט דערקענען מיין פּאַספּאָרט ביכל פון זיין נאָכגעמאַכטן ביכל.

אַ זייגער פיר זענען מיר שוין אַלע געווען פּאַרטיק און טאַקע זיך באַלד געלאָזן מיט דער באַן צו קאַנטאַראַ, צום גרענעץ פון ארץ ישראל. מיר האָבן קיין שוועריקייטן ביים אַריבערגיין דעם גרעניץ נישט דערוואַרט און דערפאַר איז טאַקע אונדזער געהויבענע שטימונג נישט געווען פאַרוואָלקנט. דעם גאַנצן וועג האָט אונדז נאָוואָמייסקי דערציילט וועגן דאָס לאַנד, וועגן די אויפטואונגען פון די חלוצים, וועגן רוטענבערגס פּלאַן פון עלעקטרי־פיצירן ארץ ישראל, אויך וועגן זיינע אויסזיכטן פון קריגן די קאָנצעסיע אויף עקספּלואַטירן די אוצרות פונם טויטן ים.

מיר האָבן געוווּסט, אַז דער פּלאַן איז אַן ערנסטער, ווייל נאָוואָמייס־קי איז אַ גלענצנדער אינזשיניער און איז זייער רייך. ער באַזיצט אַ וועלט מיט ענערגיע און אַז ער וועט זיך צו זיינס דערשלאָגן, נישט קוקנדיק אויף קיינע שוועריקייטן.

אויך האָט ער אונדז דערציילט, אַז ער האָט געקראָגן א טעלעגראַמע פון כאַרבין, אַז די צווייטע פּאַרטיע פונם ווייטן מזרח פאָרט אַרויס די טעג פון כאַרבין קיין שאַנכאַי. דאָס האָט אונדז נאָך צוגעגעבן מער פרייד און מוט. ער האָט אונדז געוויזן די רשימה פון די נייע עמיגראַנטן־פּאַרטיע פון כאַרבין: אונדזערע חברים, פריינד, באַקאַנטע פון סיביר, כאַרבין און פון די שטעט און שטעטלעך פון מאַנדזשוריע.

דערווייל האָבן מיר גערעדט וועגן אונדזער מעגלעכער איינאָרדענונג אין ארץ ישראל. די מערהייט האָט אויסגעדריקט איר פאַרלאַנג צו גרינדן די ערשטע סיבירער קאָמוניסטישע לאַנדווירטשאַפט, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך איינאָרדנען פּריוואַט אַלס ציין דאָקטוירים, בעלעכער, בוכ־האַלטערס, מוליערס, שאָפערס און אַז. וו.

און אָט אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין קאַנטאַראַ, צום גרעניץ פון ארץ ישראל.

קאַפּיטל 38

על קאַנטאַראַ

אבי איך האָב געמיינט אַז על קאַנטאַראַ איז אַ שטעטל, ס׳איז נישט מער ווי אַן אַראַביש דערפל, האַרט לעבן דעם סועץ קאַנאַל. מיר דאַרפן דאָ וואַרטן אַ פּאָר שעה אויף די ענגלישע גרעניץ באַאַמטע, וועלכע זאָלן אונדז דערלויבן אַריבערגיין אויף דער ארץ ישראלדיקער זייט, ווו עס וואַרט שוין אויף אונדז די באַן, וועלכע וועט אונדז נעמען קיין לוד און פון דאָרט וועט אַן אַנדער באַן אונדז צופירן צו תל אביב.

די צייט איז נאָך אַן אומרואיקע — די ערשטע וועלט מלחמה איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרענדיקט, נישט אין גאַנצן ליקווידירט. דאָ און דאָרט שיסן נאָך מענטשן אויף מענטשן, מען פאַרכאַפּט נאָך שטיקער לענדער. אין איטאַליע און דייטשלאַנד איז נישט רואיק: די אַרבעטער ווילן פאַרכאַפּן די מאַכט. אין רוסלאַנד איז שוין דריי יאָר רעוואָלוציע און דאָרטן איז אייַנגעפירט דער מיליטערישער קאָמוניזם. בריטישע סאָלדאַטן היטן דאָ די גרעניצן און די רואיקייט. די אַראַבער האָבן אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווייזן אַרויס אומצופרידנקייט. די סאָלדאַטן דאַרפן האַלטן אַן אויג אויף די אומצופרידנע און אויפן קאַנאַל. דאָ געפינט זיך אויסער אונדזער גרופּע, אַ סך אַראַבער, סאָלדאַטן, ציווילע, וועלכע דאַרפן אויך אַריבער דעם גרעניץ און פאָרן מיט אונדזער באַן. די אַראַבער זענען טונקעלע, טונקל ברוין, זענען אָנגעטאָן אין זייערע לאַנגע כאַלאַטן — וועלכע זענען אין מיטן אַרומגעבונדן, אויף די קעפּ טראָגן זיי אַרומגעדרייטע פאַטשיילעס איבער וועלכע עס איז איבערגעוואָרפן א שוואַרצע מאַטעריע און אויף די פיס סאַנדאַלן. די פּנימער ביי זיי זענען פאַרגרעבטע אָבער די אויגן זענען כיטרע און צו דערזעלביקער צייט שלעכטע. אויך האָב איך געזען א פּאָר אַראַבישע פרויען מיט פאַרדעקטע פּנימער.

איך מאַך אַ שפּאַציר איבערן דערפל. אין גאַנצן אפשר א צען אַראַבישע כאַלופּקעס, נישט הויך פון דער ערד, א פּאָר אייראָפּעישע געביידעס, קענטיק פאַר די ענגלישע באַאַמטע און פאַר די גרעניץ סאָלדאַטן. דער באַן הויף איז אָפּגעצאַמט. אויף אונדזער זייט ביים צאַם ברענען ריזיקע

עלעקטרישע לאָמפּן. אונטן אונטער די לאָמפּן ביים צאָם ביים טויער, שטייען א פּאָר לאַנגע טישן ארומגעשטעלט מיט שטולן. דאָס איז דער פּלאַץ פאַר די באאמטע, וואָס דאַרפן דאָ איבערקוקן אונדזערע דאָקומענטן, שטעלן אונדז א פּאָר נאַרישע פראַגן און דערנאָך דורכן טויער דאַרפן מיר גיין צו דער באַן. און כאָטש אונדזערע פּאַפּירן זענען אין אָרדענונג, דאָך שרעקן מיר זיך אַביסל: אפשר וועל איך נישט גוט ענטפערן אויף די פראַגן, אָדער מיין נאָז וועט זיי נישט געפעלן ווערן און מען וועט מיך נישט אַריינלאָזן אין לאַנד. און איך בין דאָך שוין אַ האַלב וועלט דורכגעפאָרן צו דערגרייכן דאָס לאַנד. און מיט אמאָל אַזאַ דורכפאַל.

די אַראַבער וואָס ווינען דאָ זענען שוואַרצער פון די אַראַבער, וואָס דאַרפן פאָרן מיט אונדז. זעען אויס גיכער ווי נעגערס. די האָר געקרייזלט, די ליפּן גראָבע. מעגלעך, אַז דאָ האָבן זיי זיך שטאַרק געמישט מיט די אַפריקאַנער. די אַרטיקע אַראַבער גייען זייער אָרים אָנגעטאָן. אין ברייטע גאָר ברייטע הויזן. עפּעס אין ברייטע לאַנגע שמוציקע העמדער, די קעפּ אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, באָרוועס און די פיס זענען שוואַרץ און שמוציק. דאָס דערפל איז באַדעקט מיט דיקן זאַמד. פון ביידע זייטן רינגלען אונדז אַרום מדבריות. איך זעץ זיך צו, אויף א באַנק און קוק אויפן סועץ קאַנאַל. מיך וווּנדערט אַלץ, וואָס ער איז אַזוי שמאָל. אָט פאָרט אָן אַ שיף. נאָר דאָס איז נישט קיין פּאַסאַזשירן שיף. עס איז א שיף מיט סועץ קאַנאַל אַרבעטער. די אַרבעטער באַטראַכטן די ווענט, סקראַבען זיי, אין אַנדערע ערטער גלייכן זיי אויס און דאָ לאָזט זיך אימיצער אראָפּ אונטן זען, צי דער גרונט איז אין אָרדענונג. דער אַפריקאַנער ברעג איז מיט א טיפן זאַמד באַדעקט און אומעטום ווי ווייט דו קענסט מיט די אויגן זען, איז זאַמד, זאַמד, זאַמד. עס וואַקסט גאָרנישט און קענסט קיין לעבעדיק באַשעפעניש אין ערגיץ נישט זען.

מיט אמאָל דערהער איך ווי אימיצער ווענדט זיך צו מיר אין מיין מאַמע לשון:

— איר פאָרט קיין ארץ ישראל?

זייענדיק פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען, האָב איך גאָר נישט באַמערקט, אַז אימיצער האָט זיך צוגעזעצט אויף מיין באַנק. איך גיב אַ קוק אויף דעם אימיצן — ערשט עס איז אַן ענגלישער סאָלדאַט. אָבער ער האָט זיך געווענדט צו מיר אין יידיש.

יאָ, ענטפער איך. דער סאָלדאַט האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו מיר און מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. ער דערציילט מיר פון זיין לעבן. אַליין איז ער אַ רומענישער. האָט פאַרבראַכט זעקס יאָר אין אַמעריקע,

ווו ער האָט געאַרבעט אַלס אַ דרוקער און האָט גאַנץ גוט פאַרדינט. דעם פאַך האָט ער נאָך געקענט פון זיין אַלטער היים. האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם ארץ ישראלדיקן לעגיאָן. געווען באַגייסטערט פאַרן געדאנק, אַז ער וועט מיט וואפן אין די הענט העלפן באַפרייען ארץ ישראל פאַר דער יידי־שער אַרבעטערשאַפט. אַלס לעגיאָנער זיך גוט אויסגעצייכנט, געהאַט פאַר־שידענע מיליטערישע שטעלעס ביי די ענגלענדער אין ארץ ישראל. און איצט דינט ער אין דער גרעניץ וואַך. ער איז נישט קיין פשוטער סאָלדאַט — נאָר ער האָט אַן אָפיצערישן ראַנג. אָבער אים איז דאָ אין מדבר זייער אומעטיק. אין גאַנצן איז דאָ אַ קליינער גאַרניזאָן פון ענגלענדער, אַראַ־בער און יידן. האָט נישט וואָס צו טאָן. דאָס לעבן איז דאָ זייער מאָנאָטאָן און די ברענענדיקע טעג ציען זיך אַזוי לאַנגזאַם. אַי וואָלט ער געוואָלט צוריק קומען אין ארץ ישראל און פאַרנעמען זיך ווי אַלע מיט אויפבויאונגס אַרבעט. נאָר דערווייל קען ער נישט. ער מוז דאָ זיין. אָבער ער וועט אין גיכן פאַרענדיקן זיין טערמין און דאַן וועט ער קומען קיין ארץ ישראל און וועט פאַרנעמען זיין פלאַץ צווישן די יידישע אַרבעטער אויף די פעל־דער פון אונדזער הייליק לאַנד.

דערווייל זענען געקומען די ענגלישע באַאַמטע מיט עפּעס א פאַר אראַ־בער און פארנומען זייערע פלעצער. זיי האָבן נאָוואָמייסקין געגעבן א שטול און אים איינגעלאַדן זיצן צוזאַמען מיט זיי. איך האָב פאַרלאָזן די באנק און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי פון מיינע חברים. איך האָב באַמערקט, אַז זיי לאָזן אַלע אונדזעריקע דורך. און אַט רופט מען מיך אויס. איך גיי צו צו די טישן. מען שטעלט מיר א פאָר פראַגן, מען גיט א קוק אויף דעם פּאַס מיט די וויזעס, מען שטעלט מיין פרוי אַ פאָר פראַגן און... מיר מעגן שוין אַריין אין לאַנד. מיר גייען דורך דעם מויער און גייען אריין אין באַן. די פּראָצעדורע איז פאַרענדיקט. נישט מער ווי איינעם, טריינינגען, האָבן זיי נישט דערלויבט אַריינקומען אין לאַנד. די אַלע איבעריקע האָט מען דער־לויבט אַריינקומען. פאַר וואָס מען האָט טריינינגען די דערלויבעניש נישט געגעבן, כאָטש ער האָט געהאַט א פּאַס מיט וויזעס, ווייס איך נאָך ביז היינ־טיקן טאָג נישט.

מיר פילן זיך אַלע יום טובדיק. מיר דוכט זיך, אַז איך וואָלט זיך איצט מיט אַלץ און מיט אַלעמען זיך געקושט. איך וואָלט ארומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט און איר שטאַרק, שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן. עפּעס איז די אלטע באַן — מיינער אַן אלטער גוטער פריינד, וואָס איז אַרויס באַגעגענען מיך ביי די טויערן פון ארץ ישראל. און דאָס לאַנד, וואָס איך טרעט איצט צום ערשטן מאָל איז מיר אַזוי נאָענט, אַזוי ליב, אַזוי טייער און היימיש. עס

ווילט זיך מיר אַרויפפאַלן אויף דער ערדס האַלדז און שטאַרק, שטאַרק קושן איר. עס ווילט זיך מיר מיט אַלע כוחות אויסשרייען אַזוי — אַז פון דאַנען ביז תל אביב און ירושלים זאָלן אַלע דערהערן: „מיין לאַנד, מיין טייערע אויסגעבענקטע לאַנד פאַר גאַנצע צוויי טויזנט יאָר! איך בין אהער געקומען מיט אַ גרופּע פון 56, דיינע קינדער קומען פון אַלע לענדער צוריק צו אונדזער באַליבט לאַנד. מיר האָבן דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַלע טאָג גאָט געבעטן — מיר זאָלן זיך קענען אומקערן צו דיר, אונדזער הייס געליבטע לאַנד. און דער גרויסער אומקער הייבט זיך איצט אָן. פון מזרח און מערב פון צפון און דרום, פון אַלע לענדער פון אונדזער גלות קומען זיי צוריק צו דיר, צו א ניי לעבן, צו אַ בעסערן און שענערן לעבן פון יידישער קאָנצענטרירונג פון יידישער פרייהייט, מאָראַל און עטיק אין אונדזער אַלט־ניילאַנד. מיר ווילן דעם אומרעכט פון צוויי טויזנט יאָר איצט פאַרגיטיקן. מיר ווילן דיר אומקערן צוריק דיינע זין און טעכטער און דיינע זין און טעכטער אומקערן צו זייער לאַנד. און פון איצט אָן וועט קיין קראַפט אין דער וועלט נישט קענען אונדז צוריק צעשיידן מיר און אונדזערע קינדער און קינדס קינדער וועלן שוין אויף אַלע מאָל פאַרבלייבן מיט דיר. מיר וועלן דיך צוריק יונג מאַכן. דיך אויספּוצן מיט פעלדער, וועלדער, גערטנער, נייע דערפער און נייע שטעט. מיר וועלן די חורבות מיט מאָדערנע נייע הייזער פאַרבייטן, מיר וועלן דעם מדבר אין דעם שענסטן אָאַזיס פאַרוואַנדלען. מיר וועלן פון דער טיפעניש די מעכטיקסטע קוואַלן ארויסבאקומען. דיינע טאָלן און בערג וועלן צוריק מיט די שענסטע זאַפטיקסטע פרוכטן באַצירן. פריי זיך, לאַנד מיינס, דו וועסט אין גיכן אויפגעריכט ווערן. דער יום טוב הויבט זיך אָן. און פאַר דיר שטייען פאַר יאָרן און יאָרן פון נחת, גליק, אנגענעמסטע סורפריזן. פריי זיך, לאַנד מיינס — דיינע קינדער קומען אָן, קומען אָן פון אַלע עקן פון וועלט. דו וועסט זיך שוין נישט פילן אַזוי איינזאַם, אַזוי פאַרלאָזן, אַזוי אומגליקלעך. מיר, דיינע קינדער, האָבן שטאַרק געזינדיקט קעגן דיר. מיר ווייסן דאָס. און דערפאַר איז טאַקע גרעסער, שטאַרקער אונדזער ליבשאַפט צו דיר און אונדזער שטאַרקער באַגער איז אונדזערע זינד אויסקויפן... מיר, דיינע קינדער, וואָס קערן זיך אום צו דיר זענען יונג, שטאַרק, ענערגיש און אויסגעפילט מיט אן אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צו דיר. מיר זענען אַזוי שטאַרק, אַז מיר פילן זיך בכוח בערג איבערקערן, דאָס גאַנצע אָנגעזאַמלטע שמוץ מיט די נעגל אַרויסרייסן און פון דיר אַ נייע וועלט באַשאַפן...

קאַפּיטל 39

איבערן מדבר קיין ארץ ישראל

ווי די באַן האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז גלייך אַריינגעקומען אין אונ־דזער וואַגאָן מיין נייער פריינד יצחקי א שיינענדער, אַ יום טובדיקער מיט אַ ברייטן האַרציקן שלום עליכם

— איך פאָר מיט אייך צוזאַמען אין תל אביב.

— ווי אַזוי?

גאַנץ פּשוט. ווען ער האָט באַמערקט, אַז די גרעניץ באַאַמטע האָבן אין מיטן דערינען אַנגעהויבן דיסקוטירן עפּעס אַ פראַגע און זיי זענען אַלע געווען פאַראינטערעסירט אין דעם, איז ער כלומרשט צוגעגאַנגען צו די טישן מיט זיין „פּאַספּאָרט" אין האַנט. פון די טישן מיטן „פּאַספּאָרט" איז ער אַוועק צום טויער. די סאָלדאַטן נישט פאַרדעכטיקנדיק גאָרנישט, האָבן אים ווי אַלעמען דורכגעלאָזן. ער איז אַריין אין באַן. אין אונדזער וואַגאָן האָט ער מורא געהאַט — אפשר וועט זיין אַ רעוויזיע, איידער די באַן גייט אָפּ. נאָר איצט אַז די באַן האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז ער אַריין צו אונדז. פאַרשטייט זיך, אַז מיר אַלע זענען געווען צופרידן מיט אונדזער „אומלע־גאַלן" נייעם מיטרייזנדן חלוץ. אויך פאָרט מיט אונדז נאַוואָמייסקי א צו־פרידענער.

וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון על קאַנטאַרא, אַלץ מער באַקאַנט ווערט פאַר אונדז די געגנט. מיר פאָרן איבערן מדבר. זאַמד, זאַמד, זאַמד און הימל. איז אָט דער מדבר אַפילו אונדז אַזוי נאָענט, אַזוי אינטים באַ־קאַנט, אַזוי ווי מיר וואָלטן דאָ שוין אייניקע מאָל געווען. אויסגעמאָסטן אים אין דער ברייט און אין דער לענג.

אָבער די שטימונג איז ווייט נישט קיין מדברדיקע. אלע פילן זיך יום טובדיק. עס באַווייזן זיך מיט א מאָל פלעשער מיט שנאַפּס, מיט וויין, צו־בייסנס און דער וואַגאָן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַנקעט זאַל, מיט רעדעס, באַגריסונגען, געזאַנג, אַפילו טענץ. דער עולם איז פריילעך, דער עולם איז אויפגעלייגט. מען קען נישט לאַנג באַנקעטעווען, ווען מען פאָרט צום ערש־טן מאָל איבער דער ארץ ישראלדיקער טעריטאָריע, כאָטש אפילו דורכן

מדבר. מיר טראָגן זיך אַריבער אין אונדזערע קינדער יאָרן, ווען מיר זע־
נען נאָך געווען הדר ייִנגלעך, ווען אונטערן קאַנטשיק פון אונדזער רבי׳ן
האָבן מיר געלערנט חומש, ספר שמות, וווּ עס ווערט דערציילט מיט אַלע
איינצלהייטן וועגן די פערציק יאָר וואַנדערונגען פון די יידן איבער אָט דעם
מדבר, ווען די יידן זענען מיט 3400 יאָר צוריק אַרויס פון לאַנד פון זייער
פאַרשקלאַפונג און געגאַנגען צום לאַנד פון זייער זעלבסטשטענדיקייט, פון זיי־
ער פרייהייט. אונדז זענען באַקאַנט די אַלע פלעצער, וווּ זיי האָבן זיך פאַר
אַ לענגערער צייט אָפּגעשטעלט, גערוט, וווּ די יידן האָבן זיך געבונטעוועט
קעגן זייער פירער משהן. אונדז זענען דאָ באַקאַנט די אַלע פלעצער, וווּ
גאָט האָט באַוויזן וווּנדער, נסים זיין פאָלק ישראל, וווּ משה האָט געלערנט
זיין פאָלק ווי צו לעבן אין אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, וווּ די יידן האָבן
זייער ערשטן טעמפּל אין מדבר אויפגעשטעלט. מיר האָבן דאַן דאָס אַלץ
אין אונדזערע קינדער יאָרן כמעט אויף אויסנווייניק געלערנט. און מיר
טיילן זיך מיט אונדזערע קענטענישן. אָט גיט אונדז איבער איינער, אַז
רייזנדע איבער די אַרומיקע מדבריות דערציילן, אַז זיי האָבן אַליין געזען
דעם מן און די וואַכטפּויגלען (שלו) מיט וועלכע די יידן האָבן זיך געשפּייזט
אין דעם מדבר, אַז די בעדואינער, וואָס וואַנדערן איבער די געגנטן כאַפּן
נאָך היינט די פויגלען, ווייל זיי פליען זייער נידעריק אָדער קריכן קוים,
קוים איבער די זאַמדן פון מדבר. און דער מן איז א שיכט פון גרייפּלעך,
וועלכע זעען אויס ווי שניי און די בעדואינער, וואָס וואַנדערן דאָ ביז היינט
צו טאָג, זאַמלען די צונויפגעשמאָלצענע גרייפּלעך אין בלעכענע פּושקעס
און עסן עס. מיר פאָרן אַלץ טיפער אין מדבר און וווּנדערבאַר, די פלעצער
זענען אונדז באַוווּסט פון חומש. דאָ האָבן די יידן געהאַלטן מלחמה מיט
עמלק און דאָ איז געקומען יתרו, משה׳ס שווער, צו אים צו גאַסט. און מיר
שטעלן זיך פאָר דאָס בילד, ווי א שקלאַפן פאָלק האָט רעוואָלטירט קעגן
די שקלאַפן אייגנטימער, די עגיפּטער, ווי זיי האָבן פאַרלאָזן דאָס שקלאַפן
לאַנד אונטער דער פירערשאַפט פון משהן, ווי זיי האָבן געוואַנדערט איבער
אָט דעם מדבר, וווּ זיי האָבן זייער שקלאַפן נאַטור פאַרביטן אויף דער נאַ־
טור פון פרייע בעדואינער, ווי אַזוי דאָ האָט זיך קריסטאַליזירט דאָס יידישע
פאָלק, ווי אַזוי עס האָבן זיך דאָ באַהעפט אין איין פאָלק פאַרשידענע סעמי־
טישע שבטים...

עס איז אין אַלגעמיין שווער איבערצוגעבן די געפילן און געדאַנקען,
וואָס באַהערשן דיך ווען דו פאָרסט איבער דעם היסטאָרישן מדבר און דו
ווייסט, אַז מיט יעדער רגע דערנענטערסטו זיך צו דעם אמתן ארץ ישראל.
מיר זענען אַלע פול מיט דערוואַרטונג, מיט שפּאַנונג. כאָטש עס איז שוין

זייער שפּעט, שוין לאַנג נאָך האַלבע נאַכט און פאַרן טאָג אין פּאָרט סאַיד און דערנאָך אין על קאַנטאַרא האָבן מיר אַ סך מיטגעמאַכט און דורכגע־לעבט, דאָך טראַכט נישט קיינער פון אונדז וועגן שלאָף. מיר שטייען אַלע ביי די פענצטער און קוקן אין דער ווייטער וויסטעניש אַרויס. און כאָטש אין גרונט גענומען איז נישטאָ וואָס צו זען, איז דאָס העכסט אינטערעסאַנט, אויף אַזוי פיל אינטערעסאַנט, אַז דאָס בלוט קאָכט אין אונדז און דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערן. מיר זענען אויפן העכסטן גראַד אָנגעשטרענגט, קוקנדיק אין די פענצטער פון אונדזער גיך לויפנדן וואַגאָן. מיר קענען זיך נישט אָפּרייסן פון די פענצטער. מיר קוקן אָנגעשטרענגט אַזוי ווייט, ווי די אויגן קענען דערגרייכן און — מיר זעען נישט מער ווי אַ ליכטיקע נאַכט, אַ שטראַלנדע לבנה אַ טונקל בלויען הימל און זאַמד, אַזוי פיל זאַמד, אַז דיין אויג ווערט פאַרמאַטערט פון דער איינטאָניקייט פון פייזאַזש און פון דעם איינציקן קאָליר פון דעם מיט לבנה באַשיינטן זאַמד. נישט אומזיסט, טראַכ־טע, זענען די לידער פון די בעדואינער אַזוי איינקאָלירנדיק, אַזוי איינ־טאָניק. זעלטן, גאָר זעלטן קענסטו באַמערקן עפּעס אַ חיהלע, וואָס לויפט אַרויס פון זאַמד און, דערהערנדיק דאָס קלאַפּעריי פון די לויפנדע וואַגאָנען, דערשרעקט עס זיך און באַהאַלט זיך ערגעץ אונטערן זאַמד. נאָך זעלטענער קאָנסטו טרעפן אויפן וועג אַ קליין דאַר שטעכיק ביימל.

אַמאָל קאָנסטו דערזען עפּעס אַ וואַנט — אַ צעוואָרפענע, מיט לעכער מיט הרודעס שטיינער אַרום איר. פון די לעכער אין וואַנט קאָנסטו זען סטאַרטשעט אַרויס עפּעס אַ גראָז, צי אַ ברעקל ביימל און דיך נעמט אָן אַ שרעק פון דעם, ווי אַלץ איז דאָ פאַרמשפּעט צום טויט. אָט פאָרן מיר פאַר־ביי עפּעס אַ חורבה פון אַן אַמאָליקן מויער, אָדער פעסטונג און די אַרץ ישראלדיקע מיטריידנדע דערציילן דיר לעגענדאַרישע מעשהלעך, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט אָט דעם מויער.

ס'איז גוט קאַלט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ביי טאָג איז געווען אַ שרעקלעכע היץ. עס בלאָזט איבערן מדבר אַ קאַלטער ווינט. מיר געפעלט עס זייער. די ערשטע קאַלטע נאַכט אין אַזאַ לאַנגער רייזע. אָבער אַ באַרמ־הארציקער אַראַבער טראָגט מיר צו דריי נייע קאָלדרעס אויף איינוויקלען מיין רבקהן, טייבעלען און מיך. איך בין אים זייער דאַנקבאַר פאַר זיין פיינ־קייט און איידלקייט.

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער קומען אַריין צוויי באַאַמטע פון קאָסטאָם הויז צו רעווידירן ביי אַלע פּאַסאַזשירן דעם באַגאַזש. זיי זענען ביידע גע־וועזן יידן, אַרץ ישראלדיקע יידן. דערוויסנדיק זיך, אַז מיר פאָרן אין ארץ ישראל אַזש פון כינע, האָבן זיי אונדז אָפּגעגעבן אַ ברייטן, אַ פריילעכן שלום

עליכם און האָבן זיך מיט אונדז זייער דערפרייט. עס האָט זיך ווידער באַוויזן שנאַפּס מיט צובייסן און מיר האָבן ווידער געמאכט א לחיים. ביי די אַראַבער האָבן זיי געמאכט א גוטע רעוויזיע און געפונען ביי זיי אַ סך קאָנטרעבאנד און ביי אונדז האָבן זיי בלויז רעווידירט פון יוצא וועגן. מיר האָבן געעפנט די טשעמאָדאנען, קערבלעך און קעסטלעך, זיי האָבן א טאָפּ געטאָן און פאַרטיק. און ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט אין אַלע וואַגאָנען, זענען זיי ווידער אַריין אין אונדזער וואגאָן און מיר האָבן צוזאמען פאַרבראכט. פאַרלאַנגדיק די באַן האָבן זיי זיך מיט אונדז האַרציק צעזעגנט. ווינטשנדיק אונדז גליק אין ארץ ישראל. אָבער דער ווייכהאַרציקער אַראַבער, וואָס האָט אונדז געגעבן די דריי קאָלדרעס אויף צו באשיצן אונדז פון דער מדבר קעלט, האָט גלייך, ווי די קאָסטאָם באאמטע זענען ארויס נאָך דער רעוויזיע פון אונדזער באגאזש, צוגעקומען צו אונדז און געבעטן זיינע קאָלדרעס צוריק. די גוט האַרציקייט האָט זיך אים גוט באצאָלט: ער האָט נישט געדאַרפט באצאָלן קיין גרעניץ שטייער אויף דעם. און מיר האָבן געדאַרפט אויסזוכן עפּעס אנדערש מיט וואָס זיך צודעקן... און דער אַראַבער איז דאָך געוועזן אַזאַ פרומער: האָט די גאַנצע צייט געדאַוונט, געבעטן גאָט מיט פאַרגלאָצטע אויגן און געזונגען שבחים צו גאָטס נביא מאכמעד.

און די באַן, וואָס האָט דורך דעם מדבר, לויפט ווייטער און ווייטער, אַזוי ווי זי וואָלט אונדז פאַרשטאנען און געוואָלט אונדז וואָס גיכער ברענגען צו אַ מענטשלעכן ישוב. די אַראַבער, וואָס האָבן אָנהויב אָוונט אַזוי הויך גערעדט, געשריען, געזידלט זיך, שלאָפן שוין לאנג אויף זייערע ווייך אויסגעבעטענע בענק. פאַר זיי איז די רייזע נישט אינטערעסאנט, ווען נישט ווען כאַפּט זיך איינער אויף פון שלאָף, קוקט זיך מיט שרעק אַרום, מורמלט שטילערהייט אַ תפילה, פון וועלכער מען הערט אָפּט דאָס וואָרט „אַללאַ" און ווערט גלייך אנטשלאָפן.

און מיר, די ניי אָנגעקומענע, קאָנען זיך נאָך אַלץ פון די פענצטער נישט אָפּרייסן. דער הימל איז ריין, קיין ברעקל וואָלקן זעט זיך פון ערגיץ נישט אַרויס. און ווייט, ווייט זעסטו דעם האָריזאָנט — אַ ברייטער, א קיילעכדיקער ווי מיט א צירקל דורכגעפירט און די קיילעכדיקע ליניע איז אין ערגעץ נישט דורכגעריסן. אים פאַרשטעלן נישט קיין בערג און נישט קיין וועלדער. ערגעץ ווייט ווייט, גאָר ווייט גיסט זיך צונויף דער טונקל בלויער הימל מיט דער זילבער זאמדיקער ערד.

אונדזער באַן גיט אַ פייף, אַזש דער גאַנצער מדבר ווערט אויפגעציטערט. צוליב וואָס דאַרף זי דאָ פייפן, אַז דאָ איז דורך פוסט און ווילד? דאָס האָט דער מאָטאָרמאַן דערזען פון דער ווייטן אַ קאַראַוואַן. אַ סך קעמלען

צוגעבונדן איינער צום אנדערן טרעטן פּאַוואָליע טראָט ביי טראָט אין זאמד אַריין. פון נישט האָבן קיין אנדערע אינטערעסן ציי̈ל איך די קעמלען — 27. מיר זענען אויף גיך פאַרבייגעלאָפן דעם קאַראַוואַן. נישט מער די קעמלען האָבן אויסגעשפּרייט צו אונדזער זייט די לאַנגע העלדזער און האָבן אונדז גוט באַטראַכט.

און אָט הויבט שוין אָן צו טאָגן. די לבנה שיין ווערט פאַרבאַליאַקעוועט, פאַרנעבלט העכער העכער רוקט זיך אַרויס די אויסגעשלאָפענע און אויס־געוואַשענע זון.

אונדזער באַן איז צוגעלאָפן צו א ריזיקן זאַמד־באַרג און האָט שטארק פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג. האָט אָנגעהויבן פרייכן, קרעכצן, איקען און אַרויפקריכן אויפן באַרג. און דער באַרג וואָס ווייטער האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. אַזוי ווי אויף אַ טעראַסע האָבן זיך געהויבן אַלץ העכערע און העכערע פּלאַסטן זאַמד גלייך אויסגעלייגט, ווי צוגעפּרעסטע איינע אויף די אנדערע. עס האָט גענומען אפשר א פּאָר שעה דעם באַן מיט שוועריקייטן אַרויפהויבן זיך און דערנאָך זיך אַראָפּנידערן.

און מיט אמאָל האָבן מיר דערזען פון אונדזערע פענצטער דעם מיטל־לענדישן ים, פאַרביי וועמעס ברעגן אונדזער באַן איז געלאָפן. ס'איז אַ וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע: מדבר און ים. רחבות פון וואַסער און רחבות פון זאַמד אַזוי ווייט ווי דיינע אויגן קענען נאָר זען.

נישט באַשערט איז אונדז געווען צו שלאָפן יענע נאַכט. און ווער קען דאָס שלאָפן די נאַכט, ווען דו קומסט אָן צום ערשטן מאָל אין ארץ ישראל? מיר זענען אַלע אויף. די זון איז שוין גאָר הויך און ברענט שוין אַזוי, ווי זי איז געוווינט געוואָרן צו ברענען אין די געגנטן. דער זאמד איז שוין נישט אַזוי טיף. עס באַווייזן זיך שוין אָפּטער ביי די זייטן, לאַנד, באַדעקט מיט גראָז און פון צייט צו צייט קאָן מען דערזען אַפילו אַ פּאַלמע, אמת אָן אַרימע, אַ דאַרע, אָבער פּאַרט אַ פּאַלמע. און אָט באַווייזן זיך שוין אַראַ־בישע קליינע, ליימענע אָדער שטיינערנע הייזלעך, פאַרלאָזענע, נעבעכדי־קע אָדער לייוונטענע געצעלטן פון בעדואינער. און אָט דערזעסטו שוין אָן אַראַבער מיט אן אַראַבעריין אויפן גאָרטן. און אָט באַווייזן זיך שוין אַראַ־בישע אלטמאָדישע דערפער. אַראַבער אויף אייזלען אָדער קעמלען. קינ־דער שמוציקע, באָרוויסע, די קעפּ באַדעקט מיט שמאַטעס, וואַלגערן זיך אויף דער ערד. אַלץ אַרום און ארום איז אַזוי שטיל, פאַרחלומט.

וואָס מיר האָבן געהאַט אין מדבר איז געווען די ערשטע סטאַנציע על אַריש. מיר וואָלטן אפילו נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ סטאַנציע, ווען נישט די ווייסע ברעטל מיטן אויפשריפט „על אַריש". אויסער איין גע־

ביידע מיט א פּאָר געצעלטן און א פּאָר אראבער האָבן מיר דאָ אין גאַנצן געגגנט גאָרנישט געזען. דער זעלביקער מדבר, ווי אין אונדזער גאַנצן וועג פון על קאַנטארא. מיר פאָרן דורך ראפא, גאזא (עזה) די אמאָל באַוווסטע פּלשתים שטאָט. און כאָטש אין דעם געגנט קענסטו אָפט טרעפן גערטנער, פעלדער, בושעוועט נאָך דאָ אַלץ דער מדבר, וועלכער איז ביי אונדז באַקאַנט אונטערן נאָמען נגב, וועלכן די יידן טרוימען צו באַוואַסערן און קאָלאָניזירן און איך פאַרהאָף, אַז זיי וועלן דאָך אמאָל דעם גראַנדיעזן פּלאַן דורכפירן. א שווידערלעך בילד שטעלט מיט זיך פאָר די אמאָליקע הויפּטשטאָט פון די פלשתים, עזה. זעט אויס ווי אַן אָרימע אַלטע הונדערטיאָריקע אראַבערין... טויזנטער כאַלופּקעס און שמוציקע צעדרייטע געסלעך, ס'שטינקט...

אונדזער באַן יאָגט זיך מיט זיין געוויינלעכן אימפּעט. דער מדבר איז שוין ווייט הינטער אונדז און מיר קומען שוין צו אַלץ נענטער און נענטער צו אַ יידישן ישוב, צו אַ יידישער קאָלאָניע — די ערשטע יידישע קאָלאָניע, וועלכע מיר דאַרפן פאַרבייפאָרן און זיך אָפּשטעלן אויף א פּאָר מינוט — איז רחובות. און מיר ברענען שוין מיט אומגעדולד די ערשטע יידישע קאָלאָניע צו דערזען. דערזען די יידישע ערד אַרבעטער, דערזען די חלוצים און חלוצות. און אָט דערזעען מיר שוין יידישע פעלדער... יידן אַרבעטן... דאָס האַרץ שפּרינגט פון פרייד. מיר ווערן פּשוט צוגעקלעפּט צו די פענצטער. מיר מאַכן מיט די הענט. מיר באַגריסן זיי. זיי ענטפערן... די באַן פאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג און לאָזט אַרויס אַ הויכן לאַנגן פייף מיט גרויס שטאָלץ, ווי זי זאָגט: זעט נאָר איר, ארץ ישראלדיקע אַרבעטער, וואָס פאַראַ טייערע געסט איך האָב אייך געבראַכט. זיי קומען צו אייך אַזש פון סיביר, יאַפּאַן, כינע. דורכגעפאָרן די גאַנצע וועלט אום צו זען אייך, זייערע טייערע ברידער, און ארויסהעלפן אייך אין אייער שווערער אַרבעט. זיי זענען געקומען אייך העלפן אויפבויען אונדזער אלט ניילאַנד. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער סטאַנציע רחובות.

קאַפּיטל 40

פון רחובות ביז תל אביב

שוין די ערשטע יידישע קאָלאָניע אויף אונדזער וועג — רחובות, האָט געמאַכט אויף אונדז אַן אויסערגעוויינלעכן גוטן איינדרוק. די דערפער און פעלדער פון די אַראַבער דעמאָנסטרירן זייער אָפּגעלאָזנקייט, זייער אָרעמקייט, זייער אומבאַהאָלפנקייט. אַפילו די פוילקייט פון דער אָרטיקער אראַבישער באַפעלקערונג. אָפּט באקומסטו דעם איינדרוק, אַז די אַראַבער נעמען זיך אַפילו נישט די מי צו באַאַרבעטן, צו באַוואַסערן, צו יעטן זייערע גערטנער, זייערע פעלדער, וועלכע זעען אויס כמעט ווי א פאָרזעצונג פון דעם מדבר. דערפאַר האָבן אונדז אַזוי איבערראַשט די גערטנער און די פעלדער, וואָס באַלאַנגען צו יידן; געזייט און געפלאַנצט מיט אַ פּלאַן, מיט אַן אויסרעכענונג, באַאַרבעט זיי מיט גרויס פלייס, גענוג באַוואַסערט זיי און דערפאַר זענען די רעזולטאַטן אַזעלכע בליענדע. קיין ברעקל ערד גייט נישט אין ביוועץ, אַלץ אַרום און אַרום בליט און וואַקסט, פריש, זאַפטיק, גרין, ס'שמעקט אנגענעם. עס מאַכט אויף אונדז אַן איינדרוק, אַז די יידן קריגן אַרויס אויפן זעלביקן שטח אפשר צען מאָל אַזוי פיל פּראָדוקטן ווי די אַראַבער. און מיר, יידן, זענען דאָך א שטאָטישער עלעמענט און מיט ערד אַרבעט האָבן מיר זיך אין אונדזערע אַלטע היימען כמעט נישט באַשעפּטיקט און די אַראַבער זענען דאָך מערסטנס דאָרפס מענטשן, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט דעם פאַך הונדערטער און הונדערטער יאָרן...

אויך די קאָלאָניע האָט אויף אונדז געמאַכט אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק, כאָטש מיר זענען אין איר נישט אַריין. פון דער ווייטנס האָבן מיר געזען די מאָדערנע, גרויסע אייראָפּעישע קאָלאָניסטן הייזער מיט קאָלאָנען, ברייטע פענצטער. אָנשטאָט גאַסן — אַלייען פון הויכע, ברייטע, טראָפּישעביימער.

רחובות איז אַרומגערינגלט מיט אקאציע און קאקטוס ביימער. אויך דער וועג, וואָס פירט קיין רחובות איז באַזעצט מיט די זעלביקע ביימער. פון דער ווייטנס קענען מיר זען די יידישע באַיאַרעס (פּלאַנטאַציעס) אין וועלכע עס וואקסן מאנדל ביימער און וויינטרויבן — די צוויי הויפּט פרוכטן פון רחובות. יעדע באַיאַרע איז אַרומגעצאַמט.

אַזוי ווי מיר שטייען און באַטראַכטן פון דער ווייטנס רחובות ערשט עס קומען צו צו אונדז אַ פיר מיידלעך און בחורים, אַזעלכע פריילעכע און שיינענדיקע, באַגריסן זיך מיט אונדז מיט אַ הילכיקן פריינטלעכן שלום! אָבער מיר האָבן נישט קיין צייט מיט זיי צו רעדן, ווייל מען האָט אונדז גע־הייסן אַריין אין די וואַגאָנען. ערשט די רחובותדיקע יוגנט איז אויך אַריין. זיי האָבן היינט, האָבן זיי אונדז דערקלערט, אַ רו טאָג און זיי ווילן אים פאַר־ברענגען אין ירושלים. אַליין זענען זיי חלוצים און אַרבעטן אין רחובות אויף די יידישע גערטנער און פעלדער. און לכבוד ירושלים האָבן זיי זיך אָנגע־טאָן יום טובדיק. די מיידלעך אין קורצע קליידלעך און ווייסע בלוזעס, די בחורים אין קורצע הייזלעך און קאָלירטע בלוזעס. זיי זענען אויפגעלייגט, לעבעדיק, פריילעך: גאָר אַ קלייניקייט — פאָרן אין ירושלים. מיר האָבן זיך גלייך באַקאַנט און זיך דערפילט איינע צו די אַנדערע ווי נאָענטע גאָר נאָ־ענטע פריינד און זיי האָבן מיט זיך צוגעגעבן אַ סך יום טובדיקייט צו אונ־דזער שטימונג. מיר האָבן זיך אַלע דערפילט היימיש. די פיר חברהלייט האָבן אַרויסגענומען פון זייערע פעקלעך מאַראַנצן, וויינטרויבן, מאַנדלען און מיר פון אונדזער זייט האָבן צוגעטראָגן טאָרט, ווייַן און אַנדערע עסנ־וואַרגן און מיר האָבן געפּראַוועט אַ סעודה. מיר האָבן פשוט אָנגעקוואָלן פון די יונגע חלוצים. זיי אַרבעטן אין דער גערטנער און פעלדער און זענען גליקלעך, וואָס זיי זענען אין אונדזער היימלאַנד, וואָס זיי זענען לאַנד אַר־בעטער, וואָס זיי זענען אַ פּראָדוצירנדער עלעמענט אין ארץ ישראל. זיי זענען באַגייסטערט, וואָס דער יידישער ישוב פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג, וואָס עס קומען צו יעדן טאָג נייע יידישע אַרבעטער און זענען אי־בערצייגט, אַז מיט יידישער אַרבעט וועלן מיר געווינען דאָס לאַנד פאַרן יידישן פאָלק. זיי זענען איבערצייגטע סאָציאַליסטן און זענען דורך און דורך קעגן בויען דאָס לאַנד אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות. זיי זענען פאַר קאָמוניסטישע אַרבעטער קבוצות, פאַר אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוון און פאַר בויען דאָס לאַנד אויף סאָציאַליסטישע יסודות. נאָר נישט לאַנג האָט גע־דויערט אונדזער געשפרעך. מיר זענען צוגעפאָרן צו לוד און דאָ האָבן מיר געדאַרפט אַראָפּ, כדי נעמען די באַן, וואָס גייט צו תל אביב און זיי האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט מיט האַרציקע ברכות פאַר אונדז און מיט אַ שטאַרקן קוועטש אונדזער יעדנס האַנט און מיט אַ הילכיקן „שלום!"

אין גאַנצן האָבן מיר פאַרבראַכט מיט די פיר חלוצים אפשר אַ שעה און פאַר דער קורצער צייט האָבן מיר זיך אַלע אין זיי פאַרליבט. מיר האָבן אויף זיי אַרויפגעקוקט און מיט זיי שטאָלצירט און גלייך ווי מיר האָבן זיי

פאַרלאָזן, האָבן מיר דערפילט, אַז אונדז האָבן פאַרלאָזן עפּעס זייער נאָענ־טע, טייערע חברים...

אין לוד האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געדאַרפט א פּאָר שעה וואַרטן, ביז וואָגנען די באַן וועט אונדז נעמען קיין תל אביב. קיין וואָקזאל איז דאָרטן נאָך נישט געווען. עס איז אָנשטאט דעם געשטאַנען אַ וואַגאָן פון ברעטער מיט אַן אויפשריפט: לוד. מיר זענען געשטאַנען אויף דער שאָטנדיקער זייט פון דער וואַגאָן און באַטראַכט לוד, וועלכע האָט אויף אונדז געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אָפּגעלאָזענער פאַבריק שטעטל. גרויסע געביידעס, רי־זיקע מאַסטערסקאַיעס, קראָמען, באַראַקן פאַר סאָלדאַטן. אין לאַנד און אַרום לאַנד איז נאָך נישט געווען רואיק פון דער מלחמה און אומעטום האָבן מיר געטראָפן אַ סך מיליטער. דאָ האָבן זיך געפונען די באַן פאַבריקן און אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די גאַנצע שטעטל איז באַוווינט פון באַן אַרבעטער.

מיט אַמאָל האָב איך דערהערט אַ פריידיק אויסגעשריי „חבר מיש־קאָווסקי, ווי קומט איר אַהער?״

איך גיב אַ קוק און דערקען דעם אויסשרייער — חבר בלעכמאַן — מיטגליד פון אונדזער כאַרבינער אָרגאַניזאַציע פּועלי ציון. מיר האָבן זיךביידע דערפרייט מיט דער באַגעגעניש. און ער דערציילט מיר, אַז ער אַר־בעט דאָ אין די באַן מאַסטערסקאַיעס פון דער ענגלישער רעגירונג. און אַזוי ווי איך דאַרף דאָ וואַרטן א פּאָר שעה, וועט ער מיר דערווייל ווייזן לוד.

עפּעס א מאָדנער טיפּ איז אָט דער בלעכמאַן. געבאָרן געוואָרן אין רו־מעניע. איז געוואָרן אַן ארבעטער (שלאָסער) אין זיין פריסטער יוגנט. אריינ־געטראָטן אין דער פּועלי ציון פּאַרטיי צו 19 יאָר. גאָר אין גיכן איז גע־קומען די ערשטע וועלט מלחמה. ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רומענישער אַרמיי. זיך געשלאָגן ביז אדעס. וו ער האָט דעזערטירט. אים איז געלונגען אַריינדרינגען אין אָדעס און ער איז גלייך געקומען אין אונ־דזער אָדעסער פּועלי ציוניסטישן קלוב. דאָרט האָבן אים די חברים באַ־זאָרגט מיט קליידונג און עסן. געשלאָפן האָט ער אין קלוב. אויך האָבן אים אונדזערע חברים באַזאָרגט מיט די נויטיקע רוסישע דאָקומענטן. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אָדעס, האָט ער גרויסע נוצן געבראַכט אונדזער פּאַרטיי. אָבער נישט לאַנג איז ער דאָרט פאַרבליבן. אין אַ יאָר שפּעטער איז ער געקומען אין כאַרבין און אריינגעקומען צו מיר אין ביוראָ זיך באַקאַנען און אויך איך זאָל אים רעקאָמענדירן אַן אַרבעט. איך האָב אים רעקאָמענדירט צו ווערן דער אויפפּאַסער איבער דער געביידע פון דער

יידישער גימנאזיע און טאַקע ער איז גלייך אַוועק אהין אַרבעטן. קערן, ווישן, וואַשן, הייצן... געצאָלט האָט מען אים נישט שלעכט און ער האָט געקליבן אַ דאָלער צו אַ דאָלער. נישט מער ווי א יאָר האָט ער דאָרט געאַרבעט און איז דערנאָך פאַרשווונדן געוואָרן און איך האָב אַפילו נישט געוווסט, וווהין ער איז אַוועקגעפאָרן און אָט האָב איך זיך מיט אים געטראָפן צופעליגער־ווייז אין לוד.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין די מאסטערסקאיעס, גענומען אין זיין צימער, מיך מכבד געווען מיט ווין און צובייסן, מיך געפירט וויזן די יידי־שע קאָלאָניע. און ביים ברעג פון אזיאַטישן מדבר האָב איך ווידער דערזען אַ שטיקל אייראָפּע. שיינע שטיינערנע הייזער, שטאַלן מיט ביימער ביי די זייטן. אי די מענטשן אי די בהמות און אי די פעלדער און גערטנער מאכן אויף דיר אַ גוטן איינדרוק. אמת נישטאָ קיין רייכקייט, אָבער עס איז ניש־טאָ די אַזיאַטישע שמוץ, אָפּגעלאָזנקייט, די אויגן רייסנדע אָרעמקייט. ער האָט מיך באַגלייט צו דער באַן און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

נו, איצט פון לוד ביז תל אביב איז ווי מיט דער האנט צו דערלאנגען. איצט פאַרענדיקן מיר די אַ קאַפּיטשקע צו לאַנגע רייזע פון שאַנכאַי ביז תל אביב. און עס בענקט זיך שוין אַזוי שטאַרק נאָך אן אייגענעם צימער, נאָך אן אייגענער בעט, נאָך אן אייגענעם טיש און שטול. די רייזע האָט אונדז אויסגעמאַטערט אויפן העכסטן גראַד. און אונדזער גרעסטער אידע־אַל איז איצט פאַר אונדז א צימער און אַ בעט. רוען, רוען, רוען...

גאָר אַ קלייניקייט: איבער זיבן וואָכן איבער ימים און ימים. מיר זע־נען אַלע אין גאנצן אויסגעשעפּט און זענען גליקלעך מיטן געדאַנק, אַז אונדזער רייזע קומט צום ענד. דאָך מיט די לעצטע כוחות לויפן מיר פון פענצטער צו פענצטער זען די ארץ ישראלדיקע פּאַנאָראַמע. דער הימל איז טיף בלוי, קיין סימן נישטאָ פון קיין וואָלקן. די זון וואַרפט פון זיך אַ בלענדענדע ליכט. און כאָטש מיר זענען שוין אַזוי ווייט פון מדבר איז דאָך אַרום און ארום זאַמד, טיפע זאַמד, היילע פעלזן בערג.

אין די וואַגאָנען איז דער עולם א געמישטער פון יידן און אַראַבער, ענגלענדער, טוריסטן, סאָלדאַטן. מיט די יידן פון די פאַרשידנסטע לענדער פון דער וועלט, וועלכע ווינען איצט אויך צעזייט און צעשפּרייט איבער די פאַרשידנסטע שטעט און דערפער פון ארץ ישראל. אנדערע קלאָגן זיך אויף דער לאַגע און אַנדערע מאָלן דעם ארץ ישראלדיקן לעבן מיט די העלסטע פאַרבן. די גליקלעכסטע פון אַלעמען זענען די יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע זענען אַהער געקומען מיטן איינציקן צוועק אויפצובויען א היים פאַרן יידישן פאָלק. זיי דערציילן אונדז וועגן זייער לעבן אין די קבוצות מיט

אַזויפיל ראָמאַנטישקייט, ליבע, איבערגעגעבנהייט און באַגייסטערונג, אַז דו ביסט זיי מקנא. אַזאַ גליקלעכע ייִדישע יוגנט האָב איך נאָך ערגעץ נישט געזען.

נאָר מער פון אַלץ רעדט מען וועגן פּאָגראָם פון די אַראַבער, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אייניקע וואָכן צוריק. מען רעדט וועגן אונדזער העלדי־שער יוגנט, וואָס האָט ארויסגעשטעלט אַזאַ העלדישן ווידערשטאַנד, פון מאַ־סן דערהרגעטע אַראַבער, פון אַ סך פאַרווונדעטע ייִדן. וואָס דאָ איז נישט רוסלאַנד, דאָ גייען זיי אַרויס מיט געווער אין האַנט באַגעגענען די פּאָ־גראָמשטשיקעס יונג און אַלט, פרויען און מענער און די אַראַבער צאָלן אַ צו טייערן פּרייז פאַר שעכטן ייִדן. און מען דערציילט מעשיות פון די לעצ־טע געשעענישן אָן אַן אויפהער. און אין די אַלע מעשיות שפּיגלט זיך אָפּ די העלדישקייט פון אונדזער ייִדישער זעלבסטשוץ. מען פאַרגעטערט איר, כאָטש קיינער ווייסט נישט, ווו די זעלבסטשוץ געפינט זיך און ווער זענען אירע מיטגלידער. נאָר איין זאַך פילט זיך: די ייִדישע מאָראַל איז נישט גע־בראָכן, קיינער טראַכט נישט פון אַנטלויפן און קיינער באַקלאָגט זיך נישט. פאַרקערט גאָר, די מאָראַל איז געהויבן געוואָרן, די ליבע צום לאַנד איז שטאַרקער געוואָרן, די ייִדן זענען שטאָלצער געוואָרן...

ייִדן זענען נישט צופרידן מיט אונדזער נייעם הערשער דעם ייִד הער־בערט סעמועל פאַר וואָס ער האָט אָפּגעשטעלט די אימיגראַציע פון ייִדן און פאַרוואָס ער גיט נאָך די אַראַבער אין זייערע פאָדערונגען. אַזאַ פּאָליטיק, האָבן זיי אונטערגעשטראָכן, קען פירן צו דער ליקווידירונג פון דער באַל־פור דעקלאַראַציע.

קאַפּיטל 41

תּל אביב — (געגרינדעט אין 1911)

און אָט דערנענטערט זיך אונדזער באַן צו תל אביב. תל אביב איז פאַר אונדז אַ צויבער וואָרט: די ערשטע יידישע שטאָט אין דער וועלט, געבויט מיט יידישע הענט, און די שטאָט געפינט זיך אין ארץ ישראל. און תל אביב ווערט פאר אונדז א סימבאָל פון ניילאַנד. דאָס איז נישט אַ שטאָט פון אונדזער אמאָליקן זעלבסטשטענדיקן לעבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, נאָר אַ שטאָט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר — אַ פּראָדוקט פון אונדזער נייער אַרבעט. און אַלס אַ סימבאָל ווערט זי אונדז ליב און טייער און פאַרגעטערט.

און ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר ווידער געהאט א קליינע אנטוישונג: ווידער נישטאָ קיין וואקזאל. אנשטאט דעם עפּעס דריי ברעטערנע ווענטלעך מיט אַן איבערדעק פון אויבן. אויף איין וואַנט אַן אויפשריפט „תל אביב".

מען גיט אונדז איבער, אַז איצט איז כמעט נישטאָ קיין פּלאץ אין תל אביב פאַר אַזאַ גרופּע מענטשן. פון דעם איבערפאַל אָן האָבן זיך כמעט אַלע יידן ארויסגעצויגן פון יפו און געמאכט זייערע היימען אין תל אביב און דערפאַר איז תל אביב אַזוי איבערגעפּאַקט. אויך זענען נישטאָ קיין צימערן אין די האָטעלן און דערפאַר האָט מען אונדז געראָטן אַפילו נישט זוכן קיין צימערן, ווייל ס'וועט זיין אן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. בעסער זאָלן מיר גיין אין די באַראַקן פאַר די אימיגראַנטן.

און מיר זענען טאַקע אַוועק אַהין. דער אויפפּאַסער פון די אימיגראַנטן באַראַקן איז געווען איינער קאַסאַף, וועלכער האָט אונדז פיין אויפגענומען און האָט יעדן באַזאָרגט מיט אַ געלעגער. מיר, מיין פרוי און קינד האָט ער געגעבן עפּעס אַ געצעלט מיט בעטן. עס איז געווען שרעקלעך הייס און אומבאַקוועם און מיר האָבן די בעטן ארויסגענומען אין הויף און געשלאָפן אונטערן פרייעם הימל.

אין דער פרי, ביים וואַשן זיך, האָב איך זיך דערוווסט, אַז אין אייניקע הייזלעך פון דעם אימיגראנטן הויז געפינען זיך פאַרוואונדעטע פון דעם

אַראַבישן אָנפאַל אויף יידן דעם ערשטן מאַי. איך בין גלייך אַריין צו די פּאַרוואונדעטע. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר דערלויבט מיט אייניקע רעדן. איך געדענק נישט געניי וויפל פאַרוואונדעטע עס האָבן זיך דאָרט געפונען, נאָר אין יעדן פאַל נישט ווייניקער פון צען יונגע לייט. דער שטאָטישער שפּיטאָל האָט שוין קיין פּלעצער פאַר זיי נישט געהאַט און זיי אַלס לייכט פאַרוואונדעטע האָט די שטאָט אַריינגעגעבן אַהער. אַ וואונדערבאַרן איינדרוק האָבן זיי אויף מיר געמאַכט. אין די געשפּרעכן האָט זיך קיין אייגער נישט געוואָלט אַרויסשטעלן ווי אַ העלד, וואָס אין דער אמתן זענען זיי עס געווען. די אַראַבער זענען אַן א פאַרוואָס און פאַר ווען אָנגעפאַלן אויף יידן מיט מעסערס, אייזנס. האָבן זיי דאָך געמוזט פאַרטיידיקן יידישע לעבנס, יידיש האָב און גוט. נאָר מער געפעלן פון זיי איז מיר געווען די קראַנקן שוועסטער, וואָס האָט אַ באַרוויסע אין אַ קאַלירט קליידל אַן און אויפהער געאַרבעט פאַר זיי. זי איז געווען די קעכין, די דינסט, די קראַנקן שוועסטער, אויך דער דאָקטאָר. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו שלאָפן און איז געווען איבערגעאַרבעט. ווען איך האָב געפרעגט דעם פאַרוואַלטער קאַסאַפּן ווער איז זי אָט די וואונדערבאַרע מיידל, האָט ער מיר געענטפערט, אַז זי איז די פּלימעניצע פון שערעשעווסקי, דעם באַוווסטן טאַבאַק פאַבריקאַנט פון גראָדנע. נישט מער ווי מיר יידן, האָב איך געטראַכט, קענען אַרויסגעבן אַזעלכע אידעאַלע טעכטער.

אַרום 9 אַזייגער זענען מיר אַלע אַוועק עסן אין די אימיגראַנטישע רעסטאָראַנען, וו מען האָט אונדז געגעבן א גוטן אָנבייסן, נאָר אָנשטאָט קאַמפּאָט האָט מען אונדז געגעבן — כינין.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ דריי טעג שלאָפנדיק אונטערן אָפענעם הימל און עסנדיק דריי מאָל א טאָג אין די קהלהשע רעסטאָראַנען, פאַרבייסנדיק יעדן מאָלצייט מיט כינין.

און אַנדערש האָב איך טאַקע נישט געקענט: אין מיין רייזע האָב איך אויסגעגעבן די גאַנצע געלט, וואָס איך האָב געהאַט. מיט מיר האָט זיך פון ערשטן טאָג אָן שטאַרק פאַראינטערעסירט מיין גוטער פריינד פון כאַרבין און אויך ווי איך אַ מיטגליד פון ראַט פון דער כאַרבינער קהלה, פּיניע שטשעגלאָוו, וועלכער איז שוין געווען אין ארץ ישראל א יאָר צייט און איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער איינציקער צו יענער צייט העברעישער צייטונג „הארץ״ און ער האָט געקראָגן גלייך פאַר מיר א שטיקל שטעל אלס ענגלישער בריוו שרייבער אין אַ קליינער פירמע. אויך האָט ער פאַר מיר אויסגעזוכט אַ דירה אין תימנער קוואַרטאַל טאַקע ביי א תימנער מיטן נאָמען מאָשאַ (משה). זיי דירה איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט א קיך.

דאָס װאָלט שױן געװען צופיל ראַסקאָש פאַר אונדז אין יענער צײט. האָבן מיר צו דער דירה צוגעצױגן א שותף — אונדזערן א מיטרײזנדן אהרן קאַץ מיט זײן פרוי. הײסט עס — מיר האָבן געדאַרפט שלאָפן אין דעם צימער זאַלבעפינפט. דאָך אנטקעגן דעם אימיגראַנטן הױז איז דאָס געװען א גן עדן.

די ערשטע טעג ביז איך געװען כמעט אַלע מאָל אין גאַס. איך האָב זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט תל אביב. אין גאַנצן האָט אפשר דאַן תל אביב געהאט א דרײ־פיר טױזנט יידן. עס זענען נאָך זײער װײניק גאַסן געװען — אפשר א צענדליק. דאָך האָט אַלץ מיך געלאָקט, און אַלץ האָט אױף מיר אַ זעלטן גוטן אײנדרוק געמאַכט. די גאַסן זענען ברײטע, רײנע, שײנענדע. די הײזער — שײנע מױערן אין פאַרשידענע סטילן, אָריענטאַלישע, אמעריקאַנישע, אײראָפּעישע. יעדע הױז איז ארומגערינגלט מיט באַלקאָנען, גרױסע ברײטע פענצטער. אַלע גאַסן האָבן טראָטואַרן. בײ די זײטן פון די טראָטואַרן, אַלײען פון הױכע, שײנע אָריענטאַלישע בײמער. יעדע גאַס האָט א נאָמען און בײ יעדן װינקל פון גאַס אַ בלעך מיטן נאָמען פון דער גאַס און די נעמען זענען עכט ייִדישע: הערצל, יהודה הלוי... אין מיטן פון דער דעמאָלסטיקער תל אביב די באַװוּסטע הערצל גימנאַזיע — די שענסטע געבײדע און די היסטאָרישסטע — פון די ערשטע געבײדעס אין תל אביב און ארום איר האָבן זיך אָנגעהױבן בױען אַנדערע הײזער און דורכציען גאַסן. אַלענבי גאַס איז נאָך דאַן נישט באַשטאַנען פון א סך הײ־זער, אָבער די הײזער אירע זענען געװען די שענסטע און רײכסטע אין שטאָט. שױן דאַמאָלסט האָט מען געקענט זען, אַז זי שטרעבט צו װערן די שענסטע, די רײכסטע און די לענגסטע גאַס אין תל אביב. זי האָט געהאט א נײגונג אױסציען זיך ביזן ים און אין פאַרשידענע ערטער פון דער גאַס האָבן זיך געבױט פּראַכטפולע הײזער פון רײכע יידן פון אַמעריקע, אַפ־ריקע, קאַנאַדע. עס איז מאָדנע: תל אביב געפינט זיך אױף זאַמדן בײ ברעג פון מיטללענדישן ים. די זאַמדן זענען געװען זײער הױכע און טיפע. דאָך האָט דער ייִדישער זשעני דאָרט אױפגעבױט אַ שטאָט, װאָס זעט אױס װי אַ שטאָט גאָרטן. אומעטום פּאַרקס, גערטנער, בלומען, אַלײען, בײמער. װי איז דאָס מעגלעך? יידן אין זײער גרױסע ליבע צום לאַנד האָבן פאַרװאַנדלט אַ פאַנטאַזיע אין אַ װירקלעכקײט...

און װי רײן ייִדיש די שטאָט איז! דער נאָמען פון שטאָט איז א רײן ייִדישער. די גאַנצע באַפעלקערונג איז אַ ייִדישע, פון יידן פון דער גאַנצער װעלט: אשכנזים, ספרדישע, פרענקישע, תימנער. עס הערן זיך אין די גאַסן די פאַרשידנסטע שפּראַכן פון דעם ייִדישן גלות, דאָך די יוגנט רעדט

נאָר העברעיש. אויך רעדן העברעיש די חלוצים און דער בעסערער עלע־מענט פון שטאָט. אַלע געשעפטן טראָגן אויף זיך העברעישע אויפשריפטן, די פּאָליציי איז א יידישע און רעדט א גוטן העברעיש. אין אַלע רעגירונגס און שטאָטישע אינסטיטוציעס זענען די אויפשריפטן אין העברעיש און מען ווענדט זיך צו די געקומענע אין דער שפּראַך. און די יידן אַליין פילן זיך דאָ נישט נאָר ווי יידן, וואָס האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די גלות קליידער, נאָר אויך ווי יידן, וואָס קענען מיט א פולן מויל זאָגן — דאָס איז מיין שטאָט, דאָס איז מיין לאנד, איך בין דאָ א פולבארעכטיקטער בירגער, אויסער דעם בין איך דער געזעץ געבער אין שטאָט, דער אָרדענונגס היטער, דער אָר־דענונגס מאַכער. די איינציקע יידישע שטאָט אין דער וועלט, תל אביב, האָט זיך אָנגעהויבן מיט א יידישער גימנאַזיע און האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו באַזאָרגן זיך מיט א געפענגעניש. אָט דאָס איז דער שטאָלץ פון די תל אביבער און פון יידן פון דער גאנצער וועלט. אין מיין גיין איבער תל אביב שטויס איך זיך אָן אויף חדרים, תלמוד תורה׳ס, שולן, לייען זאַלן, ביבליאָטעקן, קינדערגערטנער, אַ גימנאַזיע, קיאָסקן מיט העברעישע צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבן פון דער גאנצער וועלט. אין די אַלייען, סקווערס זענען דאָ בענק, אויף וועלכע עס זיצן יידן. מען דעבאַטירט, מען דיסקוטירט איבער פאַרשידענע פראַגן, מען קאָמענטירט וועגן די לעצטע וויכטיקע נייעס. אָט אַזוי, טראַכט איך, דאַרף אויסזען א יידישע שטאָט אין ארץ ישראל! אָט דאָס דאַרף זיין דער אינהאַלט פון אַ יידישער שטאָט!

אמת, מיר געפעלן נישט די יידישע קרעמער און די יידישע קרעמלעך אין תל אביב. אַריבער געטראָגן זייערע קרעמלעך מיט האק און פּאק פון די גלות לענדער, אפילו אריבערגעטראָגן דעם אָרט פאַרקויפן, מיר גע־פעלן שטאַרק נישט, וואָס אונדזער יידישע שפּראַך ווערט נישט נאָר פאַר־נאַכלעסיקט, נאָר אין גאַנצן פאַרפאַלגט. מען אגיטירט קעגן איר, מען לאכט פון איר אָפּ, מען דערנידעריקט איר און מען רופט איר זשאַרגאָן, גלות שפּראַך. מיר געפעלט אויך נישט דער תימנער געגנט מיט אָרימע כאַלופּ־קעס א סך פון וועלכער זענען פאַרשלאָגן מיט בלעך. אָט דער געגנט פאַר־אַזיאַטעוועט די פראַכטפולע שטאָט. (איך האָב נאָך דאַן נישט פאַרויסגעזען, אַז די תימנער וועלן אַרבעטן שווער און ביטער און אויף די אָפּגעשפּאַרטע געלט און אפשר מיט אַביסל אנטליענע געלט זיך אויפבויען אייגענע הייזער, פאַרזייען קליינע גערטנער און סעדער און וועלן אויסבעסערן, אויסשע־נערן זייער געגנט, ער זאָל אויסזען ווי די אשכנזישע געגנטן.

תל אביב האָט זיך געהאַלטן אין מיין צייט אין פאַרגרעסערן, פאַר־ברייטערן. מען האָט געבויט אַפילו נייע געגנטן פון ביידע זייטן פון דער

אַלענבי גאַס, ביים יפו טויער, לעבן די באַן רעלסן און לעבן ים. מען האָט געבויט א סך נייע הייזער אויף די פאַראַדנע גאַסן. מען האָט שוין דאַן גע־קענט זען, אַז תל אביב קלייבט זיך צו ווערן אַ גרויסע שטאָט, א גרויסער יידישער צענטער און אַ גרויסע צאָל פון ייִדישע אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט ביי דער בוי אַרבעט. אויף מיר האָט געמאכט אַ אויסערגע־וויינלעכן שטאַרקן איינדרוק, ווען אויף איינער פון מיינע עקסקורסיעס אי־בער תל אביב, האָב איך געזען א גרופע יידן בויען פאַר זיך הייזער און שטאַלן, אין דעם ערך א צוואנציק הייזער. יידן — טיפּישע שווערע אַר־בעטער. זיי האָבן אָפּגעקויפט פון דער שטאָט א שטיקל לאנד צו בויען פאַר זיך אַ באַזונדער קוואַרטאַל. איך האָב זיך מיט זיי פאַראנדערגערעדט. דאָס זענען יידן פון די קליינע פּוילישע שטעטלעך. זענען געקומען אהער מיט זייערע פרויען און קינדער. אין דער היים זענען זיי געווען סטאָלאַרעס, מו־לאַרעס, גלעזער. זענען שוין אין ארץ ישראל באַלד צוויי יאָר. האָבן פאַר דער צייט פאַרהעלטניסמעסיק נישט שלעכט פאַרדינט, געקליבן א פיאַס־טער צו אַ פיאַסטער און ווען זיי האָבן אָרגאַניזירט זייער חברה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן גענוג געלט אויף בויען פאַר זיך קליינע הייזער און שטאַלן פאַר בהמות. זייער פּלאַן איז געווען, אַז זיי זאָלן פאַרזעצן זייער אַרבעט ביי בויען הייזער און אַז זייערע פרויען און עלטערע קינדער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט מילך ווירטשאַפט. אויף דערויף האָבן זיי געקויפט שוין עטלעכע בהמות און זייערע פרויען און קינדער זענען געוואָרן פאַסטו־כער, מעלקער און פאַרקויפער פון מילך. אינטערעסאנט איז, אַז זיי זענען נישט קיין ציוניסטן, נישט געלייענט אין זייערע היימען קיין ציוניסטישע ליטעראַטור און האָבן זיך אין אַלגעמיין מיט אידעען נישט באַשעפטיקט, און האָבן נישט געוווסט, וואָס דאָס מיינט. פשוטע הארעפּאשנע יידן. ווען איך האָב זיי געפרעגט, צי זיי זענען צופרידן פון זייער ניי לעבן, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן פאַרלאָזן פּוילן, ווייל זיי האָבן דאָרט נישט געהאט וואָס צו טאָן. זיי האָבן דאָרט געפּעכנעט פון הונגער און דאָ האָבן זיי שוין זיך אביסל אַרויפגעאַרבעט און דאנקען גאָט דערפאַר און לעבן מיט האָפענונג, אַז ס׳גייט צו בעסער. זיי פאַרדריסט שוין גאָרנישט, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן די אנטיסעמיטישע פּוילן...

די יוגנט זייערע איז שוין אויך אביסל אַקלימאַטיזירט, געוואָרן אביסל דער, חברן זיך מיט די חלוצים און ווייזן ארויס אן אינטערעס צו דער בוי־אונגס אַרבעט...

עס איז מאָדנע: איך האָב דאָך אין מיינע רייזעס אַזוי פיל לענדער ארץ ישראלדיק. רעדן שוין אביסל העברעיש, זינגען ארץ ישראלדיקע לי־

באַזוכט, אין אַזוי פיל שטעט געווען און אין די אַלע שטעט, האָב איך זיך געפילט פרעמד געמוזט זיך האַלטן מיט אַן איבערגעטריבענער איידלקייט. מורא געהאַט הויך צו רעדן, מורא געהאַט אימיצן אָנצוטרעטן. דאָס לאַנד, די שטאָט, די גאַסן, די מענטשן, די שפּראַך — אַלץ איז מיר געווען פרעמד, אומפאַרשטענדלעך. און פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָרט זיך געפילט אויפן העכסטן גראַד אומהיימיש. און דאָ, גלייך ווי איך בין געקומען אין תל אביב, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז איך בין דאָ נישט אין קיין פרעמדע שטאָט נאָר אין מיין שטאָט, נישט אין א פרעמד לאַנד, נאָר אין מיין לאַנד. צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דערפילט היימיש; נאָך לאַנגע וואַנדערונגען בין איך געקומען צוריק אַהיים. און דאָס איז פאַר אַ יידן אַן אויסערגעוויינלעך גוטער געפיל. מיר איז וואַרימער געוואָרן, איך בין אַלס ייד אויסגעוואַקסן געוואָרן אין מיינע אייגענע אויגן, איך בין שטאָלצער געוואָרן. כאָטש מיטן שכל האָב איך געוווּסט, אַז ארץ ישראל איז נאָך נישט אונדזערס, אַז ס'וועלן נאָך א סך יאָרן קומען פול מיט אַרבעט, פּיין, יסורים, האַרצווייטיק, בלוט און טרערן, ביז וואַנען מיר וועלן קענען זאָגן מיט א פולן מויל אַז ארץ ישראל איז אונדזערס. דאָך מיטן געפיל און מיט אַ נייער ערשט דערוואָרבענער פּסיכאָלאָגיע ווייסטו, אַז ארץ ישראל איז אונדזער לאַנד, אַז די שטעט, דערפער, שטעטלעך, טייכן, בערג, אָזערעס, די פאַרטן און אַלץ אַרום און ארום זענען אונדזערס. נאָך שטאַרקער איז דער געפיל נאָך דעם, ווי מען האָט א לענגערע צייט פאַרבראַכט אין תל אביב.

אַלץ אין לאַנד אינטערעסירט אונדז אויפן העכסטן גראַד. יידן האָבן געקויפט בהמות, יידן בויען הייזער, יידן פאַרפלאַנצן גערטנער, עס קומען אָן נייע פּאַרטיעס יידן פון גלות, די און די קאָלאָניע איז אַ בליענדע און א נייע קאָלאָניע בויט זיך, עס זענען אַרויף אויף לאַנד אַזוי פיל און אַזוי פיל יונגע לאַנדאַרבעטער, עס האָט זיך געעפנט אַ נייע פאַבריק — דער ישוב האָט גרויס פרייד פון דעם. פאַרקערט האָט אַ ייד געליטן א נידערלאַגע אין זיינע עקספּערימענטן, עס קומען ווייניק יידן אין לאַנד, אין א קאָלאָניע איז די לאַגע אַ קאַטאַסטראָפאַלע, די רעגירונג שטערט אין דער אַרבעט, אַ פאַבריק האָט זיך צוגעמאַכט — געפינט דאָס אַלץ אַ טיפן מיטלייד אינם יידישן ישוב.

איך שפּאַציר איבער תל אביב און פיל, אַז די שטאָט איז מיר אַזוי היימיש, ווי מיין געבורטס שטאָט. מיר דוכט זיך אַז איך האָב דאָ אַמאָל געוווינט און אַלץ איז מיר באַקאַנט. איך אינטערעסיר מיך אויך מיט די נייעס פון שטאָט. א נייע גאַס ווערט געשניטן, גיי איך דאָס זען, נייע הייזער בויען

זיך, מוז איך זען ווי זיי וואקסן אין דער הויך. עס בויט זיך אַ נייער קוואַר־טאַל דאַרף איך גיין זען יעדן טאָג ווו עס האלט מיט דער אַרבעט. אַ מאָ־דערנע וועשעריי האָט עפּעס אן אַמעריקאנער ייד געעפנט, לויף איך מיט מיינע וועש אין דער נייער „לאַנדרי״ און דער אייגנטימער איז זייער צופרידן מיט מיר: אויך אן אַמעריקאנער — אַ לאַנדסמאַן.

אויפן דריטן טאָג פון מיין זיין אין תל אביב, גיי איך זען די דירה, וואָס מען רעקאָמענדירט מיר אין תימנער געגנט. איך קריך טיף אין זאמד, און הויב נישט אָן צו וויסן, ווי אַזוי מען דערפרעגט זיך אויף מיין קומענדן לענדלאָרד מאַשא, דעם תימנער. איך בין פאַרמאַטערט, פאַרשוויצט, די וועש אויף מיר איז נאס — אויסצודרייען. עס קומט אָן קעגן מיר א גראָבער ייד מיט א גוטמוטיקן שמייכל, גיט אויף מיר א קוק, באגריסט זיך — שלום, גיט נאָך א קוק און זיין פּנים ווערט מיט אמאָל באלויכטן:

— מישקאָווסקי, ווי קומט איר אַהער? איר זייט שוין דאָ לאַנג?

איך האָב אים דערקענט בלויז פון זיין שטים.

— סעניצקי! — שריי איך מיט פרייד אויס. ווער וואָלט דאָס גע־טראַכט, אַז מיר וועלן זיך אמאָל טרעפן גאָר אין ארץ ישראל?...

מיר זענען פאַר יאָרן געווען גוטע פריינד אין וואַרשע, ווו ער האָט געאַרבעט פאַר וויסאָצקעס טיי פירמע. אַליין איז ער אַ באַראַנאָוויטשער און געווען זייער אַ ווילער יונגערמאַן, וואָס האָט זייער ליב געהאָט ביכער.

איך דערצייל אים פון מיין קומען. ער דערציילט מיר פון זיינע וואַנ־דערונגען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און פון זיין קומען אהער. ער האָט דאָ א שפּייז קראָם. האָט דאָ א פרוי מיט צוויי קינדער. גראָדע קען איך אויך זיין פרוי — מאיר דעם פאָטשטערס טאָכטער פון וואַרשע.

מיט אמאָל גיט ער א געשריי אין דער ריכטונג פון א שיינער ווייסער הויז אנטקעגן. בערמאַן, בערמאַן, זע וואָס פאַרא גאסט מיר האָבן דאָ. בער־מאַנען האָב איך אויך גוט געקענט פון וואַרשע, ווו ער איז געווען א סטו־דענט פון פּאָליטעכניקום. ער איז אויך א באַראַנאָוויטשער. געווען זייער קלוג, פלעגט זייער לאָגיש דיסקוטירן. און דאָ איז ער דער אינזשיניער־אַר־כיטעקט ביי דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט „הבונה״ — ער מאכט דאָס די פּלאַנען פון די הייזער, הויפן, געגנטן און פירט זיי דורך מיט דער הילף פון אַרבעטער. בערמאַן לויפט אַרויס פון הויז און דערקענט מיך גלייך, פאַלט מיר ארויף אויפן האלדז און מיר צעקושן זיך הארציק. לאַדט מיך איין צו זיך אין הויז. מיר קומען אריין. איך געפין דאָרטן א זעקס בחורים — זיינע לאַנדסלייט, אַרבעטער. דער טרינקט טיי, דער עסט ברויט מיט האָניק, א דריטער לייענט א בריוו פון באַראַנאָוויטש און אַלע הערן זיך צו.

בערמאַן באַקאַנט מיך מיט זיין שיינער קלוגער פרוי, וויזט מיר זיינע צוויי קינדער. עס עפנט זיך די טיר, עס קומט אַריין אַ גאַסט און איך דערקען אים גלייך — שליאַמאָוויטש, דער לערער פון באַראַנאָוויטש, א לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט. ער האָט געהאַט אַ בוך געשעפט אין בראַנזוויל אַ לאַנגע צייט, אויסגעמאַכט גאָר נישט שלעכט. מיט אמאָל האָט זיך ביי אים דער קאָפּ פאַרדרייט און ער האָט איבערגעלאָזן דעם געשעפט, זיין פרוי און בינדער. לעבט איינזאַם אין אַ צימער, פאַרדינט קוים, קוים אויף דאָס בוי־קינדער און איז אוועקגעפאָרן אין ארץ ישראל, ווו ער איז געוואָרן אן איינ־טיקסטע און קאָכט אַליין זיינע וועגעטארישע מאכלים. נאָר ער איז גליק־לעך. ער האָט דאָ אין לאנד געטראָפן א סך פון זיינע אמאָליקע תלמידים און זיי זענען כמעט אַלע אַרבעטער — פאַרדינען כשר זייער ברויט. און בער־מאַן איז אויך זיינער אן אמאָליקער תלמיד און ער קומט אהער אָפט אריין. די פרוי בערמאַן דערלאַנגט צום טיש. איך האָב פאַרגעסן פון מיין מאַשאַן, סעניצקי אָן זיין קרעמל, שלאמאָוויטש אָן זיין „מאַסטערסקאַיע”, בערמאַן אָן זיינע פלענער און די באַראַנאָוויטשער חלוצים אָן זייער גוצלעכער בוי אַרבעט. מען עסט, מען פאַרטרינקט, מען דערציילט פון ארץ ישראלדיקן לעבן. נאָך אונדזער מאַלצייט זענען אַלע געגאַנגען אָנקוקן מיין דירה, וועל־כע איך וויל דינגען, אָפּגעמאַכט מיטן תימנער וויפל איך זאָל צאָלן א חודש, און אַ באַדינג האָט ער מיר געשטעלט — איך זאָל נישט מחלל שבת זיין בפרהסיא. איך זאָג דאָס אים צו מיטן באדינג, אַז שבת זאָל ער צו מיר נישט אַריינקומען. איך האָב אים באַצאָלט פאַרן ערשטן חודש און דער גע־שעפט איז געשלאָסן געוואָרן. און די באַראַנאָוויטשער זענען זייער צופרידן געווען, איך האָב גענומען א דירה לעבן זייער „צענטראַל קאָמיטעט” — אינזשיניער בערמאַנס הויז... און אין דעם זעלביקן טאָג האָבן מיר און די קאַצעס זיך אהין אַריבערגעצויגן. מען קען נישט זאָגן, אַז אונדז איז גע־ווען באַקוועם צו שלאָפן זאַלבע פינפט אין איין צימער, אָבער ביי די אומ־שטענדן האָבן מיר געמוזט זיין צופרידן.

און אָט אַזוי בין איך געוואָרן א תל אביבער איינוווינער, אן ארץ ישראלדיקער בירגער.

קאַפּיטל 42

איך ווער אַ שומר

נישט לאַנג האָב איך געשריבן האַנדלס בריוו — אין גאַנצן אייניקע וואָכן. און איך האָב געמוזט זוכן אַן אַנדער אַרבעט. וועגן אַרבעטן אויף די פעלדער האָב איך אַפילו טראַכטן נישט געקענט. ערשטנס זענען געווען אויף דעם טויזנטער קאַנדידאַטן פון די פריערדיקע און ערשט אָנגעקו־מענע חלוצים, אויף וועלכע עס איז געווען אַ גרויס רחמנות. מען האָט זיי געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז אָט אָט וועט מען זיי אַרויסשיקן אין די קאָ־לאָניעס אַרבעטן אָדער אַז אין גיכן וועט מען גרינדן אַ נייע אַרבעטער קאָלאָניע און מען וועט זיי אהין שיקן און דערווייל זענען זיי שוין אומגע־גאַנגען פוסט און פּאַס, שלאָפנדיק אין די קהלשע ביידלעך און עסנדיק פון קהלשן טיש, וואָס איז געווען פאַר די יונגע ענערגישע חלוצים ערגער ווי דער טויט, צווייטנס האָב איך מיך געפונען ביי מיינע 43 יאָר נישט פּאַ־סיק פאַר אַזאַ אַרבעט. האָב איך זיך געווענדט צו מיין גוטן פריינד דעם אינזשיניער בערמאַן, וועלכער האָט מיך גלייך געמאַכט פאַר אַ שומר אין די שכונות, וואָס ער בויט. דעמאָלסט איז דאָס געווען אַ געפערלעכע אַרבעט. עס איז געווען נישט לאַנג נאָכן אָנפאַל פון די אַראַבער. די באַפעלקערונג איז געווען איינגעטיילט אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן די אַראַבער האָבן גע־זוכט וואָס מער שעדיקן די יידישע אויפבוי אַרבעט. און פון צייט צו צייט פלעגן פאַרקומען אינצידענטן. בערמאַן האָט מיך טאַקע געפרעגט צי איך אַ גאַנצע נאַכט דעם בוי אינוועטאַר פלעג איך קריגן פינף און צוואַנציק פּיאַסטער. פאַר אַ וואָך האָב איך געקראָגן קאַרגע צוויי פונט און איך האָב האָב שטאַרקע נערוון און צי בין איך נישט קיין שרעקעדיקער. פאַר היטן געקענט ווי עס איז אויסקומען. היטן האָב איך געמוזט פון זעקס אָונט ביז אין דער פרי. מיין ערשטער פּלאַץ צו היטן איז געווען ביים גרעניץ פון תל אביב און יפו, טאַקע ביים וועג. דאָרטן האָט מען געבויט אַ צען פּופצן הייזער. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען פאַרוואָרפן מיט זעק, וואַפנע, מיט ציגל, שטיינער, ברושעס, אייזנס, ברעטער און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געטאָרט אַראָפּנעמען די אויגן פון דעם אַלץ. און די נעכט האָבן זיך

געצויגן ווי דער יידישער גלות. אנטקעגן דער שכונה איבערן וועג איז גע־וואָרן אַן אַראַבישע קאַפע הויז. כמעט אַ גאַנצע נאַכט איז זי געווען אָפן און די אַריינגייער זענען געווען פון דעם נידעריקסטן טיפּ אַראַבער. האָב איך געדאַרפט היטן נישט נאָר דאָס אייגנטום פון מיינע באַלעבאַטים, נאָר אויך האַלטן גאַנצע נאַכט אַן אויג אויף דער קאַפע הויז. דאָך האָב איך גע־היט דעם פּלאַץ גאַנצע פיר חדשים אָן קיין שום אינצידענטן. איך האָב זיך דאָרט בלויז איינמאָל איבערגעשראָקן, אָבער עס איז דורכגעגאַנגען גלאַט. אַ זייגער דריי אין מיטן נאַכט זענען צוגעפאָרן זעקס אַראַבער, און זיך אָפּ־געשטעלט לעבן מיין פּלאַץ. זענען אַראָפּ פון דער קאַרעטע און אַלע האָבן געקוקט אויף מיר. זיי זענען געשטאַנען אפשר אַ פופצן מינוט, אָבער ניט מער פון צוואַנציק מינוט און מיר האָבן די צוואַנציק מינוט אויסגעצויגן זיך פאַר אַן אייביקייט. איך האָב דאָס ניט געקענט איבערטראָגן און איך האָב באַשלאָסן צו גיין אַנטקעגן זיי. אַ רעוואָלווער האָב איך געהאַט אין קע־שענע. צי זיי האָבן געהאַט עפּעס געווער, האָב איך נישט געוווסט. איך האָב אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע און גענומען גיין אין דער ריכטונג צו זיי. מיר האָבן זיך בייז אָנגעקוקט. זיי האָבן עפּעס געזאָגט איינע צו די אַנ־דערע, זיך אַלע אַריינגעזעצט צוריק אין דער קאַרעטע און זענען גיך פאַר־שוווּנדן. אין אַ שעה שפּעטער איז געקומען דער יידישער פּאָליציסט, גע־שטעלט מיר אין העברעיש די געוויינלעכע פראַגע: „וואָס הערט זיך? ס'איז רויק?" איך האָב אים דערציילט וועגן די זעקס אַראַבער. ער האָט זיך פו־נאַנדערגעלאַכט, זיך געזעגנט מיטן געוויינלעכן „שלום" און איז אַוועק־געריטן ווייטער.

די הייזער זענען פאַרענדיקט געוואָרן און מען האָט מיר געגעבן אַ נייעם פּלאַץ צו היטן, דאָס מאָל אויף דער הויפּטגאַס — אויף אַלענבי. מיין קאָמפּאַניע האָט דאָרט צום סוף גאַס געבויט אַ נייעם געגנט. דאָ איז מיר שוין געווען אַ סך היימלעכער און אויסער דעם האָב איך דאָרט געהאַט אָפטע געסט, וועלכע זיינען געקומען מיר קירצן די צייט, אַז די נעכט זאָלן זיך אַזוי נישט ציען. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די פרוי לעווי, וועלכע האָט געוווינט לעבן מיין פּלאַץ, ווו איך האָב געאַרבעט. זי פלעגט אָפט קומען צו מיין פּלאַץ, ווו איך פלעג זיצן מיט גוטע זאַכן פון שטוב, און בעטן מיר, איך זאָל איר דערציילן פון מיינע רייזעס. אַליין איז זי געווען אַ העכסט אינטעליגענטע יידישע פרוי פון דייטשלאַנד. האָט זיך אַלע מאָל געגריבלט אין וויסנשאַפטלעכע ביכער. די לעצטע יאָרן, נאָך זייענדיק אין דייטש־לאַנד, האָט זי אָנגעשריבן צוויי וויכטיקע ביכער, אונטער איר מיידלשן פאַ־מיליע־נאָמען שטראַסע. איין בוך וועגן קינדער־דערציונג אין די וועלדער

און איין בוך וועגן די רוסישע פרויען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. וואָס זאָל איך לייקענען, איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון אירע וויזיטן. זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע פּערזענ־לעכקייט. זי האָט חתונה געהאַט פאַרן אינזשעניער־אַרכיטעקט לעווי, וועל־כער האָט געאַרבעט פאַר אַ יידיש־דייטשישער בוי־געזעלשאַפט. און ער איז טאַקע געווען אַ שווערער אַרבעטער. אָפט פלעג איך זען פייער אין זיין אַרעבטס־צימער פאַר גאַנצע נעכט און אים ביי די פּאַפּירן, אַרבעטנדיק ביי זיינע פּלאַנען.

אין יענע חדשים איז געווען כמעט אַ דזשענטלמען־אָפּמאַך צווישן די יידן און די אַראַבער, מען זאָל דורך דער נאַכט נישט גיין אויף פרעמדער טעריטאָריע. די יידן זענען נישט זיכער געווען מיטן לעבן ביינאַכט אין יפו, דאָס זעלבע זענען אַראַבער נישט זיכער געווען ביינאַכט אין תל־אביב. און איינמאָל זיץ איך מיט איר און דערצייל איר מעשיות פון מיין זיין אין וולאַדיוואָסטאָק. ערשט מיט אַמאָל כ'דערהער אַ פייף פון ים־ברעג. כ'לאָז זיך לויפן אַהין. אַז איך בין שוין געווען לעבן ים, האָב איך דערהערט אַ צווייטן פייף. דורך דער ליכטיקער נאַכט האָב איך דערזען אויף אַ זאַמד־באַרג דריי פיגורן. איך לויף צו זיי און פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ מאָדנער בילד. מיין שכנותדיקער שומר יצחקי, וועלכער שטאַמט פון די קאַווקאַזער יידן, שטייט מיט אַ רעוואָלווער אָנגעשטעלט קעגן צוויי אַראַ־בער, וועלכע שטייען מיט אויפגעהויבענע הענט פאַר אים אין טויט־שרעק. ער בעט מיך זיי באַזוכן און איך געפין ביי איינעם אַ רעוואָלווער. איך נעם צו דאָס געווער און מיין, אַז מיט דעם איז דער אינצידענט פאַרענדיקט. אָ־בער עס הויבט זיך נישט אָן. ער זאָגט מיר, אַז מען דאַרף זיי אַוועקלייגן און באַגראָבן דאָ אין די זאַמדן. איך פּראָטעסטיר ענערגיש און כדי מאַכן מיין פּראָטעסט נאָך שטאַרקער, זאָג איך אים, אַז אויב ער וועט דאָס טאָן, וועל איך אויף אים מסרן זיין אַן עדות. אַזוי ווי מיר קריגן זיך, ערשט מיר באַמערקן, אַז עס לויפן אַ סך יידן פון די געצעלטן אויף די זאַמדן נישט ווייט פון ים. זיי האָבן דערהערט דעם פייף און פון די בעטן זענען זיי גע־לאָפן גלייך צום ים־ברעג. און די אַראַבער שטייען נאָך אַלץ מיט גע־הויבענע הענט. אין גיכן איז אָנגעקומען די יידישע פּאָליציי און האָבן זיי אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין יפו. און מיר, דיביידע שומרים, זענען אַוועק צו אונדזערע פּלעצער.

אין דער קומענדיקער נאַכט, אַרום דריי אַזייגער, איז ער געקומען צו מיר אויסטענהן זיך מיט מיר, פאַרוואָס מיר האָבן נישט אַוועקגעלייגט די צוויי אַראַבער, וועלכע האָבן געהאַט די העזה צו גיין איבער די יידישע תל־

אביבער זאַמדן אין מיטן נאַכט, און ער איז איבערצייגט, אַז זיי האָבן געהאַט שלעכטע געדאַנקען, ווייל, צוואָס האָט איינער פון זיי געטראָגן אַ רעוואָל־ווער אין קעשענע?!

איך פון מיין זייט דערקלער אים, אַז הרגענען אימיצן איז דער גרעסטער פאַרברעכן, נאָך מער, ווען ער האָט זיי נישט געכאַפּט פאַר דערהאַנט, און צווייטנס דאַרפן מיר יידן נישט זיין די יעניקע, וואָס הרגענען אַראַבער. דריטנס, אויב מירן אָננעמען די טאַקטיק פון דערהרגענען, וועלן מיר פאַר־שפּילן, ווייל מיר זענען אין אַן אומבאַדייטנדער מינדערהייט אין לאַנד. ביי אַזאַ טאַקטיק קען מען אונדז אויסשעכטן ווי קעלבער אין שלאַכט־הויז.

נאָר ער איז פאַר קיין פאַל נישט געווען איינשטימיק מיט מיר. לויט זיין מיינונג דאַרפן מיר אויסהרגענען די אַלע אַראַבער, וועלכע שטערן אונדז אין דעראָבערן דאָס לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן איינע די אַנדערע נישט געקענט איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון אונדזערע מיינונגען.

און איינמאָל האָב איך אַליין געהאַט אַן ענלעכן פאַל. איך האָב שוין דאַן געוווינט אין יפו און געאַרבעט אין תל־אביב. די יידן און די אַראַבער האָבן זיך נאָך אַלץ נישט איינגערויקט. אין אָוונט בין איך געווען ביי רעוווצקען, ביי וועמען איך האָב פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. אַזייגער עלף האָב איך גע־דאַרפט גיין אַהיים. רעוווצקי האָט מיך נישט געלאָזן גיין אין אַזאַ שפּעטער שעה אין יפו — ס'איז צו געפערלעך. איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, אַז איך מוז גיין. איך קען נישט איבערלאָזן אין יפו רבקהן מיטן קינד. אויסער דעם, וועט רבקה זיין זייער אומרויק וועגן מיר, וואָס איך קום נישט. רע־ווצקי האָט מיך אַביסל באַגלייט, באַוויזן מיר אַ ווייניקער געפערלעכן וועג. מיר האָבן זיך צעזעגנט און איך בין אַוועק קיין יפו. געוווסט האָב איך, אַז שטאַרק היטן זיך, דאַרף איך לעבן דער אַראַבישער קאַפעטעריע ביים אַנהויב פון יפו. נישט דערגייענדיק אפילו צו דער קאַפעטעריע קומען מיר אַן אַנטקעגן צוויי הויכע אַראַבער און הויבן אָן רעדן צו מיר, בעטנדיק אַ פּאַפּיראָס כלומרשט. אינסטינקטיוו האָב איך אַרויסגעכאַפּט מיין רעוואָל־ווער פון קעשענע און אָנגעהויבן אויף זיי שרייען אין ענגליש. דאָס האָט אויף זיי שטאַרק געווירקט און זיי האָבן אָפּגעצויגן. ביי דער קאַפעטעריע האָב איך זיך גוט געהיט. געהאַלטן די גאַנצע צייט די אויגן אויף הינטן. זיי זענען פייגלינגעס: פאַלן אַן אַלע מאָל פון הינטן און אומדערוואַרטעט.

אין דער היים האָב איך רבקהן פון דעם גאָרנישט דערציילט, זיך גלייך אויסגעטאָן, זיך געלייגט שלאָפן. אָבער פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן, כ'בין געווען שטאַרק נערוויאיש...

און טאַקע אין אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך געווען אין יפו. געדאַרפט

עפּעס דערלײדיקן אין דער פּאָליצײַ. געװען דאָרטן, באַזאָרגט װאָס איך האָב באַדאַרפט און זיך געלאָזן גײן אין תּל־אָביב. מיט אַמאָל האָב איך דערזען אַ גרױסן געלאַף. דערנאָך האָב איך באַמערקט, אַז די אַלע װאָס לױפן זענען אַראַבער. אױך האָב איך דערזען, אַז די אַראַבישע קראָמען פאַרמאַכן זיך. מען לױפט רײַטנדיק אױף פערד, אױף אײזלען, אױף קאַרעטעס, בריטשקעס. איך װיל דערגײן, װאָס איז פאָרגעקומען, נאָר גײ פרעג, אַז אַלע לױפן. איך גײ צו צו אַ פּאָליציסט און פרעג אים װאָס איז פאָרגעקומען, ענטפערט ער מיר, אַז אַן אַראַבער האָט ערשט דערהרגעט אַ ײדישן שוסטער אין יפו. בײדע האָבן מורא פאַר אַ פּאָגראָם: אי די אַראַבער אי די ײדן. און מאָדנע: איך בין געלאָפן און פאַרגעזעצט מײַן גאַנג צו תּל־אָביב. שױן בײַם טױער פון תּל־אָביב האָב איך דערזען מאַסן ײדן, װאָס זענען געשטאַנען בײַ דער תּל־אָביבער זײַט און מאַסן אַראַבער בײַ דער יפוער זײַט. פאַרשטײט זיך, אַז איך בין צוגעשטאַנען צום ײדישן צד. אַזױ זענען זײ געשטאַנען אײנע קעגן די אַנדערע אין אַ העכסט אָנגעשטרענגטן צושטאַנד, העכער אַ שעה צײַט. דער אַראַבישער צד האָט אָנגעהױבן פאַרלאָזן זײַנע פּאָזיציעס און װען די אַראַבער זענען זיך צעגאַנגען, האָבן אױך די ײדן אָנגעהױבן פאַר־לאָזן דעם טױער און זענען אַװעק צוריק אין תּל־אָביב.

קאַפּיטל 43

מיר גרינדן די לינקע פּועלי-ציון-פּאַרטיי אין ארץ-ישראל

מיט אַ יאָר פריער, ווען איך בין נאָך געווען אין מאַנדזשוריע, איז אין ווין, אין 1920, פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון וועלט-פאַרבאַנד פּועלי-ציון און אויף יענער קאָנפערענץ האָט זיך אונדזער באַוועגונג צעשפּאָלטן אין צוויי טיילן: די מערהייט איז אַוועק מיט די לינקע פּועלי-ציון און די מינדערהייט האָט פאַרלאָזן די וועלט-קאָנפערענץ און געגרינדעט די רעכטע פּועלי-ציון לאַנדס-פּאַרטייען. מיר, אין כאַרבין, האָבן אַ לאַנגע צייט פון דעם נישט געוווּסט. דאָך, אינסטינקטיוו, און אין אַנבאַטראַכט, וואָס אַלץ אין דער וועלט האָט זיך אונטערן דרוק פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און פון דער רוסישער רעוואָלוציע אַזוי ראַדיקאַל געענדערט, און זעענדיק אין פאָרויס דעם מאַרש פון סאָציאַליסטישן צוזאַמענלעבן איבער דער גאַנצער וועלט, זענען מיר אין כאַרבין און אויפן ווייטן מזרח געווען, אויב נישט קיין פולבלוטיקע קאָמוניסטן, דאָך לינקע סאָציאַליסטן, און האָבן מיטגעאַרבעט מיט די קאָמוניסטן, קעמפנדיק אין דער זעלביקער צייט פאַר אונדזערע פּועלי-ציוניסטישע אידעאַלן, און אַלס אַזעלכער בין איך געקומען אין ארץ-ישראל.

גלייך ווי איך בין געקומען, האָב איך אָנגעהויבן זוכן דעם לאָקאַל פון מיין פּאַרטיי, מיינע ארץ-ישראלדיקע חברים, און איך האָב קיינעם נישט געפונען. פון איינעם האָב איך יאָ געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין ארץ-ישראל. דאָס איז געווען רעוווּצקי, נאָר ער איז דאַן געזעסן אין דער ירושלימער טורמע פאַר זיין בראָשור „פון באַלפור ביז סעמועלס". אין גיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון מיין פּאַרטיי איז כמעט קיינער נישט פאַרבליבן. קורץ פאַר מיין קומען איז געווען אין ארץ-ישראל אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אָרגאַניזאַציעס. און דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שוידערלעכער פּיאַסקאָ: כמעט אַלע אַקטיווע חברים זענען אַוועק צו די קאָמוניסטן. עס זענען פאַרבליבן מיט אונדז בלויז איינצלנע, וועלכע זענען געווען אַזוי דערשלאָגן פון דעם צוזאַמענפאָר, אַז די הענט האָבן זיך ביי זיי נישט געהויבן, עפּעס אָנהויבן צו טאָן. לאַנג האָב איך געטראַכט וועגן דער לאַגע

און געקומען צום שלום, אַז ס׳איז אומגעלעך, אַז אין ארץ־ישראל זאָל אונדזער פּאַרטיי נישט עקזיסטירן, אַז מען מוז גרינדן אונדזער פּאַרטיי אויף דאָס נײַ.

דערווײַל פּלעג איך אָפּט אַרײַנקומען צו די אחדות העבודה און הפּועל הצעיר. די ערשטע איז געווען סאָציאַליסטיש און שטאַרק נאַציאָנאַל, די צווייטע איז געווען אַרכי־נאַציאָנאַליסטיש, ארץ־ישראלדיק פּראָגרעסיוו, פּאַלקסטימלעך. פאַרשטייט זיך, אַז די בײדע פּאַרטייען האָבן צו מיר נישט אַפּעלירט. איך געדענק מײַן ערשטן וויזיט אין אחדות העבודה. די תל־אביבער סעקרעטאַרין, דוכט זיך אַ קיעווערין, אויף מײַן ערשטער ווענדונג צו איר אין יידיש, האָט מיר אויסגערעדט פּאַרוואָס איך רעד נישט אין העברעיש. דאָס האָט אויף מיר אַ שווידערלעכן אײַנדרוק געמאַכט. איך האָב זיך באַקאַנט מיט זייער ליטעראַטור און פאַרשײַנענע אויסגאַבעס און זיי האָבן אויף מיר נישט געווירקט, זייער ענלעך צו די אויסגאַבעס פון די רעכטע פּועלי־ציון אין אַמעריקע... דאָך האָב איך זיך שטאַרק פּאַראינטערעסירט מיט דער אחדות העבודה. איך האָב געלייענט אַלע זייערע אויסגאַבן, איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער פאַרצווייגטער לאָקאַלער טעטיקייט און זי איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן; ספּעציעל האָט זי ביי מיר אויסגענומען מיט איר אידעאַלער פּראַקטישער טעטיקייט, אין וועלכער דער נײַ־אָנגעקומענער יידישער אַרבעטער האָט זיך שטאַרק גענויטיקט, ווי ביוראָס פאַר אַרבעט, מעדיצינישע הילף, קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן פון אַרבעטער, לײַ־קאַסעס.

און גראַדע אין יענער צײַט האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם גאַסט — די פרוי פון דעם באַקאַנטן אין אַמעריקע סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט און קאָאָפּעראַטאָר יאָשע סעקאַדער, וועלכער איז געווען מײַן אינטימער פרײַנד פון ניו־יאָרק און סאַן פראַנציסקאָ, ווו ער האָט באַזוכט דעם בוירקלער או־ניווערסיטעט. מיט זײַן פרוי סיידי האָב איך זיך ערשט באַקאַנט אין קאַ־ליפאָרניע. אין 1917 האָבן זיי פאַרלאָזן אַמעריקע, זענען געקומען קיין רוס־לאַנד, ווו זיי זענען געוואָרן פאַרברענטע קאָמוניסטן, און דער ערשט גע־גרינדעטער קאָמינטערן האָט זיי געשיקט אין ארץ־ישראל און אויפן נאָענטן מזרח פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. פאַרשטייט זיך, לויט דער דאַמאָלסטיקער שטעלונג פון קאָמינטערן, איז זייער שטעלונג געווען אַ פּראָ־אַראַבישע, אַן אַנטי־יידישע און שאַרף אַנטי־ציוניסטישע. אין ארץ־ישראל האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט די מאָפּסן (אָרטיקע קאָמוניסטן), וועלכע האָבן געקעמפט פאַר די אַלע ארץ־ישראל־אײַנשטעלונגען פון קאָמינטערן. איך האָב דאָס באַטראַכט פאַרן שענדלעכסטן פאַראַט קעגן די אינטערעסן פון

יידישן פאָלק און יידישער אַרבעטערשאַפט פון דער וועלט און געווען זיי־ערער אַ ביטערער קעגנער. אין דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון 1921 האָבן זיי אַ טיכטיקן אָנטייל גענומען. נאָר די דעמאָנסטראַציע איז מיאוס דורכגעפאַלן און סעקאָדער איז גלייך אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל און זיין פרוי האָט מען אַרעסטירט. דער מאָפּס האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצע פירער־שאַפט און די אָרגאַניזאַציע איז צעפאַלן געוואָרן. און זי איז געקומען צו מיר גלייך פון טורמע, אין דער באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע סאָלדאַטן און איינעם אַ קאָמוניסט, דוכט זיך זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען ראָזענ־בערג, מיטן פאָרשלאַג — איך זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון מאָפּס. די סאָלדאַטן זענען נישט אַריין אין הויז, נאָר זענען פאַרבליבן ביי מיין טיר, אַזוי, אַז מיר האָבן געקענט פריי רעדן. איר נאַרישער און אומגעלומפּערטער פאָרשלאַג האָט מיר אויף אַזוי פיל אויפגערעגט, אַז איך האָב איר אָנגעזידלט און געהייסן פאַרלאָזן מיין הויז.

דאָס לאַנג דערוואַרטעטע איז צום סוף געקומען: חבר רעוווצקי איז באַפרייט געוואָרן. פאַר מיר איז דאָס געווען שוין גאָר אַ גרויסע פרייד. איך האָב גלייך אויסגעפונען, ווו ער וווינט און בין טאַקע גלייך אַוועק צו אים. צו מיין גרויס פרייד איז צוגעקומען דער פאַקט, וואָס ער האָט גע־ווּוסט פון מיר.

— זייט איר דאָס געווען דער ראַטמאַן אין דער יידישער קהילה אין כאַרבין, מאַנדזשוריע און דער גרינדער פון דער ווייט־מזרחדיקער פאַרטיי פּועלי־ציון? — האָט ער מיר גלייך געפרעגט, ווען איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט.

— יאָ, — האָב איך אים קורץ געענטפערט. און אונדזער חברשאַפט איז מיט דעם פאַרפעסטיקט געוואָרן. און איך בין גלייך צוגעטראָטן צום עסק, וועגן גרינדן דאָ אַ פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע.

— עס האָט נישט קיין זין — האָב איך אים געזאָגט — אַז אין ארץ־ישראל, אין לאַנד פון אונדזערע טרוימען, אין לאַנד, ווו עס הויבט זיך אָן צו בויען אַ יידיש לעבן, אין לאַנד אויף וועלכן מיר לייגן אונדזערע גרעסטע באַפרייונגס־האָפנונגען, אין לאַנד, ווו מיר שטרעבן צו שאַפן אונדזער יידישן צענטער, זאָל זיך נישט געפינען קיין פּועלי־ציון־פאַרטיי. עס ליגט אויף אונדז דער חוב, נישט קוקנדיק אויף קיינע קרבנות פון אונדז, אַזאַ פאַרטיי וואָס גיכער צו שאַפן. אויסער דעם מוזן מיר דאָך דאָ האָבן אַ צענטער פאַר אונדזערע אַלע פאַרטייען אין גלות. זיי נויטיקן זיך אַלע אין זייערן אַ צענטער אין ארץ־ישראל.

אים איז געווען שווער צו ענטפערן. ער האָט דאָס אַלץ געוווּסט בע־

טער פון מיר און אים האָט דער פּאַראַט פון אונדזערע חברים, וואָס זענען אַריבער צו די קאָמוניסטן אויף אַזוי פיל צעשרויפט, אַז ער האָט מורא געהאַט נאָך אַמאָל אָנהויבן אויף דאָס ניי.

ער האָט מיר דערציילט וועגן דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען קורץ פאַר זיין אַרעסט, וועגן זיינע איבערלעבונגען אויף דער קאָנפערענץ, זיינע גייסטיקע ליידן פון נאָך דער קאָנפערענץ. ער האָט מיר אָפן דערקלערט, אַז ער האָט מורא, אַז אויב אפילו מיר וועלן גרינדן אַזאַ פּאַרטיי, זאָל זי אונדז ווידער נישט אָפּטאָן אויף טערקיש. אויסער דעם איז ער דאָן אַליין געווען קאָמוניסטיש געשטימט, און אין זיין פּועלי־ציוניזם האָט ער געוואָלט צונויפפלעכטן זיין קאָמוניזם מיטן ציוניזם. די ליבשאַפט צו דער נייער רוסאַלנד מיט זיין ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, אונדזער ארץ־ישראל־פּראָגראַם מיט דער פּראָגראַם פון קאָמינטערן. און דאָס איז טאַקע צו יענער צייט געווען אַ גליטשיקער וועג. דאָס, האָט ער מיר געזאָגט, איז ווי אַ מעסער מיט צוויי שאַרפע זייטן. מען קען מיט אים קיינמאָל נישט זיכער זיין.

די לאַגע אין אונדזער וועלט באַוועגונג איז טאַקע דאַן געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע. אונדזער לינקע באַוועגונג איז דאַן געגאַנגען לינקער און לינקער. מיר האָבן געוואָלט זיין אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער וועלט רעוואָלוציע, זיין גוטע קאָמוניסטן, זיך אַלס אַזעלכע פאַרבינדן מיטן קאָמינטערן. אָבער דער קאָמינטערן האָט דערפאַר פון אונדז געפאָדערט אַ צו טייערן פרייז — זיך אָפּזאָגן פון אונדזערע ציוניסטישע אַספּיראַציעס, ווייל ציוניזם איז אַ פאַרמאַסקירטע הילף צו ענגלאַנד, צום וועלט אימפּעריאַליזם. און אַ סך פון אונדז זענען גרייט געווען נאָכגעבן דעם קאָמינטערן, און אַזעלכע האָבן מיר גערופן ליקווידאַטאָרס (פאַרטאַכלעווען אונדזער ארץ ישראל פּראָגראַם). און די ליקווידאַטאָרישע קרענק האָט זיך שטאַרק פאַרמערט אין אונדזערע לאַנדס פּאַרטייען אין אייראָפּע, ארץ ישראל און אמעריקע און נישט דערלאָזן אונדז אָנגיין מיט אונדזער ארץ ישראל אַרבעט און גראַד אין דעם מאָמענט, נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע, ווען עס האָט פון אונדז געפאָדערט אַ מער אָנגעשטרענגטע פּאַלעסטינע אַרבעט. דערפאַר זענען צו ווייניק חברים אונדזערע געקומען דאַן אין ארץ ישראל, מיר האָבן נישט גענומען קיין אנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, מיר האָבן זיך נישט פאַרנומען מיטן חלוציזם, מיר האָבן נישט געזאַמלט אויף די ארץ ישראל פאָנדן — מיר האָבן דעם געביט אין גאַנצן פאַרלאָזן. מיר האָבן מיט אונדזער אבסטינענטיזם איבערגעלאָזן די גאַנצע פּאַלעסטינע אַרבעט צו די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן און יענע האָבן דאָרט געבאַלעבאַטעוועט,,

ווי זייער אָפּגעשטאַנענקייט האָט זיי דיקטירט. ווען מיר וואָלטן א טיכטי־קערן אָנטייל דעמאָלט גענומען אין דער אַרבעט, גלויב איך, אַז די יידיש־אַראַבישע באַציונגען וואָלטן אין גאַנצן אַנדערש אויסגעזען און די באַציונג פון יידישן ישוב צו אונדזער מוטערשפּראַך וואָלט געווען אין גאַנצן אַן אַנ־דערע. און אונדז, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין ארץ ישראל האָט עס שטאַרק געקרענקט.

רעוווצקעס שרעק און פאַרזיכט האָט אויף מיר אַ קנאַפּע ווירקונג גע־מאַכט. מיין איינדרוק נאָכן ערשטן וויזיט ביי אים איז געווען, אַז ער וויל אויך גרינדן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, נאָר ער האלט פאר נויטיק צו וואַרטן אביסל. און דערפאַר פלעג איך טאַקע קומען צו אים זייער אָפט, און וואָס מער איך בין געווען ביי אים, אַלץ מער האָב איך אים ליב באקומען. און עס איז גע־קומען צו דעם, אַז ער האָט אויך באשלאָסן עפּעס טאָן אין דעם. קיין פּאַר־טיי האָט ער נישט געפונען פאַר נויטיק איצט צו גרינדן, נאָר וואָס דען — א פּראָפּאגאנדע קאָמיטעט פון די איבערגעבליבענע פועלי ציון אין לאנד פאַרן פועלי ציוניזם. איך בין געווען פון דעם אויך זייער צופרידן. און איך מוז צוגעבן אַז ווען ער האָט זיך גענומען פאַר דעם, האָט ער עס געטאָן מיט ליבשאַפט, איבערגעגעבנהייט און ענערגיש. ער האָט זיך געזען מיט אַלע די, וועלכע ער האָט געדאַרפט פאַר דעם צוועק און אין גיכן איז באשטימט געוואָרן די ערשטע זיצונג פון דעם קאָמיטעט. די זיצונג איז פאַרגעקומען אין שחטס און אפרתיס אַדוואָקאַטן ביורא. שחט איז גראַדע דאַן געווען אין זייער אַ וויכטיקע שליחות אין ווין. אפרתי האָט אונדז ארויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט און אויך פאַרגעשלאָגן זיין ביוראָ פאַר אונדזערע זיצונגען. אויף וויפל מיר געדענקט זיך זענען צו דער ערשטער זיצונג געקומען רע־וווצקי, אפרתי, די ברידער קדמוני, לייזער שערמאַן, יעקב פערעמען אליעזר שערמאַן, ביומאַן, האַרן, מיין ווייניקייט און נאָך אַ פּאַר אַנדערע. די ערשטע זיצונג האָט באשלאָסן צו גרינדן פון זיך אַזאַ אגיטאַציע קאָמי־טעט, פאַרהאַנדלען אויף די קומענדע זיצונגען די נייע סיטואַציע פון דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. מיר האָבן געהאַט נאָך אייניקע זי־צונגען, אויף וועלכע עס זענען געקומען נאָך חברים, וועלכע האָבן זיך סאָ־לידאַריזירט מיט אונדז. מיר האָבן פאַרהאַנדלט וועגן איצטיקן מאָמענט אין שייכות מיט אונדזער פּאַלעסטינע אַרבעט, וועגן די 21 פונקטן פון קאָ־מינטערן וועגן אָנשלוס אָן אים, און אנדערע פראַגן. אריינקומענדיק אָפט צו רעוווצקען האָב איך זיך באַקאַנט מיט אונדזערע חברים פון „דער פּראָווינץ", פון די קאָלאָניעס. דאָס זענען געווען זייער אינטעליגענטע שווערע אַרבעטער ביי די שאַסייען, אין די בערג, אין די קאָלאָניעס אויף די זומפּן, פאַרברענ־



קאָמיטעט פון לינקע פועלי ציון אין א״י. פון רעכטס צו לינקס שטייענדיק. האָרן, מישקאָווסקי, ניומאַן. זיצנדיק. פערעמאַן, רעוווצקי און אליעזר שערמאַן.

טע, אויסערלעך פאַרגרעבטע, מיט מאַזאָליסטע הענט און אייניקע אַפילו אַנגעטאָן ווי אַראַבער. זיי זענען פאַר מיר געווען פשוט אן אַנטפּלעקונג און זיי האָבן מיך פאַראינטערעסירט אויפן העכסטן גראַד. איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט און באַוווּנדערט זיי. מענטשן געפינען זיך שוין פאַר אַ לענגע־רע צייט אין ארץ ישראל. יאָרן לאַנג הונגער געליטן, געאַרבעט ביי אַלץ, וואָס עס איז נאָר נוצלעך פאַרן ישוב, קיינמאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער שווערסטער אַרבעט, געאַרבעט ביי די גרעסטע געפאַרן און ביי די שרעק־לעכסטע מאָמענטן. קיין לעבנס געפאַר האָט זיי פון זייער אַרבעט און פון זייערע פליכטן נישט געקענט אָפּשטעלן. דאָס זענען געווען מענטשן העלדן, הייליקע מענטשן... און ווען זיי דערציילן דיר פון זייער לעבן, איבערלע־בונגען מערקט זיך נישט קיין האָר פון באַרימעריי, פון ארויסשטעלן זיך, נאָר זיי דערציילן ווי וועגן אַרבעטן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט דורכפירן און אַלע מאָל דערציילן זיי פון די חברים, ווי פון זיך. אונדזער ליטעראַטור האָט זיי נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. עס וועט קומען די צייט און מען וועט זיי אָפּשאַצן און דאַן, גלויב איך וועט מען זיי אין אונדזער געשיכטע געבן דעם אויבן אָן (איך מיין דאָ נישט בלויז אונדזערע חברים, נאָר די אַלע אַר־בעטער אידעאַליסטן פון דער עפּאָכע נאָך פאַר דער באַלפוּר דעקלאַראַציע אויך צורעכנענדיק צו זיי די בילוצעס).

אונדזער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן ביי די יידישע פּראָלעטארישע פּאַרטייען — האָבן אונדז גע־פעלט די מאַטעריעלע מיטלען אויף אָנגיין מיט דער אַרבעט. פון לאַנד האָבן מיר נישט געקענט דערוואַרטן קיין הילף — כמעט אַלע אונדזעריקע האָבן זיך געפונען אויף גרויסע צרות און מען האָט געלעבט פון האַנט אין מויל. האָבן מיר באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו אויסלאַנד. צו ערשט האָב איך גע־שריבן אַ בריוו אין כאַרבין צו מיינע חברים, בעטנדיק זיי שיקן אונדז געלט. אויך רעוווצקי האָט ערגעץ געשריבן. מיר האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיט אַמעריקע און מיט אַנדערע לענדער. פון די אַלע פלעצער האָבן מיר גע־קראָגן זייער נישט קיין גוטע נייעס. אָסטראָווסקי פון ניו יאָרק האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט, אַז די ניי אויסגעבאַקענע קאָמוניסטן אין דער פּאַרטיי דערלאָזן נישט אַרבעטן אין אונדזער ריין פועלי ציוניסטישן גייסט. ענלע־כעס האָבן מיר געקראָגן פון אַנדערע לענדער אויפן אייראָפּעישן קאָנטי־נענט. אָבער פון מיין טעריטאָריע, פון מאַנדזשוריע, האָבן מיר געקראָגן אַ גרעסערע סומע געלט, מיט אַ וווּנדערבאַרן בריוו און מיט אַ צוזאָג אין גיכן ווידער שיקן געלט. פאַר דעם געלט איז רעוווצקי צוגעטראָטן ארויס־

געבן אין העברעיש דעם „התאחדות", אונדזער זשורנאַל אין א גרויסן פאָרמאַט אין 16 זייטן.

צום ערשטן מאַי האָבן מיר צוגעגרייט אן אויפרוף אויף יידיש און העברעיש. דעם געשריבענעם טעקסט האָב איך אַוועקגעטראָגן אין א יידישער דרוקעריי אויפן וועג צו יפו. דער דרוקער האָט מיר צוגעזאָגט מאכן עס פאַרטיק אַ דריי פיר טעג פאַרן ערשטן מאַי. צו דער באַשטימטער צייט בין איך געקומען צום דרוקער נאָך די אויפרופן — און ערשט דאָ האָב איך זיך דערוווּסט צו מיין גרויסן בראָך, אַז דער תל אביבער הויפט פון דער פּאָליציי האָט זיי נאָך נעכטן אַרעסטירט. איך בין אַזוי אויפגערעגט געוואָרן פון דעם, אַז איך האָב באַשלאָסן גיין צו אים און פאָדערן די אויפרופן און גראָדע פרעגן מיטוואָס פאַראַ רעכט האָט ער זיי אַרעסטירט. דאָס איז געווען אין דער פרי ארום אַכט. ווען איך בין געקומען איז ער נאָך געשלאָפן און מען האָט מיך געבעטן אביסל צוואַרטן. אפשר א האלבע שעה האָב איך געוואַרט. מען האָט מיך אַריינגערופן אין זיין קאַבינעט. כ׳בין אַריין, זיך פאָרגעשטעלט אַלס מיטגליד פון דער היגער פועלי ציון גרופּע און טאַקע דער יעניקער, וואָס האָט געגעבן דרוקן די אויפרופן. וועלכע ער האָט אַרעסטירט. וואָלט איך וועלן וויסן מיט וואָסער רעכט האָט ער דאָס געטאָן. ער האָט מיר דערקלערט אַז ער האָט עס געטאָן אין נאָמען פון „רואיקייט אין לאַנד". יידן האָבן פאַראַיאָרן טייער באַצאָלט פאַר דער ערשטער מאַי־פייערונג און ער וויל נישט, אַז דאָס זאָל זיך היי יאָר איבערחזרן.

אויף דעם האָב איך אים דערקלערט, אַז מיר רופן נישט קיין גאַסן דעמאָנסטראַציע, נאָר אַ מאַסן מיטינג אין אַ זאַל און אַז פאַר דעם מאַסן מיטינג זענען מיר אין גאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך... אויסער דעם קומען פאַר צפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין ענגלאַנד אַלע ערשטע מאַיס אין „הייד פּאַרק", עס קומען אויך פאַר דעמאָנסטראַציעס און אין ענגלאַנד איז דאָס פולקאָם דערלויבט און די פּאָליציי מוז זען, אַז קיין שטערונגען זאָלן נישט פאָרקומען און דאָ קומט ער — דער פאָרשטייער פון דער פּאָליציי און שטערט אונדז אין דער ארבעט און אַרעסטירט די אויפרופן. ער האָט קיין רעכט נישט געהאַט. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט אַז פּאַלעסטינע איז נישט ענגלאַנד. דאָס וואָס עס ווערט דערלויבט דאָרטן קען נישט דערלויבט ווערן דאָ, ווו עס איז נישט רואיק, און ווו מען קען צו יעדער צייט דערוואַרטן אומרוען און אויף דעם סמך האָט ער די אויפרופן אַרעסטירט, אָבער ער זאָגט מיר צו, אַז נאָכן ערשטן מאַי, וועט ער מיר זיי אומקערן. איך האָב זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט מיט דער באַמערקונג, צו וואָס וועלן מיר

זיי דאַרפן האָבן נאָך דעם ערשטן מאַי, אַז זיי זענען באַשטימט פאַרן טאָג פון ערשטן מאַי?

און דער טשיף אָף פּאָליס איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן פון מינסק — גינזבורג.

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן יענעם ערשטן מאַי געהאַט אַ פאַרשטערטן יום טוב. נישט באַשערט איז מיר געווען צו פייערן דעם גרויסן אַרבעטער יום טוב, דעם ערשטן מאַי אין ארץ ישראל.

אונדזער פּראָפּאַגאַנדע גרופּע האָט וואָס ווייטער געקראָגן אַלץ מער און מער מיטגלידער און סימפּאַטיקער. מיר האָבן געהאַט אונדזעריקע אין אַלע שטעט און אין אַ גרויסער צאָל קאָלאָניעס. אונדזער פּראָפּאַגאַנדע האָט אריינגעטראָגן א סך מער קלאָרקייט ביי אונדז אַליין און האָט קלאָרער געמאַכט אויך אונדזער שטעלונג צו די נייע פּאָליטישע סיטואַציעס אין דער וועלט, אין אונדזערע יידישע פאָדערונגען אין דעם איצטיקן מאָמענט און די אַרבעטן, וועלכע מיר דאַרפן איצט דורכפירן.

און דאָ מוז איך געבן דעם פולן קרעדיט מיין באַליבטן חבר רעוווצקי. ער האָט אין די דיסקוסיעס אריינגעטראָגן מער קלאָרקייט, מער פאַרשטענדעניש, אַ בעסערע אָריענטירונג אין דער פאַרפּלאָנטערטער דאַמאָלסטיקער פּאָליטישער לאַגע פון דער וועלט און אין אונדזערע ארץ ישראלדיקע פאָדערונגען. אויסער דעם, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט, ווען עס איז געגאַנגען אין די אינטערעסן פאַר אונדזערע לינקע פועלי ציוניסטישע געדאנקען. ער פלעגט אַפילו אַרויסלויפן פאַר אַ זיצונג, אַליין צוזאַמענרופן די מיטגלידער פון אונדזער גרופּע, נישט רעכענענדיק זיך מיט די הוצאות פלעגט ער אומפאָרן איבער די קאָלאָניעס און שטעט, ווו מען פלעגט אים נאָר איינלאַדן האַלטן לעקציעס אין גייסט פון אונדזערע געדאנקען. ספּעציעל איז ער געווען פאַרנומען, ווען מיר האָבן אַרויסגעגעבן אונדזער זשורנאַל, אָדער האָבן געדאַרפט עפּעס דרוקן. ווען מיר האָבן ארויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון „התאחדות", האָבן מיר געפּלאַנט אויך אַרויסגעבן אַ יידישן זשורנאַל „ דאָס לאַנד". אָבער דאָס האָבן מיר שוין נישט דורכגעפירט. אין גיכן בין איך אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע, דערנאָך איז רעוווצקי אַוועקגעפאָרן אין אייראָפּע און אונדזער פּראָפּאַגאַנדע אין ארץ ישראל פאַרן לינקן פועלי ציוניזם האָט זיך אָפּגעשטעלט ביז עס זענען אָנגעקומען אין א צייט שפּעטער אונדזערע נייע חברים פון רוסלאַנד און פוילן. און ס'האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די נייע געשיכטע פון דעם פועלי ציוניזם אין ארץ ישראל.

קאַפּיטל 44

מיין ערשטער וויזיט אין ירושלים

איך בין העכסט דאַנקבאַר מיין גורל, וואָס אויף מיינע רייזעס ארום דער וועלט, האָט ער מיך אויך געפירט קיין ארץ ישראל. און נאָך מער בין איך אים דאַנקבאַר, פאַר מיינע באַזוכן אַ פיר מאָל ירושלים.

איך האָב אויף מיינע רייזעס פארבראַכט נאָענט צו פינף יאָר אויף דעם ווייטן און נאָענטן מזרח און מיין איינדרוק איז, אַז ירושלים איז די אָריענטאַלישסטע שטאָט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. פון דעם שטאַנדפונקט איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט די נייע ירושלים, ווי די אַלטע. איך קען נישט לייקענען, אַז געפאָרן בין איך אהין מיט אַ הייליקן געפיל און מיט דער העכסטער באַגייסטערונג, גאָר אַ קליינינקייט איך פאָר אין דער שטאָט, וואָס איז געווען די וויגעלע פון אונדזער נאַציאָנאַל זעלבסט־שטענדיקן לעבן, וווהין מיר זענען אָנגעקומען פון אונדזער פאַרשקלאַפונג, כדי אָנצוהויבן א ניי לעבן — אַ לעבן פון פרייע בירגער. דאָ האָט זיך אָנ־געהויבן אונדזער וווקס און אַנטוויקלונג. דאָ האָבן אונדז די נביאים גע־פריידיקט די העכסטע און שענסטע געדאַנקען, געדאַנקען, וועלכע האָבן אָפּ־געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. אמת, אין דער גויישער וועלט זענען זיי אַרויס צעקריפּלט, דאָך זענען אַפילו די צעקריפּלטע געדאנקען און אי־דייען פאַר זיי אַ קוואַל פון דערהויבונג ביז היינט צו טאָג. און פון דאַנען האָט גאָטס פאָלק געהויבן אַלע פעלקער פון דער וועלט צו אַ העכערער מדרגה פון אמת, שיינקייט און יושר; פון ליבע און איינזעעניש; פון גלייכהייט, גע־רעכטיקייט און פרייהייט...

און איך פאָר דאָס איצט צום קוואַל פון דער וועלטס גערעכטיקייט. און מיינע אור אור עלטערן האָבן דאָס דאָרטן אויפגענומען די דערהויבנסטע לערע פון דער וועלט און האָבן געלעבט לויט די געזעצן פון גאָט, וועלכע זענען אויסגעדריקט קורץ אין די צן געבאָטן. איך פאָר אין ירושלים! און איך בין שטאָלץ מיט דער רייזע!

געקומען. איך פאַרפאָר אין ערגעץ נישט. פרעג זיך גלייך אויף דער אַלטער שטאָט. איך פרעג ביי אַ יידן דעם וועג און ער ווייזט מיר:

— דאָרטן איז דער מגדל דוד. לעבן אים וועט איר דערזען דעם טויער און דורך דעם טויער וועט איר אַרײַן אין דער אַלטער שטאָט.

איך טו ווי ער זאָגט. נו, אַזאַ שטאָט האָב איך נאָך ערגעץ נישט גע־טראָפֿן. עס איז נישט קיין שטאָט — נאָר קאַטאַקאָמבעס, אונטערערדישע גאַנגען, גאַסן, הײַזער. די שטאָט געפֿינט זיך אויף בערג, טאָלן און גריבער און אומעטום דאָרפֿסטו קריכן דורך ברייטע שטיינערנע שטיגן באַרג אַרויף אָדער באַרג אַראָפּ. די געסלעך זענען שמאָלע אַזוי, אַז אַפֿילו אַן אויטאָמאָ־ביל, אָדער אַ וואָגן וואָלט דאָרט נישט געקענט דורכגיין. און אַז אַן אַראַ־בער פֿאָרט אויף אַן אייזל איבערן גאַס, מוז ער האַלטן אין איין שרײַען — מען זאָל אים דורכלאָזן און דאַן מוזן די פֿאַרבײַגייער צוקוועטשן זיך צו די ווענט פֿון די מוערן. די גאַסן זענען ערטערווײַז באַדעקט מיט אַזאַ סאָרט דאַך. און עס איז זייער טונקל, אָבער דאָרט וווּ די גאַסן זענען נישט באַ־דעקט איז אויך נישט אַ סך ליכטיקער. בלויז מיטאָג צײַט קומט דאָרט צו די זון. זעלטן וועסטו זען בײַ די זײַטן פֿון גאַס אַ פֿענצטער. כאָטש פֿון בײדע זײַטן פֿון דער גאַס זענען מויערן, זענען זיי אָבער מיט די פֿענצטער נישט צו דער גאַס. די אַלע הײַזער שטייען מיטן רוקן צו די געסלעך. און כמעט אין די אַלע הײַזער וווינען אַראַבער מערסטנס די אַפֿריקאַנער — די מו־גראַבן. און בײַ די בײדע זײַטן פֿון די געסלעך געפֿינען זיך ייִדישע און אַראַבישע קראָמען — פּשוט אין די לעכער פֿון די ווענט. איר קענט דאָ קריגן אַלץ: פֿלייש, בשמים, געבעקס גרינסן, פּרוכט, קאָפֿע, וואַסער פֿון ברונימער אָדער קוואַלן אין שעפּסענע לאָגלען. איר וועט דאָ אין די גאַסן טרעפֿן טענ־צערינס, כּישוף מאַכער, טרעפֿער, געלט טוישער און וואָס נישט? דער עולם שרײַט, דינגט זיך, גראַמאָפֿאָנען שפּילן, מען טרינקט קאָפֿע און מען רוי־כערט פֿון די נאַרגילעס. און דער אַראַבער איז אַ גוטער קליין הענדלער: ער קען די אַרבעט נישט ערגער פֿון די ייִדן.

טאַטע מײַנער, וויפֿל געסלעך עס זענען דאָ! עפּעס אָן אַ צאָל. און פֿון איין געסל צו אַן אַנדער געסל מוזטו גיין אַלע מאָל מיט טרעפּ. אַ לאַבי־רינט אַ גאַנצער. עס דוכט זיך אַז איך גיי איבער קאַטאַקאָמבעס און אונ־טערערדישע גאַנגען. די באַלויכטונג איז דאָ אַ שווידערלעכע. אמת, דאָ זע־נען פֿאַראַן לאַמטערנעס, אָבער זיי לײַכטן נישט. קוים, קוים עס שײַנט אַרויס פֿון זיי. און שמוציק איז דאָ אַזוי ווי מען האָט פֿאַר די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר, וואָס מיר האָבן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, נישט געוואַשן, נישט גערייניקט. און אַלץ דוכט זיך איז אין שמוץ. אָט די טונקעלע ווענט פֿון די מויערן, די גאַסן, די טרעפּ, די דעכער אויבן, די אַראַבער מיט זייערע שמו־ציקע שמאַטעס אויף די קעפּ און זייערע שמאַטעס, וואָס פֿאַרדעקן זייערע

קערפּערס. און נאָך מער שמוציק זענען די אַראַבישע קינדער, וואָס לויפן איבער די געסלעך און טשאַטעווען עפּעס... פאַרשטייט זיך אַז קיין טראָ־טואַרן ביי די זייטן זענען נישטאָ. און כאָטש אַ סך גאַסן זענען באַדעקט מיט שטיינער, זענען אָבער די שטיינער אַליין באַדעקט מיט אַ גליטשיקע פּייכט־קייט... און עס איז נישט אנגענעם צו טרעטן איבער די שטיינער. אויסער די אַראַבער קענסטו דאָ אָפט טרעפן אַפריקאנער, גריכן, אַרמעניער, טערקן און איטאַליענער, וועלכע זענען אויך פאַרנומען מיט קליין האנדל. נאָר זיי זענען נישט ווייט אַוועק פון די אַראַבער... זיי האָבן זיך דאָ צופיל אסימי־לירט מיט זיי. אויך זענען דאָ פאַראַן יידישע געסלעך, יידישע קרעמער, בעלי מלאכות, וואַסער טרעגער, רייכע יידישע הייזער, גרויסע יידישע גע־שעפטן, חדרים, תלמוד תורות, ישיבות, שולן, וווילטעטיקע אינסטיטוציעס מיטן גאַנצן יידישן קלאפּערגעצייג. דאָ וווינט דער אַלטער ישוב מיט זיי־נע יידן: אשכנזים, תימנער, די פרענקן, קאווקאזער, טורקעסטאַנער און קורדן. איך בין כמעט זיכער אַז דאָ אין אַלט שטאָט זענען רעפּרעזענטירט יידן פון דער גאַנצער וועלט, פון דעם גאַנצן יידישן גלות, פון די אַלע ווייסע, ברוינע, געלע און שווארצע יידן. אָט די אַלע יידן רעדן כמעט אויף אַלע לשונות פון דער וועלט, זענען אָנגעטאָן אין די פאַרשידנסטע קליידער פון דעם ערד קוגל. נאָר מער פון אַלעמען זעט מען דאָ די פּויליש־רוסישע יידן אין די לאַנגע לעפּסאַרדאקן און הויכע קיילעכדיקע קאַפּעלושן, אָדער אין ברייטע פוטערנע שטריימלעך. די פאַרשידנסטע אַראַבער צייכנען זיך אויך אויס מיט זייערע קליידער, אויסזען און אַפילו מיטן פאַרב פון זייער הויט. קענסט טרעפן דאָ מאסן אַראַבער, וואָס האָבן די כאַראַקטער שטריכן פון דער שוואַרצער ראסע און דיר איז שווער צו גלויבן, אַז זיי זענען נישט קיין נעגערס. אויך די אַראַבישע פרויען, וואָס אַ סך פון זיי זענען אָנגע־טאָן ווי נאָנעס, מיט פאַרדעקטע פּנימער, זענען פאַרשידנאַרטיק געקליידט. און אַלע זענען אויסגעמישט. גייען, שטייען, רעדן, שרייען, האנדלען, קויפן. און אַלע גייען אין מיטן גאַס, ווייל די זייטן פון די געסלעך זענען פאַרנו־מען מיט די קויפער און פאַרקויפער. אַזוי ווי יידן ווערן דאָ פאַרגעשטעלט מיט אַלע זייערע טיפּן פון גאנצן גלות, אַזוי אויך איז דער נאָענטער מזרח פון אַזיע און אַפריקע דאָ פאַרגעשטעלט, דוכט זיך, מיט אַלע זייערע פעל־קער, שטאַטן און שבטים.

שטייסטו אַ קורצע צייט אין מיטן פון די געסלעך און באַטראַכסטו דעם פאַרבייגייענדיקן עולם, דערזעסטן דאָס עקזאָטישסטע בילד, וואָס דו קענסט אַזוינס נישט זען אויפן גאנצן אָריענט. עס גייען פאַרביי דיר טוני־

סער, מאַראָקער, אַלזשירער, טערקן, מצרישע, תימנער, און ווער נישט? און זיי אַלע מארשירן אין טונקלקייט, אונטער די ערד לאַבירינטן...

די ווענט פון די הייזער זענען פון ווייסן שטיין, אָבער פון אַלטקייט האָבן זיי דעם נאַטירלעכן קאָליר פאַרלאָרן און זענען פאַרפינצטערט געוואָרן, האָבן געקראָגן א בלאָטיקן קאָליר. נישטאָ קיין גראָז, קיין ביימער, קיין בלומען. פון ביידע זייטן פון די געסלעך טונקעלע ווענט, ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן. און ווען דו דערזעסט אמאָל יאָ אַ שטיקל הימל איבער זיך, איז דאָס אַ העכסט אנגענעמען איבערראשונג פאַר דיר. קענסט אביסל פריי אָפּאָטעמען.

איך גיי פון געסל אין געסל און כמעט אומעטום דאָס זעלבע. אויף אייניקע מער געשעפטן, מער פּעדלער, מער מענטשן אין מיטן דער געסל און אויף אַנדערע ווייניקער. אָבער כמעט אַלע האָבן דעם זעלביקן אויסזען. און אַן אָרעמקייט איז דאָ א שוידערלעכע. אַ האַלבער פּיאַסטער איז א סך געלט. אין די הייזלעך איז ענג, שמוציק, און די אָרעמקייט שרייט אַרויס מיט באַגומענע קולות.

און מיט אמאָל פאַלט מיר איין דער געדאַנק, אַז אָט די שטאָט האָט געטיילט דעם גורל פון אונדזער יידישן פאָלק. צוויי טויזנט יאָר פון פאַרניכטונג, פון פּאָגראָמען, פון אויסראָטונג, פון מערדערלעכע אָנפאַלן, פון מלחמות. ווער האָט שוין דאָ נישט באַלעבאָטעוועט איבער איר. די בבלים, סיריער, מצרים, גריכן, רוימער, די „הייליקע" צלם טרעגער, די טערקן, די „נאַבעלע" ענגלענדער און ווער גערעכנט זיי אַלעמען? וויפל מאָל איז די שטאָט אין גאנצן פארניכטעט געוואָרן, אויסגעגליכן געוואָרן מיטן באָדן. און אַז עס זאָל קיין סימן פון איר נישט בלייבן, האָט מען דעם גאנצן באָדן געאַקערט און עס איז פון איר געוואָרן אַ שטיק מדבר. און דאָך איז זי יעדעס מאָל נאָך איר טויט אויפגעשטאַנען תחית המתים. און אפילו איצט קען מען נאָך זען סימנים פון די אמאָליקע פארניכטונגען און פארוויסטונגען. קיין הייזער פון דער יידישער תקופה קען מען אין ערגעץ נישט זען. אויסער די אויסגעגראָבענע ווענט, טעראסן, רעזערוואַרן פאר וואסער, היילן אין די בערג, קברים אין די היילן, אויסגעגראָבענע אויסקריצונגען אויף שטיינער אין דעם אמאָליקן העברעישן כתב. און דאָך איז יעדעס ווינקעלע, יעדער פּלאַץ, טראָגט אין זיך סודות, מעשיות, לעגענדעס פון אונדזער געשיכטע. און זענען פאַרהייליקט ביי אונדזער פאָלק. איך בין איינמאָל געגאַנגען מיט אַ ירושלימדיקן יידן איבער די געסלעך פון אַלט שטאָט. און די גאַנצע וועג האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן מיר וועגן פאַרשידענע געסלעך, הייזער, פּלעצער, שטיינער, חורבות און זייער שייכות מיט אונדזער געשיכטע...

יאָ, די אַלע פּעלקער, וואָס האָבן געהערשט איבער דער הייליקער שטאָט האָבן נאָך זיך געלאָזן סימנים פון פאַרניכטונג און פאַרוויסטונג און מען קען דאָס זען נאָך היינט צו טאָג. נישט קיין סימנים פון קולטור, ציוויליזאַציע, מענטשלעכקייט, אויפבוי, נייע איינריכטונגען, נאָר סימנים פון אוממענטשלעכקייט, באַרבאַריזם, פאַרניכטונג און פאַרוויסטונג.

און די איצטיקע אַלטע שטאָט פון ירושלים מיט די שמוציקע שווינדל געסלעך, קליינע שמוציקע, פינצטערע הייזלעך מיט דער אָרימער שמוציקער באַפעלקערונג איז א פּראָדוקט פון די פאַרוויסטונגען און מאסן שחיטות פון די געצנדינער און די פארשידענע מאַכמעדאַנישע און קריסטלעכע באַלעבאַטים־ציוויליזאַטאָרס.

און אַ שטאַרקער פאַרדרוס אויף זיי באַהערשט דיך און דו קריצסט מיט די ציינער... און אָט קום איך צו צו אָמאַר מעטשעט — נאָך מעקאָ און מעדינאָ דער הייליקסטער טעמפּל ביי די מאַכמעדאַנער. א פּרעכטפולע געביידע אין מאכמעדאנישן סטיל מיט א גרויסן פארנעם אין דער ברייט און אין דער לענג. ביים אַריינגאַנג שטייען סאָלדאטן, וועלכע דערקלערן מיר, אַז יידן לאָזט מען נישט אַריין. אויך ביי יידן איז דאָ אַ פאַרבאָט אַריינצוגיין אהין, ווייל לויט זייער איבערצייגונג האָט זיך אויפן פלאַץ, וו עס שטייט דער מעטשעט אמאָל געפונען דער בית המקדש, און מען קען נאָך אמאָל טרעטן דעם באָדן פון קדשי קדשים.

און אָט ווייזט מען מיר אָן אויף דער חורבה שול, אויך אָן אויסערגעוויינלעך שיינע געביידע מיט א שיינענדן קופּאָל. מען דערציילט מיר, אַז אָט די שול האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל, ווען די יוגנט אונדזערע האָט זיך געגרייט אויף אָן אָנפאל פון די אַראַבער אין ירושלים מיט דריי חדשים צוריק — דעם ערשטן מאַי 1921. דאָ זענען געמאכט געוואָרן די אַלע צוגרייטונגען. און אונדזערע העלדישע חלוצים, צוזאַמען מיט די הי געבאָרענע יונגע לייט האָבן דאָן געגעבן אַזאַ העלדישן ווידערשטאנד די מערדערישע אַראַבער, אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָגט א צעגטן אָנצופאלן אויף ירושלימער יידן... כאָטש די פאַרטיידיקער זענען באשטאנען פון צענדליקער און די אָנפאַלער פון טויזנטער.

איר ווייסט, וואָס א נאציאָנאלער ייד לעבט דורך, ווען ער קומט צום ערשטן מאָל אין ירושלים? ניין, איר קענט דאָס נישט וויסן, מען מוז דאָס דורכלעבן אַליין. צום אָנהויב פילסטו א שמערצלעכן טרויער און צו דער זעלביקער צייט אַ גרויסע פרייד... ביזט אויפן העכסטן גראַד דערשלאָגן און צו דער זעלביקער צייט דערהויבן, שטאָלץ.

דורך פאַרשידענע טויערן קען מען אַריין אין אַלט ירושלים. די יידן

לעבן די הייליקע ערטער אין ירושלים.

וווינען אין דרום מזרח זייט פון שטאָט. די יידישע טייל פון שטאָט פאַר־מאָגט דריי הויפּט גאַסן: רחוב היהודים, רחוב חב"ד און רחוב חברון. די גאַסן זענען אויסערגעוויינלעך שמאָלע, טונקעלע. מיט אַן אַכציק יאָר צוריק האָבן דאָ געוווינט די אַלע ירושלימער יידן. אָבער לעצטנס האָבן זיך אָנ־געהויבן בויען אַרום ירושלים נייע שכונות און אַ גרויסער טייל פון ירו־שלימער יידן האָבן זיך דאָרט באַזעצט. דאָ איז דאָ אַ גרויסע צאָל בתי מד־רשים, די באַרימטסטע זענען די „רבי יוחנן בן זכאי שול", וועלכע גע־פינט זיך אין אַ הייל און מען גייט אַראָפּ אהין דורך טרעפּ און חורבות. ר' יהודה חסיד שול. די שול איז שוין אַלט אַרום 700 יאָר. עס זענען דאָרט פאַראַן ספרדישע, אשכנזישע, חסידישע און פאַרשיידענע אַנדערע שולן. דאָרטן זענען פאַראַן צוויי אַלטע שפּיטאָלן, אַ סך ישיבות, ת"ת חדרים, איי־ניקע בית עולמס, די מער באַוווסטע פון זיי זענען אויפן הר ציון מיט די קברי מלכי בית דוד און אויפן הר הזיתים — דאָרטן ווו די יידן זענען מקבר זייערע מתים ביז היינט צו טאָג.

ערגעץ ווו האָב איך געלייענט, אַז די שטאָט ירושלים ווערט דער־מאָנט אין די עגיפּטישע כראָניקעס מיט פינף טויזנט יאָר צוריק. אין אונ־דזער געשיכטע ווערט ירושלים צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דער צייט, ווען דוד האָט דאָס שטעטל איינגענומען און איר געמאַכט פאַר זיין רעזי־דענץ שטאָט און דערנאָך ווערט דערציילט ווי שלמה המלך האָט דאָרטן אויסגעבויט שיינע פּאַלאַצן, דורכגעפירט קאַנאַלן און רעזערוואַרן פאַר וואַ־סער, האָט דאָרט אויסגעבויט דעם בית המקדש, האָט די שטאָט פאַרשע־נערט, באַפּוצט מיט גערטנער, סעדער, ווייַן גערטנער און דאַן איז ירושלים געוואָרן באַוווסט איבער דער גאַנצער וועלט.

ביים איבערפאַל פון נבוכדנצרן איז די שטאָט כמעט אין גאַנצן פאַרניכ־טעט געוואָרן, דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און די באַפעלקערונג איז פאַרשלעפּט געוואָרן אין ערשטן גלות. דאָך איז אים נישט געלונגען אַרויס־טרייבן אַלע יידן פון ירושלים, אַ גרויסער טייל איז נאָך דאָרט פאַרבליבן. דער גלות בבל האָט אָנגעהאַלטן אין גאַנצן 70 יאָר. נאָך דעם האָבן די בבּ־לער יידן געקראָגן אַ מעגלעכקייט צוריק אומקערן זיך אין ארץ ישראל. דאַן האָט צוריק אויפגעבליט די חרובה שטאָט ירושלים. די יידן האָבן צוריק אויפגעבויט דעם בית המקדש, צוריק אויפגעשטעלט די מויערן אַרום שטאָט און ירושלים איז צוריק געוואָרן די הויפּטשטאָט פון ארץ ישראל.

מיט ניינצן הונדערט יאָר צוריק זענען אָנגעפאַלן אויף ארץ ישראל די רוימישע לעגיאָנען. די יידן האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע העלדישקייט און גאַנצע צוויי יאָר איז אָנגעגאַנגען די מלחמה מיט רוים און צום סוף איז

ארץ ישראל איינגענומען געוואָרן דורך די רוימער. דאַן איז פאָרגעקומען אין פּראָפּאָרץ די גרעסטע אויסשלאַכטונג פון די יידן. מען האָט זיי פּשוט פאַר־ברענט אויף שייטער הויפנס. פאַרבליבן זענען אין לאַנד בלויז די אנטלאָ־פענע, די אויסבאַהאַלטענע, וועלכע האָבן זיך פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אונטערגעבן צו די רוימישע באהערשער. אין גיכן איז פאָרגעקומען דער העלדישער אויפשטאַנד פון בר כוכבא קעגן דער רוימישער אימפּעריע און דאָס אומגלויבלעכע איז געשען. די יידישע העלדן האָבן פאַרטריבן די רוי־מישע לעגיאָנען און פאַר איייניקע יאָר זענען די יידן באַפרייט געוואָרן. די רוימער זענען ווידער געקומען, די יידן האָבן ווי לייבן געקעמפט קעגן די לעגיאָנען און דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. ווידער איז ירושלים באַזיגט געוואָרן פון רוים. דאַן האָבן די רוימער פולשטענדיק חרוב געמאַכט ירו־שלים. גאַנצע זעקס הונדערט יאָר האָט רוים געהערשט איבער ירושלים. צום סוף האָבן די פּערסיער מיט דער הילף פון די יידן פאַרטריבן די רוי־מער. אונטער די פּערסיער האָבן די יידן אביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן ווידער געשאַפן זייערע קהלות און צוריק אָנגעהויבן פירן זייער יידיש לעבן. נאָר דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. אין גיכן האָט דער קריסטלעכער קייזער הערואַקליוס פאַרטריבן די פּערסיער און האָט ווידער חרוב געמאַכט ירושלים, אָבער דאָס מאָל נישט אויף לאַנג. אין צען יאָר שפּעטער זענען די מוסולמענער אָנגעפאַלן אויף ארץ ישראל און פאַר־טריבן די קריסטן און געהערשט איבערן לאַנד פאַר קאַרגע 500 יאָר. די מוסולמענער האָבן אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען דער בית המקדש און די יידן האָבן געקראָגן די דערלויבניש דאָרט צו דאוו־נען. די יידן האָבן דאַן ווידער אָרגאַניזירט זייער קהלה לעבן ביז עס זענען געקומען די ווילדע קריסטלעכע צלם טרעגער, די „באַפרייער פון קריסטו־סעס קבר" און אויף זייער שטייגער באַפרייט דעם קבר: זיי האָבן חרוב געמאַכט די יידישע קהלה, מאַסן יידן פאַרברענט אין די שולן.

אין 1189 האָבן די מוסולמענער אונטער דער פירערשאַפט פון צאַלאַה אלדין איינגענומען ירושלים און אַ יידישער לעבן האָט זיך ווידער אָנגעג־הויבן. די נייע הערשער האָבן אַפילו אויפגעפאָדערט אַלע יידן פון נאָענטן אָריענט אומצוקערן זיך קיין ירושלים און אָרגאַניזירן זייער קהלשן לעבן. מיט זיבעציק יאָר שפּעטער זענען די טאָטערן אָנגעפאַלן אויף ירושלים און איר ווידער חרוב געמאַכט. זייער אַ קליינע צאָל יידן זענען דאַן פאַרבליבן אין ארץ ישראל. ווען דער רמב"ם איז געקומען אין ירושלים האָט ער דאָרט געפונען נאָר 2 יידן. אָבער ירושלים איז קיינמאָל נישט געבליבן יידן ריין. אַפילו פאַרן רמבם'ס לעבן, אַ דאַנק די צוריקגעקומענע פון די

לעבן די הייליקע ערטער אין ירושלים.

פאַרשידנסטע גלותן, איז די צאָל יידן אין ירושלים אויסגעוואַקסן ביז 2 טויזנט.

און דאָ שפּאַציר איך איבער אַלט ירושלים, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ שרעקלעכע געשיכטע און מיר דוכט זיך, אַז יעדער שטיין פון די הייזער דערציילט מיר געשיכטעס פון גרויל, פון שוידער, פון מאַרטירער, פון העלדן, פון פאַרניכטונגס, פון קרעמאַטאָריעס, די געשיכטע פון אַלט ירושלים.

פון משה מאָנטעפיאָרעס באַזוך אין ארץ ישראל, מיט זיין גרינדונג פון נייע קוואַרטאַלן אויסער אלט ירושלים הויבט זיך אָן א נייע עראָ פאַר דער שטאָט ירושלים. ניי ירושלים מיט אירע פּראַכטפולע מויערן, גאַסן, הייזער, מאָדערנע אינסטיטוציעס, איז סימבאָליש פאַר דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל און פון דעם יידישן פאָלק. היינט אין 1947 פאַרמאָגט ירושלים איבער 100 טויזנט יידן, צוויי מאָל אַזויפיל וויפל עס זענען דאָרט אַראַבער. מיר פאַרמאָגן דאָרט אַן יידישן אוניווערסיטעט, א נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, דעם הדסה שפּיטאָל און הונדערטער אנדערע וויכטיקע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, און מיר פירן אָן אַ פולבלוטיק יידיש לעבן — איז דאָס נישט אַ נס?

ביי דער הייליקער וואַנט

כ'האָב שוין אויף מיין לעבן געזען אַ סך הייליקע פּלעצער פון א סך פעלקער. ספּעציעל האָב איך געזען אַ סך אין יאַפּאַן, כינע, אינדיע. זיי געפינען זיך מערסטנס הינטערן שטאָט, אויף פּראַכטפולע לאַנקעס, ארומגערינגלט מיט די שענסטעביימער, גראָזן, בלומען. די טעמפּלען זענען וווּנדערבאַר געשניצט, אינעווייניק אויסגעשניצט מיט די פאַנטאַסטישסטע בילדער, פאַנטאַסטישע מענטשן, חיות, פישן, שלאַנגען, ביימער, פלאַנצונגען. עס וואַרפט אויף דיר אַן אימה, אַ שרעק. און דאָ אין ירושלים איז דער הייליקסטער פּלאַץ גאָר אַן אלט אַלטע וואַנט אין מיטן פון אַן אַלטע שטאָט ארומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַלט אַלטע אראבישע כאַלופּעס. נישטאָ דאָ קיין ביימער, בלומען, גראָזן, אויסער די וואָס זענען פון אלטקייט אריינגעוואָקסן צווישן די קאָלאָסאַלע שטיינער, אָדער אויף די שטיינער וואָס קרישלען זיך. נישטאָ דאָ קיין בילדער, נישטאָ קיין אויסשניצונגען, נישטאָ דאָ קיין פאַנטאַסטישע פיגורן און דאָך... ווען דו באַטרעטסט דעם באָדן פון דער וואַנט, נעמט דיך אַרום אַזאַ הייליקער געפיל, עס מאכט אויף דיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז דעם וויזיט צום כותל מערבי וועסטו געדענקען כל זמן דו לעבסט. די געקומענע ווייסן, אַז דאָס איז נישט אַ וואַנט פון בית המקדש נאָר פון דעם צאַם אַרום בית המקדש און דאָך ווירקט עס אויף אונדז, יידן אַזוי אומגעהויער שטאַרק. אפשר דערפאַר וואָס דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס דערציילט אונדז וועגן אונדזער אמאָליקער זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט, וואָס דאָס איז דער סימבאָל פון אונדזער אמאָליקער ציוויליזאַציע, אונדזער אמאָליקער פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט, אונדזער גייסט, אונדזער מאָראַל, אונדזער עטיק, וואָס זענען ביז דעם היינטיקן טאָג די העכסטע און שענסטע מאָראַל און עטיק אין דער גאנצער וועלט. די וואַנט דערציילט אונדז געשיכטעס, וואָס זענען פאַרלאָפן מיט פיר טויזנט יאָר צוריק, מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און די געשיכטעס רירן אונדז ביז טרערן. יידן קומען אויסגיסן זייער הארץ, יידן קומען בעטן גאָט, יידן קומען איבערבעטן גאָט, יידן קריצן אויס אויף דער וואנט זייערע נעמען (היינט טאָר מען דאָס נישט), יידן לאָזן איבער צעטעלעך מיט זייערע בקשות, און ווער עס קומט פון חוץ לארץ איילט זיך

צום ערשטן זען די וואַנט און נאָך דעם פילט ער זיך, אַז ער איז שוין אַ שטיקל ארץ ישראלדיקער.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל צוגעקומען צו דער וואַנט, נאָך מיינע בלאָנדזשעניש איבער די קרומע, שמאָלע, שמוציקע געסלעך פון אַלט שטאָט האָב איך געוואָלט זיין ניכטער, מאָדערן, היינטוועלטיק. כ'האָב א קוק געטאָן אויף דער וואַנט, אַ וואַנט פון ריזיקע שטיינער. און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי האָט מען אַזעלכע ריזיקע שטיינער געקענט איבערטראָגן פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן. ווי אַזוי האָבן מענטשן דאַן געקענט הויבן די ריזיקע שטיינער און אַוועקלייגן זיי איינע אויף די אַנדערע אין דער צייט ווען זיי האָבן נישט געוווסט פון מאַשינען, נישט געהאַט קיין הויב מאַשי־נען? און די שטיינער זענען טאַקע ריזיקע. זיי מוזן זיין קאַרגע צוויי יאַרד די לענג און אנדערטהאלבן די ברייט. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן איר זענען די אונטערשטע שטיינער געווען אַ סך העכער פון מיר. די וואַנט טיילט זיך אויף דער אונטערשטער טייל, וואָס איז געבויט אמאָל און דער אויבערשטער, וואָס איז נישט לאנג אויפגעבויט געוואָרן איבער דער אונטערשטער. זי איז שוין א נייע א מאָ־דערנע. איר האָט לעצטנס אויסגעבויט משה מאָנטעפיאָרע, כדי די אַראַבי־שע קינדער זאָלן נישט קענען אַריבערוואַרפן קיין שמוץ, אָדער שטיינער פון דער צווייטער זייט פון וואַנט. די הויך פון דער וואַנט איז 59 פוס.

דער הויף, ווו די יידן שטייען ביי דער וואנט איז אַ לאַנגער און אַ שמאָלער. ער איז אויסגעפלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער. פון אַלע זייטן איז דער הויף פאַרבויט אַזוי, אַז ווען דו געפינסט זיך אין הויף, געפינסטו זיך ווי אין א געמויערטן קאַסטן. בלויז פון אויבן איז אָפן און פון דאנען קענסטו זען אַ שטיקל הימל. די גאַנצע וועלט איז פאַר דיר פאַרמאַכט, בלויז פון לינקן זייט געפינט זיך אַן עפענונג פון וואַנען דו קומסט אַריין און גייסט אַרויס.

אַלעמאָל וועסטו טרעפן ביים אַריינגאַנג צו דער וואַנט אָרימע יידן און יידענעס, וואָס בעטן נדבות. און זיי בעטן טאַקע זייער ענערגיש, און אז דו גיסט זיי נישט, וועלן זיי דיר נאָכגיין מיט געבעט, אָדער טאַקע אמאָל רייסן פאַר די פאָלעס.

דאָס איז ווען דו באַטראַכסט די וואַנט ניכטער, וויסנשאַפטלעך. אָבער דאָס איז נישט די וואַנט. די וואַנט איז אָבער העכער, שענער, פאַנטאַסטיש, לעגענדאַריש. זי פאַרמאַגט אין זיך עפּעס, וואָס ברענגט דיך אַריין אין אַ הייליקן עקסטאַז, וואָס רירט דיך שטאַרק אָן פאַר דער נשמה, וואָס גיט אַ ריס דיין האַרץ און ווירקט שטאַרק אויף דיין פאַנטאַזיע. און דאַן איז שוין

די וואַנט עפּעס אַ הייליקעס, עפּעס אַ נס, וואָס דו זעסט מיט דיינע איי־גענע אויגן. נאָך מער הייליקער ווערט זי ביי די׳ר די וואנט, ווען דו דער־זעסט די באַציונג פון אירע באַזוכער צו איר. עס קומען אהער יידן פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע לענדער, פון אַלע קאָנטינענטן, ווי פאַרשיידן זיי זענען נישט אין זייער אויסזען, אין זייערע קליידער מיט זייערע שפּראַכן, דאָך קומענדיק צו דער וואנט, ווערן זיי עפּעס אַלע פאַראייניקט אין זייער באַציונג צו דער וואַנט, זיי ווערן אַלע ברידער, וואָס זענען אויף לאַנגע יאָרן פאַרוואָגלט געוואָרן איינע פון די אַנדערע, אָבער זיי זענען געקומען ווי ברידער פון איין גרויסער משפּחה און דאָ טרעפן זיי זיך ביי דער וואַנט. זיי אַלע האָבן דורכגעמאַכט אַ ביטערן גלות און קומען אהער צו דער הייליקער וואַנט אויסדערציילן פון זייערע צרות, ליידן, דערנידערונגען און אומגליקן. זיי פאַרטרויען זיך פאַר איר. זיי וויינען, קלאָגן שטאַרק, הייבנדיק די הענט אין דער הויך צו גאָט און וויינענדיק, קלאָגנדיק גלעטן זיי מיט ליבשאַפט די וואַנט, קושן איר, לייגן צו צו איר זייערע פּנימער. און אַזוי יעדן טאָג פון יאָר קומען זיי, די יידן פון די פאַרשידענע לענדער און אַלעמאָל ווערסטו זיי דאָרט טרעפן מיט פאַרווייינטע אויגן און ווען זיי גייען אַוועק דוכט זיך די׳ר, אַז זיי גייען אַוועק מיט האָפענונגען, דערפרישטע, דערקוויקטע, ווייל די וואנט האָט זייער געוויין, זייער קלאָגן און זייער געבעט פאַרן כלל ישראל אויפגענומען. אויסער די פּערזענלעכע און כלל ישראל צרות האָבן זיי גרויס האַרצווייטאָק פון דעם, וואָס זי, די וואַנט, געפינט זיך כאַטש אויף איר פּלאַץ, אין ארץ ישראל און דאָך איז זי אויך אין גלות. זייער וויינ יידן וויינען אַרום איר.

די וואנט האָט נאָך געהאט אַן ערגערן גלות פון אונדז יידן: ביז מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט זי זיך געפונען טיף אין דער ערד, פאַרשאָטן מיט מיסט און שמוץ. דאָס האָבן איר פאַרשאָטן די אַרומיקע אַראַבער אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן מיט די מיסט, וואָס זיי פלעגן אויסקערן פון זייערע הייזער און שטאַלן און מיט די אַלע זאכן, וואָס זיי פלעגן דורך די פענצטער אַרויסוואַרפן פון זייערע הייזער. און מען האָט אַפילו נישט געוווסט, וווהין עס זענען אַהינגעקומען די אַלע פאַרבליבענישן פון דעם בית המקדש און פון די געמויערטע ווענט אַרום אים. גאַר אַ קלייניקייט: 37 מאָל איז ירושלים פאַרכאַפּט געוואָרן פון פרעמדע און אפילו פון דער „בעסטער" פאַרכאַפּונג איז איר קיין געזונט נישט צוגעקומען און אייניקע האָבן איר גרינטלעך חרוב געמאַכט.

עס איז דאָ אַ לעגענדע, ווי אַזוי מען האָט געפונען די וואַנט. מיט אַ פיר הונדערט יאָר צוריק האָט דער דאמאָלדיקער סולטאַן באַמערקט ווי אַ

ביים כותל המערבי אין ירושלים. אונדזער וועג־ווייזער, רבקה גאלין, טייבעלע און נ. מישקאָווסקי

פרוי האָט געבראַכט אָפּפאַל און עס אויסגעשאָטן אויף א הויכן ליידיקן פּלאַץ, וועלכער האָט זיך געפונען אנטקעגן זיין פּאַלאַץ. ער האָט געהייסן איר ברענגען צו אים. אויף זיין פראַגע, פאַרוואָס קומט זי פון דער וויטנס מיט די מיסט און וואַרפט עס אויף דעם פּלאַץ, האָט זי געענטפערט, אַז זי שטאַמט אָפּ פון די רוימער און זי היט אָפּ דעם רוימישן געזעץ, אַז די מיסט זאָל מען וואַרפן אויף דעם אָרט, וויל דאָ האָט זיך געפונען דער אמאָליקער יידישער טעמפּל. האָט דער סולטאַן געהייסן זיינע באַאַמטע גיין אויף דעם פּלאַץ און אריינוואַרפן דאָ זילבערנע מטבעות און ער האָט געלאָזט אויסרופן וועגן דעם פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג. מאַסן אַראַבער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן געפינען די מטבעות, אויסרייניקנדיק דעם פלאַץ פון די מיסט. אַ גאַנצן חודש האָבן די אַראַבער געאַרבעט און זיי האָבן ארבעטנדיק געפונען נישט נאָר די וואַנט, נאָר אויך אויסגערייניקט דעם פלאַץ אַרום דער וואַנט.

איך האָב די וואַנט באַזוכט יעדעס מאָל ווען מיר פלעגט אויסקומען זיין אין ירושלים. און יעדעס מאָל פלעג איך פון דאָרטן אַוועק מיט אַ צעווייטאַקטער האַרץ פון די געוויינען און טרערן פון די מאַסן באַזוכער. איך האָב דאָרט געזען ווייענדיק אונדזערע יידישע ראַדיקאַלן, אַמעריקאַנער יידן אַנגעטאָן אין די מאָדערנע קליידער. בוכארער יידן אין זייערע זיידענע הויזן מיט זייערע ווייסע פוטערנע קוטשמעס, אין זייערע זיידענע פאַרשידנקאָלירטע כאַלאַטן, שפּאַנישע יידן אין זייערע טורבאַנען, תימענער יידן אין זייערע קיטלען, פּוילישע יידן אין זייערע לאַפּסערדאַקעס און וועמען נישט פון אונדזער פאַרצווייגטער יידישע משפחה? נאָר דעם האַרצרייסנדיקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אַ רוסיש־יידישע פרוי, קענטיק נישט לאַנג געקומען פון איר היים ערגעץ פון אוקראַינע. אין אַ ביטערן געוויין איז זי מיטן גאַנצן קערפּער ארויפגעפאַלן אויף די שטיינער, מיט די הענט אויסגעשפּרייט אין דער ברייט פון די שטיינער און האָט אַזוי יאָמערלעך געקלאָגט, אַז די אַלע אַרומיקע זענען געריהרט געוואָרן ביז די טיפעניש פון זייערע הערצער. זי האָט געהאַט אַן אינטעליגענטן אויסזען און איז געווען זייער שיין און מאָדערן אָנגעטאָן. פון איר געוויין האָב איך אין מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע אַרויסגעטראָגן, אַז כוליגאַנעס אין איר אוקראַינישן שטאָט זענען באַפאַלן איר היים, דערהרגעט איר מאַן און אירע קינדער, איר הויז אין גאַנצן חרוב געמאַכט, איר אַליין באַליידיקט אויפן שענדלעכסטן אופן און קוים אַ לעבעדיקע האָט זי זיך פון די רוצחישע הענט אַרויסגעריסן און איז געקומען גלייך פון דאָרט אַהער דערציילן גאָט פון איר גרויסן אומגליק און געפינען דאָ כאָטש אַ ברעקל פאַרלייכטערונג...

קאַפּיטל 46

די מאָדערנע שטאָט ירושלים

מיר איז, מוז איך זיך מודה זיין, זייער שווער צו באַשרייבן די געפילן, די געדאַנקען, די איבערלעבונגען, וואָס האָבן מיך באַהערשט, ווען כ׳בין געקומען צום ערשטן מאָל אין ירושלים. דאָס איז נישט כּאַרבין, נישט מאָסקווע, אויך נישט וואַשינגטאָן און נישט וועלכע ס׳איז אַנדערע שטאָט. גאָר אַ קלייניקייט, איך טרעט איבער ירושלים, איך בין אין ירושלים, איך זע ירושלים! כ׳האָב זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז איך זע מיט מיינע אויגן ירושלים. מיר האָט זיך געדוכט איך גיי אַרום ווי אין אַ חלום. אָבער אַלץ אַרום און אַרום זאָגט עדות, אַז כ׳בין אין ירושלים און מיינע פיס טרעטן איבער איר באָדן. און מיר דוכט זיך, אַז איך טאָר נישט גיין איבערן שטאָט אין די שיך. כ׳דאַרף זיי אויסטאָן און גיין בלויז אין די זאָקן. כ׳טאָר נישט פאַרשוועכן די הייליקייט פון באָדן. כ׳טאָר נישט קוקן מיט מיינע פּשוטע אויגן — כ׳קען נאָך בלינד ווערן. יעדעס ברעקל ירושלים איז דאָך פאַר אונדז א הייליקייט, דערציילט אונדז וווּנדערבאַרע געשיכטעס אָן אַ צאָל, יעדעס שטיינדל, בערגל, טאָל, איז געשיכטע. ירושלים אָטעמט מיט הייליקייט און כמעט אַלע אין ירושלים — ייד צי קריסט צי מאַכמעדאַנער האָט אין גאַנצן אַן אַנדער באַציונג צו ירושלים ווי צו אַלע אַנדערע שטעט אין דער וועלט. ירושלים איז דער וועלטס הויפּט שטאָט, איז דער וועלטס לערערין.

אַ גאַנצן לעבן האָב איך געטרוימט צו זיין אין ירושלים. אָבער מיין טרוים האָב איך קיינעם נישט דערציילט. געטראָגן טיף אין זיך. און איך האָב זיך דערפילט העכסט געהויבן און שטאָלץ, וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין אין ירושלים. און איך האָב איר געבראַכט מיין ליבשאַפט, מיין באַגייסטערונג, מיין עקסטאַז, מיין יידישן טרוים.

און וואָס מער איך האָב איר דערקענט און באַקאַנט זיך מיט איר פּור׳ער ביאָגראַפיע, אַלץ מער איז זי מיר ליב און טייער געוואָרן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין אַרבעטער שלאָף הויז — געשלאָפן אין איין צימער מיט א צוואַנציק יידישע אַבעטער, וועלכע זענען געקומען

פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע, אַפילו אַמעריקע, כדי אַוועקגעבן זייערע יונ־גע כוחות פאַרן ווידערבוי פון ארץ ישראל. איך האָב מיט זיי אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט. איך האָב נאָך אַזאַ אידעאַליזם אין ערגעץ נישט געטראָפן, אין קיין לאַנד נישט געזען. מיר דוכט זיך אַז אַזעלכע העלדן און אידעאַליסטן האָבן מיר אַרויסגעבראַכט צום ערשטן מאָל פאַר די צוויי טויזנט יאָר, זינט אונדזער לאַנד איז חרוב געוואָרן. זיי טראָגן אויף זיך די גאַנצע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר אונדזער שענדלעכן גלות אין דער פאַרגאַנגענהייט, און קעגנוואַרט... זיי ווילן מיט זיך אויסקויפן די גלות זינד און באַפרייען אונ־דזער אומגליקלעך פאָלק. און זיי האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע מיט זייערע באַגרענעצטע כוחות אויסרייניקן דאָס לאַנד פון די חורבות, מיט זייער בלוט און שווייס מאַכן דאָס לאַנד פרוכטבאַר, זיי האָבן אויף זיך גע־נומען בויען הייזער, דורכפירן וועגן, זיי האָבן אויף זיך גענומען אין פאַל פון אַ צרה פאַרטיידיקן דאָס לאַנד... פאַרטיידיקן דאָס יידיש לעבן... פאַר־טיידיקן די דעראָבערטע פאָזיציעס... און זיי טוען דאָס העלדיש... און אונ־דזער געשיכטע וועט זיי פאַרשרייבן ווי הייליקע יידישע אַרבעטער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַזאַ אַרבעטערשאַפט האָב איך אויף דער גאַנצער וועלט נישט געטראָפן.

איך בין אַרויס אין גאַס. דאָס איז געווען אַ שמאָלע געסל נישט ווייט פון דער הויפט גאַס אין ניי ירושלים — די יפור גאַס. דאָס געסל איז ווי אַ געסל אין אונדזערע ליטווישע שטעטלעך מיט דעם אויסנאַם, וואָס דאָרט זענען די גאַסן מיט הילצערנע הייזער און דאָ זענען די הייזער געמויערטע פון גרויסע ווייסע מאַסיווע שטיינער. די הייזער זענען זייער אַלטע און זאָגן עדות, אַז זייערע באַלעבאַטים זענען זייער אָרימע. דערפאַר איז די יפור גאַס אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט. געפינסט דאָ הייזער אין די פאַר־שידנסטע סטילן, אַרכיטעקטורן. דאָ קומט זיך צונויף דער אָריענט און אייראָפּע און לויט די גרויסע מויערן קען מען אונטערשיידן ווער עס האָט די הייזער געבויט: אַראַבער, טערקן, יידן, גריכן, שפּאַניער, פראַנצויזן, רוסן, אַמעריקאַנער, אַפריקאַנער... אויך טרעפסטו דאָ יידן פון דער גאַנצער וועלט. זעסט דאָ ירושלימער יידן, די מערסטע מיט לאַנגע פאות און בערד אָין די לאַנגע לאַפּסאַרדאַקן און ברייטע קאַפּעלושן. טרעפסט די בוכאַרער יידן אין זייערע פאַרשידנקאָלירטע קליידער, טרעפסט יידן אין פעסקעס, יידן אין שטריימלעך, טרעפסט אונדזערע יידן אָנגעטאָן אייראָפּעיש, טרעפסט אונדזער יוגנט — די חלוצים אין זייערע קורצע הייזקעס און אין בלוזעס, באַגע־גנסט אַראַבער אין זייערע לאַנגע כאַלאַטן, שטעק שיך און דעם קאָפּ באַדעקט מיט אַ טיכל, אָדער אַראַבערקעס מיט פאַרדעקטע פנימער. אַ שוידערלעכן

איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די פאַרשידענע גלחים פון די פאַרשידע־נע קריסטלעכע רעליגיעס, די מאָנאַכן און די מאָנאַשקעס. זיי זענען אַלע אָנגעטאָן אין שוואַרצן, שטעכן דיך דורך מיט די אויגן און איך האָב זיי פיינט, ווייל זיי דערינערן מיך אָן די טאָרקוועמאַדאָס, לאָיאָלאַס, אינקוויזי־ציעס, יעזואיטן מיט זייער פאַלשקייט, אינטריגעס, אָן אונדזערע פאַרביסנס־טע שונאים... זיי דערמאָנען מיך דעם מיטלאַלטער — דאָס שרעקלעכסטע אין אונדזער מאַרטירער געשיכטע. צו דער זעלביקער צייט לויפט ביי מיר דורך אַ געדאַנק מיט אַ פראַגע: וואָס לעבן זיי דורך, ווען זיי זעען ווי מיט יעדן טאָג קומען דאָ צו יידן, עס קומען צו חלוצים, וואָס אין ירושלים איז די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אַ יידישע, וואָס די ניי אָנגעקומענע יידן האַלטן זיך ווי בעלבאַטים אין שטאָט און זענען שטאָלצע, באַוווסטזיניקע יידן, וואָס וועלן זיך נישט לאָזן באַליידיקן, דערנידעריקן, ווי אין די אמאָ־ליקע אלטע צייטן פון מיטלאלטער, ווען איבער דער וועלט האָט געהערשט זייער פינצטערניש, פאַנאַטיזם.

ירושלים איז אַ גרויסע שטאָט און אומעטום טרעפסטו בערגלעך און אַפילו בערג, טאָלן, פעסט געמויערטע ווענט. זי באַשטייט פון ירושלים גופא און אירע פאַרשטעטלעך. אמאָל איז ירושלים געווען אָפּגעטיילט פון דער אויסערער וועלט מיט מויערנע צאמען, אַפילו מיט די מויערנע ווענט איז זי געווען אָפּגעטיילט פון אירע פאַרשטעטלעך. היינט זענען די ווענט צע־שמעטערט. אָדער צעפאַלן זיך פון אַלטקייט. דאָך טיילן פון די ווענט טרעפס־טו אומעטום, וווהין נאָר דו גייסט. ירושלים איז אין מיין צייט נאָך נישט געווען פאַרבויט אין גאַנצן. זייער אָפט האָסטו געטראָפן א סך ליידיקע פּלע־צער, וועלכע וואַרטן אויף זייער אויפריכטונג. אומעטום טרעפסטו קריסט־לעכע קלויסטערס, מאָנאַסטירן, אינסטיטוציעס, וווילטעטיקע קריסטלעכע געזעלשאַפטן, ברודערשאַפטן, שפּיטאָלן, קריסטלעכע מיסיאָנערישע קרעמ־לעך, און דאָס אַלץ איז ווי א דיסאָנאנס צום אמת נאַטירלעכן ירושלים און עס מאַכט אויף דיר א שלעכטן איינדרוק. דערפאַר פון צווייטן זייט זעסטו אין פּרעקטיקע געביידעס די פאַרשידענע ציוניסטישע אינסטיטוציעס, יידי־שע חדרים, תלמוד תורות, ישיבות, יידישע שפּיטאָלן, וווילטעטיקע אינס־טיטוציעס, יידישע געשעפטן, יידישע האָטעלן, יידישע אַרבעטער אינסטי־טוציעס, קיכן, שלאָף הייזער, אין די גאַסן דוכט זיך, אז די יידישע שפּראַך איז די הערשנדע, נאָך איר קומט העברעיש, דערנאָך אַראַביש און די אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. כמעט אַלע רעגירונגען פון אייראָפּע האָבן דאָ זייערע פּאַלאַצן, הויפן, אינסטיטוציעס. רוסלאַנד האָט דאָ אַ גאַנצן „דוואָ־רעץ" מיט הייזער און אינסטיטוציעס, קלויסטער, שפּיטאָלן, רעסטאָראַנען,

הייזער פאַר די פּילגרימען. זי האָט זיך דאָ פאַרנאַנדערגעלייגט ווי ביים טאָטן אין ווייגאָרטן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי די אַלע רעגירונגען זוכן וואָס שטאַרקער זיך דאָ באַפעסטיקן און ווירקן.

באַטראַכטנדיק די שטאָט שטויסטו זיך אָפט אָן אָן פאַרשידענע קלויס־טערס, מעטשעטן, מעדרזינען, טורעמס, קריסטשען אַסאָסיאיישאַנס מיט העברעישע אויפשריפטן: „ד' אלוהינו" אָדער „ד' אחד". זונטיק, אַז די אַלע קלויסטער גלעקער הייבן אָן צו קלינגען, איז נישט אויסצוהאַלטן.

דערפאַר האָב איך געהאַט גרויס פאַרגעניגן, ווען איך בין אַרויף אויפן באַרג הצופים און איך האָב דערזען די פּאָר געביידעס פון דעם העברעישן אוניווערזיטעט. זאָלן „זיי" בויען קלויסטערס פון פינצטערניש — מיר הויבן אָן מיט אַן אוניווערזיטעט.

מיר בויען אַ בצלאל שול פון קונסט, אַ היים פאַר קונסט, אַ מוזיי פון קונסט ווערק.

זייט ביי זייט מיט די אַלטע עדות פון אונדזער ירושלימער געשיכטע אין משך פון טויזנטער יאָרן, שטויסן מיר זיך אָן אויף יעדן אָרט אויף עדות פון אונדזער איצטיקער געשיכטע, פאַר די לעצטע 65 יאָר פון דעם אָנ־הויב פון אונדזער בילו באַוועגונג. פון דעם אָנהויב פון אונדזער ווידער־אויפבוי פון אונדזער לאַנד.

אַלטמאָדישע הייזער זעסטו זייט ביי זייט מיט די מאָדערנע מויערן, אָריענטאַלישע קראָמען אנטקעגן איצטיקע גרויסע, גערעמע, אייראָפּעישע מאַגאַזינען, קליינע פאַרדרייטע שמאַלע געסלעך פאַלן אריין אין גרויסע ברייטע, שיינע, מאָדערנע גאַסן מיט טראָטואַרן, באַלייכטונג, פאָסט קעסטלעך. צוזאַמען מיטן אַראַבער אָדער אַלטמאָדישן יידן אויף אַן אייזל לויפן אויך אויטאָמאָבילן, באָסעס, באַנען. צוזאַמען מיט די אַמאָליקע שטעק שיך, אָדער גאָר אָן שיך, מיט אַ שמוציקער לאַנגער העמד און אַ כאַלאַט פון אויבן, זעסטו מענטשן אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט לויט דער לעצטער פאַריזער מאָ־דע. אין דער צייט ווען דער אַראַבער אָדער דער ייד פאַרקויפט זיין ציגע־נע מילך אויפן הויף אויסמעלקנדיק די ציג גלייך פאַרן קויפער אין די אויגן, ווערט פאַרקויפט מילך אין די שפּייז קראָמען, סטירילייזירטע אין מילך פלעשער. דאָס זעלבע מיט אַלע אנדערע שפּייז פּראָדוקטן. אויף די ירושלימער גאַסן קענסטו טרעפן פירמעס, וועלכע וואָלטן זיך נישט גע־דאַרפט שעמען צו שטיין אויף די פאַראַדנע גאַסן פון ניו יאָרק אָדער ווין. און דאָס אַלטע האָט זיך גאַנץ גוט איינגעלעבט מיט דאָס נייע, מיט דאָס מאָדערנע. ספּעציעל שיין איז דער געגנט, וואָס איז באַוווינט פון די ענג־לענדער — אונדזערע נייע באַלעבאַטים. דער געגנט זעט אויס ווי אַ גאָרטן

שטעטל, א שטיקל קאַליפאָרניע. און עס וועט קומען די צייט און דער געגנט וועט צו אונדז באַלאַנגען.

אָבער די באַליבטסטע גאַס פון דער ירושלימער באַפעלקערונג איז די הויפּט גאַס — די יפור. פאַר מיר איז זי געווען, אויסער אַלט שטאָט, די אינטערעסאַנטסטע גאַס אין ירושלים.

אינטערעסאנט איז ירושלים פרייטיק אָוונט און שבת א גאַנצן טאָג. אַלע טוען זיך לכבוד שבת אָן יום טובדיק. אן אויסערגעוויינלעכן שיינעם איינדרוק מאַכן אויף דעם ניי געקומענעם די פאַרשידנהייט פון די שבתדי־קע קליידער ביי יידן פון די פאַרשידנסטע לענדער פון איראָפּע, אזיע און אַפריקע. און דאָס בילד פון די פאַרשידענע יידן אין זייערע ספּעציפישע קליידער איז אן אויסטערלישע. אָט שטייען יידן אין זיידענע ברייטע מאַנט־לען פון די פאַרשידנסטע קאָלירן, אנדערע זענען אָנגעטאָן אין זיידענע הויזן מיט ווייסע פוטערנע היטלען אויף די קעפּ, אַנדערע טראָגן אויף זיך די טערקישע טורבאַנען מיט שווארצע מאַנטלען, אנדערע טראָגן איראָ־פּעישע קליידונג מיט פעסקעס אויף די קעפּ. פרייטק אָוונט גייען א סך פון זיי צום כותל מערבי. גייען וואַזשנע, מיט שטאָלץ — אראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע וואָכעדיקייט. אויף זיי אַלעמען איז אויסגעגאָסן די הייליקייט פון שבת. זיי זענען שבתדיקע יידן, פרינצן. אָבער נישט אַלע יידן דאַוונען צו־זאַמען. אַשכנזים, חסידים, די פרענקן דאַוונען באַזונדער מיט זייערע חזנים, אָדער בעלי תפילות, און יעדערער מיט זיין נוסח. און די אַלע נוסאות און די פאַרשידענע נגונים פון די פרענקן, חסידים, אשכנזים מישן זיך צוזאַמען. אָבער קיינער שטערט נישט דעם צווייטן.

דער שבתדיקער טאָג פילט זיך שוין גאָר שטאַרק אין ירושלים. כמעט אַלע געשעפטן זענען געשלאָסן. ביי דער אַרבעט קענסטו זען נאָר אַראַבער. אַראַבער שטיוול פוצער, וואַסער פאַרקויפער, קליינע הענדלער. איבער די גאַסן שפּאַצירן יום טובדיקע יידן, אָנגעטאָן אין דאָס שענסטע, וואָס זיי פאַר־מאָגן און רעדן פון „היכל ענינים". וועסט טרעפן גרופּנווייז חלוצים און חלוצות אין גאַס, זינגענדיק העברעישע לידער. יידן רעדן מערסטנס יידיש און טאקע א גוטן יידיש. אפילו די יידישע פּאָליציי זעט אויך אויס שבתדיק און זי רעדט אין גאַס בלויז העברעיש און באַציט זיך צום עולם שבתדיק... ירושלים איז דורכויס אַ יידישע שטאָט מיט אן איבערוועגנדע מערהייט פון יידן. דאָ האָט דער שבת אן אינהאַלט, א גרעסערן זין ווי אומעטום אויף דער וועלט. אַפילו די נישט יידישע באַפעלקערונג האָט אן אויסערגעוויינ־לעכע גוטע באַציונג צום יידישן שבת. און נאָך עפּעס, כמעט אַלע יידן, אראַ־בער, קריסטן, באַטראַכטן די שטאָט, אַלס אַ הייליקע, און ארץ ישראל אַלס

אַ הייליקע לאנד. אין דעם זין האָט ירושלים אויך אויף מיר געווירקט. איך האָב זיך די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין ירושלים, נישט גע־קענט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז איך געפין זיך אין דער הייליקער שטאָט, אַז איך באטרעט דעם הייליקן באָדן, אַז אַלץ וואָס מיינע אויגן זעען אַרום און אַרום איז הייליק.

זייענדיק אין תל אביב, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף מיינער א לאַנדס פרוי, וועלכע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איך האָב דאָ אין ירושלים אַן עלטער פעטער מרדכי זיסל און אַן עלטער מומע שרה עלקע, אַז זיי געפינען זיך אין בית מושב זקנים אויף יפור גאַס. אַז איך בין שוין דאָ, האָב איך געטראכט וויל איך זיי זען. דעם פּלאַץ האָב איך גרינג אויסגעפו־נען און בין אריין צו זיי.

דערקלערט זיי ווער איך בין און זיי האָבן זיך מיט מיר זייער דער־פרייט. ביי זיי אין די אויגן בין איך געווען א קרוב, וואָס איז געקומען ווי פון יענער וועלט. פאַר דער גאנצער צייט, וואָס זיי זענען אין ארץ ישראל האָבן זיי קיין קרובים דאָ נישט געזען. א שיינע פאָר שעה האָבן מיר צוזא־מען פאַרבראַכט און די אלטיטשקע איז ארויסגעגאנגען פאַר מיר איינקויפן כיבוד, אָנגעוואַרימט פאַר מיר טיי. מיר האָבן זיך צערעדט וועגן אונדזערע פעקל נאָענטע קרובים אין לעכעוויטש, קאפולע, ניעסוויזש, קלעצק, ניו־יאָרק, מאָנטרעאל, שיקאגאָ, מאָסקווע, וואַרשע, מינסק, אָדעס. וועגן זיך, האָבן זיי מיר דערציילט, אַז זיי איז גאָט צו דאנקען גוט — די בריליאַנ־טענע קינדער זייערע, פון מאָנטרעאָל האַלטן זיי אויס אויפן שענסטן און בכבודיקסטן אופן. יעדן חודש קריגן זיי פון זיי געלט, אַזוי, אַז זיי דאַרפן צו קיינעם נישט אָנקומען נאָך הילף. זיי צאָלן דאָ דירה געלט, עסן פאַר זיך דאָס, וואָס זי קויפט איין און קאָכן פאר זיך באַזונדער טאקע דאָ אין זייער צימער. זיי פילן זיך גליקלעך, וואָס זיי זענען דאָ, אין דער הייליקער שטאָט.

אין געשפּרעך האָבן זיי מיר צווישן אנדערס דערציילט, אַז מיין עלטער זיידע הערשל דער שרייבער (סטאראָסטע פון לעכעוויטש מיט א הונדערט יאָר צוריק) איז געשטאָרבן דאָ אין ירושלים און איז נקבר געוואָרן אויפן הר הזיתים. מיין עלטער פעטער האָט מיר אָנגעשריבן אויף א פאַפיר די אַלע סימנים, לויט וועלכע איך זאָל געפינען זיין קבר און מצבה און טאקע אויף מאָרגן בין איך אַהין אַוועק. מיט א מאָדנעם געפיל בין איך געגאנגען איבערן בית עולם, וו עס זענען באַגראָבן אפשר הונדערטער טויזנטער יידן

פון דער גאנצער וועלט, וועלכע זענען געקומען אין ירושלים, כדי דאָ צו שטאַרבן און באַגראָבן ווערן טאַקע דאָ, אויפן הר הזיתים. און מיט אן אי־גערלעכן שטאָלץ האָב איך באַטראַכט די מצבה אויפן הר הזיתים איבערן קבר פון מיין עלטער זיידן צבי מישקאָווסקי. עפּעס איז דער בית עולם מיר נאָענט און טייער געוואָרן...

קאַפּיטל 47

די שומרונים

די לעצטע רעשטלעך פון אַן אונטערגייענדיקן שבט

מיט יאָרן צוריק, פאַרנדיק קיין קאַליפאָרניע, האָב איך זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט אין פעניקס, אַריזאָנאַ. נישט ווייט פון דער סטאַנציע האָב איך באַמערקט אַ גרופּע אינדיאַנער, זיצנדיק אויף טעפּיכער אויף דער ערד. לעבן יעדער פאַמיליע איז געווען אָנגעוואָרפן אויף דער ערד צום פאַרקויף די פּראָדוקטן, וואָס זיי אַרבעטן אויס: שנירלעך מיט פּאַטשערקעס, קערבלעך, געשניצטע געפעס, געמאָלענע טעפּ און קריגלעך, הילצערנע שפּילצייג אד״ג. זייער אויסזען האָט אויף מיר אַ שוידערלעכן איינדרוק געמאַכט, גאַרנישט ענלעך צו מיין פאָרשטעלונג וועגן זיי, וועלכע האָט זיך ביי מיר געשאַפן פון די פאַרשידענע מעשיות, דערציילונגען, ביכ־לעך און מוויס, וועלכע האָבן זיי געשילדערט ווי גוטע רייטער, בראַווע יונגעל, העלדן... אויף זייערע געזיכטער איז געווען אַ רושם פון פאַרמאַ־טערטקייט, פוילקייט, אַפּאַטיע. ווען איינער פון זיי האָט זיך אַ ריר געטאָן, כדי עפּעס צו ווייזן, אָדער צו דערלאַנגען, האָט מען גלייך געקענט באַמערקן, אַז אין דער פאַרבליבענער ביסל פון די לעבעדיקע אינדיאַנער איז כמעט גאַרנישט פאַרבליבן פון דעם, וואָס רופט זיך אָן לעבן. איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל ווי אַ ראַסע האַלט ביים אויסשטאַרבן.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן די אינדיאַנער, ווען איך האָב דערזען אין ארץ ישראל די שומרונים ביי זיך אין דערהיים און ביים דאַווענען יום כפּור אין אַ קליינעם צימער אין נוה שלום. אין גאַנצן איז די גרופּע באַשטאַנען פון 12 פּערזאָן און דאָס זענען געווען די אַלע שומרונים פון יפו. פון די הונ־דערטער טויזנטער שומרונים פון אמאָל זענען היינט צו טאָג פאַרבליבן אַרום און אַרום נישט מער ווי אַ 150.

מיר איז אויסגעקומען אין יפו וווינען אין שכנות טיר לעבן טיר מיט אַ שומרונישע משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון די אַלטע עלטערן: רב פּרץ מיט זיין פרוי און זייערע פיר קינדער — אַלע אויסגעגעבענע — דריי

זין און איין טאָכטער. און מיר זענען איינע מיט די אַנדערע געווען זייער באַפריינדעט. זיי פלעגן אָפט אריינקומען צו אונדז און מיר צו זיי. אַלע זע־נען זיי געווען שיינע, הויכע, שלאַנקע. זיי האָבן אַלע גערעדט אין אייניקע שפּראַכן און די זין האָבן אַפילו געקענט רעדן פראַנצויזיש און ענגליש און האָבן געאַרבעט פאַר דער בריטישער לאָקאַלער רעגירונג. אַלע צוזאַמען האָבן זיי פאַרנומען צוויי צימערן. ווי אַזוי זיי האָבן געקענט אַלע וווינען אין דער קליינער דירהלע, איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש ביז היינ־טיקן טאָג... די שטוב שפּראַך איז ביי זיי געווען אַראַביש, אָבער מיט יידן האָבן זיי גערעדט אין העברעיש, מיט די טערקן אין טערקיש און די זין האָבן מיט די אייראָפּעער גערעדט אין פראַנצויזיש אָדער ענגליש. די אַלטע זענען געווען אָנגעטאָן אַראַביש און די קינדער אייראָפּעיש, נאָר מיט אַ פעסקע אויפן קאָפּ. זיי זענען געווען זייער פרום אויף זייער שטייגער און ציוניסטיש געשטימט, כאָטש אידעאָלאָגיש און פסיכיש האָבן זיי געלעבט אין דער עפּאָכע, ווען יידן זענען נאָך געווען זעלבסטשטענדיק אין ארץ ישראל. און פאַר מיר איז דאָס געווען העכסט אינטערעסאַנט. דער אַלטער רב פרץ האָט פאַרנומען דעם אָנגעזעעסנטן אָרט צווישן די שומרונים אין יפו — געווען זייער רב און וועג ווייזער. די אַלטע איז געווען אַן אַזוי גע־רופענע דאָקטאָרין ביי די אַראַבער: זי פלעגט זיי היילן מיט גרינס און פאַרשידענע שמוציקע וואַסערן.

זיי האָבן געדאַווענט יום כפור פון אַזייגער פינף אין דער פרי אַ גאַנצן טאָג אָן אַן אויפהער, הויך אויסזינגענדיק אַלע צוזאַמען גאַנץ האַרמאָניש און העכסט ליריש די תפילות זילבע נאָך זילבע, וואָרט נאָך וואָרט. זיי זע־נען אַלע געזעסן אויף טעפּיכער אויף דער ערד, אָנגעטאָן אין קיטלען און טליתים אויף זייערע אַראַבישע קליידער און מיט טערקישע פעסקעס אויף די קעפּ. זייער דאַוונען האָט מיך פאַראינטערעסירט און אַזוי ווי די „שול" זייערע איז געווען אין שכנות מיט מיין צימער, האָב איך זיך אַ גאַנצן טאָג צוגעהערט צו זייער דאַוונען און האָב די גאַנצע צייט געזוכט כאָטש איין ניגון, איין מוזיקאַלישן בייג, איין דריידל אין זייער זינגען, וואָס עס איז, וואָס זאָל זיין ענלעך צו אונדזער יום כפורדיקן זינגען אין דאַוונען, נאָר מיין זוכן איז געווען אומזיסט: איך האָב קיין ענלעכעס נישט געפונען — זייער זינגען איז אין גאַנצן אַנדערש פון אונדזערן. ס'איז אמת אָריענטאַ־ליש, נאָר נישט אין אונדזער יידישן, נאָר אין לאָקאַלן ארץ ישראלדיקן גייסט. און אפשר איז דאָס געווען אונדזער אמאָליקער ארט פון זינגען — דאָס נעם איך זיך נישט אונטער צו באַהויפּטן.

ראש השנה, יום כפור און סוכות איז ביי די שומרונים יענעם יאָר

די ערשטע תורה פון דער שומרונישער קהלה אין שכם

(1921) אויסגעפאַלן מיט אַ טאָג פריער, ווי ביי אונדזערע יידן און דאָס האָט זייער שאָקירט די אשכנזים, ספרדים און די תימנער יידן. גאָר אַ קלייניקייט: ביי אונדז איז יום כפור און ביי זיי איז שוין נאָך יום כפור. זיי עסן, טרינ־קען, אַרבעטן, ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג אין יאָר...

אינטערעסאַנט איז, וואָס די שנאה צווישן די יידן און די שומרונים, וועלכע האָט אירע וואָרצלען מיט טויזנטער יאָרן צוריק — איז נאָך גאַנץ פריש אַפילו היינט צו טאָג. די יידן קענען נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן די איינוווינער פון שכם פאַר זייערע מסירות, פּראָוואָקאַציעס און די ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דער יידישער געשיכטע. די יידן באַ־טראַכטן זיי נישט פאַר יידן און דאָס קרענקט די שומרונים אויפן העכסטן גראַד. מיט די פויסטן אויפן האַרצן שווערן זיי, אַז זיי זענען די אמתע יידן, שטאַמען פון שבט מנשה און אפרים און האָבן אָפּגעהיט זייער נאַציאָנאַלע ריינקייט מער פון אונדזערע יידן, נישט קוקנדיק אויף די אומבאַשרייבלעכע שרעקלעכע אומשטענדן, אונטער וועלכע זיי האָבן זיך די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר געפונען אין לאַנד. זיי זענען געווען די איינציקע יידן, וועלכע נישט די רוימער, נישט די גריכן, נישט די צלם־טרעגער, און נישט די מאַכמעדאַ־נער האָבן געקענט אַפּרייסן פון לאַנד. אמת איז, אַז דאָס האָט זיי צו טייער געקאָסט, נאָר זיי האָבן זיך מיט דעם נישט גערעכנט.

צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע ווערן די שומרונים דערמאָנט אין פערצנטן יאָרהונדערט פ"ק אַלס די איינוווינער פון שכם, צווישן די בערג עיבל און גריזים, אַ געגנט זייער אַ רייכע אין וואַסער און גרינס. דאָרט ווייזט מען נאָך היינט צו טאָג יעקב׳ס ברונים און יוסף׳ס קבר. די שומרו־נים האָבן אין דער צייט פון דער יידישער הערשאַפט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן און האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט א יידישע רעליגיעזע סעקטע, וועלכע האָט זיך גאַנץ גיך אַנטוויקלט. זיי האָבן פאַרהייליקט נישט ווי אַלע יידן דעם באַרג מוריה, נאָר דעם באַרג גריזים. זיי זענען די איינציקע יידן, וואָס פאַרמאָגן נאָך ביז היינטיקן טאָג א כהן גדול. אָבער די יידן פון דער וועלט האַלטן זיי נישט פאַר ריין בלוטיקע יידן, וואָס זענען קינדער פון די צען יידישע שבטים. אָבער דאָך גיבן זיי צו, אַז די שומרונים זענען פון סעמיטישן אָפּשטאַם. אונדזער ספר מלכים דערציילט, אַז סרגון, דער קע־ניג פון אשור, האָט זיי מיט אַרום 2700 יאָר צוריק באַזעצט אין די פּלע־צער פון די פאַרטריבענע יידן אין דער געגנט פון שומרון. מיט דער צייט האָבן זיי אָנגענומען די יידישע רעליגיע, די יידישע געזעצן, אָפּהיטנדיק צו דער זעלביקער צייט די דינים און מנהגים פון זייער פריערדיקער געצנ־דינערייַ, וועלכע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. די יידישע רעליגיע מיט גע־

צנדינעריי האָט נישט געקענט לאַנג הויזן און דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן אין גאַנצן פאַרוואָרפן די געצנדינעריי און האָבן אָנגענומען די ריינע יידישע רעליגיע. דאָך האָבן זיי זיך מיט די יידן נישט אויסגעמישט אפילו נישט רעליגיעז. זיי האָבן געהאַט פריער זייער באַזונדער משכן אויפן באַרג גריזים, דערנאָך, אַז די יידן האָבן פאַרניכטעט דעם משכן, האָבן זיי אויס־געבויט פאַר זיך אַן אייגענעם בית המקדש אויפן זעלבן באַרג גריזים. און כאָטש זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן אמתע כשרע, פרומע יידן, האָבן דאָך די יידן זיך נישט געקענט מיט זיי איינלעבן און עס פלעגן פאָרקומען אָפ־טע קריגערייען צווישן זיי און די יידן, ביז עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז זיי זענען געוואָרן קעגנזייטיקע שונאים איינע פון די אַנדערע און די שנאה האָט דערפירט צו דעם, אַז די יידן האָבן זיי אויסגעשלאָסן פון זייער כלל. און דערפאַר טראָגן זיי אַ כעס אויף אונדז ביזן היינטיקן טאָג.

דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן זיי נישט אויפגעגעבן זייער יידישקייט און זייער יידישע זעלבסטשטענדיקייט און פאַרגעזעצט זייער באַזונדער עקזיסטענץ, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זייער געשיכטע פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, איז אַ געשיכטע פון מלחמות, פון מאַרטירעריי, פון אויסגעראָטן ווערן פון די מאַכמעדאַנער און די קריסטן, וואָס זענען גע־קומען פון אייראָפּע מיט דעראָבערישע צוועקן. נאָך יעדער מלחמה, נאָך יעדן אָנפאַל זענען זיי אַרויס שטאַרק אָפּגעשוואַכט און דער סך הכל: איצט שטעלן זיי מיט זיך פאַר נישט מער, ווי 150 נפשות און דער גאַנצער שומ־רונישער שבט פאַרנעמט בלויז איין קליינע געסל אין שכם. זיי האָבן ביז היינטיקן טאָג אָפּגעהיט די תורה פון משהן, אנערקענען נישט קיין תלמוד, נישט קיין נביאים, זיי מאַכן נישט קיין פייער פרייטיק אָוונט און זיצן אין דער פינצטער. שבת, פאַרן דאַוונען גייען זיי אין מקוה און זיי באָדן זיך. נאָכדעם טוען זיי זיך אָן אין ווייסן און גייען אין שול דאַוונען. דריי מאָל אין יאָר גייען זיי אויפן באַרג גריזים — ווו עס האָט זיך געפונען זייער בית המקדש, דאָס איז אין שבועות, סוכות און פסח. אויך זענען זיי מקריב דעם קרבן פסח אויפן באַרג גריזים. פון די אויסשלאַכטונגען און רויבערייען אי־בער זיי זענען זיי שטאַרק פאַראָרימט געוואָרן. מערסטנס זענען זיי קליינע הענדלער, האַנטווערקער, אָנגעשטעלטע.

ביז אַהער זענען די שומרונים געווען פון דער ריינסטער סעמיטישער ראַסע. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געמישט מיט אַנדערע ראַסן. אפילו חתונה האָבן מיט אונדזערע האָבן זיי נישט געטאָרט. און דאָס אליין האָט אויך שטאַרק געווירקט אויף דער פאַרקלענערונג פון זייער באַפעלקערונג. לעצטנס פעלן אויס ביי זיי פרויען אַזוי אַז אַ סך מענער זענען נאַטירלעך

פאַראורטולט נישט חתונה צו האָבן. איצט האָט שוין דער כהן גדול דער־לויבט אייניקע יונגע לייט חתונה צו האָבן מיט אונדזערע חלוצות און עס זענען שוין געווען פיר אַזעלכע פאַלן.

דער אינטערעסאַנטסטער יום טוב איז ביי זיי פסח. ערב פסח ציען זיי זיך אַרויס פון זייערע הייזלעך אויפן באַרג גריזים, לייגן דאָרט פּאַנאַנדער זייערע געצעלטן און דאָרטן פאַרברענגען זיי דעם גאַנצן יום טוב. זיי קוי־לענען דאָרט שעפּסן פאַר די אַלע פאַרזאַמלטע אויפן הייליקן באַרג און פירן דאָרט אַ לעבן, ווי זיי האָבן געפירט מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווי אין די צייטן פון תנ״ך. די אַלטע פירן אָן מיט די צערעמאָניעס און די יונגע האַלטן אָן דעם פייער ארום מזבח, איבער וועלכן עס הענגט א ריזי־קער קעסל מיט וואַסער. זיי בראָטן די קרבנות אויף לאַנגע שפּיזן. די צע־רעמאָניעס פון סדר הויבן זיך אָן אין ערשטן אָוונט פון פסח מיט לייענען פּסוקים פון דער תורה. די שוחטים שעכטן די שעפּסן, רייניקן זיי, אונ־טערזוכן זייער כשרות און וואַרפן דאָס פלייש אין די קאַלך אויוונס און דער גאַנצער עולם פאַרברענגט די צייט, ביז דאָס פלייש ווערט פאַרטיק, אין תפילות. ערשט אַרום האַלבע נאַכט נעמט מען אַרויס פון די קאַלך אויוונס די קרבנות, יעדערער נעמט זיין קרבן און גייט אין זיין געצעלט מיט זיין הויז געזינט עסן.

אין קאַמף פאַר דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ ישראל האָבן די שומרונים אַזאַ שטאַרקן און העלדישן אָנטייל גענומען, אַזאַ ווידער־שטאַנד די רוימער אַרויסגעוויזן, אַז יענע זענען געווען געצוווּנגען קעגן זיי אַרויסשיקן באַזונדערע לעגיאָנען, אונטער דער פירערשאַפט פון צע־רעוסן. די לעגיאָנען האָבן אין די שלאַכטן אויסגעהרגעט 11,500 שומרונים און זיי באַזיגט.

אין 490־טן יאָר נ. ק. זענען די שומרונים באַפאַלן די קריסטן פון זייער געגנט און זיי אַלעמען אויסגעהרגעט. דערפאַר האָבן די ניי אָנגעקומענע קריסטלעכע אַרמייען זיי פאַרטריבן פון שכם. דאָס האָט די שומרונים אויף אַזוי פיל צערייצט און נישט געלאָזט רוען, ביז זיי האָבן זיך אין יאָר 523 אויפן גרויזאַמסטן אופן אָפּגערעכנט מיט די קריסטן: זיי האָבן כמעט אַלע אויסגעהרגעט, פאַרניכטעט די קריסטלעכע קירכן און געטויטעט אפילו דעם בישאָף. אַלס ענטפער אויף דעם האָבן זיך די קריסטן מיט א נייעם חיל אַ וואָרף געטאָן אויף די שומרונים און זיי אויף אַזויפיל גרויזאַם פאַר־פאַלגט און געפייניקט, אז יענע זענען געצוווּנגען געווען אין מאַסן איבער־גיין צום קריסטנטום. דאָך נישט קוקנדיק אויף די אַלע רדיפות און מלחמות, האָט מען זיי נישט געקאָנט אין גאַנצן פאַרניכטן. אַפילו די צלם־טרעגער,

וואָס האָבן איינגענומען צוויי מאָל שכם און פאַרניכטעט כמעט אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט צו טאָן מיט יידן און יידישקייט, האָבן דאָך נישט געקענט אין גאַנצן זיי אָפּטויטן, כאָטש זיי זענען צו יענער צייט געווען שוין זייער קליין אין צאָל. פּו די מוסולמאַנישע באַלעבאַטים האָבן זיי אויך געהאַט אַ היבש ביסל אויסצושטיין און ליידן נאָך פון זיי ביז היינטיקן טאָג.

די מוסולמאַנישע אונטערדריקונג און דאָס אָפּגעריסנקייט פון די יידן, וועלכע האָבן זיך שוין פון לאַנג געפונען אין גלות, האָט אַ סך שומרונים פאַרצווייפלט אין זייער קאַמף פאַר זייער „זעלבסטשטענדיקייט" אַז איינ־ציגווייז און צייטנווייז אין מאַסן האָבן זיי פאַרלאָזן זייער קאמף פאַר יע־האָוואַ און זענען אַריבער צום איסלאַם. און אין גאָר אַ גרויסן טייל פון דער איצטיקער ארץ ישראלדיקער אַראַבישער באַפעלקערונג פליסט שומרוני־שע בלוט. אָבער דער מאכמעדאַניזם האָט דאָס אינגאַנצן נישט געקענט פאַרדייען און ביי די איצטיקע אַראַבער פון ארץ ישראל קען מען אין די מעשיות, טראַדיציעס, מנהגים, אין זייער גלויבן אין די יידישע קדושים און זייער פאַרהייליקן די פאַרשידנסטע קברים און אין זייערע לעגענדעס, באַמערקן שטריכן פון יידישקייט.

די שומרונים אַליין האָבן מיר געזאָגט, אַז לויט די נעמען, צונעמען פון די אַראַבער קענען זיי גלייך דערקענען צי זיי זענען פון אַראַבישן צי פון יידישן אָפּשטאַם. היינט צו טאָג זענען דאָס די אור־אור אייניקלעך פון די אַמאָליקע שומרונים — היינטיקע מוסולמענער — די גרעסטע שונאים פון יידישן פאָלק, פון דעו יידישער אויפלעבונג און מער פון אַלעמען ליידן פון זיי די שומרונים אַליין.

די יונגע שומרונים דערנענטערן זיך צו אונדז און וואָלטן זייער וועלן אויסמישן זיך מיט אונדז, נאָר זיי טרעפן אָן א ווידערווילן ביי אונדזער יוגנט — זיי זענען צופיל אַראַביזירט. די יידן קוקן אויף זיי ווי אויף אַראַ־בער; רעדן בלויז אַראַביש, טראָגן אַראַבישע קליידער, די זיטן, מנהגים, אַראַבישע, די הויז אינערלעך און אויסערלעך זעט אויס אַראַביש, אַפילו פּסיכאָלאָגיש, דאָס דענקען איז ביי זיי אַראַביש. קערפּערלעך זענען זיי אויך געבויט אַראַביש — הויך און שלאַנק, ווערן פרי אנטוויקלט, צו פערצן פופצן יאָר זענען זיי אויס ווי איירָאָפּעער צו פינף און צוואַנציק. נישט זעלטן קען מען טרעפן אַ פרוי זייערע פון פערצן־פופצן יאָר מיט אַן אייגן קינד אויף די הענט. אין גאַס קען אַן אונדזעריקער זיי נישט אונטערשיידן פון אַן אַראַבער.

„אונדזער טראַגעדיע — האָט מיר איינמאָל רב פרץ געזאָגט, — באַ־שטייט אין דעם, וואָס די אַראַבער האַלטן אונדז פאַר יידן און די יידן האַלטן

אונדז פאַר אַראַבער און מיר שטאַרבן אויס איינזאַם, נישט אָנערקענט, פאַר־וואָרפן, פאַרשטויסן".

אין אַלגעמיין מאַכן זיי נישט קיין איינדרוק פון אויסשטאַרבנדע. פאַרקערט אין נאַטור זענען זיי פריילעכע, לעבעדיקע, שאַרפזיניק, קערפּער־לעך געזונט געבויט, האָבן אַ פרישן אויסזען. אָנגעטאָן זענען זיי אין לאַנ־גע ווייסע העמדער, אויפן העמד א לענגערער כאַלאַט מיט א ברייטן גאַרטל, דער קאָפּ שטענדיק צוגעדעקט מיט אַ טערקישע פעסקע, אויף די פיס לאַנגע זאָקן און שטעק שיך. די פרויען גייען מערסטנס אין שוואַרצן. אַ שוואַרצע קלייד, וועלכע האָט הינטן ביים גאַרטל א גרויסן פויגל, איבערן געזיכט אַ שלייער. דאָס פאַמיליע לעבן איז ריין פאַטריאַרכאַליש. זיי זענען זייער גאַסטפריינטלעך. מיר איז אויסגעקומען צו באזוכן דער פאַמיליע פרץ א סך מאָל. פאַרשטייט זיך, איך האָב, איידער אַריינגיין צו זיי אין הויז געמוזט אויסטאָן מיינע שיך. זיי פלעגן מיך אַוועקזעצן אויבן אָן און אויף קליינע טעלערלעך דערלאַנגען מיר כיבוד: שוואַרצע קאַווע, פאַרשידענע ניס און ניסלעך, געבעקס, מאַרמעלאַדן, פרוכט און באַמיען זיך אַז מיר זאָל זיין די צייט, וואָס איך פאַרברענג ביי זיי, אַמוזירנד, אינטערעסאַנט. דער געשפּרעך פלעגט אַלע מאָל אַרויף אויף תורה, יידישער געשיכטע אין וואָס זיי זענען זייער באַהאַוונט. אינטערעסאַנט איז, אַז די אַלע מעשיות פון חומש און תנ"ך זענען פאַר זיי מעשיות, וואָס עס האָבן זיך נישט לאַנג צוריק געטראָפן. זיי דערציילן עס אַזוי לעבעדיק, אַז ס'איז אינטערעסאַנט זיי צו הערן. די ביבלישע פערזאָנען, די פלעצער, די געשעענישן שטעלן זיי זיך פאַר אין לעבעדיקע, קאָנקרעטע בילדער, כאָטש זיי באַציען זיך צו א סך פערזאָנען מיט רעליגיעזן און מאָראַלישן קריטישן צוגאַנג. נאָר פאַר קיין פאַל זענען זיי נישט קריטיש צו די, וואָס שטאַמען פון די שבטים מנשה און אפרים. די לעצטע זענען פאַר זיי די פאַרקערפּערונג פון דאָס העכסטע, שענסטע און אידעאַלסטע, וואָס די מענטשהייט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט.

די פרויען פלעגן אַלע מאָל זיין באַזונדער. די עלטסטע פלעגט אונדז צוטראָגן כיבוד. נאָר האָט מיט אונדז נישט גערעדט, נישט באַגריסט זיך אַפילו. און אָפּטועודיק אירס, פלעגט זי אַוועק צו די פרויען.

נאָר איינמאָל, ווען די אַלטע האָט זיך דערוווסט, אַז איך בין נישט געזונט, געקראָגן מאַלאַריע און אַז איך בין אַליין אין הויז, ווייל רבקה איז דאַן געווען אין ירושלים, איז זי אַריין צו מיר מיט אַ גלעזל שוואַרצע קאַ־ווע און מיט אַ פּליסיקייט אין א פלעשעלע און מיך זייער געבעטן — איך זאָל די ברוינע רפואה איינעמען, פאַרזיכערנדיק מיר, אַז איך וועל פון

דעם געהיילט ווערן. און האָט אַ צופרידענע אָן אַ „זיי געזונט" פאַרלאָזן מיין צימער.

זיי זענען העכסט פרום. זיי דאַווענען אויפן קול, זינגענדיק אַלע צוזאַמען ביים זונען אויפגאַנג און זונען פאַרגאַנג. זיי היטן אָפּ די שבתים און יום טובים זייער שטרענג. ביי זיי איז דער מנהג פון ברענגען קרבנות נאָך נישט אָפּגעשאַפט. זיי האָבן אַ סך הייליקע ספרים אין זייער אלטן קייַלאכדיקן שומרונים־שריפט און די שפּראַך פון זייערע ספרים איז אַלט העברעיש און זיי לייענען מיטן ספרדישן אַקצענט. די ספרים ווערן קיינמאָל נישט געדרוקט, נאָר זענען געשריבן מיטן האַנט. זיי פאַרמאָגן זייער אייגענע געשיכטע און ווי זייער לעצטער היסטאָריקער האָט מיר דערציילט, ציט זיך די געשריבענע געשיכטע ביז דער לעצטע אייראָפּעישער וועלט־מלחמה. די שומרונים זענען זייער אָבערגלויביש און מיסטיש. זיי זיצן, עסן, שלאָפן אויף דער ערד, נישט קוקנדיק, וואָס עס שטייען ביי די ווענט לאַנגע בענק, באַדעקט מיט שיינע טערקישע טעפּיכער, אַזיאַטישע צודעקס און זיידענע קישעלעך. די מענער און די פרויען זענען אַרבעטסזאַם און פלייסיק. הויפּטזאַכלעך האָרעוועט די פרוי. פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי פאַרנומען. די פרויען ווי די מענער רויכערן נארגילעס. די מענער דערלויבן זיך דעם פאַרגעניגן אַלעמאָל, די פרויען מערסטנס ווען זיי רוען אָפּ פון דער אַרבעט.

אינטערעסאַנט איז, אַז אין דער צייט פון מענסטרואַציע, איז די פרוי אינגאַנצן איזאָלירט פון אַלץ און פון אַלעמען. זי טאָר אַפילו נישט אויפפּאַסן אויף אירע קינדער. זי זיצט און שלאָפט אין אַ ווייטן ווינקל פון איר אָפּטיילונג אויף שטרוי און זי זיצט די גאַנצע צייט איינע אליין, טאָר מיט קיינעם נישט רעדן, טאָר גאָרנישט נישט טאָן אין הויז. ווען די צייט גייט אַריבער, פאַרברענען זיי די שטרוי, וואשן אויס דעם פּלאַץ און רויכערן אויס דעם צימער.

אין פאַמיליע לעבן זענען די מענער די הערשער און די פרויען זענען פאַרשקלאַפט. דאָך נישט אויף אַזוי פיל, ווי ביי די אַרומיקע אַראַבער. די שומרונים, מיט וועלכע איך פלעג זיך טרעפן, האָבן זיך גראַדע באַצויגן גוט צו זייערע פרויען.

די שומרונישע יוגנט לערנט זיך שפּראַכן, רעדט העברעיש, אַנדערע אויך ענגליש און אייניקע פון זיי פאַרנעמען גאַנץ גוטע שטעלעס ביי דער ענגלישער רעגירונג — עס העלפט זיי שטאַרק אַרויס אין דעם, וואָס זייער מוטערשפּראַך איז אַראַביש. עקאָנאָמיש לעבן זיי נישט רייך, נאָר בעסער פון די אַראַבער.

זיי איז אומבאַקאַנט אונדזער גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש פון דער צייט, זינט מען האָט אונדז פאַרטריבן פון ארץ ישראל. זיי היטן אָפּ בוכ־שטעבלעך תורת משה און האָבן אייגענע חכמים, לערער און וועגווייזער, וועלכע זיי פאַרגעטערן און היטן אָפּ.

דאָס זענען די שומרונים, די איבערגעבליבענע מאָהיקאַנער פון דער אמאָליקער געזונטער, צאָלרייכער סעקטע, וואָס האָט פּרעטענדירט גלייך מיט אונדז אויף יידישקייט. פאַר אונדזערע אויגן שטאַרבן זיי אויס און אפשר וועט גאָר אין גיכן פון זיי גאָרנישט בלייבן. זיי וועלן שוין דאַן באַ־לאַנגען בלויז צו דער געשיכטע און מעגלעך, אַז דאַן וועט מען זיך מיט זיי מער פאַראינטערעסירן ווי איצט. מען וועט שטודירן זייער אוראַלטע שפּראַך, זייערע אוראַלטע שריפטן, מען וועט פיליכט פיל אויספירלעכער באַשרייבן זייער מאַרטירער לעבן און זייער מאַרטירער טויט. און אפשר וועט נאָך אין ארץ ישראל געעפנט ווערן א שומרונים מוזיי, ווו מען וועט קלייבן אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט זיי... יאָ, ס'איז שווידערלעך צו־צוקוקן זיך צו דער הייפעלע מאָהיקאַנער שומרונים, וועלכע לעבן און זעען צו דעם אונטערגאַנג פון זייער נאַציע...

קאַפּיטל 48

איבערן מיטללענדישן ים

כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אין אַ ווייטער רייזע אַזוי דער־שלאָגן און אין אַזאַ שלעכטער שטימונג, ווי דאָס מאָל ווען איך האָב פאַר־לאָזן ארץ ישראל. דאָס האַרץ האָט מיך געריסן אויף שטיקער. איך האָב זיך געפילט ווי א שולדיקער, נאָר ערגער — ווי אַ פאַרברעכער — ווי איך וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרראַט צו מיין פאָלק און צו מיין לאַנד... איך האָב געוואָלט מיט זיך אַליין שלום מאַכן, שלום מאַכן מיט מיין געוויסן, זיך אַליין רעכטפאַרטיקן. געלעבט מיט מיין פרוי און קינד אַ גאַנץ יאָר אין גרויס נויט. גאַנצע חדשים נישט געאַרבעט און געליטן פשוטן הונגער און אַז איך האָב שוין יאָ געאַרבעט, האָב איך נישט פאַרדינט גענוג אפילו אויף דירה געלט און אויף אונדזער עסן. א פיאַסטער איז די גאַנצע צייט געווען פאַר אונדז אַ גרויסע מטבע. מיין מאַטעריעלע לאַגע דאָרט איז גע־ווען אויסזיכטלאַז. איך האָב געמעגט פאַר מיין אידעאַל הונגערן, ליידן נויט, אָבער איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געהאַט קיין רעכט צווינגען מיין פרוי־און קינד צו דעם. אַז מיין ווייב און קינד זאָלן אין די רעגנס אפילו וווינען אין א שטיבל געמאַכט פון ברעטער. אָבער די אַלע מאָטיוון האָבן נישט געהאָלפן און נישט רעכטפאַרטיקט מיין פאַרלאָזן ארץ ישראל, וועלכע איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און ווו איך האָב אַלעמאָל אין די לעצטע יאָרן געטרוימט צו מאַכן מיין שטענדיקע היים.

רבקה האָט מיך געפּרוּווט אויפמונטערן, טרייסטן, נאָר דאָס האָט זיך איר ווינציק איינגעגעבן. זי אַליין האָט אויך עפּעס ענלעכעס, וואָס איך, דורכגעלעבט, נאָר מיר האָבן וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן. עס האָט אונדז ביידן געוויייטיקט, כאָטש איר ווייניקער ווי מיר.

און פאַר אונדזער קליינער, פאַר טייבעלען איז דאָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די רייזע אין א שיף איבערן ים, געווען אַן אויסערגעוויינלעכע אנגענעמע איבערראַשונג. אַלץ איז דאָ, אין דער נייער אומגעבונג געווען פאַר איר העכסט אינטערעסאַנט און מיט אַלע אירע נייע איינדרוקן האָט זי זיך מיט אונדז געטיילט. ס׳זענען געפאָרן אויך אַנדערע קינדער און זי

האָט מיט זיי באַקאַנטשאַפט געשלאָסן און מיט זיי איבערן דעק פון שיף אַרומגעלאָפן. איר איז אויך אינטערעסאַנט געווען דער אַלגעמיינער עסן מיט אַלעמען אין רעסטאָראַן, דעם ים, די כוואַליעס, די מענטשן פון אָריענט אָנגעטאָענע אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער. און אַזוי זענען אַריבער איי־ניקע טעג און איך האָב זיך צוביסלעך באַרואיקט. עס זענען מיט אונדז געפאָרן אויך צוריק איניקע יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל זיי האָבן זיך דאָרטן נישט געקענט איינאָרדענען. זיי האָט אויך פאַרדראָסן, וואָס זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָבער נישט אין אַזאַ מאָס ווי מיר. זיי האָבן זיך געטרייסט, אַז זאָל נאָר דער קריזיס דורכגיין, זאָל נאָר די פּאָליטישע לאַגע זיך פאַרבעסערן און זאָלן נאָר קומען בעסערע צייטן, עס זאָל מעגלעך זיין אינוועסטירן געלט, וועלן זיי קומען צוריק אין ארץ ישראל. אָבער זיצן איצט, ווען זיי קענען גאָרנישט אויפטאָן מיט דאָס ביסל געלט, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, האָט קיין זין נישט. און זיי פאָרן צוריק אין די שטאַטן, אָדער קאַנאַדע.

איך קוק זיך צו צום עולם, וואָס פאָרט מיט אונדז. די ווייסע פאָרן מיטן ערשטן קלאַס און מיטן צווייטן קלאַס, זייער ווייניק מיטן דריטן קלאַס. די אַראַבישע עמיגראַנטן פאָרן מיטן דריטן קלאַס און די גרעסטע טייל איז צווישן די דעק פּאַסאַזשירן. איר האָט דאָ פאַרשטייער פון די אַלע אַראַ־בישע פעלקער און שבטים. און ווי קאָלירפול זיי זענען אַלע אָנגעטאָן! איי־ניקע אין גאַנצן אין ווייסן לייוונט. אויפן קאָפּ אַ ווייסע טוך, ווייסע לאַנגע הויזן, ווייסע שטעק שיך, אַנדערע אין אַ ווייסן כאַלאַט און אויפן כאַלאַט אַ קאַמיזעלקע פון שוואַרצן געוואַנט. גאָר אַנדערע זענען אָנגעטאָן אין פאַר־שידענע שמאַטעס, איינע איבער די אַנדערע און זענען אַרומגעבונדן מיט שוואַרצע לעדערנע פּאַסן און די אָרעמסטע זענען אָנגעטאָן בלויז אין לאַנ־גע העמדער, וואָס זענען אַמאָל געווען ווייס. אויך פאָרן מיט אונדז איניקע אַראַבישע פרויען. זיי טראָגן מערסטנס איבערן קאָפּ שוואַרצע טיכער, ענ־לעכע אויף פּאַטשיילעס פון אונדזערע מאַמעס, וועלכע פאַרדעקן דעם קאָפּ און כמעט דעם גרעסטן טייל פון זייערע קערפּערס, אונטער די פּאַטשיילעס זייערע זייער לאַנגע ווייסע קליידלעך. אַנדערע טראָגן קורצע קליידער און גייען באָרוויסע. נאָר דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, וואָס זייערע פּנימער זענען נישט פאַרדעקט. מיט אַ סך פון די אַראַבער, האָב איך גערעדט, כאָטש מיר האָבן אין טיפע געשפּרעכן נישט געקענט אַריין. פאַרשטאַנען האָב איך, אַז די מערסטע פון זיי פאָרן אין דרום אַמעריקע: בראַזיל, אַרגענטינע, ווע־נעזועלאַ און אַנדערע לענדער. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען געפאָרן בלויז געציילטע. מערסטנס פאָרן זיי, ווייל די קרובים זייערע האָבן זיי באַ־

זאָרגט מיט שיפס קאַרטן און קעש, אַז זיי זאָלן קענען דערגרייכן די ברעגן פון דער גאָלדענער אַמעריקע. און זיי זענען גליקלעך. פאָרן פול מיט האָפענונגען פאַר אַ שענערן און בעסערן לעבן. זיי וועלן דאָרט אין די נייע לענדער זיך איינאָרדנען ווי מענטשן און וועלן פירן גאָר אַן אַנדער לעבן, אַן קרענק אָן הונגער, אָן גזירות, אָן קלעפּ און אָן פּעטש, אָן עפּענדיס. וועלן לעבן ווי פרייע מענטשן לעבן. און די אָריענטאַלישע פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך, זיי וועלן רייך ווערן, וועלן אַליין ווערן עפּענדיס און זיי וועזן מיר די בילדער פון זייערע נאָענטע קרובים דאָרט אין דעם גאָלדענעם לאַנד, כדי צו איבערצייגן מיך, אַז אָט יענע זענען דאָרט געוואָרן גאַנצע עפּענדיס.

אויך איז פאַר מיר אַ וווּנדער: אָט די אַראַבער פון די פאַרשידנסטע שבטים און לענדער זענען לויטן קאָליר פון די פּנימער פאַרשיידן; פון ווייס ביז טונקל שוואַרץ. אויך די האָר זענען פאַרשיידן, געלע, בלאָנדע און פעך שוואַרצע. מערסטנס אָבער איז דער קאָליר פון די האָר — שוואַרץ. די טיפּן זענען אויך פאַרשיידענע. טרעפסט אַראַבער, וועלכע מען קען פאַר קיין פאַל נישט אונטערשיידן פון נעגער טיפּן, פאַראַן אַ סך וואָס זעען אויס ווי יידן, ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען: ווי יידן פון ליטע, אָדער פּוילן און פאַראַן טיפּן, וואָס זעען אויס ווי עכטע אייראָפּעער.

מיט צוויי מיידלעך איינע פון לבנון און איינע פון סיריע, וועלכע זע־נען גראָדע געפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט. זיי האָבן שוין גערעדט אביסל ענגליש און מיר איז גרינג געוואָרן מיט זיי צוזאַמענרעדן זיך. זיי האָבן גראָדע געקראָגן אַן עלעמענ־טאַרע אייראָפּעישע בילדונג אין די דערציונגס אינסטיטוציעס וואָס די אייראָפּעער האָבן דאָרטן געעפנט. איינע, די, וואָס פון לבנון, איז אַפילו גע־ווען א קריסטן און זיי ביידע האָבן זיך געהאַלטן העכער פון די אַלע אנדע־רע אַראַבער. זיי זענען שוין געווען אָנגעטאָן אייראָפּעיש און זיך געהאַלטן ווי אייראָפּעישע מיט די אַלע אייראָפּעישע מאַניערן. זיי האָבן מיר דערציילט פון זייער לעבן, פון זייערע פאַרדינסטן (זיי האָבן ביידע געאַרבעט אין א רייכער ענגלישער פירמע) און באַרימען זיך — אז זיי דעקן אַליין די רייזע הוצאות קיין אַמעריקע, וווּ זיי האָבן נאָענטע קרובים, צו וועלכע זיי וועלן פאַרפאָרן.

אונדזער שיף דאַרף אונדז דערפירן ביז אַלעקסאַנדריע, מצרים. דאָרטן דאַרפן מיר נעמען און אַנדער שיף, וועלכער זאָל אונדז דערפירן ביז נעאַ־פּאָל, איטאַליע און איך מיט רבקהן באַשליסן צו פאַרבלייבן אין אַלעק־סאַנדריע אייניקע טעג, כדי זיך נעענטער באַקאַנען מיט דער שטאָט. און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן.

קאַפּיטל 49

אַלעקסאַנדריע

פון איבער אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער פאַרמאָגט אַלעקסאַנדריע אַרום 33,000 יידן. נאָר עס זענען געווען צייטן, ווען אַלעקסאַנדריע איז גע־ווען דער גרעסטער צענטער פון יידן אין גלות. דאַן האָבן זיך געפונען ביז אַ האַלבן מיליאָן יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין די יידישע קוואַרטאַלן און זיי האָבן געשפּילט שוין גאָר אַ גרויסע ראָל אין אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד. זיי האָבן פאַרנומען גרויסע פּאָסטנס ביי דער רעגירונג. זיי האָבן אַנטוויקלט ביי זיך א הויכן גייסטיקן לעבן. זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך גרויסע יידישע שרייבער, געלערנטע, פילאָזאָפן און זענען עקאָנאָמיש געשטאַנען אויף זייער א הויכער מדרגה. זיי זענען געווען פון די רייכסטע אין לאַנד. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן די עגיפּטישע סוחרים און זיי האָבן אַרויס־געגעבן די ערשטע אויף דער וועלט אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור און דער עגיפּטער אפּיאָן איז געווען דער ערשטער אנטיסעמיטישער שרייבער און דער ערשטער פּאָגראָם אויף די אַלעקסאַנדריער יידן איז פאָרגעקומען אין 6־טן יאָר ב"ק, ווען דער מאָב האָט אויסגעהרגעט ארום 50 טויזנט יידן. אין די יאָרן 117—114 ב"ק איז פאָרגעקומען נאָך א שרעקלעכערער פּאָגראָם, דאַן איז אויסגעהרגעט געוואָרן א העלפט פון אַלע יידן. די לעבן געבליבע־נע יידן זענען אַנטלאָפן קיין קאַירא, ווו ס'איז געשאַפן געוואָרן דער צוויי־טער יידישער צענטער אין גלות. פון יענע צייטן זענען פאַרבליבן אין אַלעקסאַנדריע צוויי אַלטע שולן, וועלכע כמעט אַלע יידן, וואָס באַזוכן אלעק־סאַנדריע, קומען זיי זען און עס איז טאַקע פאַראן וואָס צו זען. איר קענט זיך פאָרשטעלן יידישע שולן, וואָס זענען שוין אלט 2 טויזנט יאָר!?

אין דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען עס איז געווען א גרויסע גע־פאַר פאַר יידן צו בלייבן אין ארץ ישראל, זענען א סך יידן אַנטלאָפן קיין אַלעקסאַנדריע, געגרינדעט דאָרט חדרים, נייע שולן, ת"ת און ישיבות.

ווי אומעטום מאַך איך אַ לאַנגן שפּאַציר איבערן שטאָט און מיין שפּאַציר איז געווען פול מיט נייע איינדרוקן, סורפּריזן, געזען אויסערגע־וויינלעכע בילדער. איך האָב נאָך ערגעץ נישט געטראָפן א שטאָט, וואָס

זאָל זיין אין אינהאַלט, אויסזען אַזוי אינטערנאַציאָנאַל ווי די פּאָרט־שטאָט אַלעקסאַנדריע. מיר דוכט זיך, אַז דאָ זענען פאַרטראָטן אַלע פעלקער פון אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די אַראַבער פון אַזיע און אַפריקע זענען דאָ אין דער איבערוועגנדער מערהייט, און צוליב דעם וואַרפט זיך אין די אויגן די עקזאָטישקייט פון שטאָט. אויסער זיי זע־נען דאָ א סך אַרמעניער, גריכן, פראַנצויזן, ענגלענדער, איטאַליענער, קאַפּטן, און די פאַרשידנסטע טיפּן פון דער שוואַרצער ראַסע. אין קיין שטאָט אין דער וועלט קען מען נישט הערן אַזוי פיל שפּראַכן ווי דאָ.

אָט זעסטו אַ פאַלאַכישע פרוי אויף אַן אייזל, זי פאַרקויפט הענער, הינער, גענדז, קאַטשקעס. און אָט דערזעסטו אַ חתונה פּראָצעסיע — מען פירט די כלה מיט אירע נאָענטסטע אויף קעמלען און אייזלען אין חתנס הויז. דער באַגלייטנדער עולם זינגט, טאַנצט. מען טראָגט פאָנען, מיט שטורקאַצן און לאַמטערנעס באַלייכטן דעם וועג.

און אָט מאַרשירן סאָלדאַטן פון דער מצרישער אַרמיי אין זייערע פאַנ־טאַסטישע אָריענטאַלישע אוניפאָרמען און „באַוואָפנונג".

און אָט באַגעגנט דיך אַן אַראַבישע לויה. אַ סך אַראַבער באַגלייטן דעם פאַרשטאָרבענעם צו זיין אייביקער רו. פאָרויס גייען די געדונגענע פּרעמדע וויינערינס. אַ ווייינען זיי, אַז די האַרץ קען צעריסן ווערן. קענטיק ספּעציאַליסטקעס אין וויינען. זיי גייען אַלע אַנגעטאָן אין שוואַרצן, די פּני־מער באַדעקט מיט שוואַרצע וואַלן און טרעטן מיט באָרוויסע פיס. גייסט דורך די רייכע קוואַרטאַלן פון די אויסלענדער און רייכע עגיפּטער. וווּנ־דערבאַרע שיינע הייזער אין די פאַרשידנסטע סטילן פון אַרכיטעקטור. זיי־ער אָפט טרעפסטו רייכע פּאַלאַצן, מיט פּראַכטפולע וועראַנדעס, באַלקאָנען, וואָס שפּאַרן זיך אָן אין קאָלאָנעס.

איבער די גאַסן לויפן גרויסע אויטאָמאָבילן, שיינע טראַמוואַיען, מענ־טשן אויף פערד, אייזלען, קעמלען. די גאַסן זענען ברייטע, גוט ברוקירטע. טרעפסט דאָ גרויסע מאַגאַזינען, וואָס באַלאַנגען צו ענגלענדער, פראַנצויזן, יידן, אַרמעניער, אַראַבער און גריכן. אין די פענצטער זענען אויסגעשטעלט די רייכסטע און בעסטע געוואַנטן, קאָסטיומען, גלאַזווארג, געפעס, ראָגס, מעבל, אויסאַרבעטונג פון גאָלד און זילבער און וואָס נישט? דאָ געפינען זיך די פּאַרקס, סקווערס, טעאַטערס.

די אויסלענדער זענען רייך אָנגעטאָן. אַפילו די אַראַבער פון דעם קוואַרטאַל זענען אָנגעטאָן שענער, רייכער, קאָלירפולער ווי די רייכע אַראַ־בער אין די אַנדערע לענדער פון נאָענטן אָריענט. מיר דוכט זיך, אַז אַלץ איז דאָ דעמאָנסטראַטיוו, שרייענד, איינע ווילן איבעררעאַשן די אַנדערע,

אַזוי ווי עס פירט זיך אַ קאָנקורענץ צווישן אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. ס'איז הייס נישט אויסצוהאַלטן. אַלץ אויף מיר איז נאַס פון שווייס. נאָר צו דעם בין איך שוין אביסל צוגעוווינט. און אָט דערזע איך אַן אַראַבישן אייז־קרים פּלאַץ. איך גיי אַריין. און מאָדנע, איך האָב דאָרט נישט געטראָפן קיין אייראָפּעער — אַלע, זין פון נאָענטן אָריענט. איך באַשטעל קאַל־טע קאַווע און אייז קרים. אַ פאַרגעניגן — די פענצטער פאַרהאַנגען, פון די ווייערס בלאָזט א קיל ווינטל. ס'איז האַלב טונקל. איך בין אַביסל צו זיך געקומען. איך בלייב פאַר אַ קורצער צייט אין דעם קילן צימער און קוק זיך צו צום עולם. וויניק מענטשן עסן און טרינקען. מען שפּילט אין ביינד־לעך, מען דערציילט מעשיות, מען לייענט צייטונגען. און אָט קומט אַריין אַן אַלטער אַראַבער מיט אַ קליין ווייס בערדל אין באַגלייטונג פון אַ יונגער מיידל, וועלכע מאַכן נישט קיין איבעריקע צוגרייטונגען און נעמען זיך צו דער אַרבעט. ער שפּילט אויף אַ פידל, קיצלדיקע אַראַבישע נגונים און זי וויזט איר קענטעניש אין בויך טאַנץ, די טענץ זענען מיר שוין דערעסן געוואָרן און איך פאַרלאָז דעם „פאַרלאָר".

פון דאָרטן גיי איך זען די אמתע אַלעקסאַנדריע, ווו עס וווינט דאָס פאָלק, די ברייטע מאַסן פון פאָלק — די אַרבעטער, די קליינע הענדלער, די אָרימקייט. און ס'איז טאַקע אַן אונטערשייד ווי פון טאָג צו נאַכט. געס־לעך פאַרדרייטע, קרומע, שמאָלע, הייזלעך פון מלך סאָביעסקיס יאָרן — אַלטע שמאַטעס, האַלטן ביים צעפאַלן ווערן, אַנדערע מיט משונהדיקע גע־דרייטע טרעפּלעך. אומעטום שמוציק, נישט אויסצוהאַלטן. די מענטשן שמו־ציק, די קינדער נאָך שמוציקער. אויף די פרויען קען מען נישט דערקענען צי זיי זענען שמוציק צי נישט — אין גאַנצן פאַרדעקט פון אויבן ביז אַראָפּ. אָרימע געשעפטן לעבן די ווענט, אין די ווענט. די סחורה איז אויך אַן אָרימע — פון די ביליקסטע. די קרעמער ווייסן נישט פון סאַניטאַרישע באַדינגונגען. די אַלע שפּייזן זענען באַדעקט מיט גרויסע פליגן און מען קען דאָרט פון זיי נישט פּטור ווערן, כאָטש דער קרעמער האַלט זיי די גאַנצע צייט אין איין טרייבן. די באַלעבאַטים פון די קרעמלעך זיצן אויף דער הוילער ערד רויכערן זייערע נאַרגילעס און ווייזן נישט אַרויס קיין גרויס אינטערעס צו זייערע איינקויפער און גייען נישט אַרויס פון געדולד, אַפילו ווען מען דינגט זיך מיט זיי זייער שטאַרק.

אויפן גאַס זעסטו אַ סך בעטלער, בלינדע, קרעציקע.

אויך האָב איך דאָרט צום ערשטן מאָל דערזען די דערווישן (הייליקע, וואָס שרייען אויס פּסוקים פון קאָראַן). אַרום אים איז אַ גרויסער עולם, וועל־

כער הערט זיך אויפמערקזאַם צו און באַציט זיך זייער ערנסט צו זיין פריי־דיקן.

אינטערעסאַנט איז, אַז די קראָמען פון די פאַרשידענע פּראָדוקטן, זע־נען צו דער זעלביקער צייט אויך די שעפער, ווו די פּראָדוקטן ווערן אויס־געאַרבעט. די קרעמער זענען אי די בעלי מלאכות און אי די געשעפטס־לייט.

אַזוי שפּאַצירנדיק האָב איך אין וועג געטראָפן אַ גרופּע פון פיר חלו־צים — דריי יונגע לייט און אַ מיידל. זיי באַקלאָגן זיך, אַז שוין איבער זעקס וואָכן ווי זיי זוכן אַ שפּאַרונקע, דורך וועלכער זיי זאָלן זיך קענען אַריינ־רייסן אין ארץ ישראל און קענען דאָס פאַר קיין פאַל נישט דורכפירן. די באַטריגערישע ענגלאַנד לאָזט זיי נישט אַריין. אָבער זיי האָבן די האָפענונג נישט פאַרלאָרן. זיי האָבן שוין די נויטיקע פאַרבינדונגען מיט די אַראַבישע שמוגלער און זיי וועלן דאָך אַריין אין לאַנד פון זייערע שענסטע חלומות.

און ביינאַכט, ווען איך בין געקומען צום שיף האָב איך דערהערט אַ מאָדנעם כאָר געזאַנג פון צוויי שיפן. אונדזער שיף האָט אָפּגעגעבן אַ קאָנצערט פון איטאַליענישע אַריעס און פון צווייטן שיף האָט זיך גע־טראָגן אַ געזאַנג פון אַראַבער אין דער אַרבישער שפּראַך. אייראָפּע און אַפריקע האָט ארויסגעזונגען. מיר פערזענלעך איז מער געפעלן געוואָרן די איטאַליענישע מעלאָדיעס, כאָטש אין די אַראַבישע נגונים האָב איך געפונען אַ סך ענלעכעס צו אונדזערע יידישע און העברעישע נגונים און צו אונדזער רעליגיעזן געזאַנג. און דער הימל איז טונקל בלוי, קיין איין פלעק איז נישטאָ און פון דערווייטנס זעען מיר די פייערן פון אַלעקסאַנדריע און פון צווייטן זייט די ווייטקייטן פון מיטלענדישן ים און דאָס זינגען איז פאַר מיר געווען עפּעס זייער סימבאָליש און האָט מיך אריינגעפירט אין עפּעס אַ מיסטישער שטימונג.

קאַפּיטל 50

פון מצרים קיין איטאַליע

מיר פאָרן שוין מיט דער איטאַליענישער שיף איבער דעם מיטללענדישן ים. דער ים איז שטיל און ס׳איז אַ גרויסער פאַרגעניגן צו פאָרן איבער אים. אַלע פילן זיך גוט און זענען פריינטלעך און אויפגעלייגט. כמעט אַלע אַראַבישע פּאַסאַזשירן זענען אַראָפּ. פאַרבליבן פון זיי זענען בלויז די, וואָס פאָרן קיין אייראָפּע אָדער אין די אמעריקעס, זייער א קליינער פּראָצענט פון זיי. דערפאַר זענען אַרויף אַ סך אייראָפּעער. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די פּאַסאַזשירן האָבן פארלאָרן זייער פיל קאָליריקייט און זעען אויס איינטאָניק. עס פאָרן איטאַליענער, פראַנצויזן, גריכן, ענגלענדער, יידן. יעדער גרופּע רעדט אן אנדער שפּראך.

מיר, יידן, האָבן אויך איניקע גרופּעס. זיי געפעלן מיר: זענען אינטעליגענט און ציוניסטיש. טרוימען וועגן ליקווידירן זייערע געשעפטן און זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. אייניקע פון זיי פאָרן אין אמעריקע זען זיך מיט זייערע נאָענטסטע, מיט וועלכע זיי האָבן זיך שוין לאנג נישט געזען.

אונדזער וועג איז די גאַנצע צייט צווישן אייראָפּע און אַפריקע. מיר פאָרן פאַרביי דעם אינדזל קריט, און מיר דערנענטערן זיך צום אינדזל סיציליע. שוין באַלד זיבעצן יאָר, ווי איך האָב נישט געזען דעם אייראָפּעישן באָדן. מיר דערשמעקן שוין די אייראָפּעישע לופט. עס ווערט עפּעס היימישער. נישט ווילנדיק טראַכט זיך וועגן מיין שטעטל מיר, וועגן מיינע יוגנט חברים, וועגן מיינע עלטערן אין נעסוויזש.

נאָר דאָס אינטערעסאַנטסטע איז פאַר מיר געווען, וואָס אין צווישנדעק פון אונדזער שיף איז געווען אַ גרויסע קאַיוטע, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען איבער צוואַנציק אויסערגעוויינלעכע פּאַסאַזשירן — משוגענע פרויען. זיי זענען אַלע געווען אייראָפּעישע: פראַנצויזקעס, דייטשקעס, איטאַליענערקעס, פרויען פון מיליטערלייט פון העכערע ראַנגען. די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיי פאַרכאַפּט אין נאָענטן מזרח. די מענער, אָדער זייערע קינדער זענען מאָביליזירט געוואָרן און זענען אַוועק אויף די פאַרשידענע פראָנטן. נאך דער מלחמה האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז זייערע ליבסטע, טייערסטע און

באָנטסטע זענען דערהרגעט געוואָרן און זיי האָבן דאָס נישט געקענט אויס־האַלטן און זענען משוגע געוואָרן. מען האָט זיי דאָרטן, אויפן נאָענטן מזרח, געהאַלטן אין אינסטיטוציעס פאַר משוגענע. יאָרן זענען געגאַנגען פאַר־האַנדלונגען, אַז זייערע ר׳עגירונגען זאָלן זיי נעמען צו זיך, צו זייערע היים פּלעצער און אָט איצט פּירט מען דאָס זיי אונטערן אויפזיכט פון דאָקטוי־רים און קראַנקן שוועסטער צו זייערע היימען. איך בין געווען אין זייער קאַיוטע אייניקע מאָל און יעדעס מאָל האָט דער וויזיט מיינער מיך אויף אַזוי פּיל אויפגעטרייסלט, אַז איך פלעג זיך פון דאָרט אַרויסכאַפּן ווי פון אַ גיהנום. שטעלט אייך פאָר איבער צוואַנציק פרויען גוט אייראָפּעיש גע־קליידט, האָבן איידעלע געזיכטצוגן און אַלע האַלטן אין איין וויינען, אין איין קלאָגן. אויף יעדעס בעט ליגט עפּעס, וואָס האָט אמאָל באַלאַנגט צו זייער באָנטסטן אָדער, וואָס זייער נאָענטסטער האָט זיי אַמאָל געשענקט און פאַר דעם עפּעס, וויינען זיי, באַקלאָגן די טויטע מיט הייסע טרערן און שוידער־לעכע אויסגעשרייען. לעבן אנדערע האָב איך געזען גרויסע, אָנגעשטאָפּטע ליאַלקעס. דאָס האָט זיי פאַרגעשטעלט זייערע מענער, אָדער זין און אָט פאַר די ליאַלקעס פלעגן זיי אויסגיסן זייערע ביטערע הערצער. זייער שריי־ען, זייער יאָמערן, זייער געוויין האָט מען מער ווי אַ פּאָר מינוט נישט גע־קענט אויסהאַלטן. מען האָט געמוזט פאַרלאָזן זייער קאַיוטע, אַז נישט וואָלט מען געקענט אַליין משוגע ווערן.

און אָט דערזעען מיר פון דער ווייטנס דעם אינדזל סיציליע. סיצי־ליע! גאָט מיינער וויפל איך האָב געלייענט וועגן סיציליע, איר שיינקייט און איר פאַרדאָרבנקייט, אירע מלחמות און געגנסטער אָנפאַלן, וועגן אירע מערדער, גענגס, באַנדעס. מיר דוכט זיך, אַז סיציליע האָט דעם גרעסטן און גרויזאמסטן קרימינעלן רעקאָרד אויף דער וועלט. גאָר אַ קלייניקייט די סיציליאַנער מאַפיע אַליין, גאַנץ איטאַליע האָט פאַר איר געציטערט, אַפילו די רעגירונג אַליין האָט מורא געהאַט צו פאַרטשעפּען זיך מיט איר. איך בין איר דאָס אַלץ מוחל צוליב אירע מעלאָדישע, האַרציקע, סיציליאַ־נער לידער.

און אָט פאָרן מיר פאַרביי דעם אינדזל. דער אינדזל, באַגאָסן מיט העלן זונען ליכט, זעט אויס אויסערגעווײנלעך יום טובדיק. די וועלדער, פעלדער, גערטנער דעמאָנסטרירן די רייכקייט און די שיינקייט פון די טראָ־פּישע פלאַנצונגען און פּראָדוקטן. ס׳איז מאָדנע, טראַכסטו, אַזאַ רייכקייט און אַזאַ גרויסער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג הונגערט. איך דערמאָן זיך, וואָס מיינע באַקאַנטע סיציליאַנער אין ניו יאָרק האָבן מיר דערציילט פון דער שרעקלעכער אָרימקייט אין סיציליע, ספּעציעל די מעשיות פון

אָרימקייט, וואָס פלעגט מיר דערציילן דער סיציליאַנער אַנאַרכיסט, מאַריאַ. און טאַקע די מענטשן, וואָס איך האָב געזען פון שיף אויפן ברעג, זענען געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס און געמאַכט אַן איינדרוק פון דערשלאָגענע, דערנידעריקטע און באַליידיקטע.

מיר פאָרן שוין אַ גאַנצן טאָג פאַרביי דעם אינדזל. איך האָב קיינמאָל זיך נישט פאָרגעשטעלט ווי גרויס ער איז. און אָט דערזעען מיר דעם פייער שפייענדיקן באַרג עטנא. און מאָדנע: די לאַווע, וואָס זעט אויס ווי פאַרטריקנטער דזשעגאַכץ האָט באַדעקט גאַנצע טיילן פון באַרג. נישט מער קליינע שטיקער פון באַרג זענען נישט באַדעקט מיט דער לאַווע און די שטיקלעך ווערן באַאַרבעט פון די פויערים און די שטיקלעך זעען אויס ווי אָאַזיסן. די לאַווע האָט נישט נאָר באַדעקט דעם באַרג, נאָר ווייטע, ווייטע שטרעקעס אַרום דעם באַרג, גאַנצע גרויסע פעלדער, דערפער און שטעטלעך. און מען דערציילט מיר, אַז גלייך ווי דער באַרג הויבט אָן צו שפייען און דער ווולקאַן הויבט אָן צו אַרבעטן, הויבט אָן די באַפעלקערונג אין טויט שרעק צו פאַרלאָזן די אַרומיקע געגנטן. אַ סך אַנטלויפנדע פאַרכאַפּט די לאַווע אין מיטן פון זייער לויפן און פאַרברענט זיי אין איין רגע. און גלייך נאָך דעם ווי דער באַרג שטילט זיך איין קומען די אנטלאָפענע צוריק אין זייערע היימען און זיי נעמען זיך צוריק צו זייער טאָג טעגלעכער אַרבעט. און די, וואָס זייער לאַנד איז פאַרגאָסן געוואָרן, פאַרלאָזן זייער שטיקל לאַנד און זוכן אַ נייע היים. און אָט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין סיראַקוז, אַ האַפן שטאָט פון סיציליע.

איך שפּאַציר איבער די געסלעך. אַלץ איז אַלט, אָפּגעלאָזן, מען זעט ווייניק מענטשן אין די גאַסן. די מענטשן אַליין זעען אויס אָן מוט, אָן ענערגיע, די פרויען זעען אויס שמוציק, אָפּגעלאָזן די מערסטע אין טראַנטעס. עפּעס פילט זיך אַ נישט אנגענעמער ריח. אַפילו דער ים זעט אויס ווי ער וואָלט זיך באַהאַלטן דאָרט ערגעץ ווייט — אונטן. איך גיי צו צום ים און דערזע, דער ים איז אָפּגעצאַמט מיט אַ וואַנט. מיט טרעפּ גיי איך ארויף. אין דער הויך אנטפּלעקט זיך פאַר מיר א גרויסער פּאַלאַץ פון די אַמאָליקע אַלטע צייטן און אין דעם אַמאָליקן סטיל פון די גריכן און וואָס מער איך באַטראַכט דעם פּאַלאַץ קום איך אַלץ צו דער איבערצייגונג, אַז דער פּאַלאַץ איז שוין פון לאַנג אַ פאַרלאָזענער אפשר מיט הונדערטער און הונדערטער יאָרן צוריק.

איך שפּאַציר איבערן שטאָט און איך זע פאַרלאָזענע קאַטאַקאָמבעס, א גריכישן אמפיטעאַטער, אַמאָליקע פעסטונגען, אַפילו א פאַרלאָזענעם אלטן זייער אלטן בית עולם. און דאָך געפעלט מיר סיראַקוז. זײַרע הייזער, אירע

גאַסן דערציילן מיר אַ סך מעשיות פון די אַלט־אַלטע צייטן, ווען רוים און גריכנלאַנד זענען געווען די שטאַרקסטע מלוכות אין אייראָפּע, ווי זיי האָבן געפירט זייערע מלחמות פאַר באַהערשן די דעמאָלסטיקע וועלט, און אומעטום אין סיראַקוז זעסטו די סמנים פון דער אַמאָליקער צעשטערונג און פאַרניכטונג. פון דעם אַמאָליקן גלאַנץ איז גאָרנישט פאַרבליבן. אומעטום שטויסטו זיך אָן אויף אַ שרייענדער אָרימקייט, אומעטום איז שמוציק, כאָטש דו שטויסט זיך אָן אויף פאַרקס, אינטערעסאַנטע סקווערן, פראָמענאַדן. דער באַרג עטנא פייערט, אַ געדיכטער הויכער רויך זעט זיך פון דער ווייטנס. דער רויך איז אויסגעמישט מיט פייער און ווי אַ ריזיקער פאַראַסאָל באַדעקט ער פון דער הויך דעם ריזיקן באַרג און דעם פאַראַסאָל קען מען זען פון אומעטום פון גאַנצן אינדזל סיציליע. איך שפּאַציר און באַטראַכט די שטאָט, וואָס איז מער רואינירט, ווי פאַרבויט. און אָט דערזע איך א סאַראַצענישן מאַרק און אָט דערזע איך אַן אַמאָליקן גריכישן טעמפּל צו אַפּאָלאָ און דאָ נישט ווייט געפינט זיך דער פּלאַץ, ווו דער הייליקער פאול האָט געפּריידיקט.

פון סיראַקוז זענען מיר אַוועקגעשוואומען ווייטער און זענען אָנגעקומען אין א צווייטן סיציליאַנער פּאָרט — קאַטאַניע, אַ סך אַ גרעסערער פּאָרט ווי סיראַקוז, פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון איבער 200 טויזנט. אָבער די שטאָט האָט אויף מיר געמאַכט כמעט דעם זעלביקן איינדרוק ווי סיראַקוז. אָבער איר געשיכטע איז מער טראַגיש. די לאַווע פון דעם פייער שפּייענדיקן באַרג עטנאַ האָט אייניקע מאָל איר חרוב געמאַכט און איר פאַרניכטעט און אויף יעדן טראָט זעסטו די סימנים פון דער פאַרניכטונג — רואינעז און רואינען. לעבן די רואינען שטייען הייזער, ציען זיך גאַסן, וואַקסן שיינע טראָפּישעביימער, מען זעט שיינע טראָפּישע פּאַרקן, סקווערס, גאָרטנס און אַלץ האַלט אין איין בליען...

און מיר זעצן פאָר אונדזער רייזע און פאַרן גאַנצן טאָג זעען מיר דעם ריזיקן באַרג עטנא מיטן שירעם פון רויך און פייער איבער אים. דאָס איז פאַר אונדז, רייזנדע, אַן אויסטערליש בילד און מיר געפינען זיך דעם גאַנצן טאָג אויף דעם אויבערדעק, באַטראַכטנדיק דאָס בילד און קענען זיך פאַר קיין פאַל נישט אָפּרייסן פון איר.

און אָט האָבן מיר זיך אויף א קורצע צייט אָפּגעשטעלט אין מעסינאַ. דער האַפן און די שטאָט געפינען זיך אין סאמן צפון פון סיציליע און פון דאָרטן זענען מיר צוגעשוואומען צו נעאַפּאָל, איינע פון די סאַמע באַוווסטע איטאַליענישע שטעט.

קאַפּיטל 51

נעאַפּאָל

שפּעט נאָך מיטאָג זענען מיר אָנגעקומען אין נעאַפּאָל. נו, האָבן מיר דאָרטן געהאַט אַ רעוויזיע פון דעם איטאַליענישן קאָסטאָם האַוז. איבערגע־קוקט און איבערגעטאַפּט יעדעס ברעקעלע, וואָס מיר האָבן מיטגעפירט מיט אונדז, פאַרנאַנדערגענומען יעדעס פּעקעלע, אויפגעעפנט יעדעס פּוש־קעלע און קעסטעלע. און צייט האָבן זיי די איטאַליענישע באַאַמטע איבער געגנוג און מיר זענען געווען די גליקלעכסטע, ווען זיי האָבן צום סוף אונדז דערלויבט אראָפּגיין פון שיף.

אויף אונדז, די פּאַסאַזשירן האָבן אונטן געוואַרט גאַנצע ארמייען פון הונגעריקע מענטשן. מען האָט פאַר אונדז געשפּילט און געבעטן נדבות, געזונגען און געבעטן נדבות, געהאָלפן אראָפּטראָגן די פּעק פון שיף און אויסגעשטרעקט די הענט כדי מיר זאָלן זיי עפּעס געבן. מען האָט אונדז אָנ־געבאָטן נעמען אַ קאַרעטע, צופירן צו אַן אָנשטענדיקן האָטעל, ווייזן ווו מען קאָן גוט אָפּעסן, ווי צו גיין צום אמעריקאַנעם קאָנסול. מען האָט אונדז ארומגערינגלט פון אַלע זייטן און יעדערער האָט פאָרגעשלאָגן זיין דינסט. איך האָב זיך פאַר קיין פאַל פון זיי נישט געקענט באַפרייען. מיט אמאָל דערהער איך אַ הויכן „שלום". עס איז מיר מיט אמאָל וואַרעם געוואָרן אין מיין נשמה. איך גיב זיך שנעל אַ קער צו אים, צו מיין באַגריסער, ענטפער אים אויף זיין באַגריסונג און פרעג אים צי ער איז אַ ייד? כן, ענטפערט ער מיר „יהודי מבולגריה". עס איז אַפילו נאַריש געווען אים וועגן דעם צו פרעגן ער איז געווען אַזוי טיפּיש יידיש, אַז איך וואָלט אים אַפילו אָנ־גענומען פאַר אַ יידן פון פוילן. די צרה איז געווען, וואָס ער האָט נישט געקענט אַפילו אַ וואָרט יידיש. האָבן מיר בײדע געמוזט דברען עברית. אויף דעם איז שוין רבקה געווען אַ מזיק און זי האָט דאָס געפירט די פאַר־האַנדלונגען מיט אים. ער האָט זיך אונטערגענומען אונדז אויסזוכן אַ צי־מער און פירן אונדז, ווו מיר וועלן נאָר דאַרפן, כל זמן מיר וועלן שטיין אין נעאַפּאָל. מיר זענען אויף אַלץ איינגעגאַנגען און ער איז געוואָרן אונדזער פירער. דאָס ערשטע האָט ער אונדז אריינגעפירט אין אַן אריינפאָר הויז.

דאָ, האָט ער אונדז דערקלערט, וועט זיין אי ביליק און אי באקוועם. די באַ־לעבאָסטע — אַ דיקע, גראָבע, אָנגעשמירטע איטאַליענערין, האָט מיט אונדז גערעדט ענגליש מיט א שטארקן איטאַליענישן אקצענט. אין געשפּרעך האָט זי אַריינגעוואָרפן ווערטער און אפילו פראַזן אין דייטש, שפּאַניש און פראַנצויזיש. זי האָט זיך פאַר אונדז באַרימט, אז זי איז אויסגעווען אין ביי־דע אַמעריקעס און כמעט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. קענטיק אַ פרוי מיט א פאַרגאַנגענהייט, האָב איך אַ טרכאָט געטאָן. זי האָט אונדז אוועקגע־געבן איר בעסטן צימער — אַ גרויסן שלאָף צימער מיט דריי פענצטער.

דער צימער איז טאַקע געווען א גוטער, אָבער די גאַנצע הויז האָט אויף מיר א שוידערלעכן איינדרוק געמאַכט. אַן איינדרוק פון אַ רוסישער קאַזאַרמע. אומעטום איז מען געשלאָפן. אין די אנדערע צימערן זענען גע־שטאַנען בעטן האַרט איינע לעבן די אַנדערע און יעדע בעט איז געווען פאַרנומען. ביי טאָג האָט מען נישט געקענט אויסהאַלטן פון דעם טומל, גע־שריי, געפּילדער, געשפּילעריי אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן. דער עולם איז געווען א פאַרשידנארטיקער, נאָר אַלע האָבן זיי געמאכט אן איינדרוק, ווי ארויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט און אונטערוועלט העלדן.

פאַרפאַלן. איך האָב דאָ קיינעם נישט אין גאַנץ שטאָט צו וועמען איך זאָל זיך קענען ווענדן נאָך אַן עצה. איך בין דאָ אבסאָלוט אַ פרעמדער און מיינע קאַפּיטאַלן זענען אויך שטארק באגרענעצט. ווי איך זאָל נישט רע־כענען און ווי איך זאָל נישט קאַרגן קומט ביי מיר אויס אז איך וועל נישט האָבן גענוג געלט צו קומען אין ניו יאָרק. איז שוין די דירה ביי מיר געווען נישט פון די הויפּט פּראָגן. און איך בין פאַרבליבן אין דעם צימער.

די שטימונג אונדזערע איז אויפן העכסטן גראַד אַ דערשלאָגענע. און דאָ הויבט רבקה אָן פילן שלעכט. האָט געקראָגן אַ הויכע טעמפּעראַטור, און זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. איך זוך אַ דאָקטאָר. מיר ווילט זיך האָבן א יידישן דאָקטאָר, מיט וועלכן איך זאָל זיך קענען צוזאמענרעדן. אָבער איך האָב דאָ קיין איין באַקאַנטן נישט, ביי וועמען איך זאָל פרעגן וועגן אַ דאָקטאָר, אָדער וועלכער זאָל מיר דינען ווי אן איבערזעצער ביים איטאַליענישן דאָקטאָר. און איך קען זיך קיין עצה נישט געבן. פאַלט מיר איין איך זאָל נעמען א טעלעפאָן בוך און זוכן א דאָקטאָר מיט א יידישן נאָמען. און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. א שיינע פאַר שעה האָט געדויערט מיין זוכן ביז איך האָב געפונען א דאָקטאָר מיטן נאָמען ווינאַגראַדאָוו. איך האָב פאַרשריבן דעם נאָמען און דעם אדרעס און זיך אַוועקגעלאָזן זוכן אים. ער האָט געוווינט זייער ווייט פון מיר גאָר אויף דער אנדער זייט פון שטאָט. נאָך גרויסע שוועריקייטן האָב איך דאָס הויז געפונען. כ׳בין אַריין — ערשט

עס איז אַ פרוי דאָקטאָרין. קיין יידיש רעדן קען זי נישט. דערפאר האָט זי גערעדט אַן אויסגעצייכנטן רוסיש. און טאקע רוסיש איז געווען איר מוטער שפראך. זי איז געווען צוויי מאָל ביי רבקהן, אָנגעזאָגט מיר, אַז רבקה מוז זיך גוט אויסרוען פון דער רייזע, מוז קריגן א גוטע נארונג, זאָל א וואָך צייט ליגן אין בעט און נישט ארויסגיין אין גאַס. און טאקע אין אייניקע טעג שפּעטער האָט רבקה אָנגעהויבן פילן בעסער, אָבער אין בעט איז זי פאַרבליבן א וואָך צייט. אונדזער לאַגע האָט די קלייניקע טייבעלע גוט פאַרשטאַנען און אונדזער געדריקטע שטימונג האָט זיך איר בערגעגעבן. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אינטעליגענט קינד. מיט איין קוק אויף אונדז האָט זי פאַרשטאַנען אונדזערע שטימונגען.

עס איז אונדז דאַן נישט געלעגן אין קאָפּ צו באַוווּנדערן די שיינקייט פון נעאַפּאָל. לויפן זען די מערקווירדיק׳יטן פון דער שטאָט. כאָטש נישט טראַכטנדיק וועגן דעם פלעג איך זיך אין מיטן גיין איבער די גאַסן אָפט אָפּשטעלן און קוקן אויפן רויכערדיקן וועזוווו. און ביז היינטיקן טאָג קען איך נישט פאַרגעסן די אויסערגעוויינלעך שיינע נאַטורבילד. זעסט א טייל פון שטאָט מיט אירע גאַסן און דאָרט ערגעץ ווייט אויפן האָריזאָנט זעסטו אַ הויכן באַרג און דער באַרג איז באַדעקט מיט אַ לאַנגן ברייטן שירעם פון רויך, וועלכער הויבט זיך זייער הויך. און צווישן דעם רויך זעסטו פייערדיקע זיילן. און אַ סך מאָל האָב איך באַשלאָסן ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צופאָרן צום וועזוווו און אויך זען די אוראַלטע שטאָט פּאָמפּיי, וועלכער טאַקע דער ווולקאַן וועזוווו האָט אין אַ שוידערלעכן אויסברוך פאַרניכטעט מיט קאַרגע ניינצן הונדערט יאָר צוריק, באַדעקנדיק איר מיט א הויכן שיכט פון לאַווע.

נעאַפּאָל באַשטייט פון צוויי טיילן — די אַלטע נעאַפּאָל און די מאָדערנע נעאַפּאָל. די גאַנצע שטאָט געפינט זיך אויף דריי גרויסע בערג און כמעט אין אַלע גאַסן דאַרפסטו קריכן אָדער אַרויף באַרג אָדער אַראָפּ באַרג. אין אַלט נעאַפּאָל זענען די גאַסן שמאָלע, שלענגלען זיך, און אויסערגעוויינלעך שמוציקע. אויסגעשמירטע, פאַרפאַמשקעטע קינדער וואַלגערן זיך אין די גאַסן. אומעטום אַלטמאָדישע, פאַרהיסטאָרישע אַלטע הייזער — אַזעלכע אַלטע, לעכערדיקע, שרעקלעך אָפּגעלאָזענע, אַז ס׳איז פּשוט אומגלויבלעך, אַז די רעגירונג זאָל לאָזן וווינען מענטשן אין אַזעלכע חורבות. קליינע שמוציקע קרעמלעך און אין יעדעס קרעמל שטייט א בעט פאַר די באַלעבאַטים. עס נעמט דיך פּשוט עקלען... און דערפאר איז טאקע דער קאָנטראַסט צווישן אַלט נעאַפּאָל און די נייע שטאָט אַזוי איבערראַשנד. אין דער נייער שטאָט זענען די גאַסן ברייטע. אָפט טרעפסטו דאָרט רייכע פּאַלאַצן מיט

ברייטע מאַרמאָר טרעפּ, מיט צוויי גרויסע שטיינערנע לייבן אויף קייטן ביים אַריינגאַנג. אויף די הויפּט געשעפטן זענען דאָ גלעזערנע דעכער, כדי די רעגנס זאָלן נישט פאַרנעצן די סחורה און די דורכגייער. עס לויפן טראַמוואַיען, טייערע בריטשקעס, אויטאָמאָבילן. רייכע געשעפטן, קראָמען, מאַגאַזינען, קאַפע הייזער, רעסטאָראַנען, פאַרשידענע ביוראָס. ס'איז אַ גרויס פאַרגעניגן דאָרט שפּאַצירן. ריין, די טראָטואַרן ווי ערשט אָפּגעוואַשענע. דער הויפּט עולם איז אָנגעטאָן רייך, יום טובדיק. דאָ געפינען זיך די טעאַטערס, אילוזיאָנען, די היסטאָרישע קלויסטערס, מוזעומס, אַלערליי סאָרטן פּאַרוויילונגס פּלעצער. אָבער מען דאַרף האָבן כוחות צו שפּאַצירן איבער נעאַפּאָל באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. אָפט דוכט זיך מיר אַז די איטאַליענער פון ביידע טיילן שטאָט זענען גאָר אַנדערע איטאַליענער, אַנדערע מענטשן. אָבער אומעטום, ווו דו גייסט טרעפסטו אָרימעלייט, וועלכע בעטן נדבות. מען שטעלט דיך אָפט אָפּ אין די גאַסן ,אויסשטרעקנדיק די האַנט. זיצסטו אין אַ קאַפּעטעריע צי אין אַ רעסטאָראַן קומען אָפט אַריין אָרעמע לייט אין גרופּן פון פיר, פון זעקס מיט זייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, שפּילן אַ פינף, צען מינוט און איינער פון זיי גייט צו צו יעדן איינעם מיט אַ הוט אין האַנט מען זאָל דאָרטן אַריינוואַרפן עפּעס אַ מטבע.

איינמאָל בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַן אָרימען רעסטאָראַן פון אַלט נעאַפּאָל און באַשטעלט פיש, איך זאָל דאָס נעמען צו זיך אין צימער פאַר אַ מיטאָג. איז דער באַלעבאָס אַרויס אין מארק איינקויפן די פיש. איך האָב אויף אים געוואַרט אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט די פיש געבראַכט, דערנאָך האָב איך געדאַרפט וואַרטן, ביז ער וועט די פיש אָפּקאָכן. אַפילו אין דעם קבצנישן רעסטאָראַן זענען אויך די קינסטלער־בעטלער אַריינגעקומען שפּילן און בעטן נדבות. א פאָלק מיט קליינע אויסנאַמען לעבט אין הונגער, נויט, דחקות ענגשאַפט און שמוץ. און דערפאַר אַנטלויפן טאַקע די הונגעריקע, דערנידעריקטע איטאַליענער פון זייער לאַנד זוכן מענטשלעך לעבן איבער גאָר דער וועלט.

קאַפּיטל 52

אין דעם אויסגעגראָבענעם פּאָמפּיי

צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר איז נישט ווייט פון נעאַפּאָל געווען אַ שטעטל פּאָמפּיי מיט אַ באַפעלקערונג פון 25 טויזנט. דאָס שטעטל האָט זיך געפונען לעבן דעם וווּלקאַנישן באַרג ווּעזווו. דאָס שטעטל האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט פון אַלע אַנדערע שטעטלעך פון דער גרויסער און מעכטיקער רוימישער אימפּעריע. זי האָט געהאַט אירע פּאַטריציער און פּלע־בעער. אירע טעאַטערן, פאָרומס, בעדער, אַמפּיטעאַטערס, אירע הערן, איר מיטלקלאַס און שקלאַפן, אירע גערטנער, סעדער, ווייַן קעלערן, בעקערייען, פּראָסטיטוציע הייזער, ווייַן קוועטשער, שטיין האַקער און אַנדערע בעלי מלאכות. נאָר איין נאַטור בילד האָט איר יאָ אויסגעצייכנט פון אַלע אַנדערע שטעטלעך: זי האָט זיך געפונען לעבן דעם ווּעזווו, וואָס האָט אַלעמאָל זיך געדרייכערט און די איינוווינער פון פּאָמפּיי האָבן ליב געהאַט צו קוקן אויפן רויכערנדיקן שפּיץ פון באַרג, ספּעציעל ביינאַכט ווען די פינצטערניש איז געווען באַלויכטן מיטן פייער פון קראַטער, וועלכער, אויסמישנדיק זיך מיט געדיכטן רויך, האָט געגעבן דער באַפעלקערונג פון פּאָמפּיי צויבערנדע ביל־דער אין די פאַרשידנסטע קאָלירן. און געשטאַלצירט האָבן די פּאָמפּייער מיט זייער פייער שפּייענדיקן באַרג מיט דער קרוין אויפן באַרג פון געדיכטן שוואַרצן רויך. און וועגן באַרג זענען אַ סך מיטן, לעגענדעס און מעשיות באַ־שאַפן געוואָרן.

און מיט אכצן הונדערט זיבן און זעכציק יאָר צוריק איז דער שטאָט אַ גרויסער אומגליק געשען. דער באַרג ווּעזווו האָט זיך פאַרנאַנדערגע־שפּילט און האָט אָנגעהויבן צו ווייזן, וואָס ער קען אויפטאָן. ער האָט זיך פאַרנאַנדערגעטרייסלט, פון וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען דער גאַנצער אַרום, און ער האָט אָנגעהויבן צו שפּייען מיט אַ הייסער געדיכ־טער שוואַרצער פליסיקייט — די לאַווע. גרויסע זיילן פייער, רויך און לאַ־ווע האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער און עס האָט אָנגעהויבן רעגענען מיט לאַווע. און די קאָכיקע לאַווע האָט דערטרונקען דעם גאַנצן אַרום און האָט צוגעדעקט מיט אַ גראָבן שיכט די גאַנצע שטאָט פּאָמפּיי.

צוויי טעג און דריי נעכט האָט געדויערט די פאַרניכטונגס אַרבעט פון דער ברענענדיקער לאַווע און דער סוף איז געווען זייער אַ טרויעריקער. אמת איז, אַז פון די 25 טויזנט פּאָמפּייער איינוווינער האָבן זיך דורך אנטלויפן געראַטעוועט 23 טויזנט און בלויז צוויי טויזנט זענען פאַרברענט געוואָרן, אָבער די גאַנצע שטאָט איז אָפּגעווישט געוואָרן, אָדער בעסער געזאָגט באַגראָבן געוואָרן אונטער אַ דיקן שיכט פון דער לאַווע. פּאָמפּיי איז געשטאָרבן. באַגראָבן אונטער דער דיקער, גלאַנצנדער שוואַרצער דעקע, וואָס איז גלייך פאַרוואנדלט געוואָרן אין א האַרטן שוואַרצן שטיין. אַ זעכצן הונדערט יאָר איז די שטאָט געלעגן אין קבר און ערשט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק זענען די איטאַליענער צוגעטראָטן צו דער ריזיקער אַרבעט — אויסגראָבן צוריק די שטאָט. צענדליקער און צענדליקער יאָרן האָט געדויערט די אַרבעט און זי איז דורכגעפירט געוואָרן גלענצנד און פון דאַן אָן שטראָמען אַהין טאָג טעגלעך מאַסן מענטשן אָנקוקן די „טויטע שטאָט", ווי זי האָט אויסגעזען מיט 19 הונדערט יאָר צוריק. און עס איז דאָ וואָס צו זען. מיט אַ מאָדנעם געפיל האָב איך זיך דערנענטערט צו דער טויטער שטאָט. דעם דריטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך אַזוינס דורכגעלעבט און דורכגעפילט. דעם ערשטן מאָל ווען איך בין געווען אין בודא טעמפּל אין קאָלאָמבאָ, אויפן ציילאָן אינדזל, דעם צווייטן מאָל אין ירושלים ביי דער הייליקער וואנט און איצט ביים אַריינגאַנג אין דער אויסגעגראָבענער פּאָמפּיי, וועלכע איז ארומגערינגלט מיט אַ שטיינערנער וואַנט פון אַלע זייטן. ערטערוויז איז די וואנט צעפאַלן, נאָר עס זענען דאָ אַ סך ערטער, ווו די וואַנט איז פאַרבליבן גאנץ און אומבאשעדיקט. אויסערן שטאָט, אויף דער צווייטער זייט פון דער וואנט געפינט זיך דער פּאָמפּייער בית עולם. א סך מצבות, טורעמס, קאָלאָנעס, פּיעדעסטאלן, ריזיקע געביידעס אונטער וועלכע עס ליגן די קברים. מיר באַטראַכטן די אויפשריפטן אויף די מצבות, פּיעדעסטאַלן, אויף טאָוולען. און אַ שוידער נעמט אונדז אַרום. די איינגסטע מצבה אויפשריפט איז אַלט באַלד 2,000 יאָר. פאַראַן אויפשריפטן וואָס זענען מיט הונדערטער יאָר עלטער. ווי עס ווייזט זיך פון די מצבות איז די שטאָט געגרינדעט געוואָרן מיט 500 יאָר פאַר איר פאַרניכטונג.

מיר גייען אַריין אין דער טויטער שטאָט: אַ לאַבירינט פון קליינע שמאָלע געסלעך, וועלכע זענען ברוקירט און עס זענען שוין דאַן געווען דאָרטן טראָטואַרן, אויסגעלייגטע מיט גרויסע פלאַטשיקע שטיינער. די גאַסן זענען אַזעלכע שמאָלע, אַז קיין צוויי וועגענער קענען נישט דורכפאָרן אין דער זעלביקער צייט. א סך הייזער, פּאַלאַצן, טעמפּלס און שטאָט געביידעס זענען שטאַרק באַשעדיקט פון דער לאַווע און אַשעס נאָך פון דער צייט פון

חורבן, אַ סך זעען אויס ווי סקעלעטן, אָבער דערפאַר זענען איבערגעבליבן א סך הייזער כמעט אין דעם צושטאַנד ווי זיי האָבן זיך געפונען פאַר דער פאַרפלייצונג. אָט גייען מיר אַריין אין יופיטער־טעמפּל און פאַר אונדז אנט־פּלעקט זיך די עפּאָכע פון געצן דינערייַ פון די ציוויליזירטסטע איינוווינער פון אייראָפּע צו יענער צייט. און טעמפּלען זענען דאָ א סך — א טעמפּל פון אַפּאָלאָ, וועספּאסיאַנס טעמפּל, דער טעמפּל פון פאָרטונאָ אוגוסטא, דער טעמפּל פון איזיס און אנדערע. אָט ליגט אויסגעשפּרייט דער פּאָמ־פּייער מאַרק מיט זיינע ווײַן שענקען, פיש קראָמען, בעדער. וואָס דיך אי־בערראַשט איז, וואָס כמעט אַלץ וואָס דו געפינסט אין די הייזער, אין די טעאַטערס איז געמאַכט געוואָרן פון שטיינער. די ווענט פון שטיינער, די בעטן, בענק, שאַפעס, טישן, וואנעס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון שטיינער. אָט קומסטו אַריין אין גרויסן,ברייטן אַמפיטעאַטער — אַ ריזיקע געביידע אונטערן אָפענעם הימל, זייער ענלעך צו אונדזער ניו יאָרקער סטאַדיום. אַרום און אַרום זענען ברייטע לאַנגע שטיינערנע בענק פון אונטן ביז אַרויף. אין מיטן פון דער ריזיקער געביידע איז אָפּגעצאַמט אַ גרויסער פּלאַץ פאַר די געשלעגן צווישן די גלאַדיאַטאָרן מיט ווילדע חיות. דער טאָג פון די געשלעגן איז פאַר די פּאָמפּייער געווען אַ יום טובדיקער. כמעט אַלע פלעגן קומען אין אַמפיטעאַטער בייצולעבן דעם בייז ווונדער און מיט היל־כיקע געשרייען אויסדריקן זייער שטאַרקע באַגייסטערונג. פון אונטן פלעגן אויף די שטיינערנע בענק זיצן די גאָר רייכע, די פּאַטריציער, די שטאָט פאַרוואַלטער, העכער איז געווען דער פּלאַץ פאַרן מיטלקלאַס און גאָר אויבן פאַר אָרימע און שקלאַפן. די אַנדערע טעאַטערס זענען געווען קלענערע און יענע פלעגן באַזוכט ווערן פון אַ סך אַ קלענערן עולם. אין די קלענערע טעאַטערס פלעגט מען געבן דראַמען אָדער קאָמעדיעס.

פּאָמפּיי האָט פאַרמאָגט עטלעכע שטאָט בעדער. יעדע באָד האָט גע־האַט אַ גרויסן הויף, ווו מען פלעגט זיך שפּילן, מאַכן גימנאַסטיק, ראַנגלען זיך אָדער שפּילן אין פּילקעס, וואָס זענען אויך געמאַכט געוואָרן פון שטיין. די באָד אַליין איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר צימערן מיט גריבער, אָנגעפּילטע מיט קאַלטע, אָדער וואַרימע און אפילו הייסע וואַסער. אין די גריבער קען מען אַפילו היינט זען די רערן, דורך וועלכע די וואַסער פליסט אַריין אין דער גרוב. עס איז פשוט צו באַוווּנדערן, וואָס אומעטום ווו דו גייסט, קענסטו באַמערקן סימנים פון וואַסער לייטונג. די הייזער האָבן נישט געהאַט קיין פענצטער און די ליכט פלעגט אַריינדרינגען אין די הייזער דורך עפענונ־גען אין די ווענט, אָדער אין די דעכער.

דאָס אינטערעסאַנטסטע צו זען איז די הייזער, ווו עס האָבן געוווינט

די רייכע פּאָמפּייער. די ווענט זענען געמאָלן. אַנדערע האָבן אויסגעקריצטע בילדער. אין אַנדערע הייזער זענען דאָ אַפילו שטיינערנע וואַנעס. די וואַרימע אָדער הייסע וואַסער פלעגט אויך אַריינפליסן פון רערן. די נאָך רייכערע הייזער האָבן פאַרמאָגט שיין אויסגעקריצטע און אויסגעפּאַרבטע שטיינערנע טישן און בענק. די גאַנצע שטיינערנע מעבל איז געווען אַרטיסטיש אויסגעשניצט. אױך אין די שלאָף צימערן זענען די בעטן, טישן, בענקלעך געווען פון אויסגעשניצטן שטיין. די געשיר אין קיך איז כמעט מאָדערן — אַזוי ווי די, וואָס מיר באַנוצן היינט. אָנשטאָט אלמערס, קלאָזעטן, קאַסטנס האָבן זיי גענוצט אויסגעהאַקטע פיר קאַנטיקע גרויסע לעכער אין די ווענט. פאַר דער צייט וואָס מען האָט אויסגעגראָבן די שטאָט האָט מען געפונען אין די פאַרשידענע הייזער איבער 3,5000 בילדער, וועלכע געפינען זיך אין אָרטיקן מוזיי, און ס'איז העכסט אינטערעסאַנט זיי צו באַטראַכטן. דאָרט איז מיטאָלאָגיע, דאָרט שפּיגלט זיך אָפּ זייער אַמאָליקער לעבן, זייערע זאָרגן, פאַרגעניגנס, פאַרלאַנגען, שטרעבונגען און טרוימען.

אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מאַכט אויף אייך דער פאָרום — אַ ריזיקע שיינע געביידע, אין וועלכער די פּאָמפּייער האָבן זיך אויסגעלעבט געזעלשאַפטלעך און פּאָליטיש. אין דעם פאָרום פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס און דעבאַטן, דאָרטן האָט מען געפייערט די גרויסע פאָלקס יום־טובים. דאָרטן זענען אויך פאָרגעקומען די עפנטלעכע געריכטן. דער פאָרום איז געווען אַן עפנטלעכער פּלאַץ, יעדערער האָט געקענט אַריינקומען און אויסדריקן זיין מיינונג וועגן די פאַרשידנסטע פראַגן פון עפנטלעכן לעבן. היינט איז פון דעם פאָרום בלויז פאַרבליבן די הויכע קאָלאָנעס, וועלכע שטייען נאָענט איינע לעבן די אַנדערע, די פּיעדעסטאַלן, אויף וועלכע עס זענען אַמאָל געשטאַנען די סטאַטועס פון זייערע אַמאָליקע גרויסע מענטשן און די שטיינערנע טרעפּ, אויף וועלכע די סמעטענע פון דער פּאָמפּייער געזעלשאַפט פלעגט זיצן. שוין דאַמאָלסט זענען דאָרטן געווען אייניקע גאַסן אויף וועלכע עס האָבן געלעבט און געהאַט זייערע הייזער, פּאַלאַצן די רייכע, און אַ סך געסלעך מיט קליינע הייזער פאַר דער אָרעמקייט.

און אָפט שטויסטו זיך אָן אויף שוידערלעכע בילדער: אויף פאַרשטיינערטע מענטשן. זיי זענען נישט אַנטלאָפן פון דער פאַרניכטונג און פאַרוויסטונג און זענען איבערגעבליבן אין די הייזער. קענסט טרעפן מענטשן, וואָס האָבן געזעצט ברויט אין אויוון און זענען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט דער לאַווע. און זיי זענען געבליבן אין דער זעלביקער פּאָזע ביז היינט צו טאָג. קענסט דערזען אַ פאַרשטיינערטן הונט אָדער אַ קאַץ... פון אַנדערע וואָס זענען

נישט פאַרשטיינערט געוואָרן, ווייל די לאווע האָט זיי נישט פאַרכאַפּט זע־נען פאַרבליבן סקעלעטן, באַדעקטע מיט אַש. צענויפגעמישט.

און אַז דו גיסט אַ וואָרף מיט די אויגן אויף דער שטאָט אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אַ וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע. עס ציען זיך געסלעך אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען, דאָ און דאָרט זעסטו הויכע געביידעס. פון אומעטום רוקן זיך אַרויס הויכע זיילן, פּיעדעסטאַלן, אַנדערע קאָלאָנעס זע־נען אַזוי הויך, אַז מיטן אויג נישט צו דערגרייכן. און כאָטש דו זעסט אַרום און אַרום רואינען, דאָך גלויבט זיך דיר נישט, אַז דאָס איז אַ פאַר־בלייבאכץ פון אַ חרובער שטאָט. דו זעסט קאָלאָנען, דענקמעלער, הויכע הייזער און זיי זעען אויס פריש, לויטער, דוכט זיך אַז זיי זענען ערשט אָפּ־געפאַרבט געוואָרן. און דו פילסט דאָ א הייליקע טויטע שטילקייט. אַזעל־כע בילדער פאַרגעסן זיך קיינמאָל נישט...

שפּאַצירנדיק איבער דער טויטער שטאָט קען מען אויך טרעפן די רעשטן פון די אַמאָליקע פריילעכע הייזער, פון שענקען מיט זייערע קריג־לעך, קובקעס, פעסלעך, מען קען זען די אַמאָליקע פיש פלעצער, ווייַן קווע־טשער, אַמאָליקע אַרבעטס אינסטרומענטן.

אַ רייכע קאָלעקציע פון זאַכן, אינסטרומענטן, מאָלערייען, סקולפּ־טורן, הויז ווירטשאַפט, צירונג, טשיקאַווע שטיינערנע מעבל, באַפּוצונגען קען מען זען אין דעם נייעם מוזיי, וואָס איז לעצטנס דאָרט געעפנט גע־וואָרן און מיט באַוווּנדערונג קען מען אין מוזיי אָפּשטיין גאַנצע טעג מיטן שפּאַנענדסטן אינטערעס און אַלץ באַטראַכטן. עס איז אַ זאַמלונג פון דעם, וואָס מען האָט אין דער פאַרברענטער שטאָט געפונען און דאָס אַלץ גיט א פולע בילד פון דעם, ווי איינע פון די ציוויליזירטסטע שטעט האָט דאַן, מיט ניינצן הונדערט יאָר צוריק, אויסגעזען און ווי די איינוווינער האָבן דאַן גע־לעבט און אויף וועלכער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג די באַפעלקערונג האָט זיך געפונען.

צו יענער צייט, ווען איך בין דאָרט געווען, צוריק מיט 25 יאָר, האָט מען נאָך נישט אויסגעגראָבן אַלץ. עפּעס מער ווי אַ העלפט איז פון דער אַמאָליקער שטאָט געעפנט געוואָרן פאַר די באַזוכער און די אַרבעט גייט נאָך אַלץ אָן. און איך פאַרהאָף אַז ווען די אַרבעט וועט אין גאַנצן פאַרענדיקט ווערן, וועלן מיר קענען קריגן אַ פולן באַגריף וועגן דעם גאַנצן לעבנס שטייגער, מאַטעריעלן און קולטורעלן צושטאַנד פון די פּאָמפּייער פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק.

קאַפּיטל 53

אין דער שטאָט אַלזשיר

נאָכן זיין אייניקע וואָכן אין איטאַליע, האָבן מיר זיך ווידער געלאָזן אין וועג. דאָס מאָל אויף אַן אַמעריקאַנער שיף „פּרעזידענט ווילסאָן". געהאָפט האָב איך, אַז אויף דער שיף וועלן זיין מער באַקוועמלעכקייטן, ווי אויף דער איטאַליענישער שיף. און איך האָב זיך אין מיין האָפענונג אָפּגענאַרט. די זעלביקע שמוץ, די זעלביקע באַהאַנדלונג. בלויז דאָס עסן איז אַביסל בעסער. פאַרשטייט זיך, אַז מיר פאָרן מיטן דריטן קלאַס און מיר דאַרפן פאָרן איבער דער לענג פון מיטללענדישן ים ביזן גיבראַלטאַר און דאָרטן גייען מיר שוין אַריין אין אַטלאַנטישן אָקעאַן. צו דער רעכטער זייט פון אונדז איז איירָאָפּע און פון לינקן זייט — אַפריקע.

די רייזע איז אַן אנגענעמע. דער ים איז שטיל און רואיק. די זון ברענט, נאָר אויפן ים פילט זיך נישט די היץ. פאַרקערט עס בלאָזט אַ קיל ווינטל. קיינער איז נישט אינעווייניק, נאָר אַלע זענען אויפן אויבערדעק. דער עולם פילט גוט. מען באַקאַנט זיך און מען שמועסט. דער גרעסטער טייל פון די רייזנדע זענען פון די ארומיקע געגנטן: פונם נאָענטן אָריענט, פון שפּאַניע, איטאַליע און פון אַפריקע. אַלע פאַרברענטע, טונקעלע ווי ציגיינער און ציגיינערינס. און אַלע רעדן אין אַנדערע שפּראַכן אין די שפּראַכן פון דרום איירָאָפּע, מיטעלן מזרח און צפון אַפריקע .זעלטן, זעלטן ווען איך קען זיך מיט אימיצן צונויפרעדן. און אָט דערנענטערט זיך אונדזער שיף גיינער און ציגיינערינס. און אַלע רעדן אין אַנדערע שפּראַכן אין די שפּראַכן אַלזשיר. מיר שטעלן זיך דאָרט אָפּ אויף 24 שעה. נאָך דער געוויינלעכער פּראָצעדור, וואָס געדויערט איבער אַ שעה, קריגן מיר די דערלויבעניש אַראָפּגיין פון דער שיף. דער האַפן איז אויסערגעוויינלעך גרויס. דאָ קען מען זען אַ סך גרויסע שיפן, באַרזשעס און קליינע שיפלעך. מען פירט אונדז אין שטאָט אַריין דורך אַ גרויסן מאָדערנעם בריק, וועלכער איז אויסגעפלאַסטערט מיט ווייסע גלאַטע שטיינער. די אַראַבער, וואָס מיר טרעפן אויפן וועג זענען אָנגעטאָן אין ווייסן, די מענער אין ווייסע כאַלאַטן מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ און די פרויען אין לאנגע ברייטע ליילעכער מיט פאַרדעקטע פנימער. פאַר מיר זעען זיי אויס ווי שדים אין מיין קינדער־

שער פֿאַנטאַזיע. די שטאָט, וואָס ליגט אויסגעצויגן פֿאַר אונדזערע אויגן דראַפּעט זיך איבער בערג, וועלכע פֿאַרשטעלן דעם האָריזאָנט. מען זעט בלויז ביים ברעג פֿון האַפֿן אַ לאַנגע גאַס מיט ווייסע מויערן אין אַ גלייכער ליניע און ווייטער, בערג מיט העל ווייסע הייזער און נאָך ווייטער דעם טונקל בלויען הימל און די ברענענדע זון וואָס וואַרפֿט איבערן שטאָט אירע בלענדנדע שטראַלן. נישט אומזיסט רופֿט מען די שטאָט אַלזשיר „די ווייסע שטאָט". אין ווייסן קליידן זיך די איינוווינער, ווייסע הייזער, ווייסע טראָטואַרן און ברוק און די גאַנצע שטאָט זעט טאַקע אויס ווי אַ ווייסע.

און אָט גייען מיר אַריין אין שטאָט. צום ערשטן גייען מיר איבער דעם פּראַכטפֿולן „בולוואַר פֿון דער רעפּובליק". הייזער־פּאַלאַצן, יעדעס הויז אייגנאַרטיק געבויט, און זעט אויס אינגאַנצן אַנדערש. אָבער אַלע פֿאַרמאָגן אַרקאַדעס; אַן אויסגעבויגענעם דורכגאַנג, דורך וועלכן די מענטשן וואָס דאַרפֿן גיין אין גאַס, זאָלן נישט גיין אויף דער ברענענדער זון, נאָר זאָלן גיין אין שאָטן. אויבן אויף די שטאָקן האָבן זיי ווונדערבאַרע געמויערטע באַלקאָנען מיט גאָטישע עפֿענונגען פֿאַר פֿרישע לופֿט און באַלייכטונג. אָפֿט זעסטו זייטיקע גאַסן, וועלכע זענען אויסגעלייגט ווי אויף אַ באַרג. אין די גאַסן גייען די אַלזשירער אויף ברייטע, שיינע מאַרמאָרטרעפּ. אָט איז אַן אַמאָליקע פֿעסטונג־הויז מיט אַ הויכן ליכט טורעם. אָט די פֿעסטונג איז געבויט אין 15־טן יאָרהונדערט דורך די שפּאַנישע אריינדרינגער. דו גייסט איבער די גאַסן און דיר קומען אנטקעגן אייראָפּעער: שפּאַניער, פֿראַנצויזן, איטאַליענער, אַלע מענער טראָגן זומערדיקע זאַכן און די פֿרויען אויסגעפּוצט אין זיידנס פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן נאָר מער פֿון אַלעמען טרעפֿסטו די געבאָרענע אַפֿריקאַנער אַנגעטאָן אין ווייסן. ווען דו שטודירסט זייער קליידונג, קענסטו גלייך דערקענען אַז זיי שטאַמען פֿון די פֿאַרשידנסטע שבטים און קומען פֿון די פֿאַרשידנסטע לענדער פֿון אַפֿריקע. זייער קאָליר איז פֿון טונקל ברוין ביז סאַזשע־שוואַרץ מיט די אַלע שטריכן פֿון דער נעגערשער ראַסע. טרעפֿסט אָפֿט טיפּן פֿון בעדואינער, וועלכע זענען אַ סך שענער פֿון די ארץ ישראלדיקע טיפּן און גייען אויך אַ סך שענער אָנגעטאָן. דו גייסט פֿאַרביי קאַפֿע הייזער, רעסטאָראַנען, טעאַטערס, האָטעלן, מוויס, גרויסע מאַגאַזינען, רייכע קראָמען. לעבן די הייזער טרעפֿסטו אָפֿט שיינע גראַציעזע פּאַלמען, וועלכע וואַרפֿן פֿון זיך אַ לאַנגן שאָטן — אַן אָפּפֿרישונג פֿאַר די דורכגייער. און אין מיטן גאַס לויפֿן עלעקטרישע טראַמוואַיען, אויטאָמאָבילן, קאַרעטעס. איך גיי אַריין אין אַ שטאָטישן וואַשצימער. ער ווערט געהאַלטן אויסערגעוויינלעך ריין. אַלץ איז פֿון ריינעם מאַרמאָר — עס בלאַנקט. אויף די ווענט הענגען האַנטוכער.

קעמעלעך, בערשטלעך. די קראַנעץ גלאַנצן. די שיסלען פּאַר וואַסער צו וואַשן זיך, בלאַנקען. גייסט אַרויס פון דאָרטן אַ פאַרוואונדערטער. און אין די גאַסן וועסטו קיין שטיקל פּאַפּיר, קיין ברעקל שמוץ נישט געפינען.

אַלזשיר... די וואונדערבאַרסטע שטאָט פון דער וועלט. איך בין באַקאַנט מיט אַלע ווינקלען פון דער אינטערנאַציאָנאַלסטער שטאָט פון דער וועלט — ניו יאָרק. מיר דוכט זיך, אַז ס'איז נישטאָ קיין איינציק פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבן קיין פאָרשטייער אין ניו יאָרק אָבער אַמעריקע אַסימילירט זיי אַלעמען, ספּעציעל אין דער פראַגע פון קליידונג. כמעט אַלע, אויסער אפשר די כינעזער און ציגיינער, קליידן זיך אייראָפּעיש. אין דעם זין איז ניו יאָרק איינטאָניק. אין אַלזשיר איז פאַרקערט. דאָרט זענען פאַרטראָטן כמעט אַלע פעלקער און שבטים פון דעם נאָענטן אָריענט און זיי טראָגן אַלע זייערע נאַציאָנאַלע קליידער, נאַציאָנאַלע קאָסטיומען. און די קליידונג איז א שרייענדע, אַן אַרויסרופנדע, פיל פאַרביקע, א פאַנטאַסטישע. ספּעציעל שרייענדיק זענען אָנגעטאָן די פרויען פון דעם מדבר, וועלכע טראָגן ברייטע, פאַרשיידן קאָלירטע בלוזעס מיט זייער ברייטע הויזן. אויף די פיס טראָגן זיי גאָרנישט. גייען באָרוויס. דערפאַר טראָגן זיי אויף זיך צירונג דוכט זיך דער גאַנצער קערפּער איז מיט דעם באַדעקט, דער שטערן איז אַרומגערינגלט מיט א שטערן-באַנד באַדעקט מיט גאָלד און זילבער, אין די אויערן לאַנגע גרויסע אויערינגלעך, אויפן האַלדז די טייערסטע פאַטשערקעס. אויף די הענט טייערע רינגען מיט די טייערסטע שטיינדלעך, די פינגער זענען באַדעקט מיט די טייערסטע פינגערלעך, די פיס זענען באַדעקט מיט רינגען פון גאָלד און זילבער.

די מענער טראָגן אויפן קאָפּ א ווייסע טוך אָפּט אויך באַדעקט מיט א שטרויענער הוט און אויף זיך טראָגן זיי אַ לאַנגן כאַלאַט. די מערסטע פרויען גייען מיט פאַרדעקטע פּנימער, פאַרדעקט דעם גאַנצן קערפּער מיט אַ ווייסער טוך, אַ ווייסע בלוזע מיט אַ פאַס באַצירט מיט גאָלד און זילבער, טראָגן ברייטע קליידער מיט א סך פאַלדן און זייער ברייטע הויזן, נאָר פון שוכוואַרג האַלטן זיי נישט. גייען אום באָרוויס. די פיס זענען אַזוי טאַטואירט, אַז ס'זעט אויס ווי זי טראָגט שיך און זאָקן.

אין אַלגעמיין גייען באָרוועס כמעט אַלע אַראַבער און אַראַבערינס, אויסער די רייכע. אַ סך אַראַבער קענסטו באַמערקן טראָגן אייראָפּעישע זאַכן, אָבער אַלע מאָל מיט אַ פעסקע אויפן קאָפּ. די פרויען היטן אָפּ זייער אַראַבישע קליידונג און וואָל. און אויב אימיצער פון זיי נעמט אראָפּ פון זיך דעם וואָל איז דאָס אַ סימן, אַז זי באַלאַנגט שוין מיט דעם אַליין צו דער נידעריקער געזעלשאַפט.

און אָט בין איך אין עפּעס אַ פּאַרק, אַן אמת טראָפּישער פּאַרק. די פּאַרשידנאַרטיקע פּאַלמען און אַנדערע טראָפּישעביימער זעען אויס אַזוי רייך און שיין, אַז דו קענסט פון זיי די אויגן נישט אראָפּנעמען. אין מיטן פּאַרק איז דאָ אַ פאָנטאַן. אין די רייך באַוואַקסענע אַלייען געפינען זיך אַ סך בענק. דער פאַרשידנאַרטיקער אויסגעפּוצטער עולם זיצט אויף די בענק. מען לייענט פראַנצויזישע צייטונגען און מען פאַרברענגט. מיר דוכט זיך, אַז דו זעסט דאָ פאָרשטייער פון אַלע נאַציעס און שבטים פון דער וועלט. אַנדערע לייענען אויך ביכלעך און אַלץ אין פראַנצויזיש. דאָ קענסטו זען אַ סך פרויען מיט קינדער.

אין אַלזשיר געפינען זיך אַ סך יידן. אַ סך פון זיי שפּילן אַ גרויסע ראָל אין קאָמערץ, פּאָליטיק און קולטורעלן לעבן. אַ סך זענען באַקאַנט דורך זייער רייכקייט, איינפלוס און וויסן. די יידן זענען די אייגנטימער פון די רייכע טעאַטערס, מוויס, קאַבאַרעטן, פון גרויסע געשעפטן, פון באַוווסטע אימפּאָרט און עקספּאָרט געשעפטן. די יידן אין אַלגעמיין שטעלן מיט זיך פאָר דעם קולטורעלסטן טייל פון אַלזשיר. אָבער אַ סך פון זיי זענען אין גאַנצן אָפּגעפראַנצויזט געוואָרן. די אָרעמע יידן וווינען נאָך אין דעם מורישן שמוציקן טייל פון שטאָט, וווּ די אָרעמקייט איז אַ שרייענדע. די היינטיקע יידן קריגן מערסטנס אַ מאָדערנע דערציונג אין מאָדערנע יידיש פראַנצויזישע שולן, קליידן זיך ווי פראַנצויזן און רעדן אַ גוטן פראַנצויזיש. די אַלט־מאָדישע יידן לעבן מערסטנס אין דער אַלטער שטאָט, פירן אַן אלטמאָדישן לעבן, אַזוי ווי די יידן אין די דאָזיקע לענדער האָבן געפירט מיט הונדער־טער יאָרן צוריק. זיי לעבן זייער אָרים, אָפּגעזונדערט. זיי זענען בעלי מלא־כות, שווערע אַרבעטער, פאַרנומען אין קליינעם האַנדל.

דער מורישער טייל פון שטאָט, וווּ עס טוליעט זיך די גאַנצע אָרעמ־קייט און וווּ עס לעבט די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג, איז שוין זייער אַן אַלטער און איז פאַרבליבן אין דעם זעלבן צושטאַנד אין וועלכן ער האָט זיך געפונען מיט הונדערטער און הונדערטער יאָרן צוריק. די געסלעך פינצטערע, קרומע, שמוציקע, ענגע, לויפן אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ. אויך די הייזלעך זענען אָנגע־וואָרפן אָן אן אָרדענונג. די הייזלעך פון שטיינער און ליים זענען זייער אַל־טע. און אָט קומען מיר אין מאַרק. די מערסטע סחורה איז פאַרנאַנדערגע־לייגט אויף שמאַטעס אויף דער ערד. גרויסע פליגן דרייען זיך דאָ ארום אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען, זעצן זיך זויגן די סחורה. דער הענדלער טרייבט זיי אַראָפּ, אָבער דאָס שרעקט זיי נישט אָפּ — זיי פליען אָפּ און פליען צו־ריק אראָפּ אויף די סחורות און טוער זייער אַרבעט. די קויפערס זענען שוין

געוווינט צו דעם און זיי קויפֿן. עס קומט צו אַ בעטלער אין טראַנטעס מיט זיין איינסטרוניקער גיטאַרע. ער שפּילט פֿאַרן עולם און זינגט די אַראַבי־שע קיצלדיקע נגונים און קריגט דערפֿאַר פֿון אייניקע קליינע נדבות. שפּעטער קומט צו אַן אלטער אַראַבער מיט א יונגיטשקע אַראַבערין, אפשר זיין אייניקל, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר 10־12. ער נעמט אַרויס זיין אינסטרו־מענט און שפּילט און זי טאַנצט אויס אירע קערפּערלעכע טענץ. זיי קריגן שוין מער נדבות. אַרום דעם מאַרק גייען געסלעך. אָבער דאָ זענען די געסלעך, מערסטנס אַרבעטער געסלעך און יעדעס געסל האָט געשעפֿטן אָדער אַרבעטער פֿון איין פֿאַך. איין געסל פּראָדוצירט מעבל: טישן, בענק־לעך, קאַסטנס, אין אַ צווייטס פּראָדוצירט מען און מען פֿאַרקויפֿט אויס־אַרבעטונגען פֿון קופּער: קריגלעך, טעפּ, לעפל אין א דריטס געסל זענען דאָ שמידן מיט זייערע קוזניעס, אין א פֿערטער געסל קען מען קריגן עסן. און דאָ פֿאַרקויפֿט מען זיידענע און וואָלענע פּרויען־קליידער און וויטער גייט א געסל, ווו מען פֿאַרקויפֿט באַפּוצונגען פֿאַר פֿרויען.

און ווען איך בין אַרויס פֿון די געסלעך און צוריק אַריין אין אייראָ־פּעישן טייל פֿון שטאָט, איז מיר מיט אמאָל ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. איך האָב פֿרייער אָפּגעאָטעמט. איך בין צוריק אין איראָפּע, איך בין צו־ריק אין ניי פֿאַריז, ווי די איראָפּעער רופֿן דעם איראָפּעישן טייל פֿון אַל־זשיר.

און פֿון אלזשיר פֿאָרן מיר צום גיבראַלטאר — דעם לעצטן פּונקט פֿונם מיטללענדישן ים. גיבראַלטאַר רעכנט זיך פֿאַר דער שטאַרקסטער פֿעסטונג אין דער וועלט. מיר זענען דורכגעפֿאָרן דעם קאַנאַל אין מיטן פֿון אַ ליכ־טיקער נאכט, ווען די לבנה האָט זיך פֿאַרגאַנדערגעלויכטן, די שטערן האָבן זיך צעשיינט און דער בלויער אומבאַפלעקטער הימל איז געווען באַזייט מיט לייכטענדע פֿינטלעך. אַלץ אַרום און ארום איז געוועזן ווי אין סודות איינגעהילט. און אָט זענען מיר אַריין אין דעם גיבראַלטאַר. אַפריקע און איראָפּע זענען זיך צונויפֿגעקומען: פֿון איין זייט איז די מאַראָקע און פֿון דער צווייטער זייט איז שפּאַניע און דוכט זיך זיי זענען אַזוי נאָענט איינע מיט די אַנדערע, אַז מען קען זיי מיט די הענט דערלאַנגען. נו זענען דאָרט שטיינערנע פֿעלדזן! מיר דוכט זיך, אַז קיין אטאָם באַמבע קענען זיי נישט פֿאַר־ניכטן. און די פֿעלדזנע ווענט פֿונם גיבראַלטאַר זענען אַזעלכע הויכע, קוים מיטן אויג צו כאַפּן. אין דער הויך, אויפֿן שפּיץ פֿון דעם פֿעלדז געפֿינען זיך די הויפּט פֿעסטונגען מיט אַ הויכן טורעם, פֿון וואַנען מען זעט די אַלע שיפֿן, וואָס קורסירן פֿון מיטללענדיישן ים אין דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און פֿאַר־קערט. און דאָס שאַפֿט די מעגלעכקייט פֿאַר די באַזיצער פֿון דעם גיבראַל־

טאַר צו קאָנטראָלירן דעם גאַנצן שיפן פאַרקער צווישן איראָפּע, אַזיע און אַפריקע. פאַר די לעצטע 200 יאָר באַזיצט ענגלאנד די שליסלען פון גי־בראַלטאַר און האָט דערפאַר דעם וויכטיקסטן מאַטעריעלן פאַרצוג קעגן אַלע אימפּעריעס פון דער וועלט און אין מלחמה צייטן איז דער גיבראַלטאַר פאַר ענגלאַנד אַזאַ סטראַטעגישער פאַרצוג, קעגן וועלכן קיין איין אימפּעריע האָט נישט געקענט אפילו חלומען מלחמה האַלטן, ווייל דער גיבראַלטאַר איז לעצטנס געווען אומבאַזיגבאַר.

איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט, אַז דאָ געפינען זיך יידן און ווי פאַרוווּנדערט בין איך געוואָרן, ווען די פּאַסאַזשירן האָבן מיר דערציילט, אַז דאָ געפינען זיך אַ טויזנט יידן — די אור־אור אייניקלעך פון די מאַ־ראַנען פון שפּאַניע. די מערסטע פון זיי זענען שווערע אַרבעטער — לאַסט טרעגער, לאַדן אָן און לאָדן אויס די שיפן, אויך קרעמער און סוחרים. זיי רעדן אין דער לאַדינאָ שפּראַך. זיי פאַרמאָגן דאָרטן שולן, תלמוד תורות און אפילו אַ ישיבה „אור תורה״. מיט צוויי פון זיי, מאַראַנען, בין איך גע־פאָרן צוזאַמען אויף אונדזער שיף „פּרעזידענט ווילסאָן״. די גאַנצע צייט האָבן מיר נישט גערעדט. איך האָב זיי אָנגענומען פאַר אַלזשירער אַראַבער, ווייל זיי האָבן זיך אריינגעזעצט אין אונדזער שיף אין אַלזשיר. די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען געפאָרן צוזאַמען, האָב איך קיין פאַרדאַכט נישט געהאַט, אַז זיי זענען יידן. נאָר ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די רייזע און מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ניו יאָרקער האפן, האָב איך דערהערט, ווי זיי זינגען מיט באַגייסטערונג די „התקוה״ מיטן ספרדישן אַקצענט. איך בין גלייך צו זיי צוגעגאַנגען און פאַרפירט מיט זיי אַ געשפּרעך און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי שטאַמען פון די גיבראַלטאַרער מאראנען, אַז זיי זענען ברידער און פאָרן צו זייערן אָנקל אין ניו יאָרק. און מאָדנע ווי מיר האָבן זיך צוגעקלעפּט איינע צו די אַנדערע. ביז מיר זענען אראָפּ פון שיף האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. עליס איילאַנד האָט אונדז פאַרנאַנדער־געטיילט און מיר האָבן שוין איינע די אַנדערע מער קיינמאָל נישט געזען...

קאַפּיטל 54

אויפֿן אינדזל פֿון טרערן

אונדזער שיף איז די גאַנצע צײַט, זינט מיר האָבן פֿאַרלאָזן די ברעגן פֿון גיבראַלטאַר געגאַנגען מיט איר פֿולער קראַפֿט. זי האָט זיך זייער געאײַלט כּדי צו דערגרייכן די ברעגן פֿון אַמעריקע פֿאַר 12 אַזייגער אין מיטן נאַכט פֿון יולי דעם ערשטן. כּדי די פּאַסאַזשירן זאָלן נאָך נישט אַרײַנגיין אין דער קוואָטע, וואָס איז גראַד דאַן צום ערשטן מאָל אײַנגעפֿירט געוואָרן פֿאַר נישט אַמעריקאַנער אימיגראַנטן אין אייראָפּע. און מיטן שנעלן יאָגן זיך האָבן מיר טאַקע פֿאַרשפּאָרט אַ גאַנצן מעת־לעת און זענען אַרײַנגעקומען אין עליס איילאַנד אַרום צען דעם זייגער. מיר האָבן נאָך אַליין נישט געגלויבט, אַז מיר זענען שוין אין ניו יאָרק, ווען מיר וואָלטן זיך אַליין נישט איבערצייגט, דערזעענדיק די ברוקלינער געבײַדעס. אַלע פּאַסאַזשירן זענען געשטאַנען אויפֿן דעק, בײַ די פֿאָרענצן פֿון שיף און באַטראַכט מיט פֿאַרווּנדערונג און האַרץ קלאַפּעניש די פּאַנאָראַמע פֿון דער שטאָט, וואָס ווערט מיט אונדזער דערנענטערונג אַלץ גרעסער און גרעסער, ריזיקער און ריזיקע.

איך בין צופֿרידן: דער לאַנגער וועג פֿון אַזיע קיין אַפֿריקע און פֿון דאָרט קיין אַמעריקע איז שוין דורכגעמאַכט און באַלד װעל איך ווי געהעריק זיך אָפּרוען, זען מײַנע פֿרײַנט און באַקאַנטע, מײַנע נאָענטסטע קרובים, חברים און לאַנדסלײַט.

אונדזער עולם האָט דערזען אַ שיפֿל. יעדער איינער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערזען די גליקלעכע פֿון שיפֿל. יעדער איינער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען געקומען זײַנע קרובים אים באַגעגענען און טאַקע אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן באַגריסונגען מיט די טיכלעך, מיט די הענט, מיט די היט, דערנאָך אויסגעשרייען און צולעצט אַ באַגײַסטערטער געשפּרעך אין איבערן ים אין איטאַליעניש. דאָס שיפֿל איז אונדז נאָכגעשווומען אַ קורצע צײַט און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. שפּעט בײַנאַכט האָט זיך אונדזער שיף אין גאַנצן אָפּגעשטעלט, אָבער נישט בײַ אַ ברעג נאָר אַרום דרײַ מײַל ווײַט פֿון אים. אַנטקעגן אונדז האָבן מיר געזען אַ שטאָט דורך און דורך באַגאָסן מיט אַ שטיפֿערישן עלעקטרישן פֿײַער. דאָס איז געווען קוני איילאַנד. מיר

באַטראַכטן די אַמעריקאַנער שיפֿלעך, די פּעריס, וואָס שווימען פֿאַרביי אונדז, איינע נאָך די אַנדערע. אונדזערע פּאַסאַזשירן באַגריסן זיי.

מיר וואָלטן שוין געוואָלט אַראָפּ פֿון אונדזער שיף, וואָס האָט אונדז געהאַלטן אָפּגעצאַמט פֿון דער גאַנצער וועלט אַזוי פֿיל טעג און נעכט. און דאָ כאַפּט אונדז אָן אַ צווייפֿל, צי מען וועט אונדז אין גאַנצן אַריינלאָזן אין אַמעריקע.

מיט אונדז איז דעם גאַנצן וועג געפֿאָרן אַ יידישע פּאָר פֿאָלק מיט אַ קליין קינד. מען האָט זיי אָנגעשראָקן, אַז אויב מען וועט געפֿינען אַ שפּרינ־קעלע אין אירע, אָדער איר קינדס האָר, וועט מען זיי צוריקשיקן. טאָג און נאַכט שטייט זי מיט אַ קעמל און אַ שפּיגל און באַטראַכט אירס און דעם קינדס האָר. זי איז זייער טרויעריק און פֿאַרזאָרגט. דער מאַן אירער איז אויך אומרואיק. גאָר אַ קלייניקייט: געווען קראַנק אויפֿן ים אַ 7 טעג, האָט פֿאַרלאָרן אַ סך וואָג און ער צווייפֿלט צי מען וועט אים איצט אין אַזאַ צושטאַנד אַריינלאָזן אין אַמעריקע. ער באַראָט זיך מיט מיר. נישט ווילנדיק האָב איך זיך פֿאַרנאַנדערגעלאַכט. אַזאַ הויכער געזונטער יונג, וואָס פּאַסט זיך פֿאַר אַ פּאָליסמאַן, זאָל מורא האָבן מען זאָל אים נישט אַריינלאָזן צו־ליב זיין געזונט צושטאַנד. איך האָב אים באַרויקט.

און דאָרט אויפֿן שיף זענען מיר אָפּגעשטאַנען אַ נאַכט. און אויף מאָרגן האָט מען אונדז אַרום האַלב נאָך פֿיר אין דער פֿרי אויפֿגעוועקט און אָנ־געזאָגט, מיר זאָלן זיך גוט איינוואַשן, אָפּראַזירן זיך, אָנטאָן פֿרישע וועש און די בעסטע קליידער. און ווען איך בין אַרויף אויפֿן דעק, האָב איך מיינע מיטרייזנדע נישט דערקענט. גאָר אַנדערע! אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די אײַנ־דערוואַכנדיקע זאַכן און זיך אָנגעטאָן די יום־טובדיקע אַנצוגן מיט ווייסע העמדער, מיט שרייענדע שניפּסן, היט און גלאַנציקע שיך. די איטאַליעני־שע פֿרויען און די פֿרויען פֿון נאָענטן מזרח האָבן זיך אויסגעפּוצט אין מאָד־נע ברייטע לאַנגע קליידער פֿון שרייענדע קאָלירן, מיט אַזעלכע מאָדנע העטס און אַנדערע אין פֿיל קאָלירנדע פּאַטשיילעס. יעדערער איז אָנגע־שטרענגט, אויפֿגערעגט און עפּעס שרעקט אים.

און אָט איז צו אונדז צוגעקומען אַ שיפֿל, וועלכע האָט אונדז גע־בראַכט די אַמעריקאַנער באַטשאַלסטווע, אָן אַכט פּערזאָן, וואָס האָבן זיך אַ לענגערע צייט פֿאַרנומען מיט פּאַסאַזשירן — אַמעריקאַנער בירגער און די פּאַסאַזשירן פֿון ערשטן און צווייטן קלאַס. לסוף איז די ריי דערגאַנגען צו אונדז — די אימיגראַנטן פֿון דריטן קלאַס. אַרום 12 בייטאָג האָט מען אונדז געהייסן איינציגווייז — מענער און פֿרויען באַזונדער, אַריינגיין אין דריטן קלאַס. מען האָט געהייסן יעדן אויסטאָן די הוט, דעם רעקל, פּאַרקאַטשען

די אַרבל פון די העמדער. אַנדערע האָט מען געהייסן אויסטאָן אפילו די העמדער. דאָס האָבן די אַמעריקאַנער דאָקטוירים אונדז באַטראַכט. גאָט צו דאַנקען! רבקה, טייבעלע און איך האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

ווען מען האָט פאַרענדיקט די פּראָצעדור, האָט זיך אונדזער שיף אַ ריר געטאָן און מיר זענען צוגעפאָרן צום ברעג, צו עפּעס אַ גרויסער גע־ביידע. דאָ האָט מען אראָפּגעלאָזן די אַמעריקאַנער בירגער און די פּאַסאַ־זשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס, קעגן וועמעס לאַנדונג די אַמעריקאַ־נער אימיגראַציע באַאַמטע האָבן גאָר נישט געהאַט, דערנאָך האָבן מיר די פּראָלעטאַריער, אַנגעהויבן ארונטערגיין פון שיף מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, אין די הענט. די באַאַמטע פון קאַסטאַם האַוז האָבן איבערגע־קוקט אונדזער באַגאַזש און ווען מיר זענען אין גאַנצן פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר געקראָגן א פאַראָרדנונג ארויפגיין אויף אַ שיפל, וואָס דאַרף אונדז צופירן צו עליס איילאַנד. מיר זענען אַזוי פאַרמאַטערט און אויס־געהונגערט, אַז אונדז איז אפילו שווער צו באַוועגן זיך, צו טראָגן די פּעק־לעך. נאָר מיר טוען אַלץ, וואָס מען הייסט אונדז מיט גרויסע שוועריקייטן. און די שיפל איז אַזוי געפּאַקט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ, ווו זיך אָנצו־שפּאַרן. דאָס שיפל האָט זיך אַ ריר געטאָן און עס דרייט זיך עפּעס אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען אין די שמאָלע וואַסערן. פאַרסט פאַרביי שיינע גרויסע געביידעס, וואָס זענען ארומגערינגלט מיט גראָזן, בלומען און ביי־מער. מיר פאָרן פאַרביי די סטאַטוע פון פרייהייט. נאָר פאַר אונדז שיינט זי נישט. זי איז קאַלט מיט אַ פאַרגליווערטן אויסדרוק אויפן פּנים. און אָט האָט זיך אונדזער שיפל אָפּגעשטעלט. מען האָט אונדז געהייסן מיט די פּעק אראָפּגיין און מיר זענען אריין אין א גרויסער שיינע געביידע, ווו מען האָט אונדז צעזעצט אויף לאַנגע הילצערנע בענק. נאָר לאַנג אָפּרוען זיך האָט מען אונדז נישט געלאָזן: גרופּנווייז האָט מען אונדז אריינגעפירט צו די דאָקטוירים, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך געמוזט אנטפּלעקן מוטער נאַקעט: זיי האָבן אונדז איצט גאַנץ ערנסט עקזאַמינירט, באַטראַכט, ארויסגעגעבן אונדז קאַרטלעך און מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין זייער אַ גרויסן צי־מער מיט אַ בימה און אַ גאַלעריע. אונטן זענען געווען 12 זייער לאַנגע בענק און אם ענד פון די בענק אויף ביידע זייטן זענען געשטאַנען טישלעך און ביי יעדעס טישל זענען געזעסן צו אייניקע אַנגעשטעלטע פון אימיגראַציע דעפּאַרטאַמענט, וואָס דאַרפן יעדן איינעם אויספרעגן, אויספאָרשן און באַ־שטימען צי מען קען אים אַריינלאָזן אין אַמעריקע.

עס איז געקומען צו מיר. איך בין צוגעגאַנגען צו מיין טישל. דער באַ־אַמטער נעמט מיין פּאַס און הויבט מיר אָן שטעלן פראַגן. ווי מען רופט מיך,

פון וואַנען איך קום, ווי אַלט איך בין, מיין באַשעפטיקונג, צי איך קען לייע־נען און שרייבן, צי איך האָב דאָ קרובים, צוליב וואָס איך בין געקומען אין אַמעריקע, פרעגט זיך פאַנאַנדער וועגן מיין פרוי און קינד און נאָך פאַר־שידענע פראַגן און צום סוף גיט ער מיר אַ פרעג צי איך האָב עפּעס געלט. האָב איך אים געענטפערט — ניין. ער איז שטאַרק אין כעס געוואָרן און אויסגעשריען:

— און מיט דעם ביזטו געקומען אַהער, מיט אַ פרוי און מיט א קינד?! עס האָט נישט געהאָלפן מיין אויסטענען זיך מיט אים.

— ווערסט אַ צווייטן מאָל וויסן ווי אָן געלט צו קומען אין אמעריקע! און ער האָט אויסגערופן אַ צווייטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען האָט מיך פאַרהאַלטן פאַר אַ ספּעציעלער אויספאָרשונג. דאָך האָט מען מיר דער־לויבט שיקן א טעלעגראַמע צו מיינע שוועסטער אין ניו יאָרק. און מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צווייטן נאָך אַ גרעסערן צימער. און מיין פרוי און קינד אין אַ צווייטן צימער. דער צימער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע קאַזאַרמע מיט בעטן איינע איבער די אַנדערע. גראַד האָב איך זיך געיאָגט קומען פון די ערשטע און פארן ערשטן יולי.

נו, איז מיין קאַזאַרמע געווען געפּאַקט, איבערגעפּאַקט. איך בין גליק־לעך געווען, וואָס איך האָב געקראָגן אַ בעטל פאַר זיך. די גאַנצע קאַזאַר־מע איז געווען אָנגעפילט מיט מענטשן, מיט פּעק און זעק. דער געשריי, דער טומל, דאָס געוויין האָט אונדז טויב געמאַכט.

דער זייגער איז שוין געווען ארום 6 און פון נעכטן אָן האָבן מיר נאָך גאָרנישט געגעסן. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען און נייע פּאַראַורטיילטע זע־נען אַלץ צוגעקומען און יעדער מיט טויט שרעק אין די אויגן. ווען איך בין געקומען צו זיך און אָנגעהויבן זיך אַריענטירן אויפן נייעם פּלאַץ, האָב איך דערזען פון ביידע זייטן פון אונדזער צימער נאָך צוויי צימערן, א סך קלענערע פון אונדזערן און זיי ביידע זענען אויך איבערגעפילט מיט אומ־גליקלעכע, אויף וועלכע ס׳איז אַ שרעק א קוק צו טאָן. אָנהייבן רעדן מיט אימיצן פון זיי — הייסט אָנרירן אָן אַנגעוויייטיקטן ווונד. דאָ הערט זיך אַ היסטערישער געוויין, דאָ א פאַרצווייפלטע תפילה צו דער מאַדאָנע, דאָ רייסט אימיצער די האָר פון זיך און דאָ קלאַפּט א צווייטער זיין קאָפּ אָן וואַנט. אַפילו די רואיקע גייען אום שטאַרק פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט און אָנגעכמור־רעט. אָט איז „קעסטל גאַרדן" מיטן נייעם נאָמען „עליס אײלאַנד". דאָס איז דער טרערן אינדזל. און א שוידער נעמט מיך דורך.

און דאָ דערמאָן איך זיך, אַז די שוועסטער, אויף וועמעס נאָמען איך האָב געשיקט די טעלעגראַמע געפינט זיך גאָרנישט אין ניו יאָרק, נאָר איז

ערגעץ אויף אַ זומער וווינונג און די טעלעגראַמע וועט צו איר נישט אָנ־קומען. איך וויל שיקן אן אנדער טעלעגראַמע צו מיינע קרובים, לאָזט מען מיך נישט גיין. איך בין אויסער זיך, איך בין אויפן העכסטן גראַד פאַר־צווייפלט, און דאָ ווייס איך נישט וואָס איז מיט רבקהן, מיט מיין קינד, ווי פילן זיי?

דער זייגער שלאָגט ניין. עס האָבן זיך געעפנט צוויי טירן און אונטער אַ שטרענגער וואך האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין ריזיקן עס צימער. מען האָט אונדז ביים אַריינגאַנג אין עס צימער אַלעמען איבערגעציילט.

„מיר זענען אַרעסטאַנטן", איז מיר דורכגעפלויגן אין מוח.

אין עס צימער איז געוואָרן אַ געשריי, א שטופעריי. די אָנגעשטעלטע שרייען אויף אונדז. צום סוף האָבן מיר זיך אַלע צוזעצט. די טישן זענען באַדעקט מיט ווייסן פאַפיר און די שפייז איז שוין געגרייט. דאָס עסן דויערט אַ צוואַנציק מינוט א דערנאָך אונטער אַ שטרענגער וואַך און ווידער אי־בערגעציילטע פירט מען אונדז איבער לאַנגע קאָרידאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען און עטאַזשן ביז מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אונדזער רי־זיקן שלאָף צימער. יעדערער פון אונדז האָט געקראָגן א בויגן פאַפיראָס פאַ־פיר, אן עליס איילאַנדער האַנדטוך און אַ שטיקל זייף. ביים אריינגאַנג אין שלאָף צימער, האָט מען יעדן פון אונדז געגעבן צו צוויי לייַלאַכער. אין צימער האָבן זיך געמוזט געפינען געוויס אַ צוויי הונדערט בעטלעך איינע איבער די אנדערע. די בעטלעך זענען געווען אָפּגעצאַמט איינע פון די אַנדערע מיט דראָטן. אויסער דעם זענען די טירן און די פענצטער געווען מיט גראַטעס. גלייך, ווי מען האָט אונדז אַהער אריינגעפירט, איז די וואַך אַוועק, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טירן.

אָהאָ, ווי מען היט אונדז!

אויף די בעטן זענען נישט געווען קיין מאַטראַצן, נישט קיין קישנס, נאָר בלויז דריי קאָלדרעס. אין צימער איז געווען קיל. האָבן מיר פון איין קאָלדרע געמאַכט א קישן, איין קאָלדרע אונטערגעלייגט אָנשטאָט אַ מאַטראַץ און מיט איין קאָלדרע זיך צוגעדעקט. נאָר ווער טראַכט פון שלאָפן. קיינעם איז דאָס אין קאָפּ נישט איינגעפאַלן, נישט קוקנדיק, וואָס מען איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט, און פאַרן טאָג אזוי פיל דורכגעלעבט. ליגט מען אַ גאַנצע נאַכט אין איין קאָשמאַר.

מיט אונדז צוזאַמען זענען דאָ יידן, פּאָלאַקן, פראַנצויזן, אראַבער, דייַ־טשן, גריכן, איטאַליענער, שפּאַניער, אונגאַריער. און עס שאַפן זיך נאַציאָ־נאַלע גרופּן. מיר דוכט זיך, אַז די גרעסטע גרופּע איז די יידישע. און מען דערציילט איינע די אַנדערע פון דער רייזע און הויפּטזעכלעך פאַרוואָס מען

האָט זיי פֿאַרהאַלטן. דעם, האָבן די דאָקטורים פֿאַרהאַלטן, ווייל זיי האָבן אויסגעפֿונען, אַז זיין פֿרוי איז נישט מיט אַלעמען, אַ צווייטן, פֿאַר אַ פֿליך, אַ דריטן — ווייל זיין קינד האָט געהאַט אביסל וואָרעמקייט, א פֿערטן, ווייל ער האָט נישט געהאַט צו ווייזן געלט.

פֿון די „תושבים" האָב איך זיך דערוווסט, אַז 7 אין דער פֿרי איז — אָנבייסן, איינס, איז מיטאָג און 6, איז אָוונטברויט און פֿון 7 ביז 8 מוז זיך יעדערער געפֿינען אויף זיין פּלאַץ אין זיין קאַזאַרמע. אויך האָב איך זיך דערוווסט, אַז די פֿאַרהאַלטענע אימיגראַנטן טיילן זיך אויף צוויי קאַטעגאָריעס. די, וואָס האָבן אויף זייער סערטיפֿיקאַט א רויטן פּאַס זענען פֿאַרהאַלטן אויף אַ קורצע צייט און זיי דאַרפֿן נישט דורכגיין א צווייטע אויספֿאָרשונג און די וואָס האָבן נישט אַזאַ פּאַס, זענען שוין מער ערנסטע און זיי מוזן דורכגיין אַ „ספּעשל אינקווייערי". זיי קען מען צוריקשיקן. איך האָב זיך צום באַדויערן געפֿונען אין דער צווייטער קאַטעגאָריע. עס איז מיר געוואָרן נאָך שווערער אויפֿן האַרצן.

שפּעט, זייער שפּעט בין איך די ערשטע נאַכט אויף עליס איילאַנד איינגעשלאָפֿן און איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון עפּעס ווילדע געשרייען, אַ טומל און אַ קלאַפּעריי. איך בין גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פֿון מיין געלעגער און צוגעלאָפֿן צום עולם דערגיין, וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען.

ס'איז גאָרנישט, — ענטפֿערט מען מיר, — דאָס וועקט מען אונדז. אַרויסגעלאָזן האָט מען אונדז פֿון צימער ערשט אין אַ שעה שפּעטער, נישט דערשלאָפֿענע, נישט קיין אויסגערוטע, אונטער דער וואַך פֿון וועכטער. דאָ זענען שוין אַלע אי די מענער און אי די פֿרויען צוזאַמען. גרויס איז געווען מיין פֿרייד צו זען רבקהן און טייבעלען. רבקה האָט מיר דערציילט, אַז טייבעלע האָט פֿאַר קיין פֿאַל נישט געוואָלט אויפֿשטיין. זי האָט זיך ביי איר געבעטן: „לאָז מיך שלאָפֿן נאָך אַ קאַפּעטשקע".

מיר האָבן געגעסן אונדזער אָנבייסן און דערנאָך זענען מיר אריין אין דעם אלגעמיינעם צימער. אַ טייל האָבן פֿאַרכאַפּט פּלעצער צו זיצן אויף די בענק, אויף די טישן, אָבער פֿאַר דער גרויסער מערהייט זענען נישט געווען קיין פּלעצער צום זיצן. עפּעס אַן אָנגעשטעלטער אַ ייד האָט מיר געזאָגט, אַז ער אַרבעט שוין דאָ צוועלף יאָר און אַזאַ געפּאַקטן אימיגראַנטן הויז זעט ער צום ערשטן מאָל. גאָר אַ קלייניקייט: צוועלף שיפֿן זענען אָנגעקומען און נישט אַלע זענען שוין אויסגעפּאַקט. אייניקע שיפֿן מיט אימיגראַנטן זענען נאָך אויפֿן וואַסער און וואַרטן אויף דער דערלויבעניש, אַז מען זאָל די אימיגראַנטן אַראָפּלאָזן. זיי האָבן אַלע מורא פֿאַר דער קוואָטע. און דאָ אין דעם ריזיקן צימער דאַרפֿן מיר אַלע פֿאַרברענגען א גאַנצן טאָג.

די לופט דאָ, פון דער פרי אפילו איז אַן אומדערטרעגלעכע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פענצטער זענען געווען אָפן. אָבער עס איז נישטאָ פון וואַנען די פרישע לופט זאָל אריינקומען, ווייל אַלע טירן און פיגצטער זענען פאַרשטעלט מיט ווענט פון די דערבייאיקע ריזיקע געביידעס. מען קען אָפילו פון דאנען נישט זען דעם הימל.

דער עולם שוויצט, רויכערט, הוסט און שפייט. אויפן דיל איז נאַס און אָנגעוואָרפן. דער צימער איז אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן, אַז ס׳איז פּשוט אוממעגלעך צו באַוועגן זיך. די געדיכטע לופט איז אָנגעפּילט מיט טומל, געשריי, היסטעריקעס, געוויין און קרעכצן.

עס קומען צו נייע אימיגראַנטן. עס ווערט ענגער, שטיקנדער. מען קען פּשוט דעם אָטעם נישט כאַפּן. מען זוכט אומזיסט אַ פּלאַץ, ווו מען קען כאַפּן אַ ביסל לופט. עס דערגייט צו דעם, אַז אַ סך פרויען פילן זיך קראַנק, נאָר זיי האָבן מורא וועגן דעם צו רעדן און זיצן ווי פאַרחלשטע... זיי מוג־טערן זיך מיט וואַלעריאַן טראָפּנס. ס׳איז דאָ אַ טיר מיט גראַטעס, וואָס גייט ארויס צום הויף — אַ קליין פירקאַנטיק הויף, פאַרשטעלט מיט הויכע ווענט. די טיר איז אַביסל אָפן. אַ ביסל פרישע לופט גייט דאָך פון איר אַריין. לעבן דער טיר שטייען פיר בענק. יעדע באַנק האָט פּלאַץ פאַר פיר פּערזאָן. עס איז רירנד דאָס בילד אָנצוקוקן, ווי די פרויען צוזאַמענגע־קוועטשט זיצן אויף די בענק א גאַנצן טאָג, נישט וועלנדיק פאַר אַ מינוט איבערלאָזן דעם פּלאַץ.

עס שליסט זיך אויף אַ טיר און עס קומט אַריין אַן אָנגעשטעלטער מיט קאַרטלעך אין זיין האַנט. ער שטעלט זיך אויף אַ באַנק און ער ווערט מיט אמאָל אַרומגערינגלט פון אַלעמען. עס ווערט שטיל. אַלע וואַרטן מען זאָל זיי אויסרופן, מען זאָל זייערע נעמען דערמאָנען. אַלעמען קלאַפּט דאָס האַרץ פון אויפרעגונג, אַלע זענען אויפן העכסטן אופן אָנגעשטרענגט. דאָס רופט ער אויס די נעמען פון די גליקלעכע, אויף וועלכע עס וואַרטן די קרובים זיי אראָפּצונעמען פון דעם טרערן אינדזל. די פרייד פון די אויס־גערופענע איז אומבאשרייבלעך. אַזוי קענען זיך פרייען מענטשן, וואָס ווערן באַפרייט פון גיהנום.

נאָך יעדער אויסגערופענער פאַמיליע שרייט דער אָנגעשטעלטער אויס:
—נעם דיינע פעקלעך און גיי וואָס גיכער, מאַך עס שנעל!

אויף גיך מאַכט מען די פעקלעך, גייענדיק זעגנט מען זיך, מען ווינטשט די פאַרבליבענע א גיכע אויסלייזונג און מען שטעלט זיך ביי דער טיר וואַרטן, ביז מען וועט זי אָפשליסן, עפענען און דורכלאָזן. אַלע רייסן זיך צו די באַפרייטע, מען רוקט זיי אדרעסן פון קרובים און מען בעט זיי, זיי

זאָלן אַריין צו די קרובים, אז זיי זאָלן אָנווענדן אַלעס מעגלעכעס זיי גיכער צו באַפרייען פון דאנען.

די נישט אויסגערופענע בלייבן ווי אָפּגעשמיסענע, אנטוישטע און אָפּט דערהערט זיך אַ נייער געוויין, אַ נייער היסטערישער אויסגעשריי. נאָך מער ווי פריער ווערן זיי פאַרצווייפלט און קאָנען פאַר אַ לענגערער צייט צו זיך נישט קומען. און שפּעטער וואַכט אויף מיט אַ נייער פרישקייט דער טומל. ווידער געשרייען, געוויין, זידלעריי, קללות. עס דוכט זיך אַז דער גאנצער צימער איז אָנגעפילט מיט א ווילדן געשריי, אַז אפילו די ווענט שרייען, וויינען. דו באַטראכסט דעם עולם, אַלעמענס אויסזען איז אַ שרעקלעכער, א טרויעריקער, א שטארק ליידנדער.

און אָט קומט אַריין אן אנדער אָנגעשטעלטער מיט א גרויסן פּאַק טעלעגראַמען און בריוו. ער שטעלט זיך אַוועק אויף אַ טיש. דער עולם גיט זיך אַ וואָרף צו אים, מען רינגלט אים אַרום. יעדער איינער ברענט מיט אומגעדולד, צי איז דאָ עפּעס צו אים פון דער פרייהייט, אפשר וועט ער קריגן אַ גוטע בשורה. דער באַאַמטער הויבט אָן אויסרופן און איבערגעבן די בריוו און טעלעגראַמען. כמעט אָט די אַלע בריוו און טעלעגראַמען האָבן דעם זעלביקן אינהאַלט: מיר טוען פאַר אייך אַלץ וואָס איז מעגלעך איר זאָלט זיך באַפרייען. מיר שיקן אייך אַרויס געלט. מיר דערווארטן אייך מיט אומגעדולד. זייט רואיק — אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט און מיר וועלן זיך אין גיכן זען.

די בריוו און טעלעגראַמען שיקער ווייסן גאָר נישט, קענען זיך אַפילו נישט פאָרשטעלן, וואָס פאַרא פרייד און גליק זיי האָבן זייערע נאָענטע אומגליקלעכע קרובים, מיט די פאָר ווערטער פאַרשאַפט.

פון מערערע שיפן לאָזט מען אַראָפּ די אימיגראַנטן און מען פירט זיי אַריין צו אונדז אין די הונדערטער. עס ווערט אַלץ ענגער און ענגער. צוויי מאָל א טאָג קומט אַריין א דאָקטאָר מיט א קראנקן שוועסטער. אויף דעם דאָקטאָרס פראַגע, ווי מען פילט, ענטפערן אַלע: געזונט און נישט ווילנדיק באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף מיינע ליפּן. איך האָב דאָרט געזען א סך אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געפילט אַזוי שלעכט, וואָס האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין כוחות צו זיצן אויף די בענק, וואָס האָבן זיך געמונטערט מיט פאַרשידענע מעדיקאַמענטן און ווי נאָר דער דאָקטאָר איז אַריין, פלעגן זיי גלייך אויפשטיין, מיט די לעצטע כוחות מאכן זיך מונטער, זיך שטעלן גלייך, אויסגעצויגן, ווי סאָלדאַטן און ענטפערן „געזונט". שוין איינס בייטאָג. אַ באַמאַטער האָט צוויי ברייטע טירן פאַרנאַנדערגעעפנט, איז אַריין צו אונדז און אויסגעשריען: עסן מיטאָג! ווידער איבערגעציילטע און אונטער

אַ וואָך גייען מיר דורך איניקע קאָרידאָרן. מיר באמערקן די אויפשריפטן אויף איניקע טירן: „פאַר ספּעציעלער אויספאָרשונג", „פאַר עדות", „אויפּ־נאַם־צימער"... מיר קומען אַריין אין עס־צימער. פון די פענצטער זעט מען דעם ים. די לופט איז דאָ גאַנץ פריש. מיר קענען זיך נישט גענוג אָנ־אָטעמען. די פענצטער זענען אַ ביסל אָפן און פון ים בלאָזט אַריין אַ פריש דערקוויקנדיקער ווינט. אַך, ווי גוט דאָ איז!

לעבן די טישן שטייען אַ סך פּאָליציסטן. די טישן זענען געגרייט. מיר יידן זעצן זיך ביי די „יידישע טישן". נאָר ביי אונדזערע טישן זע איך אויך עפּעס אַן עגיפּטישע פרוי, אַ פּאָלאַק, צוויי איטאַליענישע מיידלעך און אַ סיריער. האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט, צי זיי זענען אויך יידישע?

איך מיט מיין פרוי און קינד זענען שוין דאָ צוויי טעג. קיין בריוו, קיין טעלעגראַמע האָבן מיר נישט געקראָגן. דער חשד, אַז אונדזער טעלע־גראַמע איז נישט דערהאַלטן געוואָרן שטאַרקט זיך. מיר ווילן געבן אַ צווייטע טעלעגראַמע אויף אַן אַנדער אַדרעס, לאָזט מען אונדז נישט. מ'הייסט אונדז וואַרטן ביז מען וועט אונדז אויסרופן. ס'איז שלעכט. אָט אַזוי קענען מיר דאָ אָפּזיין אַ לאַנגע צייט און ווער קען קאַווירן פאַר שפּעטער?... און ווי קען מען אָנזאָגן אונדזערע קרובים, אַז מיר זענען דאָ און זיי זאָלן קומען אונדז אַראָפּנעמען?! מיר שרייבן בריוו צו אונדזערע פריינט און קרובים. מיר שיקן צעטלעך מיט די, וואָס באַפרייען זיך פון דעם גיהנום, אָבער קיין ענטפער איז פון ערגעץ נישטאָ. מיר ווערן אַלץ אומרויקער און אומרויקער. רבקה פילט זיך אַלץ ערגער און ערגער.

נישטאָ קיין ערגערע קאַטאַרגע, ווי שטיין אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס, שפּאַצירן אין דער ענגשאַפט, אויסהערן די נעמען פון די, וואָס ווערן גע־רופן צו דער ספּעציעלער אויספאָרשונג און דיין נאָמען ווערט נישט דער־מאָנט; אָדער אַז מען רופט אויס די נעמען פון די, וואָס קריגן בריוו און טעלעגראַמען און דו קריגסט גאָרנישט. ביסט גליקלעך, ווען מען פּטרט אָפּ די וועטשערע און מען פירט דיך אַריין אין שלאָף־צימער. גיסט זיך אַ וואָרף אויפן בעט און דו פילסט, אַז אַלץ אין דיר הויבט אָן רוען, רוען, רוען און קומען צו זיך.

נאָר ווער קען שלאָפן? דאָ זענען זיך צונויפגעקומען אַ גרופּע סלאַווען, וועלכע זינגען שטיל זייערע טרויעריקע לידער. און דאָרטן זינגען איניקע יידישע יונגעלייט תפילות מיט אַזעלכע וויינענדיקע ניגונים, אַז דאָס האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער. די צוויי שפּאַנישע יונגעלייט זינגען די „התק־וה" און מאָדנע קלינגט דאָס ליד פון האָפענונג און באַפרייונג אויפן טרערן־אינדזל.

אַזוי האָלט דאָרט אָן דער טומל ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט און איך קען פאַר קיין פאַל נישט איינשלאָפן. איך הער אפילו, ווי אַרום דריי אַזייגער קומט אַריין צו אונדז אַ באַאַמטער, שטילערהייט גייט ער דורך אַלע בעטן, גייט אַרויס און פאַרשליסט די טיר. און אַז איך בין שוין יאָ איינגעשלאָפן, זענען אַריין די באַאַמטע מיט אַ ווילדן געשריי און קלאַ־פּעריי און מיך אויפגעריסן פון מיין שלאָף. און אַזוי, אָן אויסגעמוטשעטן, אויסגעמאַטערטן, נישט אויסגעשלאָפענעם, טרייבט מען דיך ווידער אַרונ־טער. דאָך בין איך העכסט צופרידן — באַלד וועל איך זען מיין פרוי און קינד. זיי האָבן זיך נעכטן אַזוי שלעכט געפילט. ווי פילן זיי היינט? ווי זענען זיי געשלאָפן? רבקה דערציילט מיר, אַז אויבן איז נאָך ערגער ווי אונטן. עס פעלט אויס בעטגעוואַנט. איז איר די נאַכט אויסגעקומען צו שלאָפן מיטן קינד אין איין שמאָל בעטל. קיין מאַטראַץ איז נישט געווען. האָט זי אונ־טערגעלייגט צוויי קאָלדרעס און מיט איין קאָלדרע זיך צוגעדעקט. אין צימער איז טומלדיק און די פרויען לאָזן אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן. נאָר מער רחמנות איז אויף דער קליינער, וועלכע האָט זיך אין דער פרי גע־בעטן: מאַמעלע, איך וויל נאָך שלאָפן. זי און דאָס קינד פילן זיך היינט אַ סך ערגער ווי נעכטן. זי וואָלט געוואָרן אַ לעבעדיקע, ווען זי וואָלט זיך געקענט דאָ אַ ביסל צושפּאָרן.

איך אַליין פאַרליר שוין אין גאַנצן דעם מוט. וואָס ווייטער, ווער איך אַלץ זיכערער, אַז מען וועט אונדז צוריקשיקן.

און אָט איז אָנגעקומען אַ גאַסט — דער פערטער יולי. היינט איז יום־טוב. נישטאָ קיין בריוו, טעלעגראַמען. אין די דעפּאַרטאַמענטן אַרבעט מען נישט. מען נעמט נישט אַריין מען לאָזט נישט אַרויס קיין אימיגראַנטן, קיינעם לאָזט מען היינט נישט אַריין אָדער אַרויס פון עליס איילאַנד.

נאָכן מיטאָג האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין דעם צימער, ווו מען האָט מיך פאַרמשפּט צו אַ ספּעשל אינקווייערי. דאָ וועט מען אונדז לכבוד דעם 4־טן יולי פאַרווײַלן. אונדזער עולם האָט זיך פונאַנדערגעזעצט אויף די בענק. אַנטקעגן איז דאָ פאַראַן אַ פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס זיצן עפּעס געהויבענע געסט — מענער און דאַמען. אַלע זענען זיי אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. עס איז אויסגעקומען אונדז אַ סך צו וואַרטן ביז וואַ־נען דאָס שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. די אַלע קרעפטן זענען געווען אונדזערע — פון די אימיגראַנטן. אַ מיידל האָט געשפּילט גאַנץ גוט, אייניקע קלאַ־סישע נומערן אויף דער פּיאַנאָ. איינער אַ יונגערמאַן האָט געשפּילט פידל. דערנאָך האָט אַ מיידל געזונגען אייניקע רוסישע לידער. צוויי יידישע מייד־לעך האָבן אויסגעצייכנט געטאַנצט און צום סוף האָבן אַ סך פון „פּובלי־

קום" געטאַנצט. אין די טענץ האָבן אפילו אָנטייל גענומען אייניקע פון די אָנגעשטעלטע און זייערע פרויען.

דער „ענטערטיימענט" האָט געדויערט ביזן אָוונטברויט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען די גאַנצע צייט געווען אונטער אַ שטרענגער וואַך. אָבער די נאַטשאַלסטווע איז זיך מיט אונדז דעם טאָג באַגאַנגען אַ סך איידעלער, מילדער, יום־טובדיקער. אָבער די שטימונג ביי די אימיגראַנטן איז געווען ווייט נישט קיין יום־טובדיקע...

* *
*

שוין פיר טעג. פיר שרעקלעכע טעג און פיר שרעקלעכע נעכט זענען שוין אַריבער. שוין דער פינפטער טאָג, ווי מיר געפינען זיך אין דער געפענגעניש. שוין אַזוי פיל בריוו און אַזוי פיל צעטלעך אַרויסגעשיקט פון דאַנען, און ביז היינט האָב איך נאָך קיין ענטפער נישט דערהאַלטן. איך מאַך שוין צוביסלעך שלום מיטן געדאַנק, אַז מען וועט אונדז צוריקשיקן אין איטאַליע. יעדנפאַלס מוז איך דערגיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז די אורזאַך פון מיין פאַרהאַלטונג איז בלויז די געלט־פראַגע. אַזוי פיל פייניקן מענטשן בלויז צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט קיין געלט?... אָן צווייפל האָבן זיך מיינע און רבקהס קרובים דערוווסט, אַז מיר זענען דאָ. טאָ פאַרוואָס קומען זיי נישט אונדז אַראָפּנעמען פון דאַנען? מיינע קרובים און אויך רבקהס קרובים זענען נישט אָרעם. אַ סך פון זיי האָבן געשעפטן, אָפיסעס, קאַבינעטן. און דאָ האָט מען שוין במעט אַלעמען, וואָס זענען געקומען גלייך מיט מיר, אַראָפּגעלאָזן און אונדז האַלטן זיי נאָך.

לעבן מיר זיצט אַן אַלטע פרוי מיט אײדעלע אַריסטאָקראַטישע שטריכן. זי איז די מוטער פון אַ רוסיש־יידישן ליטעראַט און אַ נאָענטע קרובה פון אַ יידישן קריטיקער. זי דערציילט מיר, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט צווישן די היימלאָזע אין רוסלאַנד, וויפל שרעק, יסורים, געפאַרן זי האָט דורכגעלעבט פאַר איבער אַ יאָר צייט פון דער מלחמה, זייענדיק אַרויסגעטריבן דורך ניקאָלײ ניקאָלאַיעוויטש פון קורלאַנד. ווי זי האָט געוואַנדערט מיט די עשאַלאָנען איבער גאַנץ רוסלאַנד. „דאָ, אין עליס איילאַנד, איז נאָך גוט, זאָגט זי מיר. עס איז פאַראַן וואָס צו עסן, אַ בעט צום שלאָפן. דאָרט איז געווען טויזנטער מאָל ערגער".

יענעם טאָג האָב איך שוין דערהאַלטן צוויי בריוועלעך פון רבקהס מומען און פון איר פאָטער. מיטן ערשטן בריוו האָבן מיר דערהאַלטן אַ ביסל

געלט און אַן אָנזאָג, אַז היינט וועט מען אונדז אַראָפּנעמען פון דער שיף. אין צווייטן בריוו שרייבט מיין שוועך, אַז ער האָט ביז היינט נישט געוווסט, אַז מיר זענען שוין אין עליס איילאַנד. ערשט היינט אין דער פרי האָט דער־האַלטן אונדזער בריוו פון איטאַליע, אַז מיר פאָרן אַרויס קיין אַמעריקע. און אַ ביסל שפּעטער האָבן אים די קינדער אָנגעזאָגט, אַז מיר זענען שוין אין עליס איילאַנד. ער איז גלייך אַוועק אונדז אַראָפּנעמען, נאָר צוליבן פּערטן יולי האָט ער עס נישט געקענט דערוויזן. און מאָרגן וועט נאָך אונדז קומען זיין זון יודל און ער וועט אונדז אַראָפּנעמען. די צוויי בריוו׳ האָבן אונדז דערפרישט. מיר זענען אַ ביסל רויקער געוואָרן. דאָך קען איך נישט צוזען ווי מיין פרוי און קינד ליידן.

— זע, פּאַפּאַ, — ווענדט זיך צו מיר מיין פינפיאָריקע טייבעלע, — אַלעמען גיט מען בילעטן צו פאָרן אין אַמעריקע און אונדז נישט.

אויסגערופן האָט מען אונדז נאָך מיטאָג. מיר כאַפּן אונדזערע פּעקלעך און שטייען שוין ביי דער טיר און וואַרטן. מען פירט אונדז אַריין צו דער אויספאָרשונג. עס זיצן דריי ריכטער, אַ פּאָר איבערזעצער און אַ פרוי, וואָס פאַרשרייבט אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר. אויסער אונדז וואַרטן נאָך אַ צוואַנ־ציק אימיגראַנטן אויף זייער נעקסט.

עס איז דערגאַנגען די ריי צו אונדז. מיר זענען צוגעגאַנגען צום טיש. מיר האָבן אָפּגעגעבן די שבועה. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די פראַגן. מיט וועלכע שיף זענען מיר געקומען, ווער האָט אונדז געגעבן אויף רייזע־הוי־צאות, וואָס פאַראַ קרובים האָבן מיר דאָ, צו וועמען פאָרן מיר, וואָס דענ־קען מיר דאָ טאָן, וואָס איז מיין באַשעפטיקונג, צי קען איך אַ וועלכע נישט איז אַנדער אַרבעט און נאָך און נאָך. אין מיטן פון שטעלן די פראַגן האָבן די ריכטער וועגן עפּעס אָנגעהויבן דיסקוטירן. און אין דער קורצער צייט איז פאָרגעקומען אַן אויסגערווינלעכער עפּיזאָד.

דער איבערזעצער גיט מיר אַ פרעג אין יידיש.

— האָט איר געקענט לעדערן?

— יאָ, — ענטפער איך אים — ער האָט געענדיקט אין ראָסטאָוו דעם פּאָליטעכניקום און האָט חתונה געהאַט מיט מיינער אַ קוזינע.

— האָט איר געקענט ד״ר כיסינען?

— יאָ. ער איז מיינער אַ קוזין. ער מוז דאָ זיין צו גאַסט אין אַמעריקע.

ניין, זאָגט ער — ער איז מיט איינִיקע טעג צוריק אַוועקגעפאָרן צוריק קיין פּאַלעסטינע.

— האָט איר געקענט אין אייער שטעטל דעם לערער זייעץ?

— געוויס, ער פלעגט אַלע מאָל אַריינקומען אין אונדזער הויז.

— איך בין זיין עלטסטער זון. און איך וועט מען באַלד אַראָפּלאָזן, איר מעגט זיין רויק. און קומט אַריין צו אונדז. איר וועט ביי אונדז טרעפן אַ סך פון אייערע היימישע באַקאַנטע.

איך האָב אים באַדאַנקט.

מען האָט מיר געשטעלט נאָך אייניקע פראַגן און מיר געהייסן אַרויס־גיין אין אַן אַנדער צימער און מען האָט אויסגערופן מיין שוואָגער, רבקהס ברודער. מען האָט אים לאַנג נישט געהאַלטן און ער מיט די פּעסעס אין האַנט איז צו אונדז אַ פריילעכער, אַ שטראַלנדער צוגעלאָפן, זיך צעקושט מיט אונדז, געכאַפּט אונדז פאַר די הענט, אַ שלעפּ געטאָן אונדז און איצט וועלן מיר פאָרן מיט אַ שיפל אין ניו־יאָרק.

קאַפּיטל 55

די ערשטע צייט אין ניו-יאָרק

אַראָפּגייענדיק פון שיפל, וואָס האָט אונדז געבראַכט פון עליס איילאַנד קיין ניו-יאָרק, האָבן מיר שוין געטראָפן רבקהס שוועסטער, שרה, וועלכע האָט אונדז דאָרט אָפּגעוואַרט. די באַגעגעניש פון די צוויי שוועסטער האָט מיך טיף גערירט. נאָר ווער האָט דאַן געהאַט צייט אָפּצוגעבן זיך מיט סענטימענטן? מיר זענען אַריין אין אַ רעסטאָראַן, עפּעס איבערגעכאַפּט און אין באַגלייטונג פון מיין שוואָגער און שוועגערין זענען מיר, „די גרינע", אַוועקגעפאָרן צו שרהן, וועלכע האָט אונדז איבערגעגעבן איר צימער אויף דער איסט זיבעטער גאַס. און וואָס פאַר אונדז האָט דאַן, נאָך פינף טעג און נעכט אויפן טרערן-אינדזל, באַדייט זיין אין ניו-יאָרק, האָבן אַ צימער מיט בעטן, מיט שטולן, מיט אַ דיוואַן, מיט אַ פּריוואַטע טיר, אַרומגערינגלט מיט העכסט סימפּאַטישע מענטשן, דאָס איז שוין שווער פאַר מיר איבערצוגעבן. ס'איז געווען אַ גן-עדן, דער אידעאַלסטער אָפּרו-פּלאַץ, צוריק פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מענטש, צו מענטשן גלייך, קומען צו זיך נאָך אַזעלכע שוידערלעכע איבערלעבונגען. און די ערשטע פאַר טעג אין ניו-יאָרק, אַט טאַקע אין דעם צימער, האָבן מיר מיט אַלע חושים געפילט, ווי מיר, די דריי, רוען זיך אויס און קומען צו זיך. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו פילן, ווי אַלע ווייטאָקן, די פיזישע און גייסטיקע, גייען אָפּ. עס ווערט גרינגער און גרינגער. די וואַרעמקייט און איבערגעגעבנקייט פון די אַלע אַרומיקע היילט אונדז, ווי די בעסטע מעדיקאַמענטן. איך האָב קיינמאָל אויף מיין לעבן נישט געזען אַזאַ טרייע און איבערגעגעבענע משפחה, ווי די גאָלינס, אַזוי פיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט פון איינע צו די אַנדערע. עס קומען צו אונדז רבקהס פאָטער, איר מומע פייגל מיטן פעטער רפאל, רבקהס ביידע ברידער משה און יודל. שרה, די איינציקע שוועסטער, איז מיט אונדז צוזאַמען און פון זייערע אַלעמענס אויגן שטראַלט אַרויס צו אונדז אַזוי פיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, אַז דאָס אַליין ווירקט אויף אונדז, ווי דער בעסטער באַלזאַם.

איך רוף אָפּ אויפן טעלעפאָן מיינע שוועסטער, אָנקלס, מומעס, קוזינס און קוזינעס. קיינער ענטפערט נישט. איך קען זיך מיט זיי נישט צו-

נויפּבינדן. נישט מער ווי איינעם טרעף איך אויפן טעלעפאָן, דאָס איז מיין אָנקל ד"ר שלמה מישקין, וועלכער גיט מיר איבער, אַז קיינער פון מיינע נאָענטסטע איז נישט אין ניו־יאָרק, נאָר זיי זענען אין זייערע זומער־ווױנונגען. ד"ר מישקין לאָזט שוין וויסן מיינע שוואָגערס, וואָס זענען אין די וואָכעדיקע טעג אין ניו־יאָרק, וועגן מיין קומען. און עס זענען געקומען מיינע נאָענטסטע מיך באַגריסן. און דאָ האָבן זיך באַקאַנט מיינע נאָענטע מיט רבקהס קרובים, וועלכע איך אַליין האָב נישט געקענט ביז מיין איצטיקן קומען אין אַמעריקע.

אין אייניקע טעג שפּעטער איז צו אונדז צוגעקומען מיין שוואָגער יוסף רייזמאַן מיט דער מאַשין, צו נעמען אונדז אין ראָסקאָ, אין די בערג אויף זייער דאַטשע. איך האָב נאָך געדאַרפט באַזאָרגן אייניקע זאַכן אין ניו־יאָרק, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז רבקה מיטן קינד זאָלן גלייך פאָרן און איך וועל צוקומען אין אַ וואָך שפּעטער. און רבקה מיטן קינד זענען טאַקע אַרויסגעפאָרן אין די בערג און זיי האָבן עס טאַקע נויטיק געדאַרפט.

נאָך זייער פאַרלאָזן ניו־יאָרק, האָב איך זיך דערפילט פריי. ערשטנס בין איך גלייך אַוועק אין דער ביוראָ פון די לינקע פּועלי־ציון, זען זיך און באַקענען זיך מיט חבר אַסטראַווסקען, פון וועמען איך האָב זייער שטאַרק געהאַלטן, אורטיילנדיק לויט זיינע בריוו צו מיר אין ארץ־ישראל. פון די בריוו האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז מיט די זעלביקע מיינונגען, וואָס איך, וועגן דער פּראָגראַם און פּראַקטישער טעטיקייט פון אונדזער פּאַרטיי. מיר איז געווען באַקאַנט, אַז אפילו פאַר דער שפּאַלטונג פון אונדזער וועלטבאַוועגונג, האָט ער געאַרבעט אין ברענטש 6, פּועלי־ציון און אין דעם סאָצ. דעמ. פאַראיין פּועלי־ציון פאַר דער מאַרקסיסטישער באַגרינדונג און טעטיקייט פון די פּועלי־ציון. אַז ער האָט אין יענער צייט, מיט דער הילף פון ה. קאַגאַנאָוויטש, געגרינדעט די באַראַכאָוו־שול פאַר דערוואַקסענע — די איינציקע שול אין אַמעריקע פאַר עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן אין דעם יידישן אַרבעטער־לעבן. מיר איז געווען באַוווסט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן אויפרוף פאַרן ריינעם פּראָלעטאַרישן סאָצ. דעמ. ציוניזם, און אַז ער האָט רעדאַגירט „די יידישע סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפט". נאָך דער שפּאַלטונג האָט ער פאַרבונדן זיין טעטיקייט מיט דער לינקער פּועלי־ציון באַוועגונג, איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט פּוילן און ארץ־ישראל און מיט דער אָרגאַניזאַציע־ביוראָ אין ווין. ווען איך בין געקומען פון ארץ־ישראל, האָט ער שוין רעדאַגירט די וואָכנשריפט פון די לינקע פּועלי־ציון — „די פּראָלעטאַרישע שטימע".

ווען איך בין אריין אין אפיס פון די לינקע פועלי־ציון, האב איך געטראפן דעם גענעראל־סעקרעטאר און רעדאקטאר ביי זייער א וויכטיקער ארבעט: ער האט אויסגעקערט אי דעם זאל, אי דעם אפיס. ער האט זיך זייער דערפרייט מיט מיר. ער האט געווארפן זיין ארבעט און מיר האבן זיך אוועקגעזעצט ווי אלטע גוטע פריינד און חברים אויסליידיקן די ביטער־קייט פון אונדזערע הערצער. איך האב אים דערציילט וועגן מיינע ביטערע דערפארונגען אויפן ווייטן מזרח מיט די ניי־געבאקענע יעווסעקעס און מיטן פאראט פון אונדזערע געוועזענע חברים אין ארץ־ישראל. ער האט מיר דערציילט וועגן זיינע צרות. אין דער פארטיי זענען דא צוויי ריכטונגען: א פועלי־ציוניסטישע און א ליקווידאטארישע. די לעצטע סאבאטאזשירט מיט אלע לעגאלע און אומלעגאלע מיטלען די ארבעט פון דער פארטיי, ספעציעל די ציוניסטישע טעטיקייט. ער פארדעכטיקט, אז די ליקווידא־טארישע „חברים" וועלן אין גיכן פארלאזן די פארטיי. זיי זענען נאך אינעווייניק, כדי וואס מער חברים צוציען אויף זייער זייט.

אינטערעסאנט איז געווען מיין באגעגעניש מיט ד"ר זשיטלאווסקין, מיט וועלכן מיר איז נאך פון די אמאליקע ניו־יארקער צייטן אויסגעקומען א סך ארבעטן אין אונדזער רעוואלוציאנערער גרופע סאציאליסטן־טערי־טאריאליסטן, ביים ארויסגעבן אונדזער ארגאן „דאס פאלק", און שפעטער, ווען איך האב ארגאנזשירט פאר אים לעקציעס אין סענט־לויס, שיקאגא, לאס אנדזשעלעס און סאן פראנציסקא. איך קריג פון אים א ווארעמען ברי־וועלע, אז ער וויל מיך זען און שלאגט פאר, אז מיר זאלן זיך טרעפן אין ד"ר קאפלאנס קאבינעט. צו דער באשטימטער צייט זענען מיר ביידע גע־קומען. אונדזער באגעגעניש איז געווען זייער א הארציקע, א חברישע. מיר האבן א לענגערע צייט אינטים פארבראכט. איך האב אים דערציילט וועגן מיינע איבערלעבענישן אין דער צייט פון דער גרויסער רוסישער רעווא־לוציע, וועגן מיין קאמף, אלס לינקער פועלי־ציוניסט מיט די יעווסעקן, וועגן מיינע אנטוישונגען, מיין באשלוס צו פארן אין ארץ־ישראל. מיט היץ האב איך אים דערציילט וועגן ארץ־ישראל און אים פארזיכערט, אז דארט, בלויז דארט וועט פארענטפערט ווערן די יידישע פראגע און אלע סימנים ווייזן, אפילו איצט, אז אלע מעגלעכקייטן וועלן מיט דער צייט באשאפן ווערן פאר א גרויסער אימיגראציע פון די ברייטסטע יידישע מאסן, וועלכע וועט רעוואלוציאנירן דאס יידישע לעבן אי נאציאנאל און אי סאציאל. איך האב אים דערציילט וועגן די יידישע ארבעטער־ארגאניזאציעס: קאאפערא־טיוון, בוי־געזעלשאפטן, ווי וווּנדערלעך די יידן פילן זיך דארט, ווי די יידן אין מאסן גייען אריבער צו פראדוקטיווער ארבעט, ווי זייערע הארי־

זאָגטן ווערן דאָרט פונאַנדערגעברייטערט און ווי זייער אַרט לעבן ווערט רעוואָלוציאָנירט. אַ נייער טיפּ ייד ווערט דאָרט באַשאַפן. אַ טיפּ ייד, וועלכער וויל זיך אויסלעבן ווי אַלע פרייע, שטאָלצע, יידישע יידן, אין אַ דורכאויס יידישער אַטמאָספער. די יידישע אַרבעטער בויען דאָס לאַנד אויף נייע סאָציאַלע יסודות. עס שאַפן זיך דאָרט נייע באַגריפן פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן צוזאַמענלעבן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ביי זיי איז נישט וויכטיק דאָס וואָרט, אָבער העכסט וויכטיק איז דאָס טאָן, די טאַט, און הויפּטזאַכלעך די טאַט פון בויען, פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. און פאַר דעם זענען זיי זיך מקרב אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. און אַלץ וואָס דאָרט ווערט אויפגעטאָן, ווערט פאַרשריבן אויפן יידישן חשבון. דער יידישער אַרבעטער וועט מוזן שפּילן די דאָמינירנדיקע ראָל אין דעם אויפשטעלן פון יידישן ישוב און נעמט אים בויען סאָציאַליסטיש.

מיט אַמאָל האָט ער מיר איבער אין מיין באַגייסטערונג און פרעגט מיך, ווי גרויס איז איצט ארץ־ישראל. איך גיב אים אָן די גרויס פון ארץ־ישראל. ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ביסל און גיט מיר אַ זאָג:

— פאַר אַזאַ קליין לאַנד וועל איך נישט אַרבעטן.

מיך האָט עס אויפן העכסטן גראַד אויפגערעגט און איך האָב אים געזאָגט:

— אויפן פאָן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן איז אָנגעשריבן: „אין קאַמף וועסטו דיינע רעכט דערווערבן". און ארץ־ישראל איז פאַר אונדז נישט קיין מסחר טראַנזאַקציע. ווי קליין אונדזער ארץ ישראל זאָל נישט זיין, איז זי פאַר אונדז אָן ענטפער אויף דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק, פון אונדזער המשך, פון זיין פרייער אַנטוויקלונג אויף זיין טעריטאָריעלן באָדן, פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. פאַר אונדזער „איך" און פאַר דעם אַלץ, קען קיין פראַגע נישט זיין פון „גרויס" און „קליין". זאָלן מיר פריער באַזעצן דאָס לאַנד. ווי קליין זי זאָל נישט זיין און שפּעטער וועלן מיר זוכן מיטלען און וועגן פאַר אַ נייער אימיגראַציע פון די יידישע מאַסן, וואָס ווערן דערשטיקט אין די גלות־לענדער.

נאָך דעם האָבן מיר אַ ביסל פאַרבראַכט. נאָר אונדזער ריידן האָט שוין נישט געהאַט קיין טעם, און אין גיכן האָב איך פאַרלאָזן דאָס הויז. ער איז מיר פאַרפרעמדט געוואָרן און כאָטש מיר האָבן זיך אייניקע מאָל נאָך דעם געטראָפן, נאָר אונדזער נאָענטקייט און אינטימקייט איז שוין פאַרשוונדן, אַזוי ביז זיין טויט.

און וואָס מער איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט מיין פאַרטיי די לינקע

פּועלי־ציון, אַלץ מער האָט מיך אָפּגעשטויסן פון איר. דער ויתרוצצו פון
ציוניזם און קאָמוניזם האָט איר אויפגעפרעסן. אין אַ צײַט שפּעטער בין
איך אַרײַן אין אָפּיס פון דער פּאַרטײ, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויפן
ווינקל פון עלען און קאַנעל, און איך האָב דאָרטן דערווישט אַלע מיטגלידער
פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטײ. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט
וועגן דער לאַגע פון אונדזער פּאַרטײ אין די פּאַרשיידנסטע לענדער פון
אײראָפּע. איך האָב פּאַר זײ אויסגעדריקט מײַן אומצופרידנקייט מיט דעם,
אַז די באַצילן פון ליקווידאַציע פון דעם פּאַלעסטיניזם פאַרשפּרייטן זיך
אַלץ מער און מער אין אונדזערע רייען, אַז דער קאָמוניזם פונעם קאָמינ־
טערן איז קעגן אונדזער פּועלי־ציוניזם, אַז פון דעם באַטראַכטן נאָך די קאָ־
מוניסטן קענען מיר אין פּאַרטייאישן זין ברענגען בלויז שאָדן אונדזער באַ־
וועגונג און דער סוף פון דעם טאַנץ וועט ברענגען אַ סוף צו אונדזער וועלט־
באַוועגונג. מען מוז אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטײ אויסשליסן די אַלע
ליקווידאַטאָרס און אויפשטעלן די פּאַרטײ אויף די פּרינציפּן פונעם באָ־
ראָכאָוויזם. און עס איז אַנטשטאַנען אַ שטיקל דיסקוסיע, לויט וועלכער איך
האָב דערזען, אַז מײַנע רייד זענען געווען אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן, אַז
אַ צאָל פון זײ זענען בלויז קאָמוניסטן און האָבן מיטן אמתן פּועלי־ציוניזם
מער נישט וואָס צו טאָן. מײַן לעצטע באַגעגעניש מיט די מיטגלידער פון
צ״ק איז פאָרגעקומען ערשט אין אַ צײַט שפּעטער, ווען אין בערלין איז
געגרינדעט געוואָרן דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט פון די לינקע פּועלי־ציון
און ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זײַן מאָנאַטשריפט פאַרן פּועלי־ציוניס־
טישן געדאַנק „דער קאַמף". דאָס איז געווען אין סוף 1922. איך בין דאָס
געווען דער איינציקער פאַרשטייער פון דעם אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט אויף
דעם אַמעריקאַנער באָדן. גלײַך ווי איך האָב דערהאַלטן אַ צאָל עקזעמפּלאַרן
פון דעם זשורנאַל „קאַמף", בין איך אַוועקגעגאַנגען צו אָסטראָווסקען מיט
דער ביטע ער זאָל דעם זשורנאַל פאַרשפּרייטן און האָב גראָד געטראָפן
אין אָפּיס דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל פון זייער צענטראַל־קאָמיטעט. איך
האָב אַרויסגענומען איייניקע קאָפּיעס און זײ פונאַנדערגעטיילט. זײ האָבן
גענומען בלעטערן דעם זשורנאַל, אַרײַנקוקן אַ ביסל אין אינהאַלט. אייניקע
האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיט דעם זשורנאַל, אָבער די מער־
הייט איז אין גאַנצן נישט געווען איינפאַרשטאַנען מיט אים. ספּעציעל איז
דער פּנים געווען פאַרקרימט ביי דעם גאַליציאַנער חבר עליע וואַטענבערג
און דער צווייטער גאַליציאַנער, דער לערער מאָזער, איז אַזוי אויפגערעגט
געוואָרן, אַז ער האָט געזאָגט: — דאָס איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער זשור־
נאַל, מען טאָר אים נישט פאַרשפּרייטן צווישן די חברים. איך בין אויף זײ

שטאַרק אין כעס געוואָרן און איך האָב זיך אויסגעדריקט: „ווען איך בין אַ מיטגליד פון צ״ק, וואָלט איך אַט די צוויי אויסגעשלאָסן פון דער פּאַר־טיי״. און מער האָב איך שוין נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיי.

דאַן האָב איך באַשלאָסן צו גרינדן אַ נייע אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק, וועלכע זאָל זיין אויך אַ לינק פּועלי־ציוניסטישע, נאָר אין ריינעם באָראָכאָ־ווישן גייסט, וועלכע זאָל זיין אונטער דער פּירערשאַפט פון בערלינער אָר־גאַניזאַציע־קאָמיטעט.

דאָס האָב איך פּאָרטרויט פאַרן חבר מענדל באַרלאַסן, און אַ ביסל שפּעטער אויך הערשלען דאַנציקער, וועלכע האָבן אין די רייען פון די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע געקעמפט פאַרן באָראָכאָוויסטישן פּועלי־ציון און פאַרשטייט זיך, קעגן די ליקווידאַטאָרן, וועלכע האָבן שוין צו יענער צייט פאַרגעשטעלט מיט זיך די מערהייט פון דער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע. חבר באַרלאַס, דער אינטעליגענטער גוטער פּועלי־ציוניסט, האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט אַ פייער, מיט אַ ברען און אין אַ קורצער צייט האָט ער צוגעצויגן נאָך אייניקע חברים — אַלטע, גע־טרייע חברים. מיר האָבן געהאַט אייניקע זיצונגען, אויף וועלכע מיר האָבן אָנגעצייכנט אונדזער פאַרשטייענדע אַרבעט און טאַקטיק. דעם 16־טן פעב־רואַר 1923 האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע עפנטלעכע פייערלעכע פאַר־זאַמלונג אונטערן פאָרזיץ פון ח׳ באַרלאַס. סטאַדאַלסקי, מענדלסאָן, קענדזשערסקי און מיין ווייניקייט אַלס רעדנער. און גאָר אין גיכן האָט שוין אונדזער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע געציילט 60 מיטגלידער און מיר זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיט אונדזער אַרויסטריט אין דער עפנטלעכ־קייט און מיט אונדזער באַקעמפן די ליקווידאַטאָרס, האָבן מיר שוין געבראַכט נוצן מיט דעם, וואָס די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון אין אַמעריקע האָט אויפ־געהערט צו דרוקן די אָפן ליקווידאַטאָרישע אַרטיקלען און אַנשטאָט זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין זייער אָרגאַן „די פּראָלעטאַרישע שטי־מע״, אַרטיקלען מיט אַן אויסגעהאַלטענעם פּאַלעסטינע כאַראַקטער.

אין גיכן איז אויך אונדזער אַרויספאָדערונג געקומען אין אַמעריקע חבר אַבְרהם רעוווצקי און די ערשטע צייט האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגע־געבן מיט אונדזער פּאַרטיי־אַרבעט און אונדזער ניי־געגרינדעטע פּאַרטיי האָט געקראָגן אַן אָנזען אין היגן אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיין ערשטער טור איבער אַמעריקע האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. אונדזער אָרגאַן „דאָס נייע וואָרט״, וואָס איז געווען אונטער זיין רעדאַקציע, איז געוואָרן אַ גוטער קאַמפּס־אָרגאַן פאַרן ריינעם באָראָכאָוויסטישן פּועלי־ציוניזם. אין יענער צייט זענען צוגעשטאַנען צו אונדז די חברים ליאָ גאָר־

פינקל, לאַזאַר הענקין און אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג אַרויס־געוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן אידעאַליזם, איבערגעגעבנקייט און אָפּפער־ווילִיקייט צו דער נייער אָרגאַניזאַציע.

און אַט אַזוי איז אַנטשטאַנען אין 1923 די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי פּועלי־ציון אין אַמעריקע.

עס איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסער דראַנג פון אונדזערע חבר־רים אַנצושליסן זיך אַן דעם קאָמינטערן און אַנשליסן זיך אַן אים האָבן מיר געקענט בלויז דאַן, ווען מירן זיך אָפּזאָגן פון אונדזערע ארץ־ישראלדיקע פאָדערונגען. ביי די ליקווידאַטאָרס איז דאָס רעכט געווען ד״ה ליק־ווידירן אונדזער פּאַלעסטיניזם, אָבער די באַראָכאָוויסטישע פּועלי־ציוניסטן האָבן וועגן דעם אפילו נישט געוואָלט הערן און עס איז ביי די לינקע פון די קאָמוניסטישע פּועלי־ציוניסטן פאַרגעקומען אויסערגעוויינ־לעכע רייבונגען. זיי האָבן איינע מיט די אַנדערע נישט געקענט הויזן. צו־ליב די רייבונגען איז נישט געווען מעגלעך פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי צו פונקציאָנירן אין ניו־יאָרק און די קאָנווענשאָן, וואָס איז צו יענער צייט אָפּגעהאַלטן געוואָרן, האָט באַשלאָסן אַריבערצופירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט קיין שיקאַגאָ.

די שיקאַגער אָרגאַניזאַציע איז געווען אין גאַנצן נישט אַנגערירט פון דער ליקווידאַטאָרישער מגפה. דער צ״ק, וואָס איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן, איז באַשטאַנען פון געטרייע, אויסגעפּרוּווטע פּועלי־ציון, וואָס האָבן נישט געדולדעט קיין שום אָפּוייך פון די באַראָכוויסטישע פּרינציפּן פון דער באַוועגונג. דער סעקרעטאַר פון דעם צ״ק איז געווען דער חבר בצלאל שערמאַן. ער איז דאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער פּראָלעטאַרישער שטימע, וואָס איז אויך אַריבערגעפירט געוואָרן קיין שיקאַגאָ. פון דעם ערשטן נומער, וואָס איז אַרויס אונטער חבר שערמאַנס רעדאַקציע, האָט מען דערזען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין טאָן און אינהאַלט. דער אָרגאַן האָט גלייך באַ־קומען דעם פּנים פון אַן אמתער פּועלי־ציון־אויסגאַבע.

דער צ׳ק אין שיקאַגאָ האָט, גלייך ווי ער האָט איבערגענומען די אַר־בעט, באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו די ליקווידאַציע שטימונג אין דער פּאַר־טיי. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָט ער געפּרוּווט פון דער ווייטנס אָפּ־שטעלן די צעשטערערישע אַרבעט אין דער ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע. ווען דאָס איז אים געלונגען, האָט ער געשיקט דעם חבר שערמאַן קיין ניו יאָרק מיט אינסטרוקציעס איבערצורעגיסטרירן אַלע דאָרטיקע חברים און מיט אַ דעקלאַראַציע, וואָס יעדער איינער, וואָס האָט געוואָלט בלייבן אין דער פּאַרטיי האָט געמוזט אַן קשיות אַננעמען איר אויף פולע 100 פּראָצענט.

חבר שערמאַן האָט די דעקלאַראַציע געבראַכט צו אַ פאַרזאַמלונג פון דער ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע. דר׳ וואַטענבערג און זיינע אָנהענגערס האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט אָנצונעמען די דעקלאַראַציע מיט איין רע־זערוואַציע: מען זאָל זיי דערלויבן אינערלעך, אָבער נישט עפנטלעך, אויס־צודריקן ספקות צי ארץ ישראל קאָן טאַקע לייזן די יידן פראַגע. אויף דעם האָט חבר שערמאַן דערקלערט, אַז יעדער איינער, וואָס וועט שטימען פאַר דעם, וועט זיך מיט דעם גלייך שטעלן אויסער די רייען פון באַוועגונג. ער האָט דאַן אויסגערופן יעדן איינעם ביים נאָמען און אים געפרעגט, צי ער איז גרייט אונטערצושרייבן די דעקלאַראַציע פון צ׳ק. 11 חברים האָבן גע־ענטפערט: יאָ, 19, מיט וואַטענבערגן בראש, זענען באַשטאַנען אויף וואַ־טענבערגס רעזאָלוציע און שערמאַן האָט זיי גלייך אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי און דערקלערט די עלף פאַר דער ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע.

די אויסגעשלאָסענע האָבן געפרוווט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי זענען געטריי דעם פועלי ציוניזם און געפרוווט אַריין אין דער אַמעריקאַנער יעווּ־סעקציע ווי אַ גרופּע מיט אַן אייגענער דעקלאַראַציע. אָבער דאָס איז גע־ווען נישט מער ווי אַן אָנשטעל. זיי האָבן זיך באַלד דערטרונקען אין דער קאָמוניסטישער פאַרפּלייצונג. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער קאַפּיטל ליקווידאַציע אין אַמעריקע.

דער קאַמף קעגן ליקווידאַטאָרס איז אָנגעגאַנגען נישט נאָר אין אמע־ריקע נאָר אומעטום, וווּ עס זענען נאָר געווען פועלי ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציעס אין אייראָפּע און ארץ ישראל. אינטערעסאַנט איז, וואָס אין ראַטן פאַרבאַנד, וווּ עס האָבן נישט געטאָרט עקזיסטירן קיין אַנדערע פּאַרטייען, אויסער דער אָפיציעל קאָמוניסטישער, האָט אונדזער פּאַרטיי דאָרט „די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פועלי ציון״ עקזיסטירט לעגאַל ביזן יאָר 1928.

אין יענער צייט, ווען מען האָט אויסגעשלאָסן פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי די אַלע ליקווידאַטאָרס זענען איבער אייראָפּע ארומגעפאָרן אונ־דזערע פאַררעטער די כאַשינס, נאַגלערס און אנד. און האָבן אין אונדזערע פּאַרטייען געפּריידיקט די ליקווידאַציע פון אונדזער ציוניסטישן געדאַנק. זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין אונדזערע רייען אַ כאַאָס, אַ דיסאָרגאַניזאַציע, האָבן אַפילו פאַרכאַפּט אונדזערע אייניקע לאַנדס פּאַרטייען. אָבער האָבן פאַר קיין פאַל דעם באַראָכאָוויזם נישט געקאָנט פאַרניכטן. און איצט 25 יאָר נאָך יעדער עפּאָכע קענען מיר מיט שטאָלץ באַהויפּטן, אַז מיר זענען געווען גערעכט און נישט זיי. אַז אַפילו אונדזער ביטערסטער שונא, דער ראַטן פאַרבאַנד, וואָס פלעגט אַרעסטירן, פאַרשיקן און פאַרניכטן אַלע די,

וואָס האָבן פאַרענטפערט די יידן פראַגע מיט ארץ ישראל. נאָך 25 יאָריקן קאַמף, איז געקומען צום שלום, אַז מיר זענען גערעכט און זיין פאַרשטייער צו דער „יו ען", אַנדריי גראָמיקאָ, האָט געהאַלטן דעם 14־טן מאַי 1947 אַ ציוניסטישע רעדע פאַר דער גענעראַלער פאַרזאַמלונג פון „יו ען".

נאָך דעם ווי די אַמעריקאַנער פועלי ציוניסטן האָבן אויסגעשלאָסן די ליקווידאטאָרס איז באַשאַפן געוואָרן אַ באַדן פאַר אונדזער געמיינשאַפט־לעכער אַרבעט מיט דער לינקער פועלי ציון פאַרטיי און אַפילו זיך פאַר־אייניקן מיט זיי. און טאַקע אונדזער אָרגאַן „דאָס נייע וואָרט" האָט גלייך גענומען פרעדיקן די פאַראייניקונג פון די ביידע לינקע פועלי ציוניסטישע פאַרטייען אין אַמעריקע. די אַגיטאַציע אונדזערע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אין 1924 איז די פאַראייניקונג פאָרגעקומען אין אַמעריקע און שפּעטער אויך אין וועלט מאַסשטאַב. די פאַראייניקונג איז אין אַמעריקע געפייערט געוואָרן דעם 7־טן דעצעמבער אין טאָג פון 7־טן יאָרצייט פון חבר באָראָכאָוס טויט. דער נאָמען פון אַלע פאַרטייען אין אייראָפּע און ארץ ישראל איז געווען „קאָמוניסטישע פועלי ציון", אָבער אונדזער אמע־ריקאַנער נאָמען איז געוואָרן „פאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע פאַר־טיי" (לינקע פועלי ציון). מיט דער פאַראייניקונג איז אונדזער זשורנאַל „דאָס נייע וואָרט" אונטערגעגאַנגען. אויך איז אונטערגעגאַנגען „די פּראָ־לעטאַרישע שטימע" און מיר האָבן צוזאַמען אָנגעהויבן ארויסגעבן דעם „פּראָלעטאַרישן געדאַנק". נאָך דעם בין איך אויף אַ קורצער צייט געווען אָפּגעשטאַנען פון מיין פאַרטיי אַרבעט.

איינמאָל קריג איך אַ בריוועלע פון מיין באַליבטסטן חבר אברהם רע־ווצקי, אַז מיר זאָלן זיך דעם און דעם טאָג, דריי אַ זייגער, טרעפן אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער פּאָבליק לייברערי. צו דער באַשטימטער צייט בין איך געקומען און איך האָב אים שוין דערוויטש דאָרטן, וואַרטנדיק אויף מיר. מיר זענען ביידע גלייך אַרויס פון דער ביבליאָטעק און זענען אריין אין דעם קליינעם סקווער פון דער לייברערי, זיך אָוועקגעזעצט און ער איז גלייך אַריבער צום ענין — איך זאָל ווערן דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. דעם אמת זאָגנדיק האָט זיך מיר נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע לאַסט. נאָר ער איז אַזוי צוגעשטאַנען, אַז איך האָב אים נישט געקענט אָפּ־זאָגן. און איך האָב איינגעשטימט.

אַלס רעדאַקטאָר פון „פּראָלעטאַרישן געדאַנק", וועלכער פלעגט דער־שיינען אין ניו יאָרק, איז פאַרבליבן דער חבר רעוווצקי. מיר פלעגן אים מיט די גרעסטע מאַטערנישן און אָנשטרענגונגען ארויסגעבן. מאַטעריאַל פלעגט אונדז אַלעמאָל אַרויסהעלפן אונדזער חבר גאַרפינקל און אין דרו־

קעריי, חבר לאַזאַר העניקין, אָבער מיט דער צייט איז אונדזער לאַגע אַזוי פאַרערגערט געוואָרן, אַז מיר האָבן אים נישט געקאָנט אַרויסגעבן.

דאַן האָב איך באַשלאָסן ווענדן זיך צו די אָרגאַניזאַציעס, אַז יעדע איינע זאָל נעמען אויף זיך די פליכט צו דעקן די הוצאות ארום 100 דאָלאַר פאַר אַ נומער פון „פּראָלעטאַרישן געדאַנק". דאָס האָט אונדז אויף אַזוי פיל אַרויסגעהאָלפן, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אונדזער אָרגאַן יעדן חודש רעגולער, אויך דער טיראַזש פון אונדזער אָרגאַן איז געוואַקסן.

איך בין אַלעמאָל געווען קעגן אונדזער טעטיקייט אין דעם איקאָר, זייענדיק איבערצייגט, אַז מיר גיבן אים אַוועק צופיל צייט און דאָס שטערט אונדז אין דער אַרבעט פאַר ארץ ישראל. ביי דער גרינדונג פון איקאָר האָבן מיר דער קאָמוניסטישער פירערשאַפט געשטעלט אַלס אַ באַדינג, אַז זיי זאָלן נישט באַקעמפן די יידישע קאָלאָניזאַציע אַרבעט אין ארץ ישראל אַלס אַ קאָנקורענץ צו דער אַרבעט פון איקאָר און זיי זאָלן נישט באַקעמפן דעם ציוניזם. זיי האָבן אונדז דאָס צוגעזאָגט. און טאַקע די ערשטע צייט האָבן זיי געהאַלטן וואָרט. אָבער נאָך אַ פּאָר יאָר פון דער עקזיסטענץ פון איקאָר האָבן זיך אין זיינע אויסגאַבן אָנגעהויבן צו באַווייזן אַנטיציוניסטישע אַר־טיקלען. מיר האָבן זיי אויף דעם אָנגעוויזן און פּראָטעסטירט, האָבן זיי אונדז צוגעזאָגט, אַז מער וועט דאָס נישט זיין. אָבער אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן זיך ווידער באַוויזן אַנטיציוניסטישע אַרטיקלען און טענ־דענצן. מיר האָבן אַזוי לאַנג געקעמפט מיט זיי, ביז מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסטרעטן פונם איקאָר.

אויך זענען מיר אין יענער צייט אַרויסגעטראָטן פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין, וואָס דער פאַקט אַליין איז פאַר מיר געווען זייער ווייטאָקדיק. איך געדענק נאָך אונדזער גרויסע פרייד, ווען דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין איז געגרינדעט געוואָרן. דאָס איז אין יענער צייט געווען דער גרעסטער זיג פון ציוניסטישן אַרבעטער געדאַנק אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע. מיר האָבן מיט אַלע כוחות אונדזערע געאַרבעט פאַרן געווערקשאַפטן קאַמפּיין.

אַלע אונדזערע חברים איבער גאַנץ אַמעריקע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט בייצושטייערן און זאַמלען וואָס מער געלט. מיר געדענקען די ערשטע יערלעכע זאַמלונגען פאַרן קאַמפּיין. קיין חברטע אָדער חבר האָט נישט געטאָרט יענעם טאָג פאַרבלייבן אין דער היים. אלע האָבן געמוזט קומען אין אונדזער לאָקאַל, נעמען די זאַמל פּושקעס מיט די בלומען און אַרויס איבער די גאַסן און זאַמלען געלט און ערשט שפּעט אין אָוונט פלעגן זיי קומען צוריק אין לאָקאַל און איבערגעבן די פּושקעס מיט די געזאַמלטע

געלטער און מיר האָבן געאַרבעט מיטן הויפּט אָפּיס אין דער פּולסטער האַרמאָניע.

און דאָ אין מיטן דערינען האָבן מיר דערהאַלטן בריוו פון אונדזערע חברים פון ארץ ישראל, וועלכע האָבן זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף די אָנפאַלן און אונטערדריקונגען פון אונדזער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין לאַנד פון אונדזערע האָפענונגען און טרוימען. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו ווענדן וועגן דעם צום יערלעכן צוזאַמענפאָר פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין, דאָרט צו פּראָטעסטירן און צוזאַמען מיט די אַלע פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אריינשיקן צו די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין ארץ ישראל זייער ווענדונג וועגן דעם, אַז פאַרפאָלגונגען קעגן יידיש זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן. און אַזוי האָבן מיר טאַקע געהאַנדלט ביים נאָענטסטן צוזאַמענפאָר. צום אָנהויב האָט אונדזער ווענדונג זיי אַלעמען ווי אַ דונער געטראָפן. און ווען זיי זענען געקומען צו זיך האָבן זיי אונדז אָנגעהויבן זילדען. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן פּראָטעסט שטימען פון אונדזערע חברים, פון די פאַרשידנסטע פלעצער פון זאַל:

— פאַרוואָס דערלויבט מען דאָרטן נישט רעדן און דרוקן יידיש?!

— פאַרוואָס שלאָגט מען דאָרט אונדזערע חברים, וואָס פאַרשפּרייטן אונדזערע יידישע צייטונגען?

— פאַרוואָס פאַלט מען אָן אויף די יידישע קיאָסקן, וואָס פאַרשפּרייטן די יידישע פּרעסע?!

— פאַרוואָס רייסט מען אויף פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע מען רעדט אין יידיש?!

— פאַרוואָס שעמט מען זיך אין ארץ ישראל מיטן יידישן וואָרט?!

וואָס מען פרעגן מען האָט געשטעלט אַלץ מער איז דער עולם אויפגערעגט געוואָרן נישט קעגן די יידיש שענדער, נאָר קעגן אונדז און עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מען האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן אונדזערע חברים פון זאַל און אין דער הייליקער אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט אפילו די פאָרשטייער פון קאַמפּיין, די פאָרשטייער פון די רעכטע פּועלי ציון און אַפילו אייניקע פאָרשטייער פון די יוניאָנס. מער פון אַלעמען האָט מיך פאַרדראָסן אויף מיין אמאָליקן חבר פון די ס. ט. ברוך צוקערמאַן, ער איז דאָך געוועזן ביי אונדז דער יידישיסטישער. ער האָט אויך אַנטייל גענומען אין געשלעג. נאָך דעם סקאַנדאַל האָבן מיר איבערגעריסן מיטן געווערקשאַפטן קאַמפּיין. אויף מיר האָט דער אינצידענט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. איך האָב אבסאָלוט נישט געטראַכט, אַז אונדזער ווענדונג וועט דערפירן צו דעם. אין מיין אומשולדיקייט האָב איך זיך פאָרגעשטעלט

אַז דער קאַמפּיין וועט אויך פּראָטעסטירן קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף יידיש און מירן קענען אויף ווייטער צוזאַמען אַרבעטן פאַר דער יידישער אַרבע־טערשאַפט אין א״י. און מיר האָבן טאַקע קיין אָנטייל נישט גענומען אין די אַרבעטן פון קאַמפּיין ביז כמעט דעם אָנהויב פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען מיר זענען צוריק אַריין אין געווערקשאפטן קאַמפּיין און אר־בעטן דאָרט ביזן היינטיקן טאָג.

אַרום אַ יאָר צייט בי איך געווען דער פאַרטיי סעקרעטאַר, ביז איך האָב פאַרלאָזן ניו יאָרק.

קאַפּיטל 56

טשאַטאַנוגאַ

אַ קורצע צייט נאָך מיין קומען אין אַמעריקע האָב איך געהאַלטן מיין עקזאַמען פאַר אַ לערער אין די אַרבעטער רינג שולן און גלייך נאָכן עקזאַמען האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון געליבטערן, דעם סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג בילדונגס קאָמיטעט: ער לאַדט מיך איין אין אָפיס. איך קום צוגיין און ער גיט מיר איבער, אַז דער אָפיס וויל מיך שיקן אין טשאַטאַנוגאַ, טענעסי, אַלס לערער אין דער שול, וואָס דער טשאַטאַנוגער ברענטש פון אַרבעטער רינג גייט עפענען דעם סעזאָן און ער פרעגט מיך צי איך וועל פאָרן אַהין. דעם אמת זאָגנדיק, ווילט זיך מיר נישט פאַרלאָזן ניו יאָרק און פאָרן אין א העק, און פון דער צווייטער זייט האָט זיך מיר יאָ געוואָלט פאָרן אַהין, זען דאָס יידיש לעבן דאָרט. און איך האָב איינגעשטימט. און אין איי־ניקע טעג שפּעטער בין איך אַרויסגעפאָרן און געקומען אין טשאַטאַנוגאַ שפּעט אין דער נאַכט און אויף דער סטאַנציע האָבן אויף מיר געוואָרט די פאַרשטייער פון אַרבעטער רינג, יעדערער מיט זיין אויטאָמאָביל. און דאָ איז פאָרגעקומען אַ שטיקל סיכסוך צווישן די פאַרשטייער: יעדערער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אַריינפאָרן אין שטאָט מיט זיין אויטאָמאָביל און צום סוף איז געבליבן, אַז איך זאָל פאָרן מיט דיינימאַנס מאַשין. מען פירט מיך צו דיינימאַנס הויז, וועלכע איז געווען באַלויכטן פון אַלע זייטן. איך קום אַריין אין אַ גרויסן צימער. ערשט אַרום גרויסע געגרייטע מיט כל טוב טישן זיצן אַ דרייסיק מענטשן. דאָס האָבן זיי צוגעגרייט אַ באַגעגענונגס באַנקעט פאַר מיר. און איך בין פאַרמאַטערט פון דער רייזע, איך חלש אָפּ־רוען, כאַפּן אַ שטיקל שלאָף. פאַרפאַלן — איך מוז באַנקעטעווען. איך ברענג זיך אַביסל אין אָרדענונג, קום אַריין אין זאַל, מען באַקאַנט מיך מיטן עולם: דיינימאַן, בערנשטיין, מאַלקין, פיידש, פּרעסמאַן, פּרעס, ראַגין, סיר, קעסעט, מרס. מייערס און נאָך און נאָך, ווער געדענקט זיי אַלעמען? מען נעמט זיך צום עסן, טרינקען. פאַרשטייט זיך איך דאַרף זאָגן אַ פּאָר ווערטער און דער עולם דאַרף אַפּלאָדירן. גאָט צו דאַנקען — פאַרענדיקט דעם באַנקעט. מרס׳ דיינימאַן ווייזט מיר דעם פּלאַץ, וווּ איך וועל היינטיקע נאַכט שלאָפן און איך בין גליקלעך: איך וועל זיך אויסרוען.

אויף מאָרגן דערוויס איך זיך, אַז מיין שול וועט זיין אַ קורצע צייט אין... אַ שול, ווו די יידן דאַוונען. דאָס איז שוין גאָרנישט קיין אנגענעמער סורפריז. אמת, די אַרבעטער רינגניקעס האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס איז בלויז אויף אַ קורצער צייט. זיי האַלטן ביים קויפן א פאסיקע הויז, זיי וועלן די הויז רעמאָנטירן און איר צופאַסן פאַר אַ מיטינג פלאַץ פון אַרבעטער רינג און קלאַסן צימערן. קינדער פאַר דער שול האָבן זיי שוין געפונען. געלט האָבן זיי אויך געפונען און איך דאַרף נאָר אָנהויבן לערנען.

ווי מיר איז נישט אנגענעם געווען צו האָבן מיינע קלאַסן אין אַ רעלי־גיעזער שול בין איך דאָך צוגעטראָטן מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט צו דער אַרבעט. איך האָב ליב געקראָגן מיינע קינדערלעך. עס איז דורכגעגאַנגען אַ קורצע צייט און מיינע קינדער האָבן אָנגעהויבן אביסל לייענען און שרייבן יידיש. איך האָב זיי אויסגעלערנט אייניקע לידער צו דעקלאַמירן און זינ־גען. די עלטערן זענען געווען גליקלעך מיטן דערפאָלג פון זייערע קינדער און זיי האָבן נישט געוווסט מיט וואָס מיך אָפדאנקען. פלעגן יעדן אָוונט קומען מיט זייערע מאַשינען מיך אויסנעמען, פלעגן מיר ברענגען מתנות, איינלאַדן מיך צו זייערע מאָלצייטן, שמחות, פאַרטיס.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די שול געביידע איז פאַרטיק גע־וואָרן און מיר האָבן אַריבערגעטראָגן די שול אין דער נייער געביידע. מען האָט געפראַוועט א גרויסן יום טוב, וועלכער האָט אריינגעטראָגן א סך געלט פאַר דער נייער הויז.

אין גיכן איז געקומען מיין רבקהלע מיט טייבעלען און איך בין גע־וואָרן אַ טשאַטאַנוגער בירגער. געשאָפן זיך נייע פריינט, נייע באַקאַנטע צווישן די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע קרייזן, כאָטש מיינע אַרבעטער רינג טוער האָבן קרום געקוקט אויף דעם.

פאַר דער צייט פון מיין זיין דאָרטן האָבן מיר געהאט וויכטיקע געסט צווישן זיי ליטוואַקן, רעוווצקין, אָלגינען און ראָזע ראַיסע. מיט ליטוואַקן האָב איך זיך שטאַרק באַפריינדעט, כאָטש פאָליטיש האָבן מיר זיך אין גאָר־נישט איינפאַרשטאַנען. מיט אָלגינען האָב איך זיך א פאָר מאָל געטראָפן, נאָר עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז מיר האָבן ווייניק גערעדט איינע מיט די אַנדערע. פאַרשטייט זיך, אַז רעוווצקי איז פאַר מיר געווען דער אָנגע־לייגטסטער גאַסט, ער איז די גאַנצע צייט איינגעשטאַנען ביי מיר און איך און רבקה זענען געווען העכסט צופרידן, וואָס ער איז מיט אונדז. און וועגן ראָזע ראַיסע איז אונדזער באַגעגעניש געווען אַ „העכסט אינטערעסאַנטע״. עס איז אראָפּגעקומען אין טשטאַנוגאַ די שיקאַגער אָפּערע מיט ראָזע ראַי־סע און איר מאַן רומיני. זיי האָבן געדאַרפט שפּילן פון מאָנטיק ביז מאָנטיק.

די אַרבעטער רינג שול אין טשאַטאַנוגאַ

פרייטיק האָט זיך איר פאַרוואָלט האָבן אַ יידישן שבתדיקן מיטאָג — טשאָ־לנט. קיין פּאַסיקער מאָדערנער יידישער רעסטאָראַן איז אין טשאַטאַנוגע נישט געווען. איז זי מיט איר מאַן רומיני אַרויס צווישן די יידישע קראָמען פרעגן צי קען זי דאָ, אין טשאַטאַנוגאַ קריגן אַ שבתדיקן מאָלצייט און די קרעמער האָבן איר אָנגעוויזן אויף דיינימאַנס הויז. איז זי נישט פויל גע־ווען און זיך אָוועקגעלאָזן צו זיי און זיי פאָרגעשלאָגן, אַז זי מיט איר מאַן און מיט נאָך אַ גרופּע יידישע זינגער, כאָריסטן זאָלן ביי זיי עסן און מען וועט זיי דערפאַר גוט באַצאָלן. די דיינימאַנס האָבן זיך פון געצאָלט קאַטע־גאָריש אַנטזאַגט, אָבער זיי ווילן האָבן דעם פאַרגעניגן, אַז זיי אַלע זאָלן ביי זיי עסן. קורץ עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאָרגן, שבת, קומט צו איר די גאַנצע חברה צום מיטאָג. שבת אַ זייגער 12 קומט צו מיר דיינימאַן און דערציילט מיר וועגן דעם. ער וויל און ער בעט מיך — איך זאָל אויך קומען צום מיטאָג, ווייל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מיט די אָפּערע זינגער רעדן. און ער איז אַזוי צוגעשטאַנען, אַז איך האָב איינגעשטימט און ווען איך בין געקומען האָב איך שוין דערווישט אַ סך פון זיי. מען האָט מיך פאָרגע־שטעלט, אַלס דעם יידישן לערער אין דער יידישער שול. זיי האָבן אָנגע־רופן זייערע נעמען, אַ דריי פערטל פון וועלכע האָבן געקלונגען יידיש, און דער גאַנצער געשפּרעך ביים טיש איז געפירט געוואָרן אין יידיש און נאָך אַ וועלכן יידיש — אַ גוטן, אַ זאַפטיקן. און מיר האָבן זיך פאַרנאַנדערגע־רעדט. צווישן אנדערש האָב איך זיי דערציילט וועגן אַן ענלעכן פאַל מיט שאַלאָפּינען, וועלכער איז איינמאָל געקומען אין אַלבאַני, ניו יאָרק, און האָט דאָרטן שבת געזוכט אַ יידישן שבתדיקן מאָלצייט אוןן מען האָט אים רע־קאָמענדירט צו איינעם אַן אָנגעזעענעם יידן — מאַלמעט. ער איז נישט פויל געווען און איז אוועקגעגאַנגען צו מאַלמעטן און זיך פאַרגעשלאָגן אַלס מיטעסער. מאַלמעטן האָט דאָס אויפן העכסטן גראַד אימפּאָנירט. גאָר אַ קליי־ניקייט: שאַלאַפּין וועט האַלטן ביי אים שבת. רייך איז ער געווען, קיין קאַר־גער געוויס נישט, האָט ער איינגעאָרדנט שוין איינמאָל אַ שבתדיקן מאָל־צייט, מיט שנאַפּס, ביר, ווייַן, שאַמפּאַניער, האָט איינגעלאַדן זיינע פריינט, באַקאַנטע, יונגע דאַמען. שאַלאַפּין האָט זיך צוגעכאַפּט צו די געטראַנקען און איז גיך געוואָרן זייער רעדעוודיק, אויפגעלייגט, זיין נשמה האָט זיך לויז געמאַכט, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט פייערדיקער ליבשאַפט און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין קושן מיטן עולם, ספּעציעל מיט די ווייבלעך, וועלכע האָבן אים אומגעקערט די קושן מיט אַ צוגאָב און יעדע איינע איז געוואָרן זיין שוועסטער, זיין האַרצנס געליבטע, און קאָמפּלימענ־טירט יעדע איינע מיט די שענסטע האַרציקסטע אויסדרוקן און יעדער איי־

נער האָט ער געשענקט זיין בילד מיט א ספּעציעלער אויפשריפט פון פאַר־געטערונג.

און א שיכורער איז ער אַוועק אין אָוונט צו דער אָפּערע.

ביי דיינימאַנען האָט זיך דער עולם געהאַלטן קאָרעקט, געמאַכט אַ שנאַפּס, אָבער מיט רחמנות, געגעסן ווי אין אַן אַריסטאָקראַטישן סאַלאָן.

אין מיטן עסן פירט אַריין דיינימאַן זיין 8 יאָריקן זון, מעקסי, וועל־כער לערנט זיך אין מיין שול. ער קען שוין אַ ביסל לייענען און שרייבן יידיש, קען שוין א פּאָר יידישע פאָלקס לידער. דער טאַטע גיט דעם זון דעם „אָנפאַנגער" — זיין יידיש לערן ביכל און הייסט אים לייענען, בע־רע־לע און יאַנ־קע־לע זע־גען צוויי ברי־דער. קוים וואָס ער לייענט, קריכט ווי פון פּעך...

און דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען אַזוי שטאָלץ מיטן מעקסעלעס לייע־נען יידיש, אַז זייערע פּנימער שיינען פון גליק.

מיט אמאָל, אוי ווי איז מיר, דעם לערער:

— אנו, — זאָגט דער טאַטע צו מעקסעלען, — איצט זינג א יידיש ליד. און ער אַליין שטעלט אַוועק מעקסעלען אויף אַ שטול און מעקסעלע פאַר אַן אודיטאָריום פון אָפּערע קינסטלער פּאַרציט די פאָלקס לידל:

אמאָל איז געווען א מעשה, די מעשה איז גאָרנישט פריילעך
די מעשה הויבט זיך אָנעט מיט אַ יידישן מלך.

און מעקסעלע זינגט אָן אַ שטימע, מאַכט גרייזן אין די טענער און אין די ווערטער, זיין אויסשפּרעך איז אַ גויישע. דער עולם הערט אים אויס אויפמערקזאַם און ווען ער ענדיקט זינגען אַפּלאָדירן אים אלע און איך שעם זיך קוקן אויפן עולם.

און וווּנדערבאַר — נאָך די צוויי מעקסעלעס נומערן אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע צווישן די כאָריסטן אין אַ גוטן זאַפטיקן יידיש, וועגן יידישער אָדער העבּרעישער דערציונג און די דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן מיט האַרץ, מיט איבערצייגונג און העכסט טאַקטיש. און די יידישע דערציונג האָט ביי די שיקאַגער אָפּערע סטאַרס און כאָריסטן געזיגט.

אין טשאַטאַנוגע בין איך באַפריינדעט געוואָרן מיט אַן אינטערעסאַנ־טער פרוי מרס' מאַיערס, אַ געבוירענע אַמעריקאַנער קריסטן, וועלכע האָט צוליב איר איבערצייגונג אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ יידישן אַמעריקאַנעם יונגנמאַן, אַן אַפּטיקער, וועל־כער האָט פון יידישקייט כמעט גאָרנישט געוווּסט. זי האָט געהאַט מיט אים צוויי טעכטער, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין מיין שול. זי האָט שטרענג אָפּגעהיט די אַלע יידישע מנהגים און דינים. געווען פרום, ווי אַן אַלטמאָדישע יידישע פרוי, ערגעץ אין גאַליציע. דערצו איז זי געווען זייער אינטעליגענט.

זיך אינטערעסירט מיטן יידישן לעבן אומעטום, פלעגט קריגן פאַרשידענע זשורנאַלן און לאָקאַלע צייטשריפטן אין ענגליש, נאָר מיט א יידישן אינהאַלט. געווען באַקאַנט מיט דער יידישער געשיכטע, מיט אונדזער בייטראָג צו דער אַלמענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע. זי איז געווען אַ גערעגע פּאָעטעסע. די מערסטע פון אירע ענגלישע לידער זענען געווען אויף ביבלישע טעמען. אויך האָט זי פאַרמאָגט אַ סך לידער וועגן גורל פון יידישן פאָלק. מיט יאָרן שפּעטער האָט זי מיר אין ניו יאָרק צוגעשיקט א זאַמלונג פון אירע לידער, פון וועלכע איך האָב גרויס הנאה געהאט.

גאָר גרויס האַרצווייטיק האָב איך געהאט פון די רעכטע און לינקע, וועלכע האָבן געגנזייטיק איינע די אַנדערע געהאַסט און יעדער צד האָט מיך געוואָלט צוציען צו זיך. אין אלגעמיין זענען די דרום יידן נישט פּאַרטייאיש, זענען גרייט אונטערשטיצן אַלע באַוועגונגען נישט פרעגנדיק קיין פּאַספּאָרט. דערזעלביקער ייד קען ביישטייערן פאַר די ציוניסטיטן, פאַר סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און פאַר רעליגיעזע אינסטיטוציעס און עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס טאַנצן אויף אַלע חתונות און זעען נישט איין דעם ווידערשפּרוך אין דעם. אז זיי האָבן ברייטע הערצער איז דאָך נישט שייך... מיר געדענקט זיך, אַז נאָכדעם ווי איך האָב געקראָגן א בריוו פון ניו יאָרק, אַז עס זאַמלט זיך אַ פאָנד פאַר דער פרוי און קינדער פון באָראָכאָוון, כדי צו דערמעגלעכן זייער רייזע קיין ארץ ישראל און זיי דאָרט באַזאָרגן, האָב איך אויך אָן אָונט, איינגעאָרדנט פאַר מיר ביי איינעם פון מיינע פריינט, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען אָנהענגער פון די אַלע ריכטונגען אין טשאַטאַנוגאַ, געמאכט אן אפּיל פאַר דעם און אַלע אָנוועזנדע האָבן בייגעשטייערט. נאָר בלויז איניקע זענען געווען פאַנאַטישע לינקע אָדער רעכטע און זיי האָבן אויסגעפאָלגט די אַלע אינסטרוקציעס פון זייערע פירער און האָבן אָנגעפירט א פאַרביטערטן קאַמף. איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, כדי דער קאַמף זאָל נישט אריינדרינגען אין די ווענט פון מיין שול. און פאַר מיין צייט איז עס מיר א ביסל געלונגען. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָב איך מיין פועלי ציוניזם נישט באַהאַלטן און פאַר זיי אי די רעכט און אי לינקע איז געווען זייער אַ שווערע פראַגע: ווי אַזוי קומט דאָס, אַז דער בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג זאָל זיי אריינשיקן אַ לערער גאָר א פועלי ציוניסט? און זיי האָבן די פראַגע פאַר קיין פאַל נישט געקענט פאַרענטפערן און זיי האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ שטיקל באַליידיקונג פון בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. באַשערט איז זיי געווען נאָך מיר אריינקריגן ווידער אַ לערער אַ פועלי ציוניסט — מיין אַמאָליקן חבר הגלילי. נעבאַכקע — דער אַרבעטער רינג האָט זיך אויף זיי אָנגעזעצט.

אין פאַרלויף פון דער צייט, וואָס איך האָב דאָרט געאַרבעט איז דאָרט פאָרגעקומען א צוזאַמענפּאַר פון די לערער און פאַרוואלטער פון די שולן פון דעם דרומדיקן געגנט. דער צוזאַמענפּאַר איז געווען זייער אימפּאָזאַנט און האָט אַריינגעבראַכט א סך לעבן, פרייד, נייעם אינטערעס אין טשאַטאַ־גונער ראַדיקאַלע קרייזן, און אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָט מען דערמאָנט דעם שולן צוזאַמענפּאַר.

מאַטעריעל האָט זיך די יידן געלעבט אין די דרומדיקע שטאַטן אַ סך בעסער ווי אין מזרח שטאַטן. קיין יידישער אַרבעטער איז דאָרט כמעט נישטאָ. די יידן באַלאַנגען צום מיטל קלאַס: קרעמער, געשעפטסלייט, קליי־נע הענדלער, בעלי מלאכות. זיי פאַרדינען גאַנץ גוט. זיי זענען זייער גאַסט־פריינטלעך, גיבן שיינעביישטייערונגען אויף אַלץ, וואָס זיי דענקען „ס'איז גוט פאַר יידן". אין אַלגעמיין האָבן זיי אויף מיר געמאַכט א גוטן איינדרוק. נאָר איין זאַך האָט מיך פאַרדראָסן די גאַנצע צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען, דאָס איז זייער באַציונג צו די נעגערס: האָבן פון די ווייסע יענקעס איבערגענומען זייער האַס און פאַראַכטונג צו די שוואַרצע. זיי דיסקרימי־נירן קעגן די שוואַרצע אַלץ איינס ווי די דרומדיקע יענקיס.

און די באַציונג צו די נעגערס מערקט זיך אויך ביי דער יידישער יוגנט און אַפילו ביי די יידישע קינדער. מיר געדענקט זיך אַ פאַל ביי מיר אין דער טשאַטאַנוגער שול. איך רעד פאַר די קינדער וועגן די שוואַרצע. אין מיין רעדע האָב איך זיי געזאָגט, אַז די שוואַרצע זענען אַזעלכע מענטשן ווי מיר, זיי האָבן רויטע בלוט ווי מיר, עס זענען דאָ צווישן זיי גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן, ווי ביי אַלע ראַסן און פעלקער אויף דער וועלט. אַז מען שלאָגט זיי — טוט זיי וויי, און אז מען באַגייט זיך שלעכט מיט זיי — ליידן זיי. און אין מיטן פון מיין רעדן שטייט אויף א 12 יאָריקע מיידל, מיינע אַ תלמידה און זאָגט צו מיר מיט גרויס אויפרעגונג: מיינט איר, לערער, אַז איך בין אַלץ איינס ווי אַ נעגערטע

— יאָ, האָב איך געענטפערט, איך מיין אַז זי איז אַזאַ מענטש ווי דו, און איך זע נישט קיין פאַרוואָס דו באַליידיקסט זיך אַזוי.

און מיין ענטפער האָט איר אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסן גרימצאָרן. און די אַנדערע קינדער זענען געווען גיכער איינשטימיק מיט איר, ווי מיט מיר.

מיך פלעגט שטאַרק פאַרדריסן, ווען די יידן האָבן גערעדט וועגן די שוואַרצע אַלס דעם אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט און מיט אַזאַ האַס, מיט אַזאַ פאַראַכטונג, מיט אַזאַ גרינגשעצונג, אַזש איך האָב דאָס פשוט נישט געקענט הערן. און ווען איך האָב אַמאָל אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז מיר

יידן, וועלכע זענען אויך אַזוי פֿאַרהאַסט אין דער וועלט און אזוי דיסקרימינירט, טאָרן נישט אַזוי בּאַציען זיך צו די זין פון דער שוואַרצער ראַסע, פאַרקערט גאָר אונדזער סימפּאַטיע דאַרף זיין מיט אַט די פאַרשקלאַפטע אונטערדריקטע נעגערס און גישט מיט די אונטערדריקער, האָבן זיי מיך אָנגעקוקט, ווי איך רעד נישט ביי פולן זינען.

קאַפּיטל 57

אין ניו בראַנזוויק, סטעלמאַן און ניו יאָרק

נאָך טשאַטאַנוגע איז די צווייטע שול מיינע געווען אין ניו בראַנזוויק. דאָ האָב איך שוין געטראָפן אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר דער שול — די ניו ברנזוויק אַרבעטער רינג לייבאָר לייסעום. אויך די פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען אויף אַ העכערן שטאַפּל פון אנטוויקלונג, בילדונג, אינטעליגענץ. עס האָבן זיך אין איר געפונען דער באַוווסטער יידישיסט, קולטור טוער און פאָרשער פּראָפ׳ י. יאַפע, אויך דר׳ סיגאַל, און די אַנדערע פאַרוואַלטער זענען אויך געווען גוט אַנטוויקלטע יידישע אַרבעטער טוער. ס׳איז פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן מיט זיי צו אַרבעטן. נאָך אַ מעלה איז געווען דאָס, וואָס ניו בראַנזוויק איז געווען נאָענט פון ניו יאָרק — אין גאַנצן אַ פּאָר שעה רייזע און איך פלעג אויסמארקירן, אַז איך זאָל קענען כמעט יעדע וואָך זיין אין ניו יאָרק, אָדער אין סטעלמאַן, ווו עס האָט זיך געפונען מיין טאָכטער, די וואונדערבאַרע טייבעלע, וועלכע האָט שוין צו זעקס יאָר געקענט לייענען, שרייבן יידיש און ענגליש און כמעט יעדע וואָך האָב איך געקראָגן פון איר בריוו מיט געדרוקטן שריפט און אויך בילדער, וואָס זי האָט פאַר דער וואָך געמאָלן. רבקה האָט זיך דאַן געפילט נישט גוט און האָט זיך געפונען אין ליבערטי סאנאטאָריום. מען קען נישט זאָגן, אז ביי אַזאַ לאַגע האָב איך געקאָנט נאָרמאַל אָנגיין מיט מיין אַרבעט אין דער שול. מיר איז אַפילו געווען שווער צו קאָנצענטרירן זיך אויף מיין אַרבעט, און פון דעם האָב איך אויך געהאט גרויס הארצווייטאָק. געווינט האָב איך ביי די ראקאָווס, אויסערגעוויינלעך שיינע מענטשן, און זיי זענען זיך באַגאַנגען מיט מיר אזוי פיין, אַז איך פלעג אָפט גערירט ווערן ביז טרערן. זיי האָבן געוווּסט פון מיינע שוידערלעכע איבערלעבונגען און מיט אַלע מיטלען האָבן זיי געפּרווט פאַרלייכטערן מיין געמיט.

און איינמאָל קריג איך אן אָנזאָג פון סטעלמאַן, אַז טייבעלע איז קראַנק געוואָרן און איך פאָר גלייך אַוועק אין סטעלמאַן, ווו איך געפין איר שוין אין בעט. איך שיק נאָך אַ דאָקטאָר, וועלכער אונטערזוכט איר און קען נישט באַשטימען, וואָס מיט איר איז און ער רעקאָמענדירט אָפּוואַרטן אַ פּאָר טעג, ביז וואנען ער וועט אויסגעפינען איר קרענק. אַ גאַנצע וואָך

איז זי אַזוי אָפּגעלעגן אין סטעלמאַן, ביז איך האָב באַשלאָסן צו נעמען איר אין ניו יאָרק. די קורצע רייזע וועל איך כל זמן איך וועל לעבן, נישט פאַרגעסן. איך פאַרפאָר מיט איר אין בראָנקס צו דר׳ מאַגיל, מיינעם א גוטן פריינט. ער קען אויך נישט באַשטימען, וואָס מיט איר איז. דערווייל קומט אַריין מיין יינגערע שוועסטער העלענע און שלאָגט פאָר, אַז מיר זאָלן טיילען נעמען צו איר און זי וועט זיך גלייך ווענדן צו ספּעציאַליסטן. מיר איז דער געדאַנק שטאַרק געפעלן געוואָרן און מיר האָבן איר אַראָפּגעבראַכט צו איר. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זי איז געפערלעך קראַנק מיט מענעדזשיטיס און מען דאַרף איר גלייך אַריינגעבן אין מאָנט סייניי שפּיטאָל, ווו עס אַרבעט דער באַוווסטער פּראָפעסאָר שיק. און מיר האָבן איר אַהין אַריינגעגעבן. אָנזאָגן רבקהן וועגן דעם האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז דאָס קען ווירקן אויף איר פּאַטאָל. אָבער פון דער ערשטער מינוט אין שפּיטאָל איז טייבעלע פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַ געפערלעך קראַנקע און איך פלעג איר באַזוכן איניקע מאָל אַ טאָג און אין מיטן נאַכט. לויט די געשפּרעכן מיינע מיט די דאָקטוירים האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז די לאַגע איז אַ צו ערנסטע. צום סוף האָט מיר דר׳ שיק אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז די מעדיצין איז אומבאַהאָלפן אין דער קרענק, זיי ווייסן נישט פון קיין מיטלען צו ראַטעווען איר. געזונט ווערן קען זי שוין נישט. זי וועט שטאַרבן. נאָר איין מיטל שלאָגט ער מיר פאָר און אויב איך וועל איינשטימען, וועט ער דאָס טאָן און דאָס איז מאַכן אַן אָפּעראַציע אינעווייניק אין קאָפּ: נאָרמאַליזירן די הייטל איבערן מאַרך. ער גאַראַנטירט נישט, אַז זי זאָל נאָך דעם בלייבן לעבן און אויב זי וועט יאָ בלייבן לעבן, וועט זי פאַרבלייבן אומנאָרמאַל און אַ שוואַכזיניקע. איך האָב אים געבעטן וואַרטן מיט מיין ענטפער אַ פּאָר טעג. ער האָט איינגעשטימט. טעג און נעכט האָב איך נישט געשלאָפן, געוועזן די גאַנצע צייט לעבן מיין טייבעלען און זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס פאַראַ ענטפער געבן פּראָפעסאָר שיקן. מיינע קרובים, אויך רבקהס קרובים האָבן אויך נישט געוווסט וואָס פאַראַ עצה מיר געבן. איין זאַך האָבן מיר יאָ באַשלאָסן: טעלעגראַפירן רבקהן וועגן דער געפערלעכער לאַגע פון אונדזער טייבעלען. און אויף מאָרגן איז זי געקומען פון ליבערטי סאַנאַטאָריום אין באַגלייטונג פון דעם שענסטן מענטשן, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן — דר׳ פיש, אַז עס זאָל מיט איר אויף דער רייזע קיין בייז נישט געשען. און דאַן האָב איך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשלאָסן, אַז איך וויל נישט מען זאָל דורכפירן די אָפּעראַציע איבער טייבעלען. טיף אין מיר איז געווען דער גלויבן, אַז עס קען נישט זיין אַז טייבעלע זאָל שטאַרבן,

זי וועט זיך נאָך פון דער קרענק ראַטעווען. עס איז מיר שווער איבערגעבן, וואָס רבקה האָט אין יענע טעג דורכגעלעבט. אַ גאַנצע וואָך האָט זי נישט געגעסן און נישט געטרונקען, אַפילו אַ גלאָז וואַסער נישט געהאַט, און גאַנצענע טעג פלעגט זי אָפּזיצן ביים קינדס בעטעלע, און טייבעלע איז די גאַנצע צייט געווען פאַרזונקען אין א טיפן שלאָף. פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך אויף אַ רגע אויפכאַפּן, עפענען אירע בלויע אייגעלעך, א זיפץ טאָן און ווייטער פאַרזונקען ווערן אין טיפן שלאָף.

אין מיטן נאכט פלעג איך קומען זיצן ביי איר בעטל. קומען א שווייגנדער, מיט א שרעקלעכן פאַרגעפיל, אָפּזיצן דאָרט א פּאָר שעה שווייגנדיק און אַוועקגיין א שווייגנדיקער און צו רבקהן קומענדיק פלעגן מיר שוין ביידע שווייגן... א שרעקלעכער שווייגן... אַ שוידערלעכער שווייגן...

און איינמאָל בין איך געקומען אין שפּיטאָל ארום דריי אין מיטן נאכט. ערשט איך געפין נישט טייבעלעס בעטל. איך גיי אַריין צו דער קראַנקן שוועסטער פרעגן וועגן דעם און זי גיט מיר איבער די שרעקלעכע ידיעה, אַז טייבעלע איז מיט צוויי שעה פריער געשטאָרבן און מען האָט איר אַראָפּגעטראָגן אונטן. איך האָב זיי גאָרנישט נישט געזאָגט און בין אַוועקגעגאַנגען. גיין צו רבקהן מיט דער שרעקלעכער נייעס האָב איך נישט געוואָלט. און איך בין אַוועק איבער די האַרלעמער גאַסן. איך האָב נישט געוווסט פאַרוואָס איך גיי, וווהין איך גיי. איך בין געגאַנגען גאָרנישט נישט זעענדיק, גאָר נישט נישט באַגרייפנדיק און דוכט זיך מיר וועגן גאָרנישט נישט טראַכטנדיק, אָבער מיט זייער אַ שווערער משא אין קאָפּ און אין האַרצן. אָט אַזוי מוזן מענטשן גיין זייער לעצטן גאַנג... און אַזוי בין איך געגאַנגען אַ שיינע פּאָר שעה און ווען איך בין געקומען צו רבקהן, האָב איך איר גאָרנישט געזאָגט. נאָר אָן מיין אויסזען האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט נישט געוויינט, זיך נישט געריסן די האָר, נישט געפאַלן אין חלשות און נישט געוואָרן היסטעריש. קענטיק זי איז אין גאַנצן פאַרשטיינערט געוואָרן.

צו דער לויה זענען געקומען אַ מאָסע קרובים און ווען רבקה האָט אויפגעדעקט דעם צודעק איבער טייבעלען האָט זי געחלשט און אנידערגעפאַלן. און דאָ האָב איך באַמערקט, ווי מיין טייערער דר' פיש איז צו איר צוגעלאָפן איר גענומען אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן. איך בין די גאַנצע צייט געווען פאַרשטיינערט, אַפילו נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, האָב אַ קנאַפּן באַגריף געהאַט, וואָס דאָ ווערט געטאָן, וואָס דאָ קומט פאָר. האָב אפילו נישט געקענט וויינען. איך האָב געהערט עפּעס אַ טומל, אָבער נישט געוווסט וואָס און ווען. אפילו ווען רבקה האָט געחלשט בין איך צו איר נישט צוגעקומען. ווי אַן אויטאָמאַט בין איך געשטאַנען,

רבקה גאלין און איר טאָכטער טייבעלע

געקוקט און נישט געוווסט, וואָס איך זע. מען האָט מיך צוגעפירט צו אַ טעק־סי, מיך אריינגעזעצט, איך בין געפאָרן, ערגעץ א סך געפאָר, ווייט געפאָרן, מענטשן זענען געזעסן מיט מיר, אָבער איך האָב נישט געוווסט ווער עס זיצט מיט מיר. און ווען איך בין אראָפּ פון דער טעקסי און מען האָט מיך ערגעץ געפירט, האָב איך עפּעס טעמפּ דערזען, אַז איך בין אויף אַ בית עולם...

אין אָוונט, אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. איך האָב אויפן טיש געפונען אַ צעטעלע און זיך דערוווסט, אַז רבקה אין באַגלייטונג פון דר׳ פיש איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין ליבערטי. איך האָב זיך גלייך אריינגעוואָרפן אין בעט און זיך שטאַרק פאַרנאנדער־געוויינט.

אין א פּאָר חדשים שפּעטער איז רבקהלע געקומען צו מיר צו גאַסט. מיר האָבן וועגן דעם אומגליק נישט גערעדט. אַפילו אַ וואָרט נישט דער־מאָנט.

גרינגער איז אונדז געוואָרן, ווען עס זענען געקומען געסט פון מיין משפחה און אירע ברידער און שוועסטער. אַ זייגער צען זענען זיי אַוועק און מיר זענען געגאַנגען שלאָפן. א זייגער פיר אין דער פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. נאָר איך האָב עפּעס מאָדנע געפילט: עפּעס איז דער קאָפּ פאַרשטאָפּט, מיין קערפּער איז שווער און פול מיט עפּעס נישט אנגענעמס. איך פּרוביר אראָפּגיין פון בעט — עס איז מיר זייער שווער דאָס צו טאָן, און אז איך בין מיט מאַטערנישן יאָ אראָפּ פון בעט, האָב איך כמעט נישט געקענט גיין אויף מיינע פיס. עס האָט מיך געאיבלט, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט און די גאַנצע שטוב האָט זיך געדרייט מיט מיר. דאָך בין איך אַריין צו דער פרוי, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט אונדז און איר וועגן דעם דערציילט. זי איז אויף גיך אריינגעלאָפן אין אונדזער שלאָף צימער און ווי זי איז נאָר אריין, האָט זי אויסגעשריען: דער גאַנצער צימער איז אָנגעפילט מיט גאַז. זי האָט פאַרדרייט די גאַז רערן, אויפגעעפנט די פענצ־טער, גענומען וועקן רבקהן — ערשט זי קען איר נישט דערוועקן. איז זי אַוועקגעלאָפן נאָך אַ דאָקטאָר. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט זיך געעסקנט מיט רבקהן, האָב איך אויסגעבראָכן, מיר דוכט אַלץ, וואָס איך האָב געגעסן פאַר די לעצטע טעג און גלייך זיך דערפילט בעסער און האָב שוין פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען.

דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט גאַנצע דריי שעה געאַרבעט אי־בער רבקהן און צום סוף איר געראַטעוועט.

אין אייניקע טעג שפּעטער האָב איך געהאַט וועגן דעם זייער א קורצן געשפּרעך מיט איר און איך האָב איר געזאָגט. ניין רבקה, איך פאַרשטיי, וואָס דו לעבסט איבער, איך פאַרשטיי, אַז נאָך דעם אַלעמען איז דיר שווער

צו לעבן. אַפילו אין אַזאַ לאַגע האָסטו נישט קיין רעכט אונדז ביידן צו טויטן. מיר איז אויך שווער. איך פיל זיך אויך אומגליקלעך, נאָר מיר וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאלן טאָן אַזאַ זאַך. איך בין נישט קיין באַלעבאָס אויף דיין לעבן. מיר זענען נאָך ביידע יונג. דו ביזט ערשט 34 יאָר. דו קענסט נאָך אַ סך שאַפן. דו שרייבסט פאַר קינדער. זאָלן די אַלע קינדער ווערן דיינע קינדער און זעץ פאָר דיין שאפן פאר זיי. אפשר וועסטו אין דעם כאַטש טיילווייז דיין טרייסט געפינען און אַ נייע וועלט וועט זיך פאַר דיר עפענען פול מיט אינטערעס. זאָג מיר צו, רבקהלע, אַז דו וועסט דאָס מער קיינמאָל נישט טאָן.

זי האָט מיר צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט...

מיר האָבן כמעט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן טייבעלען, אַפילו קיינמאָל נישט דערמאָנט איר נאָמען: מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט צורירן זיך צו אונדזער שרעקלעכן וווּנד אין האַרצן. נאָר דער טויט פון אונדזער איינציק קינד האָט שוין אונדז ביידן צובראָכן. און רבקהלע איז שוין קיינמאָל נישט געקומען צו זיך. צו אומרחמנותדיק איז געווען דער קלאַפּ פאַר איר און צו שטאַרק האָט זי איר איין איינציק קינד ליב געהאַט. איר פּיזישער צושטאַנד איז געוואָרן ערגער און ערגער. פון דעמאָלט אָן איז זי שוין יעדן יאָר געווען מער אין סאַנאַטאָריום, אָדער אין די בערג, ווי ביי זיך אין דערהיים. זי האָט זיך פאַר קיין פאַל נישט געקענט צוגעווינען צום געדאַנק, אַז טייבעלע איז טאַקע געשטאָרבן. ביי איר האָט זי געלעבט. און זי פלעגט רעדן צו איר, איר לאַשטשען, איר זען אין חלום און וואַכנדיק... און אויפכאַפּנדיק זיך פון אירע אילוזיעס, זעונגען, פלעגט זי זיך אַליין דערשרעקן פאַר זיך און האָט נישט אַרויסווייזנדיק קיין סמנים פון אירע שוידערלעכע איבערלעבונגען, געליטן אויפן העכסטן גראַד. און אַזוי געליטן גאַנצע צען יאָר. איר קרענק, וואָס איז געווען אָפּגעשטעלט, איז צוליב אירע שוידערלעכע איבערלעבונגען געוואָרן צוריק אַקטיוו און זי האָט שוין אָן א סאַנאַטאָריום און אָן אַ דאָקטאָר זיך נישט געקענט באַגיין. און גראַדע דעמאָלסט האָט זי געשאַפן מער ווי אַלעמאָל. כמעט אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן אירע קינדער לידער. דעמאָלט האָט זי נישט געהאַט קיין אַנדער אַרבעט אויסער אירע לידער. און ווען איך פלעג קומען צו איר צו גאַסט, וואָס עס איז געווען איר גרעסטע פרייד אין איר טראַגישן לעבן, פלעג איך אַלע מאָל זען פאַר זיך דאָס בילד, ווי זי ליגט אין בעט, איבערן בעט איז געשטאַנען איר אַרבעטס טישל, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעוואָרפן אירע קינדער־לידער און זי האָט איבער זיי געאַרבעט. און אַט אין דעם צושטאַנד האָט זי געשאַפן אירע פריידיקע, שפּילעוודיקע און טרויעריקע קינדער־לידער.

מיינע פינף שוועסטער אין אמעריקע. פון רעכטס צו לינקס: העלענע, שפרה, טייבקע, בערטע
און סאָניע.

קאַפּיטל 58

דער קאַמף צווישן רעכטע און לינקע אין די אַרבעטער רינג שולן

נאָך דער בראָנזוויקער שול האָט מיך דער אַרבעטער רינג בילדונגס קאָמיטעט געגעבן אַ שול אין ברוקלין, וועלכע איך וואָלט נישט באַדאַרפט אָננעמען, ווייל די פאַרוואַלטונג פון דער שול איז געווען א קעמפנדע לינקיסטישע, און דער לערער האָט צוליב דעם פאַרלאָזן די שול און זייענדיק אַ „פערסאָנאַ גראַטאַ" אין בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג, האָט ער זיך גענומען אַ שול, וואָס איז געווען הונדערט פראָצענט אַרבעטער רינגיש און דער זעלבער לערער האָט געזען, אַז איך זאָל קריגן זיין פריערדיקע שול. איך האָב פון דער פּאָליטיק אין ניו יאָרק קיין אנונג נישט געהאַט און האָב אָנגענומען די שול. אין גרונט גענומען בין איך דאַן אויף קיין צד נישט געשטאַנען. איך האָב זיך נישט אידענטיפיצירט נישט מיט די רעכטע און נישט מיט די לינקע. זייענדיק אַ לינקער פּועלי ציוניסט האָב איך געוואָלט געבן די קינדער אַ נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע דערציונג, אָדער בעסער געזאָגט אַ ציוניסטיש סאָציאַליסטישע דערציונג און אזוי האָב איך טאַקע געטאָן אין מיינע שולן פון אַרבעטער רינג. איך בין דאַן געווען דער פּאַרטיי סעקרעטאַר. דער שולן קאָמיטעט האָט פון דעם געוווסט און ער האָט מיר קיינמאָל פאַר דעם נישט אויסגערעדט. פון טשאַטאַנוגאַ האָב איך אַפילו וועגן דעם געשריבן צום בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. אין זייער ענטפער האָבן זיי מיר קיין פאָרוורף נישט געמאַכט. און איך בין אָנגעגאַנגען מיט מיין אַרבעט אין די אַלע אַרבעטער רינג שולן, ווו איך בין געווען דער לערער. אַזעלכע לערער ווי איך, איז דאַן געווען אין די אַרבעטער רינג שולן אַ גרויסע צאָל, ווי אָסטראָווסקי, הגלילי, מענדלסאָן, ברינקער, ראָסי, אָברינסקי, קודלאָוויטש און אנד. און קיינער האָט זיי נישט געשטערט אין זייער אַרבעט און אַפילו טעטיקייט. אָבער ביי די לינקע לערער און פאַרוואַלטונגען איז שוין גראַדע יאָ געווען אַ קאָנטראָל און די פאַרוואַלטונגען האָבן מיט טויזנטער אויגן אָפּגעהיט די טעטיקייט פון די לערער. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָב איך געוואָלט האָבן אַ שול מיט נישט קיין לינקער פאַרוואַלטונג, נאָר אַ ריין אַרבעטער רינג שול. און דאָ

זוי צו להכעיס האָב איך געקראָגן א שול מיט אַ לינקער פאַרוואַלטונג. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע צרות. דערוויַיל האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף אויף לעבן אָדער טויט צווישן די רעכטע און לינקע. די זיצונגען פון דער הויפּט פאַרוואַלטונג פון די אַרבעטער רינג שולן זענען געוואָרן סקאַנדאַליעזע. פון אָנהויב ביזן סוף פון די זיצונגען קעגנזייטיקע זידלע־רייען, אָנפאַלן, באַשולדיקונגען, סטראַשונקעס, און עס פלעגט אמאָל דער־גיין ביז פיזישער פאַרמעסטונג. נאָך ערגער איז געווען אויף די זיצונגען פון די לערער, אויף וועלכע די לינקע זענען געווען אין דער מערהייט און זיי האָבן געבאַלעבאַטעוועט מיט א שטאַרקער האַנט. דאָרטן פלעגן די כלומרשטע „נישט קאָמוניסטן" דורכפירן די אָרדערס פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי...

און ביי דורכפירן די „פריקאַזן" האָבן זיי זיך מיט קיינעם נישט און מיט גאָרנישט נישט גערעכנט נישט מיטן אמת און נישט מיט גערעכטי־קייט. און עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז זיי פלעגן פאַרשרייען די קעג־נער, זידלען זיי, אויסטראַכטן בלבולים, האַקן ליגנס און אָפט פלעגן פאָר־קומען געשלעגן. די טאַקטיק פון די לינקע לערער האָט מיך פשוט געעקלט און איך האָב פאַרלאָרן יעדן רעספּעקט צו זיי.

און דער סוף פון דעם קאַמף איז געווען דער, וואָס די לינקע האָבן פון די ניו יאָרקער 24 אַרבעטער רינג שולן פאַרכאַפּט גאַנצע זיבעצן און בלויז זיבן שולן זענען פאַרבליבן מיטן אַרבעטער רינג. מיין שול איז צו מיין באַדויערן אויך איבערגעגאַנגען צו די לינקע. דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1922. די לינקע האָבן אויך פאַרכאַפּט די מיטל שול און די שול הויז אויף דער 103־טע גאַס, וווּ עס האָט געלערנט צו יענער צייט חבר בראַמ־בערג. מיר געדענקט זיך זייער גוט יענער פרימאָרגן, ווען די שול איז פאַר־כאַפּט געוואָרן. א צאָל לערער און פאַרוואַלטער האָבן יענע נאַכט געשלאָפן אין דער שול געביידע — דער איינציקער בנין, וואָס האָט באַלאַנגט דעם אַרבעטער רינג און פון וועלכער די אַלע עטאַזשן און צימערן האָבן גע־דינט אויסשליסלעך דער שול אַרבעט. איך בין געקומען אַרום אַכט אַ זייגער אין דער פרי. איך האָב געטראָפן די לערער און פאַרוואַלטער שוין אָנגע־טאָנענע און אָפּגעגעסענע. זיי האָבן דערוואַרט דעם אָנפאַל פון די לינקע. לאַנג וואַרטן האָבן מיר נישט געדאַרפט. אין גיכן איז אָנגעקומען א גרוי־סער טראָק מיט די פאַרכאַפּער, צווישן וועלכע איך האָב דערזען אַ סך לינ־קע לערער, פאַרוואַלטער, דערקענט די קאָמוניסטישע בויאַנעס און שלע־גער, וועלכע האָבן קיין מאָל קיין אָנטייל אין דער דערציִונג פון אונדזער יוגנט נישט גענומען, נאָר זענען פשוט געקומען ארויסהעלפן די לינקע אין

דער פאַרכאַפּונג פון דער שול. גלייך ווי דער טראָק האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער שול געביידע, זענען זיי אַלע אראָפּגעשפּרונגען פון טראָק און באַוואָפנט מיט שטעקענער, שטיקער האָלץ, אייזנס האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אין דער געביידע, געשלאָגן יעדן איינעם, וועלכער האָט געוואָלט מיט זיי אויסטענהן זיך אָדער האָט זיך קעגנגעשטעלט. האָבן דורכגעפירט אַ פּאָגראָם אין די אַלע שול צימערן פון דער געביידע, און האָבן אַלעמען אַרויסגעטריבן. און די שול איז שוין זייערע. די פאַרכאַפּער האָבן איבערגעלאָזן אַ שטאַרקע וואַך און די מערהייט האָט פאַרלאָזט די געביידע. פאַרשטייט זיך, אַז דעם לערער פון דער שול בראָמבערגן האָבן זיי אין שול נישט אַריינגעלאָזן. האָט ער באַשלאָסן צו לערנען מיט זיינע קינדער אין הויף פון דער שול. זענען די שלעגער אָנגעפאלן אויף אים מיט די קינדער און פאַרכאַפּט אויך דעם הויף. די 17 שולן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט אונטערן נאָמען: „אומפּאַרטייאישע יידישע קינדער שולן". די אַלע לערער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די שולן, זענען אויסער אייניקע פאַרבליבן אין די שולן, כאָטש זיי זענען נישט געווען איינשטימיק מיט דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם. איך בין אויך פאַרבליבן מיט די שולן, כאָטש איך בין געווען מיט דעם אומצופרידן. גאַנצע דריי יאָר זענען מיר, די אומצופרידענע לערער, אָנגעגאַנגען מיט אונדזער אַרבעט אין די שולן. מיר געדענקען זיך אייניקע עפּיזאָדן, וואָס האָבן מיך אויפגערייצט אויפן העכסטן גראַד. איך פלעג אַלע טאָג קויפן אַלע יידישע צייטונגען, וועלכע איך פלעג אַלע מאָל נעמען אין שול און אין מיין פרייער צייט פלעג איך אין זיי אַריינקוקן. איינמאָל, ווען איך בין נישט געווען אין שול, זענען געקומען די פאַרוואַלטער און זיי האָבן צו זייער שוידער אויף מיין טיש געפונען דעם „טאָג", דעם „פאָרווערטס" דעם טאגעבלאט" און דעם „מאָרגן זשורנאַל". דעם סקאַנדאַל אַז אַ „פאָרווערטס" זאָל זיך געפינען אין זייערער אַ שול, האָט זיי אויף אַזוי פיל אויפגעבראַכט, אַז זיי האָבן דורכגעפירט אַן עפנטלעכן אויטאָ דא פע: זיי האָבן אים פאַרברענט. זייער שטאַרק האָט זיי שאָקירט, וואָס אין מיינע שולן הענגט אַלעמאָל באַראָכאָווס פּאָרטרעט צוזאַמען מיט די פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס, לענין, טראָצקי, און איינמאָל האָבן די בראָנקסער „חברים" פון מיין געגנט געהאַט אַ זיצונג אין מיין שול און איך בין, פאַרשטייט זיך, אויף דער זיצונג נישט געווען, און זיי האָבן דעם חלול השם נישט איבערגעטראָגן און איינע אַ לערערין האָט אראָפּגענומען דאָס בילד און איר באַהאַלטן אין וואַנע צימער. אויף מאָרגן האָב איך זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש. אַ זייגער זעקס, ווען איך האָב געענדיקט לערנען מיטן מיטעלן קלאַס, האָב איך געבעטן דעם קלאַס

פאַרבלייבן און אריינגערופן דעם דריטן קלאַס און פאַר די אַלע עלטערע קינדער האָב איך אויפגעהאַנגען באַראַכאָווס בילד אויפן וואַנט און גע־האַלטן אַ רעדע וועגן באַראַכאָוון, זיין לעבן, זיינע אויפטואונגען און זיין קוק אויפן יידישן אַרבעטער לעבן. אין די קלאַסן האָב איך זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט די אָנווייזונגען פון די העכערע אינסטאַנצן. איך האָב פאַר־געזעצט מיין לערנען אין מיין גייסט, אַ סך צייט אָפּגעגעבן דער יידישער גע־שיכטע, יידישע לעגענדן, יידישע מאָראל און עטיק. אָבער דאָס מוז איך צוגעבן. די העכערע אינסטאַנצן האָבן פון דעם געוווּסט, נאָר זיי האָבן מיר קיינמאָל פאַר דעם נישט אויסגערעדט.

אָבער דער קאַמף האָט זיך פאַרשאַרפט אויף די זיצונגען פון די לע־רער און פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. דער קאַמף איז געווען אַן אידייאישער, אַרום דער פּראָגראַם פון די שולן. מיר האָבן געהאַלטן אַז אונדזער פּראָגראַם דאַרף זיין אין גייסט פון באַקאַנען אונדזערע קינדער מיט אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן און איינפלאַנצן אַ ליבע צום סאָציאַליס־טישן אידעאַל. די קאָמוניסטן זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אונ־דזער שול דאַרף זיין אַ קלאַסן שול, מיר מוזן די קינדער געבן אַ פּראָלע־טאַרישע דערציונג סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש. פאַרבינדן אונדזערע קינדער מיט די קינדער פּיאָנערן, אַריינציען די קינדער אין דעם דירעקטן קלאַסן קאַמף און אין דירעקטן פּאָליטישן קאַמף.

אין 1929 איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אומפּאַרטייאישע שולן אין אַמעריקע. צום צוזאַמענפאָר זענען געקומען פאָרשטייער פון נאָ־ענט צו 80 שולן איבערן לאַנד. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין קעמפּ „קינדערלאַנד", וואָס די קאָמוניסטן האָבן פאַרכאַפּט פון אַרבעטער רינג. מיר האָבן געדאַרפט פאַרהאַנדלען די נייע פּאַרטייאיש קאָמוניסטישע ליניע אין אונדזערע שולן, ווי צו מאַכן אונדזערע קינדער קלאַסן־באַוווּסט־זיניק און קאַמפּס־פעיק, צוגרייטן זיי צום קלאַסן קאַמף, ווי אָנצופירן אַן אַנטירעליגיעזע טעטיקייט, קאַמף קעגן די יידישע יום־טובים. גוטע באַ־קאַנטשאַפט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, פייערן די רוסישע רעוואָלוציע, מען דאַרף באַקאַנען די קינדער מיט לענינען, ליבקנעכטן, לוקסענבורג, קאַרל מאַרקס, מיט דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. וועגן דער לאַגע פון יידן אויף דער וועלט. וועגן יידישער געשיכטע איז אפילו אַ וואָרט נישטאָ, יידישע ליטעראַטור בלויז אויפן שפּיץ פון מעסער און אויך בלויז די קאָמוניסטישע. וועגן יידישע ליידן, יידישע שטרעבונגען נישט קיין וואָרט. ארץ ישראל איז טאַבו. און אויב אימיצער איז נישט איינשטימיק מיט דער

אידיאָטישער פּראָגראַם איז ער נישט אַנדערש װי אַ פאַשיסט, אַ קאָנטר־רעװאָלוציאָנער...

דער צוזאַמענפאַר איז געװען אַ הייסער, אַ קעמפערישער. דער קאָ־מוניסטישער פליגל איז געװען אין דער איבערװעגנדער מערהייט און האָט אין אַלע פּונקטן געװונען און מיר, די נישטיקע מינדערהייט, האָבן פאַרלאָרן. עס איז אָנגענומען געװאָרן די פאַרגעשלאָגענע פּראָגראַם און מיר פאַר־שטייט זיך האָבן פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאַר. גראַד אויף אונדזער זייט זע־נען פאַרבליבן די בעסטע לערער און אינטעליגענטסטע פאַרװאַלטער. מיט אונדז זענען אַװעק ה. נאָװאַק, בראָמבערג, יעקב לעװין און אַנדערע. מיט אונדזער אַװעקגיין האָבן זיך די קאָמוניסטישע לערער און פאַרװאַלטער דער־פילט פרייער מיטן אָנגיין אין זייערע שולן מיט זייער אָנגענומענער פּראָ־גראַם און דורכפירן זייער ליניע. אָבער איצט, 18 יאָר נאָך דעם צוזאַמענ־פאַר האָבן זיי זיך שוין געװויס איבערצייגט, אַז גערעכט זענען געװען מיר און נישט זיי, װייל פון דער אָנגענומענער פּראָגראַם און ליניע איז היינט צו טאָג קיין זכר נישט געבליבן פון דער פּראָגראַם און זיי לערנען אין זייע־רע שולן אַלץ, װאָס עס װערט געלערנט אין אַלע איבעריקע שולן און זיי זע־נען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו פאַראייניקן זיך אין איין קערפערשאַפט מיט די אַלע טיפּן שולן פאַר געמיינזאַמער טעטיקייט...

די אַװעקגעגאַנגענע פונעם צוזאַמענפאַר לערער און פאַרװאַלטער האָבן נאָך זייער פאַרלאָזן די קאָמוניסטן געגרינדעט אייגענע טאָקע באמת אומ־פּאַרטייאישע שולן, װעלכע האָבן עקזיסטירט אייניקע יאָר, האָבן געגרינ־דעט אַ נייעם קעמפּ „נייװעלט", װעלכער עקזיסטירט נאָך ביז היינטיקן טאָג. נאָר איך האָב אין גאַנצן פאַרלאָזן די „פרעמדע" שולן און בין אַװעק־געפאָרן אין שיקאַגאָ, לויט דער אויפפאָדערונג פון מיין פאַרטיי, צו גרינדן דאָרט צוזאַמען מיט די שיקאַגער חברים אַ נייעם טיפּ שול — די באָראָ־כאָװ שול.

ק אַ פ י ט ל 59

די ערשטע באַראַכאָוו שול

ווען איך האָב געקראָגן דעם אויפטראָג פון מיין פאַרטיי לינקע פועלי־ציון צו פאָרן אין שיקאַגאָ און דאָרטן גרינדן א באָראָכאָוו שול איז דאָס געווען פאַר מיר שוין איינמאָל א גרויסע פרייד. איך האָב גאנצע צען יאָר געחלומט וועגן דעם, און מיין טרוים איז צום סוף פאַרווירקלעכט געוואָרן. געגנוג זיך שוין גייסטיק אָנגעליטן אין די פרעמדע שולן מיט מיטאַרבעטער, וועלכע זענען פרעמד צו מיינע אידעאַלן, צו מיינע שטרעבונגען, צו מיינע באַגריפן וועגן דערציונג פון אונדזער יוגנט. אמת איז, אַז איך האָב געלערנט אַלע מאָל די קינדער אין מיין גייסט, אין איינקלאנג מיט מיינע אידעאַלן, מיט מיינע באַגריפן, אָבער דאָס איז דאָך געווען ווי א מין קאָנטרעבאנדע. און איניקע פאַרוואַלטער פון געגנאָסישן טיפ האָבן מיר אַפילו אויסגעדריקט זייער אומצופרידנהייט מיט דעם. ביי אַזאַ לאַגע האָט קיינמאָל נישט געקענט זיין קיין האַרמאָניע ביי מיר מיט מיינע ארויסהעלפער און פאַרוואַלטונגען. און איך האָב זיך אַלעמאָל געפילט ווי א פרעמדער צווישן זיי... און איצט וועל איך צום סוף אָנהויבן אַרבעטן, אַקערן און זייען אויף מיין אייגן פעלד, אין מיין אייגן שול — אין דער באָראָכאָוו שול. איך האָב זיך געפילט גליקלעך און עס האָט לאַנג נישט גענומען און איך בין אַוועקגעפאָרן אין שיקאַגאָ, ווו די חברים האָבן מיט אומגעדולד אויף מיר געוואַרט. אונדזער באַגעגעניש איז געווען אַ האַרציקע, א חברישע. פאַר די חברים מיינע, וועלכע האָבן שוין געהאַט קינדער אין שול עלטער, איז דער פאַקט אַליין, אַז זיי וועלן האָבן זייערע קינדער אין אונדזער באָראָכאָוו שול, געווען גאָר אַ גרויסער יום־טוב און זיי האָבן זיך מיט לייב און לעבן אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו העלפן גרינדן די שול. נישט באָר זיי, נאָר אַלע פאַרטיי חברים און אַפילו סימפאַטיקער האָבן זיך מיט באַגייסטערונג אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. קיין לאָקאַל פאַר דער שול האָבן מיר נישט געדאַרפט זוכן. מיר האָבן געהאט אן אייגענעם לאָקאַל, אונדזער פאַרטיי צענטער, וועלכער איז געווען אן אידעאַלער לאָקאל פאר א שול. מיר האָבן איינגעקויפט די אַלע נויטיקע מכשירים און דעם גאַנצן אינווענטאר, קלאסן בענקלעך און טישלעך, איינגעקויפט אַ סך בילדער, זיי אויפגעהאָנגען אויף די

װענט און פֿאַרשטײט זיך, אַז דעם ערן פּלאַץ האָט געקראָגן אונדזער פֿאַר־שטאָרבענער לערער, טעאָרעטיקער פֿון פּועלי ציוניזם, אונדזער שפּראַך־פֿאָרשער, בער באָראָכאָװ.

צו דער דערעפֿענונג פֿון דער ערשטער באָראָכאָװ שול איז אַראַנזשירט געװאָרן אַ גרױסאַרטיקער באַנקעט אױף װעלכן עס איז געשאַפֿן געװאָרן אַ גרױסע סומע געלט פֿאַר דער שול. אױף דעם באַנקעט האָבן מיר פֿאַרשריבן די קינדער, װעלכע װעלן באַזוכן די שול.

דעם קומענדן זונטיק האָבן זיך אַלע חברים און חברטעס אַ לאָז געטאָן איבער דעם געגנט, װו די שול געפֿינט זיך, צו פֿאַרשרײַבן און ברענגען נײַע קינדער און די רעזולטאַטן זענען געװען גלענצנדע. דעם 15־טן פֿעברואַר 1932 איז די ערשטע באָראָכאָװ שול דערעפֿנט געװאָרן. ביז יענער צײַט האָבן אונדזערע חברים אין די שטאַטן און קאַנאַדע מיטגעהאָלפֿן אין דעם אױפֿבױ און אױפֿהאַלטונג פֿון אַ גאַנצער רײ ייִדיש סאָציאַליסטישע שולן און פֿון דעם 15־טן פֿעברואַר זענען מיר צוגעטראָטן צו בױען אַן אײגענע נעץ פֿון שול־אַנשטאַלטן.

עס איז פֿאַרשטאַנען געװאָרן אַז אין אונדזערע שולן װעלן מיר לער־נען: ייִדיש רעדן, לײענען און שרײַבן, ייִדישע געשיכטע, ייִדישע ליטעראַ־טור, ייִדישע און אַלגעמײנע אַרבעטער באַװעגונג, שמועסן איבער געזעל־שאַפֿטלעכע פֿראַגן, געזאַנג, טענץ. באַזונדער אױפֿמערקזאַמקײט װערט גע־לײגט אױף דעם לעבן און קאַמף פֿון די ייִדישע מאַסן אין ארץ ישראל — דאָס לאַנד, װו עס װערט געשאַפֿן דער ייִדישער טעריטאָריאַלער אַרבעטער־צענטער. עס איז מיר געװען אַ גרױס פֿאַרגעניגן צו לערנען אין דער שול. די פֿאַרװאַלטער זענען מײַנע יאָרן לאַנגע חברים און זענען איבער־געגעבן דער שול מיט לײַב און לעבן. איך האָב זיך מיט זײ פֿאַרשטאַנען אױפֿן װוּנק און מיר האָבן קײנמאָל נישט געהאַט קײן פּאַרדרוס, צװיסטיקײטן, אָדער אַן איבעררײד, פֿאַרקערט גאָר, איך האָב אַלעמאָל עפּעס געהאַט דעם געפֿיל, אַז זײ טוען פֿאַר דער שול און פֿאַר מיר פּערזענלעך צופֿיל, ספּע־ציעל מוז איך דאָ דערמאָנען די חברים אָדערבערג, קראַוז, די משפּחה סלאָ־באָדקין, די מאָשקאָװיטשעס, משפּחה האָלענדער — שײנע מענטשן, ברײ־ליאַנטענע כאַראַקטערן בײַ װעלכע די שול איז געװען אַ באַדײטנדער טײל פֿון זײער לעבן און װעלכער זײ האָבן אָװעקגעגעבן זײער גאַנצע פֿרײַע צײַט.

אין גיכן האָבן מיר געגרינדעט דעם באָראָכאָװ לײען קרײַז — אַ פּרויען געזעלשאַפֿט פֿון אונדזערע חברות און פּרויען סימפּאַטיקער, װעל־כער האָט אונדז שטאַרק אַרױסגעהאָלפֿן אין דער שול און פּאַרטײ אַרבעט. איך בין געװען טעטיק אין דעם קרײַז און איך האָב שטאַרק באַװונדערט

דעם הויכן סטאַנדאַרד אינטעליגענץ, וועלכע אונדזערע חברטעס האָבן באַזעסן. אין דעם קרייז האָבן זיך אויסגעצייכנט די צוויי שוועסטער סלוצקי און רחל סלאָבאָדקין.

אָפּגעלערנט א דריי פיר חדשים האָט זיך מיר פאַרוואָלט דורכפירן א קינדער פאָרשטעלונג מיט די קינדער פון מיין שול. איך האָב אויסגעשריבן פון ניו יאָרק אַ גרויסע צאָל קינדער פּיעסן. נאָר קיין איינע פון זיי איז מיר נישט געפעלן געוואָרן. כ'האָב געשריבן צו אייניקע ליטעראַטן, וואָס האָבן געשריבן פּיעסן פאַר קינדער מיט דער אָנפראַגע צי האָבן זיי א פאַסיקע פּיעסע פאַר מיין שול. די ענטפערס זענען געווען — ניין. דאַן האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ צען יאָר צוריק האָב איך אָפּגעדרוקט אין „דאָס פאָלק" א דערציילונג אונטער'ן נאָמען: „דער קינדער סטרייק" און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך זאָל די דערציילונג דראַמאַטיזירן. צוויי וואָכן האָב איך אויף דעם געאַרבעט און באַשאַפן א קינדער דראַמע אָדער בעסער געזאָגט קאָמעדיע אין צוויי אַקטן אונטערן נאָמען „דער קינדער סטרייק". און דאַן האָב איך באַשלאָסן די פּיעסע דורכפירן מיט מיינע שול קינדער. די ערשטע צייט האָב איך דיריגירט אַליין. דערנאָך האָט מיר אָנגעהויבן אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט די יונגע חברטע באַשע סלאָבאָדקין, וועלכע האָט דערנאָך צוגעצויגן דעם באוווסטן זינגער־פּאָעט און אַקטיאָר חיים טויבער. ער האָט אין דער פּיעסע געמאַכט אייניקע סצענישע אויסבעסערונגען און עס איז אַוועק אַ גאַנג. ווען די פּופּצן אנטיילנעמענדע קינדער האָבן גוט געקענט די ראָלן און געוווסט ווי זיי דורכצופירן, האָבן מיר גענומען א גרויסן זאַל, באַשטימט דעם טאָג פון דער שפּיל, געמאַכט אייניקע פּראָבעס מיט די קינדער אין זאַל, אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט בילעטן און מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט אויפן טאָג פון דער פאָרשטעלונג. און דער געגאַרטער טאָג איז געקומען. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט. און די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. און וואָס מער מען האָט געשפּילט אַלץ מער איז דער גרויסער עולם באַגייסטערט געוואָרן אי פון דעם סיוזשעט פון דער קאָמעדיע, און אי פון די קינדער אַקטיאָרן. די פאָרשטעלונג איז דורך גלענצנד צו דער העכסטער צופרידנהייט פון אַלע אונדזערע חברים און סימפּאַטיקער. און די פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אַ רושם. די יידישע שיקאַגאָ האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן דער שפּיל. אין א וואָך שפּעטער איז צו מיר געקומען דער באוווסטער יידישער בראָדקעסטער מר' עלענהאָרן און מיר פאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אין די קומענדע צוויי שבתים דורכפירן די שפּיל אויף דער יידישער ראַדיאָ שטונדע אין שיקאַגאָ. איך האָב איינגעשטימט מיטן באַדינג, אַז מען זאָל ברענגען אין דער סטודיאָ און פון דער

סטודיאָ די קינדער אהיים מיט אויטאָמאָבילן. ער האָט אויף דעם איינגע־שטימט און צוויי שבתים איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיינע קינדער דורכ־געפירט דורכן ראַדיאָ מיין „קינדער סטרייק". און די ראַדיאָ צוהערער האָבן זיך מיט באַגייסטערונג אָפּגערופן אי וועגן דער פּיעסע און אי וועגן דער דורכפירונג.

דאָן האָב איך באשלאָסן ארויסגעבן די פּיעסע אין א ביכל פאָרם. צו הילף זענען מיר געקומען י. מ. שטיין און משה צעשינסקי פון שיקאַגאָ. דער „קינדער סטרייק" איז געווען מיין ערשטער ביכל, וואָס איך האָב ארויס־געגעבן. געדרוקט האָב איך אים אין 1500 עקזעמפּלארן און אלע זענען אויס־פאַרקויפט געוואָרן. מען האָט די פּיעסע איבער אמעריקע אויך געשפּילט אין פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד און פּוילן דורך קינדער פון די יידישע וועלטלעכע שולן פון אַלע טיפּן.

אין דעם יאָר, וואָס איך בין געווען אין שיקאַגאָ, איז דאָרט געווען א גרויסע וועלט אויסשטעלונג. ביי מיר איז דאָס געווען שוין גאָר א גרויסע אטראַקציע. ווען נאָר איך האָב געהאט צייט פלעג איך גיין צו דער אויס־שטעלונג. און עס איז טאקע געווען וואָס צו זען און וואָס צו לערנען. יעדע אָפּטיילונג איז פאַר מיר געווען פון גרויס אינטערעס. איך פלעג קענען פאַר־ברענגען אין אן אָפּטיילונג אַ גאַנצן טאָג און יעדע זאך באַטראַכטן און לייענען די ליטעראַטור וועגן דעם. פאַר די 18 יאָר, זינט דער פּאַנאַמעריקא־נישער פּאַסיפישער אויסשטעלונג, האָט די וועלט ווייט אַ שפּרונג געטאָן אין טעכניק, וויסנשאַפט, אַנטדעקונגען און עס איז געווען פאַר מיר זייער אינטע־רעסאנט אויסמעסטן די דערגרייכונגען.

חבר שערמאַנען פון שיקאַגאָ האָב איך ווייניק וואָס געזען. ער איז דאָן געוואָרן דער סעקרעטאַר פון אונדזער פאַרטיי און האָט זיך באזעצט אין ניו יאָרק. אין שיקאַגאָ פלעגט ער זעלטן קומען און אַז ער איז שוין יאָ געקומען פלעגט ער ווייניק דאָרט פאַרברענגען. ווען איך בין געקומען אין שיקאַגאָ איז ער נאָך דאָרט געווען א קורצע צייט און ער האָט מיר ארויס־געוויזן אַ סך גאַסטפרײַנטלעכקייט. און איינמאָל איז ער געקומען אין שי־קאַגאָ און מיר דערציילט, אז חבר פּאָול גאָלדמאַן, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק אָוועק פון דער פאַרטיי צוליב דעם, וואָס ער איז אַנגעקומען אין אוניווערזיטעט אויף לערנען זיך פאַר אן אדוואָקאַט איז צוריק געקומען גלייך נאָך דעם, ווי ער האָט זיין שטודיום פאַרענדיקט און איז געוואָרן זיי־ער אַקטיוו. איך האָב געוווסט פון אים, נאָר איך האָב אים פערזענלעך נישט געקענט און אים קיינמאָל נישט געזען. אָבער לויט דעם, וואָס שערמאַן האָט מיר וועגן אים דערציילט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער לייגט גרויסע האָפע־

נונגען אויף זיין וויטערדיקער אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי. און די האָפענונ־גען זענען שפּעטער פאַרווירקלעכט געוואָרן. ביז היינט צו טאָג שטייט ער אין דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי און איז וויט באוווסט אויסער די ראַמען פון דער פּאַרטיי מיט זיין פאַרצווייגטער טעטיקייט אין יידישן אַר־בעטער לעבן אין אַמעריקע, מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט פאַרן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט און זיין אָנטייל אַלס אונדזער פאָרשטייער אין דער ציוניסטישער קאָנפערענץ.

אויף מיר האָט דעמאָלסט געמאַכט א שוידערלעכן, דערשיטערנדיקן איינדרוק דער פאָלגנדער עפּיזאָד. עס קומט צו מיר אַריין עפּעס אַן אַלטע פרוי — אפשר אין די זיבעציקער, שטעלט זיך פאָר — מרס׳ לעווין. זי איז מיינע אַ לאַנדס פרוי. זי קען גוט מיינע עלטערן, דערציילט אז איער א זון פאַרנעמט דאָ אַ וויכטיקע שטאָטישע שטעלע — ער איז דער סופּער־אינטענדענט פון די שטאָטישע ביבליאָטעקן. זי קען זיך דאָ זייער גוט מיט מיינע קרובים די מאַרשאַקס און שמוראַקס, וועלכע זענען נאָענטע קרובים פון מענדעלע מוכר ספרים. נאָר זיי אַליין, מענדעלעס קרובים, ווייסן כמעט נישט וואָס פאַראַ פּלאַץ מענדעלע פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי זענען שוין אין אמעריקע זייער לאַנג. זיי האָבן אַליין דאָ קינדער און אייניקלעך וועלכע האָבן נישט קיין באַגריף וועגן דער יידישער ליטעראַטור און ווייסן גאָרנישט פון זייער קרובס מענדעלעס לעבן און שאַפן. איז זי גע־קומען צו מיר מיט אַ פּלאַן. זי מיט די שמוראַקס און מאַרשאַקס וועלן איינ־אָרדענען אַ באַנקעט פאַר מיר און איך זאָל זיי דערציילן וועגן מענדעלען. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. עס זענען געקומען א צוואַנציק— פינף און צוואַנציק פערזאָן. פון די אַלטע אין גאַנצן א דריי פיר, די איבעריקע פון צווייטן, דריטן דור אַמעריקאַנער. מען האָט מיר פאַר זיי פאָרגעשטעלט, מיר האָבן זיך באַגריסט ווי קרובים. דער באַנקעט איז געוועזן אַ רייכער. מיר האָבן געגעסן און פאַרבראַכט. האָב זיי דערציילט וועגן מיינע באַגעגענישן מיט זייערע קרובים אין רוסלאַנד. די אַלטע האָבן אין צווישנצייט דער־קלערט די יונגע, וואָס פאַראַ קרובים זיי זענען מיט יענע וועגן וועלכע איך דערצייל. צום סוף האָבן זיי געבעטן מיר דערציילן פון מענדעלעס לעבן, זיינע שאַפונגען און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר די אַמעריקאַנער און אַמעריקאַנערינס, וואָס איך וועל רעדן אין יידיש, וועלכע שפּראַך זיי פאַרשטייען זייער ווייניק. כ׳האָב אָנ־מישנע גערעדט אין אַ שפּראַך, וואָס איך רעד מיט די קינדער אין שול, כדי זיי זאָלן בעסער פאַרשטיין. אין צייט פון רעדן פלעגן איינע די אַנדערע דער־קלערן, וואָס איך מיין. און ווען איך בין אַריבער אויף זיין אָרט אין דער

יידישער ליטעראַטור, האָב איך דערהערט ווי איניקע ווינקען זיך איבער און אַנדערע הערן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס און מיט שטאָלץ באַמערקן: אָט סאַראַ וויכטיקע און גרויסע פערזענלעכקייט אונדזער קרוב איז געווען. אויך האָב איך געזען ווי מוטערס רוימען אַריין א סוד זייערע קינדער אין אויער וועגן דעם, וואָס פאַראַ גרויסער מענטש זייער גרענד גרענד אַנקל איז געווען אין רוסלאַנד. מיך האָט פון דעם געבלוטעט. איז דאָס מעגלעך אַזאַ דער־שיינונג ביי נאָרמאַלע פעלקער, אז די קרובים פון גרויסע שרייבער זאָלן גאָר נישט וויסן וועגן אים און זאָלן אפילו נישט קענען די שפּראַך, אין וועלכער זייער גרויסער אַנקל האָט געשריבן? און א צעבראָכענער בין איך אַוועק פון יענעם באַנקעט. אַזאַ דערשיטערנדיקן איינדרוק האָט דער באַנ־קעט אויף מיר געמאַכט. זיי האָבן מיך אַלס קרוב געבעטן אריינקומען, נאָר איך בין קיינמאָל צו זיי נישט אַריינגעקומען. איניקע פון זיי פלעגן אמאָל יאָ אריינקומען צו מיר אין שול. מיט דער אלטיטשקער האָב איך יאָ אָנ־געהאַלטן פריינטלעכע באַציונגען, ווייל זי איז טאַקע געווען א העכסט אינטערעסאַנטע אַלטיטשקע. אַ שיינער טיפּ פון אן אינטעליגענטע, קלוגע און גוטע יידישע באָבע.

אין שיקאַגאָ פלעג איך זיך טרעפן מיט דר׳ דאלניק און חיים ציפאָרין, מיינע חברים און גוטע פריינט נאָך פון די לאָנדאָנער צייטן אויך מיט דר׳ אַלפערין און דר׳ נאַדלער — חברים פון מיינע גרינע יאָרן און פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן. אַ סך דערינערונגען זענען ביי מיר פאַרבליבן פון זיי פון די אמאָליקע צייטן. ספּעציעל וועגן די ערשטע צוויי — דערינערונגען פון געמיינזאַמען הונגער, ליידן, פאַרדרוסן און דאָך דער־האַבענער אידעאַלער לעבן, פאַרטיי אַרבעט, געזאַנג און טענץ. איך געדענק נאָך ביז היינט ציפאָרינס באַקלאָגן זיך אויף די פילאַנטראָפּישע נאַכט־לע גערס און דאָס שפּייזן זיך אין לאָנדאָנער שעלטער, פון דאָלניקס וויצן, וויל־דע שטיק און זיינע טענץ און שפּרינגערייען, ווען ער האָט געקראָגן א שטיקל ברויט מיט געבאַקטע פיש...

די ארבעט איז מייז שול איז אַנגעגאַנגעז נארמאַל. מיינע קינדער האבן זיך גאַנץ פלייסיק געלערנט און האָבן פּראָגרעסירט מיט יעדער לעקציע. איך האָב זיי שטארק ליב באַקומען און דיזעלבע ליבשאַפט האָב איך געפילט קומט פון זיי. מיט מיינע פּאַרוואַלטער בין איך געווען אמתע חברים און האַרציקע פריינט. מיין געהאַלט (אמת א קליינע) האָב איך געקראָגן יעדע וואָך און דאָס געטיילט אויף צוויי גלייכע חלקים: אַ העלפט פלעג איך שיקן רבקהן און די אנדער העלפט פלעג איך איבערלאָזן פאַר זיך.

אָפּגעענדיקט מיין סעזאָן אין שיקאגאָ, בין איך אַוועקגעפאָרן צוריק אין ניו יאָרק, ווו מיר איז אויסגעקומען צו גרינדן מיט דער הילף פון מיין פּאַרטיי נאָך צוויי בּאָראָכאָוו שולן. איינע אין בּראָנזוויל און די צווייטע אין בראָנקס.

קאַפּיטל 60

איבער קאַנאַדע

איך בין א סך מאָל געווען אין קאַנאַדע, נאָר מיין אינטערעסאנטסטער וויזיט איז געווען מיט אן אויטאָמאָביל. געפאָרן זענען מיר זאלבעדריט: רבקהס שוועסטער שרה מיט איר מאן בען מאנדער און איך. מיט א באזונ־דער פאַרגעניגן בין איך אַהין געפאָרן, ווייל די קאַנאַדער יידישע באַפעלקע־רונג איז אַלע מאָל געווען מער יידיש, ווי אונדזער אַמעריקאַנער. דאָרטן הערט זיך מער די יידישע שפּראַך, דאָרטן זענען בעסערע יידישע קינדער שולן מיט אַ סך מער קינדער ווי אין אונדזערע שולן, דאָרטן ווערן אין פּראָפּאָרץ געליינט מער יידישע ביכער, ווי אין די שטעט און שטעטלעך פון די פאַראייניקטע שטאַטן, די קאנאדער זענען מער פאָלקסטימלעך, ווי מיר די אַמעריקאַנער, זיי זענען אַלס יידן, זאפטיקער, פולער ווי מיר. יעֶ־דער וויזיט, וואָס איך פלעג מאַכן אין קאַנאַדע, האָט מיר צוגעגעבן מער מוט, מער גלויבן אין אונדזער שפּראַך, אין אונדזערע שטרעבונגען, אידע־אַלן.

אונדזער טור האָט געדאַרפט דעקן מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און קוויבעק. ווידער בין איך איבערראשט פון גרינגקייט פון איבערגיין דעם גרעניץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאנאדע. בלויז א פּאָר פראַגן פון ביידע זייטן, כלומרשט אַ קוק אין אונדזער באַגאַזש און פאַרטיק — פאָרסט שוין אי־בער קאַנאַדע ווי אַ פרייער בירגער. הלואי, טראַכט איך וואָלט אזוי געווען איבער דער גאַנצער וועלט, וואָלט מען פאַרשפּאָרט א סך צרות, שוידערלע־כע איבערלעבונגען, דערנידערונגען, און טרערן... ווי נאָר דו פאָרסט אַריין אין קאנאדע באמערקסטו גלייך, אַז אַלץ איז דאָ אַנדערש. אנדערע פעלדער, סעדער, גערטנער, אַנדערע הייזער, אן אנדער סטיל, ארכיטעקטור. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז, אַז דאָ איז אַ סך אָרעמער, מער אָפּגעלאָזן, מער אַלטמאָדיש, ווי אין דער אינדוסטריעלער אַמעריקע. דערפאַר זענען זיי אַ סך פרומער פון די אַמעריקאַנער. אין די אַלע דערפלעך, שטעטלעך וואַרפן זיך אין אויגן די קלויסטערס. און די זונטיקס ווערן דאָרט אַזוי אָפּגעהיט, ווי מיט זעכציק יאָר צוריק אין אונדזערע קליינע ליטווישע שטעטלעך. אַלץ אַרום און ארום ווערט ווי אָפּגעשטאָרבן. א טויטע שטילקייט.

און אָט זענען מיר אָנגעקומען אין מאָנטרעאַל. דאָ זענען מיר געשטאַנען איניקע טעג. זיך געטראָפן מיט מיין קוזינע ענני וויגדאָר, מיט מיין סימפאַטישן לאנדסמאַן אלתר קאָהען, דעם העברעישן לערער, געטראָפן זיך מיט מיינע פאַרטיי חברים, וועלכע האָבן אראנזשירט פאר מיר אַ לעקציע, פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט מיט דער אויסערגעוויינלעך גאסט־פריינטלעכער דיכטערין אידע מאזאַ, זיך באַקאַנט מיט דער צווייטער יידישער פּאָעטעסע יודיקא און געווען אויף אַ באנקעט איינגעאָרדנט פאַר מיר דורך מיינע פּערזענלעכע פריינט טיאַמקין און יאַניע אייבל, טאקע אין זיין הויז. עס זענען געקומען שרייבערס, קולטור טוער, אַרבעטער פירער און זיי אַלע האָבן אויף מיר א וואונדערבארן איינדרוק איבערגעלאָזן.

פון מאָנטרעאַל זענען מיר אַוועק קיין טאָראָנטאָ. דאָ בין איך שוין געווען דער גאַסט פון מיינע חברים. נו, זענען דאָס חברים! — איך האָב נאָך אַזעלכע ליבע, טייערע חברים אויף דער גאַנצער וועלט נישט געטראָפן. איך בין געווען צווישן חברים אויפן ווייטן מזרח, אין ווייסרוסלאנד, אין פוילן, אין ארץ ישראל און כמעט אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון אַמעריקע. ווי קומען זיי צו מיינע חברים אין טאָראָנטאָ! זיי רינגלען דיך אַרום מיט אויסערגעוויינלעכער וואַרעמקייט, ליבשאפט. טרייהייט און איבערגעגעבנהייט. זייער גאנצער אינטערעס איז ווי באקוועמלעכער, גרינגער, אגגענעמער זאָל זיך זייער גאַסט פילן, וואָס מער אים צושטעלן פאַרגעניגן און אים באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן. מיין זיין אין טאָראָנטאָ איז געווען פאַר מיר אַ יום טוב און דער גרעסטער פאַרגעניגן. און אַלע חברים פון דער טאָראָנטער אָרגאניזאַציע זענען מיר איינגעבאַקן אין האַרצן, און איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַזעלכע חברים קען מען נישט פאַרגעסן.

און פון טאָראָנטאָ זענען מיר אַוועק קיין קוויבעק. אן אלט אָפּגעלאָזן שטאָט, וואָס מאַכט אַן איינדרוק פון גאַר א גרויסן דאָרף און אויסערגעוויינלעך פּראָווינציעל. כאָטש איך האָב דאָרט געהאט פריינט און באקאנטע, האָב איך זיך מיט קיינעם נישט געזען, ווייל איך בין דאָרט געשטאנען בלויז איין טאָג און דאָס איז נאָך געווען צופיל. קוויבעק איז פאר גאָרנישט געווען אינטערעסאנט, כאָטש קוויבעק איז אַ היסטאָרישע שטאָט און איינע פון די עלטסטע שטעט אין קאַנאדע. ווי אַלע שטעט אין קאנאדע פאַרמאָגט קוויבעק אַ סך קלויסטערס פון וועלכע די אָנגעזעענסטע זענען „די פּראַנצויזישע באַסיליקע" „נאָטר דאַם" און „וויקטאָרי" און דער סאָמער באַ־ וווסטער איז דער פון הייליקער אננא. דאָרט האָב איך לעבן קלויסטער געזען טויזנטער און טויזנטער קוליעס. טויזנטער און טויזנטער

פון די וואָס גייען אויף קוליעס, האָבן געבעטן דער הייליקער אננא, זי זאָל זיי אויסהיילן. די הייליקע האָט גלייך דערהערט זייער בקשה און די קוליע טרעגער זענען מאָמענטאל אויסגעהיילט געוואָרן. און די אויסגעהיילטע האָבן דאָ געלאָזן זייערע קוליעס ווייל זיי זענען אָוועק אויף זייערע אייגענע פיס, נישט נויטיקנדיק זיך אין „אונטערהאָלטער". די הייליקע אננא איז גוט צו אַלעמען, וועלכע קומען איר בעטן, אַזוי זענען טויבע, הערנדיק געוואָרן, שטומע, האָבן אָנגעהויבן רעדן און די פארקריפּלטע זענען נאָרמאל געוואָרן. און פון די ווייטסטע ווייטקייטן שטראָמען טויזנטער מענטשן צו דער הייליקער אננא, וועלכע היילט זיי אַלעמען אויס. בלויז איך האָב זיך פארגעסן צו בעטן איר, אַז זי זאָל מיר אויסהיילן פון מיין כראָנישער אָרעמקייט. נאָר אַ יידן, גלויב איך, וואָלט זי סיי ווי סיי נישט אויסגעהיילט...

קאַפּיטל 61

מיר גיבן אַרויס רבקה׳ס בוך קינדער לידער — „טייבעלע״

רבקהס געזונט צושטאַנד איז געוואָרן ערגער. זי האָט געמוזט כאָטש זעקס חדשים אין יאָר זיין אין אַ שפּיטאָל. פלעגט זי די לעצטע דריי פיר יאָר פון איר לעבן, זיין אַ האַלבן יאָר אין דער היים אויף מאַהיגען עווענין, אַנטקעגן בראָנקס פּאַרק און אַ האַלבן יאָר אין מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל. איך פלעג איר באַזוכן דריי מאָל אַ וואָך. אויסער מיר, פלעגן איר באַזוכן אירע אייגענע און פריינט. איינמאָל האָב איך באַזוכט איר דאָקטאָר, פרעגן אים אויף איר געזונט צושטאַנד. זיין ענטפער איז געווען אַ קלאָגעדיקער. — פאַר מיר און דער מעדיצינישער וויסנשאַפט איז זי שוין לאַנג טויט און דאָך לעבט זי. זי פאַרמאָגט אין זיך אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט און מעגלעך אַ דאַנק דעם האַלט זי אַן איר לעבן.

עטלעכע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען נאָך דעם דאָקטאָרס דיאַגנאָז אַ צעטומלטער. איך האָב אבסאָלוט זיך נישט געקענט קאָנטראָלירן, קאָנצענטרירן. דערנאָך איז מיר אַריינגעפאַלן דער געדאַנק — אַרויסגעבן אין אַ בוך פאָרם אַלע אירע קינדער לידער. איך האָב זיך בּאַראַטן מיט איר דאָקטאָר צי די אַרבעט אירע אויף סאָרטירן און קלאַסיפיצירן די לידער וועט נישט פאַרערגערן איר לאַגע. ער האָט זיך באַצויגן צו דער פראַגע גאַנץ האַרציק און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין אייניקע טעג שפּעטער וועט ער מיר געבן אַן ענטפער. ער האָט זיך פאַר דער צייט באַראַטן מיט אנדערע דאָקטוירים און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זי וועט טאָן די אַרבעט אונטער זייער אויפפאַסונג, אויך אַז זי וועט אַריבערגעפירט ווערן אין אַ פּאַסיקן צימער פאַר איר אַליין, זיי וועלן אויפשטעלן אויפן בעט אַן ארבעטס טיש, וועלן דאָרט איינאָרדענען איר, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאר דער אַרבעט.

דאַן בין איך ערשט געקומען צו איר און איר דערציילט וועגן מיין פּלאַן אַרויסצוגעבן איר בוך קינדער לידער. דאָס האָט איר שטאַרק דער־פרייט.

— מיינסט דאָס ערנסט? — האָט זי מיך געפרעגט.

— אויף אַזוי פיל ערנסט, אַז איך טרעט די טעג צו, צו דער אַרבעט. איך האָב שוין אויך וועגן דעם גערעדט מיט דיינע דאָקטוירים און זיי האָבן

מיר צוגעזאָגט אריינגעמען דיך אין א באקוועמען צימער, ווו דו וועסט קע־נען אומגעשטערט טאָן די אַרבעט.

— און ווו וועסטו נעמען געלט אויף דעם?

— איך וועל קריגן.

— אָבער איך וויל אַליין צוזאַמענשטעלן דעם בוך.

— געוויס וועסטו צוזאַמענשטעלן דעם בוך און אריינברענגען אן אָרדע־נונג אין די לידער.

און אַ גאַנצע שעה צייט האָבן מיר פאַרבראַכט וועגן בוך. זי האָט מיר געבעטן צום קומענדיקן מאָל, וואָס איך וועל זיין ביי איר, ברענגען איר דעם גאַנצן אַרכיוו אירן, אירע אַלע מאנוסקריפטן, די אַלע זשורנאלן און צייט־שריפטן, אין וועלכע אירע לידער זענען געדרוקט געווען.

אין צוויי טעג שפּעטער בין איך געקומען צו איר מיט אַ גאנצן טשע־מאָדאן און צו מיין צופרידנהייט האָב איך איר שוין געטראָפן אין אַ גרויסן געראמען צימער, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פאר איר, פאר איר אר־בעט. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי דעם טשעמאָדאַן צוגענומען. ווידער דאָס מאָל האָבן מיר די גאַנצע צייט פאַרבראַכט וועגן בוך און מיר האָט זיך געדוכט אַז זי איז לעבעדיקער, שטאַרקער, יינגער געוואָרן. דאָס איז געווען אונטער דער ווירקונג פון דער גרויסער פרייד, וואָס איך גיי ארויסגעבן איר בוך.

אַרום דריי חדשים האָט זי אויף איר בוך געאַרבעט, שווער געאַרבעט, ביז זי האָט מיר איבערגעגעבן די אַלע לידער אויסגעבעסערטע, אנדערע אין גאַנצן איבערגעמאַכטע און אין פולער אָרדענונג, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך דרוקן איינע נאָך די אַנדערע. אויך איינגעטיילט די לידער אין באַזונדערע אָפּטיילונגען.

עס האָט גענומען א פּאָר וואָכן און איך האָב דאָס געלט אויך געקראָגן. איך האָב אַ טייל אנטליען אויף מיין פּאָליסי, וואָס איך בין געווען פאר־סטראַכירט און אַ טייל ביי מיינע נאָענטסטע קרובים.

גרויס איז ביי מיר געווען די פרייד, ווען איך האָב די לידער אריינ־געגעבן אין דרוק. און געבראַכט אין דרוקעריי די קאַטס פון די בילדער, וואָס איך האָב באַשטעלט ביי נאָטע קאָזלאָווסקי, פאַר דעם בוך. פון די בילדער, אויסער איינער, איז זי געווען זייער באַגייסטערט. דער בוך האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן און איך פלעג איר ברענגען אין שפּיטאָל די פּראָ־בע בייגנס, כדי זי זאָל זיי קאָרעגירן. דאָס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז מען האָט פאַרענדיקט די דרוק אַרבעט. דאן האָט זי מיך געבעטן, אַז איך זאָל איך ברענגען סעמפּלס פון דרוק פּאַפּיר און זי וועט שוין אויסקלייבן,

וואָס פאַראַ פּאַפּיר זי וויל פאַרן בוך. איך האָב איר געבראַכט די סעמפּלס און עס האָט גענומען א פּאָר טעג ביז זי האָט אויסגעקליבן דעם סעמפּל אויף וועלכן פּאַפּיר מיר זאָלן אָפּדרוקן דעם בוך. דאן האָט זי אַ נאָמען גע־געבן דעם בוך — „טייבעלע" אין אָנדענק נאָך אונדזער פאַרשטאָרבענער טאָכטער און אויך איר מוטער, וועלכע מען האָט גערופן טויבע.

און ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיטן דרוקן האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה — איינבונד. זי האָט געוואָלט האָבן א שיינעם איינבונד, וועלכער זאָל שטאַרק אַפּעלירן צו קינדער. אויפן איינבונד זאָל זיין א שיינע אילוס־טראַציע און זי האָט אויסגעקליבן פאַרן איינבונד דאָס בילד פון נאָטע קאָז־לאָווסקי, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אונדזער ערד קוגל, איבער וועלכן עס טאַנצן קינדער פון אַלע פעלקער פון אונדזער ערד קוגל, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך אַ יידיש יינגל מיט לאַנגע פּאיהלעך און אַ לאַנגן שיינעם כאַלאַטל. און ווען איך האָב איר צום ערשטן מאָל געבראַכט איר בוך טיי־בעלע אין דעם וווּנדער שיינעם איינבונד, האָט זי גאָרנישט נישט געזאָגט, נאָר טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פון אירע אויגן, טרערן פון פרייד, טרערן פון גליק. זי האָט מיר גאָרנישט נישט געזאָגט און אַזוי אין שטילקייט, נישט גערעדטערהייט בין איך לעבן איר געזעסן און זי וויינענדיק האָט געבלע־טערט דאָס בוך און איבערגעקוקט די נעמען פון די לידער און די אילוס־טראַציעס. איך האָב געוואָלט פאַר איר מאַכן א יום טוב צו דער דערשיינונג פון איר בוך קינדער לידער. די דאָקטוירים האָבן מיר נישט געראָטן דאָס צו טאָן און איך האָב אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן דעם. אויך האָבן איי־ניקע לערער און לערערקעס געוואָלט קומען מיט זייערע עלטערע קינדער אין שפּיטאָל ברענגען איר מתנות און באַגריסן איר מיטן דערשיינען פון איר בוך. אויך דאָס האָבן די דאָקטוירים נישט געראָטן צו טאָן.

גרויס פרייד האָט איר פאַרשאַפט דער פאַקט, אַז איר בוך האָט זיך אָנגעהויבן גוט צו פאַרקויפן. איך האָב דערהאַלטן פאָדערונגען צו שיקן די ביכער אין די שולן, עלטערן האָבן געשיקט געלט פאַרן בוך פאַר זייערע קינדער, יידישע בוכהענדלער האָבן פאַרקויפט אַ סך ביכער און שפּעטער זענען אָנגעקומען באַשטעלונגען פון פּוילן, ליטע, בעלגיע, ארץ ישראל און פון דרום אַמעריקאַנער רעפּובליקן. די קריטיק איז געווען אַ לויב געזאַנג פאַר די לידער און פאַר איר בוך.

נאָר נישט לאַנג האָט רבקה געלעבט נאָך דעם, ווי מיר האָבן ארויס־געגעבן איר בוך. מיט אַ יאָר שפּעטער איז זי געשטאָרבן אין מאָנטעפיאָ־רע שפּיטאָל, דעם 8־טן אויגוסט 1935.

נאָך איר טויט איז געגרינדעט געוואָרן א קאָמיטעט פאַר ארויסגעבן

אַלע אירע לידער און דערציילונגען. דער קאָמיטעט האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: רבקה גאַלין בוך קאָמיטעט. אין קאָמיטעט זענען אַריין: איר שוועסטער שרה גאַלין, איר שוואָגער בען מאנדעל, ציליע דראַפּקין, ראָזע לאַזאַרסאָן, רייזל לאנדע, ז. ליבין, מאַני לייב, אננא זאַרעצקי, מאקסים קאַצענעלסאָן, בערטע קלינג, דר׳ יחיאל קלינג, שרה רייזין, מרים ראסקין און אַ סך אַנדערע שרייבער, דיכטער, קולטור טוער און פאָרשטייער פון די יידישע וועלטלעכע שולן. דער קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרן אין הויז פון די קלינגס אין נאָוועמבער 1936 און אַלע זיצונגען פונם קאָמיטעט זענען טאַקע פאָרגעקומען אין דער זעלביקער הויז פון מײנע טייערע פריינט די קלינגס. דער קאָמיטעט האָט באשלאָסן אַרויסגעבן אויסער אַלע רבקהס לידער און דערציילונגען אויך אַרויסגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון „טייבעלע" אַריינגעמענדיק די צען קינדער לידער, וואָס זי האָט געשריבן אין לעצטן יאָר פון איר לעבן. די ביכער זענען צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט פון מאַני לייב און פון מיר. דער געשאַפענער פאָנד פאַר די ביכער איז נישט גענוג געווען אויף אַרויסצוגעבן זיי און אַ פאָר הונדערט דאָלאר האָבן איך געמוזט דערלייגן. געדרוקט האָבן מיר די צווייטע אויפלאַגע „טייבעלע" אין 1500 עקזעמפלארן און אירע „לידער און דערציילונגען" אין 500 עקזעמפלארן. אַלע אירע ביכער זענען אין פאַרלויף פון צען יאָר ארויסגעפארקויפט געוואָרן.

איך מוז צוגעבן, אַז דער פאַרקויף פון די ביכער האָט געבראָכן דעם רעקאָרד פון פאַרשפרייטונג פון לידער זאמלונגען. דיכטער ווייסן, אַז דער טיראַזש פון 500 ביכער מיט לידער איז אַפילו צו גרויס. עס פאַרקויפן זיך נישט אַזוי פיל און עס פאַרבלייבן ביים דיכטער אַ צאָל עקזעמפלארן, וואָס ער קען נישט פאַרקויפן. אויסנאַמען זענען זייער זעלטן. און דאָ האָבן מיר געדרוקט צוויי אויפלאַגעס 3 טויזנט ביכער און זיי זענען אַלע פאַרקויפט געוואָרן. דער וווּנדער איז נאָך גרעסער, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז מיר האָבן נישט געפּעדלט מיט זיי, נישט ארומגעפאָרן מיט זיי איבער די אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך און אויך, אַז מיר האָבן זיי זייער ווייניק אַנאָנסירט אין דער יידישער פרעסע. פשוטע עלטערן האָבן געקויפט די לידער פאַר זייערע קינדער, די יידישע וועלטלעכע שולן האָבן איינגעקויפט אַ גרויסע צאָל און מען האָט זיי געקויפט צו שענקען אַלס מתנות פאַר זייערע שילער.

און מיט דעם אויפטו מײנעם שטאָלציר איך, בין היינטיקן טאָג: אַ שיינע מצבה אָוועקגעשטעלט רבקהן נאָך איר טויט.

קאַפּיטל 62

איך גיב אַרויס מיין בוך: „עטיאָפּיע און די יידן פון אָריענט"

וועגן רייזעס, שטעט און לענדער האָב איך אָנגעהויבן שרייבן נאָך פון דער צייט, וואָס איך האָב פארבראכט אין קאַליפאָרניע און פלעג מיינע אר־בעטן שיקן אין „פאָרווערטס". זייענדיק אויפן ווייטן מזרח, האָב איך אָנ־געשריבן אַ גאַנץ ביכל „פון סאַן פראַנציסקאָ ביז כאַרבין". קומענדיק אין ארץ ישראל, האָב איך אָנגעשריבן נאָך א ביכל „פון שאַנכאַי ביז ארץ יש־ראל" טיילן פון די ביכלעך האָב איך געדרוקט אין דעם פועלי ציוניסטישן טאָג בלאַט „די צייט", דערנאָך האָב איך געדרוקט וועגן מיינע רייזעס אין די פאַרשידנסטע אויסגאַבן און צייטשריפטן פון אַמעריקע, אַרגענטינע, פוילן. אין אַ סך אַנדערע לענדער מיט א יידישער פרעסע זענען זיי אי־בערגעדרוקט געוואָרן. די מערסטע מאַטעריאַלן וועגן די רייזעס זענען פאַר־לאָרן געגאַנגען. איך האָב אַפילו נישט געזאַמלט מיינע אַרטיקלען און באַ־שרייבונגען וועגן די רייזעס. שטענדיק בין איך געווען פאַרנומען מיט קה־לשע אַרבעטן און אַפילו נישט געקענט טראַכטן וועגן אַרויסגעבן מיינס א בוך. ערשט אין יאָר 1936 האָב איך באַשלאָסן אַרויסגעבן א בוך — א זאַמ־לונג פון אייניקע אַרטיקלען מיינע, ווי — עטיאָפּיע, די שוואַרצע יידן, די תימנער יידן, די יידן אין כינע. איך וואָלט אַריינגענומען אין דעם בוך מיין אַרטיקל „שומרונים", וואָס איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט" אין 1922 און אַנדערע וויכטיקע אַרטיקלען, נאָר דאַן וואָלט דאָס בוך מיר אָפּגעקאָסט אַ סך מער און דאָס וואָלט איך נישט געקאָנט באַוויזן. האָב איך זיך אָפּ־געשטעלט בלויז אויף די פיר אָפּהאַנדלונגען. צום ערשטן בין איך וועגן דעם געגאַנגען צום דעמאָלסטיקן פרעזידענט פון דער שריפטזעצער יוניאָן מר' בלום אין זיין אָפיס אויף הענרי סטריט, אים דערציילט וועגן דעם און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען, אַז איך זאָל קענען דרוקן דעם בוך פאַר אַ ביליקן פרייז און ער האָט געהאַלטן וואָרט. זיין יינגערער ברודער, לויט זיין רעקאָמענדאַציע, האָט מיר געזעצט דעם בוך פאַר זייער א בי־ליקן פרייז. אין שעכטער סעמינאַר האָב איך אנטליען קאַטס בילדער פון די פאַרשידענע טיפן יידן, אויך האָב איך געקראָגן ביי דעם מאַלער ראובן

ליף אן ארטיסטישע צייכנונג פון א קאָפּ פון תימנער יידן. אויך האָט ער מיר געצייכנט די שער בלאט פאַרן בוך מיט גאַר אלטן, שיינעם געקינסטלטן העברעישן שריפט. זיין שריפט האָט מיר אויפן העכסטן גראד באגייסטערט. ביז היינטיקן טאָג קוק איך מיט באַוואונדערונג אויף דעם שריפט.

א פּאָר חדשים האָב איך געאַרבעט אויף דעם בוך און טאקע שווער גע־אַרבעט. גאַנצענע טעג פלעג איך אָפּליגן אין דער דרוקעריי פון פּאָזי און שאולסאָן, ווו מיין בוך האָט זיך געדרוקט.

א מאָדנער געפיל באַהערשט דיך, ווען דו דרוקסט דיינס אַ בוך: דו אידענטיפיצירסט זיך אין גאנצן מיטן בוך. דער בוך ווערט דיין „איך". מיט פרייד באַטראַכסטו דעם דרוק, מיט פרייד קלייבסטע אויס די פּאַפּיר, מיט פרייד קוקסטו צו, ווי דער בוך וואקסט און וואקסט, מיט פרייד קאָרעגירס־טו די גרייזן און מיט נאָך אַ גרעסערער פרייד גייסטו צום איינבינדער. און ווען דו דערזעסט דעם ערשטן עקזעמפלאר פון דיין בוך א פאַרענדיקטן נעמט דיך אַרום א גאַר גרויסע פרייד: דיין קינד איז געבוירן פריש און געזונט און מען קען זיך מיט אים ווייזן פאַר לייטן.

ווען דאָס בוך איז אַרויס האָבן מיינע נאָענטע פאַר מיר אראנזשירט אַ באַנקעט אין דעם גרענד באַיס האָל. ס'איז געווען א שיינער באנקעט און עס זענען געקומען מיינע קרובים, מיינע פּאַרטיי חברים, פאָרשטייער פון מיינע לאנדסלייט אָרגאַניזאַציעס און מיינע פּערזענלעכע פריינט. רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן פון מאַני לייב, אברהם רייזין און פאָרשטייער פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. אויך איז געקומען א דעלעגאַציע פון די ניעסוויזשער אָרגאַניזאַציעס. די וואַרעמקייט פון עולם צו מיר פּערזענלעך און צו מיין בוך, האָט מיר זייער שטאַרק גערירט.

מיט אייניקע יאָר צוריק איז אין דעם זעלביקן זאַל געפּייערט געוואָרן מיין 50 יאָריקער יובילײ. דעם אָוונט האָט דאָן פאר מיר אראנזשירט מיין פּאַרטיי. אָבער יענער אָוונט האָט זיך אַ סך טיפער איינגעקריצט אין מיין זכ־רון. דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען דער הייסער ליבשאַפט פון די חברים צו מיר. די חברים האָבן געבראַכט אַלץ, אין וואָס אַזאַ אָוונט האָט זיך גע־נויטיקט, די חברים האָבן מיר אויך געבראַכט מתנות, האָבן עפנטלעך אויס־געדריקט זייערע צאַרטע געפילן צו מיר. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי געזונגען פועלי ציוניסטישע און אַנדערע אַרבעטער לידער. רבקה האָט נאָך דאַן געלעבט און זי איז געקומען מיט אירע נאָענטסטע קרובים. און דעם וואַרימען חברישן אָוונט וועל איך אויף מיין גאַנצן לעבן נישט פאַר־געסן. און א מאָדנע זאַך: ביי דעם יום טוב פון ארויסגעבן מיין בוך האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן יענעם אָוונט. עס איז נישט דאָס. אפשר

איז דאָס געווען די שולד פון דער פאַרשידנקייט פון עולם, און אפשר פון דעם, וואָס מיר זענען אַלע מיט אייניקע יאָר עלטער געוואָרן. ווער ווייסט?

די קריטיק אויפן בוך איז געווען אַ גאַנץ גוטע. זייער שיין און האַרציק האָבן וועגן בוך געשריבן דר׳ מוקדוני און מ. אַשעראָוויטש.

צו דער געלעגנהייט וויל איך איבערגעבן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וועגן מיין אָפּהאַנדלונג „די יידן אין כינע״. אַרום א יאָר נאָך דער דער־שיינונג פון מיין בוך, לאָזט מיר צישינסקי וויסן, אַז עס איז אָנגעקומען צו אים אַ בריוו מיט געלט פון איינעם אַ פּראָפעסאָר פון יענטשינג אוניווער־זיטעט אין פּעקינג, כינע, מיטן פאַרלאַנג ער זאָל אים צושיקן מיין בוך און ער האָט זיין בקשה גלייך דערפילט. עס זענען דורכגעגאַנגען נאָך דעם א פּאָר חדשים ערשט איך קריג פון דעם פּראָפעסאָר א לענגערן בריוו אין ענגליש, אונטערגעשריבן פּראָפ׳ רודאָלף לאָווענטאל (קאָנטיק א ייד). ער פרעגט זיך נאָך וועגן אייניקע באַהויפּטונגען אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן די יידן אין כינע. צו דער זעלבער צייט דערציילט ער מיר, אַז ער קאָן נישט לייענען קיין יידיש. אָבער מיין אָפּהאַנדלונג האָט ער געמוזט לייענען. האָט ער מיין בוך אוועקגעשיקט צום לערער אבא איזגור פון דער טיען־טזינער תּלמוד תורה ער זאָל פאַר אים די אָפּהאַנדלונג איבערזעצן אין אַ שפּראַך, וואָס אים, דעם פּראָפעסאָר, איז באַקאַנט און אים די איבערזעצונג צושיקן אין פּעקינג. גראָדע קאָן איך זייער גוט איזגורן פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ לערער פון דער העברעישער גימנאַזיע אין כּאַרבין, מאַנדזשוריע — אַ העכסט אינטעליגענטער ייד, וועלכער באַזיצט פּולקאָם אייניקע שפּראַכן. ער האָט די איבערזעצונג געמאַכט און איבערגעשיקט אין פּעקינג. און אין יאָר 1940 האָט זיך געדרוקט לאָווענטאלס אָפּהאַנדלונג וועגן די יידן אין כי־נע אין ענגליש, אין וועלכער ער האָט זיך צווישן אַנדערע אויך באַנוצט מיט אינפאָרמאַציעס פון מיין בוך. דערנאָך האָב איך געקראָגן פון פּראָפ׳ לאָווענטאַלן צוויי בריוו און אַן אינטערעסאַנטע טאַבעלע פון אַלע יידישע פּע־ריאָדישע אויסגאַבן אין כינע. ער גיט אָן, אַז זייער צאָל האָט דערגרייכט ביז 27, די מערסטע פון זיי זענען געווען אין רוסיש, 4 — אין ענגליש און בלויז איין צייטונג איז געווען אין יידיש — „דער וויטער מזרח״, וואָס פלעגט אַרויס דריי מאָל א וואָך (זונטיק, דינסטיק און פרייטיק). ער איז דערשינען פאַר איבער צוויי יאָר צייט אין אַרום 800 קאָפּיעס. אויך דער־מאָנט ער דעם ציוניסטישן זשורנאַל אין רוסיש „סיביר און פּאַלעסטינע״, פון וועלכן איך בין געווען מיטרעדאַקטאָר און דעם זשורנאל אין רוסיש „פּאַ־לעסטינע און דיאַספּאָראַ״, וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן אין נאָמען פון מיין פּאַרטיי פּועלי ציון.

פון אים האָב איך זיך אויך דערוווסט, אַז אין דער כינעזישער ליטע־ראַטור זענען דאָ איבערזעצונגען פון יידיש, ווי איבערזעצטע דערציילונ־גען פון שלום עליכם, י. ל. פּרץ, דוד פּינסקי, ווענדראָוו; אויך, אַז שלום אַש׳ס „גאָט פון נקמה״ איז דאָ אין דער כינעזישער איבערזעצונג.

קאפיטל 63

מיין פרוי רבקה גאלין

רבקה איז געבוירן געוואָרן אין 1890 אין אַ קליין שטעטל לעכעוויטש, סלוצקער קרייז. איר פאָטער דוב בער איז געווען א געלערנטער ייד, א סוחר. די מוטער אירע טויבע איז געווען אַ קלוגע, א גוטע און אן איידעלע, האָט זייער ליב געהאט לייענען ביכער, באַזונדערס לידער. די לידער, וואָס זע־נען איר מער געפעלן געוואָרן, פלעגט זי פאַרשרייבן אין אַ העפט, פלעגט זיי אָפט לייענען, ביז זי האָט זיי געקענט אויף אויסווייניק און צו די מער באַליבטע לידער פלעגט זי אַפילו צוטראַכטן מאָטיוון. זי האָט איר גוטס־קייט, איידלקייט און ליבע צו ליטעראַטור איינגעפלאַנצט אין איר קינד. אָבער די מוטער האָט לאַנג נישט געלעבט. זי איז געשטאָרבן צו 29 יאָר און האָט איבערגעלאָזן פינף פיצלעך קינדער, פון וועלכע די צען יאָריקע רב־קהלע איז געווען די עלטסטע. נאָך איר מוטערס טויט האָט רבקהלע צו זיך גענומען איר באָבע פון דער מוטערס צד. די באָבע האָט געפירט א פאַבריק פון סטאָליערס קליי וואָס האָט זיך גוט פאַרקויפט אין ליטע און אזוי ווי די באָבע איז אַלעמאָל געווען שטארק פאַרנומען אין פאַבריק, האָט זי זיך נישט געקענט אָפגעבן מיט רבקהלען, האָט די אויפזיכט צו דערציען רבקהן אויף זיך גענומען איר פעטער, דער מוטערס ברודער — אַלתר גאַווזע — נאָך יענער צייט אַ גאַנץ געבילדעטער יונגערמאַן. ער האָט פאַר איר גע־נומען די בעסטע מלמדים און לערער און האָט זיך אַליין אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט אירע לעקציעס, אָפט איר אין די לעקציעס צוגעהאָלפן, און אויך איר געגעבן העברעישע און רוסישע ביכער צו לייענען.

רבקה האָט אַרויסגעוויזן גרויס פעיקייטן און אַ סך חשק צום לער־נען. אין גיכן האָט זי שוין געקענט דעם חומש און תנ״ך און אין איר פרייער צייט האָט זי געלייענט און טאקע א סך געלייענט. צו פופצן יאָר איז זי שוין געווען גוט באקאנט מיט די רוסישע, העברעישע און יידישע קלאַסי־קער.

איר פאָטער האָט א צווייטן מאָל חתונה געהאט און איז אין גיכן אוועק־געפאָרן אין אַמעריקע. צו זעכצן יאָר איז רבקה אויך געקומען אין אמערי־קע, זיך אָפּגעשטעלט אין ניו יאָרק און איז גלייך אַוועק אַרבעטן: נייען

קלײדלעך אין אַ פֿאַבריק און אין די אָוונטן האָט זי געלערנט מיט גרויס התמדה ענגליש.

ניו יאָרק האָט פֿאַר איר אַ נײַע וועלט אַנטפּלעקט: אַ גײַסטיקע וועלט. אַזוי פֿיל ייִדישע טעאַטערס, צײַטונגען און זשורנאַלן, קאָנצערטן, לעקציעס, פֿאַרשידענע אונטערנעמונגען און אַ געבוירענעם דורשט נאָך אַ גײַסטיקן לעבן האָט זי געהאַט אַ מערקווירדיקן. מען דאַרף אומעטום גײן, מען דאַרף אַלעמען אויסהערן, מען דאַרף מיט אַלץ באַקענען זיך. זי וואַרפֿט זיך אַרײַן אין דעם גײַסטיקן ניו יאָרקער ייִדישן קאָך־קעסל מיטן גאַנצן ברען און אימפּעט פֿון איר דורשטיקער זוכנדיקער נשמה. אַ גאַנצן טאָג אין פֿאַבריק און אין די אָוונטן אויף אונטערנעמונגען און ביז שפּעט אין דער נאַכט לײענען. און זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. נאָך אַ פּאָר יאָר פֿון אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז זי קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז און די דאָקטוירים האָבן איר געראָטן פֿאַרלאָזן ניו יאָרק. זי פֿאָרט אין די בערג, פֿאַרבעסערט אַביסל איר געזונט און קומט ווידער אין ניו יאָרק. זי מוז אָבער ווידער גײן אַרבעטן אין פֿאַבריק און די קרענק רופֿט זיך ווידער אָפּ. דאָס מאָל שיקן איר די דאָקטוירים אין דענווער, ווו זי קומט אָן אין אַ סאַנאַטאָריום פֿאַר לונגען קראַנקע.

אין סאַנאַטאָריום שטודירט זי ערנסט די ענגלישע און ייִדישע פּאָעזיע און הויבט אָן אַלײן פֿאַרבאַהאַלטענערהײט דיכטן אין ייִדיש. אַ גאַנצן ביכל מיט לידער אָנגעשריבן, אָבער זי ווײסט זײ קײנעם נישט, שיקט זײ ערגעץ נישט. האָט מורא — דער רעדאַקטאָר זאָל זײ פּשוט נישט אַרויסוואַרפֿן. אין דער זעלבער צײַט לײענט זי אין עטלעכע שפּראַכן די פּאָעזיע פֿון דער וועלט. זי לערנט אויס אויף אויסווײניק וויטמאַן, סטיווענסאָן, פּאָ און אַנדערע, אינטערעסירט זיך מיט ייִדישן פֿאָלקלאָר.

אין דענווער באַקאַנט זי זיך און באַפֿרײַנדעט זיך מיט איר ליבסטן ייִדישן פּאָעט יהואש, און ער מאַכט אויף איר אַן אויסערגעוויינלעכן שטאַרקן אײַנדרוק.

ווען זי פֿאַרלאָזט דעם סאַנאַטאָריום גײט זי ווידער אַרבעטן. דערווײל קומען אירע בײדע שוועסטער שרה און חנה פֿון לעכעוויטש קײן אַמעריקע און רבקה פֿליט אין ניו יאָרק זען אירע שוועסטער און מיט זײ צוזאַמען מאַכן אַ הײם. די ערשטע צײַט אין ניו יאָרק איז זי איבערגליקלעך. זי איז מיט אירע שוועסטער, זי זעט זיך אָפּט מיט אירע נאָענטע קרובים, וועלכע זי האָט אַזוי הײס ליב. נאָר נישט לאַנג איז איר באַשערט געווען איר גליק צו זײַן אין ניו יאָרק אין אַ הײמישער אַטמאָספֿערע. זי מוז פֿאָרן צוריק אין דענווערער סאַנאַטאָריום...

זייענדיק דאָן אין סאנאטאָריום דערוויסט זי זיך, אַז אין סאַן פראַנ־ציסקאָ געפינט זיך איינער מישקאָווסקי, אַ לערער און איר רוסישער לע־רער אין לעכעוויטש איז אויך געווען אַ מישקאָווסקי, וועלכן זי האָט הויך געשעצט און שטאַרק רעספּעקטירט. באַשליסט זי פאָרן אין סאַן פראַנ־ציסקאָ זען איר אמאָליקן באַליבטן לערער. נאָר יענעם געפינט זי נישט און אַנשטאָט יענעם באַקאַנט זי זיך מיט מיר. די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקו־מען אין אַרבעטער רינג האָל, וווּ איך האָב דאָן געהאַלטן אַ לעקציע וועגן עדלשטאַטן און זיין דיכטונג. און אין גיכן האָבן מיר חתונה געהאַט. איך האָב דערזען אין איר אַ גרויסן דיכטערישן און דערציילערישן טאַלאַנט. איך האָב איר צוגעגעבן מוט און מער גלויבן אין זיך, אין איר טאַלאַנט און צוגעגעבן איר חשק ערנסטער אויף זיך צו אַרבעטן. איך האָב געשיקט אי־רע אייניקע לידער, ווי „אָט ליג איך", „אַרום איז אויסגעשפּרייט די נאַכט" אין דער לאָס אַנדזשעלעסער צייטשריפט „פּראָגרעס" און אירע דערציי־לונגען „פון טאָג בוך", „ליזעס תכלית" אין דער ניו יאָרקער „פרייע אַר־בעטער שטימע" און אירע לידער און דערציילונגען ווערן גלייך אָפּגע־דרוקט. דאָס איז געווען אין 1915. אין 1917 פאַרלאָזן מיר אַמעריקע. צוליב דער ערשטער וועלט מלחמה קענען מיר נישט פאָרן מיטן אַטלאַנטיק און מיר פאָרן מיטן פּאַסיפיק און מיר פאָרן אין רוסלאַנד דורכן ווייטן מזרח. דורכגעפאָרן די האַוואַיער אינדזלען, געווען אין יאַפּאַן, קאָרייע, כינע און צו־ליב דער מלחמה און בירגער קריג אין רוסלאַנד, האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט אין כאַרבין אויף גאַנצע פיר יאָר. און דאָרט פאַראינטערעסירט זי זיך צום ערשטן מאָל מיט יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ווערט אַ לערערין פון יידיש און יידישער ליטעראַטור, אויף די קורסן פאַר דער־וואַקסענע. דערנאָך האָבן די לערערינס פון דעם יידישן קינדער גאָרטן ביים יידישן ליטעראַרישן, מוזיקאַלישן און דראַמאַטישן קלוב איר פאָרגעשלאָגן צו געבן זיי לידער פאַר די קינדער. דער קינדערגאָרטן האָט זיך שטאַרק געניוויטיקט אין לידער, מעשהלעך, שפּילערייען פאַר די קינדער. זי האָט צו ערשט אָנגעשריבן פאַר זיי די מאַסנשפּיל אין פערזן „דער ווינטער און דער פרילינג".

די לערערינס קומען אָפט צו איר און בעטן נאָך און נאָך קינדער לי־דער און רבקה שרייבט פאָרן קינדער גאָרטן „אַ מאַנטשיק מיידעלע", „טוק טוק", „אַ קעצעלע", „אַלע פיר" און אַנדערע. יעדעס לידל נעמען אויף די לערערינס און קינדער מיט פרייד. די קינדער לערנען זיך אויס דעקלאַמירן זיי, פון די קינדער לערנען זיך אויס די עלטערן און די יידישע באַפעלקע־רונג פון כאַרבין דעקלאַמירט אירע לידער.

און פון דאן אָן האָט זי אָנגעהויבן שרייבן קינדער לידער, און אויף די קינדער לידער האָט זי ביזן לעצטן אָטעם צוק אַוועקגעגעבן איר גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט. מעגלעך, אַז אירע לידער פאַר קינדער אין דעם על־טער פון פינף־זעקס יאָר זענען געווען די ערשטע אין דער יידישער לי־טעראַטור. איר ערשטע מוטער ליד „ווען מיר טרעפט" איז אויך געשריבן געוואָרן אין יענער צייט אין כאַרבין. איז גלייך איבערזעצט געוואָרן אין רוסיש און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין א רוסישן זשורנאַל. אין אָריגינאַל איז דאָס ליד אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט מיט צוועלף יאָר שפּעטער. אויך איר אַרבעט אויף די אָוונט קורסן פאַר דערוואקסענע שלינגט איר אין גאנצן איין. זי אַרבעט מיט גרויס אינטערעס און ליבשאַפט. זי האָט זיך דער אַר־בעט איבערגעגעבן מיט איר גאַנצן האַרצן און מיט אַלע פיבערן פון איר רייכער נשמה, כאָטש זי איז געווען נישט געזונט פאַר אַזאַ שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. אויך נעמט זי, אונטער דער רעזשי פון ציליע בודקין, אָנטייל אין דעם דראַמאַטישן אָפּטייל פון יידישן קלוב, שפּילט אין „נאָך דער קבורה" פון י. ל. פרץ אין דעם גרעסטן זאַל פון כאַרבין און איר שפּילן נעמט אויס.

נאָר מער פון אַלץ און אַלעמען האָט זי ליב קינדער — די פּשוטע יידי־שע פאָלקס קינדער. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז ביי איר געווען פאַר־ברענגען מיט די קינדער, שפּילן זיך מיט זיי, קויפן זיי גוטע זאַכן און זען ווי די קינדער האָבן פון דעם גרויס פאַרגעניגן. זי פלעגט קענען גאַנצע טעג פאַרברענגען מיט קינדער, לערנען זיי פאַרשידענע שפּילן, דערציילן זיי מעשיות, טאַנצן מיט זיי.

אין כאַרבין ווערט רבקה אַליין א מוטער פון א מיידעלע, ווענען מיר האָבן א נאָמען געגעבן טייבעלע. טייבעלע איז פאר איר געוואָרן אַלץ אין דער וועלט. איר אָנהאַלט אין לעבן, איר זין פון ליידן, איר העכסטער אינ־טערעס, איר גרעסטער גליק. און זי גיט זיך אין גאַנצן אָפּ איר קינד. נאָר אין איר גליק איז זי נישט רואיק, וויסנדיק, אַז אַליין איז זי קראַנק, אַז איר מוטער איז יונגערהייט געשטאָרבן פון דער קרענק. עס מאַטערט איר א פאַרגעפיל, אַז דאָס קינד, איר טייערע טייבעלע, איז איר געגעבן געוואָרן אויף אַ קורצע צייט, אָדער ווי זי פלעגט זיך אַליין אויסדריקן: בלויז אויף צוהאַלטן.

ווען טייבעלע איז אַלט געוואָרן דריי יאָר האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן אין ארץ ישראל. מיר פאָרן ווידער איבער כינע, קאָרייע יאַפּאַן, פאָרן דורך אינדיע, שטעלן זיך אָפּ אין די צפון אפריקאנישע לענדער, פאָרן דורך דעם סועץ קאַנאַל. פאָרן דורך על קאנטארא אריין אין ארץ ישראל. דאָרט פאַר־

בלייבן מיר פונקט אַ יאָר. כאָטש רבקה לעבט דאָרט אין אָרעמקייט און אָפט אפילו אין נויט, דאָך לעבט זי דאָרטן א פולן רייכן לעבן. אַלץ אַרום און אַרום אינטערעסירט איר. פון דער אויפבוי אַרבעט ווערט זי באַגייס־טערט. דעם חלוציזם פאַרגעטערט זי. זי מאַכט אַ רייזע איבערן לאנד, באַ־זוכט די קאָלאָניעס, שטודירט דעם יידישן לעבן פון אמאָל, שטודירט די יידישע טיפּן פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זענען געקומען העלפן אין דער שווערער אַרבעט פון אויפבויען דאָס אַלט ניילאַנד. דאָרט ווערט אָפּ־געפרישט איר קענטשאַפט פון העברעיש, און פאַר דעם יאָר האָט זי זיך אויסגעלערנט גוט די שפּראַך אי אין רעדן און אי אין שרייבן. דאָך גלויבט זי נישט אין די באַמיונגען פון די העברעיסטן צו פאַרוואַנדלען די יידן אין ארץ ישראל אין אַ העברעיש שפּרעכנדן שבט. זי איז פאַר יידיש אין ארץ ישראל. און שרייבט דאָרט, פאַרשטייט זיך אין יידיש, — אַ סך לידער און דערציילונגען.

פון ארץ ישראל פאָרט זי צוריק אין אַמעריקע, ווו צו איר גרויסער פרייד דערווישט זי שוין אַ גאַנצע נעץ פון יידישע קינדער שולן און עס גייען אַרויס צוויי קינדער זשורנאַלן: „קינדערלאַנד" פון אַרבעטער רינג און „קינ־דער זשורנאַל" פון דעם שלום עליכם אינסטיטוט. זי הויבט אָן מיטאַרבעטן אין דיביידע זשורנאַלן.

אַזוי אַרבעט זי אָנגעשטרענגט אויף אירע לידער א פּאָר יאָר ביז... עס טרעפט איר דער גרעסטער אומגליק — איר טעכטערל טייבעלע שטאַרבט אין עלטער פון זעקס מיט אַ האַלב יאָר. רבקה האָט שוין דעם קלאַפּ נישט געקענט אַריבערטראָגן. זי האָט פאַרלאָרן דעם גאַנצן מוט צום לעבן און איז ערנסט קראַנק געוואָרן. איר קינדס טויט האָט איר אריינגעלייגט אין בעט, פון וועלכער זי איז שוין כמעט נישט אויפגעשטאַנען. גאַנצע צען יאָר, וואָס זי האָט נאָך געלעבט נאָך איר קינדס טויט — האָט זי מערסטנס פאַר־בראַכט אין סאַנאַטאָריומס, אין שפּיטאָלן. אַפילו ווען זי פלעגט אויף די ווינטערן קומען אַהיים, פלעגט זי אויך מערסטנס זיין צוגעשמידט צום בעט. א גאַר גרויסע הילף איז געווען פאַר איר די איבערגעגעבנהייט און טרייהייט פון איר שוועסטער שרהן, וועלכע האָט געוווינט מיט אונדז צו־זאַמען, און אונדז ארויסגעהאָלפן אין דער הויז אַרבעט. און דער פאַקט אליין, אַז איר באַליבטע שוועסטער איז מיט איר, האָט איר אַ סך גרינגער געמאַכט און זי פלעגט פון דעם אַליין פילן בעסער. אירע לעצטע צען יאָר זענען גע־ווען די טראַגישסטע: אירע גייסטיקע ליידן זענען טויזנטער מאָל געווען שטאַרקער, ווי די פיזישע. נאָר דורך דער צייט, וואָס זי איז געלעגן אין בעט אין געראַנגל צווישן לעבן און טויט, פלעגט זי זיך דאָך אינטערעסירן

מיטן אַרומיקן לעבן, מיט אירע קרובים, פריינט, טעאַטער, ליטעראַטור און צו דער זעלבער צייט אין איר איינזאַמקייט פלעגט זי אָפּט שרייבן אירע האַרציקע לידער. די לידער האָבן איר געגעבן אַ שטיקעלע אָנהאַלט אין איר טרויעריקן לעבן. זי האָט דאַן געדרוקט אירע לידער אין „קינדער־וועלט", „קינדער זשורנאַל", „אַמעריקאַנער", „צוקונפט", „גרינינקע ביי־מעלעך", „חבר", „קינדערלאַנד" און אין די פאַרשידענע קינדער ווינקלען פון דער טעגלעכער יידישער פרעסע. אויך האָט זי געהאַט גרויס פאַרגעניגן, וואָס אירע קינדער־לידער ווערן איבערגעדרוקט אין דער פרעסע פון די לענדער, ווו עס געפינען זיך יידישע שולן. אירע לידער זענען אַריין אין די פאַרשידענע כרעסטאָמאַטיעס, לערן ביכלעך, טעקסט ביכער. מען שאַפט צו זיי מוזיק און זיי ווערן געזונגען אין די קעמפּס, אויף קינדער אונטערנע־מונגען און קאָנצערטן.

אין איר באַשיידנקייט האָט זי איר דיכטערישן טאַלאַנט שטענדיק אונ־טערשאַצט און קיינמאָל נישט געוואָגט זיכער וועגן דעם ווערט פון אירע לי־דער. זי האָט קיינמאָל קיינעם נישט באַלעסטיקט מיט איר דיכטערישער שאַפונג. אַפילו מיר, איר נאָענטסטן און באַליבטסטן האָט זי זעלטן פאַרגע־לייענט איר אַ ליד. זי פלעגט אַפילו ווערן אויפגערעגט, ווען איך ווייז אי־מיצן פון מיינע נאָענטע אירע לידער. נאָך מער, זי פלעגט זיך אָפּט וווּנ־דערן, וואָס מען דרוקט אירע לידער, וואָס מען בעט ביי איר לידער צו דרוקן.

און ווען נאָך ביי איר לעבן, אין די לעצטע חדשים פאַרן אויסהויכן איר אָטעם איז אַרויס די ערשטע אויסגאַבן פון איר בוך — „טייבעלע" און די קריטיקער און רעצענזענטן האָבן זיך אָפּגערופן מיט ליב געזאַנגען וועגן איר בוך און ווען דער פאַרלאַג „קינדער פריינד" אין וואַרשע האָט אַרויסגעגע־בן אירס אַ ביכל קינדער לידער אונטערן נאָמען „אַ מאָנטשיק מיידעלע" איז ביי רבקהן פאַרגעקומען אַ שטיקל איבערקערעניש אין איר זעלבסטאָפּשאַ־צונג. הייסט עס, אַז אירע לידער געפעלן דעם עולם, מען רעכנט זיך מיט איר, מען נעמט איר אַריין אין דער ליטעראַרישער משפחה, מען גיט איר אַ פיינעם אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע.

*   *
*

דעם אַכטן אויגוסט 1935, דריי אַ זייגער פאַרטאָג האָב איך דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל, אַז מיין טייערע רבקהלע איז געשטאָרבן. אין איילעניש און טומלעניש האָב איך זיך גלייך אָנגעטאָן און אַוועקגעפאָרן אַהין. אין אָפיס האָט מיר אַ פרוי געזאָגט, אַז איר קערפּער

געפינט זיך שוין אונטען אין קעלער. אויף מיין פראַגע צי קען איך גיין אהין,האָט זי מיר מאָדנע אָנגעקוקט און פויל געענטפערט, אַז איך מעג. און איך בין אראָפּ אונטן און האָב דערזען דעם קאַסטן אין וועלכן זי האָט זיך געפונען. עס האָט געברענט עפּעס א קליין פייערל, ס'איז דאָרטן געווען טונקל. איך בין צוגעגאַנגען צו איר קאַסטן, אראָפּגענומען דעם צודעק פון איר פּנים און האָב זיך איבערצייגט, אַז טאַקע זי ליגט אין קאַסטן. איך האָב איר אָ טויטע א קוש געטאָן. דעם לעצטן קוש... דאן האָב איך איר ווידער באדעקט, געווארט ביז עס איז געוואָרן ליכטיק אין גאַס און דאן בין איך אַוועק צו מיין באַליבטסטן פריינט בערטע קלינג צו באַראטן זיך, וואָס זאָל איך איצט טאָן. זי האָט אָפּגערופן די יידישע רעדאקציעס, זיי געלאָזט וויסן וועגן איר טויט און איך בין אַוועק דאָרן טאָון צו אראנזשירן די לויה.

און אָ לאַנגע צייט, לאַנגע יאָרן האָב איך נישט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אַז רבקה איז טויט: פאַר מיר האָט זי געלעבט...

קאַפּיטל 64

מיר ראַטעווען אונדזערע חברים פון היטלערס גיהנום

דאָס דייטשע מערדער פאָלק אונטער דער פירערשאַפט פון גרעסטן סאַדיסט פון דער מענטשלעכער וועלט געשיכטע, אדאָלף היטלער, האָט דערקלערט מלחמה דער גאַנצער וועלט און אין דער ערשטער ריי דעם יידישן פאָלק, וועלכן ער האָט זיך אונטערגענומען אין גאַנצן פאַרניכטן, אויסראָטן. אין די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה האָבן די נאַציס געזיגט אויף אַלע פראָנטן און היטלער האָט פאַרשפּרייט זיין הערשאַפט איבער דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע, איבער צענדליקער לענדער און אומעטום האָט ער זיך צום ערשטן גענומען אויסצוראָטן דאָרט אַלע יידן.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 האָבן היטלערס בלוטדורשטיקע אַרמייען אַנגעפאַלן אויף פּוילן און דאָס האָט ווי אַן אַטאָם באָמבע אונדז, אמעריקאַנער יידן, געטראָפן. פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג זענען מיר דאַן אַרומגעגאַנגען אַן קעפּ. גאָר אַ קליינינקייט — אין פּוילן האָבן זיך געפונען דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, די באַוווסטזיניקסטע, די אינטעליגענטסטע, די יידישסטע, די בעסטע יידן, וואָס מיר פאַרמאָגן. אויסער דעם זענען זיי אונדז געווען די נאָענטסטע, ווייל ווער פון אונדז האָט נישט קיין קרובים, פריינט, חברים, נאָענטע אין פּוילן? מיר זענען אומגעגאַנגען דאַן צעווייטאָקטע, פאַרווונדעטע, פאַרצווייפלטע. אונדזער הילפסלאָזיקייט האָט אונדז דאַן צו דער העכסטער פאַרצווייפלונג געבראַכט.

און דאַן האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין חבר פּאָול גאָלדמאַן, דעם גענעראַל סעקרעטאַר פון די לינקע פועלי ציון, איך זאָל קומען צו אים אין אָפיס. איך האָב שוין פאַר אַ לענגערער צייט קיין אָנטייל נישט גענומען אין פּאַרטיי אָנגעלעגנהייטן. איך פלעג בלויז פון צייט צו צייט קומען צו די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען רופט מיך וועגן אַ וויכטיקער אָנגעלעגנהייט. און איך בין צו דער באַשטימטער צייט געקומען. און ווי גרויס עס איז געווען מיין פרייד, ווען ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט מיך גערופן, כדי איך זאָל צושטיין צו דער רעטונגס אַרבעט פון אונדזערע חברים פון פּוילן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז דער פּרעזידענט רוזוועלט איז וויליק צו געבן אַ גרעסערע צאָל וויזעס פאַר פאַרשטייער פון

די יידישע פּאַרטייען, יידישע אינטעליגענץ, יידישע אָנגעזעענע טוער, וועל־כע וועלן קענען קומען אין אַמעריקע אַלס זיינע געסט. די וויזעס וועלן קע־נען קריגן די אָנגעזעענסטע יידישע געזעלשאַפטן און צווישן זיי אויך דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט. און מיטן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט זענען מיר געווען פאַרבונדן פון זיין גרינדונג אָן. חבר בצלאל שערמאַן פלעגט אַרומפאָרן איבערן לאַנד אין די אינטערעסן פון קאָמיטעט, חבר פּאָול גאָלד־מאַן איז געווען אונדזער פאַרשטייער אין אָפיס קאָמיטעט און אַנדערע חברים זענען געווען אין דער עקזעקוטיווע און דאָ מוז איך קאָנסטאַטירן, אַז מאַטעריעל האָט אונדז דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט זייער שטאַרק אַרויסגעהאָלפן און ער איז אַלעמאָל געווען גרייט אונדז געבן וויפל מיר דאַרפן כדי אַרויסצוראַטעווען אונדזערע חברים פון אייראָפּעישן גיהנום.

מיט גרויס פרייד האָב איך גענומען אויף זיך די פאַרגעשלאָגענע אַר־בעט. צום אַלעם ערשטן האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַן „עמוירדזשענסי פּאָליטישן פאַנד פאַר די לינקע פועלי ציון פליכטלינגע פון פּוילן", צוצי־ענדיק צו דער אַרבעט אויסער אונדזערע חברים אויך א. גלאַנץ, ל. דענאַן, דר' זשיטלאָווסקי, דר' ר. מאַלער, ר. קענדזשערסקי, ה. ראָזענפעלד, מ. שטאַרקמאַן און אַנדערע. אַלס טרעזשורער האָבן מיר באַשטימט אונדזער חבר פּ. גאָלדמאַן. שווער אין יענער בהלה איז אונדז אָנגעקומען זיך פאַר־בינדן מיט אונדזערע פּוילישע חברים, כדי אויסצוגעפינען ווער פון זיי האָט פאַרלאָזן פּוילן, ווער פון זיי וויל פאָרן אין אַמעריקע אָדער ארץ יש־ראל. אויך האָבן מיר פאַר די וויזעס געמוזט אויסגעפינען איינצלהייטן וועגן די חברים, וואָס ווילן פאָרן אין אַמעריקע. מיר האָבן געשריבן אין ארץ ישראל וועגן דער גרינדונג פון אונדזער רעטונגס קאָמיטעט. דאָן האָט זיך אונדזער חבר עדלמאַן פון ארץ ישראל שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אונ־דזער אַרבעט און ער האָט גלייך געלאָזט וויסן אונדזערע אַנטלאָפענע חב־רים פון פּוילן, וואָס האָבן זיך דאָן געפונען אין ווילנע, אַז זיי זאָלן זיך פאַר־בינדן מיט אונדז און אונדז געלאָזט וויסן, אַז מיר זאָלן זיך פאַרבינדן מיט די חברים אין ווילנע, צושיקנדיק אונדז זייער אדרעס. שווער איז אונדז אָנגעקומען האַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט זיי און אויסגעפינען די אַלע איינצלהייטן, ווייל זיי האָבן אָפט געביטן זייערע וווין פּלעצער. עס האָט גע־נומען אַ האַלב יאָר, ביז מיר האָבן זיי געקענט באַזאָרגן מיט געלט און ווי־זעס. אפילו שיקן זיי געלט איז אויך אָנגעקומען אויסערגעוויינלעך שווער, ווייל ערשטנס האָבן די פּאָסט אָפיסעס נישט נאָר געלט אפילו פשוטע בריוו פאַר יענע געגנטן נישט אָנגענומען, קיין שיפן זענען אַהין נישט געגאַנגען, האָבן מיר געמוזט מאַכן טראַנזאַקציעס דורך פּריוואַטע פּערזאָנען, שיקן דורך פאַרשידענע וועגן און צו פאַרשידענע פּערזאָנען, וועלכע האָבן געהאַט

געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט אַמעריקע. דערווייל ביז זייער קומען אהער האָבן מיר זיי, אונדזערע חברים פון פּוילן, געמוזט אויסהאַלטן אין ווילנע, אין קאָוונע, בריסק אומעטום, וווהין זייער שרעקלעכע לאַגע האָט זיי געטריבן. און דאָ האָבן מיר געקראָגן אַלאַרמירנדיקע בריוו פון בעלגיע און פראַנקרייך, וווהין די בלוטדורשטיקע הינט האָבן זיך אַריינגעריסן, האָבן מיר געמוזט אונדזער אַדבעט פאַרברייטערן, פאַרגרעסערן. מיר האָבן זיך פאַרבונדן אויך מיט אונדזערע חברים פון די לענדער. חבר גאָלדמאַן האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער רעטונגס אַרבעט. ער האָט פשוט נישט גערוט, ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגענע פּראַקטיק, אבי אַרויסראַטעווען וואָס מער חברים, אבי זיי זאָלן קריגן די געלט, די וויזעס און אַלץ אין וואָס זיי נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק. און ער האָט זיינס אויסגעפירט. אָט קריגן מיר בריוו פון ווילנע און אָט פון מאָסקווע, אין אַ צייט שפּעטער אַזש פון וולאַדיוואָסטאָק און אָט צו אונדזער גרויסער פרייד קריגן מיר שוין בריוו פון קאָבע, יאַפּאַן. אויך פון מערב אייראָפּע קריגן מיר בריוו, אַז זיי האָבן שוין די וויזעס און קלייבן זיך אין וועג צו אונדזערע אַמעריקאַנער ברעגן.

אין יענער צייט בין איך אַריין ווידער אין צ"ק אין עקזעקוטיוו פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט און אין אדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון געווערקשאַפטן קאמפּיין און מיר האָבן אָנגעהויבן וואַרטן אויף אונדזערע אָנפירנדע חברים פון פּוילן, בעלגיע, פראַנקרייך. וואַרטן מיט אַזאַ אומגעדולד, אַז יעדע שעה האָט זיך ווי וואָכן געצויגן, יעדער טאָג ווי יאָרן.

און די מזלדיקע שעה איז געקומען. מיר האָבן געקראָגן צו וויסן, אַז די ערשטע פאַרטיע חברים קומט אָן אין סאן פראַנציסקאָ דעם און דעם טאָג. און אָט האָבן מיר דערהאַלטן א טעלעגראַמע פון זיי, אַז זיי זענען שוין אויפן אַמעריקאַנעם באָדן און אין אייניקע טעג שפּעטער, אַז זיי זענען אָנגעקומען אין שיקאַגאָ און אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען אין ניו יאָרק, וואַרטן מיר שוין אויף זיי אויפן דעפּאָ. און אָט קומט אָן די באַן. דאָס האַרץ פון פרייד שפּרינגט און טאַנצט. עס קומען אָן נייע אמעריקאַנער חברים זיי באַגעגענען. מיר קענען קיינעם נישט פון די פּוילישע חברים, אָבער אינסטינקטיוו האָבן מיר זיי גלייך דערקענט. מיר קושן זיך, מען האַלדזט זיך, מען נעמט ביי זיי צו זייערע הענט פּעקלעך, מען נעמט אַרויס זייער באַגאַזש און דערווייל ווינטשן מיר זיי אַז דאָס אַריינקומען אין לאַנד זאָל זיין מיט דער רעכטער פוס, געבענטשט זאָלן זיי זיין אויף אונדזער נייעם קאָנטינענט און מיט אָפענע ברידערלעכע אָרעמס האָבן מיר זיי אויפגענומען און אַלע אַמעריקאַנער חברים האָבן אַ גרויסן יום טוב געהאַט און מיט גרויסאַרטיקן באַנקעט האָבן מיר דעם יום טוב געפייערט.

און אַזעלכע פרייליכע ימים טובים האָבן מיר געהאַט אייניקע מיטן אָנ־קומען פון נאָך חברים פון פוילן, פון בעלגיע, פראַנקרייך. נאָר איינס האָבן מיר אַלע באַדויערט, וואָס מיר האָבן נישט געראַטעוועט מער חברים און וואָס אייניקע חברים, פאַר וועלכע מיר האָבן אויך געאַרבעט, אז זיי זאָלן קריגן וויזעס און געלט זענען נישט געקומען, ווער עס האָט געוואָרט ער־געץ אויף זיין פרוי, צי אויף אַ קינד, ווער ס'האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם יאָמער טאָל, ווייל אין געפּאַר האָט ער פילט, טאָר ער נישט פאַרלאָזן זיינע חברים אַרבעטער און אויב שטאַרבן איז צוזאַמען מיט זיי אַלעמען... דערפאַר זענען מיר געווען גליקלעך, וואָס אייניקע פון זיי זענען אויף אונ־דזערע געלטער אַוועקגעפאָרן אין ארץ ישראל.

און ווייל זיי זענען מיר נאָענט צום האַרצן און אויך ווייל איך האָב גע־נומען אַן אָנטייל אין דער אַרבעט צו ראַטעווען זיי און אַריבערברענגען זיי אַהער וויל איך אויסרעכענען אַלע אונדזערע געסט.

פון פוילן: בראַנד, מיט זיין פרוי און קינד, גאָטליב מיט זיין פרוי, ציט־רינאָווסקי מיט זיין זון, די פרוי איז געבליבן אין פוילן, סטאָלאַרסקי, זיין פרוי און זון זענען פאַרבליבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און זענען אָנגע־קומען ערשט נאָך דער מלחמה, קרייקערמאַן, יעקב קענער—ווייסבאָרד.

פון פראַנקרייך: ניימאַן מיט זיין פרוי, קיוואַיקאַ מיט זיין פרוי, קאַנער מיט זיין פרוי, יאַקובאָוויטש מיט זיין פרוי, פענטשינא מיט זיין פרוי און קינד, פרידלאַנד.

פון בעלגיע: טיבערג מיט זיין פרוי און קינד און האָכבערג מיט זיין פרוי.

אי גיכן האָבן זיי זיך אַלע איינגעאָרדנט. היינט זענען זיי אַלע אַרבעטער און פאַרדינען נישט שלעכט און זיי געפינען זיך אַלע, אויסער די חברים האָכבערג, אין ניו־יאָרק. זענען גוטע פאַרטיי־טוער און איבער־געגעבענע חברים. האָבן זיך אַלע צוגעפּאַסט צום היגן אַמעריקאַנער לעבנס שטייגער און זיי האָבן געמאַכט אַמעריקע פאַר זייער היימלאַנד און קיינער פון זיי האָט נישט אין זין אומקערן זיך צוריק אין אייראָפּע. זיי נעמען אַ וויכטיקן אָנטייל אין די אַרבעט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, געווערק־שאַפטן קאָמיטעט, אין זייערע לאַנדסמאַנשאַפטן אָרגאַניזאַציעס און אין פאַר־שיידענע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. לעצטנס האָבן זיי געגרינדעט אַן אַרבעטער־רינג־ברענטש אויפן נאָמען פון עמנואל רינגלבלום. געקומען זענען זיי פון אייראָפּע שטאַרק דענערווירטע, אָבער וואָס מער זיי געפינען זיך דאָ, אַלץ מער רויקן זיי זיך איין. קומען ביסלעכווייז צו זיך. ס'פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזעלכע טראַגעדיעס, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט איז זייער שווער דער פּראָצעס פון קומען צו זיך און זיך באַרויקן.



געראַטעוועטע חברים פון אייראָפּייאישן גיהנום

קאַפּיטל 65

50 יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

אין 1947 איז געוואָרן פופציק יאָר פון מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין 1897 האָב איך געהאַלטן מיין ערשטן פאָרטראַג אין דער מיר פאַר אַ גרופּע יידן וועגן ציוניזם און דאָס פאַררעכן איך אַלס אָנהויב פון מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. מיט אַ יאָר שפּעטער האָב איך אין דער מיר געגרינדעט די ערשטע יידישע מאָדערנע שול פאַר קינדער. פופציק יאָר — דאָס איז מיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן. און וואָס האָב איך דורכגעלעבט פאַר די פופציק יאָר?

די ערשטע יאָרן פון מיין יוגנט האָב איך געלעבט אין מיין שטעטל כמעט אין דער אַטמאָספער פון מיטלאַלטער. מיר האָבן געלעבט אין אונדזער שטעטל אין אַ פּריוויליקער געטאָ. די יידן, קריסטן און טאַטערן האָבן געהאַט זייערע גאַסן און זייערע דיסטריקטן. די שטעטל איז געווען זייער פרום און די פירער פון יידישן לעבן זיינען געווען די פרומסטע אָדער די מער רייכערע. פון וועלטלעכקייט, אויסער אייניקע, האָט גאָר קיינער נישט געוווסט. עס זענען געווען אייניקע אפּיקורסים, זענען זיי געווען איזאָלירט פון אַלעמען, פון אַלעמען אָפּגעלאָכט און זייער גאַנצע תורה איז געווען אַ נעגאַטיווע. זיי האָבן פּאָזיטיוועס גאָר נישט געגעבן, נישט אין זין פון יידישקייט, נישט אין זין פון אַ נייער קולטור, פּאָליטיק און מאַטעריעלן לעבן. די פרומע יידן האָבן יאָ אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פאַר דער גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, פאַר די נויט פון די אָרעמע לייט, פון קינדער דערציונג, פאַר העלפן קראַנקע, באַזאָרגן די נויטבאַדערפטיקטע אָבער די שטעטל אַליין איז געווען טיף פאַרזונקען אין דעם מיטלאַלטערלעכן שלאָף.

מיטן אַנטשטייונג פון דער חבת ציון באַוועגונג האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף די בעסערע יידן פון שטעטל. ס'איז געשאַפן געוואָרן ביי אונדז אין שטעטל אַ קרייז פון חובבי־ציון, וועלכער האָט אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע און דאָס האָט מער און מער געוועקט די אינטעליגענטערע, מער דענקענדיקע יידן און האָט זיי גערופן צו יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אָבער די חובבי־ציון־באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט זייער אַ קליינע צאָל פון דער מירער יידישער באַפעלקערונג. די גרעסטע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן האָט דורכגעפירט מיט 15 יאָר שפּעטער דער ציוניזם, וועלכער האָט געריסן שטיקערווייז פון אונדזער פאַרשימלטן לעבן, געגעבן די ברייטע מאַסן אַ באַגריף פון דעם, ווי מיאוס און שענדלעך ס'איז אונדזער גלות־לעבן, געגעבן זיי אַן אידעאַל פון אַ פרייען יידישן זעלבסטשטענדיקן לעבן אין אונדזער לאַנד ארץ־ישראל. דאָס האָט געהויבן דעם פאָלק אין זיינע אייגענע אויגן, דאָס האָט אים געגעבן שטאָלץ און מוט, און דאָס האָט אים געגעבן אַן אידעאַל פאַר אַ שענערן און בעסערן לעבן אַלס זעלבסטשטענדיק פאָלק און ניט זיין שטענדיק אָנגעוויזן אויף די אויסנאַם געזעצן פון די פאַרשיידנסטע לענדער, ווו מיר זיינען געווען צעזייט און צעשפּרייט. אמת איינציטיק מיטן אנטשטיין פון דעם ציוניזם איז אַנטשטאַנען אויך דער בונדיזם (און ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער דערוואַכונג פון די גרויסע מאַסן פון פאָלק). נאָר אַן דעם ציוניזם וואָלט קיין בונדיזם נישט אויפגעקומען, און צווייטנס, נישט קוקנדיק אויף זיינע גרויסע קאַמפן האָט ער נישט געקענט קיין פּאָזיטיוועס דויערנדעס ברענגען פאַר די יידישע מאַסן, ווייל די ערשטע צייט איז ער געווען אין גאַנצן קאָסמאָפּאָליטיש, האָט נישט פאַרמאָגט קיין ספּעציפיש יידישע פּראָגראַם אַפילו דאַן ווען דער בונד האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, איז ער ווייטער נישט דערגאַנגען ווי צום קאַמף פאַר דער יידישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. ער האָט שטענדיק אָנגעפירט אַ שענדלעכן קאַמף קעגן ציוניזם נישט פאַרשטייענדיק און נישט וועלנדיק פאַרשטיין, אַז ער מוז זיך אָפּגעבן מיט פראַגן פון יידישן קיום מיטן יידישן המשך, אַז אין גרונד גענומען האָט ער געדאַרפט, אַלס דער פאַרשטייער פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, אויפנעמען די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע פּאָזיטיוו און ווערן דער טרעגער פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם. אָן דעם ציוניזם וואָלטן קיין אַנדערע יידישפּראָלעטאַרישע פאַרטייען, ווי די פּועלי־ציון און די ס. ס., נישט אַנטשטאַנען.

איך בין געשטאַנען ביי דעם אויפקום פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אמת, אומגעהויערע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט האָבן מיר דערוואָרבן מיט אונדזער אַלטער העברעישער ליטעראַטור. אָבער אין אונדזער קולטורעלער דערוואַכונג האָט זי שוין נישט געקענט פאַרנעמען איר ראָל, ווייל דער מערהייט פון פאָלק, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט דער יידישער סביבה, איז זי געווען אומפאַרשטענדלעך. אויך האָט זי זיך נישט געקענט צופּאַסן צום מאָדערנעם לעבן פון פאָלק. אַנדערע צייטן — אַנדערע לידער. און די אנטשטייענדע נייע יידישע ליטע־

ראַטור און פּרעסע האָט געמוזט זיין אין דער יידישער שפּראַך, אין דער שפּראַך, וואָס איז געווען פאַרשטענדלעך פאַר די ברייטע מאַסן פון אונדזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע. עס האָבן פאַרנומען זייער אָרט אין דער אנט־שטייענדער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע ריזן ווי מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, אברהם רייזען, שלום אַש, לייוויק, מאַני לייב, ש. ניגער און הונדער־טער אַנדערע. און הייַנט צו טאָג האָבן מיר זיך מיט אונדזער ליטעראַטור נישט וואָס צו שעמען פאַר די ליטעראַטורן פון אַנדערע אפילו גרויסע פעלקער.

כמעט אין אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע און אין די אַמעריקעס דערשיינען יידישע צייטונגען, וועכנטלעכע אויסגאַבעס און חודש־זשורנאַלן. איך בין געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון די יידישע קינדער־שולן, וועלכע האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. עס זענען געגרינדעט געוואָרן אויסער די אָנפאַנגס־שולן אויך מיטלשולן, העכערע קורסן, לערער־סעמינאַרן. עס זענען דערשינען לערנביכער פאַר די קינדער און אויך קינדער־זשורנאַלן. אין דער אַרבעט זענען אַריינגעצויגן געוואָרן טויזנטער פאַרוואַלטערס, שרייבערס, לערערס. ס'פלעגן דערשיינען פּעדאַ־גאָגישע זשורנאַלן. אין ווילנע איז געגרינדעט געוואָרן דער יידישער וויסנ־שאַפטלעכער אינסטיטוט, וועלכער האָט צוגעצויגן צו זיך די אינטעלי־גענטסטע יידן־וויסנשאַפטלער פון דער וועלט און די בעסטע יידישע היס־טאָריקער פון אונדזער צייט.

פּאַראַלעל מיט דעם האָבן די ציוניסטישע טוער פאַרשפּרייט העברעיס־טישע שולן, אַרויסגעגעבן העברעישע צייטשריפטן, געשטיצט די העברעישע ליטעראַטור, און אין ארץ־ישראל איז געשאַפן געוואָרן אין אַ גרויסן פאַר־נעם העכסט וויכטיקע העברעישע קולטורעלע אינסטיטוציעס מיטן אוני־ווערזיטעט אין ירושלים. און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט ליבע, מיט אַ ברען און מיט גרויסע קרבנות פון די אָנטיילנעמער אין דער יידישער גרויסער דערוואַכונג. עס איז פאָרגעקומען די גרעסטע רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן.

איך האָב דורכגעלעבט די פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע; איך האָב געזען דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס שטאַרקט זיך פון יאָר צו יאָר. איך האָב דורכגעמאַכט די יידישע עמיגראַציע פון די לענדער, וווּ יידן ווינען אין אומבאַשרייבלעכער נויט און פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט מיט די אָמאָליקע פּליטים אויפן וועג און אין די לענדער, וווהין זיי זענען אַריינ־געקומען, און דאָרט האָבן זיי געדאַרפט אָנהויבן אַ נייעם לעבן ביי עבודת פּרך און אוממענטשלעכע באַדינגונגען און אין אַנדערע לענדער האָט מען

גאַר פאַרוועַרט זיי, אַלס אימיגראַנטן, צו אַרבעטן, כאָטש נעם און שטאַרב פון הונגער.

איך האָב בייגעלעבט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע און דערנאָך די צווייטע. זיי בײדע האָבן ווינציק וואָס אונדז, אַלס יידן, געהאָלפן פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל. דערפאַר האָבן זיי א סך געהאָלפן די יידן אין זייער אַסימילאַציע פּראָצעס.

און מיט וואָס פאַרא ריזיקע טריט עס איז צווישן די צוויי וועלט מלחמות געגאַנגען דער אַסימילאַציע פּראָצעס פון יידן איבער גאַנץ אייראָפּע און אין די אַמעריקעס. אין רוסלאַנד לייענט און רעדט די גאַנצע יידישע יוגנט נאָר אין רוסיש, ס'זענען דאָרט כמעט אין גאַנצן לאַנד נישטאָ קיין יידישע קינדער שולן, אויסער קאָוונע, ווילנע און בירא בידזשאַן. זיי האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעריסן פון יידישן פאָלק. קלענערע אסימילאציע פּראָצעסן זע־נען פאָרגעקומען אין פוילן, רומעניע, אונגאַרן, ענלעך צו ראַטן פאַרבאנד איז אין ענגלאנד, פראַנקרייך. און ביי אונדז אין אַמעריקע רעדט נישט דער גאַנצער יונגער דור קיין יידיש. לייענט נישט קיין יידיש, 80 פּראָצ' פון דער יוגנט אין אַמעריקע קריגן נישט קיין יידישע דערציונג. אין דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט איז אַ שאַנדע צו רעדן יידיש, צו לייע־נען אַ יידישע צייטונג. אומעטום ווערט גערעדט אין ענגליש און אונדזערע נאָענטסטע מאַטערן זיך צו רעדן אין דער שפּראַך, כאָטש זיי קענען זיך נישט אויסדריקן אין דער שפּראַך ווי עס באַדאַרף צו זיין און אויף יידיש רעדן זיי אַזוי בילדלעך, אַזוי האַרציק און אַזוי גרינג...

נישט מער ווי אין איין לאַנד קומט דער פּראָצעס נישט פאָר. די יידן אַסימילירן זיך נישט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג און זעצן פאָר געזונט און נאָרמאַל זייער יידיש געזונטן לעבן און פירן נאָך אַן אַ נאַציאָ־נאַליזירונגס פּראָצעס כמעט אין אַלע לענדער, ווו עס לעבן נאָך יידישע מאַסן און ווירקן שטאַרק נאַציאָנאַל אויף באַשטימטע שיכטן פון יידישן פאָלק אין די לענדער פון גלות.

איך האָב דורכגעלעבט די צווייטע וועלט מלחמה, ווו יידן פון די פאַר־שידנסטע לענדער פון די אַליאירטע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע זין, זיי זאָלן קעמפן קעגן היטלערן, די נאַציס און פאַשיסטן, ווען דער ארץ ישראלדיקער ישוב האָט געשאַפן די ארץ ישראלדיקע בריגאַדע, וועלכע האָט אַזוי בראַוו געקעמפט קעגן די גרעסטע מערדער פון דער מענטשהייט די פאַרשאָלטענע נאַציס, ווען מעגלעך אָן דער יידישער הילף וואָלט ענגלאַנד נישט געקענט פאַרטרייבן ראָמעלן פון נאָענטן מזרח און אַזוי ארום גע־ראַטעוועט ארץ ישראל פון פאַרניכטונג. איך האָב דורכגעלעבט די

שרעקלעכסטע צייט ווען היטלער מיט דער הילף פון די אוקראַינער, ליטווינער, לאַטישן, פּאָלאַקן, אונגאַרן, רומענער, ווייסרוסן און טיילווייז כמעט פון אַלע אַנדערע קריסטלעכע פעלקער פון אייראָפּע האָבן טאָג און נאַכט אין פאַרלויף פון יאָרן פאַרברענט, פאַרגאַזט, דערשאָסן גאַנצע זעקס מיליאָן פון מיין פאָלק, אַ דריטל פון מיין פאָלק. און לאָזט מיר אייך זאָגן — דעם בעסטן דריטל פון מיין פאָלק. דעם מער נאַציאָנאַלן, דעם אינטעליגענטסטן, דעם טרייסטן, דעם יידישסטן. א סך, גאָר א סך פון זיי וואָלטן זיך געקענט ראַטעווען אין ארץ ישראל, נאָר די פאַרשאָלטענע, פּיראַטישע ענגלאַנד האָט מיט טויזנט שלעסער פאַרשלאָסן דעם אַריינגאַנג און פאַר קיין פאַל נישט דערלאָזן, אירע טרייסטע מיטקעמפער, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטערן צייכן פון טויט, ראַטעווען זיך, אריינרייסנדיק זיך אין דאָס צוגעזאָגטע פאַר יידן — ארץ ישראל און מיט דעם האָט זי געהאָלפן היטלערן אין זיין פאַרניכטונג פון מיין פאָלק. און ווען די לייבאָר רעגירונג איז געקומען צו מאַכט, די אַרבעטער רעגירונג וועמעס פּאַרטיי האָט געהאַט סימפּאַטיע מיט אונדזער שטרעבונג נאָך לאַנד און פרייהייט און האָט אייך אירע צוזאַמענפאָרן אָנגענומען רעזאָלוציעס אין איינקלאַנג מיט אונדזערע יידישע אַספּיראַציעס, האָט, גלייך ווי זי איז געקומען צו מאַכט, אונדז אויפן שענדלעכסטן אופן פאַרראַטן, נישט דערלויבנדיק די יידישע מאַסן אפילו פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן אַריינקומען אין ארץ ישראל. די לייבאָר רעגירונג האָט אויפן שענדלעכסטן אופן איינגעפירט אין לאַנד אַ מיליטער צושטאַנד און אַבסאָלוטע געזעצלאָזיקייט. יעדער איינער פון די ארץ ישראל איינוווינער איז אונטערן בייטש און געווער פון די ענגלישע סאָלדאַטן, וועלכע טעראָריזירן די ארץ ישראלדיקע באַפעלקערונג, איינפירנדיק מאַסן שטראָף פאַר די טאַטן פון איינצלנע, רינגלען אַרום מיט סאָלדאַטן גאַנצע שטעט, שטעטלעך, דערפער און קאָלאָניעס און האַלטן זיי אונטער א היימישן אַרעסט. די סאָלדאַטן ראַבעווען, שלאָגן אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער און אַרעסטירן יעדן איינעם, וואָס וואַגט צו פּראָטעסטירן קעגן זיי, אַרעסטירן יידישע פירער, פאָרזיצערס פון שטאָט פאַרוואַלטונגען, מיטגלידער פון דער אַגענץ אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען. און אַך און וויי איז צו די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט היטלערס הערשאַפט און מאָרד עפּאָכע, וועלכע געפינען זיך אַפילו נאָך דער מלחמה, אין די ערגסטע באַדינגונגען אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואָס וואַגן צושווימען צו די ברעגן פון דאָס צוגעזאָגטע פאַר יידן לאַנד. גלייך ווערן זיי אַרומגערינגלט מיט דעסטראָיערס און באַוואָפנטע בריטישע סאָלדאַטן קומען אַרויף אויף דער יידישער שיף מיט די אומגליקלעכע אימיגראַנטן און מיט וואַסער קישקעס, מיט גאַז

באַמבעס און מיט ביקסן צווינגען זיי די היימלאָזע צו פאַרלאָזן די שיף און צווינגען זיי אַרויף אויף קרייצערס, וועלכע פירן זיי אַוועק צוריק אין קאָנצענטראַציע לאַגערן אויפן אינדזל ציפערן. און דער שענדלעכסטער אקט פון דער אַרבעטער רעגירונג איז געווען פשוט א פיראַטישער. פון פראַנקרייך איז אָפּגעגאַנגען די שיף „עקזאָדוס 1947" מיט 4554 פּליטים אין דער ריכטונג צו חיפה. פינף ענגלישע דעסטראָיערס האָבן נאָכגעפאָלגט די שיף פון פראַנקרייך אָן, ארום צוואַנציק מייל פון די טעריטאָריעלע וואַסערן פון ארץ ישראל האָבן זיי אַריינגעקראָכט אין דער שיף. און דאַן האָבן 15 שטאַרק באַוואָפנטע ענגלישע מאַטראָזן ארויפגעכאַפּט זיך אויף דער שיף און פאַרכאַפּט דאָס ראַד צימער. אויף דער שיף האָט זיך נישט געפונען קיין שום וואָפן און ווען וויליאם בערנשטיין, דער ערשטער געהילף פון דער יידישער שיף האָט געפּרוווט צוריק קריגן דעם קאָנטראָל איבער דעם ראָד צימער האָבן אים די ענגלענדער דערהרגעט. צוויי פּליטים האָבן די ענגלענדער דערשאָסן מיט אַמעריקאַנער אַרמיי פּיסטאָלעטן און דריי זענען דערהרגעט געוואָרן מיט מאַשין ביקסן. און די „בראַווע ענגלענדער" האָבן געזיגט און די פיראַטן האָבן אַלע פון שיף אראָפּגענומען און זיי אריינגעזעצט אין דריי דעסטראָיערס — געפענגעניש שיפן און זיי אַוועקגעפירט צוריק אין פראַנקרייך. און ווען די פּליטים האָבן זיך אַנטזאָגט אראָפּצושטייגן, האָבן זיי די ענגלענדער אַוועקגעפירט צום גרויסן יידישן בית עולם: צו די קאָנצענטראַציע לאַגערן אין דייטשלאַנד, און מיט די שענדלעכסטע מיטלען זיי געצוווּנגען אראָפּ פון די שיפן. אַזאַ פיראַטן אַקט האָט דורכגעפירט די ענגלישע אַרבעטער רעגירונג...

אין די לאַגערן געפינען זיך איצט אַרום א פערטל מיליאָן יידישע אַרעסטאַנטן, דורך נסים געראַטעוועטע פון היטלערס ברען אויוונס, גאַז אויוונס און אַלגעמיינער פאַרניכטונג. זייערע משפחות זענען אויסגעהרגעט געוואָרן. זיי זענען אַלע איינזאַם, אָן די נאָעטסטע, אָן קרובים, אָן פריינט. זיי אַלע רייסן זיך קיין ארץ ישראל — איינמאָל פאַר אַלע מאָל געפינען פאַר זיך אַ היים, א היימישע סביבה, ווי עס איז זיך איינאָרדענען, דערפילן אין זיך דעם יידן, דעם מענטשן, זיין אַ נוצלעכער עלעמענט אין דער בויונג פון „ארץ" שטייען פאַר זיי אין וועג די דראַקאָנישע אויסנאַם געזעצן פון ענגלאַנד און זיי קענען זייער טרוים נישט פאַרווירקלעכן. אמת איז, אז ווען איך שרייב די שורות, קומען פאַר די זיצונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועלכע דאַרפן אויסהערן די צוויי באַריכטן פון איר קאָמיסיע, וואָס האָט שטודירט די ארץ ישראל פראַגע און געבראַכט זייערע פאָרשלאַגן פון צעטיילן דאָס לאַנד צווישן די יידן און די אַראַבער, וועגן אריינבערענגען פון

די לאגערן 150 טויזנט יידן, אָבער איך צווייפל זייער שטאַרק, צי מיר קענען פון דער אסעמבלי איצט דערוואַרטן די ישועה פארן יידישן פאָלק אין בעסטן פאַל וועלן זיי דאָס פאַרציען אויך נאָך אַ לענגערער צייט...

און דאָך גלויב איך אַלץ, אַז נישט קוקנדיק אויף די דראַקאָנישע ענגלי־שע געזעצן, נישט קוקנדיק אויף די אַלע שטערונגען, וועלן אונדזערע שונ־אים זייערס נישט אויספירן און אז מיר יידן וועלן זיגן, ווייל עס איז ניש־טאָ די קראַפט וואָס זאָל קענען אָפּהאלטן אונדזער דראַנג פון „גיין" קיין ארץ ישראל, עס איז נישטאָ די מאַכט, וואָס זאָל אונדז צווינגען אויפגעבן אונדזער אידעאַל פון א זעלבסטשטענדיקער פרייער יידישער אנטוויקלונג אין אונדזער היסטאָריש לאַנד און איצט שוין מערקט זיך, אַז די בעווין פּאָליטיק האָט געפּלאַצט און ענגלאנד וועט געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דעם נאָענטן מזרח צוזאַמען מיט ארץ ישראל. איך האָף נאָך צו דערלעבן די צייט, ווען אין ארץ ישראל וועט געגרינדעט ווערן א יידישע מלוכה אויף די פּרינציפּן פון אמת, יושר און שיינקייט — אַ פרייהייטלעך סאָציאַליס־טישע ארץ ישראל.

מיר פאָרן אַריין אין אַפריקע	זייט 236
מאַסאַוואַ	" 240
איבערן רויטן ים	" 246
דאָס שטעטעלע סועץ	" 250
פּאָרט סאַיד	" 254
על קאַנטאַראַ	" 260
איבערן מדבר קיין ארץ ישראל	" 264
פון רחובות ביז תל אביב	" 270
תל אביב	" 275
איך ווער אַ שומר	" 283
מיר גרינדן די לינקע פועלי־ציון פּאַרטיי אין א״י	" 288
מיין ערשטער וויזיט אין ירושלים	" 298
ביי דער הייליקער וואַנט	" 310
די מאָדערנע שטאָט ירושלים	" 216
די שומרונים	" 323
איבערן מיטללענדישן ים	" 335
אַלעקסאַנדריע	" 337
פון מצרים קיין איטאַליע	" 341
נעאַפּאָל	" 345
אין דעם אויסגעגראָבענעם פּאָמפּיי	" 349
אין דער שטאָט אַלזשיר	" 354
אויפן אינדזל פון טרערן	" 360
די ערשטע צייט אין ניו יאָרק	" 373
טשאַטאַנוגאַ	" 385
אין ניו בראָנזוויק, סטעלמאַן און ניו יאָרק	" 394
דער קאמף צווישן רעכטע און לינקע אין די אַרבעטער רינג שולן	" 403
די ערשטע באָראָכאָוו שול	" 408
איבער קאַנאַדאַ	" 415
רבקהס בוך קינדער לידער „טייבעלע"	" 418
מיין בוך „עטיאָפּיע און די יידן אין אָריענט"	"422
מיין פרוי רבקה גאַלין	" 426
מיר ראַטעווען אונדזערע חברים פון היטלערס גהינום	" 433
50 יאָר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט	" 439

אינהאַלט

איבער דעם שטילן אָקעאַן	זייט	7
יאָקאָהאַמאַ	"	17
די ערשטע טעג אין יאָקאָהאַמאַ	"	25
אין יאַפּאַן	"	30
די אַרבעטער באַוועגונג אין יאַפּאַן	"	36
איך פאַרלאָז יאַפּאַן און פאָר דורך קאָרייע	"	43
די ערשטע וואָכן אין כאַרבין	"	52
די נישט יידישע כאַרבין	"	58
די כינעזער	"	64
וואָס איך האָב געזען אין כינע	"	70
די שנאה פון די כינעזער צו פרעמדע	"	80
אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע	"	93
אין דער יידישער ליטעראַרישער, מוזיקאַלישער און דראַמאַטישער געזעלשאַפט	"	105
די ווייט מזרחדיקע אינפאָרמאַציע ביוראָ פאַר הילף די יידיש מלחמה ליידנדע	"	110
וולאַדיוואָסטאָק	"	116
אויפן צוזאַמענפאָר פון די פאַלעסטינער קאָמיסיעס אויפן ווייטן מזרח	"	123
איך גרייט זיך ווידער אין וועג	"	128
פון כאַרבין ביז צינדאַאָ	"	134
צינדאַאָ	"	140
די ערשטע טעג אין שאַנכיי	"	146
שאַנכיי	"	153
אין דער כינעזישער שאַנכיי	"	159
פון שאַנכיי אין האָנג קאָנג	"	164
האָנג קאָנג	"	170
אויפן דרום כינעזישן ים	"	178
סינגאַפּור	"	185
איבער דעם אינדישן אָקעאַן	"	194
אויפן אינדזל ציילאָן	"	201
די יידן אין אינדיע	"	210
פון ציילאָן ביז אַדען, תימן	"	220
אַדען	"	225